STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05535

AZOY LEBN MIR

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Arthur Kupferman
There is no future without a past.

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אזוי לעבן מיר

דאָקומענטאַלע נאָוועלן,
פאַרצײכענונגען,
רעפּאָרטאַזש.

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

„סאָוועטיש הײמלאַנד" ◆ מאָסקווע — 1964

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

קינסטלער ג. קראווצאָוו

וויאזוי לעבן די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד? מיט וואָס פאַרנעמען זיי זיך, ווו וווינען זיי, וואָסער סוויווע רינגלט זיי ארום אין די זעכציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט? צי איז נאָך הײַנט פאַרבליבן ערגעץ־ווו אין די געוועזענע גובערניעס פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע א סימען פון דער טכום־וואנט, וואָס האָט אזוי אומזיניק אָפּגעצוימט דאָס באַדנלאָזע ייִדישע שטעטעלע פון דער אַרומיקער וועלט?

ווי גרויס איז דער בײַטראָג פון די סאָוועטישע ייִדן אין דער טיטאַנישער מי פון די פאַרברידערטע פעלקער? צי זײַנען פאַראַן, ווי אַמאָל, ספּעציפישע „ייִדישע פּראָפעסיעס“, צי, פאַרקערט, די ייִדן אין סאָוועטנ־

פאַרבאַנד זײַנען אַרבעטער און קאָלווירטניקעס, געאָלאָגן, געלערנטע,
צעליניקעס, פּילאָטן, אינזשעניערן, טראַקטאָריסטן, שאָפערן, עלעקטרי־
קער, מאַשיניסטן?

אין דער עפּאָכע פון קאָסמאָס און אַטאָם, אין לאַנד, וואָס בויט דעם
קאָמוניזם, האָט פאַר די לעצטע פּאָר יאָרצענדליקער זיך באַוויזן ניט ווייניק
נײַס אויך אין דעם לעבן פון די ייִדן, וועלכע טיילן גלײַך אַף גלײַך מיט
אַלע איבעריקע סאָוועטישע פעלקער סײַ די רעכט, סײַ די פּליכטן פון
בירגער פון אַ נײַער וועלט. אויב אַפילו ריידן בלויז וועגן דעם סאַמע
וויכטיקסטן, איז דאָך קלאָר, אַז די צײַט פון דער אַזױגערופענער פּראָ־
דוקטיוויזאַציע פון די ייִדן פון די טכום־געביטן, ד.ה. די צײַט, ווען דער
„לופטמענטש" האָט געהאַלטן אין ווערן אַ מענטש פון פּראָדוקטיווער
מי, — די דאָזיקע צײַט איז שוין לאַנג אַדורך, און נײַע, גאָר נײַע שטריכן
פונעם פאָלקס־כאַראַקטער, נײַער שטייגער, נײַע פּסיכאָלאָגיע זײַנען
איצט באַשײַמפּערלעך צו זען באַם סאָוועטישן ייִדן — דעם מענטש פון
די זעכציקער יאָרן.

אָט פאַרוואָס עס איז פאַרשטענדלעך דער אינטערעס צו די ווערק פון
דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע דערציילן וועגן דעם,
וויאַזוי עס לעבן און מיִען זיך הײַנט די ייִדן אין די שטעט און זאַוואָדישע
ייִשוּווים, אין די קאָלווירטן און סאָווירטן פון דעם גרויסן סאָוועטישן
לאַנד. אַ טייל פון די דאָזיקע ווערק — קינסטלערישע פאַרצייכענונגען,
רעפּאָרטאַזשן, רײַזע־נאָטיצן, געשאַפענע פאַר די לעצטע יאָרן, — זײַנען
אײַנגעשלאָסן אין דער זאַמלונג „אַזוי לעבן מיר".

פאַרשטייט זיך, ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז די זאַמלונג האָט ניט קיין
ציל אויסצושעפּן די טעמע, וואָס איז אָנגעצייכנט אַף דער הילע. ס'איז
אָבער אויך קיין ספק ניט, אַז די דאָקומענטאַלע ווערק פון קימאַט צוויי
צענדליק סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער וועלן העלפן דעם לייענער צו
באַקומען אַ ריכטיק בילד וועגן דעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן ייִדן.

■ ■ ■

אַלעקסאַנדער גובניצקי

אײגענע מענטשן

סומגאַיִט

איך האָב זיך הײַנטיקס מאָל לאַנג געשלאָגן מיט דער דייע, וועלכן פּאַיעטאָן אײַנצושפּאַנען: פֿליִען מיטן אַעראָפּלאַן, צי זיך אַרײַנזעצן אין עקספּרעס, צי ווידער פֿאָרן מײַסע שאָפֿער אין קאַבינע אָף מײַן „זיל“, — אַליין באַלעבאָס, ווילסטו, שפּאַנסטו זיך גאָר אויס פֿון דער שלייע, פֿאָרסט אַרײַן אין וועלדל און דערפֿילסט זיך אין שאָטן פֿון די סאָסנעס ווי בײַ זיך אין דער היים.

פּונקט אַזוי, אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרוועז, גיי איך אַרײַן אָפּעסן אין אַ נײַער גאָרקיך, וואָס שטייט באַם שליאַך. שפּיגלען, קווייטן, בענקלעך רויטינקע און ווײַסע, קליינע פּאַלמעס אָף די פֿענצטער. זיצנדיק אין אָט דער געמיטלעכקײַט, דערמאָן איך זיך, אַז מײַן רײַזע הייבט זיך ערשט אָן, פֿונדאַנען ביז באַקו איז נאָך גאַנץ ווײַט.

א ווארעמער רעגן באגלייט מיך ארויס. דער הימל גיט אָפ זײַן כויוו פארן טרוקענעם זעכציק דריטן יאָר. די פעלדער גרינען, זיי טרינקען דאָרשטיק.

מיטאמאָל ווערט אזא גאָס, אז, דאכט זיך, אפילע מײַן סאמאָסוואל, וואָס איז געמאכט אפן בארימטן ליכאטשאָוו־זאוואָד, וועט באלד צעווייקט ווערן.

פארמאכט מען פאר דער סאמע נאָז דעם שלאגבוים, נו, איז וואָס? איך האָב דאָך ליב, אז מע גייט מיר איבער מיט פולן: עס שווימט דורך א לאנגער עשעלאָן מיט אָנגעגאָסענע ציסטערנעס, צוויי טעפלאָוואָזן גיבן מיר אָפ דעם געהעריקן סאליוט, ס׳ווערט ווידער שטיל, פייגעלעך זינגען, די פאָרשנעס פון מײַן מאָטאָר האלטן זיי אונטער, ווי די מעשוי־רערים. עס טוט א סקריפע דער שלאגבוימישער „דישעל“, לעשן זיך אויס די סוועטאָפאָרן, און איך פאָר ווײַטער אין מײַן ווײַטן וועג ארײַן.

ניטאָ די מאָסקווער ציפערבלאטן — די זון איז מײַן זייגער. צווישן צוויי זילבערנע כמארעס שמייכלט זי מיר אין פאָנעם ארײַן.

אך, גאָטעניו, איך בין פאָשעט פארליבט אין די בלויע רויכלעך, זיי דעקן צו גאנצע דערפער, ס׳איז גאָרניט קיין טומאן, עפעס א מין פאָר־האנג העגנגט איבער די טיפע באלקעס.

דער אוילעם זעצט שוין קארטאָפליעס, וועלן זיי וואקסן נאָך דעם רעגן, ווי שוואָמען.

אין טיף־רוסישן יִישעוו פאטיעזש שטייט די זון אוף פריִער ווי גע־וויינלעך. זשאבעס האָבן א גאנצע נאכט ניט געלאָזט שלאָפן, קורסקער סאלאָווייען האָבן ניט געשאנעוועט דעם מענטשנס הארץ, און איך פאָר און פאָר: ווען עס דרייען זיך די רעדער, פרייט זיך די נעשאָמע, שטעלן זיך אָפ די רעדער — וועלן ניט העלפן אפילע די סאלאָווייען...

אין ראָסטאָוו גיב איך אָפ דעם „זיל“ און זעץ זיך פאָרן אף באקו מיטן עקספּרעס.

אין איין קופע מיט מיר — דרײַ דאגעסטאנער טשאבאנעס, אָנגעטאָן אין יאָלעמס, צוויי מאָל גרעסערע פון די קעפ. עס שמעקט פון די טשא־באנעס מיט געפּרעגלטע ניס.

די פּליכעוואטע בערג בא גיל־גיל־טשאן זײַנען פארשטעלט מיט א געדיכטן נעפּל. אף דער סטאנציע ליגן נײַע בענזין־פעסער, זייעלקעס, קאָמבײַנען. מע זעט קוים פונדאנען די הויכקײַטן, ווו עס הייבן זיך אָן די סקוואזשינעס, עס קומט אויס, אז פון די בערג רינט נאפט. די נאטור האָט צוגעדעקט די נאפט־קוואלן מיט שטיינער, ווי מע דעקט צו א דייזשקע, דער ראָסל זאָל ניט ארויס.

אין אאול קאָסיעט מען שוין דאָס היי. די זון רײַסט שטיקער פון דער ערד. ביימער וואקסן ווילד־צעשויבערטע, בלעטער — גרויסע, ווי די פּאפּאכעס בא די אײַנוווינער פונעם אאול.

וואָס נעענטער צו באקו, זײַנען געדיכטער די עסטאקאדעס. מאטש־טעס שטייען אין טרוקענעם סטעפּ, ווי אין דער מידבער דאָרשטיקע קעמלען. פּאָמפּעס שאָקלען מיט די מאָרדעס, קאטשען נאפט: יאָ — ניין, ניין — יאָ...

■

דער ערשטער מענטש, וועמען איך האָב באגעגנט אין באקו, דער שטאָט, וואָס בא דער געדיכטער רויטער שקיִע זעט זי אויס, ווי א סאמאָ־וואר אף הייסע קוילן, אין וועלכן עס בולבעט און רײַסט זיך ארופּצו נאפט, — דער ערשטער מענטש, וועמען איך האָב דאָ באגעגנט, איז גע־ווען פּאוועל איסאַיעוויטש קאטשאלין.

פאר ניקאָלײַס צײַטן איז ער געווען א מאסאזשיסט, אן אָפּיציִאנט, א שווייצאר באם זעמסקע נאטשאלניק, אין פרײַע שאָען האָט ער געלאַ־טעט שיך, אָנגעגאָסן שפּיגלען. ער האָט געכאפּט פּעטש פון די זשאנדאר־מען אף מאיאָווקעס. בא די באָלשעוויקעס אָבער איז קאטשאלין טייקעף געוואָרן „קאָמיסאר יוסטיציע“, געשטעלט צו דער וואנט די קאָנטרע, טאָג און נאכט דאָס אויג ניט אראָפּגעלאָזט פון ספּעקוליאנטן, וועלכע האָבן ארויסגעריסן דעם ביסן באם הונגעריקן פאָלק.

ווען צום רעדל זײַנען אף א צײַט געקומען די קאָלטשאקאָווצעס און געדונגענע באָסיאקעס, האָבן זיי געוואָלט אויסהארגענען ביז איין באָל־

שעוויק, איז פּאוועל איסאַיעוויטש אַנטלאָפן פון ריאַזאַן אַזש צו דעם קאַספּי — קאַטשען נאַפט.

דער געוועזענער „קאָמיסאַר יוסטיציע" האָט זיך ניט איין מאָל אונ־טערגעטויוועלט אין דעם קאַספּי, געזוכט, גענישטערט, געלעכערט אים דעם בויך, ביז וואַנען ער האָט בא אים אַרויסגענאַרט דאָס ביסל נאַפט.

הונדערט מאָל האָט ער מיט דער דאָלעטע געגראָבן קרענעצעס, דורכ־געגאַנגען, דאַכט זיך, דעם ערדקויל אַף דורך און דורך, זיך ניט שטאַרק געבייזערט, ווען עס האָט געטראָפן, אַז דאָס בויערן די סקוואַזשינע גייט גאָר ניט אַזוי גלאַט, עס פאַרהאַקט זיך מיטאַמאָל דאָס דאָלעטקעלע פון צוועלף טאָן, — גיי שלעפּ עס אַרויס פון אַזאַ טיפעניש.

נו, אויב פּאַוועל איסאַיעוויטש וועט אָנהייבן דערציילן וואָרט בא וואָרט, וויאַזוי ער האָט איבערגעכיטרעוועט דעם אַלטן קאַספּי און אַרויס־באַקומען פון אים דעם אומופּהערלעכן שטראָם פון נאַפט, וואָס שלאָגט נאָך אַדהײַעם — אויב דאָס אַלץ דערלאַנגען אַף טעלערלעך, וואָלט ער דאָך געדאַרפט זיך אַוועקזעצן אַף אַ טאָג צי צוויי און בלויז ריידן, ריידן, ריידן... און ווײַל צײַט איז ווייניק, וועט ער עפּשער נאָר זאָגן, אַז אָט יענע סקוואַזשינע (ער באַווײַזט זי מיר אַף דער קאַרטע), וואָס געפינט זיך אַפן לינקן ברעג טערעק, איז זײַן לעצט שטיקל אַרבעט און האַלט זי פינף טויזנט מעטער די טיף.

יאָ, דאָס איז טאַקע ניט קיין קליין שטיקל אַרבעט, נאָר אויב זאָגן דעם עמעס, פאַרשטייט פּאַוועל איסאַיעוויטש נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט דער ערדס קאַפּריזן: סע ריגט איר מאַמעש איבער דער באָרד, נאָר צע־שיידן זיך מיט דעם פּעטן ביסן — דאָס ניט, דאָס ביסל נאַפט קומט אָן דעם מענטשן מיט בויך־ווייטעק.

פּאַוועל איסאַיעוויטש גלעט זיך דאָס ציגן־בערדל:

— מע האָט געגנוג צאָרעס, ביז די אויגן דערלעבן צו זען דער ערדס סטעלניק.

אָט בא דעם געברענטן און געבראָטענעם מײַסטער האָט עס מײַן אַל־טער באַקאַנטער ניומע ביידער זיך געלערנט די מעלאָכע, וויאַזוי אַרויס־דערביוען פון די טיפענישן שוואַרץ גאָלד.

— הערט א מייסע, הערט נאָר, הערט! פון דער ערשטער מינוט, ווען מיר שטעלן נאָר אריין אין דער ערד דעם שפיץ פונעם עגבער, — קוועלט אָן ביומע, ווייזנדיק זיינע ווייסע ציין, — שלאָפט שוין קיינער ניט מיטן געוויינלעכן שלאָף. איין אויג דרימלט, דאָס צווייטע קוקט, צי עס דרייט זיך די דאָלעטע... און אויב די מיל מאָלט, מאָטאָרן רודערן, ווערט זיין נאפט — טראקטאָרן וועלן אקערן, אעראָפלאנען פליען, שיפן וועלן שווימען, קאָמביינען — מעלויצען, אווטאָמאָבילן וועלן זשעברעווען בענזין, ווי די פערד האָבער.

ווען מיר בלייבן מיט ביומען אינצווייען, בעט איך אים, ער זאָל מיר דערציילן, ווי עס לעבן די מענטשן אין אזא ווערסנע אף דער וועלט, ווען די ערד האָט זיך אָנגעטאָן אין גרינע גראָזן, דער וואלד — אין בלעטער, פונעם הימל שיינט אזוי ווארעם די זון, א פארע גייט פונעם קאספי, גלייך ער וויל זיך אָפקעלבן.

מיר זעצן זיך אוועק אפן גראָז, פאָלין שמעקט אין דער נאָז אריין, איך קוק אף ביומעס פארשמאָלצעוועט רעקל — איז ער מיר נאָך ליבער, דער באָכער פון וואָלין. ביומעס טאטע האָט מיט קיין נאפט ניט געהאנדלט, געווען איז ער א שניידער אזוי זיך, גאָר ניט פון די פויגלדיקע באלמעלאָכעס: איין פאָלע קירצער, איין ארבל לענגער, א קעשענע ארוף, א קעשענע אראָפ — פארטיק דאָס סוויטקעלע.

נאָר גאָר אנדערש האָט ביומען געלערנט פאוועל איסאיעוויטש קאטשאלין: אף דעם שטול זיך געזעצט, פארגעס ניט אין בענקל, באלמעלאָכעס פאלן ניט פון הימל.

און ווייטער טיינעט ער, קאטשאלין: ער איז שוין אן אָפגעשפילטער בילעט פון דער לאָטעריי... די אלטע איז אינגאנצן בלינד. קומט אים אויס באלעבאטעווען אויך אין שטוב, אייניקלעך דרייען זיך ארום, זין און טעכטער פאָרן אראָפ צום זיידן זיך אָפרוען. קעדיי זיי זאָלן ניט וויסן פון זיינע צאָרעס, שלאָפט ער ווייניקער, גייט אליין אין מארק אריין, קויפט איין גרינס, כוידעש־רעטעכלעך, סמעטענע פארן קליינווארג, פריש פלייש...

יאָ, קאַטשאַלין איז שוין אַלט, נאָר אַרום אים איז אַזוי אַפּצולאָכעס־
דיק יונג דאָס לעבן, אַז ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס ער היט אַזוי זײַן
קישעף־שטעקעלע, דעם עגבער, די זיבן דיזעל־מאָטאָרן, זײַן גאַנצע
האַרעוואַניע, וואָס ער האָט פֿאַר זײַן לעבן אָפּגעטאָן, — און ער גיט עס
איבער דעם יונגוואַרג, ניומען מיט זײַן בריגאַדע.

אַכצן ברייטע רערן ציִען זיך לענגויס די שפּיגל־וואַסערן פֿון דעם
קאַספּי. „וווּהין?“ — פֿרעג איך בײַ ניומע ביידערן. צום סופּערפּאָספּאַט־
קאָמבינאַט ציִען זיי זיך, צום קאַוטשוק־זאַוואָד, וואָס מע רופֿט אים סומ־
גאַיִטער ערשטלינג.

■

באַם אַרײַנפֿאָר אין סומגאַיִט שטייט שוואַרץ אױף ווײַס אָנגעשריבן:
„היט די מינוטן“.

אין האָטעל פֿאַרהאַלט איך זיך ניט, אַ ביסל מער זיץ איך אין דער
גאָרקיך. קאַשטאַנען בלִיִען דאָ הינטערן פֿענצטער, זיי קוקן אומפֿאַרשעמט
אין קיך אַרײַן, כאָטש גיב זיי אַ ביסל געקעכטס.

איך הייב אויף די אויגן פֿונעם טעלער: אױף מײַן וואָרט — דער יאַם
איז דאָ צופֿיל היימיש, עס זעט אויס, ווי די ערד וואָלט אים אַרויסגע־
שלעפּט נאָך פֿון אַ גרעסערן יאַם און ער, אַזאַ גרויסער, ווילער לעוויאָסן,
האָט זיך דאָ צוגעמאָסטעט לעבן דער נײַער שטאָט סומגאַיִט — און
טשעפּעט אים ניט, וועט ער אײַך אויך ניט טשעפּען.

אַ נײַע, יונגע שטאָט. יונגע סקווערן, קלייננוווקסיקע סעדער. ווײַסע
ריינע טראַמוויײַען און טראָליי‌בוסן. שטיל גייען זיי פֿאַרבײַ, ווי טויבן,
באַמאָלטע און פֿאַרפּוצטע, ווי צו אַ גרויסן יאָמטעוו.

באַם זאַוואָד פֿון סינטעטישן קאַוטשוק שטעל איך זיך אָפּ: איך דאַרף
דאָ געפֿינען דעם דאָצענט שימען סאָלאָמאָנאָוויטש שטשעגאָל, דעם אָנפֿי־
רער פֿון דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע פֿונעם זאַוואָד.

שימען איז געבוירן געוואָרן אין סעוואַסטאָפּאָל. צו זעכצן יאָר איז
ער שוין אין דער העלדן־שטאָט אַ סאָלדאַט אין דער קאָמיוגישער אָפּאָל־

טשעניע. דער פֿאָטער זײַנער, סאָלאָמאָן שטשעגאָל, איז לאַנגע יאָרן דער הויפּט־אינזשעניער פֿון די רעמאָנט־װאַרשטאַטן אין סעװאַסטאָפּאָלער פּאָרט.

אין טואַפּסע, דערנאָך אין דער שטאָט פּאָטי, װוּהין מע האָט מיל־כאָמע־צײַט עװאַקויִרט די שיפֿן פֿון סעװאַסטאָפּאָל, האָט סאָלאָמאָן שטשעגאָל אױפֿגעשטעלט ניט אײן צעמאַזיקטן עסמינעץ, אים אומגעקערט אױפֿן שװאַרצן יאַם.

שימען האָט געאַרבעט אױפֿן זאַװאָד אײנײנעם מיטן טאַטן. נאָך דער מילכאָמע האָט ער פֿאַרענדיקט דעם אָדעסער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און שפּעטער אָנגעקומען אין אַספּיראַנטור.

שימען איז זײער מיד, װײַל ערשט האָט זיך פֿאַרענדיקט, אונטער זײַן אָנפֿירונג, די קאָנפֿערענץ פֿון כימיקער, װאָס זײַנען געקומען אין דער יוגנט־שטאָט איבערצונעמען די קונץ, װי־אַזױ צו אַרױסבאַקומען גוטן, װי פֿערװאַק־ספּירט, קאַוטשוק, און איצט אײַלט ער שױן, דער דאָצענט, עפּעס אױף אַ סעמינאַר — לײענען אַ לעקציע. און װײַטער? װײַטער גײט דער יונגער שטשעגאָל אױך ניט אַרום ליידיק. „איך גרײט די דאָקטאָרסקע דיסערטאַציע. ס'איז אַ געפֿיל אַזאַ, פּונקט איך װאָלט װידער געװאָרן אַ לערן־ײִנגל!..“

פֿינף און צװאַנציק אָפּגעדרוקטע אַרבעטן, צװעלף פּאַטענטן אױף דער־פֿינדונגען — אַ גװיר אַ ייִד, אָט דער שימען סאָלאָמאָנאָװיטש, — און ער לױפֿט נאָך קנעלן אין „כײדער“ אַרײַן.

אידע יעװסײעװנע שטשעגאָל, שימענס פֿרױ, יאָשע דעם פּראָװי־זאָרס טאָכטער, איז אױך אױף אָט דעם יוגנט־זאַװאָד. זײ האָבן אײנײנעם פֿאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, אַרבעט זי מיט שימענען אין דער זאַװאָ־דישער לאַבאָראַטאָריע.

אָט האָט איר אײַך — סומגאַיִט!

— יאָ, איר האָט געזען אונדזער דערװיז באַם אַרײַנפֿאָר אין סומ־גאַיִט? „היט די מינוטן“!

שימען געזעגנט זיך אָפּ מיט מיר און װערט פֿאַרשװוּנדן.

סומגאַיִט! אויסגעוואַשן זײַנען דײַנע זאַמד־בערגן, באַלייגט מיט קיזל־שטיינער און אָנגעוואַרעמט פון דער שטאַרקער זון. קאַרגע פּופּצן יאָר שטייט שוין אָט די יוגנט־שטאָט.

פאַרשיידענע קאָלירן באַקומט דער קאַספּי: אָט איז ער גרין פון די באַפּט־פלעקן, און אָט איז ער רויז פון דער זון. אין געדיכטן טומאַן אײַנגעהילט, קימאַט גרוי, ווי דער ראַנד פונעם הימל, שלאָפט אײַן סומגאַיִט.

איך בין אַ גאַסט אין סומגאַיִט. מאָרגן פיר איך אַוועק פונדאַנען מײַן איבערגעפולט מיט גרויסער פרייד וואַרעם האַרץ. סומגאַיִט איז די טײַטש: „קער זיך אום". ווי אין אָרטיקן סייפער־האַזיכּרוינעס שטייט געשריבן, האָט סום — דער יונג געוואָרפן די דאָזיקע מעקוימעס, געלאָפן אין דער וועלט אַרײַן צו געפינען דאָס מאַזל. „סום־גאַיִט, קער זיך אום!" — האָט אים זײַן געליבט מיידל גערופן צוריק. — „סום־גאַיִט!"

אין ראַדיִאָ שפּילט מען אָגינסקיס פּאָלאָנעז, ווי אַ מאַטאָנע דער לעוואָנע, וואָס באַשײַנט די מאַזלדיקע יאַם־שטאָט.

גאַנצפרי בין איך שוין אַף די פיס, איך גיי דאָס לעצטע מאָל דורך די גאַסן פון סומגאַיִט.

מאַשינעס הודען דאָ שוין, עקסקאַוואַטאָרס גראָבן נײַע קאָטלאָוואַנען פאַר פונדאַמענטן. בולדאָזערס רײַסן די האַרבע שטיינערנע ערד, מאַכן טיל־טעל פון כורוועס. נײַע הײַזער ווערן געבוירן אַזוי גיך, ווי אַ פּינטל מיטן אויג.

און אָט איז אַ סאָד באַם יאַם. איילבירטן וואַקסן אין הילצערנע דייזשקעלעך, ווײַל די ערד איז דאָ געזאַלצן. שטייען זיי לענגאויס דער קינדערשער אײַזנבאַן־ליניע, באַ דעם פּיִאָנער־לאַגער פון דער שטאָט. אַזוי געטרײַ אויסגעזעצט, וואַקסן זיי באַגאָסענע מיט זון, באַשאָטענע מיט שוואַרצערד. גענוג עסן און טרינקען איז פאַרגרייט פאַר די שייניקע איילבירטן, וואָס קוקן מיט נײַגער אַפן קליינעם פּאַראָוויקל מיט די וואַגאָנטשיקעס, וועלכע האָבן, מידע פונעם טאָג, אַזויפיל קינדער־פאַרשווינדלעך הײַנט איבערגעטאַסקעט פאַזע דעם ברעג, פאַזע די כוואַליעס.

ניין, אויסטראכטן אזעלכס איז אומעגלעך, די נעשאָמע מוז זינגען, דאָס הארץ קלאפן, די אויגן גלאנצן פון פרייד, ווען איר דערזעט אזא יונג לעבן אין דעם פּארק באם וואסער.

די שטאָט סומגאיִט איז שטענדיק אין ווארטעניש: זי ווארט, מע זאָל איר אונטערווארפן רויע נאפט — וועט זי אים איבערארבעטן אף אירע כימישע זאוואָדן.

איך טראכט אלץ פון אמאָל. כ׳געדענק: א קאנעצל פון א שטיקל קאר־טאָפליע אָדער א קנויט אין בוימל... עס שטייט אוף די מאמע פארטאָג פארקנעטן די באקדייזשע.

— ווי קומט צו דיר, מאָטיע, אזויפיל קינדער?

— ניטאָ קיין גאז...

— נו, א מאָשל־קאפּאָשל... ניטאָ קיין גאז — איז פינצטער.

— יאָ, ליפּע, פינצטער — ווערן געבוירן קינדער...

דאָ, אין דער אזערבייַדזשאנער יוגנט־שטאָט סומגאיִט, איז פאראן אזויפיל שייַן, וויפל שטערן אין הימל, כאָטש נעם זיי, מאמעניו מייַנע, אין דער זיפּ אריַין, ווי אויסגעלופּעטע הינדעלעך...

ווידער אין באקו!

זונטיק, קוים דערלעבט דעם זיבעטן טאָג פון דער וואָך, אויסגע־שפּאנט זיך פון דער האוועניש, געקויפט א פרישע צייַטונג „באקינסקי ראבאָטשי“, הייב איך אָן אריַינקוקן אין די הויפן פון דער הויפּטשטאָט פון אזערבייַדזשאן. באקו פארמאָגט פיל בולווארן, גרינע סעדער, ווייַנ־טרויבן וואקסן דאָ בא די פענצטער, אונטער די דעכער, פארהיט מיט אייַזערנע גראטעס, די קינדער זאָלן זיי ניט איבערייַסן די אָדערן.

איוועס, ווי צעשויבערטע מאכשייפעס, אינמיטן שטאָט, אָנגעווארעמט זיך פון דער סארפנדיקער זון, מאכן זיי פון איר דאָס גרעסטע געלעכ־טער. טפו, טפו, טפו... אף מייַנע סאָנימס קעפּ. איוועס לאכן? זיי דארפן גאָר וויינען!..

דאָס אייביקע פײַער ברענט באַם דענקמאָל פון די טראַגיש־אומגעקומענע זעקס און צוואַנציק קאָמיסאַרן. באַ אָט דער בראָנזע נעמט מען אַראָפּ די היטלען, מע שטייט מיט פאַרפּרעסטע ליפּן, מע ווייסט, אַז קאַגאַנאָוו, פּאָלוכין, בערג, באַסין זײַנען צעשאָסן געוואָרן דורך דער אַנטאַנטע, ווײַל זי האָט געוואָלט ווערן באַלעבאָס איבער באַקינער נאַפט־אויצרעס.

און איך גיב צו מײַנעם אַ געדאַנק צו דעם, וואָס אַלע טראַכטן: שימען שטשעגאָל וואָלט דען געווען צווישן די באַלעבאַטים פון סומגאַיִט? ער וואָלט דען אַרומגעגאַנגען אַזוי שטאָלץ מיט זײַן טעכטערל עטעלען איבער דער נײַער שטאָט, ווען דער טאַטע זײַנער סאָלאָמאָן שטשעגאָל און ער אַליין — אויך אין דער קאָמיוגישער אָפּאָלטשעניע — וואָלטן ניט געשלאָגן דעם פאַשיסט?

„באַסין, איינער פון די זעקס און צוואַנציק, — לייען איך אויפן טאָוול, — איז געבוירן געוואָרן אין טשעריקאָוו, מאָהילעווער גובערניע". געאַרבעט, פּונקט ווי הײַנט ניומע ביידער, אויפן באַקינער פּראָמיסל. באַסין, דער ייִדישער באָכער מיט צוויי ליכטיקע אויגן, האָט געטרוימט, אַז שימענס טעכטערל עטעלע זאָל וואַקסן צווישן פּאַלמעס, וואָס ווערן קיינמאָל ניט עלטער...

אויף דער גאַס ניזאַמי לאָדט מען מעל. מיט ווײַסן שטויב זײַנען באַדעקט די מאַשינעס. און דאָ גלײַך גרינען די טאָפּאָלן, מע שערט זיי אונטער די פּייעס, קינדער מאַרשירן צום קיראָוו־פּאַרק. פּײַקלעך קלאַפּן אויס דעם מאַרש פון יונגע לענינצעס. מיטאַמאָל שטעלט די קאָלאָנע זיך אָפּ, לאָזט דורך אַן אינוואַליד, וואָס מיט דער הילצערנער קוליע לאָזט ער נאָך זיך שפּורן פון דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע.

אינמיטן שטאָט — פייגעלעך. זיי זינגען אין די נעסטן פּונקט אויף דעם אָרט, ווו צווישן די בלִיענדיקע אַקאַציעס בויט מען דעם באַקינער מעטראָ.

■

— איר ווילט פאַרזוכן ייִדישע געפילטע פיש מיט כריין אָדער וואַרעניקעס מיט קעז? — טוט מיך דער בריגאַדיר, ניומע ביידער, אומגעריכט אַ שלעפּ פאַרן אַרבל, — קומט צו די וואָלינער.

— וואַרעניקעס מיט קעז? וועקט מיך אויף אינמיטן דער נאכט, בין איך גרייט צו גיין אפילע הונדערט ווערסט צופוס.

גוטמאנס שטוב שטייט ניט ווײַט פונעם נײַעם מיקראָ־ראיאָן. ס׳איז א מעכײַע צו זען, וואָס אין אָט דער ליכטיקער דירע־מעלוכע ארבעט זיך אויס: זיבן זין — אלע אינזשעניערן, זיבן שניר, קימאט זיבן מאָל זיבן אייניקלעך, זיבן טירן, זיבן גרויסע ליוסטרעס באשײַנען דאָס לעבן, וואָס איז אין פולן ברען.

— א מישפּאָכע, קיין אײַנהאָרע, — זאָגט ביומע, — צו גאָט און צו לײַט. טאָג און נאכט פּראָיעקטירט מען. ס׳איז, זאָג איך אײַך, ניט קיין פּאַ־מיליע, נאָר א מין סוויטע בא די סקוואזשינעס...

דער אלטער זאלמען גוטמאן ווייסט ניט פון קיין שאבעס, פון קיין יאָמטעוו. אפילע דעם הײַנטיקן ערשטן מײַ, ווען גאנץ באקו האָט גע־שפּילט אפן דודעלע, איז ער מיט א פּאָר זין זײַנע געגאנגען אין די ברייטע ברעזענטענע הויזן אף איינעם א באצירק, ווו ס׳האָט זיך גע־פּאָדערט עפּעס א דרינגענדיק שטיקל ארבעט.

יעדן קאָיאָר ציִנדן זיך אָן אין גוטמאנס דירע די זיבן לאָמפּן. עס מאכן זיך אויף אלע זיבן טירן, און אָט איז שוין קיין זייכער ניטאָ פון א לעבעדיקן נעפעש. א גאנצן טאָג — נאָר מע שמאָרעט ערגעץ בא די פּאָמפּעס מיט די לאנגע נעזער. אלי סולטאמאָוו, זייער נאטשאלניק, גייט אָפּ מיט שווייס, ער קאָן פון די גוטמאנעס ניט פּאָטער ווערן...

זאלמענען רופט מען „זיידע ניזאמי“. בא גוטמאנען אין בוזעם־קע־שענע ליגט א סייפערל, דאָרט פירט זאלמען דעם כעזשבן, וועלכע סקוואַ־זשינעס עס דארפן זיך נאָך מעלקן און בא וועלכע מע דארף נאָכאמאָל א קוק טאָן די אײַטערס...

די בניי־גוטמאנס זײַנען וואָלינער יידן — דאָס האָבן זיי טאקע אהער פארשלעפּט אויך ביומע ביידערן, געמאכט פונעם שנײַדער־יונג א קרע־נעצע־גרעבער.

— איר זעט, — טוט ביומע א ווײַז מיט דער האנט, — דער קיניג פון נאפט זאלמען גוטמאן זיצט שוין אין זײַן שטול, בא דער גאנצער

סוויטע זײַנען די באַקן אין נאַפט אויסגעניאָרעט, הייסט עס, אַז מע האָט געפונען דאָס, וואָס מע האָט געזוכט.

בא די גוטמאַנס מאַכט מען קידעש נאָר אין דעם פאַל, אויב די האָרעוואַניע ברענגט נאַכעס.

שטייען דעמלט מאַשינעס אַרום דער שטוב, גלײַך ברענגט מען צו פירן פאַוועל איסאַיעוויטש קאַטשאַלינען, דעם פאַטריאַרך פון באַקו. זיבן ליוסטרעס צינדן זיך אָן, ווי אין דער גרויסער אָפּערע: מיט גינגאָלד, מיט צאַצקעס און גלעזערנע גלעקעלעך. זאַלמען נעמט זײַן אַלט פידעלע, די זיבן זין — זייערע פײַקלעך און טרומייטן, — און די גאַנצע גאַס הערט זיך שוין צו, וויאַזוי עס שפּילט די קאַפּעלע פון די גוטמאַנס.

אַרום זאַלמענס שטוב שטייען אַ וועלט מיט קראַנען, ווי העלפאַנדן, וואָס ווילן זי מאַמעש אײַנשלינגען. ס'איז נאָך אַן אַלטער ביניען מיט קאַווקאַזער קאַרניזן.

אַלי סולטאַמאָוו איז שוין גראָוו געוואָרן, טראַכטנדיק, מיט וואָס צו פאַרפּוצן דעם נײַעם הויף, דאָס הויז, וואָס בויט זיך אין מיקראָ־ראַיאָן. ביז איצט האָט ער נאָך ניט באַשלאָסן, וועלכע דירע אויסצוטיילן דאָרט פאַר גוטמאַנס הויזגעזינד — דער קאָפּ מאַמעש שפּאַלט זיך אים, דעם נאַטשאַלניק פון דער נאַפט־קאָנטאָר.

אין שטוב בא די וואָלינער שמעקט מיט געפילטע פיש, מיט פעפער און געזײַערטער שאַרלאָטע.

דער טאַטע זאַלמען נעמט דעם פולן בעכער, טוט אַ שמייכל:

— דער פאָנטאַן אינמיטן שטאָט וואַשט זיך דאָס פּאָנעם מיט וואַסער, מיר שמירן זיך מיט נאַפט, אָבער טרינקען דאַרף מען, קינדער, ווײַן...

איך האָב, דאַכט זיך, שטענדיק געקײַט אַ בײַוועלע, די מאַמע זאָל מיר ניט פאַרבייען דעם סייכל, נאָר אַז מע האָט מיך געבראַכט אויף אַ שיף צו דער אויסטערלישער שטאָט „נאַפט־שטיינער“, האָב איך אויסגעגלאָצט אַ פּאָר נאַרישע אויגן און גלייבן ניט געוואָלט, אַז אַזעלכע מאָפּסים קאָנען גאָר געשען: די שטאָט הענגט אויף גאָרניט...

א קראַך אויף אײַזערנע באַלקנס אין אָפֿענעם יאַם. פֿאַראַן דאָ אַלץ, וואָס א שטאָט דאַרף האָבן: אַפּילע אַספֿאַלט און טראַמווײַען, האָטעלן און קינדער־יאַסליעס, אווטאָבוסן און צײַטונגס־קיאָסקן.

מאַכטיאַר מאַמעדאָוו, — ער פֿירט אָן מיטן „יאַם־פּלאַט" אַרום די „נאַפֿט־שטיינער", — פֿאַרבעט מיך אָנקוקן די ערשטע סקוואַזשינע, וואָס פֿון איר, אייגנטלעך, הייבן זיך אָן די פּילצאַליקע קוואַלן פֿון פֿליסיקן גאָלד. דאָ, שטייענדיק באַם באַרימטן אָרט, עפֿנט ער מיר דעם סאָד, אַז די „נאַפֿט־שטיינער" רופֿן זיך נאָך מיט א צווייטן נאָמען: „פֿרײַנטשאַפֿט־אינדזל", ווײַל אין אָט דער־אָ וווּנדערשטאָט אַרבעטן פֿינף און צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן.

פֿאַרטראַכטנדיק זיך אויף א רעגע, זאָגט צו מיר מאַכטיאַר מאַמעדאָוו:

— יאָ, יאָ, אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט איז פּונקט אַזוי אומעגלעך אויסצושעפּן, ווי די קוואַלן אין קאַספּי...

איך קוק צו די גאַנעקלעך פֿון די נײַע הײַזער, דאָרטן שטייען אייוועלעך אויף צו פֿרעגלען שאַשליקן — אַהער, ווײַזט אויס, האָט גוט דערלאַנגט דער געפֿעפֿערטער אַזערבײַדזשאַנער שטייגער.

און אויך דאָס נײַע האָט מיט אַקשאָנעס זיך אַרײַנגעריסן אַהער. אַפּילע די אַקאַציעס אויף די גאַסן זײַנען דאָ נײַ — צוזאַמען מיט דער ערד און מיטן טרונק וואַסער פֿאַר דיביימער, וואָס מע ברענגט פֿון דער יאַבאָשע. זיי קילן, די אַקאַציעס, דעם אָטעם פֿון דער שטאָט, די זון זאָל אַזוי ניט טשמעליען איר אין קאָפּ אַרײַן.

פֿונדאַנען, פֿון די „נאַפֿט־שטיינער", קוק איך אויף באַקו. איך טראַכט, אַז זאַלמען גוטמאַן מיט זײַנע באָנים איז שוין ערגעץ אין סטעפּ בא די פּאָמפּעס. דער אַלטער אינזשעניער קוקט אַרײַן אין זײַן סייפֿערל: בא וועלכער סקוואַזשינע קאָן מען אויסמעלקן נאָך א פּאָר הונדערט טאָן פּעטראָליום צושטײַער דעם לאַנד, וואָס וועט, אים־ירצה־השם, אין א צײַט אַרום, ווי די בלעטער שרײַבן, געבן זיבן הונדערט מיליאָן טאָן נאַפֿט, — ס'וועט זײַן א גלײַכער כעזשבן: זיבן זין, זיבן שניר, זיבן הונדערט מיליאָן טאָן נאַפֿט.

האקלאל, מע דארף פֿאָרן אהיים — גלײַך פֿון די „נאפט־שטײנער" צום באקינער וואָקזאל, קײן מאָסקווע, צום שרײַבטיש, צום ווײַסן בײ־געלע פּאפּיר.

נאפט־פּאָמפּעס באגלייטן מיך ארויס. „זײַ געזונט, פֿאָר געזונט!" — שאָקלען זײ מיט די קעפּלעך.

אין סטעפּ ברענט דאָס גראָז, די זון קילט ניט אָפּ איר סארפּענדיקע נעשאָמע: „זײַ געזונט, פֿאָר געזונט!"

סומגאיִט, 1964

■ ■ ■

דער וועג אַף וואָלגאָגראד

ציגײַנערס שלאָפֿן אין טאבאָרס, פּאסטעכער פֿון טאבונען — אין יורטעלעך, טוריסטן — אין שלאָפֿזעק. מיר אָבער, שאָפֿערן פֿון שווערע לאסט־אווטאָמאָבילן, נעכטיקן אין די קאבינעס ערגעץ אינמיטן א שליאך.

ווען א פֿארשלאָפֿענער טראקטאָר כאפּט זיך אוף ווײַט אינעם פֿעלד, הייסט עס — עס טאָגט שוין. עפֿנסט די אויגן: פֿייגעלעך רײַסן זיך בא די טשובן... זײַן מאיעסטעט דער הירש גייט ניט געײַלט איבער פֿון איין וואלד אין א צווייטן — געהוליעט ערגעץ בא פֿרעמדע הירשעכעס...

דער שלאָף בעט קיין עסן ניט, ווילט זיך נאָך א ביסעלע כאפּן א דרעמל...

מיטראָפֿאן מיטראָפֿאנאָוויטש פּירסאָוו טוט א קוק אפֿן זייגער.

— ליכאטשאָווצעס[1], גענוג צו כראָפּען!

די זון שטייט שוין אין הימל, ווי א פֿאָלאָנקע אינמיטן טײַך. דער וואלד

---

[1] דאָ האנדלט זיך וועגן שאָפֿערן, וואָס פֿירן אווטאָמאָבילן פֿון דער מארקע „זיל" (זאוואָד אף ליכאטשאָווס נאָמען).

שמעקט מיט כוואַיע און פרימאָרגן־טוי. סטרונעס הייבן אָן צו שפּילן אין די פּופּציק מאָטאָרן פון די אָנגעלאָדענע טראַלערס.

וואָלגאָגראַד „אטאקירט" מען דורך דעם דאָנעץ, דורך די שאכטעס, נאָר מע קאָן פאָרן אהין אויך דורך מילעראָווא...

— קאַטיושע, — האָט פּירסאָוו זיך אָנגעפרעגט בא דער טאַבעל־שטשיצע נאָך פאָרן ארויספאָרן פון מאָסקווע, — וויפל קינדער קומען היינט אין קינדער־גאָרטן?..

דאָס הייסט: וויפל שאָפערן קערן זיך היינט אום אין גאַראַזש פון וויַיטע רייסן.

— זעכציק.

פּירסאָוו פארזשמורעט זיין לינק אויג, באַלעקט די אונטערשטע גראָבע ליפּ:

— איבערגענוג, קאַטיושע, איבערגענוג...

הונדערט מאשינעס האָט מען געגרייט אין וועג אריין: פּופּציק טראַלערס און אויף יעדן טראַלער — א סאַמאָסוואַל.

פון גלאווק האָט מען געקלונגען יעדע שאָ: „וואָלגאָגראַד, וואָלגאָגראַד, וואָלגאָגראַד"...

פּירסאָוו האָט געשריִען אין טרייבל:

— יאָ, אלע זיינען שוין דאָ... מיר פאָרן נאָך היינט ארויס.

דער שאָפער פליאסונאָוו טוט זיך א קלאַפּ מיטן פּרוטיקל אין כאַליעווע:

— וואָס כאַפּט מען זיך אזוי?

געבנדיק א קרומען קוק אפן אזעספּאַנעם, דערלאנגט פּירסאָוו, דער בריגאַדיר, זיין קאָמאַנדע:

— צום „מאַלאַכאָוו קורגאַן"!

די זון טוט זיך א ריס ארויס פון די כמארעס און הייבט אָן אויף איר אויפן צו שפּילן מיט דער וועלט.

— פּופּציק טראַלערס, — זאָגט פּירסאָוו, — איז א גאַנצע ארמאַדע. און אויב מיר גייען אויף וואָלגאָגראַד, רעכענען מיר זיך אין ראָדימצעווס דיוויזיע, וואָס האָט אזוי פיין צענעריקט דעם דייטש די מאָרדע...

ער מאכט פאר זיך אליין א כעזשבן:

— פופציק טראלערס נעמען אף זיך פופציק סאמאָסוואלן. בלײַבן בא קאטיושען צען שאָפערן אף אופראמען דעם גאראזש...

איידער מע צעגייט זיך צו די מאשינעס, אײַלט זיך פליאסונאָוו אויס־דערציילן זײַן מײַסעלע. שאָפערן עפענען מויל און אויערן:

— ...וואָס זשע האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט, פליאסונאָוו, איך האָב דאָך געפײַפט?..

— איך האָב געמיינט, כאָווער מיליציאָנער, אז איר דערוואַרעמט דאָס פײַפעלע...

עס געדויערט ניט קיין סאך — און אלע שאָפערן, ווי איין מענטש, לאָזן זיך אין וועג ארײַן.

— אײַדא צו דער מאמעניו וואָלגע!..

— דורך די סאלסקער סטעפּעס!

— ווו פּאוליוס האָט פארלאָרן די הויזן...

מע כאפּט א קוק, ווי סטאטעטשנע א סאמאָסוואל זיצט אין טראלער, און מע כאָכמעט זיך:

„סטארי אָסיאָל מאָלאָדאָווא וועזיאָט...“

צו דעם הילכיקן געררויש פון מאָטאָרן איז אויך דער מאָטאָר פון מײַן „זיל“ א מעכוטן. איך זיץ בא דער בּאראנקע און צי דערווײַל דאָס פּע־דעמל פון מײַנע מאכשאָוועס:

קינדווײַז פלעג איך טרוימען, אז גרויסערהייט וועל איך טראָגן, ווי דער טאטע, א פּידזשאק, פּארקעמען דעם שרונט, האָבן געדיכטע שווארצע ברעמען און דער מאמעס שיינע, בענימעסדיקע שטילע אויגן. נאָר גע־וואָרן איז פון מיר א קאבאקעלע מיט צוויי פּארווונדערטע, קעציקע איי־געלעך...

איך קוק אף דער כעוורע שאָפערן, מײַן הארץ קלאפּט שטארק, ווען איך זע דעם סאמאָסוואל, וואָס שטייט מיט די שווערע רעדער אָפּן טרא־לער. באלד נעם איך אים, דעם טראלער, אין מײַנע הענט און פיר אים אוועק — אף וואָלגאָגראד.

■

...און געקומען איז דער שיינער זומער־פרימאָרגן, ווען דער „זיל" האָט מיך געבראַכט אַף דער טראַסע: קוק און שפּיגל זיך, מייער באַלנעס אייניקל.

וועלדלעך באָדן זיך אין געדיכטן נעפּל. פּונקט ווי באַם מענטשן צע־גיסן זיך ריטשקעלעך בלוט דורך די אָדערן, אַזוי פליסן טאָג און נאַכט מאַשינעס איבערן שליאַך — דאָס איז די אַרטעריע, וואָס פאַרבינדט שטעט און דערפער. אָן דעם זשום אַף דער טראַסע ווערט טויב די גאַנצע וועלט.

קוקט ניט, פּוסגייער, אַזוי קרום אַפן הוילעך מיַינעם. דער דאַשעק פונעם היטל איז טאַקע צעקנייטשט — איך בין אַ שאָפער, און דער קאַש־קעט איז מיַין צוקאָפּן־קישעלע באַנאַכט אין קאַבינע...

באַ דער ערשטער בענזין־קאָלאָנקע גייט פּירסאָוו צו צו מיַין מאַשין, באַטראַכט זי, עפנט דעם באַק:

— צי וויסטו, בראַטאָק, לעמאָשל, וויפל די שיף „לעניך" נעמט אַטאָם־שטאָף אין וועג אַריַין?

— אַפן גאַנצן יאָר עטלעכע צענדליק קילאָגראַם, מיטראָפאַן מיטראָ־פאַנאָוויטש.

— עטלעכע צענדליק? גוט. אַלץ וויסטו. אַנטראַציט אָבער וואָלט ער אָנגעזשעבערעוועט...

— הונדערט פופציק טויזנט טאָן.

— היַינט פאַרשטייסטו, שיקעלע, אַז מיר מיט דיר פאָרן נאָך דער־וויַיל ניט מיט קיין אַטאָם־שטאָף... מיר זיַינען מיט דיר, גאָט צו דאַנקען, דורכגעגאַנגען אַזאַ געפערלעכע מילכאָמע, דאַרפסטו שוין קיין ניאַנקע ניט האָבן. גיס, זיַ מויכל, אָן פולער דעם באַק, וויַיל אַ וועג שטייט אונדז פאָר אַ שווערער...

דערנאָך גייט פּירסאָוו אונטער שטילערהייט צו פליאַסונאָווס טראַלער, טוט אַ שאָקל דעם באַגאַזשניק, קוקט גליַיך פליאַסונאָוון אין די אויגן אַריַין:

— מיידלעך פירסטו אין קאַבינע?

— יאָ, בריגאַדיר.

— איך האָב געזען, זיי טוען אָן דײַן היטל?

— נו...

— איז שוין דער קאָפּ אויך ניט דײַנער, פּליאַסונאָוו...

פּירסאָוו זעצט זיך צו אפן גראָז, פאַרייכערט.

— בא דער קאַסע, בראַטישקעס מײַנע, שטייען מיר אַלע, נאָר אַר־בעטן וויל ניט יעדערער... מיר פאָרן ניט באָדן זיך אף קאַווקאַז, פּליאַסו־נאָוו. מיר דאַרפן ברענגען די אַרמאַדע מאַשינעס קיין וואָלגאָגראַד, ווו מע קוקט אַרויס אף אונדז, ווי מיט נײַנצן יאָר צוריק אף ראָדימצעווס סאָלדאַטן.

די שאָפערן קוקן זיך איבער מיט א שמייכעלע: ווען דער בריגאַדיר פּירסאָוו מישט אַרײַן אין די רייד ראָדימצעווס דיוויזיע, כאַפּט ער שטענ־דיק איבער די מאָס, אָבער אים איז מען מוחל, ווײַל ווער ווייסט ניט, אַז ער אַליין איז געווען בא ראָדימצעוון אין סאַמע ברען, אפן וואָלגאָגראַ־דער פראָנט...

■

צוויי וועגן פאַרמאָגט די ערד: א ברייטן אַספּאַלטירטן טראַקט און אין א זײַט פון אים — אָן אַלטן, צעקאַליעטשעטן „סיענינס” שליאַך, ווי עס רופן אים צווישן זיך שאָפערן.

טשומאַקעס פלעגן דאָ דערטרונקען ווערן, פאָרנדיק מיט די ברענענ־דיקע שטורקאַצן. זיי פלעגן באַקומען דאָס קאַדאָכעס, ווען נאָך א גוטן רעגן זײַנען גערונען בלאָטיקע ריטשקעס אונטער די שווערע רעדער...

בורלאַקעס אף דער וואָלגע האָבן, דוכט זיך, ווייניקער געבויגן דעם רוקן, איידער די בינדיוזשניקעס און פורמאַנעס, ווען עס פלעגט פאַר־סטראַנעט ווערן דער שווערער וואָגן. האָלאָבליעס האָבן געטרישטשעט, ווישקעס און צײַמלעך זיך געריסן, פּוזשעלעס זיך געבראָכן אף די פערדס ביינער:

— איי, נעווייליעס!..

אף פערד האָט מען געאַקערט, געפירט בורעקעס, זשאָם, האָבער און גערשטן. מע איז געפאָרן מיט הילצערנע דראַבענעס אף יארידן, געפירט כאָסן־קאַלע און לײַטישע באַלעבאַטים. געפירט האָט מען אף די פערד וואַסער, געשלעפּט האָלץ פונעם וואַלד, שטיקער אײַז פונעם טײַך:

— איי, נעוויילעס!..

און אין מאָסקווע האָבן אין יענער צײַט פערציק טויזנט פורמאַנעס געצויגן די ליאַמקע. אף די גאַסן איז געשטאַנען א געשטאַנק פון קיזיאַק, עס האָט זיך געהערט דאָס הירזשען פון אָגערס, דאָס קוויטשען פון לאָשעקעס, דאָס קנאַלן פון בײַטשן און שווערע טופּען פון געקאָוועטע קאָפּיטעס. קרעציקע נעוויילעס אין איין קאָן מיט ווײַסע טראָיקעס, בא וועלכע די רוקנס זײַנען געדעקט מיט פּערסישע טעפּעכער.

סאָכרים, וואָס פלעגן קומען אהער פון ווײַטע מעקוימעס, האָבן געהוליעט, געלאָזט אף באַראָט זייערע לאָמאָוויקעס, וואָס האָבן געטאָפּטשעט די בלאָטע, געקראָכן טאָג און נאַכט איבער „סיענינס“ שליאַך.

— א שווער שטיקל ברויט געווען בא לאָמאָוויקעס... — פאַרייכערט פּירסאָוו א ציגאַרעט. ער שטייט אויף פונעם גראָז און הערט ניט אויף צו קוקן אין זיקאָרן אף זיך אַליין, ווי ער זיצט אף דער קעלניע און האַלט די בײַטש אין די הענט. יאָרנלאַנג האָט ער געפירט דעם שווערן וואָגן מיט א הוקע און טיוקע:

— איי, נעוויילעס!..

— ליכאַטשאָווצי, פּאָ קאָניאַם!

פאָרן, איז געפאָרן!

איך זיץ אף מײַן שאָפערישן קייסער־שטול אין קאַבינע און טראַכט: מײַנע אויגן האָבן געזען די גאַנצע וועלט. פון קינדווײַז אָן לעב איך נאָר אין דרויסן. דרײַ מאָל אין טאָג פלעגט מיך דער זיידע מײַנער טראָגן יאָמים־נויראָים אין שול אַרײַן, די מאַמע זאָל מיר געבן די ברוסט. דער ווינט רײַסט שטיקער, דער רעגן גיסט, און איך שטעל מיר אַרויס א

פיסל... אדהײַעם האָב איך ניט מוירע פאר שניי און פראָסט, פאר רעגן און זאווערוכע, פאר טומאַנען און דער רועך ווייסט וואָס...

ווי א װעלפיכע, טוט מײַן טראַלער א יאָג ארויס פון א באַלקע, טראַגנדיק אף זיך, ווי א שעפעלע, דעם סאַמאָסוואַל. פרי בין איך הײַנט אופגעשטאַנען און זיץ באם רודער א פארכושטער. פון דער קאַבינע דערשפיר איך דעם רייעך פון אוקראַיִנע, און די נעשאָמע טוט א צאַפּל.

גרינע, פארוואַקסענע בערג און טאָלן. ראַכוועסן, וואָס מײַן אויג איז ניט בעקויעך זיי ארומכאַפּן. קלײנע, אָבער שטאַרק גערדיכטע וועלדער, ווו ביימער שטייען פארקילט אין שטילן ציטער, בלעטער קושן זיך אין פארכאָלעמטן שאָטן. פונעם וועלדל גאַנוועט זיך דער פרימאָרגן־טוי צום טראַקט, ווײַל אים אָפּטאָן א שפּיצל: מאַכן אזוי, אז ער זאָל שײַנען, ווי א לאַנג שטיק פוילהאָלץ.

דער „זיל" מײַנער פליט ארויס פונעם יאַר, ווי אַן אונטערוואַסער־שיפל פונעם יאַם. נאָך „סיענינס" שליאַך איז דער וועג ווידער אַספּאַל־טירט. ערשט ניט לאַנג איז זײַן רוקן געווען ארומגעלייגט מיט שטיינער, און שווערע קאָפּיטעס פון בודיאָניס און שטשאָרס קאַוואַלעריע האָבן איבערגעלאָזט אף זיי טיפע סימאָנים...

בא א פלויט — א הוידעלקע, א בלאָוו וויגעלע. עס פליט ארויס פון טויער א מאָטאָראָלער. וועלאָסיפּעדן דרייען זיך אונטער די פיס. עס טוט א הודע דאָס קלײנע „זאַפּאָראָזשעצל", און אין אײַנקלאַנג מיט אים היר־זשעט א שקאַפּע צו אירע צוויי געלע לאָשעקלעך... מע פירט פארבײַ צום ביק א ווײַסע טעלעצע אין רויטע פלעקן, עס גלאַנצן אירע ווילדע אויגן, הערנער — ווי פליגל.

איך זע מײַן גאַנץ פארמעגן פאר די אויגן; עפל־ביימער בליִען שוין אָפּ, ווינטער־ווייץ איז נאָך נידעריק. ווילט זיך מיר ארויס פון קאַבינע, אָנרײַסן א פולע זשמעניע זאַנגען און באַווײַזן דער גאַנצער וועלט.

אָט דאָ בין איך געבוירן: אָט איז שוין מײַן שטעטעלע, און אָט — מײַן שטוב. שטאָט נאָך שטאָט, דאָרף נאָך דאָרף, מארשרוט נאָך מארשרוט,

אזויפיל טייַכן און יאמען געזען מיט די אייגענע אויגן. קומט אָבער צום וואָרט „היים“ — בלייַבסטו זיצן ווי א פיצל קינד אין וויגל...

פריטשמעליעט איז מען אמאָל דאָ, אין שנאָרער־געסל, ארומגעגאנ־גען, נויט און דאכקעס האָבן געדרימלט אף יעדן פידאשעק. נאָר איצט איז דאָ שוין דאָס לעבן אנדערש, כאָטש עפעס איז נאָך פארבליבן פון אמאָל.

ליפע דעם וואסערפירערס פערדאטש — עס גייט אים גאָר ניט אָן, וואָס אפן שליאך שטעלן זיך אָפ אָנגעלאָדענע טראלערס. אין יענער שווע־רער צייַט פון היטלערס ווילדער מעמשאָלע איז דאָס דאָזיקע טשיקאווע פערדל גאָר געווען א מעיוכעס. דעם דייַטש איז אפילע אפן געדאנק ניט געקומען, אז אזא זלידניע פירט אין סקריפענדיקן שליטן קעסטלעך ביקסן...

שטייענדיק אינמיטן שליאך, פאָפערעק דעם וואָגן, טרייַבט זי, די בלינדע שקאפע, פון דער אָפגעריבענער פעל בייזע פליגן און קוקט ניט צו דער נאָרוואָס אָנגעפאָרענער כאליאסטרע שאָפערן. כאָלילע, די שאָ זאָל ניט זייַן, ווען זי ציט אויס אירע פיס, שטעלט זיך אין שטעטעלע אָפ די פאָטשטארניע מיט דער פעקארניע...

פארהאנגען מיט סאטינענע פאָרהאנגען די גרויסע פענצטער, שטייט אין סאמע אָנהייב פון דער גאס דער ארטעל „טרודאָוויק“. פון דאָרטן טראָגט זיך א זשומען פון עלעקטראָ־דרעלן, א רויש פון מאָטאָרן. מייַן אמאָליקער שאָכן פראָקאָפ טשאָרנאָדיר בראָקט דאָס בלעך מיט דער מע־כאנישער שער. מיט יאָרן צוריק האָט ער אין שטעטל געמאכט דושניקעס צו קוימענעס, ריבייַזנס און רינוועס, געשלאָפן אין א שאָפע בא די פערד — דאָס היי האָט אים געשמעקט אין דער נאָז אריַין, ווי ראָזשינ־קעס... איך זע אפן ארטעל־הויף דאָוויד באראבאש דעם סטעלמאך, וואָס האָט מיך צום ערשטן מאָל געלערנט דובען מיט דער דאָלעטע א קלעצל. ער בויערט איצט מיטן מאשין־עגבער זיבעציק קלעצלעך א שאָ.

און אפילע מאטאָנע קאָוועלס קוזניע האָט זיך מיט א זייַט צוגערוקט צו דעם „טרודאָוויק“ און שפריצט אהין מיט פונקען. מאטאָנע קאָוועט

שוין די שינעס מיט אוטאָגען. פאַר א טאָג ווערן בא אים פאַרטיק צוועלף רעדער.

א ביסל ווײַטער פון דער קוזניע בויט מען א מעבל־צעך. כעוורע לייגט ציגל, קוקט פון די רישטעוואַניעס אַף די מעגושעמדיקע טראַלערס און פרעגט זיך אָן מיט א כיטרע מיין:

— וויפל, לעמאָשל, ווערסט איז פון מאָסקווע צום שנאָרער־געסל?..

דרײַ געדיכטע רויכן באַפּוצן דעם הימל אַרום מײַן שטעטעלע: לעבן דער נײַער שטאָט הייבט זיך אוף דער קוימען פונעם צוקער־זאַוואָד, א ביסעלע רעכטס טשאַדעט די גוראַלניע, און פון הינטערן אַלטן בעסוילעם טוט זיך א שטעל אוף אין זײַן גאַנצן וווּקס דער ציגל־זאַוואָד...

מאַזקיר זײַן די פאַרשטאָרבענע נעשאָמעס קומען מיר צום פּאָפּערעטשנע יאָר, ווו עס ליגן העכער צוויי טויזנט האַרוגים...

אָנעם היטל שטייט מיטראָפּאַן מיטראָפּאַנאָוויטש פּירסאָוו, בעשאַס ליפּע וואַסערפירער מאַכט א מאָלע. פּירסאָוו צײַלעמט זיך ניט, נאָר די רעכטע האַנט דריקט ער צום האַרצן, עס זאָל פון דער ברוסט ניט אַרויספליִען דער ווייטעק, וואָס די שווערע צײַט האָט אין איר פאַרבאָרגן.

וויפל באַבעלעך אָפּן פעלד, אַזויפיל לעבעדיקע אומשולדיקע נעשאָמעס האָט דער פאַשיסט אין דער ערד אַרײַנגעלייגט.

בלוטיק־טײַערע טאַטע־מאַמע מײַנע... אין פאַרהאַקטע פורגאָנעס האָבן אײַך היטלערס היצליעס געפירט צום פּאָפּערעטשנע יאַר...

מיטן פּאָנעם צו דער ערד ביסטו געפאַלן, אָרעמע מוטער, און געשריִען:

— קינדער, נעמט נעקאָמע!..

אין יענעם טאָג, ווען מע האָט אײַך צעשאָסן, בין איך מיט פּירסאָוון אין א טראַנשיי געזעסן אַף דער ליימיקער ערד, געריייניקט די ביקסן — מאָרגן ווידער אין אַטאַקע.

געזשאווערט האָבן די אָקופּאַנטן הינטער רזשעוו — שווער איז געווען פון דאָרט זיי ארויסקאַלופּען...

איצט איז שטיל סײַ לעבן פּאָפּערעטשנע יאר, סײַ לעבן רזשעוו. די ערד שלאָפט, קיין בלעטעלע אפן בוים טוט זיך ניט קיין טרייסל. שטיל איז אין מײַן שטעטעלע. נאָר באם סוינע אין די פארבאַהאַלטענע קעלערס ליגן שוין ווידער באָמבעס, בא אים שטייען נאָכאַמאָל צוגעגרייט דושע־הובקעס פאר אונדז...

דערפאר ליג איך גאנצע נעכט אין קאַבינע מיט אָפענע אויגן: מיר קענען אײַך, האַדיוקעס, איר האָט ניט איין מאָל אונדז אופגעוועקט פון־נעם שלאָף. נייך, פּרוווט ניט אונדזער געדולד, דעם צאָרן אונדזערן אויס־מײַדן וועט זיך אײַך ניט אײַנגעבן!..

...צוריק פונעם פּאָפּערעטשנע יאר פאָרן מיר דורכן פוילן בריקל. אָט וואַלגערט זיך באם טײַך דער שטיין, א באוואַקסענער מיט מאָך, אָף וועלכן מאַטאָנע קאָוועל האָט מיך געלערנט אָנציִען א שינע.

אין קוזניע, גאַנצפרי פארן קלאַפּן אַקסן, פלעגט מאַטאָנע א כאַפּ טאָן דעם צוואַנציקפונטיקן האַמער, די „מאַטריאָשע", און ארײַנקלאַפּן א שוועבעלע אין דער ערד ארײַן. שלאָגן זיך מיט מיר איז געווען מאַטאָנעס פארגעניגן. מיטאַמאָל פלעגט ער מיך א נעם טאָן פארן גארטל און ניט געכאַפּט זיך אָנהייבן „קושן" מיט מיר...

איז טו איך טאַקע א טאַנץ אונטער פון פארגעניגן, ווען איך דערזע, אז דער קאָוועל גייט אונדז אַנטקעגן לעבן סאַמע שטיין און איז גרייט מיט מיר נאָכאַמאָל, אין א נאָוועטע, זיך „צעקושן".

אראָפּגעכאַפּט דעם צעקאַרדאַשעטן קאַשקעט פונעם קאָפּ, אָנגעכאַפּט דעם קאָוועל פארן רימען, ווי ער מיך אַמאָל פארן גארטעלע, זעץ איך אים ארײַן מיט די אויסגעבראַכענע הויזן אין באַליע וואַסער, וואָס א באַלע־באָסטע האָט דאָ איבערגעלאָזט...

די אַלטע ווערבע האָט זיך שוין אָפּגעשיילט, דינע צווײַגן שפּראָצן ארויס, ווי פונעם הירשס שטערן די יונגע פאַנטעס. ארום דער ווערבע ליגט א גאָרטן, מע גראָבט דאָרט יונגע קאַרטאָפּליעס. ווײַטער, אראָפּ־בארג — לעוואַדעס, לעוואַדעס, לעוואַדעס...

ארום די טראַלערס נעמען זיך מיט ניַיגעריקייַט צונויף קינד־און־קייט.

— יאַגייַטאַ מאַצאַסאַ, — גייט צו דאַוויד באַראַבאַש צו מייַן קאַ־בינע: — האָסט געזוכט, שיקע, און האָסט געפונען... געפונען האָסטו אַ גרינגער שטיקל ברויט, איידער דער טאַטע דייַנער... פאַרמאָגסט די בראָ־כע אין די הענט, איז אַ גליק צו דייַן קאָפּ... ביסט אַ שאָפער, וועסטו שוין פון קיין נויט ניט וויסן.

לעוואָנעדיק איז אין דרויסן, ווען די טראַלערס, באַגלייט פונעם גאַנצן שטעטעלע, שווימען אַרויס אַפן ברייטן אַספאַלטירטן שליאַך.

■

...באַנאַכט, ווען דער שליאַך ווערט נאָכן מידן טאָג אָנשלאָפן, פּרוווט אומיסטן צולייגן דעם אויער צום אַספאַלט. איר הערט, ווי ער רעדט פֿו־נעם שלאָף, דערציילט זייַנע מייַסעס...

אין דערפל באַסירקאָווע, אַפן סעגאָוואַל, האָט מיטראָפאַנאָוויטש אַ גענעץ געטאָן מיט גרויס האַנאָע און געזאָגט שמייכלענדיק:

— עס פאָרן הונדערט „זילן" אַף וואָלגאָגראַד...

דאָס פּלעמל באַם שייַטער כאַפּט באַבעלעך; טראַקטאָרן, אייַנגע־שפּאַנטע אין גרויסע טשערפּאַקעס, פירן ליים אַף שמירן די נייַע הייַזער. זיי גרילצן אַזוי, אַז אייַנשלאָפן איז אומעגלעך.

טראַכט איך מיר מייַנע מאַכשאָוועס:

מיר איז, ווייַזט אויס, באַשערט אויסקוקן די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע וועלטעלעך...

אין דערפל באַסירקאָווע איז נעכטן געווען עפּעס אַ יאָמטעוו. באַלע־באַטים בעטן פאַרזוכן געפּרעגלטע פישלעך קאַריושקע, וואָס שמעקן אַ מעכייַע, ניט ווי אונדזערע פלאָטוועצעס — וואַלוול, פויל און אַ סאַך...

נאָר איך וויל זיך ניט אופּכאַפּן פונעם דרעמל.

איך ענטפער פּירסאָון מיט אַ גענעץ און זאָג אים, ווי ער וואָלט עס ניט געוווסט, אַז מיר פאָרן אַף וואָלגאָגראַד ניט קעדיי דעם קניאַז גאַליצינס הויז אָנקוקן, נאָר פאַרנייגן זיך פאַר דעם הויז פונעם סנייַפּער פּאַוולאָוו,

אוועקשטעלן אונדזערע נײַינקע מאשינעס לעבן דער פּאָזיציע פונעם העלד...

דערווײַל איז ארויס די זון, כעווערע שאָפערן צעלויפט זיך צו די טראלערס און פארפירט די מאָטאָרן.

א קליין קאטשקעלע שטייט אינמיטן שליאך — אָפּגעשטעלט דעם גאנצן טראנספּאָרט.

פּירסאָוו קוקט דערווײַל צום בורע קיעלע, וואָס פירט די טשערעדע צום טײַך...

אמאָל האָט אים דער אייגענער טאטע אָפּגעגעבן אף ארענדע דעם באלעגוף: פאשע פרעמדע כאזיירים, מיטראָפאן, טרײַב גענדז צום ריטשקעלע...

— פאנענקע, — זאָגט מיטראָפאן מיטראָפאנאָוויטש צום קליינעם קאטשקעלע, — טו א פאָכע מיט די פליגעלעך... האָסט דאָך ליב דעם טרונק, ווי אונדזער פּליאסונאָוו...

קומט אָן דער גאָנער, גראגערט עפּעס אף זײַן נאריש לאָשן, און שאָפערן שילטן אים אין טאטנס טאטן:

— נו, ריר זיך שוין, באלעבאָס!

דער טראלער שטעלט פּיס, שפּאנט, קיין אײַנהאָרע, — ניט אנדערש, ער האָט ארײַנגעשלונגען א מעסטל האָבער.

מענטשן פאָרן ווי מענטשן.

מיך אָבער האָט עס פארשלעפּט קיין ראָסטאָוו. איינער א מיליציאָנער ווײַזט מיר א נײַעם מארשרוט צו דער וואָלגע דורך באטײַסק.

...קאלמיקער סטעפּעס ליגן פארוואָרפן אין דער זײַט פונעם וועג, קאָכט דאָ ווייניקער, און ביזוואנען מע דערלעבט זען די סטאנציע פּראָלעטארסקאיא אָדער א פּאָלוסטאנאָק, קריכן ארויס די אויגן.

אויסגעבאָדן זיך אין טײַך מאניטש, פארקעמט דעם טשוב, אָפּגעפרישט זיך, פאָר איך ארײַן טיף אין א באלקע, נאָר ווײַטער איז ווידעראמאָל סטעפּ.

איך שלאָף איבער אין קאָטעלניקאָוואָ, טו אַ פרעג באַ אַן אָרטיקן, צי ווייסט ער ניט דעם וועג אַף וואָלגאָגראַד.

— פאַרוואָס ניט? מע קאָן פאָרן מיטן אַלטן גריידער, דורך די סאָווירטן, מיט די עסטאַקאַדעס...

אופגעשטעלט זיך אַף אַ פאַרוואָרפענער מאָלאָטילקע, שריַי איך ניט מיט מיַין קאָל: אַ־הו! אַ־הו! אַ־הו!

קיינער ניטאָ.

בענזין אין באַק — איין פערטל.

עסן — קאַדאָכעס.

ווּהין פאָרן? רעכטס, לינקס?..

נאָך אַ צוואַנציק קילאָמעטער קריך איך מיט די עסטאַקאַדעס און שטעל זיך אָפּ.

אין פעלד שיַינט דער גאָלדענער ווייץ, פייגעלעך זינגען, ערגעץ זשומעט אַ „כ.ט.ז.“.

ווי פון אונטער דער ערד, יאַוועט זיך אַ מאָטאָציקל.

— מענטש!

— נו, יאָ, איך בין אַ מענטש...

שיר ניט אַרומגעכאַפּט קושן דעם קאָלווירטניק, זיך נאָכגעפרעגט, וויִאַזוי אַרויספאָרן אַפן שליאַך, און בין, ווי גאָרניט וואָלט געשען, געקומען אין זשוטאָווקע.

דאָרטן, אַף דער סטאַנציע, נעם איך אין קאַבינע אַ באַבעצי מיט אַ קעסטל אייער, און זי פאַרפירט מיך בעשאָלעם צו דער וואָלגע, ווו איך יאָג אָן פּירסאָוון מיט דער קאָלאָנע.

■

אַ פריילעכע זאַך: אַרויסשפּרינגען פון דער מאַשין, אַראָפּלאָזן זיך באַרג־אַראָפּ און הינטער אַ טיפער באַלקע דערזען די וואָלגע...

צוויי צענדליק יאָר זיַינען אַריבער נאָך דער מילכאָמע, האָסט שוין לאַנג אויסגעטאָן די שינעל און דאָך — פונקט ווי דעמלט, אין פּעוורואַל

טויזנט ניַין הונדערט צוויי און פערציק, פארבייג איך זיך אויך איצט פאר דער וואָלגע.

אך, ווי געשמאַק עס טרינקט זיך דאָס וואסער, אין וועלכן די נאטור האָט מיט איר לעפעלע אויסגעמישט וויַינטרויבן־זאפט, דער מאמעס מילך און די זאפטן פון דער מאמעניוּ־ערד.

איך דערקען אין דיַין שטראָם דעם שטילן בוג, דעם האסטיקן אמור און אפילע דאָס ריטשקעלע, וואָס אין שטעטל האָט מען מיט אזויפיל היימישער ליבע גערופן בלאָטע־טיַיך.

און איך וויל גאָר ניט וויסן, צי היטלער־סאָבאקע האָט דאָ געוואשן זיַינע ברודיקע קאָפּיטעס, כאָטש דאָס גרילצעריַי פון פרעמדע טאנקען ארום דעם טראקטאָר־זאוואָד קלינגט מיר אפילע נאָך היַינט אין די אויערן.

אין דיַינע וואסערן פליסן אזויפיל פארגאָסענע טרערן — טרערן פון בורלאקישע ארטעלשטשיקעס און סאָלדאטסקע מאמעס...

צו פופצן יאָר בין איך שוין געווען אף דיַינע ברעגן און פונדאנען זיך געלאָזט צו א צווייטן רוסישן טיַיך — צום גרויסן אמור...

אָפּטמאָל פלעג איך בליַיבן שטיין, ווי פאר צוויי קאלעס: ווער פון איַיך ביידע איז שענער — די וואָלגע צי דער אמור? וואָס איז מיר ליבער: דער שיר־השירים, „איי אוכניעם!", צי דאָס פארוויגנדיקע געזאנג פון דעם אמורער וואלס?

מיר שטייען מיט פירסאָוון בא דער וואָלגע, איַינגעשלונגען וואָלטן מיר די כוואליע מיטן שוים, ווי א פרישע גלאָז ביר... גיסן מיר אָן די פליאגעס מיט היימיש וואסער און טראָגן דעם אויצער צו די מאשינעס, וואָס ווארטן מיט גרויס אומגעדולד.

■

אזוי הייבט זיך אָן וואָלגאָגראד:

אן עפל־סאָד פון רעכטס, וויַינשל־סעדער — לינקס. קאָטעדזשן, ווי־דער וויַינשל־סעדער, שטיבעלעך, ווי ליאלקעס.

דאָס איז דער ערשטער וואָלגאָגראַד.

אין צווייטן וואָלגאָגראַד שטייען שוין זעקסגאָרנדיקע הייזער פון ווייסע ציגל. אפן ניצאָכן־פּלאַץ — א מאָנומענט פאר די סאָלדאטן, וועלכע זיינען געפאלן אין די שלאכטן פארן לעגענדארן צאריצין, און פּליטעס פון גראניט פאר די גיבוירים, וואָס האָבן באפרייט וואָלגאָגראַד.

אופגענומען האָט מען אונדז מיט מוזיק. סאמאָסוואלן שטייען אף די טראָלערס, ווי הארמאטן, גרייט סאַליוטירן.

פירסאָוו קוקט אף מיר בייז. שוין דאָס וויפלטע מאָל — איינע און די זעלבע קאשע: ווער האָט דיך געשיקט אין קאָלמיקער סטעפּעס? ער, דער בריגאדיר, האָט אלעמען געוואָרנט: בא דער ערשטער פּערעפּראווע נעמט מען זיך צונויף.

איך שטיי פארן בריגאדיר, ווי אן אָפּגעשמיסענער, און האָב אים ניט וואָס צו ענטפערן. אז איך קוק זיך גוט איין, דערזע איך אפן שליאך זיך אליין, א באָכערל מיט א צעריסן היטל, דעם דאשעק אף הינטן, באָרוועס... דאָס איז די זאָרגלאָזע און אָרעמע קינדהייט מיינע. און ווי איך פיל זיך אזוי שולדיק און פארלאָרן, טוט מיך פירסאָוו א טשמעליע אין פּלייצע:

— אָבער א שאָפער, שיקעלע, ביסטו אן אייזערנער, א רועך דיר אין די ביינער אריין!..

אין טרעסט, וווהין מיר האָבן געבראכט הונדערט נייע מאשינעס, האָט מען געמאכט א געשמאקן מאָלצייט, און פירסאָוו האָט מיך שטראָפירט מיט אן איבעריק גלעזל...

נאָכן מאָלצייט — א לעבלעכער דוש, ציכטיקע געלעגערס. גאנצפרי — אפן אעראָדראָם. מיטן אעראָפּלאן — אהיים.

וואָלגאָגראַד, 1961

א טאָג אין בראטסק

פארן ארויספאָרן אין ווײַטן וועג ארײַן גיי איך ארום, ווי אין א טהאָם. א גאנצע נאכט שלאָף איך ניט: וואָס ווארט דאָרט אָף מיר, אין סיביר?..

קינד־און־קייט ווייסט, אז סיביר איז אמאָל געווען א דושעהובקע פאר מענטשן. מיטן עטאפ האָט מען אהין געטריבן, ווי אין גענעם ארײַן. איך אָבער פאָר מיטן עקספרעס אָף בראטסק — אין דער טײַגע, צו דעם וואונדער־טײַך אנגארא, וואָס נעמט זײַנע וואסערן פונעם בלוי־גרינעם בײַקאל.

אין דער פינפטער קופע שפילן שוין פארשוינען א זעקס־און־זעכציק. אין פענצטער האָט ווידער א שפריץ געטאָן א רעגנדל, ווערט פרישער די לופט. ס׳איז מיר גרינג צו עטעמען, ביפראט אז די זון מאָסטעט זיך שוין אײַן אָף נאכטלעגער אין איר קייסער־שטול, געמאכט פון צוויי שטיקער כמארעס...

— וועלכע סטאנציע?

— סעמיבראטאָוואָ...

אין וואגאָן שלאָפט מען שוין, נאָר ביידע קאָרטנשפּילער זײַנען וואך:

— די מאָשקארא דערלאנגט...

— מיך בײַסט זי ניט.

— איר טראָגט מיט זיך מיסטאמע האָלאָוועשקעס, וואָס רייבערן זיך.

— ניין, איך שמיר דאָס פּאָנעם מיט טײַגע־ראָסל.

— אפילע מיט דזעגעכץ העלפט ניט...

עס גייט אוועק א שמועס, וואָס נאָר אין וואגאָן הערט מען אזעלכס.

■

...באנאכט האָט זיך די אנגארא געלאָזט לויפן צו איר געליבטן יעניסיי, נאָר דער אלטער בײַקאל שלאָפט ניט, שנײַדט איר איבער דעם וועג, ווארפט שטיינער אין וואסער ארײַן.

די ליבע איז אָבער שטאַרקער פֿונעם זאָקנס בייזן ווילן: קאַיאָר, פֿאַר־גליווערט פֿון קעלט, איז די אַנגאַראַ אַרײַנגעפֿאַלן אין די אָרעמס צום יעניסיי. אַדהײַעם שטעקן נאָך די שטיינערנע הליבעס — די פֿאַדונער שוועלן — אין מיטן שטראָם, ווי אַ ביין אין האַלדז, דער שיינער מויד...

קיינער ווייסט ניט, וויאַזוי און פֿון וועמען, נאָר לעגענדעס גייען אַרום, אַז זי האָט געהאַט אויך קינדער, די אַנגאַראַ. אַ סימען האָט איר, אַז בײַ־שכיינעס מיט דער מאַמען רינט דאָס קליינע טײַכל קאָרשוניכע...

נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן האָט עס אַהער פֿאַרטיעס געאָלאָגן פֿאַר־וואָרפֿן. מע האָט דורכגעשניטן שורפֿן און סקוואַזשינעס, געפֿונען אַ גאַנצן אוצער מיט אײַזנאַרץ.

יאָ, דאָ, אין די בראַטסקער אָסטראָגן, לויגט אוואַדע אוועקשטעלן אַ הידראָסטאַנציע, ווײַל אַף אויסשמעלצן איין טאָנע מעטאַל דאַרף מען טויזנטער קילאָוואַט־שאָ ענערגיע...

עס שאַריִעט שוין אַף טאָג. מיר פֿאָרן אַרײַן אַלץ טיפֿער אין דער טײַגע. דורך עטוואָס אופֿגעעפֿנטע פֿענצטער שמעקט אין וואַגאָן מיט סמאָלע.

■

אַף דער צווייטער פּאָלקע, קעגן מײַן געלעגער, פֿאָרט אַ באָכער, וואָס גאָט אַליין האָט אים צו מיר צוגעשיקט.

איוואַן ניקאָלײַעוויטש באָריסאָוו איז אַרײַן אין קופּע אַף אַ קליין פּאָלוסטאַנעקל.

— איך בין פֿון בראַטסק. מיסטאַמע האָט איר געהערט: דעמידאָווס דינאַסטיע...

— נו, — זאָג איך, — אַ באַוווּסטע זאַך, דער אַמאָליקער באַלעבאָס פֿון אוראַלער זאַוואָדן...[1]

— מײַן בריגאַדיר איז דמיטרי דעמידאָוו.

---

[1] געמיינט דעם אוראַלער קאַפּיטאַליסט דעמידאָוו.

— יענעם דעמידאָווס א פּריַינטל?..

— ניין, ניטאָ מער אין סיביר די געלע ליכאָראַדקע... פּאַשעט איין פאַמיליע.

און ס'איז אוועק א שמועס.

דעמידאָווס אָפּאַלובשטשיקעס, און אויך באַריסאָוו צווישן זיי, האָבן סאַך טויזנט נייַן הונדערט פופציק פערטן יאָר אומגעוואַלגערט דעם ערשטן בוים אין טייַגע, דערנאָך געהאט די ערע שטעלן אָפּאַלובקעס צום ערשטן בלאָק, פּאַוואָליע זיך אויסגעלערנט באַלעבאַטעווען באַם צוויי־און־דרייַסיק־קילאָגראַמיקן וויבראַטאָר...

— דער בלאָק באַשטייט פון זיבן יאַרוסן. הייבן מיר איצט אָן פונעם ערשטן, — אַזוי האָט דמיטרי דעמידאָוו געלערנט באַריסאָוון, — קוק זיך צו, ווי מע לייגט דעם בעטאָן, ער זאָל דעם בלאָק ניט אומוואַלגערן...

יאָרן זייַנען דורכגעפלויגן, מע האָט זיך שוין פון לאַנג „אָפּגעריסן" פון דער ערד. צום בלויען הימל גייט איצט דער גרויסער בעטאָן. סקעפּ־טיקער האָבן שטיקער געריסן פונעם הויפּט־אינזשעניער גינדינען, אַז צוימען די אַנגאַרא קאָן מען נאָר זומער. אָבער ער, מאָרדכע דעם זייפנ־מאַכערס זון, ווייסט שוין, וויאַזוי דעם ווילדן טייַך אָנזייפן א מאָרדע. אַף זייַן לעבן האָט ער ניט איין טייַך איַינגעשטילט.

אין קופּע שפּילט מען אין „אַקולינע", מע טוט אָן איינער דעם אַנדערן „פּעלצן". דער לאָקאָמאָטיוו טאַסקעט אונדז אָן ראַכמאַנעס. רעדער שמועסן צווישן זיך איינטאָניק: טייַשעט, טייַשעט...[1]

דאָרט, וווּ דער וועג איז א נייַער און עס איז דאָ בלויז איין ליניע, שטייען מיר באַ א סטאַנציע טשונאַ, וואַרטן אין וויכראָוקע. די וואַגאָנעס קריכן פּאַמעלעך אַרום די סאָפּקעס, ווי שלענג.

פאַר די אויגן שווימען וווּקסיקע יעלן, פּיכטעס, זעלטענער טוט א שעמעריר די קלאָר־ווייַסע בעריאָזע. עס וואַרפט זיך דורך א מאָנגאָלישער דעמב.

זייער זעלטן זעט מען א פאַרזייט שטיקל ערד. פון צייַט צו צייַט טוט

---

[1] א שטאָט אין סיביר.

זיך צווישן די וועלדער א וואָרף, ווי א פישעלע, דער זוניק־בלענדיקער טײַך טשונא.

באָריסאָוו טאַנצט פרײלעך אראָפּ פון דער פּאָלקע: מיר זײַנען שוין אין דער היים...

און פּונקט ווי די קאָנדוקטאָרשע וואָלט ספּעציעל אויסגעטײַטשט איוואן ניקאָלײַעוויטשעס ווערטער, טוט זי א רוף אויס:

— אָסינאָווקאַ! (אזוי האָט געהייסן דאָס קלײנע סטאַנציעלע, וואָס רופט זיך שוין אצינד הידראָסטראָיטעל).

— אף דער פינפטער מיקראָגאַס, — זאָגט איוואן ניקאָלײַעוויטש צום שאָפער.

— מיקראָ?..

פאר מײַנע אויגן עפנט זיך די פּאַנאָראַמע פונעם קאָמפּלעקסנעם מיקראָ־קאָמבינאַט: דרײַגאָרנדיקע פון ציגל געבויטע הײַזער. מיקראָ — הייסט קליין. נאָר אזוי רעדט זיך נאָר. דער קאָמבינאַט הייסט „מיקראָ" דערפאר, ווײַל, פאַרקערט, אין אים גייען אריין צענדליקער קאָמבינאַטן...

א שטאָט ווי א שטאָט — מיט א קינאָ־טעאַטער און מיט קלייטן. באַם קלוב שפּילט מוזיק, מע שיסט אין „טיר", וואָס שטייט, ווי אף לײַטיש געלעכטער, אין דער טײַגע. א סאך מענטשן אין צירולניע, קינדער הוידען זיך אף דער הוידעלקע...

אַלעקסאַנדער מוכא, א קראַנאָווששיק, וואָס ארבעט אויך אין דעמי־דאָווס בריגאַדע, באַגעגנט איוואן ניקאָלײַעוויטשן, נעמט אים ארום:

— С новосельем!..

פאר דעם כוידעש, וואָס באָריסאָוו איז געווען אין אורלויב, האָט זײַן ווײַב באַקומען א נײַע דירע: צוויי צימערן, א וואַנע, וואַסער.

איך נעם ניט אראָפּ די אויגן פונעם קראַנאָווששיק — שיין, געזונט. ווער האָט אים געקרוינט מיט אזא פאַמיליע — מוכא...

קומט דער טאָג, גייט די זון אויף אין סיביר ברייט און ליכטיק, ווי דאָס קומט, ווארשײַנלעך, דעם לוסטיקן קאנט.

מיט ציטעריקע טריט גיי איך צו צו דער אנגארא.

— אָט זײַנען זיי, די פאדונער שוועלן, — טוט מיך באַריסאָוו א שטויס אין אקסל.

מיטאמאָל באווײַזט זיך די דאמבע! פונעם ברעג זעט זי אויס, ווי א מין גרויסע שיף. פינף פאַרטאלנע קראנען שטייען אויף די עסטאקאדעס...

ייִנגלווײַז פלעג איך פון ליים מאכן מילן און שיפן. נאָר טוט א גאָס פון די רינוועס, צעשווענקט דאָס וואסער מײַן האָרעוואַניע...

נו, און דאָ איז אוואדע געמאכט פעסטער...

איך מיר צעשפילט זיך דאָס ייִנגל. איך נעם א שטיינדל באם ברעג און לייג עס ארײַן אין פאזעכע.

נאָכאמאָל טו איך א קוק צו דער דאמבע און בין איבערגליקלעך, ווײַל נאָר א מאזלדיקן מענטשן איז באשערט אזוינס מיט די אייגענע אויגן צו זען.

יאָ, קינדווײַז פלעג איך אויך מאכן טורבינעס: צוגעלאקכנט א דייזש־קעלע בא נאכמען דעם באַנדער, ארײַן מיט דעם אין ריטשקע, געווייקט דאָרט אזוי לאנג, ביז עס פלעגט זיך פארדרייען דער קאָפּ...

דער שאָטן פונעם וואלד מאכט טונקלער און אפילע א ביסעלע מוטנע דאָס וואסער, נאָר סײַוויסײַ ווילט זיך מיר א טרונק טאָן פונעם טײַך — אָנזעטיקן מײַן דאָרשטיקע נעשאָמע.

טײַגע־ביימער שווימען אין מוטנע וואסער, ווי אָפּגעשונדענע בייגער... אויסגעצויגן די לאפעס, ווי א וועלפיכע, שפארט זיך אָן די גרויזאמע דאמבע פון לינקס און פון רעכטס אויף צוויי גראניטענע פונדאמענטן. פינף־און־צוואנציקטאָניקע לאסט־אווטאָמאָבילן וואלגערן אָן ארום די סקאלעס שטיינער און ברוך, די דאמבע זאָל זיך ניט כאָלילע קיין רוק טאָן אין א זײַט.

מיטן שמאָלן סטעזשקעלע לאָז איך זיך אראָפּ נעענטער, נעענטער...

אפן רעכטן ברעג זשומען בעטאָן־זאוואָדן. דאָרט איז דער הידראָמאָנ־טאזש.

צוואנציק טורבינעס קוקן מיט זייערע אָפענע מײַלער צו ביידע עס־טאקאדעס:

— שיט בעטאָן! וואָס מערער בעטאָן!

איך שטיי אזוי פארכאָלעמט אין סאמע קאָך בא דער דאמבע און זע, ווי דאָס פלינקע מיידל ליליע זײַצעווע פירט זיך ארום מיט די קראנען: „מײַנא — ווירא"! אראָפּ — ארוף...

ארום דער בעטאָן־עסטאקאדע דרייט זיך די גאנצע כאסענע: ווען קלעזמער זאָלן א דרינזשע טאָן מיט זייערע טאצן, וואָלטן כעוורע אוועק א טאנץ — אזוי לעבעדיק און פריילעך ארבעט זיך דאָ. ס'איז פּאָשעט א פארגעניגן צו שפיגלען זיך אין אָט דער שיינער פּאנאָראמע און זען, ווי־אזוי די פאדונער פעלדזן גלײַכט מען אויס די ביינער...

— אָט גייט מיכאיִל דאווידאָוויטש אָסאָווסקי, דער באלעבאָס פון דער טײַגע! — שרײַט צו מיר באָריסאָוו. ער דערציילט, אז דער אינזשעניער אָסאָווסקי פירט אָן מיט די מענטשן, וואָס רייניקן אָפּ פונעם אייביקן וואלד דאָס אָרט פאר דער בויונג.

— ווען איך קוק אין טײַך ארײַן, — שמייכלט, צוקומענדיק, מיכאיִל דאווידאָוויטש, — ווײַזט זיך מיר אויס, אז א קינד טרינקט זיך און אלע די, וואָס גייען דאָ ארום דער אנגארא, ראטעווען דאָס נעפעשל...

ס'איז פּאָשעט א פארגעניגן צו הערן, ווי עס רעדט דער אינזשעניער אָסאָווסקי.

ער פארײַסט דעם קאָפּ צום פּאָרטאלנע קראן, שמייכלט:

— בעטאָן פונעם קאָך... מע קאָן די בריגאדע גאָר ניט אָנהאָדעווען... איר האָט שוין עפּעס געגומען אין מויל ארײַן?..

מיר זעצן זיך אפן פּאנעל, און איך באמערק, אז בא אָסאָווסקין פונעם ארבל קוקט ארויס א פּראָטעז אין א שווארצער לעדערנער הענטשקע.

ענטפערנדיק אַף מײַן קוק, זאָגט ער:

— אמאָליקע יאָרן פלעגט מען אָן א האנט זײַן אן אינוואליד. און הײַנט איז מען עס בלויז דאן, ווען מען איז אָן א קאָפּ...

...שטאמען שטאמט מיכאיל דאווידאָוויטש פון ראָסטאָוו. געווען פון די אויסגעשפּילטע כעוורע אַף דער גאס קאָנקריסטיא... צי ניט דערפאר טאקע האָט אָסאָווסקי־קאוואלעריסט, בעשאסן געשלעג מיטן דײַטש, דעם סאמע געזונטן היטלעראָוועץ אַף זײַן שארפער שווערד גענומען, ווי א בורעק אפן צוואָק?..

די טײַגע איז מיכאיל דאווידאָוויטש דורכגעגאנגען פון אקינסקער וואלד־מאסיוו ביז אָזיאָרנאיא — דער סיבירער „ריצא". אצינד ראמט ער די זאָנע פונעם קומענדיקן בראטסקער יאם. „ניט אנדערש, איך בין א מין דוואָרניק"... — לאכט ער, דער בארימטער אינזשעניער.

דאָס אַלץ וואָלט אוודע געווען גוט, ווען די אנגארא זאָל זײַן א באַ־לעבאטישע טאָכטער, ניט פארטריקענען אָסאָווסקיס האָרעוואניע. נאָך א פארפלייצונג טראָגט עס אָן קלעצער, פניאָקעס, שפּענער, בורעלאָם — רייניקט מען אפסנײַ די זאָנע, קעדיי שיפן זאָלן מיט דער צײַט דאָ שווי־מען, ווי אין דעם שווארצן יאם.

— פאראן דאָ ווו צעלאָזן די ווישקעס, מיכאיל דאווידאָוויטש, — טו איך א זאָג און קוק, ווי די פאַדונער פעלדזן שלאָפן נאָך פליצע־צו־פליי־צע, אָבער ערגעץ צווישן זיי צינדט זיך שוין אָן די ערשטע שײַן. אָסאָוו־סקי מאָלט אפן זאמד אלייעס און גאסן, פארקן און פלעצער. ס'וועט זיך צעוואקסן א שטאָט... ס'וועלן זײַן פאבריקן און שיפן, און א יאם וועט זײַן, און אויך א יאם מיט שײַן...

■

איך דראפּע זיך ארוף צו דמיטרי דעמידאָווס בריגאדע — הונדערט זעקס און צוואנציק מעטער אָן א לייטער.

דעמידאָוו — ניט קיין הויכער יונגערמאן מיט שטארקע הענט און הונגעריקע אויגן, וואָס בעטן:

— בעטאָן, בעטאָן...

אַלעקסאַנדער מוכא, פאַרקערט, א לאַנגער באָכער, וואָס שפּאַרט אונטער די צווייטע עסטאַקאַדע. אין פּאָרטאַלנע קראַן זיצט ער מיט א זײַט און א ביסל אײַנגעהויקערט, נאָר זען זעט ער פּאַר א מײַל...

אָט גרייצט אין קאָטלאָוואַן באָריסאָוו מיט זײַן געמבע:

— לילייע איוואַנאָוונע! שיט, זײַט מויכל, אונטער א פּאָר לעפל סמעטענע...

זײַצעווע רייניקט מיט דער לאָפּעטע די דייזשע פונעם צוגעזאָטענעם בעטאָן, ווי א גוטע באַלעבאָסטע דאָס טייג אין באַקדייזשע. זי קוקט דערבײַ צום קראַנאָווושטשיק: וואָס דרייט ער זיך הײַנט, מוכא, אין טורעמל פון דעם קראַן, ווי די אַנגאַרא בא דער פּלאָטינע?..

ניין, ער זעט אַלצדינג, ער זעט אף א מײַל, אַלעקסאַנדער מוכא. אין א רעגע אַרום איז שוין דעמידאָוו צופרידן: בעטאָן גייט, סוואַרשטשיקעס שפּריצן מיט פײַער, זײַצעווע נעמט פלינק אוף די מאָרדע פונעם קראַן — שפּיל, שפּיל, מוכא, מיטן קאָכלעפל, ווי א פוטבאָליסט מיטן מיאַטשיקל...

— וויפל גיסט איר אַרײַן בעטאָן אין די בלאָקן פאַר איין וואַכטע? — טו איך א פרעג באַם בריגאַדיר.

— דרײַ הונדערט קובאָמעטער, — ענטפערט דעמידאָוו, — די נאָרמע איז הונדערט זיבעציק...

באָריסאָוו שרײַט פונעם בלאָק:

— ליליעטשקע! מע דאַרף דיך כאַסענע מאַכן, וועט גיין בעסער דער בעטאָן!..

נאָר דעמידאָוו קוקט שוין אפן זייגער, ווי עס טוט א ריכטער אפן סטאַדיאָן:

— פאַרענדיקט דעם מאַטש, סאָף סמענע!

נאָכן מאָלצײַט גייען מיר מיט דמיטרי איוואַנאָוויטשן צוריק אף דער דאַמבע, און אין איינוועגס דערציילט ער מיר דעם ייִכעס פון „דעמידאָווס דינאַסטיע“.

יאָרנלאַנג האָט מען זיך געשיפּט איבערן יעניסיי אַף פּליטן. ווילד און אומעטיק, קויטיק און פאַרוויסט איז אַמאָל געווען סיביר. מיטן אָרעמען סקאַרב איז דעמידאָווס זיידע, איינעם מיט נאָך אַ סאַך געפּענטעטע קאַטאָרזשניקעס, געקראָכן אַהער קיין אָסינאָווקע. ניט איין מאָל האָט מען זיך געטרונקען אָדער געלעגן בײַ אַ כײַע צווישן די נעגל, ניט איין מאָל געשוואָלן געוואָרן פון הונגער...

דעמידאָווס כעוורע אַרבעטן הײַנט אַפן ערשטן אַגרעגאַט. ווי די ריזן, נעמען זיי אַרום און פאַראַנקערן די פּעלדזן אַפן רעכטן ברעג טײַך. צוויי טויזנט קובאָמעטער בעטאָן אויסערן פּלאַן האָט מען אַרײַנגעוואָרפן אין די בלאָקן.

אַלץ איז דאָ גרויס, ווי עס וואָלטן פאַרבלאָנדזשעט אַהער פאַרצײַטיקע שימשן־האַגיבערס. איין קראַן לאָזט אַראָפּ אין קאָטלאָוואַן אַרײַן דעם צווייטן, ווי אַ קינד פונעם בוידעם. און דאָרט, אין קאָטלאָוואַן, שטעלט דער צווייטער, דאָס קינד, הייסט עס, אַרויס דעם כאָבעט, נעמט אַ טראַקטאָר אונטער די פּאַכוועס און טראָגט אים איבער אַף דער צווייטער עסטאַקאַדע...

אומזיסט ווילדעוועט דער טײַך, ווי אַ צאַפּ אַפן שטריק; דעמידאָוו מיט זײַנע סיביריאַקעס פּוילן זיך ניט סײַ זומער, סײַ ווינטער. ניטאָ זיך וואָס צו בריקעווען — ליג זיך, טאַטעניו, אַף די לאָפּאַטקעס...

הונדערט פיר טאָן וועגט דאָס רעדעלע פונעם אַגרעגאַט, יעדע טורבינע וועט געבן צוויי הונדערט טויזנט קילאָוואַט־שאָ, אַלע צוואַנציק טורבינעס — סאַכאַקל פיר מיליאָן!

■

אַ זעלטן וואַרעמער סיבירער טאָג. אווטאָבוסן און לאַסט־מאַשינעס פירן דעם אַרבעטער־קלאַס: וועמען אַפן רעכטן ברעג, וועמען אַפן לינקן און וועמען צו די בעטאָן־זאַוואָדן.

פיר אַזייגער באַטאָג בײַטן זיך די מישמוירעס. דערזע איך פון אַ הויך אָרט, פון דער בראַטסקער פעסטונג, וואָס שטייט שוין דרײַ הונדערט

יאָר, א מעכײַעדיק בילד: אף די עסטאקאדעס גייען מענטשן אין דער ריי, ווי אין לעגינס מאוואָליי...

אזוי פירט זיך שוין דאָס לעבן: אפילע די פאדונער פעלדזן קאָן מען אָנטאָן א צוים, אפילע די אנגארא קאָן מען אָפּשטעלן, פארקאָוועץ זי אין גראניט און בײַטן איר דעם גאנג.

אָבער אָפּשטעלן די מענטשן, ווען זיי גייען אף דער ארבעט, די מענטשן, וואָס גיבן שײַן דער וועלט, — אף אָפּשטעלן זיי איז נישטאָ אזא קראפט.

בראטסק, 1961

■ ■ ■

שאכטיאָרן

וועלדער שמעקן מיט ניס, מיט כוואָיע און בערעזע־זאפט, מיט דעמבענער קאָרע און ליפּע; אנדערש איז דער רייעך אין דעם קאנט באם דאָנעץ. פאָרט איר נאָר דורך איזיום, די פאָרשטאָט פון דאָנבאסער באסיין, אזוי טועך אײַך א קלאפּ אין דער נאָז ארײַן פרישע, געשמאקע קוילן־רייכעס, וואָס דערמאָנען מיט עפּעס דעם רייעך פון ברויט.

א זון גייט דאָ אוף, אין דאָנבאס, א פארהאָרעוועטע און אויסגעמאַטערטע פון דער נאכט, — א זון מיט רויטע מאנצבלשע אויגן.

וואָלקאנישע דונערס האָבן דער מאמעניו־ערד צעקנייטשט איר צורע, אָנגעוואלגערט בערג און טאָלן, טאָלן און בערג. פעלדער ליגן דאָ צעקרימט און צעקאָרטשעט פון די וויטעקן און גרימעניש. ווײַזט אויס, אז עס האָט זיי געקאָסט ניט ווייניק בלוט און שוויס, ביז די אויצרעס בארגמינים האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אין דער ערד. דערפאר אָבער קוקן אויך אזוי צעפּעסטעט די שאכטע־קאָפּנעס מיט זייערע פולע מילך־בריסטן, נאָך ניט קיין אויסגעמאָלקענע.

ווען איר פאַרט באַנאַכט פאַרבײַ דעם ישעוו דעבאַלצעוואָ, איז איבע־ריק צו פרעגן, ווו עס געפינט זיך א שאַכטע: מעגנירע־לעמפעלעך ווינקען פונעם פארנעפלטן טעריקאָן, און וואָס העכער עס איז דער באַרג אַש, אַלץ עלטער איז אָפּגעם די שאַכטע.

פיאָדאָר וואַסיליעוויטש דודין, דער באַרימטער שאַכטיאָר, ווען מען איך האָב אין דאָנבאַס, צו מאַזל, באַגעגנט, איז אַפילו נאָך עלטער פונעם אָנ־געשאָטענעם באַרג, וואָס ליגט אין דער טיף פונעם דאָנעצער באַסיין.

דער צאָפּן־דאָנעץ רינגלט דאָ אַרום די פעלדער, ווי א שנירל פּערל אַרום האַלדז. ניין, ניט די באַכמוטקע, ניט די ריטשקע ליכאַיאַ, — זאָגט פיאָדאָר וואַסיליעוויטש דודין, — נאָר דער דאָנעץ, וואָס איז אַליין נע־בעך זשעדנע אויף אַן איבעריקן טראָפּן, איז בעקויעך אויסשווענקען דאָס פאַרטריקנטע מויל פון דאָנבאַס.

דאָך, ניט געקוקט אויף דער טריקעניש, זײַנען פאַרשיידענע מיסיאָנערן געקראָכן אַהער, אין דער שטויביקער היץ. געקראָכן אַהער איז דער פראַנצויז לע־פּלע, דער ענגלענדער מורטשיסאָן, דער דײַטש גיל... זיי האָבן ניט ווייניק בלוט און שווייס אויסגעצאַפּט בײַ די בניי־דודינס.

ס'איז געווען אַמאָל: פאַלט אַראָפּ די טאַטשקע פון דער קאָלייע, שפּאַרט פיאָדאָר דודין אונטער די „לימאָנאַדקע" — זײַן ברייטע פּלייצע, וואַרפט אָן די קוילן אויפן שליטן, שפּאַנט זיך אײַן, ווי דאָס בלינדע פערד. עס וויאָקעט אויף אים דער רײַכער דײַטש גיל:

— שנעלער, שנעלער!

פּרווו נאָר פיאָדאָר א זאָג טאָן דעם באַלעבאָס: „טרײַב מיך ניט, די שטאָט אַקסיי ברענט ניט", — טוט אים גיל א שניט איבערן רוקן מיט דער אײַזערנער רוט:

— פאַרפלוכטער שווײַן, שנעלער, שנעלער!

א לאַנגע פינצטערע נאַכט איז געשטאַנען איבערן קאָפּ, נאָר פיאָדאָר דודין האָט דאָס שאַכטיאָרישע העמערל ניט געוואָרפן, טאָג־אײַן, טאָג־אויס געגעבן קוילן אַרויף. שיפן, אויוונס און קעסלען האָט דודין געהייצט מיטן גאָלדענעם אַנטראַציט. שאַכטיאָרן פלעגן בלינד ווערן, דערזעענדיק נאָך דער טיפער פינצטערניש די ליכטיקע שײַן.

אַנגעוואַרעמט זיך, האָט מאַטושקע־רוס א טרייסל געטאָן מיט די שטאַרקע אַקסל. שיסט די „אווראַרע", רויטגוואַרדייער שטורמעווען סמאָלני, אויך דודין צווישן זיי. דערנאָך — ווידער אין שאַכטע, די קעס־לען און שמעלץ־אויוונס זאָלן קאָכן און זידן און ברענגען וואַרעמקייט און ליכט דעם אייגענעם פאָלק...

שטאַרקער פון דודינס פּלייצע איז עפּשער נאָר די ערד אַליין, ווייל וויפל מאָל אין זיין לעבן האָט פּיאָדאָר וואַסיליעוויטש געבויגן דעם רוקן זיינעם, און ניט דער דייטש גיל, ניט די דריי מילכאָמעס האָבן אים ניט איינגעבראָכן.

געקומען פון בערלין אין פינף־און־פערציקסטן, איז פּיאָדאָר דודין גלייך אוועק אין שטרעק האַקן קוילן.

פיר באַנים דודינס — אין איין בריגאַדע מיטן טאַטן.

אין ברעזענטענע רעקלעך, איינער געזינטער פונעם אַנדערן, שטייען לעבן פּיאָדאָר וואַסיליעוויטשן און מאַטריאָנאַ איוואַנאָוונאַן, זיין ווייב, די זין זייערע: פּיאָטער, איוואַן, סערגיי און — מייער...

איך הייב אָן צו פינטלען מיט די אויגן. פּיאָדאָרס פאַרקוילטע פּאָנעם, זיינע שטופּלען שמייכלען, און מיך נעמט ניט קיין געלעכטער, איך מוז איבערפרעגן: מייער?

— מייער.

— מיין זיידע האָט געהייסן מייער, פּיאָדאָר וואַסיליעוויטש, — לאַך איך שוין, — אָבער ווי קומט צו דודינען?..

— מיר האָרעווען, מיר אַרבעטן און אַקערן די ערד... — פאַרציט מייער דודין א לידל, הענגט אויף איבערן אַקסל דאָס שאַכטיאָרישע לעמפּל, און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין.

בא דער שאַכטע שטיי איך צווישן די שאַכטיאָרן — אויך אין ברע־זענטענע הויזן און אין גומענע שטיוול, דאָס קישקע־לעמפּעלע מיטן „ראַטעווע"־קעסטל איבערן אַקסל. עמעס, קיין זעכצנפונטיק העמערל, קיין שטאַנגען, קראַנקעס־געציייג, מיט וועלכן מע דערביוועט קוילן, האָט מען מיר ניט מיטגעגעבן, ווייל מיין זאַך איז — שרייבן.

װעלװל שפונט, דער בארג־מײַסטער, כאָטש אים קומט אויס אָפטער פון מיר קריכן אין שאכטע, איז דאָך פארטראכט און ערנסט, װי באם טאָן א ניט געװײנלעכע זאך. ס'איז צו באמערקן, אז זײַנע שװארצע ברעמען װערן אופגעבלאָזן, װי דעם אינדיקס פעדערן פארן װיכער. בא די שאכ־טיאָרן צינדן זיך אָן אפן שטערן די לעמפעלעך, ניט אנדערש, מע פרוּװט, צי זײ זײַנען טאקע אָף אן עמעס עפעס װערט, אָט די קאנעצלעך, אָדער ס'איז דאָס זעלבע, װי דער טאטע מײַנער פלעגט אָנטאָן דעם שעלראָש, קעדײ פארבלענדן דער װעלט די אויגן, קלוימערשט ער דאװנט...

מײער דודין קוקט אָף מיר שטיפעריש: בישקאָשע, זאָגן זײַנע אויגן, פון א מאָרדע בא אונדזער גאסט, ס'איז קײן אײַנהאָרע פאראן װאָס אויס־צושמירן מיט קוילן־שטויב...

אין ליפט פאָרן דערװײַל דרײַטאָניקע װאגאָנעס מיט באלקעס, װי מע װאָלט אים אויסגעפרוּװט, צי ער װעט מיך אויסהאלטן.

— װעלװל, — טו איך א זאָג צום בארג־מײַסטער, — צו װאָס מו־טשעסטו מיך אזוי? דו פיר מיך אין לאװע, װוּ קאָמבײַנען מעלויצען און שנײַדן קוילן...

— אונדזער שאכטע, — זאָגט שפונט, — איז דיר ניט די ארשינקע צי די פוגאטשאָװקע אין ניקיטאָװקע. — און װי דער אינזשעניער װאָלט מיר װעלן גרינגער מאכן אָף דער נעשאָמע, שמײכלט ער מיט זײַן גאנצן טונקל־ברוינעם פאָנעם, קאָסעט מיט די אויגן. — אין דער לאװע, װוּהין מירן הײַנט גײן, איז דער װערשלאג, די פאָראָדע אזוי צו זאָגן, די גאנצע צײַט אין באװעגונג...

שאכטיאָרן רײדן דערװײַל זיך דורך:

— מאליוטינס רעקאָרד? נו, װאָס, מאליוטין! — שרײַט אײנער איבער דעם אנדערן, װײַל טראָסן ציִען זיך שוין אָן אָף צו נעמען אונדז אין שטרעק ארײַן.

— גיב פאָראָזשניאק צו דער צײַט!.. מאך מיר די פאָסאדקע, פיאָדאָר װאסיליעװיטש!

אין ליפט קלינגט שוין דער גלאָק, װי אָף א קלײנער אײַזנבאן־סטאנ־

ציע. מייער דודין נעמט מיך אײדל, אזוי ווי א כאָסן, אונטערן אָרעם: קום, הייסט עס, אין קאַלטן בעסמעדרעש, יעשוע מיט דער באָרד.

איך מעג שווערן, אז אין דער מינוט האָב איך געטראַכט פון מײַן היים: קאַיאָר פאָרן מיר ארויס מיטן טאַטן פון דער שטאָט. די זון וואַרפט זיך כאַפּן פיש אין דניעפּער, כאַפּט ארויס אַ קאַרפּ מיט גאָלדענע פליגל... אפן פעלד איז טערפּקע פריש. די ערד קאָכט שוין דעם וואַלד וואַרעמעס, האָנען קרייען, דער פרימאָרגן איז פול מיט פייגל־געזאַנג, א הימל א מאַלכעס, שאַ־שטיל...

— פאָיעכאַלי! — שרײַט מיר אין אויער מייער דודין, וואָס האָט, ווײַזט אויס, באַמערקט מײַן פאַרמאַלעכטקײַט.

אין א מינוט ארום בין איך שוין גאָר אין אן אנדער וועלט: קאָרבעס סקריפּען, טראָסן ציִען זיך אָן, דער רעגן גיסט פון די ווענט.

— אין דרויסן איז קאַלט, נאָר דאָס געלט אין קעשענע צעגייט זיך, — כאָכמענען זיך שאַכטיאָרן, און איך נעם אַלץ אָן אף מײַן כעזשבן.

אף צוויי יאַקאָרס האַלט זיך פעסטער די שיף: ווען וועלוועלע שפּונט שמייכלט צו מיר, מייער דודין ווערטלט זיך, איז מיר, לעמיי זאָל איך זאָגן, א ביסל פרייַלעכער אפן האַרצן.

ס'איז דורך ניט קיין סאַך, און מיר שפּאַנען שוין מיט די קאַנעצלעך אין פינצטערן טונעל.

וועלוועלע שפּונט ציילט די שאַכטיאָרן, צי אַלע זײַנען דאָ אפן אָרט. מע קריכט, ווי אונטערן אייוון נאָך א זיסן בורעק: טוט א קאַפּע אין קאַל־נער, מאַכט עס ניט אויס, אבי דער קאָפּ איז גאַנץ.

פיאָדאָר דודינס בריגאַדע מאַכט די פאָסאַדקע, עס קרעכצט אזש די ערד.

מיטאַמאָל — ווייניק ענערגיע, שוועער דעם קאָמבײַן „דאָנבאַס" וואַלוי־טשען נאָך זיך די לענטע. שטייט דער טראַנספאָרטיאָר, גייען ניט די קוילן אפן באַרג, וועט מען באַם אויסצאָלן דעם לוין באַקומען וואַסער אף קאַשע.

— גיב דעם קאַנאַט, מייער!

— היט זיך!

— וואַסיע, נעם דאָס קלעצל!

— פּאַיעכאַלי!

וואסיל טשאַרנאָבוי, דער קאָמבײַנער, קוועטשט אָן ביידע קנאָפּקעס, דאָס מעסער הייבט אָן שנײַדן „לעקעך", ווערט אזש פרייליכער אפן הארצן — פיר הונדערט טאָן קוילן גיט די לאווע פאר איין ציקל. אין פאַריקן יאָרהונדערט האָט דער גאנצער דאָנעצער באסיין געגעבן נײַן טויזנט טאָן — ווונדער, אף מײַן וואָרט, ווונדער.

מייער דודיק נעמט איבער די וואכטע.

כײַע־ריווע דאווידאָוונע, וועלוועלע שפּונטס מוטער, א יאשער־קויעך אײַך פאר אײַער זון. ער קען גוט די מעלאָכע, ניט אומזיסט האָט איר אים געזויגן און געקעכלט, געגעבן אים שווארץ ברויט מיט פּוטער, הרעטשע־נע קאשע און ווײַניקע אוקראַינער עפּל.

וועלוועלע שפּונט שפּינט גאָלד אין שאכטע. ער גייט אין טיפן שטרעק מיט אזא פארגעניגן, אז עס דוכט זיך: אויב ניט געבן אים שטיינקוילן צו שמעקן, וועט ער, ניט געדאכט זאָל זײַן, דערשטיקט ווערן.

יאָ, וולאדימיר איסײַעוויטש שפּונט ווייסט יעדער באליק אין שאכטע, די אײַזנבעטאָנענע רייפן ציילט ער, ווי מע ציילט גילדענע צענערלעך:

— נעכטן ערשט איז די פערצנטע סעקציע געשטאנען ווי א פאר־כאסמעטע, הײַנט האָט זי זיך א רוק געטאָן...

פינף הונדערט נײַן און צוואנציק מעטער טיף אונטער דער ערד פירט דער סמענע־מײַסטער דעם כעזשבן, קוקט נאָך זײַן באלעבאטישקײַט, ווי ער, כײַע־ריוועס בכאָר, וואָלט אמווייניקסטן געווען אן אופּראווליײַע־שטשע פון אן אימעניע. ער פירט מיך ארום איבער די גיטער און לאָזט מיך איבער דאָרט, ווו פיאָדאָר וואסיליעוויטש דודין פארוואלקעוועט מיט זײַנע באָנים די סטעליע. דודין טוט עס אזוי היימיש, ווי זײַן פלוינעס־טע — מאטריאָנע, ווען זי שמירט דעם פּריפּעטשיק. ער שטעלט א נײַע קראָקווע, טאסקעט ארויס דעם אויסגעריבענעם באליק, האָרעוועט בי־טער, אז די זין זײַנע, וואסיען און מייערן, זאָל פרײַער ווערן דער וועג.

פיאָדאָר וואסיליעוויטש נעמט אראָפּ די קאסקע, ווישט אויס דעם שווייס מיטן ארבל:

— מאטריאָנע האָט מיר נעכטן געקויפט א היטל, א גוט היטל...
ווען ער דערמאָנט זיך אין זײַן אַלטער, ווערט אים אפילע דאָ, אין שאכטע, גרינגער, און זאטער און ווארעמער...
וואסיע פארציט זײַן באַליבטע ליד:

ווערכאָווינא, מאטי מאָיא,
וסיא קראסא טשודאָווא טוואָיא...[1]

עס כאפּט אונטער מייער, ער פילט לעבן זיך איוואנס קרעפטיקן אקסל.

אין דאָנבאס איז יעדע שטוב א שאכטע. אין דודינס גרויס געזינד, לעמאָשל, וואָס נעמט אריַין אין זיך, אויסער די זין, אויך פּלעמעניקעס, פעטערס און וויַיטערע קרוויוּים, האָט איר אײַך סיַי כעוורע, וואָס האקן קוילן, סיַי אויך אזוינע, וואָס קרעמפּעווען די שטאָלנע, קאטשען אָפּ וואַגאָנעטקעס, זײַנען מאשיניסטן באם קאָמבײַן.
די נעשאָמע פון דער שאכטע „דודין", איר מאמע, איז מאטריאָנא איוואנאָוונא.
איינמאָל, אין א שוין איצט שטארק וויַיטן טרויעריקן טאָג, איז מאַטריאָנא איוואנאָוונא, גייענדיק ווי געוויינלעך אין כוטאָר טיכא־פּוסטין זוכן א ביסל זאלץ, זויכע געווען צו באגעגענען אָט דאָס קוטשעראווע יידישע יינגל, מייערן. אפילע דאָס דורכטראָגן א לויט זאלץ בא היטלערס כאַליערעניקעס איז געווען א גרויסע קונץ. הײַנט ראטעווען א יידיש קינד מיט אזא קוטשמע האָר, מיט צוויי שווארצע אויגן, פול מיט יידישן כיין. מייער איז געבליבן איינער אליין נאָכן באָמבע־וויכער, די מאמע — אין גרוב פארשאָטן...
דריַי קינדער הונגערן, ווען מאטריאָנע זיך מוטשען מיט נאָך איינעם. און דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט געבראכט. און מער גאָרניט.
געבראכט דאָס קינד אין כוטאָר, האָט דודינא, ריישיס־כאָכמע, אראָפּגעכאפּט אים די האָר פונעם קאָפּ. איז מייער געבליבן, ווי אן אָפּגעשוירן

[1] ווערכאָווינא, מאמע מײַנע,
די וואונדערלעכע שיינקייט דײַנע...

שעפּעלע. אָבער די אויגן... ווּ טוט מען אהין זיינע אויגן? מאטריאָנע הייבט אים אָן וואשן דאָס פּענעמל מיט מילך, ער זאָל ווערן א ביסעלע ווייסער, דעם דייטש זיך אזוי ניט ווארפן אין די אויגן אריין.

טויזנט מאָל האָט מאטריאָנא איוואנאָוונא מיט ווייטעק און מוירע באַגלייט פיאָדאָרן אין שאכטע. אין פּאָסטעלעס אָדער אין גומענע קאלאָשן אף די הוילע פיס פלעגט ער זיך אראָפּלאָזן אין לאווע אף קידעש־האשעם, ניט ווויסנדיק, צי היינט פאלט איין דער בארג קוילן אף זיין קאָפּ, צי מאָרגן. יאָ, מאָרגן מוז ער ווידער קריכן אין פינצטערן האָרע־כוישעך, לייגן דעם קאָפּ פארן אָרעמען שטיקל ברויט. גאזן שטיקן אים, קייטן קלינגען אין די אויערן, דאָס לעמפל לעשט זיך, בלייבסטו אָפּט אין נאסן שטרעק פארשאָטן. גילס טאכשיט, וואָס האָט זיך אומגעקערט באלעבאַטעווען, וועט דיך ניט לויפן זוכן. גיב אים אפּן בארג וואָס מער קוילן, ווער דערדישעט, נאָר שלעפּ דעם שווערן וואָגן, ווי דאָס בלינדע פערד.

שווער, זייער שווער איז געווען מאטריאָנען צו דערווארטן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס אף איר מאן. נאָר אויסצובאהאלטן מייערן פון די גאזלאָנים, לעמיי זאָל זי זאָגן, איז געווען שווערער.

דריי מאָל האָט מען מאטריאָנא איוואנאָוונאן געפירט אין געסטאפּאָ, זי זאָל נאָר זאָגן, ווּ איז אהינגעקומען דער „יודע“. דודינא שפּייט שיר ניט אויס די נעשאָמע, זי איז גרייט אומקומען, נאָר דאָס קינד אין זייערע ברודיקע לאפּעס גיט זי ניט אָפּ.

מייער פאשעט זיך דערווייל אין כוטאָר טיכא־פּוסטין. די מאמע מאטריאָנע גייט ארום איבער די נאָענטע דערפער, בעטלט אויס א פּאָר סעכערס. די פיס בא איר געשוואָלן פון הונגער, דער מויעך טריקנט אויס טראכטנדיק, ווּ נעמט מען א פונט הירזש אָפּצוקאָכן א קאשע פאר די קינדער?

מאטריאָנע האָט געוווסט: פיאָדאָר וועט נעמען די באָנים מיט זיך אין שאכטע, ווי וואסיל פיאָדאָראָוויטש, דער טאטע זיינער, האָט אמאָל מיט אים אליין געטאָן. ער וועט זיי לערנען פירן טאטקשעס, האקן קוילן, שארן

מיט דער לאָפּעטע. מוז זי די כעוורע אונטערפּאַשען, זיי זאָלן זײַן געזונטע שאַכטיאָרן.

מײער דודינס לעבנס־געשיכטע האָב איך זיך דערוווּסט אין שטרעק, ווו פיאָדאָר וואַסיליעוויטש האָט מיר געוויזן די בעריעשאַפט, מיט וועלכער זײַן געזינדל אַרבעט.

איך דאַרף זיך מודיע זײַן: כ׳בין שטאַרק מעקאַנע מײערן, וואָס אים גליקט אָפּ צו שטעלן זיך יעדן טאָג באַנאַנד מיט די דאָנבאַסער שאַכטיאָרן, גײן צום ליפט, אַראָפּלאָזן זיך אין שאַכטע, פילן דעם טאַם פון קוילןשטויב.

ווען מיר הייבן זיך אויף צוריק אַף דער ליכטיקער שײַן, פירט מיך מײער צום ערן־טאָוול, ווײַזט, וויפל טאָן פיאָדאָר דודינס בריגאַדע האָט געגעבן פאַר הײַנטיקער וואָך.

דערנאָך, כאָטש מײער זאָגט, מע טאָר ניט ווײַזן מיטן פינגער, דאָך האַלט ער ניט אויס:

— אָט איז זי, אונדזער שאַכטע...

א צוגעזאָטענער, שטיי איך א רגע אין דרויסן, און ווײַזט אויס, אַז אינווייניק, בא מיר אין מײַן אייגענער „שאַכטע", האָט זיך אויך אָנגעזונדן אַן אייביק פײַערל.

מיר לאָזן זיך גײן צו די דודינס אין שטוב אַרײַן, דאָרטן וואַרטן אַף אונדז הרעטשעשנע לאַטקעס, וואָס די מאַמע מאַטריאָנע האָט נעכטן צוגעזאָגט.

מאַטריאָנא איוואַנאָוונא פילט זיך שוואַך אין געזונט, איז אָבער איר מאַזל אַזאַ: קומען די כעוורע פון דער שאַכטע, פאַרגעסט זי אירע ווייטעקן. איוואַן נעמט די האַרמאָניק, מײער — די באַלאַלײַקע, הייבט מען אָן צו שפּילן, כאָטש גיי אָוועק א טאַנץ.

— מע באַדאַרף אים שוין כאַסענע מאַכן, מײערן, — זאָגט מאַטריאָנא איוואַנאָוונא, שטעלנדיק דעם סאַמאָוואַר אַפן טיש.

פיאָדאָר וואַסיליעוויטש שווײַגט, בעשאַס מאַטריאָנע רעדט אויס איר

האַרץ, נאָר, אָנגיסנדיק די גלעזלעך ווײַן, זאָגט ער, קלאַפּנדיק מייערן אין פּלייצע:

— פּריי זיך ניט, זון מײַנער, ווײַט וועלן מיר דיך ניט אָפּגעבן, כאָטש פאַר א הינדעלע, נאָר אַפן אייגענעם געסעלע...

שטראַלן פון דער זון פּליושקען זיך שוין ערגעץ אין פּרימאָרגן־טוי, טומאַנען קײַקלען זיך איבערן יאַר, ווי א רויך פון עם קוימען, און דאָ, אין שאַכטיאָרס שטיבל, איז לעבעדיק־פרײלעך פון עם ווילזײַן, מענטשן ווערן יינגער, זיצנדיק בא אזא פריידיקן, באַלעבאַטישן טיש.

דעבאַלצעווע, 1963

■ ■ ■

דער באַלעבאָס פון יאַם

זע נאָר, ער בלאָזט אַפן וואַסער, ווי אַף הייסער מילך!.. — טוט מיך עמעצער א שווערן טאָרקע אין פּלייצע.

איך קוק זיך אום, עס שטייט פאַר מיר א פאַרשוין, מע זעט גלײַך, ס'איז א פישער: אַף די פיס — הויכע גומענע שטיוול, דאָס פּאָנעם — רויט־פאַרבראָטן פון געזאַלצענעם יאַם־ווינט.

— וויגדאָר! — דערקען איך אים גלײַך. — זאָרעך דעם פישערס אייניקל! וואָס טוסטו דאָ?

— איך כאַפּ פיש, אָט שטייט מײַן טראַולער, — ווײַזט ער מיר אַפן יאַם מיט אזא מינע, גלײַך ער האָט דאָ, ווי אַמאָל באַם שטעטלדיקן בלאָטע־טײַך, ערשט צוגעטריבן צום ברעג זײַן זיידנס אַלט שיפל.

— פיש, מײַן קינד, גייען ניט אין דער נעץ, ווי הינט אַף דער קליוטשקע, — פלעגט אים לערנען דער זיידע. — העכט פאַרמאָגן זיך זייער פּאָוואַדקע, קאַרפּן פּליושקען זיך באַם ברעג... געוווין זיך צו באַצײַטנס אַרײַנשטעלן דעם יאַטיער, ביסטו באַלעבאָס איבערן טײַך.

בא אונדז אין שטעטל איז באם יונגוואַרג כאַפּן פישעלעך געווען קיי־און־שפּיי: מיר פלעגן מאַכן א קנופּ אין העמד אָדער כאַפּן פיש אין דער באָבעס דורשלאַק, מיט דער זיפּ, מיט א טאָרבע, קריכן ביזן האַלדז אין וואַסער. דאָס שיפל טרינקט זיך פון דעם יינגלשן טאַרעראַם, כעוורע רייַסן זיך פאַר די העמדער, טשיפּען זיך פאַר א פוילער פלאָטעצע. אַזוי־פיל טייַכן אַף דער וועלט, אָבער בא אונדז אין שטעטל איז דאָ בלויז איין ריטשקע. גרויס איז זי ווי א געגנעץ, נאָר אַלע זומער נעמט זי צו א קינד...

— איך געדענק, וויגדאָר, האָסט געהייצט אין צוקער־זאַוואָד די קאָ־טשעגאַרקע. אַזא היץ געווען, אַז מע פלעגט דיך אַף נאָסילקעס אַרויס־טראָגן. נאָך דער וואַכטע פלעגסטו ליגן אייַנגעוויקלט אין פּראָקאָפּס סוויטקע, קיין טראָפּן בלוט אין פּאָנעם ניט געווען.

אין שטאָט באַקט די זון אומראַכמאָנעסדיק, די היץ איז ווי אין דער קאָטשעגאַרקע, מע שטעקט אַרויס די צינגער, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. נאָר אָט קומסטו צום טייַך, און איך זע, ווי עס בייַט זיך דייַן אויסזען, גלייַך דו וואָלסט א נייַע הויט אַף זיך אַרופגעצויגן.

דער הימל, רייַן פון כמאַרעס, איז נאָך ניט אויסגעשטערנט, נאָר דער אָפּדערנאַכט איז שוין צוגעפאַלן און די שקיִע וויקלט זיך אַרום דעם האַלדז מיט זייַדענע שאַרפעלעך, כאַליִע זיך ניט פאַרקילן.

— זע נאָר, זאָרעך, לאָז ניט אָפּ דאָס פישל, — בעט זיך וויגדאָרס באָבע, זיצנדיק מיטן זיידן באַם ברעג טייַך.

און אײדער דער זיידע צעוויקלט זייַן גרויסע נעץ, כאַפּט וויגדאָר אַרויס אַף דעם האַטשיק א בלישטשענדיקע באַשעפעניש, וואָס בעריעט זיך דערנאָך אין טיפן גראָז, באַם ברעג, דרייט זיך און בייגט זיך אויס, רייַסט שטיקער פון זיך אַליין, בייַסט בא וויגדאָרן די פינגער, ווי א קע־לעוו. מע לייגט אים אַרייַן צווישן די שאַרפע ציין צוויי שטעקעלעך, שטיקט ער זיך, דער פיש, אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט דערוואָרגן.

— זעסט, בלינדער ליוויאָסן, — שרייַט פריילעך די באָבע, — וויג־דאָר איז שוין מער קנאַקער פון דיר.

וויגדאָר נעמט זיך ניט איבער, מער ניט, ער פאַרציט זייַן באַליבט לידל:

יאָ, איך ווייס, די מאמע וועט ניט הייסן
און וועט זאָגן: ביסט נאָך יונג און קליין,
נאָר מירביידע ווייסן שוין און ווייסן,
אז באנאכט איז בעסער זײַן אליין...

דערנאָך קומען טעג און ווידער טעג. אף דעם געפּלאָכטענעם שטרויענעם פּארקן הענגט דאָס גאנצע קלאַפּערגעצײַג. דער זיידע, זאָרעך דער פישער, שמירט מיט סמאָלע דאָס איינציקע צעלעכערטע שיפל, לאטעט די אונטערגעפוילטע סיטקע. אָנגעשפּארט צום פּלויט שטייען וועסלעס... ניין, ניט זאָרעך דער אלטער און ניט זײַן אייניקל ווייגדאָר האָבן דעמלט ניט געטראכט פון אזא גרויסן און ברייטן וואסער, ווי די באלטיק, ווו עס איז איצט ווייגדאָר: א יאם מיט שיפן, קראנען, זעגלען, טראולערס... דער ווײַסער באקען — פון רעכטס, דער רויטער באקען — פון לינקס. גארטל זיך אונטער, ווייגדאָר זאכאראָוויטש פישמאן, מאָרגן אין יאם ארײַן!

ווייגדאָר האָט ניט פארגעסן יענעם טאָג, ווען ער האָט באקומען דעם דיפּלאָם פון א קאפּיטאן און צום ערשטן מאָל מײַסע־באלעבאָס פארנומען זײַן אָרט אינעם טראולער, וואָס איז אוועק אין אָפענעם יאם. יאָ, דאָס ערשטע פּידפּאָלעקל האָט ווייגדאָר פארברענט, אָפּגעלאָזט דעם קאָסיאק צוריק אין וואסער, אפילע מיטן אויג א פינטל טאָן ניט באוויזן...

— פישמאן, — האָט געזאָגט צו אים דער פּאָרזיצער פונעם סאָוועט, — פארשרײַבט אין אײַער פלאנשעט דעם נײַעם קוואדראט, שמעקט אליין אָן, ווו די פיש דרייען זיך ארום...

די ערד ליגט דערווײַל ווייגדאָרן צוקאָפּנס, און אין יאם, דוכט זיך אים אויס, איז צו טומלדיק, כאָטש לייג אונטער א קישעלע אונטער דער ביירזער כוואליע, זי זאָל אזוי ניט קלאפּן אין קאָפּ ארײַן. ווייגדאָר קוקט זיך ארום — שוין וועסנע, פאר איין נאכט ווערט גרין דער וואלד, איז וואָס האָסטו מוירע, מענטש איינער, פאר דײַן אייגענער וועסנע, וואָס איז נאָך גרין, נאָר עס קומט שוין נאָך איר די רײַפקײַט?

אזוי האָט ער געטראכט, ווייגדאָר, אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ציִען דעם ייִכעס פון פישער איז טאקע גוט, נאָר פונ־

דעסטוועגן איז דער יאם א יאם און די ריטשקע אין שטעטל, דער בלאָטע־טײַך, איז טאקע א ריטשקע, א בלאָטע־טײַך.

און דאָך... דאָך איז אים גוט געווען דעמלט און גוט איז אים איצט. קאַיאָר איז דעם יאמס פּאָנעם פארצויגן מיט א גרינעם צודעק, די אויגן פארקיסנעט. עס שמעקט פון אים מיט זאלץ, מיט אייל, מיט ליסקע. וויגדאָר פישמאן גייט ארום און ווערטלט זיך מיט זיך אליין: א ייִד שטופּט זיך כאפּן פיש... א ייִד מיינט, אז ס׳איז גענוג צו זײַן זאָרעך דעם פישערס אייניקל... דעריקער מוז א שיפסקאפּיטאן פארמאָגן א קלעפּקע, וויסן, ווען די פיש גייען כאָפּטעסווײַז, ניט האָדעווען אומזיסט די פייגל. מע האָט דיר, וויגדאָר זאכאראָוויטש, געגעבן ניט קיין מולטער. פונעם רעמאָנט אין קלײַפּעדא האָסטו געגומען דעם אויסגעפארבטן טראולער, דארפסטו וויסן, ווו און ווען ארויסווארפן די סיטקע, וויפל זאלץ מיטנעמען, וויפל פעסער, שטריק, טרינק־וואסער. נעם מיט זיך אויך א גוטן קעכער צו קאָכן אָנבײַסן: אף דער שיף ביסטו סײַ דער טאטע, סײַ די מאמע, — דו ביסט באלעבאָס!

באטאָג און באנאכט אקערן פיש־טראולערס דעם יאם, ווי טראקטאָרס די ניײַערד.

זיבן־אכט טעג געדויערט דער וועג אין אָקעאן צו די קוואדראטן, דערנאָך, אז מע איז שוין אפן אָרט, טוט וויגדאָר זאכאראָוויטש אָן דאָס וואטאָווע רעקל, ווײַל נעמען קאָמאנדעווען מיט די מאטראָסן איז שוין קיין צײַט ניטאָ, מע דארף אליין קאטשען פעסער, זאלצן פיש, שלעפּן דעם טראל פונעם יאם, איבערכיטרעווען די סאלאקע, זי זאָל מיט א זײַטל זיך ניט ארײַנווארפן צוריק אין וואסער.

די שיף איז ניט שלעכט צוגעגרייט צום פישפאנג, זי טראָגט זיך זיכער און רירעוודיק. די מאטראָסן זײַנען צופרידן מיטן רעמאָנט: נײַע נעצן לויטן מעטראזש, שטריק שטײַפע, פופציק טאָן ברענשטאָף; פאראן גענוג פעסער, שיפלעך, זאלץ, טרינק־וואסער, אלערליי געצײַג.

אין אזא מין „שטיבעלע“ — אין דעם קאפּיטאנס קאיוטע — זיץ איך זיך גאנץ ברייטלעך, איך, דער שאָפער אף די ערדישע וועגן. ווײַל עפּעס

קער איך זיך דאָך אָן מיט אים א שטיקל מעכוטן. דאָרט, אין שטעטל, האָבן מיר זיך אף איין הוידעלקע געהוידעט, געכאפט אינײנעם פיש. און וויפל מאָל פלעג איך אים, דעם איצטיקן יאטעבעדאם, דעם קאפיטאן, אריינקוועטשן אין א פאס פון הערינג, אראפקאטשען אים גלייך אין טייך אריין...

איז טאקע גרויס אצינד דער ביזויען צו ווייזן זיך פאר וויגדאָר זאַ־כאראָוויטשן, ווי איך טרייסל זיך אין קאיוטע, מוטשע זיך, קאטשע נע־בעך וואסער פונעם בויך. אויסגעפאָרן פאר מיין לעבן מיטן סאמאָסוואָל אזויפיל ווערסטן, זומער און ווינטער, דורך רעגנס, דורך שנייען און זאַ־ווערוכעס, כאָלילע ניט קיין געפעסטעט בעניאָכידל, זיץ איך גאָר אין קאַ־יוטע אפן פליושענעם בעטל, קוק אין קיילעכדיקן פענצטערל, ווי דער שטאָרם וואלויטשעט די מאטראָסן, פארטרינקט און פארפליעסקעט אלץ מיטאנאנדער.

וויגדאָר רייסט זיך אריין צו מיר מיט א שטארקן, נאסן ווינט:

— גיי זאלצן פיש, ליג ניט אין קאיוטע...

יאָ, איך וועל בא מיין בען־איר דורכגיין די כוילעניפלע־שטיק פונעם יאם, ווערן אן עמעסער פישער.

דער קאפיטאן רעדט מיט מיר אידל:

— קלייבסט זיך, ווי דער נאָגיד, אף דער קרענק! גייסט א כאָסן ווערן, צי וואָס?..

ווארפט עס מיך אריין אין טומל פון די פישער. דער באָצמאן כאָ־וואלקע לאָזט מיך אראָפּ שעפן דאָס וואסער. וויגדאָר שרייט מיר אריין אין אויער אריין:

— אין יאם, נאָר אין יאם איז אונדזער מאזל...

מאָטאָרן זשומען, כוואליעס שרייען זיי איבער, דער באָצמאן לויפט צו צום שטורמאן, זאָגט אים עפעס אריין. יענער גוואלדעוועט אויך עפעס, לאכט, צו מיר דערגייען א פאָר קלוגע, אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס מיי־נען, ווייזט אויס, צו אונטערשטרייכן, אז בלויז מיט זיין קויעך דארף דער מענטש ענטפערן דעם אָקעאן:

— פונעם האָנס געשריי וועט דער טאָג ניט קומען...

— נאָר פון א נערעק מיטן שטעקן ווערט דער בער אן אייזל...

די שיף קריכט אין הימל, נאָר מע האלט זי גוט פארן צײַמל. מיך ווארפט עס איבער דער דעק, ווי א ליידיק פעסל. איך נעם זיך אָן פעסטער פאר די באָרטן, נאָר דער טראולער איז ניט דער באַבעס קאָרעטע, פראָ־זשעקטאָרן קוקן נאָך יעדן טראָט, וואָס איך מאך. ווייסט מען שוין מי־סטאמע אין קאפיטאנס רובקע, אז בא אונדז, מענטשן פון די ערדישע וועגן, איז דער יאם גאָר ניט קיין גרויסער מעיוכעס. און ס'איז גאָר ניט אזוי שרעקלעך, ווען עס רינט פון אלע פאָלעס, עס קלינגט אזוי אין די אויערן, אז דו מיינסט: עס גייט איבער דײַן קאָפּ א שטארקער גוסרעגן. מיטאמאָל אָבער ווערט א ביסל שטילער, און איך דערהער, ווי דער יינג־סטער פון די מאטראָסן, יעמעליאנאָוו, זאָגט מיט אזא געמיטלעך קאָל, ווי ער וואָלט געלעגן אונטער אן עפּלבוים און געקײַט א גרעזעלע:

Только там, в океане,
Быть положено кораблю...[1]

קיינמאָל אין מײַן לעבן איז מיר נאָך אזוי גוט ניט געווען, ווי נאָכן שטאָרם, באם זאלצן פיש. מיר שווימען אף דער פאלובע, ווי די קאטשקעס אין סטאוואָק. איך טראכט וועגן דורכגעלעבטן, און עס כאפּט מיך אָן א דערשטיקעניש: וואָסי, ער, וויגדאָר, איז פון אן אנדער טייג געקנאָטן? צי דען האָבן מיר ביידע אלע יאָרן ניט גערוקט אין בויך ארײַן כערסאָנער קאווענעס, געבראָטענע בורעקעס, דארע בארלעך, הערינג מיט קארטאָפּ־ליעס, — דארף איך מוירע האָבן פארן בייזן וויכער, כאליאטשען אפן פליושענעם בעטל, אויסשפּײַען די גאל בייס א געווײַנלעך ווינטל אין אָקעאן, און ער, זאָרעך דעם פישערס איניקל, מעג פארעכנט ווערן צווישן די גוואלדאָוונע יאמלײַט?

וויגדאָר זאכאראָוויטש שטייט באם שטורוואל און קוקט צו, ווי לעפּיש די זון שטעלט אים ארויס איר רויטע צונג: קארג, הייסט עס, א גאנצן

---

[1] בלויז דאָרט, אין יאם,
דארף זיך געפינען די שיף...

טאָג ארומגעשמייעט, זיך געבאקן אף דעם יאמס סקאָווראָדע, ווילסטו אויך באנאכט אף הייסע קוילן גליִען? אנו, שוואַליאַם, שלאָפן!

שלאָפן? וואָס פאר א שלאָפן, ווען דער ערד גייט קוים אָפּ דאָס געשווילעכץ פונעם קורצן באנאכטיקן דערפרירעכץ, און מאטראָסן, ביז די קני אין דעם קאיאַר, וואלויטשען שוין דעם טראַל פונעם יאם? אזויפיל סאלאקע האָט מען א שלעפּ געטאָן צום ברעג, אז עס פרייט זיך דאָס הארץ, הענט זשאַלעווען ניט קיין אָדערן, אזוי ווי באם שניט אין פעלד.

באלד וועט די זון ווידער א טשמעליע טאָן, איז באהאַלט, זייט מויכל, וואָס גיכער די סאלאקע, זאלצט זי גלייך איין, לייגט זי ארום מיט אייז, ווייל פאר א פאָר שאָ ווערן רויט בא איר די בעקעלעך, און דער בויך בא איר — בלאָוו, ווי מילך, כאָטש ווארף זי צוריק אין יאם אריין.

מאטראָסן אף דער פּאַלובע האָרעווען ביז דעם זיבעטן שווייס. זיי פארשטייען אפן ווונק דעם קאפּיטאנס קאָמאנדע.

שטורמאנעס גיבן איבער: אין יאם הייבט זיך ווידער אָן א שטאָרם פון אכט־ניין באלן...

אף א פאָר מינוט שטעלט מען זיך אָפּ פאררייכערן, הייבט אָן כאָוואַלקע דער באָצמאן דערציילן, ווי אמאָל האָבן מאטראָסן זיך געוויקט אין זאלץ — די העמדער פלעגן גאָר קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט ווערן, מאַמעש געפוילט אף די לייבער.

מע וואָלט אזוי שאָענלאנג געהערט דעם באָצמאנס ביטערע רייד, נאָר עס קומט אריין וויגדאָר זשכאראָוויטש, פארבעט די מאטראָסן צום טיש — עסן ווארמעס.

— אנו, גיב נאָר א שעפּ פון דנאָ א ביסל שיטערס, — לאכט כאָוואלקע צום קאשעוואר, — נעכטן האָב איך געזען מיין אייגן דאָרף אין באָרשטש...

וויגדאָר זשכאראָוויטש זשמורעט צו די אויגן, ווי ער וואָלט געקוקט אין א שפּעלטעלע און געזען דאָרט די פארגאנגענע יאָרן:

— געדענקסט, זעמליאק, ווען עס פלעגט זיך ניט כאַפּן קיין פיש, פלעגט שרייען דער זיידע זאָרעך: רייסט אוף די בריק, לאָזט ארויס די

נעשאָמע פונעם בלאָטע־טײַך, די פיש מאכן זיך א לעבן, בעשאס מענטשן פעכנען פון הונגער!..

ווי נאָר עס פלעגט ווערן טונקל אין דרויסן, האָט זאָרעך דער פישער געכאפּט זײַנע קינדער מיט די אייניקלעך, מיטן גאנצן קלאפּערגעצײַג: די סיטקעס, יאטיערס, די סמאָלע, די ווּעסלעס. זײַן גאנצער מאַיאָנטעק פלעגט גיין אין טײַך ארײַן, — ניט אף כאפּן גאָלדענע פישעלעך, נאָר אף ראטעווען א שטאָט, מע זאָל ניט פארווארפן די ציין אף די באָנטעס.

זאָרעך דער פישער האָט קיינמאָל ניט געפארבט דאָס שיפל זײַנס, פלעגט עס באוואקסן ווערן מיט גרינעם מאָך, צעגעסן ווערן פון זון און פראָסט. אויך הײַנט, ווי מע דערציילט, ליגט זײַן שיפל אפן הויכן ברעג פונעם בלאָטע־טײַך, אפן „בארג“, קעגן דער כאלופּקע פון מעני־ראָכל דער „טיגערן“ (ווײַט אָפּגעשיידט זאָל זי זײַן — דער פאשיסט האָט זי טאקע אף זאָרעכס אלט שיפל אָפּגעפירט אינמיטן בלאָטע־טײַך און דער־טרונקען...). מע זאָגט אויך, אז ביז איצט איז דאָס שיפל פול מיט ליסקעס ווי מיט לושפּײַקעס. כאָטש עס זעט אויס ווי א פארוואָרפענע מאציייווע.

איך פארשטיי גוט וויגדאָרן, ווען ער זשמורעט צו די אויגן און קוקט ארײַן אין שפּעלטעלע צו די פארגאנגענע יאָרן:

— געדענקסט, זעמליאק?..

אין דער אויסגעטריקנטער ריטשקע זײַנען פלאָטעצעס געווען מיט גאָלד גלײַך, מע האָט זיך מאמעש געהארגעט פאר א קאָרעסל, ווײַל וואָסער מאָגן אין שטעטל האָט פײַנט געפילטע פיש, צי געפּרעגלטע פיש, צי א יויך פון פיש, צי א קארטאָפּליע, צוגעפּראוועט מיט פיש־ראָסל?..

דאנק איך דיר, וויגדאָר זאכאראָוויטש, וואָס דו האָסט מיך גענומען אפן טראולער, צו באווײַזן מיר נאָך א שטיק לעבן און צו דערמאָנען מיר אין יענעם. טײַטלסט גוט מיטן טײַטל, זאָרעך דעם פישערס אייניקל, איך פארשטיי די גרויסע לער דײַנע: זע, גוטערברודער, פונוואנען עס נעמט זיך א סאָוועטישער שיפסקאפּיטאן...

אך, סארא פארגעניגן, ווען דער יאם, נאָך א כמורנעם טאָג, בעט אויס צו פארנאכט־צו א ביסל שײַן: ליכטיק ווערט אין די אויגן, דער הימל

פינקלט מיט כיין, יעדע כוואַליע — אַ דימענט־אָפּשײַן אויף דער דורכזיכטיקער שיף.

מיט אַ מין גאַדלעס שטייט די שיף באַם ברעג, סע הייסט: איך האָב מײַנס אָפּגעטאָן, קומט מיר אַוואַדע אַ ביסעלע מענטשלעכע רו.

מאַטראָסן, מײַנע נײַע פרײַנט, איך לאָז אײַך איבער באַם יאַם און בין זיכער, אַז איר וועט אויך ווײַטער שפּינען גאָלד מיט אײַערע מאָזאָליעדיקע הענט. וואָס מער איך קוק זיך צו צו אײַך, אַלץ טיפער פאַרקלײַב איך זיך אין אײַערע בלויע יאַם־אויגן, אין וועלכע איך זע, אַכוץ דער ווייכקײַט פון אַ כוואַליע, אויך אַן אָפּשײַן פון סקאַלעס, אָפּגעשליפענע פון שטורעמס.

זיבן טויזנט ליטער בלוט טרײַבט איבער דאָס מענטשישע האַרץ פאַרן מעסלעס, וויפל זשע, אַשטייגער, וואַרפן איבער יאַם־צופלוסן עמערס וואַסער? — איך שטיי אַזוי ווידער באַם ברעג, באַטראַכט דעם יאַם און באַטראַכט די ערד און דערפיל נאָכאַמאָל דעם קויעך פון דער מאַמעניריאַבאָשע און דעם קויעך פון דעם טאַטעניו־יאַם.

דער יאַם האָט אָפּשײַ פאַר דער ערד. ער ווייסט זײַנע גרענעצן. זעלטן ווען טוט ער אַ שפּיל אויף זײַן אויפן, נאָר שטילט זיך ווידעראַמאָל אײַן, ווײַל אַזוי דאַרף זײַן, אַזוי איז בעסער... גאַנצע מעסלעסן קושן זיי זיך — דער יאַם מיט דער ערד.

פאַלט די זון אַרײַן אין די פאַרנאַכטיקע כמאַרעס, ווערט זי אַ צווייפענעמדיקע, אַ לעץ מיט אַ רויטער צונג — אַ שווימערן אין די יאַם־ווײַטקײַטן.

מאַטראָסן זעען: די זון אַפן סאַמע ראַנד פון הימל ליגט ווי אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע, שפּעטער ווערט זי אַ באַרל, אַ ווײַניק עפּעלע, אַ קאַנעצל...

נידעריק זײַנען די ברעגן, ווי די שטאָט וואָלט זיך אָנגעבויגן אויף אויסצוּוואַשן זיך דאָ דאָס פּאָנעם. נאָר מע באַלייגט אים שוין די זײַטן, דעם יאַם, ער זאָל ניט צעשווענקען דעם ווייכן רוקן פון דער ליבער ערד. ווײַט אין יאַם, וווּ מיר האָבן איבערגעלאָזט אַנדערע טראַולערס־רע־

פריזשעראטאָרס, שטייען נאָך מאטראָסן אַף זייער וואכטע, און עס הערט זיך דורכן שלאָף די געוווינטע קאָמאנדע.

און דאָ קרעכצט די הייב־מאשין, מע שטייט אַף די פיס פיר און צוואנ־ציק שאָ אין מעסלעס, קעדיי מיליאסן זילבערנע קאָרעסלעך זאָלן רוקנדל צו רוקנדל זיך לייגן אין פעסער, ווי סטאטעקלעך, און שמעקן זאָל ארום זיי מיט פעפער, בסאָמים־נעגעלעך, פעטן בוימל...

געבענטשט זאָלן זייַן די פארהאָרעוועטע הענט, וואָס ברענגען אפן ברעג אזא האָב־און־גוטס, דעם מענטשן צום פארגעניגן.

קאלינינגראד, 1963

טעוויע גען

אין ביראָבידזשאַן

(רייַזע־נאָטיצן)

נייַע באַקאַנטשאַפט

ניטאָ, דאַכט זיך, דער שרייַבער, וואָס איז געווען אין ביראָבידזשאַן און וואָס זאָל זייַנע רייַזע־פאַרצייכענונגען ניט אָנהייבן פונעם צוג, אין וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט די לאַנגע נעסיִע. איך האָב ניט קיין אייַזנבאַן־אייַנדרוקן. דעם פענצטער פון וואַגאָן האָט פאַרביטן דער איליומינאַטאָר פון אַעראָפּלאַן. דורכן קייַלעכיקן שייַבל זעט מען פון אויבן דעם בלויען הימל; פון אונטן, אונטער די פליגל פונעם לופט־לייַנער — אָן אומענדלעכן אָקעאַן וואָלקנס. אָנגעהויפנטע, אופגעבלאָזענע, זעען זיי אויס אַזוי צאַרט און ווייך, אַז עס דאַכט זיך, טאָמער אַפילע מאַכט זיך אַן אומגליק, איז אָן סאַקאָנעס, מע וועט זיך אַרייַנוואַלגערן אין אַ פּוכיקן געלעגער.

אומעטיק איז ניט. די פּאַסאַזשירן נעמען מיט מיט זיך אפן הימל אַלע זייערע ערדישע טנועס און געוווינהײַטן. זיצנדיק בא די טישלעך אין די ווייכע פֿאָטערשטולן, שפּילט מען אין שאָך און דאָמינאָ מיט דער זעלבער היץ, ווי ערגעץ אין א הויף פון א קאָמונאַלן הויז. אַן אַלטגעבאַקענער דאָן־זשואַן קניפּט אָן באַקאַנטשאַפט מיט די שיינע סטיואַרדעסעס. עמעצער כראָפּעט געשמאַק, פּונקט אַזוי ווי אף דער אַרכאַישער פּאָלקע פון אַן אײַזנבאַן־וואַגאָן.

דער ווײַטער מיזרעך איז געוואָרן נאָענט. מע פליט אַרויס פון מאָסקווע אין אָוונט און אינדערפרי איז מען אפן אָרט. די נאַכט זעט מען ניט.

דער אַעראָפּלאַן הייבט זיך אָן אַראָפּנידערן. מיט יעדער מינוט זעט זיך אַלץ בעסער די ערד, וואָס, ווי גוט עס איז ניט אין הימל, האָט מען שוין באַוויזן נאָך איר זיך צו פאַרבענקען. די פאַרשנייטע דעכער פון כאַבאַראָווסק טראָגן זיך אַנטקעגן, באַלויכטן מיט א בלענדנדיקער זון. און אָט, נאָך אַכט מיט א האַלבער שאָ פליִען און א האַלבער שאָ טרייסלעניש אין אווטאָבוס, זײַנען מיר אפן כאַבאַראָווסקער וואָקזאַל. אפן וואָקזאַל־פּלאַץ נעם איך גלײַך אָפּ א גרוס פון אַן אַלטן באַקאַנטן פון בירָאָבידזשאַן — יאַנעק מילטשין. ניין, דעם קליינטשינקן, מאָגערן מילטשינען מיט די ברענענדיקע שוואַרצע אויגן אפן שטענדיק פאַרזאָרגטן בלאַסלעכן פּאָנעם האָב איך דאָ ניט געטראָפן, איך האָב נאָר געזען דעם דענקמאָל, וועלכן ער, דער קינסטלער, האָט געשאַפן. דער פּראָסט איז גרויס, און ס׳לאָזט זיך פילן דער שאַרפער ווינט, וואָס בלאָזט פונעם פאַרקאָוועטן אַמור. שטיי איך מיטן קאָמאַנדיראָוואָטשנעם טשעמאָדאַן אין דער האַנט און קוק א היפּשע ווײַלע פאַרגאַפט אף דער אויסגעהאַקטער פון שטיין פיגור, וועלכע וואַקסט אַרויס פון איין פעלדזיקן מאָנאָליט. א מענטש — א ריז, א גוורע אין יעדן איווער. שיין און שטאָלץ איז פאַרהויבן דער קאָפּ. די כאַבאַראָווסקער טעלעוויזיע־סטודיע הייבט געוויינלעך אָן איר פּראָגראַם דערפון, וואָס זי ווײַזט דעם דאָזיקן פּרעכטיקן דענקמאָל כאַבאַראָוון, דעם גרינדער פון דער ווײַטמיזרעכדיקער הויפּטשטאָט.

קוקנדיק אפן מאָנומענט, האָב איך זיך דערמאָנט די צײַטן, ווען מילטשין האָט געאַרבעט אין „בירָאָבידזשאַנער שטערן״. געווען איז עס מיט

דרייַ צענדליק יאָר צוריק. זייַנע הענט מיט די לאנגע, שטעקלדיקע פינגער האָבן קיינמאָל ניט גערוט. ער האָט געמאָלט, געשניצט, געקלעפט, געשניטן. פאפיר האָט ער געהאט, ליים און שטיינער — אויך, ער האָט אָבער נאָך גענדארפט אנדערע מאטעריאלן, אזא, לעמאָשל, ווי לינאָלעום. ווו נעמט מען אים? מילטשין האָט אָנגעשמעקט, אז א פאָר בויגנס פון דער דעפיציטער סכוירע זייַנען אויסגעשפרייט אפן דיל אינעם קאבינעט פונעם פאָרזיצער פון ראיויספירקאָם, און ער איז געוואָרן אהין אן אריינגייער. מיט יעדן טאָג האָט אלץ מער געפעלט לינאָלעום, ביז דער געדולדיקער פאָרזיצער האָט א זאָג געטאָן צום באָכער, וואָס האָט זיך געפאָרקעט מיט א מעסערל אף דער פאָדלאָגע: „אן עק, גענוג געשניטן שטיקלעכווייַז, נעם אלץ".

פון כאבאראָווסק קיין בירא̄בידזשאן פאָר איך מיטן צוג. אונטער די רעדער דונערט דורך די לאנגע בריק איבערן אמור, דערנאָך נעמען זיך שפרייטן פון ביידע זייַטן וועג פארשנייטע פעלדער, בידעריקע קוסטעס, קאָטשקעס מיט פאראיאָריקע אויסגעווינטיקטע געלבלעכע נאקעטע געוויקסלעך, אזעלכע דינע, אז זיי האָבן ניט קיין קויעך צו האלטן אף זיך א הייַפל שניי. א שיטערלעך בעריאָזע־וועלדל, א קופקע יעלן, ווי ערגעץ הינטער מאָסקווע. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אז שוין גאָרניט אזוי וויַיט פונדאנען איז די ניט־געמאָסטענע, אין א סאך ערטער אפילע ניט־באטראָטענע געדיכטע טייַגע און אז די שיטערע וועלדלעך זייַנען א פרעלודיע צו איר.

עס טראָגן זיך פארבייַ די סטאנציעס דעזשניעווקע, וואָלאָטשייַעווקע. א פעטער, שווארצער אלעף פארנעמט א דריטל שילד פון דער סטאנציע אין. די וואָקזאל־געבייַדע האָט זיך אויסגעצויגן אין דער לענג, הינטער איר ליגט א צעוואקסענער יישעוו מיט קליינע אלטע שטיבעלעך פון פאָרנט און מיט צוויי־ און דרייַשטאָקיקע מויערן אין הינטערגרונט. די מויערן שנורעווען זיך אין א לאנגער ריי און זעען זיך א צייַט נאָכדעם, ווען דער צוג גייט שוין אָפ פון דער סטאנציע.

מיט אלץ מער אומגעדולד פרעג איך זיך נאָך בא דער כאָשעוו־באלע־

באַטישער קאָנדוקטאָרשע, ווי ווײַט איז נאָך ביז ביראָבידזשאַן. איך האָב מוירע, אַז כ׳וועל פאַרבײַפאָרן.

— פאַרבײַפאָרן קאָנט איר ניט, — זאָגט זי, — ס׳איז אַ גרויסע סטאַנציע. מיר שטייען דאָרטן היפשלעך.

די היימשטאָט באַ אַ מענטשן איז צומאָל ניט נאָר דאָרט, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן. פאַראַן ניט ווינציק שטעט, וואָס זײַנען מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן ניט ווייניקער, ווי מײַן היימשטאָט. קאָן איך דען פאַרגעסן, לעמאָשל, אַזאַ שטאָט, ווי סעליזשאַראָוואָ באַ דער אָזערע סעליגער, וווּ איך בין צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין אַטאַקע, צום ערשטן מאָל מיט די אייגענע אויגן געזען, וויאַזוי די פאַשיסטן מאַכן פלייטע, צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טערפקן, ביטערלעכן טאַם פון בלוט, וואָס פלייצט פון אַן אָפענער ווונד? וויאַזוי קאָן מען פאַרגעסן אַ שטאָט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דײַנער אַ שטיק יוגנט, זומער ביסטו דאָרט געזונקען אין בלאָטע, ווינטער — אין הורבעס שניי, און שטענדיק האָסטו זיך אין אָט דער שטאָט געפילט אַזוי גוט... אין די וואַרעמע, אויסגעשטערנטע אָוונטן האָט מען שפאַצירט אינעם „פאַרק פאַר קולטור און אָפרו“. דאַן איז עס געווען בלויז אַ נאָמען, אַן אָנדײַט, אפילע ביימער איז געווען ווינציקלעך, אין אײַלעניש האָט מען די טײַגע אויסגעהאַקט מער, וויפל מע דאַרף. ווי פאַרגעסט מען אַ שטאָט, וווּ ביז איצט האָסטו נאָך ניט ווינציק יוגנט־כאַווירים, עמעס, שוין מיט גרויע קעפ? די דאָזיקע שטאָט הייסט ביראָבידזשאַן. איך בין דאָ ניט געווען אַכט און צוואַנציק יאָר.

איך רײַב מיט דער האַנט דעם פאַרהויכקעטן וואַגאָן־פענצטער, נאָר עס פאַרציט אים ווידער אַ הײַטל. אַ שוואַכע ראָזלעכע שײַן זיפט זיך פונדעסטוועגן דורך, קליינע ליכטיקע פלעקן זעצן זיך אָפּ אויף דער שויב, ווי טראָפנס טוי, זיי מערן זיך מיט יעדער מינוט, ביז עפּעס גאָר אַ העלער אופליכט רײַסט זיך אַרײַן דורכן גלאָז און טוט אַ בליק אין די אויגן.

דער נײַער ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל איז שוין גאָר ניט נײַ, מע האָט אים אופגעבויט אין 1936. איך זע אים אָבער צום ערשטן מאָל. די הויכע קאָלאָנעס, די מאַסיווע טירן, די שויבן פון אויבן ביז אונטן וואָלטן ניט

געדאַרפֿט מאַכן אויף מיר אַ צו שטאַרקן אײַנדרוק. וועלכער וואָקזאַל פֿון אַ געגנטלעכער שטאָט האָט דען ניט קיין קאָלאָנעס און קיין גרויסע פֿענצ־טער? אָבער איך געדענק גוט די אַמאָליקע הילצערנע טיכאָנקע, וואָס פֿיל ייִדישע שרײַבער האָבן זי פֿאַרייביקט און באַרימט געמאַכט. דאָס שטיבעלע איז נאָך איצט אויך דאָ, פֿאַרוקט און פֿאַרשטופּט צווישן די אַנדערע באַהילפֿיקע סטאַנציע־געבײַדעס. איך האָב זיך ניט געפֿוילט און בין צוגעגאַנגען נעענטער — אַ קוק טאָן אויפֿן יוירעד. ער האַלט נאָך גאַנץ נישקאָשע, מע האָט אים רעמאָנטירט, אַפֿילו אויסגעפֿאַרבט. דאָס ענגע צימערל איז פֿאַרוואַלגערט מיט באַגאַזש.

פֿון וואָקזאַל צו דער שטאָט איז מען אַמאָל געגאַנגען איבער די אײַזנ־באַן־ליניעס, געקראָכן אונטער די וואַגאָנעס. איצט האָבן זיך די ליניעס ווי אָפּגערוקט אין אַ זײַט, און הינטער זיי לויכטן די פֿענצטער פֿון רייען הויכע מויערן. דאָרטן, ווו, ווערליק איך געדענק, דאַרף שטיין אַ לאַנגער הילצערנער באַראַק, זע איך אַ סקווער, דאָרט, ווו מע פֿלעגט שפּרינגען איבער די קאָטשקעס, גייענדיק צום ייִשעוול „פּיבראַליט“, הענגט אַ בריק. איך האָב פֿאַרלאָרן די אָריענטירן און בלאָנדזשע פֿון ערשטן טראָט.

— ווי גייט מען אַרויס אין שטאָט? — טו איך אַ מעוווּלוועלער אַ פֿרעג בײַ דער פֿרוי, וועלכע נעמט צו די זאַכן אין דער באַגאַזש־קאַמער. פֿאַרייַנוועגס שטעל איך נאָך אַ פֿראַגע:

— איר ווייסט עפּשער: אין האָטעל זײַנען פֿאַראַן ערטער?

— אײַלט זיך צו, — ענטפֿערט זי מיר מיט אַן אומאַנער, ליובאַרער אָדער בערשאַדער נוסעך, — גייט גלײַך אַהין מיטן טשעמאָדאַן. ערשט־אָ זײַנען פֿון דער שטאָט אַוועקגעפֿאָרן אַרטיסטן, אָבער עס הענגען שוין אַפֿישעס, אַז עס קומען נײַע. איר האָט מאַזל...

איך דאַנק און לויב אין האַרצן די אַרטיסטן, וואָס זײַנען צו דער צײַט אַוועקגעפֿאָרן, און אײַל זיך טאַקע צו. אַ ברייטער פּלאַץ, ווו ערטערווײַז זעט זיך אַרויס פֿון אונטערן אײַנגעטראַמבעוועטן שניי דער אַספֿאַלט, איז גרויסשטאָטיש באַהאַנגען מיט וועגווײַזערס און רעקלאַמע־שילדן, אַרומגעשטעלט בײַ די זײַטן מיט טאַקסאָמאָטאָרן און אויטאָבוסן. דער פּלאַץ פֿירט אַרויס צו דער אַנטקעגנדיקער קאַלינין־גאַס, וואָס אין מײַנע

צײַטן איז אַפילו קײן אַנדײַט אַף איר ניט געװען. פיל פּאַראַלעלע און קװערע גאַסן ציִען אין דער טיף פון דער שטאָט.

דאָ און דאָרט זע איך סימאָנים פון אַמאָל — צװײשטאָקיקע הילצערנע הײַזער, מיט װעלכע בירְאָבידזשאַן האָט זיך דעמאָלט געגרויסט. איצט פאַרלירן זײ זיך צװישן די הויכע מויערן. אָט זײַנען גאַסן מיט די זעלבע נעמען, װאָס אַמאָל, ליבע, טײַערע נעמען: לענין־גאַס, אָקטיאַבער־גאַס, גאָרקי־גאַס. אָבער איך פיל זיך אַזוי, פּונקט װי מײַן פוס װאָלט דאָ קײנמאָל ניט געטראָטן. ס'איז שוין געװאָרן אַ באַנאַלער אויסדרוק: „די שטאָט איז אויסגעװאַקסן", „די שטאָט בליט", „די שטאָט איז ניט צו דערקענען". װוּ נעמט מען נײַע װערטער, נײַע אויסדרוקן?

ניטאָ די האַלב־אײַנגעפאַלענע הײַזקעס, די באַראַקעס מיט דער פּאַקליע, װאָס קריכט פון די װענט. ניטאָ די הילצערנע שמאָלע קלאַדקעס, די בריקלעך, װאָס אויב צװײ מענטשן טרעפן זיך אַף זײ, מוז אײנער בלײַבן הענגען מיט אַ פוס איבערן זומפּ... „איך בין דאָ װי אַ בלינדער, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — כ'װײס ניט פונדאַנען אַהין".

אַ יִינגעלע װײַזט מיר, װוּ עס געפינט זיך דער האָטעל. אינעם האָטעל איז ליכטיק, װאַרעם, רײן — אַלץ, װאָס אַ קאָמאַנדיראָװאַטשנער דאַרף האָבן. „אויב ס'װעט זײַן דערצו נאָך אַ גוטער שאָכן אינעם צימער, — גיב איך אַ קלער, — איז דאָך שוין אַװדע גוט".

אין אַ װײַלע אַרום בין איך שוין מיט מײַן שאָכן באַקאַנט. אַ יונגער מענטש, נאָר די נאַקעטע שלייפן און שיטערע האָר אַפן קאָפּ מאַכן זײַן פּאָנעם עלטער. װען איך בין אַרײַנגעקומען אין צימער, האָט ער געהאַלטן אין פּאַנאַנדערלײגן אַפן בעט פאַרשײדענע אַנטיקלעך, װאָס ער האָט דאָ פאַר זײַן װײַב אײַנגעקויפט אין אוניװערמאַג: אַ פּאָר פּאַנטאָפל אַף הויכע אָפּצאַסן, אַ בונט כאַלאַטל, נאָך אײניקע יעקאַר־האַמצִיעסן, װאָס דאַרפן דערפרײען אַ פרוי. ער האָט געגומען פרעגן בײַ מיר מעװינעס. מיר האָבן זיך פּאַנאַנדערגערעדט. ער שטאַמט פון אַלטײַער קאַנט, נאָר אין דער אַרמײ האָט ער געדינט אַפן װײַטן מיזרעך. דאָ האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַן אַמורזעטער מײדל, און נאָכן ענדיקן דינען, װען ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהײם, האָבן זײ זיך געגומען איבערשרײַבן: ער האָט זי

גערופן אין בארנאול, זי אים — אין אמורזעט. אויסגעפּירט האָט זי. ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין איינער פון די אמורזעטער שולן און פירט דאָרטן אָן מיט דער פּראָדוציר־לערע. אין ביראָבידזשאַן איז ער איצט געקומען אַף דער געגנטלעכער לערער־קאָנפערענץ, געבראַכט א קאסטן שילערישע ארבעטן פאַר דער אויסשטעלונג.

— ווי זעט אויס אמורזעט? ווי גרויס איז דאָרטן די באַפעלקערונג? — האָב איך גלײַך גענומען אויספרעגן וועגן יִישעוו, ווו מיר איז אמאָל אויסגעקומען צו זײַן.

— ניט מער פון צען טויזנט, — האָט מײַן שאָכן קורץ געענטפערט און ווידער זיך אָנגעהויבן שפּיגלען אין די אײַנגעקוי־פטע זאַכן.

מיר פונעם וועג, בין איך אײַנגעשלאָפן. ווען איך האָב זיך אופגע־כאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג און דער שאָכן איז אין צימער ניט געווען. אין די לאַנגע קאָרידאָרן פון האָטעל האָבן געוועלטיקט די זעקס אופראַמערנס — מירל, ליזע, פרידע, צוויי בעטיעס און ציליע סאָלאָמאָ־נאָװנע, וועלכע איז עלטער פון די איבעריקע, טראָגט א גרויסן בייגל האָר אַפן קאָפּ און האָט אַלע טנועס פון א ווײַבל א קאָזאַק.

— וואָס רעדט איר, כ׳בעט אײַך, — האָט זי אויסגעשרײַען מיט איר הילכיקן קאָל, ווען כ׳האָב געזאָגט, אַז אין האָטעל איז געמיטלעך און רייך, — זעקס אַלמאַנעס זאָלן ניט קאָנען אופראַמען ווי ס׳דאַרף צו זײַן?

זי האָט מיר צוגעזאָגט אין אָוונט ברענגען ווײַזן איר אייניקל.

— וואָס רעדט איר, איך בעט אײַך, איר האָט נאָך אזא פאַרשוין ניט געזען. איך וועל אײַך אויך ברענגען זײַנע פאָטאָגראַפיעס...

אָפּגעגעסן אין רעסטאָראַן א געשמאַקן פרישטיק, בין איך ארויס אין דרויסן. איצט האָב איך שוין ניט געבלאָנדזשעט. עס האָבן גענומען איבער מיר שעפּטום א פּאָר ביראָבידזשאַנער וועטעראַנען און אָוועקגעפירט ווײַזן די שטאָט. נייך, דאָס זײַנען ניט געווען קיין געוויינלעכע עקסקורסיע־אָנ־פירער. זיי האָבן געמאַכט מיט די הענט, גערעדט הויך, איבערשרײַענ־דיק די טראַסקערײַ פון די מאַשינעס אַף דער גאַס, און אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

— אָט־דאָ, אויב איר געדענקט, איז גאָרנישט ניט געווען.
— דאָ איז געווען א בלאָטע.
— דאָרט איז געווען א זומפּ מיט קאַטשקעס.
— קומט, וועלן מיר אײַך ווײַזן די אַלטע געבײַדע פון דער שאָלעם־אַליכעם־ביבליאָטעק. די נײַע האָט איר שוין געזען?
— און דעם נײַעם בריק איבער דער בירע?
— א שאָד, וואָס איר זײַט ניט געקומען זומער. זומער איז בא אונדז א גאַניידן.

און מיר איז גאָר קיין שאָד ניט, ווײַל, ווי איך זע, איז ווינטער דאָ אויך גוט.

אויסער דער קאַלינין־גאַס איז נאָך איין גאַס אין דער שטאָט אינגאַנצן א נײַע פאַר מיר — די שאָלעם־אַליכעם־גאַס. כ׳וויל זי דורכגיין פון אָנהייב ביזן סאָף. די וועגווײַזערס ריידן מיך אָפּ: „צופוס? איר וועט כאַפּן א ציטער. ס׳איז זייער א לאַנגע גאַס". איך האָב זיך אָבער אײַנגעאַקשנט, און מײַנע וועטעראַנען גייען דורך א פּאָר קווארטאַלן פון דער גאַס און פאַרלאָזן מיך. באַם געזעגענען זיך פאַרבעטן זיי מיך פרײַנטלעך אַף וואַרמעס.

די זון שײַנט אזוי העל, אז דאָס אײַז אַף אַלע פענצטער פון דער דאָרעמדיקער זײַט גאַס איז אָפּגעגאַנגען. די פאַרשיידנקאָליריקע באַלקאָנדלעך שעמערירן, ווי א רעגנבויגן. אַפן שאָלעם־אַליכעם־פּלאַץ האָב איך דערזען צוויי באַקאַנטע געבײַדעס: דאָס סאָוועטן־הויז און די צווייטע מיטלשול. קעדיי צוקומען צו זיי, האָט מען אמאָל געדאַרפט דורכמאַכן א היפּשן מעהאַלעך דורך הוילער וויסטעניש. איצט זײַנען זיי נאָר א קלײַנער טייל פונעם שיינעם אַנסאַמבל, וואָס זוימט אַרום, ווי א דוהע, דעם סקווער.

אויסגעברייטערט זיך אַפן פּלאַץ, גייט די שאָלעם־אַליכעם־גאַס ווידער אַרײַן אין אירע ברעגן. פיר־ און פינפשטאָקיקע מויערן, געבויט פון בעטאָן־פּליטעס, ציִען זיך פון ביידע זײַטן טראָטואַר. איך קוק שוין מיט א ביסל כאַראָטע אַף די אויטאָבוסן, וואָס טראָגן זיך דורך פאַרבײַ מיר. גוט וואָלט געווען אַרײַנגיין צו עמעצן צוגאַסט. צו וועמען? איך קען דאָ

קיינעם ניט. מײַלע, זאָל זײַן צו װעמען־ניט־איז. איך פּאַרקערעװע צו א נײַ הויז. אז דאָס הויז איז א נײַס, זעט מען לויט דעם, װאָס פון הויף האָט מען נאָך ניט באַוויזן פאַרנעמען די קופּע מיסט. די נומערן פון די דירעס זײַנען אזוי בלאַנקענדיק, װי מע װאָלט זיי ערשט נעכטן־אײערנעכטן צו־געקלאַפּט.

איך פּרוּװ זוכן מאַזל אפן צװײטן שטאָק. איך קלינג אין איין טיר, אין א צװײטער, — אומעטום איז שטיל, קיין קלאַנג ניט פון אינװייניק. איך הייב זיך אוף אפן דריטן שטאָק. די אייגענע געשיכטע. קריכן העכער האָב איך ניט קיין כּיישעק, לאָז איך זיך אראָפּ, און מיט פאַריבל, פּונקט װי מע װאָלט מיר געװען עפּעס שולדיק, קװעטש איך אָן מיטן גאַנצן קױעך אף דער ערשטער קנאָפּקע, װאָס מאַכט זיך אונטער דער האַנט. עס קלינגט, װי אף א סרײפע. אַלע דרײַ טירן פון ערשטן שטאָק צעפּראַלן זיך. עפּעס מורמל איך ארויס אין פאַרלעגנהײַט.

— ביטע, גייט ארײַן, װאַרעמט זיך אָן, — פאַרבעטן מיך דרײַ באַלע־באָסטעס מיטאַמאָל.

אין דער דירע, װוּ איך קום ארײַן, לעבט אַלעקסאַנדער פּאַלער מיט זײַן פרוי און דרײַ קינדער. די דירע איז א גרויסע, מיט אַלע באַקװעמ־לעכקײַטן. די צימערן זײַנען פײַן אויסגעשטאַט: א שײנע שאַפע, א סער־װאַנט, א דיװאַן, װאָס קאָן דינען אַלס א בעט, און א בעט, װאָס קאָן װערן א פּאָטערשטול; אף א הויך שאַפּקעלע שטייט א ראַדיאָ־אופּנעמער.

— מיט א טעלעװיזאָר װעלן מיר נאָך מוזן צװוּאַרטן, — זאָגט די פרוי.

זי הייסט ראַיע, זי איז אין יענעם גליקלעכן עלטער, װען די רײַפע ליבע צום מאַן גיסט זיך צונויף מיט דער יונגער ליבע צו די קינדער, און אפן פּאָנעם איז שטענדיק צו זען אָדער פרייד, אָדער זאָרג. די קינ־דער, אײנס קלענער פונעם צװײטן, הייסן װאַדיק, ריטע און װאָװע. פאַר מײַן ארײַנקומען האָבן זיי, אפּאָנעם, זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. איצט, נאָך דעם, װי זיי האָבן זיך שוין באַקאַנט מיט מיר, האָבן זיי באַנײַס א קאָן זיך גענומען צו דער שפּיל. ריטע איז ארײַנגעקראָכן אין דער

קליידער־שאפע, וואדיק זיצט אונטער דער בעט, דער עלטסטער, וואָווע, האלט פארמאכט די אויגן, און איַילט צו:

— גיכער, איך נעם זוכן!

— זיי קערן איבער די שטוב, דערהויפּט, ווען דער טאטע איז אין דער היים. אלעקסאנדער, ענדיק שוין גיכער זיך גאָלן! — האָט ראיע אויסגערופן.

פונעם שכיינעסדיקן צימער האָט זיך דערהערט א באַמקען, דערנאָך האָט זיך באוויזן אלעקסאנדער — א הויכער מאנצבל מיט א גוטמוטיקן אויסזען פון א מענטשן, וועלכער מאכט פון קיין זאך קיין וועזן ניט. דער האנטעך איז נאָך געווען בא אים פארשטעקט הינטערן קאָלנער. די באקן — רויטלעך, ריין אויסגעשאָבן.

— געגוג צו שטיפן, — האָט ער א זאָג געטאָן מיט אזא געבייזער אין קאָל, אז די קונדייסים האָט עס נאָך צוגעגעבן פייַער.

מיטן צופעליקן אויסוואל פון דער דירע, וווהין אריַינצוגייך, האָט מיר בעפּיירעש אָפּגעגליקט. אלעקסאנדער פאלער איז פון די מענטשן, צוליב וועלכע א שרייַבער פאָרט אין שעפערישע קאָמאנדירונגען.

וויפל טרויער און פרייד אנטהאלט א געווינלעכער פאמיליען־אלבאָם! פארגעלטע פאָטאָגראפיעס פון אן אומגעקומענעם טאטן, פון א פרי־פאר־שטאָרבענער מאמען; איבערגעמישט א בלעטל — א גליקלעך יונג פּאָר־פאָלק, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פארשריבן אין זאגס; נאָך א בלעטל — אן אייפעלע מיטן נאקעטן געזעסל ארויף...

די גאנצע מישפּאָכע זיצט באם טיש, די קינדער זייַנען שטילער גע־וואָרן, זיי הערן, וואָס עס דערציילן די עלטערן.

אלעקסאנדער איז פון דזשאנקאָי, דאָס ווייַב זייַנס — פון יעווּפּאַ־טאָריע. צונויפגעפירט האָט זיי בירָאָבידזשאן. ביידנס טאטעס זייַנען מיל־כאָמע־צייַט געווען מאטראָסן און האָבן באשיצט סעוואסטאָפּאָל. אלעק־סאנדערס פאָטער איז אין 1942 יאָר אומגעקומען אפן פראָנט, אינעם זעלבן יאָר איז געשטאָרבן ראיעס מאמע.

— ווען מיר האָבן זיך באקאנט, — ווייַזט אָן אלעקסאנדער אף דער פרוי, — האָט זיך ארויסגעוויזן, אז בא אונדז זייַנען קימאט איינע און די

זעלבע ביאָגראַפיעס און אז מיר זײַנען אומעטום געווען שכיינים. שכיי־נים אין קרים, שכיינים אין עוואַקואַציע, שכיינים אינעם עשעלאָן, וואָס האָט אונדז אין 1947 יאָר געבראַכט אַהער...

— נאָר אין ביראָבידזשאַן זײַנען מיר געוואָרן אויס שכיינים, — האָט ראיע א שמייכל געטאָן.

אָנגעוואַרעמט זיך ניט נאָר פון דער מעכײַעדיקער וואַרעמקײַט אין שטוב, נאָר אויך פונעם גלעזל טיי און עפּשער נאָך מער פונעם געמיטלעכן שמועס, גיי איך ווײַטער אַרויס אַף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס. דאָ און דאָרט רודערט א הייב־קראַן. א פּאָר ברעטער זײַנען אַריבערגעוואָרפן איבער א טראַנשיי, אין וועלכער מע לייגט אײַן טרויבן. די שײַטערס, וואָס פלאַקערן לעבן זיי, זעען זיך קוים אָן אַנטקעגן דער זון. דער ווינט ווערט שטאַרקער, איך בין, דאַכט זיך מיר, שוין אַרויס הינטער דער שטאָט. ניין, דאָס האָבן זיך בלויז פאַרענדיקט די הויכע מויערן, די גאַס ציט זיך נאָך. אַף די קליינע הילצערנע שטיבלעך מיט די נידעריקע פלויטן און פאַרשנייטע פאַליסאַדניקעס הענגט דאָס זעלבע בלויע שילדל — שאָלעם־אַלייכעם־גאַס. עס וואַקסן אויס פאַר די אויגן די קאָרפּוסן פון א גרויסן זאַוואָד, אַרום אים — א צעוואַקסענער יישעוו.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אונטערנעמונג? — פרעג איך בא איינעם א מאַנצבל, וועלכער איז אַראָפּ פון אויטאָבוס און גייט צום זאַוואָדישן טויער.

— דער קאָמבײַנען־זאַוואָד, — ענטפערט ער.

— און וואָס איז עס פאַר א יישעוו? — פרעג איך זיך ווײַטער נאָך.

— דאָס איז דער יישעוו אַף יויסעף בומאַגינס נאָמען, — ענטפערט ער און קוקט אָן א ביסל פאַרוווּנדערט דעם נעפעש, וואָס ווייסט ניט וועגן אַזעלכע זאַכן.

מיסטאָמע דערפאַר, ווײַל די שאָלעם־אַלייכעם־גאַס גיסט זיך צונויף מיטן בומאַגין־יישעוו, פלעכטן זיך דאָ די גאַנצע צײַט דיביידע נעמען איבער. דער פאָלקס־שרײַבער גייט באַנאַנד מיטן פאָלקס־העלד, דעם סאָלדאַט.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען אין דער דירע, וווּ עס וווינט יוסעף בור־מאגינס מישפּאָכע, האָט בא מיר געקלאַפּט דאָס האַרץ ניט נאָר דערפאַר, ווײַל כ׳האָב זיך אופגעהויבן אַף טרעפּ.

די טיר האָט געעפנט א מיידעלע פון א יאָר אכט, בא איר קליידל האָט זיך געהאַלטן נאָך גאָר א פּיצל קינד, און הינטער זיי ביידע איז גע־שטאַנען אַן עלטערע פרוי מיט א קאָפּ בלאָנדע האָר, איבערגעשאָטענע מיט זילבער. אין א ווײַלע אַרום זײַנען מיר געווען באַקאַנט: העניע מאָי־סייעוונע — בומאגינס ווײַב, נינע און אַליק — יוסעפס אייניקלעך.

— אויב איר האָט צײַט און איר וועט קאָנען אויסוואַרטן, — זאָגט העניע מאָיסייעוונע, — וועט איר זיך אויך באַקענען מיט אונדזערע טעכ־טער, איינע איז א לערערן, די אַנדערע — א פעלדשעריצע. דער איידעם אַרבעט אַף דער שוך־פאַבריק.

איך בעט זי דערציילן וועגן יוסעפן. די אויגן אירע, אַמאָל, ווײַזט אויס, זייער בלויע, זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן, און עס האָט מיך שוין פאַרדראָסן, האַלעמײַ איך האָב זי אופגערודערט.

— ער וואָלט איצט אַלט געווען זעקס און פופציק יאָר, — האָט זי אָנגעהויבן נאָך א היפּשלעכן שווײַגן. — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן וועגן אים?.. ער איז געווען א גוטער מאַן, א גוטער טאַטע און א גוטער מענטש. וועגן אײַן שטריך זײַנעם האָב איך ניט געוווּסט בא זײַן לעבן און נאָר דערהערט וועגן אים נאָך זײַן טויט: ער האָט געקאָנט זײַן האַרב. ווי מיינט איר, — האָט העניע מאָיסייעוונע פּלוצעם א פרעג געטאָן. און לויט דעם, ווי עס האָט א ציטער געטאָן איר קאָל, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע שטעלט זי אָפּט זיך אַליין, — ווי מיינט איר, ווען בא אים זײַנען אויסגעגאַנגען די גראַנאַטעס און ער האָט גענומען פויזען צום דײַטשישן קוילנוואַרפער, קעדיי מיטן אייגענעם לײַב פאַרשטעקן די אַמבראַזור, — אין יענע געפערלעכע מינוטן האָט יוסעף א טראַכט געטאָן וועגן זײַנע צוויי פּיצלעך קינדער? איך מיין, אַז ער האָט יאָ געטראַכט, — האָט זי גאָר שטיל זיך אַליין געענטפערט.

— אין בריוו האָט ער באַוויזן אָנצושרײַבן פון פראָנט, — האָט זי פאָרגעזעצט, — ער האָט געשריבן, אַז די אַטאַקע איז דורך גוט. דעם

בריוו האָב איך בײַגעלייגט צום פּעקל בריוועלעך, וואָס ער האָט מיר געשריבן, ווען ער איז געווען אַף דער אָזערע כאַנקאַ. פאַר דער מילכאָמע האָט ער געדינט דאָרטן... ער איז אַ וויטעבסקער, און איך בין פון ראָהאַטשאָוו, געקומען זײַנען מיר ביידע אין ביראָבידזשאַן אין 1937, ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אַפן וועגענער־זאַוואָד... איך אַרבעט שוין אויך אַף דעם זעלבן זאַוואָד אַ היפּש ביסל יאָרן. כ׳וואָלט שוין געמעגט אַוועקגיין אַף פּענסיע, נאָר עפּעס לאָזט מיך ניט. מיטיק־איבערײַס גיי איך אַרײַן פון מײַן צעך אין זײַן צעך, דאָרטן הענגט זײַנער אַ פּאָרטרעט...

העניע מאָיִסייעוונע ווײַזט מיר אַן עטוואָס פאַרגעלטן פּאַפּיר, ווו עס איז אַף אַ מיליטעריש־לאַקאָנישן אופן באַשריבן בומאַגינס העלדנטאַט:

„אין ברעסלאַו, בײַס די שווערע גאַסן־שלאַכטן, באַזונדערס פאַרן קוואַרטאַל נומער 142, האָט דער לייטענאַנט בומאַגין, אונטער אַ האָגל פײַער, אַרויסגערוקט פאָרויס די קוילנוואַרפערס. ער פּערזענלעך האָט דערבײַ פאַרטיליקט באַ 20 היטלערישע סאָלדאַטן. אונדזער אָנגרײַפנדיקע פּעכאָטע האָט זיך אָפּגעשטעלט און ניט געקאָנט גיין ווײַטער איבער דעם פײַער פון צוויי קוילנוואַרפערס, וואָס האָבן זיך קונציק פאַרמאַסקירט אין אַ רויִנירטן הויז. דער לייטענאַנט בומאַגין האָט אַוועקגעפויזעט פאָרויס, געפונען איין קוילנוואַרפער און פאַרוואָרפן אים מיט גראַנאַטעס. דער צווייטער קוילנוואַרפער האָט ניט אופגעהערט שיסן. בומאַגין האָט אינעם קעלער פון הויז אָפּגעזוכט די אַמבראַזור, זיך אַ וואָרף געטאָן אַף איר און זי פאַרשטעקט מיט זײַן אייגענעם לײַב. דער פײַנטלעכער קוילנוואַרפער איז אַנשוויגן געוואָרן. אונדזער פּעכאָטע איז אַוועק אין אַטאַקע. באַצאָלנדיק מיטן לעבן, האָט בומאַגין באַוואָרנט דאָס אויספילן אַן אויסשליסלעך וויכטיקע אופגאַבע...“

אין צימער קומט אַרײַן אַ מיטלוויקסיקע שוואַרצכיינעוודיקע פרוי. אין האַנט באַ איר — אַן אָפענער פּאָרטפעל, פון וועלכן עס שטאַרצן אַרויס שילערישע העפטן. זי לייגט אַוועק דעם פּאָרטפעל און כאַפּט אַף די הענט אַליקן.

קלאַווא יאָסיפּאָוונאַ, בומאַגינס עלטערע טאָכטער, האָט פאַרענדיקט די ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישע שול און איז שוין עטלעכע יאָר א לערערן.

— זיי זײַנען אַלע ענלעך אויף אים, די קינדער און די אייניקלעך, — זאָגט העניע מאָיסייעוונע.

נאָכדעם, ווי איך בין געווען בא די בומאַגינס, ווילט זיך מיר גלײַך ארײַנגיין אויפן קאָמבײַנען־זאַוואָד, איך בין ניט ווײַט פון אים, אָבער ס'איז שוין שפּעטלעך, אויף הײַנט — גענוג. איך זעץ זיך ארײַן אין א ליידיקן אווטאָבוס, וואָס ווערט אינגיכן פול מיט פּאַסאַזשירן. אויף יעדן אָפּשטעל קומט צו אוילעם, און ס'ווערט פּרייַלעכער. ווען איך דאַרף אַראָפּגיין, איז דער אווטאָבוס שוין אַזוי געפּאַקט, אַז עס קומט אויס אָן אַרבעט טאָן מיט די עלנבויגנס. דאָס שאַדט אויך ניט, באַזונדערס אין א פראָסט...

דער גילגל פון אַ זאַוואָד

איך בלעטער דעם ביראָבידזשאַנער טעלעפאָן־בוך און געפין אין אים פאַמיליעס, וואָס קלינגען מיר זייער באַקאַנט. הינטער יעדן נאָמען — א רײַכע געשיכטע, א קאָלאָריטע ביאָגראַפיע, א סאַך דערמאָנונגען, א סאַך איבערלעבונגען.

אייגנטלעך, וואָלט מען געדאַרפט נעמען כאָטשבי איין גאַס, גיין פון שטוב צו שטוב און באַקענען זיך מיט די אײַנוווינער — מיט די ביראָ־בידזשאַנער זיידעס, ביראָבידזשאַנער טאַטעס, ביראָבידזשאַנער קינדער און ביראָבידזשאַנער אייניקלעך.

אין דעם זעלבן טעלעפאָן־בוך — א גרויסע צאָל אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן, אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן אפילו א געזעלשאַפט פון בלינדע. אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, זײַנען אַזעלכע געזעלשאַפטן פאַראַן בלויז אין גרויסע שטעט.

דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פּאָרזיצער פון געגנט־אויספּירקאָם אַבראַם מאַטווייעוויטש קרעמער האָט מיר געייצעט פאַרשרײַבן די פאַ־

בריקן און זאוואָדן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן, אין וועלכע איך דאַרף אומבאַדינגט זײַן.

אבראַם מאַטווייעוויטש איז אין ביראָבידזשאַן פון 1936 יאָר. א צענ־יאָריק ייִנגל, איז ער מיט די עלטערן געקומען אהער צו פאָרן פונעם שטעטל פּיקאָוו, וויניצער געגנט. אין ביראָבידזשאַן האָט ער פאַרענדיקט די מיטלשול, געאַרבעט אלס שלאָסער אפן וועגענער־זאַוואָד, 8 יאָר גע־דינט אין דער אַרמיי, דערנאָך זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאַן און הינטער־אויגיק פאַרענדיקט דעם כאַבאַראָווסקער אינסטיטוט. לערנענדיק זיך, האָט ער געאַרבעט אלס א פּלאַנאָוויק אפן טראַנספאָרמאַטאָרן־זאַוואָד, דערנאָך איז ער געוואָרן פאָרזיצער פון שטאָטפּלאַן, שפּעטער — פאָרזי־צער פון געגנטפּלאַן.

קרעמער האָט אַרויסגענומען פון א טישקעסטל אן אײַנגעבונדענעם מאַנוסקריפּט, פול מיט ציפערן, א בלעטער געטאָן די צונויפגעלייגטע אײַנ־דרײַען לאַנגע בויגנס, עפּעס זוכנדיק אין זיי.

— ווייסט איר, ווען בא א פּלאַנאָוויק איז דער גרעסטער פאַרגע־ניגן? — האָט ער א פרעג געטאָן בא מיר, און זײַנע אויגן האָבן אופגע־לויכטן, ווי געווײנלעך בא א מענטשן, ווען ער הייבט אָן ריידן וועגן דעם, וואָס אים איז זייער טײַער און נאָענט. — דער פאַרגעניגן איז ניט דעמלט, ווען מיר טרעטן אַרויס אף דער טריבונע און פאַרמאָטערן דעם אוילעם מיט ציפערן, נאָר ווען מיר שטעלן אײנעם פּלאַן אוועק די ערשטע ציפער. פאַר אלעמען איז עס נאָך א סאָד, און איך ווייס שוין, וואָס עס וועט פון דעם אַרויסוואַקסן... כ'זאָל האָבן צײַט, וואָלט איך זיך דורכגע־פאָרן מיט אײַך. דער טראַנספּאָרט איז א גוטער. אין די ווײַטערע ייִשו־וים פליִען אַעראָפּלאַנען. אין שטאָט איז פאַראַן א פיליִאַל פון אַעראָפּלאָט, און מע קאָן באַשטעלן א בילעט אף ווען מע וויל.

איך האָב אָפּגעדאַנקט פאַרן שמועס.

— פאַרלירט ניט דאָס צעטל אונטערנעמונגען, — האָט קרעמער מיר דערמאָנט, בייס איך האָב זיך געלאָזן צו דער טיר.

אין א האַלבער שאָ אַרום בין איך געווען אפן קאָמבײַנען־זאַוואָד.

ס׳איז שוין א קלאל: אונדזערע פאבריקן און זאוואדן האָבן די טעווע צו וואקסן. עס איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן אף אן אונטער־נעמונג, וואָס זאָל זיך ניט פארברייטערן, ניט ארומבויען זיך, ניט ארויס־לאָזן וואָס א יאָר אלץ מער פראָדוקציע. דער ביראבידזשאנער זאוואָד פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס האָט דאָ, דוכט מיר, געשלאָגן איינעם פון די רעקאָרדן אפן ווײַטן מיזרעך: ער פלעגט ארויסלאָזן וועגענער, איצט לאָזט ער ארויס קאָמבײַנען. איך האָב זיי געזען, די מעכטיקע מאַ־שינעס, אף וועלכע עס האָט זיך נאָרוואָס אויסגעטריקנט די רויטע פארב. זיי זײַנען געשטאנען איינע הינטער דער אנדערער, גרייט ארויספאָרן פון די צעך־טויערן. קיין בעסערער פארגלײַך פונעם איצטיקן ביראבידזשאן מיט דער אמאָליקער טיכאָנקע איז ניטאָ, ווי אוועקשטעלן באנאנד א הילצערנעם וואָגן און א שטאָלענעם קאָמבײַן. לאָמיר אָבער דעם אלטן וועגענער־זאוואָד דערמאָנען צום גוטן. די וועגענער האָבן געפירט גאנץ פײַנע מאסעס צום פראָנט, און די גרעסטע מערהײַט פון די מענטשן, וואָס פלעגן ארויסלאָזן די וועגענער, ארבעט אויך איצט אין די נײַע, געראַומע צעכן.

— קארפּ פּאָפּאָוויטש...

— מיכל רוטמאן...

— טראָפים טשעוסאָוו...

— כאַים גאָרעליק...

— וויקטאָר אסטאפיעוו...

עס ארבעטן דאָ גאנצע דינאסטיעס, אָנגעהויבן גאָר פון די ערשטע איבערוואנדערער ביז זייערע אייניקלעך; מע האָט זיך פארצווײַגט און קרויוויש איבערגעפלאָכטן.

די בלויע און געל־רויטע פײַערן פונעם שמידער־צעך באלויכטן פּע־נעמער — יונגע און עלטערע. די אויגן זיצן טיף אין די נעסטן, לעבעדיקע אויגן פון געניטע באלמעלאָכעס. יעדערער פון די עלטערע ארבעט אין זאוואָד שוין פיל יאָרן. מיר דריקן זיך די הענט. מיט דער דורשטיקײַט פון אן אלטן קאָרעספּאָנדענט פארשרײַב איך אײַליק זייערע ביאָגראפיעס, וואָס זײַנען פאר מיר אלט און נײַ.

— באקענט זיך אויך מיטן מיטעלן און יונגן דאָר, — אייצעט מיר דער סעקרעטאר פון דער פּארטיי־אָרגאניזאציע פון שמידער־צעך נאום פּאוולאָווסקי, באמערקנדיק, אז איך האָב זיך צוגעכאפּט נאָר צו די אַלטע.

— אונדזער סעקרעטאר היט אויס אַלעמען פון אַלע געפאַרן, אפילע א שרייבער, — טוט זיך א וויצל דער עלטערער מײַסטער אַלעקסאנדער קרעלשטיין, א קרעפּטיקער פּערציקיאָריקער מאנצבל מיט א פּריש־אָפּ־געבערענטן פּאָנעם, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט נעכטן זיך געפּרעגלט אף א זומערדיקער זון.

קרעלשטיין פירט מיך אריין צו זיך אין צימערל, וואָס געפינט זיך אינעם נײַעם פּרעס־ און שטאמפּ־צעך. קעדיי קיינער זאָל אונדז ניט שטערן, פּרווט ער פאַרשליסן די טיר, נאָר ווײַזט אויס, קרעלשטיינס קאַ־בינעט האָט מען נאָך קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן. דער שלאָס ארבעט ניט. קרעלשטיין זעצט זיך אוועק באם טישל, אף וועלכן עס ליגן „ראַפּאָר־טיטשקעס״, נאַריאַדן, אויך א פּאָר צייכענונגען אף מילימעטער־פּאפּיר, וועלכע מע האָט, אפּאָנעם, ניט איין מאָל שוין געהאַלטן אין די הענט. איך זעץ זיך אוועק אנטקעגן אף דער שמאָלער באנק, וואָס שפּארט זיך אָן מיט איין עק אין דער טיר. אָבער מיר באוויײַזן ניט אָנהייבן ריידן, ווי די טיר עפנט זיך, די באנק טוט א פּאָר אָפּ אין א זײַט.

— אַלעקסאנדער פּיליפּאָוויטש!

קרעלשטיין אנטשולדיקט זיך און אנטלויפט. איך לאָז זיך גיין איבער די צעכן. דער קאָמבײַן־זאוואָד איז א מאָדערנע גרויסע אונטערנעמונג מיט הונדערטער גײַסטע ווערקשטעלן, בא וועלכע עס ארבעט מער פון אַלץ יוגנט. אינעם מעכאנישן צעך באגריס איך זיך מיט אַלעקסאנדער פּאַלערן, אין וועמעס דירע איך האָב זיך נעכטן, גייענדיק איבער דער שאָלעם־אליכעם־גאס, צופעליק ארײַנגעכאפּט. אף דער וואנט, איבער די נײַע ווערקשטעלן, בא וועלכע עס ארבעט פּאַלער און זײַנע כאווירים, איז אָנגעצויגן א רויט לײַוונט: „בריגאדע פון קאָמוניסטישער מי״. ניט ווײַט הענגט איבער א ווערקשטעל א צווייט רויט לײַוונט מיט אן אופ־שריפט, אז דאָ האָט געארבעט דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאנד יויסעף בומאגין.

— מיר מאכן קאָמפּליצירטע אינסטרומענטן, וואָס פאָדערן פּינקט־לעכקייט פון ערשטן קלאַס, — דערציילט אַלעקסאַנדער און באַקאַנט מיך מיט די מיטגלידער פון דער בריגאַדע. די כעוורע זײַנען פאַרנומען, זיי אַרבעטן אָנגעשטרענגט, און די באַקאַנטשאַפט מײַנע באַשטייט דערווײַל בלויז אין דעם, וואָס דער בריגאַדיר ווײַזט מיט דער האַנט אויף איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן און רופט אָן זייערע פאַמיליעס: יאָסל סקליאַר, אַנאַ־טאָלי קיטײַצעוו, ניקאָלײַ בעלאָנאָגאַ, פּירע יאַנקעלעוויטש, מאַרעק גליקנפרייד.

— אַ גוטע פאַמיליע, — באַמערק איך, — גליק און פרייד.

— דאָס איז אונדזער דעוויז, — צעשמייכלט זיך אַלעקסאַנדער און נעמט זיך אויך צו דער אַרבעט. אַ בריגאַדיר איז ער, ווי ער האָט מיר דערציילט, אויף געזעלשאַפטלעכע יעסוידעס, קיין צוגאָב־לוין דערפאַר קריגט ער ניט.

ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען פון פאַלערס באַצירק, האָב איך ווידער באַגעגנט קרעלשטיינען. ער האָט מיך גלײַך געפרעגט:

— פאַלער האָט אײַך דערציילט וועגן זײַנע ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן?

— ניין.

— און וועגן דעם, אַז אַלע אין זײַן בריגאַדע לערנען זיך?

— אויך ניט.

— און אַז אין זײַן בריגאַדע אַרבעטן דער ביראָבידזשאַנער שאַכמאַטן־עקסטשעמפּיאָן, דער בעסטער פאָרווארד פון דער פוטבאָל־קאָמאַנדע און די בעסטע וואָלייבאָליסטקע, האָט איר זיך אויך בא אים ניט דערוווּסט?

אַנטוישט אין מײַנע קאָרעספּאָנדענטישע פײַיִקײַטן, האָט קרעלשטיין שוין איצט מיך ניט אָפּגעלאָזן פון זיך. דער זאַוואָדישער הודאָק האָט אונדז געטראָפן אינעם פּרעס־ און שטאַמפּן־צעך.

— איך וויל, איר זאָלט אַ רעד טאָן מיט איינער זייער אַ פײַנער יאַ־טעכע. איך האָב ספּעציעל זי געבעטן, זי זאָל נאָך דער אַרבעט ניט אַוועק־גיין. — מיט די ווערטער האָט ער מיך צוגעפירט צו אַ שטאַמפּ־ווערק־שטעל, וווּ אַן אַרבעטערן האָט פלײַסיק געציילט מעטאַלענע רינגען.

— ראָזע שילאָ, איר מיידלשע פאַמיליע איז פּאָקראַפּיוונאַיאַ, און נאָך פריִער איז איר מיידלשע פאַמיליע געווען רײַך...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף קרעלשטיינען, ניט פאַרשטייענדיק, וויִאַזוי איין פרוי קאָן האָבן צוויי מיידלשע פאַמיליעס.

— זי וועט אײַך דערציילן. ס׳איז אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

אַן אײַנגעוואַשענע און איבערגעטאָנענע, זעט ראָזע אויס אַ סאַך ייִנגער, ווי באַם ווערקשטעל. נאָר די בלוילעכע ראַנדן אַרום די אויגן וואַשן זיך ניט אָפּ, און די אויגן גופא — קײַלעכיקע, גרויסע, זייער שוואַרצע — האָבן אין דער טיף אַ פײַכטלעכן גלאַנץ, פּונקט ווי דאָרט וואָלט אויף אייביק געבליבן שטעקן אַ פאַרגליווערטער טראָפּן פון אַ ניט אויסגעוויינטער טרער. איך זיץ מיט ראָזען אויף דער באַנק אין דעם זעלבן צימערל קרעלשטיינס, וואָס איז מיר שוין באַקאַנט. דער באַלעבאָס גופא זיצט בײַ זײַן טישל און לייענט די „דעפּיציטקעס“, דה. די אָנגאַבן וועגן די דעטאַלן, וועלכע פעלן אויס און וועלכע מע דאַרף וואָס גיכער מאַכן.

— וועגן זיך האָב איך ניט באַזונדערס וואָס צו דערציילן, — האָט ראָזע אָנגעהויבן. — איך וועל נאָר דערציילן וועגן מײַן מאַמען, וועגן מײַן צווייטער מאַמען. די עמעסע מאַמע מײַנע, וואָס האָט געהייסן פריידע, איז אומגעקומען צוזאַמען מיטן טאַטן אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם, ווי די פאַשיסטן זײַנען אַרײַן צו אונדז אין דאָרף. אילאָווטשע הייסט דאָס דאָרף. ס׳איז ניט ווײַט פון טרעמבאָוולע, טערנאָפּאָלער געגנט. מיט אַ מעסלעס פאַר דעם, ווי אַלע ייִדן האָבן זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען אויפן פּלאַץ, איז די מאַמע אַרײַן צו אונדזער שכנטע מאַריאַ איליניטשנאַ פּאָקראַפּיוונאַיאַ און געבעטן מיך אויסבאַהאַלטן. איך בין דאַן אַלט געווען זיבן יאָר און געווען בין איך לויטן אויסזען אַן אויסגעשפּראָכן ייִדיש מיידעלע. די האָר זײַנען בײַ מיר איצט אויך שוואַרצע, נאָר דעמאָלט זײַנען זיי געווען נאָך שוואַרצער, אַ ייִדיש פּאָנעם... אויסבאַהאַלטן מיך איז געווען זייער שווער, נאָר מאַריאַ איליניטשנאַ איז מאַסקים געווען. זי איז געווען אַ שטילע פרוי, אַ שווײַגערקע, און ווײַל זי איז געווען אַזאַ שטילע און האָט קעסיידער געשוויגן, האָב איך עפּעס מוירע געהאַט פאַר איר. מיט אַ ציטער בין איך אַריבערגעטראָטן די שוועל פון איר הויז, און עס האָט

זיך אָנגעהויבן בא מיר א לעבן פון אויסבאהאלטן זיך. אָפטמאָל, אין א שיינעם וועטער, האָט זיך שטארק געוואָלט כאָטש אף א מינוט ארויסלויפן אין גאס, נאָר איך האָב געוווּסט, אז מע טאָר ניט.

אין דאָרף זיַינען געווען פארשיידענע מענטשן. עמעצער האָט אָנגעוויזן אף פּאָקראַפּיוונעס שטוב. עס זיַינען געקומען די דיַיטשן, גענומען קלאַפּן אין טיר. די טיר איז בא אונדז שטענדיק געווען פארמאכט. מאריא איליביטשנעס מאַן האָט זיך איבערגעציילעמט און שטיל געזאָגט:

— מאריא, מע דארף באהאלטן דאָס קינד.

אָבער ווו? א קליין שטיבעלע — א צימערל מיט א פּירהיַיזל, אפילע קיין פּידפּאָל איז ניטאָ, כאָטש ווען ער זאָל יאָ זיַין, וואָלט דאָס אויך געהאט פאר מיר א קנאַפּע פּולע. אין שטוב איז געווען א גרויסער אויוון. מע האָט מיר געהייסן אפּגיך אריַינקריכן אין אים.

ראָזע נעמט בא קרעלשטיינען פון טיש א פארשריבן פּאַפּיר, אף דער לינקער, רייַנער זיַיט מאָלט זי אָן אן אויוון מיט א טרויב און וויַיזט מיר, וויאַזוי זי איז אהין אריַינגעקראָכן.

— די דיַיטשן האָבן געזוכט, געניַשטערט, געריסן און געשטאָכן די פּערענעס — דאָס איינציקע פארמעגן פונעם פּאָרפּאָלק, ווינטער און זומער האָט מען מיט די פּערענעס זיך צוגעדעקט. די פּאשיסטן האָבן מיך ניט געפונען. איך בין ארויס פונעם אויוון, אויסגעשמירט ווי דער טיַיוול, און געגעבן אזא הויכן ניס, אז מיַינע ניַיע עלטערן זיַינען געבליבן דערציטערטע: „צו געזונט, נאָר א ביסל שטילער“, — האָבן זיי דערשראָקן א קוק געטאָן אין פענצטער און אף דער טיר.

אין דאָרף האָב איך מער ניט געטאָרט בליַיבן. עס האָבן זיך געפונען איינער אָדער צוויי מענוואָלים, וואָס גיבן אויס. מיַין שוועסטערל, וואָס האָט זיך אויסבאהאלטן בא אן אנדער פּויערטע, האָט מען צוגענומען און אומגעבראכט.

אין א ווינטערדיקן טאָג האָט די מאמע — איך מיין, די צווייטע מאמע מיַינע, — גענומען מיך פאר דער האנט, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין א וויַיטן וועג, אזש קיין לוואָוו. וואָס מיר זיַינען אויסגעשטאנען, ביז מיר האָבן זיך אהין דערקליבן, וויאַזוי די מאמע האָט מיך יעדן מאָל אויסגעהיט

פון א פרעמד אויג, וועל איך ניט דערציילן. אין לוואָוו האָט זי מיך איבערגעלאָזט בא איר פּלעמעניצע יוסטינע — א יונגע פרוי, זייער אָן אָרעמע. מיר וואָלטן אויסגעגאַנגען פון הונגער, נאָר די מאַמע האָט אונדז אויך דאָ געראַטעוועט. זי האָט אָנגעקליבן א קוישל אייער, געקוילעט דרײַ הינער און עס געבראַכט דעם דאָקטער, וואָס האָט געוווינט אַף דער אַנדערער גאַס פון אונדז. דער הער דאָקטער איז געוואָרן ווייכהאַרציק און האָט אַרויסגעגעבן א צעטל, אַז יוסטינע איז קראַנק און אַז זי בײַטיקט זיך אין גוטער דערנערונג, דערהויפּט אין מילכיקס. געקראָגן אַזא צעטל, האָט די מאַמע אָנגעהויבן קומען צו אונדז יעדע צוויי־דרײַ כאָדאָשים מיט קוישלעך עסנוואַרג, וואָס זי האָט באַוויזן אָפּצושפּאָרן אין איר אָרעמער ווירטשאַפט. אָט אַזוי בין איך געבליבן לעבן. ווען מע האָט באַפרײַט לוואָוו, האָב איך זיך גלײַך אומגעקערט אין דאָרף צו די פּאָקראַפּיונעס, ווי א טאָכטער צו די עלטערן. מיר איז דאַן געווען דאָס עלפטע יאָר, איך האָב אָנגעהויבן גיין אין שול, אין ערשטן קלאַס, געלערנט האָב איך זיך פלײַסיק. אָבער אָנטיילנעמען אין די קינדערשע שפּילן האָב איך ניט געקאָנט, כ'האָב ניט געפילט אין דעם קיין פאַרגעניגן, און נאָך דער ערשטער מינוט פלעג איך פון דער שפּיל אַרויסגיין... ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, געוואָרן א גרויס מיידל, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, אײַנגעאָרדנט זיך און גלײַך אַרויסגעפאָדערט די מוטער. דאָס איז אַלץ, — האָט זי א קוק געטאָן אַף מיר און אַפן מײַסטער קרעלשטיינען, ווי שולדיקלעך, וואָס זי האָט אַזוי ווייניק געהאַט צו דערציילן. די טונקעלע פולע הענט זײַנען אומבאַוועגלעך געלעגן אַף די קני, אָפּרוענדיק נאָכן טאָג אַרבעט.

— אין ביראָבידזשאַן האָב איך כאַסענע געהאַט, — האָט זי צום שלוס צוגעגעבן, — טאַקע דאָ, אין דעם זעלבן צעך, געפונען מײַן זיווג. דער מאַן, איוואַן שילאָ, אַרבעט אַלס עלעקטראָ־שווייסער. מיר האָבן צוויי קינדער, צוויי מיידעלעך, מאַשע און אָליע. די גאַנצע צײַט, ווען זיי זײַנען ניט אין קינדערגאָרטן, זײַנען זיי מיט דער באָבען. זי דערציילט זיי מײַסעס. איינמאָל האָט זי זיי דערציילט, וויאַזוי איך בין געקראָכן אין אויוון

און דערנאָך געגעבן א הויכן ניס. די קינדער האָבן געלאַכט און זיך גע־וווּנדערט, פאַרוואָס בא דער באָבען האָט זיך בייסמייַסע געשטעלט א טרער אין די אויגן.

איך האָב ניט באַמערקט, ווי ס'איז געוואָרן אָוונט. אפן זאַוואָד בין איך שוין א גוטע פאָר שאָ, נאָר איך אײַל זיך ניט אוועקגיין. בייס דער צווייטער וואַכטע איז רויִקער, שטילער, מע געפינט מער צײַט א רעד צו טאָן מיט מענטשן.

— איצט בין איך שוין א ביסל פרײַער, — גיט מיר אָנצוהערן קרעל־שטיין און דערלאַנגט מיר א פאַרשניצטן בלײַער. אין מײַן בלאָקנאָט באַווײַזט זיך נאָך א געשיכטע, שוין פון אן אנדערן מין.

— איר קוקט אף מײַן „זאַגאַר", — האָט קרעלשטיין זיך א קנייטש געטאָן, פונקט ווי דאָס, וואָס זײַן פּאָנעם איז גוט אָפּגעברענט, וואָלט אים פאַרשאַפט צאָרעס. — מיט א כוידעש צוריק האָב איך זיך אומגעקערט פון יעסענטוקי, איך פאָר אהין זייער אָפט. איך ווייס ניט, ווו און ווען איך האָב זי געכאַפּט, די יאַזווע, די פאַרשלעפּטע קרענק. די ערשטע קראַמפּן האָב איך דערפילט אין 1932 יאָר, ווען בא אונדז אין בערדיטשעוו איז ניט געווען וואָס צו עסן, דערנאָך אין 1943 יאָר האָבן זיך בא מיר אײַנ־געשרומפּן אַלע אינגעווײדן, ווען צוזאַמען מיט א לופט־דעסאַנט האָב איך זיך אַראָפּגעזעצט צו די דײַטשן, אין יענע האָבן אונדז באַמערקט. פאַראַן א סאַך צו דערציילן, קומט אַרײַן אין א פרײַען אָוונט, ווען איך לערן זיך ניט אין טעכניקום. איך וווין אף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, נומער 27. איר וועט זיך באַקענען מיט מײַן פרוי, מיט אונדזערע דרײַ קינדער. בא אַלעמען דאָ איז א מאָדע — האָבן צו דרײַ קינדער. אַליין שטאַם איך פון בערדיטשעוו, געקומען אין בּיראָבּידזשאַן א זיבציאָריק ייִנגל. דער טאַטע איז געווען א שוסטער. אינעם ענגן, אָנגעשפּיקעוועטן וואַגאָן, געדענק איך, האָט מען געמאַכט אן אָרט פאַרן טאַטנס בענקעלע. דער גאַנצער עשעלאָן האָט שוין געוווּסט ליפּען דעם שוסטער ניט ווינציקער, ווי מע האָט אים געוווּסט אין בערדיטשעוו...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו יעסענטוקי, צום קוראָרט. די ערשטע צוויי וואָכן פליִען דורך, אז מע זעט ניט, ווו זיי זײַנען אהינגעקומען, דערנאָך

הייבט מען אָן וואַרטן אַף אַ בריוו פון דער היים. קיין טרויעריקע בריוו באַקומט מען ניט, בלויז מונטערע, מיט גוטע נײַעס, מע זוכט זיי אויס פאַר די כאַלאַיִם פון אונטער דער ערד. פאַר די לעצטע זיבן־אַכט יאָר בין איך אַף קוראַרט געווען פיר מאָל, און אין יעדן בריוו האָט מען מיך דערפרייט מיט אַ נײַער גוטער בסורע. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אָנגעשריבן, אַז אונדזער וועגענער־זאַוואָד גייט אַריבער אין אַ העכערן קלאַס, ער וועט אַרויסלאָזן אַווטאָפּריצעפּן. עס איז שוין פאַראַן די געהעריקע באַשטימונג. דאָס צווייטע מאָל, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן זיך היילן, האָב איך באַקו־מען זייער אַ גוטע בריוו. איך בין אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד. איך בין געווען אַן אַלטער קאַנדידאַט אַף באַקומען אַ דירע און דערווײַל געמוטשעט זיך אין אַ קליין צימערל. שרײַבט מיר דאָס ווײַב, אַז דאָס הויז, וווּ מע גיט אונדז אַ דירע, איז שוין פאַרטיק... דאָס פאָרלעצטע מאָל — ווידער אַ גוטע נײַעס, אַלע נײַס טרעפן, ווען איך פאָר אַוועק. אונדזער אַווטאָפּריצעפּן־זאַוואָד וועט אַרויסלאָזן קאָמבײַנען. ווי געפעלט אײַך אַ גילגל פון אַ זאַוואָד?..

ער איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, אַ קוק געטאָן דורכן פענצטערל אין בלויליכן דרויסן.

— ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. אַ היפּש ביסל צײַט איז אַוועק, ביז מיר האָבן אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן קאָמבײַן. פון זאַוואָד איז ער אַרויס שטיל, אָן פּאָמפּע, און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ סאָווירט אַף אַן אויספּרווו. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַלץ איז גוט, אַז ער טויג פאַר די פּײַכטע באָדנס פונעם ווײַטן מיזרעך, דאַן איז ערשט גע־וואָרן די עמעסע סימכע. אונדזערע קאָמבײַנען זײַנען ספּעציעל צוגע־פּאַסט צו פּײַכטע באָדנס, זיי גייען ניט אַף רעדער, נאָר אַף רויפּן, ווי אַ טראַקטאָר.

— הײַנטיקס יאָר האָט דאָס ווײַב אויך געשריבן פריילעכע נײַעס? — האָב איך געפרעגט.

— ווי דען? — האָט ער זיך צעלאַכט. — פּרעמיעס, כאַסענעס, גע־בורטן... אַ שאָד, וואָס איך אײַל זיך, איז דאַרף לויפן אין טעכניקום. נאָר כ'בעט אײַך נאָכאַמאָל, קומט אַרײַן, כ'האָב וואָס צו דערציילן.

גלובינקא

לעבן דעם טויער פון די געגנטלעכע צײַטונגען „ביראָבידזשאנער שטערן" און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא" שטייט אן אווטאָמאָביל מיט א ברעזענטענעם אויבערדעק. געגוג א קוק צו טאָן אפן וועטעראן פונדער־ווײַטנס, מע זאָל פארשטיין, אז זייער ווייניק צײַט קומט אים אויס צו רוען אין גאראזש. ער איז פארשנייט און פארוויט. קיין וואונדער ניט: די געגנט איז גרויס, קאָרעספּאָנדעטן האָבן וווהין צו פאָרן, און דאָרטן, ווו מע קאָן ניט צוקומען מיטן צוג, ניט פליִען מיטן עראָפּלאן, קריכט אדורך דער אלטער האָרעפּאשניק — דער „וועזדעכאָדיק".

דער ליטעראטור־קריטיקער נאָכעם פרידמאן צוזאמען מיט צוויי פּאָעטן — מיטגלידער פום דער ביראָבידזשאנער ליטערארישער פאריי־ניקונג סאָלאָמאטאָוו און אבראמאָוו — פאָרן היינט אין נײַפעלד דורכפירן א לייענער־קאָנפערענץ. זיי לאָדן מיך אײַן אין דער „בויד". איך לאָז זיך ניט בעטן. ווי נאָר די מאשין רירט זיך פון אָרט, הייבן די פּאָעטן אָן זיך דערוואָרעמען מיט לידער, איך שאָקל צו מיטן קאָפּ, אָבער הער קיין איין וואָרט ניט. איך זיץ באם לינקן טירל און האַלט עס צו מיט דער האנט. דאָס טירל קלינגט און טרייסלט זיך, ווי עס וואָלט די גאנצע צײַט געוואָלט מוידיִע זײַן, אז באלד עפנט עס זיך אויף און ווארפט מיך ארויס אין קיוועט.

שניי און שניי, ניט געריטע ווײַסקײַט פון פעלדער: די שטאָט ביראָ־בידזשאן איז שוין הינטער אונדז. פארבײַגעשוווּנדן זײַנען די ייִשוווים פּעטישניק, וואלדהיים, זשאָלטי יאר. די מאשין טראָגט זיך ווײַטער און ווײַטער. אויב ס'איז ערגעץ־ווו דער וועג פארצוימט, מע רעמאָנטירט א בריקל, איז עס פאר איר א קליינע מעניִע, זי האָט ניט מוירע ארײַנקריכן אין די שניי־הורבעס.

אין רוסיש איז פאראן א וואָרט „גלובינקא". אף ייִדיש הייסט עס — אין אויסרײַסעניש. אף מײַלן־ווײַט — קיין סימען פון א שטוב, פון א געבײַ. די אויגן זײַנען שוין מיד פון דער איינטאָניקער ליכטיקער בלענ־דיקײַט. און מיטאמאָל, אינמיטן פעלד, וואקסט אויס א גרויסער ייִשעוו

מיט א גוטע פֿאָר הונדערט שטיבער, וואָס יעדע פֿון זיי קוקט בלינד ארויס מיט צוויי אָדער דרײַ פֿארפֿרוירענע פֿענצטער. דער יִשעוו הייסט נײַפֿעלד. דאָ געפֿינט זיך די ערשטע אָפּטיילונג פֿון נאדעזשדינסקער סאָווירט.

ווי ס'מאכט זיך אָפֿט, גראָד דאן, ווען מע וויל גיכער ערגעץ ארײַנגייִן, דערזעט מען א פֿארמאכטע טיר — די קאָנטאָר פֿון דער אָפּטיילונג און אויך די פֿאָר צימערן פֿונעם דאָרפֿסאָוועט זײַנען געווען פֿארשלאָסן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין מיט דער סטעזשקע, וואָס איז אמערסטן אויסגעטראָטן, זי האָט געפֿירט צו די פֿי־שטאלן. ביז מיר האָבן דורכגעמאכט די עטלעכע הונדערט שפּאן, האָט דער שנײַדנדיקער, קאלטער ווינט באוויזן דורכנעמען די ביינער. דער ביראָבידזשאנער ווינטער, אז ער וויל — קען ער. מיר זײַנען אין דער שטאל זיך מעכײַע געווען מיט דער אײַנגעשטאנענער ווארעמקײַט, וואָס האָט א דעכע געטאָן אף אונדז. די בעהיימעס האָבן גלײַכגילטיק אופֿגענומען די כאָשעווע געסט, אפֿילע קיין מוקע ניט געטאָן און פֿאָרגעזעצט קײַען די סעטשקע. בלויז א פֿאָר האָבן אויסגעדרייט צו אונדז אף א ווײַלע די פּרעכטיק שיינע גלאנצנדיקע אויגן, ווײַזט אויס, א קוק צו טאָן, צי האָבן מיר ניט געבראכט א געשמאקערן מײַכל.

אינעם אָפּטייל, ווו עס ווערט צוגעגרייט די שפּײַז פֿארן פֿי, האָבן מיר געטראָפֿן א היפּשן אוילעם. דער סעקרעטאר פֿון ביראָבידזשאנער ראיאָנישן פֿארטיי־קאָמיטעט יאָסיף לוואָוויטש באָקאָר האָט געהאלטן אין דער האנט א גלאָז מיט עפּעס א פֿליסיקײַט און געקוקט אף איר בא דער קארגער שײַן, וואָס האָט זיך געזיפּט דורך די פֿארפֿרוירענע פֿענצטער. אָפֿט האָט מען איבערגעכאזערט דאָס וואָרט „הידראָליז“.

— מיר מאכן א הידראָליז, די סעטשקע זאָל ניט זײַן טרוקן, — האָט יאָסיף לוואָוויטש דערקלערט די ארײַנגעקומענע.

א שווערלעך יאָר איז אויסגעפֿאלן. די באלעכײַים קריגן ווייניק קאָנצענטראטן, די טרוקענע צעבראָקטע שטרוי, די סעטשקע, פֿארדייען די בעהיימעס שלעכט, מע דארף זי מאכן זאפֿטיקער.

באָקאָר רעדט מיט א הארטן רייש. ער אליין מעסט, שיט אין קעסל,

מישט. לויט דעם, ווי ער טוט די מעלאָכע, זעט מען, אז ער איז אין איר באַקע. ניט איין צענדליק יאָר פארנעמט ער זיך מיט לאנדווירטשאפט. א ייִד א גוואר, א קלאפטער אין די פלייצעס, דער נאקן איז רויט, אָנגע־גאָסן מיט קראפט. די געדיכטע האָר זייַנען בא די שלייפן באַזילבערט. אַף די פיס — הויכע שטיוול, די כאָלעוועס, אויבן ברייטע, ווי טרויבן מיט א גרויסן דיאַמעטער, זייַנען ווייַט אריבער די קני פארצויגן מיט רימענס. אזא שוכווארג, פונקט ווי דער „ווערזדעכאָדיק״, אַף וועלכן מיר זייַנען געקומען צו פאָרן, איז אויסגערעכנט אַף אַלע סעזאָנען, אַף אַלע זאַנעס, אַף אַלע בלאָטיקע, זומפּיקע, שנייִיקע אויסקומעניִשן.

איינס אזייגער דארף זיך אין דער קאָנטאָר אָנהייבן א באראטונג פון די פיציכטלער.

דער אוילעם קלייַבט זיך צונויף לאנגזאם. דער בריגאדיר פון דער מילך־פערמע קאָלעסניקאָוו, אַן אינוואליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, קומט אריַין און גייט צוריק ארויס.

— אַן אומגליק מיט די ווייַבער, ביז מע קלייַבט זיי צונויף, גייט אוועק א שאָ צייַט, — באַקלאָגט ער זיך. — זיי זייַנען דרייַסיק, און איך בין איינער, דערצו נאָך אַף איין פוס.

ווייַזט אויס, לעקאָוועד דער באראטונג האָט מען אזוי אָנגעהייצט, אז די טיר שטייט צעפראלט, די פאָרטקע איז אָפן און ס׳איז נאָך אַלץ הייס. ווי נאָר מע קומט אריַין און מע זעצט זיך אוועק, צעבינדט מען און מע טוט אויס די ווארעמע טיכלעך, מע צעשפיליעט די וואטניקעס. די פענעמער זייַנען בא אַלעמען פריש און געזונט. מע ווערטלט זיך, דערבייַ אין דער הייך, מיטן באַשייַמפערלעכן פארלאנג, אז עס זאָל הערן אויך קלימענקאָוו, דער פארוואלטער פון דער אָפּטיילונג, און באַקאָר, וועלכער האָט זיך צוגעמאָסטעט צום אויוון, האלט די הענט אַף דער הרובע און שמעלצט זיך פון היץ. די מאנצבלען — די פיציכטלער זעצן זיך ניט, נאָר שטייען בא דער טיר און כאָכמענען זיך מיט די ייִנגערע מעלקערנס, וואָס זיצן אַף די הינטערשטע בענק. אין דרויסן איז צום אָפּגעטייַעטן פענצטער צוגעגאנגען א בעהיימע און א צייַט ניט אָפּגעטראָטן, ווי בעטנ־דיק, אז אַף דער באראטונג זאָל מען וועגן איר ניט פארגעסן.

שפּעטער פון אַלעמען, ווען די בּאַראַטונג האָט זיך שוין געהאַט אָנ־געהויבּן, איז אַרײַנגעקומען אַ יונגערמאַן אין אַ זומערדיקן רעגנמאַנטל, דינע הויזן — גאַליפע, אין גומענע שטיוול, אַקוראַט עס וואָלט געווען ניט ווינטער, נאָר זומער. אַלט איז ער אַ יאָר צוויי־דרײַ און צוואַנציק, עפּשער מער אַ ביסל. דאָס אײדעלע, געטאָקטע פּאָנעם איז זייער ערנסט, די ליפּן — דינע, צונויפגעשנורעוועטע. ווען ער האָט אויסגעטאָן דאָס פּו־טערנע היטל — די אײנציקע ווינטערדיקע זאַך, וואָס איז געווען אויף אים, — האָט זיך אַנטבּלויזט אַ הויכער גלאַטער שטערן, אַ שטערן פון אַ כאָכעם.

די מעלקערנס זײַנען געווען, ווײַזט אויס, געשטימט זייער קעמפּעריש, דאָס האָט מען שוין געזען פון די רעפּליקעס. איך האָב זיך אָבּער ניט געריכט, אַז דאָס ערשטע פּלאַמיקע וואָרט אין די דעבּאַטן וועט זײַן גע־ווידמעט אָט דעם שטילן, פּאַרטראַכטן באָכער.

— ניקאָלײַ ריבּקין פּאַרשפּעטיקט יעדן טאָג אויף דער אַרבּעט, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס האָט מען אים פאַרשריבּן אויפן ערן־טאָוול. אויבּ ער איז ניט קיין מעלקערן, נאָר אַ מעלקער, איז וואָס? ווען מע בּרענגט דעם סילאָס, פּאַרכאַפּט ער פאַר זײַנע בּעהיימעס אַזויפיל, אַז עס קלעקט ניט פאַר די אַנדערע. ער מעג אַלץ!

די פרוי, וואָס האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעשאָסן, איז שוין אין די מיטעלע יאָרן. אירע בּאַקן זײַנען צונטער־רויט, דאָס קאָפּ ציטערט. ווײַזט אויס, די אַרויסטרעטונג קאָסט איר ניט ווינציק געזונט.

אַ שטורעם איז דורך איבּערן צימער.

די מערהײַט פרויען האָבּן פײַנט האַלטן לאַנגע רעדעס. מע שיסט קורץ.

— ריבּקין איז אַ גוטער מעלקער...

— ניט בּעסער פון אונדז אַלעמען...

— ער האָט אײַנגעפירט אַן אָרדענונג אויף דער פערמע...

— ער האָט אײַנגעפירט? עפּשער האָט ער אונדז אויסגעלערנט מעלקן אויך?

באָקאָר, וועלכער זיצט נאָך אַלץ די הענט אָנגעשפּאַרט אין אויוון, האָט האַנאָע פון דער היציקער פאַרזאַמלונג, אָבער אַלץ דאַרף האָבן אַ ברעג. ער בייגט זיך אָן צו ניקאָלײַען און טוט אים עפּעס אַ שעפּטשע.

ריבקין נעמט אַ וואָרט. ער הייבט זיך אוף, וואַרט אויס, ביז עס ווערט אײַנגאַנצן שטיל, און דאַן נעמט ער ריידן, צוערשט שטיל, דערנאָך אַלץ העכער, מיט אַזאַ אינערלעכער איבערצײַגעוודיקײַט און זיכערקײַט, אַז אַלע הערן אים פאַרגאַפט. ער האָט זיך ניט פאַרענטפערט, זיך מוידע געווען, אַז ער פאַרשפּעטיקט און אַז איין מאָל האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און פאַר זײַנע בעהיימעס גענומען קאָרם מיט צוויי ווילעס מער. דערנאָך האָט ער אַ סאַך גערעדט וועגן די סוב־פּראָדוקטן, וואָס מע דאַרף אומבאַדינגט אַרײַנגעבן אין דער שפּײַז, זי זאָל ווערן זאַפטיקער און דאָס פי זאָל זי גוט פאַרדייען. ער האָט וועגן גאָרנישט ניט פאַרגעסן — ניט וועגן דעם קאַלצי־פּאָספאַט, ניט וועגן דער מאָטשעווינע, ניט וועגן דעם הידראָליז.

אַזעלכע יונגעלײַט, ווי ריבקין, זײַנען געוויינלעך די בעסטע סטודענטן אין אַן אינסטיטוט, די ליבלינגען בא די פּראָפעסאָרן. אין אַ דאָרף זײַנען זיי אויסגעצייכנטע מעכאַניזאַטאָרן — טראַקטאָריסטן, קאָמבײַנערן. קוקנדיק אָף אים און הערנדיק אים, האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט אים געשטויסן אויסצוקלײַבן די אויסגעשפּראָכענע ווײַבערשע פּראָפעסיע פון אַ מעלקער? קאַרג מיידלעך זײַנען פאַראַן אין נײַפעלד, וואָס ווילן און קענען זײַן מעלקערנס?

די באַראַטונג האָט זיך פאַרצויגן. מע האָט גערעדט וועגן קינסטלעכער באַפרוכפּערונג, וועגן דעם, אַז אַ סאַך בעהיימעס האָבן איינע און די זעלבע נעמען. נאָר אין איין שטאַל זײַנען פאַראַן דרײַ „מאַרטעס“, דרײַ „קראַסולעס“, פיר „פּרינצעסעס“. אַן אַלטע, פוילע „פּרינצעסן“, וואָס וויל ניט העלפן אויספילן דעם פּלאַן און געבן מילך, פּלאָנטערט מען אין די סוואָדקעס מיט אַ יונגער מילכיקער שיינהײַט... פאַרענדיקט האָט זיך די זיצונג דערמיט, וואָס די בעסטע מעלקערנס האָט מען געגעבן פּרעמיעס. די מאַטאָנעס האָט מען ניט געזען, זיי זײַנען געווען אײַנגעוויקלט אין פּאַפּיר און איבערגעבונדן.

5 אזייגער אין אָוונט, ווען מע הייבט אָן מעלקן די בעהיימעס, בין איך ווידער אוועק אין דער שטאַל, ווו מיר זײַנען געווען אינדערפרי. די עלעקטרישע לעמפּלעך אונטערן טונקעלן באַלקן זײַנען געווען פאַרצויגן מיט א בלויליכן נעפּל. הילכיק האָבן געקלאַפּט אין די עמערס די שטראָמלעך מילך. ריבקין איז נאָך ניט געווען. ווי געוויינלעך, האָט ער א ביסל פאַרשפּעטיקט. מיט א האַסטיקן ריס האָט ער אופגעעפנט דאָס טירל פון דער שטאַל, אַרײַנברענגענדיק א קאַלטע כוואַליע לופט. אין צוויי מינוט אַרום האָט ער שוין געהאַלטן דעם עמער צווישן די קני. פאַרן אָנהייבן מעלקן לייגט ער אוועק אַף א ווײַלע די הענט אַפן רוקן פון דער בעהיימע, טוט זי א גלעט און א זאָג א פּאָר ווערטער. די בעהיימע שטעלט איבער די פיס און בלײַבט שטיין, רירט זיך ניט פון אָרט, ביז זי גיט ניט אָפּ איר פאַרמעגן ביזן לעצטן טראָפּן. עפּעס זייער שיינס און רירנדיקס איז פאַראַן אין ריבקינס אַרבעט. שטיל, אונטערן אָנגענעמען קלאַנג פון דעם ווײַסן רעגנדל, וואָס האָט זיך געזיפּט אין עמער, האָט ער מיר געענטפערט אַף מײַן פראַגע, פאַרוואָס איז ער געוואָרן א מעלקער.

— איך האָב זיי ליב, — האָט ער א זאָג געטאָן, אַרומכאַפּנדיק אַף א רעגע מיטן בליק די לאַנגע ריי בעהיימעס, זייערע פעלן האָבן מעטושטעש געגלאַנצט אינעם וואַרעמען נעפּל. — די ערשטע צײַט איז געווען שווערלעך. אייניקע מעלקערנס האָבן בייזע צינגער, זיי האָבן זיך געכאָכמעט און געשאָטן מיט ווערטלעך. איצט טרעפט נאָך אויך אמאָל... אויב ס'גיט זיך מיר אײַן אָנמעלקן א ביסל מער, מעסט מען דרײַ מאָל איבער. ווען מע שטעלט מיך אַרויס אַפן ערן־טאָוול, טוט זיך כוישעך. נאָר ווען מע האָט מיך געוואָלט רעקאָמענדירן אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע פון סאָווירט, האָבן די זעלבע טומלערקעס מער פון אַלעמען זיך צעשריִען: „איר ווילט צונעמען בא אונדז דעם איינציקן מאַנצבל?!“

פאַרענדיקט מעלקן, האָט ניקאָלײַ אַרײַנגעלייגט אכילע אין די קאָרמושקעס, אַרויסגענומען א ביסל פון איינער, אַרײַנגעלייגט אין דער צווייטער, קיינעם ניט צו באַוואָלען, דערנאָך צוגעגרייט א טרוקענעם נאַכטלעגער, אופגעראַמט דעם דורכגאַנג.

ווען מיר זײַנען אַרויס אין דרויסן, איז אַלץ אַרום געווען בלוי. א

הויכער אויסגעשטערנטער הימל האָט אויסגעבלויט דעם שניי, די שטי־בער, די סטעזשקעס. פאַרגליווערט אונטערן שניי־צודעק, זייַנען געשטאַ־נען די פּרוכט־ביימלעך מיט די צווייַגן, אויסגעשפּרייט איבער די פּלויטן. די שאָטנס זייערע האָבן זיך ניט גערירט.

צווישן די דרייַ גרויסע שטאָלן אַף איין עק ייִשעוו און דעם מויער פון דער שול אָפּן צווייטן עק ליגט דאָס גאַנצע דאָרף. ווייַטער ציט זיך סטעפּ און סטעפּ, פון זייַן ברייטקייַט, אַנגעגאָסנקייַט מיט קרעפּטיקן פראָסט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

ניקאָלייַ האָט אוועקגעייַלט אהיים. ער איז א טאַטע פון דרייַ קינדער, און ס׳קלעקט אַרבעט אין שטוב אויך. האָלץ, זאָגט ער, האָט ער שוין אָנגעהאַקט באַטאָג, איצטער דאַרף ער אַרייַנטראָגן וואַסער, אָפּטאָן נאָך אייניקע זאַכן — א צאָרע, דאָס ווייַב קרענקט... דערנאָך דאַרף ער זיך איבערטאָן, אָפּעסן און לויפן אַף דער לייענער־קאָנפערענץ. באַנאַכט וועט ער גרייטן א קאָנטראָל־אַרבעט, ער לערנט זיך הינטער־אויגיק אין א טעכניקום.

— ווען באַווייַזט איר דאָס אַלץ? — האָב איך בא אים געפרעגט.

— דאָס איז דאָך מייַן אומגליק, וואָס איך באַווייַז ניט, — האָט ער געענטפערט.

איך בין אַרייַן אין קלוב, ווו ס׳געפינט זיך אויך די ביבליאָטעק און דער לייענזאַל. די צוויי בירָאָבידזשאַנער דיכטער צוזאַמען מיטן קריטי־קער האָבן געהאָרעוועט איבער „טשאַסטושקעס״, וואָס מע האָט געדאַרפט גלייַך „אָפּדרוקן״ אין דער בליק־צייַטונג און אויסהענגען אַף דער וואַנט.

דערווייַל איז דער געררימער צושויער־זאַל שוין געוואָרן פול. אין זאַל זייַנען געזעסן א סאַך מענטשן, מיט וועלכע מיר זייַנען שוין באַ־קאַנט.

אין דער פאָדערשטער ריי זיצט די אַלטע מעלקערן אַנא טאַראַסיוק. הייַנט איז בא איר געווען זייער א גוטער טאָג. אַף דער באַראַטונג האָט מען זי אָנגערופן אַלס די בעסטע מעלקערן, זי האָט געקראָגן די ערשטע פּרעמיע.

לעבן איר זיצט די לערערן דאָרע אייזלער מיטן מאן עמאנויל לאזאַ־רעוויטש שינדער — ער איז דירעקטאָר פון דער אָרטיקער שול.

א ביסל וויַיטער זיצט דער פּיציכטלער וולאדימיר פּאָליאקאָוו, ער איז אויך היַינט א באלסימכע. די פּרעמיע האָט ער געקומען מיט אזא וויל־יונגערישער מינע, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען בא אים א זאך פון א גאנץ יאָר.

די מעלקערן לידע פּורמאן זיצט מיט איר מאן אווראָם, וואָס ארבעט אף דער עלעקטראָסטאנציע. די פּעלדשעריצע ווערא וואסיליעוונא מאַ־טיושינא, וועלכע האָט געהאָלפן ארויסלאָזן די וואנטציַיטונג, האלט אין האנט א פּאָר ביכלעך, זי נעמט אָנטייל אין דער קינסטלערישער זעלבס־טעטיקייַט, און היַינט וועט זי פּאָרלייענען אייניקע זאכן פון די בירא־בידזשאנער שריַיבער, אויך מיַינע א קליינע דערציילונג.

איך בין אומרויק ווי קיינמאָל ניט. צי האָב איך גוט אָפּגעוויגן יעדעס וואָרט? די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקייַט פון דער שריַיבערישער פּראָ־פעסיע דערפילסטו, זיצנדיק אין אזא זאל.

ריבקין האָט, פארשטייט זיך, ווידער פארשפּעטיקט. די מעלקערנס געלמאן און טאלנאווסקע האָבן מיט אן אויסדרוק אפן פּאָנעם, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „ווי זשע קאָן זיַין אנדערש?", גלייַך געמאכט פאר אים אן אָרט לעבן זיך. איצט, א צוגעפּוצטער, האָט ער אויסגעזען ווי א יונגער געלערנטער.

שפּעט באנאכט האָבן מיר זיך צעזעגנט מיט נייַפעלד. דאָס געזעגע־נען זיך האָט פארנומען א היפּש ביסל צייַט. מע דריקט די הענט איינער דעם צווייטן איינמאָל און נאָכאמאָל. דער שאָפער טרומייטערט, מע זאָל עס מאכן בעקיצער. שטייענדיק באם אָפענעם טירל פון דער מאשין, טייַנעט עמעצער אייַן דער פינצטער מיט אונדז:

— אָט האָט איר, כאווירים שריַיבער, א טעמע: א פארוואָרפן דאָרף. א גלובינקע... אייגנטלעך, האָט איר בא אונדז זייער ווייניק געזען — ניט די מעכאניזאטאָרן, ניט די גאָרטנציכטלער...

דער אויסגערוטער „וועזדעכאָדיק" לאָזט ארויס א קנויל רויך און טוט זיך אומגעדולדיק א ריס פון אָרט.

אינעם אַלטן וואַלדהיים

ווער האָט צוגעטראַכט אָט דעם שיינעם פּאָעטישן נאָמען? אומעטום, גלייך נאָך דער ערשטער פראַגע „וואָס הערט זיך אין ביראָבידזשאַן?", פאַרגיט מען די צווייטע: „נו, און וואָס הערט זיך אין וואַלדהיים?"

פון סאַמע אָנהייב אָן איז דאָס טייגע־דערפעלע געוואָרן א באַזונדער מעיוכעס בא שרייבער און פּאָעטן. דערמאָנט זיך מיר אָבער, וויאַזוי אַמאָל, אין יענע ווייטע אָנהייב דרייסיקער יאָרן, האָט זיך מיר פאַרוואָלט זיין אַן אויסנאַם. אַלע קאָרעספּאָנדעטן פאָרן קיין וואַלדהיים, איך האָב באַשלאָסן ניט פאָרן. ער איז שוין גענוג באַרימט אָן מיר. וואַלדהיים איז געווען דער איינציקער יישעוו, וווּ מיין פוס איז ניט געווען. צייטונגס־טוער, דערהויפּט יונגע, האָבן אויך צומאָל אייניקע קאַפּריזן. איצט, אַף די עלטערע יאָרן, האָב איך דאָס שפּיצל געוואָלט איבערכאַזערן. איך האָב זיך אויסגעקליבן אַן אנדער מאַרשרוט, אָבער מיינע פריינט האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אַלץ מער פאַרוווּנדערונג: „ביסט נאָך ניט געווען אין וואַלדהיים?"

און אָט זיץ איך אינעם אַוטאָבוס מיטן שילדל „ביראָבידזשאַן—וואַלד־היים". כ'באַוויַיז זיך ניט ארומקוקן, און איך בין אַפן אָרט. איך זע פאַר זיך א גרויסן, צעוואַקסענעם יישעוו. מע דאַרף ניט האָבן קיין רייכע פאַנ־טאַזיע, קעדיי זיך פאָרשטעלן, אַז, פונקט ווי אין אַמוראַט, בירעפעלד, איז דאָ פון אָנהייב גאָרנישט ניט געווען. די ערשטע איבערוואַנדערער האָבן אַוועקגעשטעלט דעם ערשטן באַראַק. איך זע די זעלבע, ווי אין ביַיפעלד, אויסגעקאַלכטע ציכטיקע הייזער, פונדאַמענטאַלע קאָלוויר־טישע געבייען, אויסגערעכנטע אַף לאַנגע יאָרן. דער קלוב איז דאָ, עמעס, גרעסער, איידער אין ביַיפעלד, די שול אויך, פאַראַן א שול־אינטערנאַט.

וואַלדהיים איז א טיפּישער דאָרפישער יישעוו פון אונדזער סאָוועטי־שער צייט. פאַרוואָס זשע פאַרלאָזט מיך ניט דער פאַרדראָס, וואָס איך בין דאָ ניט געווען פריער? הייזער, גאַסן, גאַנצע יישוווים קאָנען זיין ענלעך איינס אַפן צווייטן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, נאָר די מענטשן זיינען אומעטום ניי און פאַרשיידן. כ'האָב ניט געזען אין דער יוגנט, ווי לייב

רעזניק פאַרפלאַנצט אין װאָלדהײם דעם ערשטן סאָד; כ'האָב ניט געזען, װי דער געװעזענער באַלעגאָלע יעכיעל ראַק פאָרט אַרױס דאָס ערשטע מאָל אין פעלד אָף אַ טראַקטאָר; כ'האָב ניט געזען דאָס ערשטע קינד, װאָס יעכיעלס פרױ, כײַע, האָט געהאַט. דערנאָך האָט זי געהאַט נאָך נײַן קינדער. אין יענע יאָרן, װען דער ייִשעװ איז געװען קלײן און יעדער נײַער טױשעװ איז געװען אַ געװינס, האָט כײַע געקינדלט. פונדער־װײַטנס, בלױז דאַן, װען ער פלעגט קומען אָף אַ באַראַטונג אין דער שטאָט בירָאבידזשאַן, האָב איך געזען דעם ערשטן װאָלדהײמער קאָל־װירט־פאָרזיצער יודל פעלהענדלער. איך האָב פאַרזען די יוגנט פון די ערשטע װאָלדהײמער טױשװים, איצט זע איך זײערע גרױע קעפ. מע דאַרף אױסגלעטן די קאַרבן און קנײטשן, װעלכע די צײַט האָט אַרופגע־לײגט אָף זײערע פנעמער, קעדײ זיך שאַפן אַ בילד, װיאַזױ די מענטשן האָבן אױסגעזען מיט איבער דרײַ צענדליק יאָר צוריק. נאָר אין דער שײנער עלטער זײערער געפינט מען די שײנקײַט פון זײער יוגנט. יעכיעל ראַק איז נאָך ביז איצט בריגאַדיר פון אַ טראַקטאָר־בריגאַדע; פעלהענד־לער און רעזניק, זינט זײ קריגן פענסיע, מישן זיך אין אַלע קאָלװירטישע איניאָנים נאָך מער, װי פריער. דער באַרימטער שמיד אַרן גאָרעליק װאַרעמט זיך ניט נאָר באַם פײַער פון דער קוזניע, ער איז פאָרזיצער פון דער גרופע אָף מיטהעלפן דעם מעלוכע־ און פאַרטײ־קאָנטראָל. שײנע, שטאָלצע, אַרבעטזאַמע אַלטע לײַט, װאָס האָבן זײער ליב, װען מע רופט זײ „פיאָנערן“.

דעם קאָלװירט־פאָרזיצער װלאַדימיר איזראַיִלעװיטש פעלער האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו זען אין מעשעך פון גאַנצן טאָג. װאָלדהײם איז נאָר אײנער פון די פיר ייִשװים, פון װעלכע עס באַשטײט דער גרױ־סער קאָלװירט „איליטשס געבאָטן“, און אַ פאָרזיצער דאַרף אומעטום זײַן. װען איך װאָלט אױסמײַדן אַזאַ מענטש, װי פעלער, פאַרשװײַגן אים, װאָלט עס געװען אַ שװערער שטײן אָף מײַן געװיסן, כוץ דעם װאָלטן די װאָלדהײמער קײנמאָל מיר דאָס ניט מױכל געװען. האָב איך געהאַט נאָר אײן ברײרע — פרעגן װעגן אים באַ אַנדערע. דער פאָרטרעט זײַ־נער, װי מע האָט מיר אים אױסגעמאָלט: אַ גיבער, אַן אַטלעט, הױך, גע־

זונט, קרעפּטיק. אפן פראַנט איז ער געווען אַן אויסשפּירער און האָט גרינג, ווי פייגעלעך, געשלעפּט אַף זיך פאשיסטישע אָפּגעקאָרמעטע „ציג־גער". ער האָט דעם אָרדען „סלאַווא" פון אַלע דריַי מאַדרייגעס.

אין בירעבידזשאַן רופט מען אים „דער בויער". און אַזוי איז עס טאַקע. אַפן לעצטן פּלענום פונעם בירעבידזשאַנער ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט פעלער פון דער טריבונע מיט האַרצוויייטעק געזאָגט: „שוין זעקס כאַדאָשים, ווי איך בוי גאָרנישט".

דער מעלוכע־באַנק, וואָס גיט קרעדיטן, האָט מיט פעלערן אָפּט צו טאָן. ער נעמט געלט, וויפל ער דאַרף, און דאַרפן דאַרף ער א סאַך, וויַיל שטענדיק בויט ער, אָבער ער דעקט ניט צו דער ציַיט די כויוועס. דער קאָלווירט איז א מיליאָנער, די סכוירע זיַינען — קאַרטאָפל, פלייש, מילך, האָניק, פּרוכטן — פאַרלעגערט זיך ניט, מעזומען איז פאַראַן, נאָר ווי עס קומט צום אַריַינטראָגן אין באַנק, וויַיזט זיך אַרויס, אַז פעלער האָט שוין דאָס געלט פאַרטאָן אַף א נייַער בויונג. עס קומען דאַן פאָר לאַנגע זיצונ־גען פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. סאָפּקאָלסאָף קריגט פעלער פאַר פי־נאַנציעלער אומדיסציפּלינירטקיַיט אַן אויסרייד. אויסריידן האָט ער ניט ווינציק, קימאַט אַזויפיל, וויפל עס זיַינען פאַראַן אַף זיַין כעזשבן נייַע געביַיען. האָט מען א טראַכט געטאָן, עפּשער איז ער אַזאַ נאָר אין וואַלד־היים, און מע האָט אים געשיקט אין אַמורזעט. דאָרטן האָבן זיך באַוויזן, פּונקט ווי אין וואַלדהיים, נייַע דריַירייַיקע שטאַלן, נייַע וואַרשטאַטן און... נייַע אויסריידן באַ פעלערן. די וואַלדהיימער האָבן דאַן אָנגעהויבן צו טומלען: אויב אַזוי, גיט אים אונדז אָפּ צוריק... און פעלער האָט זיך אומ־געקערט. דאָס מאָל האָט ער זיך גענומען צו דער פּאַסעקע. די אַלטע פּאַ־סעקע האָט געבראַכט נאָר העזעק. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף זי איַינגאַנצן ניט. פעלער האָט די בינשטאָקן אַריבערגעפירט אין די בערג, וווּ עס זיַינען פאַראַן ליפּע־וועלדלעך; צופוסנס די סאָפּקעס האָט מען אופ־געאַקערט נייַע שטיקער ערד, פאַרזייט הריקע. דאָרטן האָט ער אויסגע־בויט א גאַנץ האָניק־שטעטל. הונדערטער טאָן האָניק האָט מען אָנגעהויבן באַקומען, דער קאָלווירט איז געוואָרן אַן עקספּאָנענט פון דער אַלפאַר־באַנדישער אויסשטעלונג.

וואלדהיים גליקט אין אלץ. עס גליקט אים מיט די פּאָרזיצערס. זינט דער קאָלווירט עקזיסטירט, האָט ער קיין שלעכטן פּאָרזיצער ניט געהאַט. פעלערס פאָרגענגער ווערן אויך דערמאָנט צום גוטן. עס גליקט מיט אגראָנאָמען, מעכאניזאטאָרן, גאָרטנציכטלער, מעלקערנס. די איינציקע דערוויַיל אין דער געגנט פרוי, וואָס איז א העלד פון סאָציִאליסטישער מי, מאריִא יאָסיפאָוונא פּאָקאָטילאָ, איז א וואלדהיימער; שוין יאָרן נאָכאנאנד שיקט וואלדהיים דעפּוטאטן אין אויבער־סאָוועט פון פססר. שיפרע קאָטשינע, ראָכל פריידקינע, איצט — ריוועווישטשיניקינע. נאָר דער ערשטער דעפּוטאט לייע לישניאנסקע איז געווען פון בירעפעלד, אָבער אין וואלדהיים זאָגט מען, אז „זי איז אונדזערע, פּונקט ווי זייערע“. מע איז דאָך צווישן זיך געקניפּט און געבונדן.

איך זיץ אין שטוב באַם דעפּוטאט פון אויבער־סאָוועט, עס מעכיַיעדיקן היימישן קעז מיט סמעטענע און פיר דערביַי א געמיטלעכן שמועס. באַם טיש זיצט ריוועס מאן — סעמיאָן גריגאָריעוויטש ווישטשיניקין. ער איז געקומען אהיים אף וואָרמעס. סעמיאָן גריגאָריעוויטש איז בריגאדיר פון א טראקטאָר־בריגאדע; איצט איז ער פארנומען מיט רעמאָנטירן די לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס אין די ווארשטאטן. ער איז ווּוּקסיק, ברייטביינערדיק. און עס קימערט אים, דוכט זיך, א ביסל די דאָזיקע ווּוּקסיקיַיט. דאָס וויַיב זיַינס איז א סאך קלענער. ווען ער לייגט אוועק די גרויסע דלאָניע אפן טיש, ווערט ענגלעך פארן טעלער און ער רוקט אים אָפּ פון זיך. די באקן זיַינען בלייכלעך, ווי ער וואָלט ניט לאנג אריבערגעטראָגן א קרענק. סעמיאָן גריגאָריעוויטש רעדט ווייניק, נאָר ער האָט די גוטע מיַילע פון קענען הערן יענעם. ריווע דערמאָנט אים, אז דער מיטיק־איבערײַס ווערט זיך ענדיקן און ער וועט אוועק אף דער ארבעט ניט קיין געגעסענער. אנטקעגן אים, אפן אנדערן עק טיש, זיצט דער בריגאדיר פון דער גאָרטנציכטלער־בריגאדע גרישע פיַימאן, ער איז אלט 42 יאָר, אזויפיל אָדער קימאט אזויפיל, וויפל ווישטשיניקין, נאָר ער זעט אויס היפּש יִנגער, גאָר ווי א יונגערמאן נאָך דער כאסענע, כאָטש ער איז שוין א טאטע פון פיר קינדער. ער איז באָכעריש פלינק, באוויַיזט אלץ — עסן, ריידן, הערן... פון מילכיקס האלט ער ניט. דעם

ביר „טאַיאָזשנאָיע", וואָס ער טרינקט גלאָז נאָך גלאָז, פאַרבייַסט ער מיט געזייַערטע פּאָמידאָרן און שטיקער קאַלב־פלייש, וואָס צעפאַלן זיך פון ווייכקייַט אפן גאָפּל. די שווארצע אויגן זייַנע גלאַנצן אַלץ פרייַלעכער.

ריווע זעצט זיך אַלע ווייַלע צו צום טיש און הייבט זיך ווידער אוף: עפּעס פעלט, עפּעס דארף מען נאָך דערלאַנגען.

— זיץ, כ'וועל אַליין ברענגען, — זאָגט די מוטער אירע.

— זיץ, — הייבט זיך אוף פון טיש דער מאַן.

— זיצט, — וויל אויך העלפן גרישע פייַמאַן, אָבער ווי נאָר אַנדערע נעמען זיך דערלאַנגען, ווערט א הור־האַ, אַלע טומלען און קיין טאָלק איז ניטאָ, א באַלעבאָסטע אין שטוב בלייַבט א באַלעבאָסטע, אויב אפילע זי איז א דעפּוטאט און האָט זיך גאָרוואָס אומגעקערט פון מאָסקווע פון א סעסיע. ענדלעך איז שוין אַלץ, לאַכלוטן אַלץ אפן טיש, און ריווע זעצט זיך צו.

ריוועס מוטער, באַסיע, זעט אויס, ווי זי וואָלט אראָפּ פון רעמבראַנדטס א פּאָרטרעט. דער גרויסער קינסטלער האָט געמאָלט אַלע פרויען אזוי, אז יעדעס קנייטשעלע לויכט פון אינווייניק; באַסיעס פּאָנעם איז פּאַרמעט־געל, די הויט אף די באַקן — אויסגעטריקנט, אף די הענט מיט די ביינערדיקע, אויסגעצויגענע פינגער — אָנגעקוואָלענע אָדערן, נאָר דאָס גאַנצע געשטאַלט פאַרכאַפּט מיט זייַן שיינקייַט. גוטסקייַט שטראַלט פון אירע וווּנדערלעכע אויגן. באַסיע איז אַלט 76 יאָר. איר מאַן, יעווסיי גאָטסדינער, איז אף צוויי יאָר עלטער. ער איינער זיצט ניט באַם טיש, עס זיצט זיך אים ניט. מיט שטילע טריט גייט ער אום איבערן פּאָדערשטן צימער, אוועקשטעלנדיק זיך פון צייַט צו צייַט אף דער שוועל פונעם עס־צימער. ער האַלט אָפן דאָס מויל, וויל, דוכט זיך, מיט די אָפענע ליפּן אופכאַפּן דאָס, וואָס עס הערן ניט די פאַרכאַסמעטע אויערן. די אויגן זייַנען ניט קיין אויסגעלאָשענע, זיי טליִען, ווי גוטער אַנטראַציט, וואָס האַלט א צייַט ווארעמקייַט. יעווסיי גאָטסדינער איז דער גרינדער פון א גאַנצער דינאַסטיע גאָטסדינערס אין וואַלדהיים. עפּשער א פערטל ייִשעוו זייַנען גאָטסדינערס.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן אַלע פּיַין צוגעביסן, האָב איך יעדן געבעטן דערציילן א ביסל וועגן זיך.

— די קאָרעספּאָנדענטן, — האָט באַמערקט גרישע פּיַימאַן, — האָבן שטענדיק זייערס אין זינען. נו, גוט, אינקורצן...

און טאַקע זייער אינקורצן האָט פּיַימאַן דערציילט, אַז פיר יאָר איז ער געווען אפן פראָנט, דערגאנגען ביז רומעניע. נאָך דער מילכאָמע איז ער געקומען צו פאָרן אהער, צוערשט געארבעט אלס טראַקטאָריסט, דערנאָך געוואָרן דער בריגאַדיר פון א פעלד־בריגאַדע. אין דער ברי־גאַדע זיַינען צוויי רינגען: איינער — ריווע ווישטשיניקינעס, דער צוויי־טער — מאַריַע בראַכמאַנאָווס. יעדעס יאָר, אומאָפּהענגיק פונעם וועַ־טער, נעמט די בריגאַדע אראָפּ א גוטע גערעטעניש.

סעמיאָן גריגאָריעוויטש האָט געזאָגט א פּאָר ווערטער וועגן רעמאָנט פון די טראַקטאָרן און צוגעגעבן, אַז דאָס איבעריקע ווייסט ריווע.

— אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב? — האָט זי געפרעגט.

בא ריווען איז א גלאַטער, וויַיסער שטערן און גרינבלעכע שטראַלנ־דיקע אויגן.

— כ׳וועל אַיַיך דערציילן, וויאַזוי און ווו מיר האָבן זיך באַקאַנט, — האָט זי עטוואָס א נייג געטאָן דעם קאָפּ צום מאַן, ווי בעטנדיק בא אים א דערלויבעניש.

— דערצייל, דערצייל, — האָט זיך אַריַינגעמישט די מאַמע. — דער־צייל, וואָס פאַר א גאַזלען ער איז, וויאַזוי דו האָסט פארשפּילט דיַין יונג לעבן...

יעדע טנוע, יעדע מינע פון באַסיעס פּאָנעם האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אַלץ איז פונקט פאַרקערט. דער איידעם הערט דער שוויגערס קאָמפּלי־מענטן און שמייכלט באַשיידן.

— מילכאָמע־צייַט, — האָט ריווע אָנגעהויבן, — האָב איך מיט די עלטערן געלעבט אין אזערבייַדזשאַן... צוערשט געקומען קיין באַקו, נאָר דאָרטן איז שוין געווען פול מיט עוואַקויִרטע, האָבן מיר זיך געלאָזן וויַי־טער, אין דער שטאָט זאַקאַטאַלי, און פון דאָרטן — נאָך וויַיטער, אין א דאָרף 120 קילאָמעטער פון דער איַיזנבאַן. ווען מיר זיַינען געקומען אהין,

האָט דער פּאָרזיצער פונעם דאָרפסאָוועט אוועקגעפירט אונדז צו א פּאר־כאסמעט שטיבל, די לאָדנס זייַנען געווען פארמאכט און פארקלאפּט מיט ברעטלעך. אין הויף, באם סאמע אריַינגאנג — געדיכט ווילדגראָז. דאָס גראָז קריכט אויך דורך די שפּאלטן פונעם גאנעקל. א שווערן איַינדרוק מאכן אזעלכע פארלאָזענע, אוועקגעוואָרפענע היַיזער. ווען מע זעט זיי, ווערט טרויעריק אפן הארצן. דער פּאָרזיצער האָט אראָפּגענומען דעם פארזשאווערטן שלאָס פון דער טיר. ווען מיר זייַנען אריַין אין שטוב, האָט אונדז ארומגעכאפּט א קעלט.

— באלד וועלן מיר אופעפענען די לאָדן, וועט ווערן ליכטיק, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט, — לעבט רויק, ביז עס וועט זיך אומקערן דער באלעבאָס. דעמלט וועט איר שוין אויך זיך אומקערן אהיים...

אין א מינוט ארום איז געוואָרן ליכטיק. מיר האָבן זיך ארומגעקוקט: א בעטל, א טישל, א בענקל — דאָס אלץ וועט אונדז שטארק צוניץ קו־מען. אפן בענקל איז געשטאנען א קענדל מיט וואסער. ווער און ווען האָט די וואסער געטרונקען צום לעצטן מאָל?

מיר אלע — די מאמע, דער טאטע און איך — האָבן געארבעט אין קאָלווירט. אף דער טאבעק־פּלאנטאציע בין איך געפאָרן רייַטנדיק אף א פערד. די וויַיבער האָבן פארוווּנדערט מיך אָנגעקוקט: א מיידל זאָל זיך זעצן אף א פערד? ס'איז געווען א דאָרף, נאָך פול מיט אלטע אָבערגלויבענישן... מיר האָבן אָרגאניזירט א קאָמיוגישן רינג און אינגיכן אָפּגעגעבן קימאט אזויפיל טאבעק, וויפל דער גאנצער קאָלווירט האָט געדארפט אָפּגעבן דער מעלוכע. מע האָט מיך אויסגעקליבן פארן סעקרעטאר פון דער קאָמיוג־אָרגאניזאציע.

איינמאָל, איך בין אָקאָרשט געקומען אהיים, באוויזן בלויז אָפּצועסן, שטעלט זיך צו אונדז אריַין א הויכער רויטארמייער אין א פּילאָטקע אפן שפּיץ קאָפּ, מיט א רוקזאק אף די פּלייצעס. ער האָט זיך באגריסט מיט אונדז און זיך פאָרגעשטעלט:

— איך בין סעמיאָן ווישטשיניקין.

זייער גוט. סעמיאָן ווישטשיניקין, איז סעמיאָן ווישטשיניקין. די מאמע שטעלט אופזידן דעם טשייַניק, איז מעכאבעד מיט א גלאָז טיי. דער

גאסט איז ניט איבעריקס בארײדעװדיק, מיר שטעלן פראגע נאָך פראגע און דערװיסן זיך, אז ער האָט געדינט אין אן אװיאַדעסאנט־טײל, געװען ארומגערינגלט, זיך ארױסגעריסן, װידער אָנטײלגענומען אין א סאך שלאכטן. גערעדט האָט ער פױלבלעך, װי ניט װעגן זיך. בא אונדז האָבן זיך די פראגעס אױסגעשעפּט, און סעמיאָן װישטשיניקין איז אינגאנצן אנשװיגן געװאָרן. זיצט, אײַלט זיך ניט אװעקצוגײן. איך כאלעש שלאָפן. אפן טיש איז געשטאנען א שפּיגעלע, באמערק איך אין װינקל פונעם שפּיגל, אז ער קוקט אף מיר. איך האָב א קוק געטאָן אינעם אנדערן װינקל — ער איז װידער דאָ אין שפּיגל. דערװײַל האָט אונדזער שטוב אָנגעהױבן פול װערן. א האלב דאָרף איז זיך צוזאמענגעקומען. „סיעניע", „סיעניעטשקע!" — מע װײנט, מע לאכט, מע קושט זיך. דער אוילעם כאָכמעט זיך:

— װיפל װעסטו, סיעניע, נעמען דירעגעלט בא די קװארטיראנטן?

— װאָס דארף ער דירעגעלט? ער װעט בעסער נעמען נאדן, — לאכט א צװײטע און װינקט אף מיר.

יענעם אָװנט איז ער אװעק צו זײַן עלטערער שװעסטער און א צײַט בא אונדז זיך ניט באװיזן. מיך האָט ער אױסגעמיטן אפילע דאָרטן, װו ער האָט געמוזט זיך טרעפן מיט מיר. מיר האָבן אָרגאניזירט אינעם דאָרף א קאָמיוגישן פּאטרול, און װישטשיניקין, אלס עלטסטער, האָט יעדן טאָג געדארפט קומען און דערצײלן דעם סעקרעטאר, װיאַזױ נעכטן איז דורך די דעזשורסטװע. הײבט זיך ניט אָן, ער קומט ניט אײן טאָג, א צװײטן טאָג, א דריטן. בין איך ניט פויל און גײ אלײן אװעק צו אים.

— איך װעל דיר גאָרנישט ניט דערצײלן און גאָרנישט ניט זאָגן, — האָט ער בארױגעז ארױסגעברומט. — א גוטער סעקרעטאר קומט כאָטש אײן מאָל אין אָװנט, גײט זיך דורך צוזאמען מיטן פּאטרול, װאָלטן אים דערנאָך געװען קלאָר מײַנע באריכטן.

איך האָב א טראכט געטאָן, אז עפּשער איז ער גערעכט. דעם זעלבן אפּדערנאכט בין איך אומגעגאנגען מיטן פּאטרול, אײגנטלעך, נאָר מיט סעמיאָנען. זײַנע צװײ כעװרע זײַנען געגאנגען אָדער פון פאָרנט, אָדער פון הינטן. דער רײעך פון טאבעק, געמישט מיט די רײכעס, װאָס טראָגן

זיך פון די סעדער, האָט גאָר א באזונדערן קויעך — ער פארשיקערט. קיינמאָל ניט — ניט פריִער, ניט שפּעטער — האָב איך ניט געהערט סעמיאָנען אזויפילריידן, וויפל יענעם אָוונט. ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אהיים, האָב איך נאָך א צייַט זיך איַינגעהערט צו די טריט פונעם פּאטרול.

אינגיכן איז צו אונדז אריַינגעקומען סעמיאָנס איינציקע שוועסטער און גאָר אפן אלטן שטייגער אונדז גענומען שאדכענען.

— סעמיאָן זאָגט, אז ער קאָן אָן איַיער ריווקען ניט לעבן, — האָט זי זיך געווענדט צו מיַינע עלטערן, ניט קוקנדיק אָף מיר, פּונקט ווי איך וואָלט דאָ געווען די פינפטע ראָד צום וואָגן, — איַיך וועט ער ליב האָבן און אכטן, ווי עמעסע טאטע־מאמע; מיר זיַינען אויסגעוואקסן יעסוימים. דאָס הויז, אין וועלכן איר וווינט, געהערט דעם ברודער, דאָס הייסט סעמיאָנען, אזוי אז ווו צו לעבן וועט איר האָבן...

דער כאָסן איז בייסמיַיסע געשטאנען אין פירהיַיזל. דאָ האָט ער ניט אויסגעהאלטן, אריַינגעשפּאנט, צוגעפאלן צו דער מאמען, זי ארומגעכאפּט.

— ריווקע איז נאָך צו יונג, — האָט די מאמע געענטפערט, — זי איז דאָך נאָך ניט אלט אפילע קיין ניַינצן יאָר...

איך האָב געשוויגן, זיך ניט געקאָנט פאנאנדערקליַיבן אין מיַינע געפילן.

שפּעטער, ווען עס איז געקומען די צייַט פון רעעוואקואציע און מיר האָבן ארופגעלייגט די זאכן אפן וואָגן, איז דאָס גאנצע דאָרף אונדז ארויס באגלייטן, בלויז איין מענטשן האָב איך צווישן אוילעם ניט געזען. ס׳האָט מיר אזוי פארקלעמט דאָס הארץ, אז כ׳האָב געוואָלט אריַינטראָגן די זאכן צוריק אין שטוב און בליַיבן, בליַיבן דאָרט אָף אייביק. ווען דער וואָגן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט די מאמע מיך גענומען פאר א האנט.

— וואָס זשע שטייסטו?

איך האָב זיך געלאָזט גיין. ארומקוקן זיך האָב איך ניט געוואגט, נאָר עס האָט זיך מיר געדוכט, ער יאָגט מיך אָן... ניין, ער האָט אויסגעהאלטן כאראקטער, טאקע ניט געקומען זיך געזעגענען... אין א צייַט נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים, אין קרים, האָב איך געקראָגן פון אים א בריוו. דאָס הייסט, ניט נאָר איך, ער האָט געשריבן צו אונדז אלע־

מען. וואָס ווײַטער — אַלץ אָפּטער. ווען מיר זײַנען אריבערגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, איז ער געקומען אהער...

— דאפקע געפונען, — האָט ארײַנגעשטעלט די אַלטע באַסיע.

אונטערשמייכלענדיק, ווי ער וואָלט אויסגעהערט א טשיקאַווע גע־שיכטע וועגן עמעצן אַן אומבאַקאַנטן, האָט סעמיאָן גריגאָריעוויטש זיך אופגעהויבן פונעם טיש, אָנגעטאָן דעם וואַטניק, די גרויסע הענטשקעס, וואָס זײַנען פונדעסטוועגן, דוכט זיך, ענגלעך פאר זײַנע הענט. איך האָב זיך בייסמײַסע פארקוקט אף דעם קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געשפּילט אינעם פאָדערשטן צימער, און א פרעג געטאָן, צי ס'זײַנען פאראַן נאָך קינדער. א וואָלקן, א שווערער, שוואַרצער וואָלקן, איז דורכגעגאַנגען איבער די פּנעמער. סעמיאָן האָט אף א רגע פארהאַלטן די האַנט אף דער קליאַמקע פון דער טיר, פארטויבט א קרעכץ געטאָן און איז ארויס. כ'האָב פארשטאַנען — ניט געדארפט געווען פרעגן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז צוויי זין זײַנען בא זיי געשטאָרבן, און אין גאַר א בײַער שײַן האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ריוועס דערציילונג וועגן איר ליבע. איך האָב פארשטאַנען, אז זי און די מאַמע טוען אַלץ, וואָס זיי קאָנען, אָפּצווענדן סעמיאָנען פון די איבערלעבונגען, וועלכע האָבן נאָך מער, ווי אף זיי, זיך אָפּגערופן אף אים, און ער קאָן ניט קומען צו זיך.

אינגיכן נאָך דעם, ווי סעמיאָן איז אוועקגעגאַנגען, זײַנען מיר אינ־דרײַען — ריווע, גרישע פײַמאַן און איך — אויך ארויס אין דרויסן.

— דאָ וווינט ראָכל פריידקינע, אונדזער אגראָנאָם. זי האָט אויסגע־האָדעוועט א נײַעם מין קוקורוזע „זאָלאָטאַיאַ"[1], וועלכן מע זייט איצט אין גאַנץ כאַבאַראָווסקער קאַנט.

— אָט דאָ לעבט מאַריַע פּאָקאָטילאָ, אונדזער בעסטע מעלקערן.

— אין אָט דעם הויז וווינט דער מעכאַניזאַטאָר יאַנקל גאָטסדינער.

---

[1] גאָלדענע.

— און אין יענעם — דער פאַרוואַלטער מיט דער מילך־פֿערמע בערל גאָטסדינער.

— עפּשער ווילט איר אַרײַנגיין אין שול־אינטערנאַט, — ווײַזט מען מיר אָן אַף אַ גרויסן מויער, — זייער אַ גוטער אינטערנאַט.

איך גיי אַרײַן צו דער מעלקערן פֿריידע קופּערמאַן. פֿאַרוואָס דאַפֿקע צו איר? מיסטאָמע דערפֿאַר, ווײַל איר הויז איז פֿון די עקסטע אין דאָרף. דער הונט אין איר הויף הייבט אָן בילן, ווען מע איז נאָך אַ מײַל די ווײַט. אַ גרויסער, בייזער הונט, וואָס לױפֿט אום פֿון זײַן בײַדל ביז דער קאַ־ליטקע הין און צוריק, רײַסט זיך פֿון דער קייט און וויל פֿאַרצוקן. אָבער אין וואַלדהיים האָב איך ניט מוירע פֿאַר קיין הונט, דערהויפּט אַז די באַ־לעבאָסטע איז אַרויסגעלאָפֿן אַפֿן גאַנעק און אַ געשריי געטאָן אַף אים. ווען פֿריידע האָט זיך באַוויזן, איז אַלץ געוואָרן זייער קליין אַנטקעגן איר — דער גאַנעק, גופֿע די שטוב, דער הויף. אין איין קאָפּטל אַפֿן וואַכיקן קליידל, אין זומערדיקע צעשפּיליעטע שיכלעך אַף די פֿיס איז זי געשטאַנען אַפֿן ברענענדיקן פֿראָסט און האָט מיך רויִק באַקוקט. אַז מע זעט אַזאַ איישעס־כאַיִל, טוט מען אַ טראַכט, אַז זי האָט מיסטאָמע אַ קאָפּ פֿון אַ לייב.

אַ קאָפּ האָט זיך אָבער דערהערט אַ ווייכס און מילדס. גאַסטפֿרײַנט־לעך האָט זי מיך פֿאַרבעטן אין צימער און באַקאַנט מיטן מאַן — סעמיאָן מאַרקאָוויטש, און מיטן זון, וואָס איז געקומען אַף אַ טאָג אַהיים. ער לערנט זיך אין טעפּלאָזערסק אין דער האַנטווערקער־שול באַם צעמענט־זאַוואָד. סעמיאָן איז אַ פּיציכטלער.

— עס לעבט זיך גאָר נישקאָשע, — האָט פֿריידע געזאָגט. — און ס'איז נאָך פֿאַראַן אַ ביסל קאָוועד אויך. קיין גאָלדענע און זילבערנע מע־דאַלן האָב איך ניט, אָבער אַ בראָנזענע — איז פֿאַראַן. אַ בראָנזענע דאַרף מען אויך פֿאַרדינען, ווי מיינסטו? — האָט זי זיך אויסגעדרייט צו סעמיאָן מאַרקאָוויטשן.

זי האָט גענומען שטעלן מײַכאָלים אַפֿן טיש. עס האָבן ניט געהאָלפֿן מײַנע אָפּזאָגעכצן, און נאָכן מיטיק באַ די ווישטשיניקינס האָב איך גע־מוזט צובײַסן נאָכאַמאָל.

— ס׳מאכט ניט אויס, — האָט פריידע מיט אירע גוטע הענט אונטער־געדרוקט מיר איין מײַכל נאָכן צווייטן, — אין א פּראָסט דארף מען עסן צוויי מאָל מער.

אָפּגעזעגנט זיך מיט די קופּערמאַנס, בין איך ווידער אוועק אין דער קאָלווירט־פּארוואלטונג. פּעלער איז נאָך ניט געווען, זײַן ארבעטס־צימער איז געווען פארשלאָסן, אָבער אין די איבעריקע צימערן, דערהויפּט אין יענעם, ווו עס זיצט דער בוכהאלטער, איז געווען לעבעדיק. דער הויפּט־אגראָנאָם טאראסאָוו, נאָך גאָר א יונגער מענטש לויטן אויסזען (די יונג־קײַט גיבן אים מיסטאמע צו די בלויע אויגן), האָט וועגן עפּעס היציק אײַנגעטײַנעט מיט א פּאָר פּרויען.

אין אָוונט בין איך ארײַן אין נאָך א פּאָר שטיבער, געשמועסט, גע־הערט די לעצטע נײַעס דורך ראדיאָ, באוויזן א ביסל א קוק טאָן, וואָס מע ווײַזט אין טעלעוויזאָר. מיטן לעצטן אוטאָבוס האָב איך זיך אומגעקערט קיין בירָאבידזשאַן. ווי נאָר עס זײַנען פארשווונדן די שורעלעך פײַערן פון וואלדהיים, האָבן פונדערווײַטנס אָנגעהויבן זיך ווײַזן די עלעקטרישע פײַערן פון דער שטאָט. קימאט דעם גאנצן וועג איז געווען ליכטיק.

צוויי אָביעקטן

יעדן טאָג שטעל איך אין בלאָקנאָט א פּייגעלע אנטקעגן דעם „אָביעקט", ווו איך בין שוין געווען. די פייגעלעך מערן זיך, די אָביעקטן נעמען זיך ניט אויס. פון אינדערפרי ביז אָוונט גיי איך ארום. הײַנט בין איך געווען אין טראנספאָרמאטאָרן־זאוואָד און אין דער מעבל־פאבריק.

דער טראנספאָרמאטאָרן־זאוואָד רופט בא מיר קיין זיכרוינעס ניט ארויס. אין מײַנע צײַטן איז ער ניט געווען, פונקט ווי ס׳איז ניט געווען די גאנצע גאס, וואָס ציט זיך איצט לענגאויס דער אײַזנבאַן־ליניע. דער זאוואָד שליסט די גאס, ווי א שיינער, שטארקער אקאָרד. די טראנספאָרמאטאָרן און סטאביליזאטאָרס צו טעלעוויזאָרן, וואָס ער לאָזט ארויס, צעגייען זיך ניט נאָר אינעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט. מײַן באגלייטער עליע בלעכער־מאַן פירט מיך אָבער דערהויפּט איבער די צעכן, ווו מע פּראָדוצירט נאָך

דערווײַל גאָרניט. פֿלינק און לעבעדיק, פּונקט ווי אים וואָלט נאָך געווען א שאָק מיט יאָרן צו פּענסיע, שפּרינגט דער אַלטער איבער די בריקלעך, איבער די גריבער און בערגלעך פֿונעם ריזיקן קאַרפּוס, וואָס מע האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט בויען און מע דאַרף אים, ווי עליע זאָגט, נאָר אופֿ־ראַמען. דער קאָרפּוס איז נאָך ניט אויסגעשטאַט, בלויז גרויסע טרויבן ציִען זיך פֿון אויבן, אונטערן הויכן דאַך.

די טרויבן זײַנען בלעכערמאַנס. ער איז א בלעכער, זײַן טאַטע איז געווען א בלעכער און דער זיידע — א בלעכער. ס'איז א באַווײַז, אַז אַן אַנדערשמאָל האָט די פֿאַמיליע פֿון א מענטש פֿונדעסטוועגן יאָ וואָס צו זאָגן.

זײַן ביִאָגראַפֿיע ווייס איך שוין א ביסל. ניט לאַנג צוריק האָט מען וועגן אים געשריבן אין דער כאַבאַראָווסקער צײַטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ", א פּאָר מאָל — אין די געגנטלעכע צײַטונגען. באַרימט איז ער ניט אַזוי מיט זײַנע טרויבן, ווי אַלס געזעלשאַפֿטלעכער אינספּעקטאָר פֿון דער זיכערהײַטס־טעכניק. פֿון די פֿאַרצייכענונגען און נאָטיצן איז צו זען, אַז זינט אויף דער וועלט איז פֿאַראַן „טעכניקאַ בעזאָפּאַסנאָסטי", האָט זי נאָך אַזאַ רעוויזאָר ניט געהאַט.

עליע שיט מיט כאָכמעס, מיט ווערטלעך, איך כאַפּ זיך צו דער קע־שענע נאָכן בלאָקנאָט.

— דערווײַל פֿאַרשרײַבט נאָר מײַן אַדרעס, — האַלט ער מיך אָפּ, — איר וועט קומען צו מיר אַהיים, וועלן מיר שרײַבן צוזאַמען.

עליע אײַלט מיר גלײַך אַרײַנגיין צום הויפּט־אינזשעניר.

— ס'וועט זײַן פֿאַר אײַך א סורפּריז, — זאָגט ער צו מיר.

גלײַך ווי איך בין אַרײַנגעקומען צום הויפּט־אינזשעניר אין קאַבי־נעט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אין וואָס דער סורפּריז באַשטייט. באַם טיש איז געזעסן נאָך גאָר א יונגער מענטש, קימאַט א באָכער. מיט עפּעס איז ער ענלעך אויף ביקאַלײַ ריבקינען פֿון בײַפֿעלד. באביידן איז איין און דער זעלבער אויסדרוק פֿונעם פּאָנעם — אַן אויסדרוק, וואָס צייכנט אויס מענטשן, אינגאַנצן פֿאַרטאָנענע אין זייער אַרבעט.

אין דער קאָרעספּאָנדענטישער פּראַקטיק האָט מען צו טאָן מיט פאַר־שיידענע מענטשן — קאַרגע אף א וואָרט און שטאַרק באַריידעוודיקע, באַשיידענע און אַזעלכע, וואָס האַלטן שוין צופיל פון זיך. אַלס קלאַל האָט די מערהײַט מענטשן פײַנט צו דערציילן וועגן זיך, אָבער אַזאַ מענטשן, ווי מאַרק מאַטוויִיעוויטש קאָופמאַן, האָב איך געטראָפן צום ערשטן מאָל. קיין האַלבן וואָרט, וואָס זאָל אָנבאַלאַנגען צו זײַן אייגענעם לעבן, האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן אַרויסצוציִען.

— וואָס האָט דאָס פאַר א שײַכעס צו דער אַרבעט? — האָט ער אופ־געהויבן אף מיר א פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן און גלײַך גענומען מיר דער־קלערן דעם פּלאַן, וויִאַזוי עס וועט אויסגעשטאַט ווערן דער נײַער קאָרפּוס.

— איך האָב געהערט, אַז איר האָט פאַרענדיקט די שול מיט א גאָל־דענער מעדאַל, — האָב איך אין עטלעכע מינוט אַרום ווידער זיך גענו־מען צו אים.

ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

— נו, איר האָט זיך א סך דערוווּסט בא אים? — האָט בלעכערמאַן מיך באַגעגנט מיט א פּראַגע אף די טרעפּ פון דער זאַוואָד־פאַרוואַל־טונג. — האָט ניט קיין אַגמעסנעפּעש, איך וועל אײַך וועגן אים אַלץ דער־ציילן. ער איז דאָ אויסגעוואַקסן פאַר מײַנע אויגן. ער איז פון די ייִנגסטע הויפּט־אינזשעניערן אין ביראָבידזשאַן, זייער א גוטער קאָנסטרוקטאָר, א כאָכעם. די „טעכניקע בעזאָפּאַסנאָסטי“ איז בא אים אפן ערשטן פּלאַן...

אין די זאַוואָד־צעכן — בא די אויספּרווו־סטענדן, בא די קאָמפּלי־צירטע ווערקשטעלן, בא די אויטאָגען־ און עלעקטראָשווייס־אַפּאַראַטן — אַרבעטן אין דער מערהײַט יוגנטלעכע, ווי אומעטום, וווּ מיר איז דאָ אויסגעקומען צו זײַן. אייניקע פאַמיליעס פון די יונגע אַרבעטער קלינגען מיר באַקאַנט. לעמאָשל, אַזאַ פאַמיליע, ווי מילער — מאַרעק מילער איז א שלאָסער. ס'קומט אַרוף אפן געדאַנק זײַן טאַטנס, בוזי מילערס, ערשט ביכל „מישמוירעס בײַטן זיך“. אינעם קינדער־גאָרטן האָב איך געזען מאַרעקס זון, סאַשענקען, — א געזונט באָכערעצל. ווען די מאַמע איז געקומען אָפּנעמען אים אהיים, האָט ער זיך צעהוליעט, איבערגעקערט די וועלט, אומגעטראָגן זיך אַן אָנגעפּעלצטער אין די ווינטערדיקע מאָל־

בושים פון איין עק קאָרידאָר אינעם צווייטן, מע זאָל אים כאַפּן. די מאמע האָט געזאָגט, אז זי וועט אים פארקלאָגן פארן טאטן; קיין איבעריקס גרויסן אייַנדרוק האָבן די ווערטער אף סאשען ניט געמאכט. דאן האָט זי גענומען דראָען, אז זי וועט אים פארקלאָגן פארן זיידן. דער יונגאטש האָט גענומען פאטשן מיט די הענטלעך אין די הענטשקעס:

— איך וויל צום זיידן! צום זייַדן!

סאשע איז דער דריטער דאָר בירָאָבידזשאנצעס.

פונעם טראנספּאָרמאטאָרן־זאוואָד און פונעם קינדער־גאָרטן בין איך אוועק אף דער מעבל־פאבריק. דאָ איז שוין ווידער יעדער שפּאן מייַנער פארבונדן מיט דערינערונגען, מיט פארגלייַכן — ווי איז איצט און ווי איז געווען פריִער. אמאָל האָב איך געהאט דעם קאָוועד צו זיצן אף איינעם פון די ערשטע ווינער שטולן, וואָס די פאבריק האָט ארויסגעלאָזט. צווישן אוילעם, וואָס האָט זיך פארזאמלט באם דירעקטאָר אין קאבינעט, בין איך געווען דער ייִנגסטער און גרינגסטער, דעריבער האָט מען געהאלטן, אז אָן א סאקאָנע פארן שטול מעג מען מיך בעטן זיך אוועקזעצן אף אים. דאָס בענקל האָט העל־ברוין געבלאנקט און געלויכטן, נאָר די פיסלעך, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, זייַנען שוין א ביסל צו קרומלעך.

— די פיסלעך וועלן מיר נאָך פארפולקומען, — האָט צוגעזאָגט דער דירעקטאָר.

איך האָב זיך דרייסט אוועקגעזעצט, און ער האָט מיך אויסגעהאלטן. דערנאָך האָב איך אָנגעשריבן א לאנגע פארצייכענונג, א דיפיראמב דעם ערשטן שטול.

— צען זייַטן וועגן איין בענקל... — האָט מיט א ווייכן שמייכל, ניט צו באליידיקן דעם יונגן אווטאָר, א זאָג געטאָן דער ליבער, קלוגער רע־דאקטאָר אונדזערער, — וויפל זשע, ברודערקע, וועסטו אָנשרייַבן, ווען די פאבריק וועט אָנהייבן ארויסלאָזן טישן, שאפעס, דיוואנען?

די מעבל־פירמע „בירע" פארייניקט איצט דרייַ גרויסע אונטערנע־מונגען, איר פּראָדוקציע וועל איך ניט באשרייַבן, כאָטש מע קאָן, ניט אָנקומענדיק צו אנדערע מעבל־פירמעס, דאָ אויסמעבלירן קימאט מיט

אַלץ אַ גאַנצע דירע. וועמען וועל איך פֿאַרווּנדערן? פֿאַרקערט, מע וועט זיך ווּנדערן אויף מיר. אַז עס פֿליִען שוין ראַקעטעס אויף דער לעוואַנע, איז שווער זיך צו ווּנדערן, ווען מע זעט אַ קאָמבײַן, אַ טראַנספֿאָרמאַטאָר, אַ שײנע שאַפֿע. אײן אײביקער ווּנדער איז פֿאַראַן — דער מענטש, ער איז דער אײנציקער קוואַל פֿון אַלע ניסים, וואָס קומען פֿאָר אויף דער ערד.

ווען איך בין געקומען אויף דער מעבל־פֿאַבריק, איז באַם דירעקטאָר פֿון דער אונטערנעמונג רובינשטײן געגאַנגען אַ באַראַטונג.

איך האָב געזען, אַז די זיצונג וועט זיך פֿאַרציִען, און האָב באַשלאָסן דערווײַל זיך דורכגײן איבער די צעכן. אין די צוגרײטונגס־צעכן, פֿאַרוואַלגערטע מיט שטאַבעלן פֿריש־געהובלטע ברעטער, האָט אין נאָז אַ קיצל געטאָן אַ רײעך פֿון וואַלד, פֿון טײַגע; אינעם טערמישן צעך, ווו אונטער די פּרעסן טריקנט זיך דאָס געהילץ, הענגט אין דער לופֿט אַ לײַכטע פּאַרע, עס שמעקט מיט פֿרילינגדיקער ערד, וואָס וואַרעמט זיך אויף דער זון. פֿרײלעכער, ווי אומעטום, איז אָבער אין די סטאָליער־צעכן, ווו דער מאַטעריאַל קומט אַרײַן אין די הענט פֿונעם באַלמעלאָכע.

עס איז גראָד געווען מיטיק־צײַט. אַ סאַך אַרבעטער זײַנען אַוועק אין דער פֿאַבריק־גאָרקיך, אײניקע האָבן צוגעביסן אויפֿן אָרט.

באַ אַ שפּאָגל־נײַעם טיש, אויף וועלכן מע האָט נאָרוואָס אַרופֿגעטאָן די קײַלעכדיקע דעק, די צאַרגע, זיצט דער סטאָליער אַרן ווערניק מיט דער פֿרוי העניע און מיטן זון יאַנקל. די גאַנצע מישפּאָכע אַרבעט אויף דער פֿאַבריק.

— מע האָט זי גענומען צוליב מיר, — ווײַזט אַרן אָן אויף העניען, וואָס שנײַדט בײסמײַסע ברויט אויף דעם אויסגעשפּרײטן בויגן פּאַפּיר. — ביכלאַל פּירט זיך ניט, אַז מאַן און ווײַב זאָלן אַרבעטן אין אײן צעך. גענוג, וואָס זײ זײַנען צוזאַמען אין דער הײם. נאָר אַזוי ווי איך בין אַן אַלטער אַרבעטער און מע רעכנט זיך מיט מיר, האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַם. איז איר נאָך געווען קנאַפּ. ווי נאָר מע האָט זי גענומען אין מײַן צעך, האָט זי גענומען צושטײן, איך זאָל נעמען צו זיך יאַנקלען, ער האָט

פאַרענדיקט זיבן קלאַסן. וואָס הייסט נעמען צו זיך? ס'איז מײַן פאַבריק? אויסגעפּירט האָט זי. דאָס ייִנגל וועט שוין אײַנגיכן באַקומען א ראזריאַד.
— ווען דו וואָלסט גוט געוואָלט, וואָלט ער אים שוין איצט געהאַט, — האָט העניע א זאָג געטאָן מיט א גוטמוטיקן צופרידענעם שמייכל פון א ווײַב, וואָס האָט א דייע באַם מאַן, אַלץ ווערט געטאָן אזוי, ווי זי פּלאַנירט און ווי זי וויל. — פאַר די פרעמדע שילער האָסטו זיך שוין אויסגעסטאַרעט דעם ראזריאַד...
אין צען ווערט טומלדיק. די יוגנט קערט זיך אום פון דער גאַרקיך. וואָלאָדיע טיפּאָגראַפשטשיק, קאָליע סטעגאַנקאָ, עדיק שאַפּראַנסקי זײַנען אַלט צו 17—18 יאָר. זיי לערנען זיך אין א טעכניקום. מיט פאַרוווּנדערונג דערוויס איך זיך, אז אין די געציילטע פרײַע אָוונטן איז זיי אומעטיקלעך. אינטערעסאַנטע קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען אינעם קולטור־פּאַלאַץ זײַנען גאָר נישט אזא אָפטע זאַך, אין קינאָ־טעאַטער „ביראָבידזשאַן" ווערן באַוויזן אַלע נײַסטע פילמען, אָבער עס מאַכט זיך, אז די נײַע זײַנען ערגער פון די אַלטע.
די יונגע כעוורע, דוכט זיך, טרײַבן קאַטאָוועס. א קולטור־פּאַלאַץ, א קינאָ־טעאַטער מיט צוויי זאַלן, עטלעכע קלובן, א ספּאָרט־סטאַדיאָן — אזוי נײַ איז דאָס אַלץ פאַר מיר אין ביראָבידזשאַן, אָבער, ווײַזט אויס, יעדע צײַט האָט זיך אירע פאָדערונגען.
מיט דער האַסטיקייט, וואָס איז אייגנטימלעך דער יוגנט, גייט מען אַריבער פון איין טעמע אויף דער צווייטער. מע רעדט וועגן ראזריאַדן, וועגן נײַע מינים מעבל. קאָליע דערציילט, אז אין קומענדיקן יאָר וועט ער צוזאַמען מיט עדיקן אָוועקגיין דינען אין דער אַרמיי.
גייענדיק פון דער פאַבריק, האָב איך אונטערוועגס פאַרקערעוועט אין אוניווערמאַג, וואָס געפינט זיך אויף דער שאָלעם־אַליכעם־גאַס. איבערביידע שטאָקן פון גרויסן אוניווערמאַג האָט זיך געטראָגן די מעלאָדיע פון „איציקל האָט כאַסענע געהאַט". באַם געשעפט, ווו מע האַנדלט מיט פּלאַטן, זײַנען געשטאַנען א פּאָר יידן מיט געזונטע, פאַרווינטיקטע פּענעמער, געקוקט, ווי עס דרייט זיך די פּלאַסטינקע, און געדרייט מיטן קאָפּ:

— קיין נײַערס איז ניטאָ?

די פארקויפערן גיט זיי דעם גאנצן ייִדישן אסאָרטימענט: „ווארניטשקעס", „דער קראנקער שנײַדער", „מעכוטאָנים", „בײַט מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער".

— מיילע, — זאָגן די ייִדן, נעמענדיק די פּלאטן אין די שיינע קאָנווערטן, — אן אלטער „פינף־און־צוואנציקער" קאָן אויך צוניץ קומען...

נאָך איין פעדאגאָגישע פּאָעמע

הײַנט איז בא מיר א פעדאגאָגישער טאָג. אינדערפרי, ווען כ'בין ארויס אין דרויסן, האָט מיר געדוכט, אז די שטאָט ווייס איך שוין. מיטן געפיל פון א טוישעוו, וואָס איז איבערצײַגט, אז הײַנט וועט ער טרעפן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזען נעכטן און אייערנעכטן, האָב איך זיך געלאָזט שפּאצירן איבער דער לענין־גאס. איך ווייס שוין דאָ אויסגעצייכנט אלץ, אזוי האָט זיך מיר געדוכט. כ'ווייס יעדן פארשנייטן בוים אין סקווער, יעדן וועגווײַזער, וואָס וואָרנט מיך, ווו איך זאָל דורכגיין די גאס, קעדיי איך זאָל בעשאָלעם פארענדיקן מײַן קאָמאנדיראָווקע און ניט פאלן א קאָרבן פון דער האסטיקער גאסן־באוועגונג. כ'ווייס יעדן מויער מיט די צוויי אָדער דרײַ ארײַנגאנגען. פינף מינוט גאנג ארוף־צו איבער דער גאס, און איך בין לעבן דעם ווײַסן צווייסטאָקיקן מויער פון דער שאָלעם־אליכעם־ביבליאָטעק. איך כאַפּ זיך ארײַן אהין. אין וועסטיבול טוען גלײַך אף מיר א קוק פון א בארעליעף אויגן פון א ייִדן א כאָכעם, שאָלעם־אליכעמס אויגן. א גרויסער פארביקער סטענד, וואָס פארנעמט קימאט א גאנצע וואנט, דערציילט וועגן דעם לעבנסוועג און וועגן דער שאפונג פונעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער, עס ווערן געבראכט שאָלעם־אליכעמס ארויסזאָגונגען און די ארויסזאָגונגען וועגן אים, עס ווערט דערציילט וועגן די פילמיליאָניקע טיראזשן פון זײַנע ביכער.

איינע פון די קליגסטע אופטוען פון די ביבליאָטעק־טוער לעצטנס איז דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן פרײַ צולאָזן די לייענער צו די ביכער־

סטעלאזשן. גריבל זיך אין די אויצרעס, וויפל דו ווילסט, און זוך זיך אויס, וואָס דאָס הארץ גלוסט. אָנטאפּן יעדעס בוך, נעמען עס אין דער האנט, א בלעטער טאָן, איבערלייענען גלייַך אפן אָרט א פּאָר שורעס איז א סאַך אָנגענעמער, ווי זוכן אין די אָנגעסילעוועטע אף אייַזערנע פּרענטלעך קארטלעך פון די קאטאלאָגן. איך זאָל האָבן צייַט, וואָלט איך ארייַנגעקוקט אין אלע הונדערט פופצן טויזנט ביכער. זיבן טויזנט פון זיי זייַנען ייִדישע. א רייַכע גאלערייע ליטעראַרישע העלדן, אָנגעהויבן פון מענדעלעס „קליין מענטשעלע" און פאַרענדיקט מיט שירע גאָרשמאַנס לעבנסלוסטיקע קאָמונאַרן.

די צווייטע טיר פון דער ביבליאָטעק איז דער געגנטלעכער מוזיי. ווי קאָן מען אים פאַרבייַגיין? אויב איך בין איצט א קנאַפּער באַלן צו גיין אין דער טייַגע, קומט די טייַגע צו מיר, מיט איר גאַנצן פאַרמעגן — מיט די אוסוריער און אמורער טיגרעס, וועלף, פוקסן, סאָבאָלן, ווידרעס. א סאַך מינים פייגל — פונעם אָדלער דעם „מאָהילניק", וואָס האָט, שטייענדיק אפן הויכן פּאָסטאַמענט, אויסגעשפּרייט אין א גרויסן האלבקרייַז זייַנע מעכטיקע פליגל, ביז די קלײנטשיקע קוקאַווקעס, קעדרינקעס, פּיקהאָלצן. א נאַכטיגאַל האַלט אָפּן דאָס פּיסקל — ער האָט ניט פאַרענדיקט אויסזינגען זייַן ליד.

אין די זאַלן פון צווייטן שטאָק — אין פאָטאָגראַפיעס, בילדער און אַנדערע עקספּאָנאַטן — דער אַנטוויקלונגס־וועג פון דער געגנט.

אף די טישן, אונטערן גלאָז, — די בילדער און די רירנדיקע לעבנסגעשיכטעס פון זיבן מענטשן, וואָס זייַנען פון פאַרשיידענע ייִשווים פון דער געגנט אַוועק מילכאָמע־צייַט אפן פראָנט און געוואָרן העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. איינער פון זיי — פּיאָטער פּעטראָוויטש קאַגיקין, א טוישעוו פונעם דאָרף לענינסקאָיע, האָט אָנטיילגענומען אין אופהייבן און ארויסהענגען די רויטע פאָן איבערן רייַכסטאַג אין בערלין.

איך קוק ניט נאָר און ניט אזוי אף די עקספּאָנאַטן, ווי אף די באַזוכער — די עקסקורסאַנטן, דערהויפּט די יונגע. אָפּט דערזעען זיי אין א רעמל א באַקאַנט פּאָנעם, דאַן דערהערט זיך א צופרידענער אויסגעשריי.

אינעם ביראָבידזשאַנער מוזיי פילט זיך דער צאַפּל פון הייַנטיקן טאָג.

איך גיי ארויס אַף דער גאס און טרעף די זעלבע מענטשן, וואָס כ׳האָב נאָרוואָס געזען דאָרט פאַרייביקטע.

אנטקעגן מוזיי איז דער צענטראַלער ביכער־מאגאזין און לעבן אים — די רעדאקציע און די דרוקעריי פון די געגנטלעכע צייטונגען. ווייטער ציִען זיך אוועק צווי גלייכע, לאנגע שורעס ווױנונגס־הייזער, — געוויינלעך דערגיי איך ניט ביזן סאָף און פאַרקערעווע אַף דער גאָרקי־גאס. היינט בין איך אוועק ווייטער, און מיטאמאָל איז אויסגעוואקסן פאר מיר איינער פון די שענסטע מויערן אין שטאָט. ער שטייט א ביסל אין הינטערגרונט און לאָזט פריי א שטיק פלאץ, מע זאָל אים קאָנען בעסער אָנקוקן פון אלע זייטן. א כאליאסטרע באָכערים און מיידלעך מיט פאָרטפעלן גייען אריין אין דער געביידע. איך גיי אויך אריין מיט זיי. אין די ליכטיקע קאָרידאָרן איז שטיל, עס גייט א לימעד.

דאָ, אין דער פעדאגאָגישער שול, הייבט זיך אָן מיין באקאנטשאפט מיט א מערקווירדיקן „פעדאגאָגישן דריילינג״. ביין, אין שטאָט רופט מען זיי ניט אזוי, די דריי כאָשעווע פעדאגאָגן. אזוי רוף איך זיי אָן נאָר פאר זיך. גאנץ פארשיידענע לויט די כאראקטערן, לויט דעם, ווי בא יעדן פון זיי האָט זיך צונויפגעלייגט דאָס לעבן, שטעלן זיי זיך מיר פאָר, זינט איך האָב זיך מיט זיי באקענט, ווי א דרייעק מיט גלייכע ווינקלען. ציליע איסאקאָוונע דוואָרקינע איז דער דירעקטאָר פון דער פעדשול, ווערע יאקאָוולעוונע גלייזער איז דירעקטאָר פון שול־אינטערנאט, ראָזע מאָיסייעוונע בארענהאָלץ איז „פּאָשעט״ א לערערן. ווען איך וואָלט געשריבן א דערציילונג וועגן אויסגעטראכטע מענטשן, וואָלט איך געלאָזן אין גאנג די גאנצע שרייבערשע פּאליטרע, ניט געקארגט קיין פארב, באניצט אלע אלטע, גוט אויסגעפּרוּווטע עפּיטעטן. כ׳מוז אָבער זיין איינגעהאלטן, ניט אריינצוברענגען מיינע לעבעדיקע העלדן אין פארלעגנהייט. ריידנדיק וועגן זיי, וועל איך זיך נאָר דערלויבן באניצן דאָס וואָרט ענערגיע. א יאם ענערגיע שפּרודלט פונעם פעדאגאָגישן דריילינג, און ענערגיע איז, ווייזט אויס, א גוטע סגולע אַף בלייבן יונג. זיצנדיק בא ציליע איסאקאָוונע אין קאבינעט, האָב איך מיט פארוווּנדערונג זיך דערוווּסט, אז זי האָט שוין א פון לאנג אויסגעגעבענע טאָכטער, אויך א דערוואקסענעם

זון, א מאַטעמאַטיקער, וואָס אַרבעט אין נאָוואָסיבירסקער פיליאַל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, און אַז זי אַליין געדענקט שוין ניט דאָס יאָר, ווען זי האָט געענדיקט דעם סמאָלענסקער פּעדאַגאָגישן טעכניקום, און איז צוזאַמען מיטן מאַן, אויך אַ לערער, אַוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן.

די ביראָבידזשאַנער פּעדשול, וווּ 800 סטודענטן לערנען זיך סטאַציאָנאַר און 500 היינטער־אויגיק, איז איינע פון די בעסטע אין דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

דאָס צווייטע „ווינקל" פונעם דרייַעק איז דער געוועזענער דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט פון פּסר ווערע יאַקאָוולעוונע גלייזער. זי קומט אין אינטערנאַט אַ צייַט פריִער, איידער די קינדער שטייען אויף, און גייט אַוועק אַ צייַט שפּעטער נאָך דעם, ווי די קינדער לייגן זיך שלאָפן. אַהיים, אינעם איינזאַמען צימער, קומט זי נאָר אויף איבערצושלאָפן די עטלעכע שאָ פון דער געקירצטער נאַכט.

הונדערטער קינדער פון גאַנץ כאַבאַראָווסקער קאַנט לעבן און לערנען זיך אין אינטערנאַט. איך בין געווען אין די קלאַסן, איך בין געווען אין די שלאָפצימערן. צוזאַמען מיט די קינדער האָב איך אין עסצימער געגעסן מיטיק. אומעטום פילט מען די ענערגיע פון דער ניִדעריטשקער עלטערער פרוי ווערע יאַקאָוולעוונע גלייזער.

און צולעצט...

איך זיץ אויף דער לעצטער פּאַרטע אויף אַ לימעד אינעם ערשטן קלאַס פון דער ביראָבידזשאַנער מיטלשול נומער צוויי. מייַן שכן איז דאָס אַכטיאָריק ייִנגל אַנדריושע סטעפּאַנאָוו. יעדעס ווינקעלע פון דער שול איז מיר גוט באַקאַנט. איך האָב זיך קיינמאָל דאָרטן ניט געלערנט, אויך ניט געלערנט אַנדערע, נאָר ניט איין שאַבעס און זונטיק בין איך געקומען אַהער צולייגן אַ האַנט, אונטערטראָגן ציגל און ליים. דאַן האָט מען נאָך קיין הייבקראַנען ניט געזען. דערנאָך, ווען דער בנין פון דער שול איז שוין געווען פאַרטיק, בין איך געזעסן אין דער נייַער שול אויף אַ לימעד אין ערשטן קלאַס, דאַכט זיך, טאַקע בײַ דער זעלבער ראָזע מאָיִסייעוונען.

דער קלאַס איז זייער אַ געראַומער, אַ ליכטיקער.

איך זע פאַר זיך שוואַרצע און בלאָנדע קעפּלעך, די מיידלעך מיט

ווײַסע קראַגעלעך, ברוינע קלײדלעך און אין פאַרטעכלעך; די ייִנגלעך האַלטן ניט פון דער אַלטער מאָדע — די גימנאַסטיאָרקעס, מע טראָגט פּידזשאַקלעך מיט אַ סאַך קעשענעס, „ווי בײַ די גרויסע".

קינדער זײַנען קינדער אַפילו בײַ דער בעסטער לערערן. אײנער פאַר־טראַכט זיך, דער אַנדערער נעמט עפּעס זוכן אונטער דער פּאַרטע, דעם דריטן פאַרווילט זיך מיטאַמאָל אויסצודרײען דעם קאָפּ און אופמערקזא־מער אַ קוק טאָן אויפן כאַווער, וואָס זיצט אויף דער לעצטער פּאַרטע.

ראָזע מאָיִסייעוונע מאַכט פון צײַט צו צײַט באַמערקונגען:

— וואָווע קאָפּיאַנקין, טומל ניט.

— ליאָניע האַניקמאַן, העד זיך אויף צו דרייען.

— וואַלעריק יוסים, וואָס האָסטו אַזוינס דערזען אין פענצטער. דער־צייל, מיר וועלן הערן.

— מאַרעק קאַניעווסקי, דו וועסט בלײַבן אַרויס פון קלאַס.

— באָריע פעלדמאַן, דאַרפסט נאָך אַן אַפּאַראַט פאַר די אויערן — אויף צו הערן, — זאָגט „מיט אַ שטאָך" ראָזע מאָיִסייעוונע צו אַ געפּאַקט יאַטל, וואָס זיצט פון סאַמע פאָרנט. דער כעוורעמאַן טראָגט ברילן, און די באַמערקונג, דוכט מיר, איז ניט גאָר קיין פּעדאַגאָגישע, אָבער דער מעכאַבער פון דער פּעדאַגאָגישער פּאָעמע מאַקאַרענקאָ האָט דאָך אויך ניט שטענדיק געהאַנדלט פּעדאַגאָגיש.

איך בין זיך מוידע, איך האָב געוויס פאַרדינט מער באַמערקונגען, ווי אַלע. ווען ראָזע מאָיִסייעוונע זאָל מיך אַ פרעג טאָן, וואָס זי האָט אָקאָרשט געזאָגט, וואָלט איך ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב פאַרלאָרן דעם פאָדעם פונעם לימעד, און דעם לימעד פירט דאָך אַ לערערן, וועגן וועמען מע האָט צו דער לעצטער געגנטלעכער לערער־קאָנפערענץ אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעל בלעטל, ווו עס ווערט באַטאָנט איר אויסגעצייכנטע מעטאָדיק. איך וואָלט געדאַרפט געבן פאַרצײכענען, וויִאַזוי גייט דער לימעד פון אָנהייב ביזן סאָף. אָנשטאָט דעם טראַכט איך גאָר וועגן יוסימען, וועגן פעלדמאַנען און וועגן די אַנדערע קונדייסים, וועלכע די לערערן רופט אָן. צי איז באָריע, טראַכט איך, ניט לייב פעלד־מאַנס אַן אייניקל, יענעם לייב פעלדמאַן, וואָס איז געקומען סאָף 1929

אין בירָאבידזשאַן פונעם שטעטל פאָגרעבישטשע, וויניצער געגנט? ער האָט זייער פרי — צו 17 יאָר — כאַסענע געהאַט. די כאַסענע איז געווען אין דער צוזאַמענוווּקס פון די טראַקטאָריסטן. און גענומען האָט ער כאַנקען, א מיידל פון ניי־אושיצע, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אים גע־לערנט אויף די טראַקטאָר־קורסן. גראָד נעכטן בין איך געווען באַם פּאָר־פאָלק צוגאַסט. א סאַך בירָאבידזשאַנער, דערהויפּט די אַלטע, האָבן איי־גענע הײַזער. אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, ווי, לעמאָשל, א וואַנע־צימער, וואָס איז פֿאַראַן אין יעדער דירע פון די גרויסע מויערן, זײַנען דאָ ניטאָ, אָבער די שטיבלעך זײַנען גוט אַרומגעזען, געטינקעוועט און גע־ווײַסט פון דרויסן, וואַרעם און געמיטלעך אינווייניק. דער גאַנצער יישוב, וועלכן מע רופט נאָך ביז איצט „עמטעעסאָווסקער“, באַשטייט פון אַזעלכע הײַזער. אין אַזא שטיבל וווינט אויך דער געוועזענער דירעקטאָר פון מ.ט.ס., איצט אָנפירער פון די בירָאבידזשאַנער רעמאָנט־וואַרשטאַטן לייב פעלדמאַן. ווען איך בין געקומען צו אים, האָט ער געהאַקט האָלץ. ער האָט אויסגעזען אַזעסדיק־יונג אין דעם קובאַנקעלע, וואָס איז געווען הויך אַרופגערוקט אויפן קאָפּ און האָט ניט פאַרדעקט די פלאַמענדיקע אויערן. דערנאָך בין איך געזעסן בא אים אין שטוב, און ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זײַן לעבן — אייגנטלעך, די געשיכטע פון בירָאבידזשאַן.

...וואַלעריק יוסים... — האָב איך ווײַטער געטראַכט... — אויפן קאָמ־בײַנען־זאַוואָד איז דער שעף פונעם מעכאַנישן צעך זינאָווי יאָסיפּאָוויטש יוסים. ווען איך בין געווען אין זאַוואָד, האָב איך געפרעגט זינאָווי יאָסי־פּאָוויטשן, צי איז ער ניט א קאָרעוו פון יענעם יוסים, וואָס איז סאַמע אָנהייב פון ערשטן פינפיאָר געווען איינער פון די בעסטע שלאָגלערס אויפן מאָסקווער צאַפּנלאַגער־זאַוואָד, דערנאָך איז ער געוואָרן דער דירעק־טאָר פון דעם דאָזיקן זאַוואָד. דער בירָאבידזשאַנער יוסים האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ“.

— איר מיינט, איך האָב ניט געזען, אַז איר האָט געקלערט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, — האָט ראָזע מאָיסייעוונע מיר „אַרײַנגעזאָגט“ נאָכן לימעד. — עפּשער האָט איר פאַרטראַכט א נײַע פּעדאַגאָגישע פּאָעמע?

שכײנים

לאנג לעבן זאָלן די דעזשורנע אדמיניסטראטאָרס פון ביראָבידזשאַנער האָטעל, יעדע צוויי־דרײַ טעג האָבן זיי אַרײַנגעשיקט אינעם נומער א נײַעם קווארטיראנט. שאָלעם־אַלייכעם האָט אמאָל געייצעט פאָרן מיטן דריטן קלאַס. ער וואָלט אויך אוואדע געייצעט די שרײַבער, וואָס פאָרן אין קאָמאנדירונגען, ניט באזעצן זיך אין די נומערן „ליוקס", ווו מע קאָן אין דער איינזאמער גרויסארטיקייט אויסגיין פון אומעט, דערהויפּט אין די לאנגע ווינטערדיקע נעכט, ווען עס שלאָפט זיך אמאָל ניט און ס׳ווילט זיך הערן א מענטשלעך קאָל, מעג זײַן אפילע א כראָפּעריי, טויב צו ווערן. בישקאָשע, דער פארשוין וועט זיך אופכאפּן, וועט מען קאָנען מיט אים כאפּן א שמועס. יעדער נײַער מענטש איז א רעטעניש, און ס׳איז גרויס דער פארלאנג וואָס גיכער טרעפן, ווער איז ער, פונוואנען איז ער, וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר. ווער ער זאָל ניט זײַן, איז ער פאר א שרײַבער א געווינס.

צוויי מעסלעס האָב איך געהאט א שאָכן דעם קאָרנוועלער הערצאָג פון „קיניג ליר". ווי נאָר מע דערמאָרדעט אים אין דריטן אקט, קומט ער צו לויפן א צופרידענער אין האָטעל, עסט אָפּ וועטשערע און דאן איז ער גרייט א גאנצע נאכט צו רייכערן און ריידן. א געזונטער מיטליאָריקער שווארצער מאנצבל. אלץ איז גרויס בא אים — די נאָז, די אויערן, די טשופּרינע, בלויז די אויגן זײַנען קליינטשינקע. ווען ער זאָגט עפּעס א כאָכמע, צעלאכט ער זיך אליין און די אויגן פארזשמורען זיך בא אים. דאן באקומט זײַן פּאָנעם א מאָדנע ווייכן, ווײַבערשן אויסזען, אלע גע־זיכט־שטריכן ווערן ווי אָפּגעווישט און ס׳בלײַבט נאָר איין אויסגוס פון האנאָע. אין מעשעך פון די פּאָר נעכט, וואָס ער איז געשלאָפן אנטקעגן מײַן געלעגער, האָב איך זיך דערוווסט קימאט אלץ, וואָס א מענטש דארף וויסן וועגן טעאטער־קונסט.

גלײַך נאָך אים האָט אָף די פריש־אויסגעשפּרייטע לײַלעכער פארנו־מען זײַן אָרט א צירק־ארטיסט, א גיבער פון בוריאט־מאָנגאָליע, וואָס הייבט אוף זעקס און דרײַסיק פּוד. זײַן קראפט האָט ער דעמאָנסטרירט

אין קלוב, וואָס לעבן דער בירָאָבידזשאנער סאָפּקע, דערנאָך האָט ער גע־האט אַן אָוונט אין אמורזעט.

— אין מײַן לעבן, — האָט ער מיר געזאָגט, — האָב איך נאָך ניט געזען אַזעלכע מענטשן, ווי אין אמורזעט. ניט נאָר די געוויכטן, נאָר אפילו די שטאנגען, אַף וועלכע די געוויכטן זײַנען אָנגעטאָן, האָט מען צוואנציק מאָל באקוקט.

פארן לייגן זיך שלאָפן האָט דער גיבער געמאכט עטלעכע האנט־אי־בונגען, געזוכט א מאסיווע זאַך, מיט וואָס זיך א שפּיל טאָן, אָבער דער איינציקער שווערער כייפּעץ אין צימער בין געווען איך.

איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער אין אמורזעט באוויזן עפּעס צו זען.

— גאָרניט, — האָט ער געענטפערט, — נאָר דעם קלוב, א גאנץ פײַנער קלוב, די בינע איז, עמעס, א ביסל אַן ענגלעכע, נו, און דעם האָטעל מיטן רעסטאָראַן...

מיר האָט זיך פארוואָלט דערציילן דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס עס באַ־טײַט א קלוב, א רעסטאָראַן און א האָטעל אין אמורזעט. א סאך נײַע יישוווים זײַנען פאראן אין דער געגנט, אָבער אויב אנדערע זײַנען אוּפ־געקומען אין ערטער, ווו עס איז געווען כאָטש א סימען פון א הײַזקע, א שטיבל, איז אמורזעט געבוירן געוואָרן אינגאנצן אַף א ליידיק אָרט, בלויז דער אַלטער אמור האָט דאָרט געררוישט.

מיט קוואַרטיראנגטן פון אמורזעט האָט מיר ביכלאַל געגליקט. דער ערשטער שאָכן מײַנער איז געווען אַן אמורזעטער. איצט, נאָכן גיבער, באַ וועמען איך האָב אָפּגענומען פון דאָרטן א גרוס, אַזוי צו זאָגן, א זײַ־טיקן, האָב איך ארײַנגעקריגן אַן אמורזעטער פונדאמענטאַלן טוישעוו.

אינעם נומער האָט זיך ארײַנגעשטעלט א באָכער אין א הארטן שאָ־פּענעם פּעלצל, א ווארעם היטל, הויך ארופגערוקט אפן פארשוויצטן שטערן, און אין גרויסע הענטשקעס. לויטן רייעך, וואָס האָט גלײַך פאר־פולט דעם צימער, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז ער איז א שאָפער.

— אנאטאָלי גאָרלאָווסקי, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

אין עטלעכע מינוט ארום האָב איך שוין געוווסט, אז ער איז געבוירן

געוואָרן אין אמורזעט אין 1936 יאָר, דער פּאָטער זײַנער — הערשל, אַן איבערוואַנדערער פון 1928 יאָר — איז א שאָפער, און דער ברודער וואָלאָדיע איז אויך א שאָפער. ער, אַנאַטאָלי, ארבעט מיטן טאַטן אין דער אמורזעטער ראַיאָנישער געברויך־געזעלשאַפט. וואָלאָדיע פירט קינאָ־פילמען איבער די דערפער, ער אַליין איז אויך דער קינאָ־מעכאַניקער.

איגעם צימער ווערט אַלץ טומלדיקער. עס גייען אַרײַן די שאָפערן פון דער קאָלאָנע, וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן מיט מײַן נײַעם שאָכן. מע הייבט זיך אָן דערמאָנען פארשיידענע געשיכטעס. פריִער, ווען קיין גוטער וועג איז ניט געווען, האָט יעדע רײַזע קיין אמורזעט זיך געמוזט ענדיקן מיט עפּעס א געשעעניש. איצט טרעפט אויך — מע פאַלט אַרײַן אין א בוראַן, אין א ווינט מיט א האָגל, עס ווייט און דרייט, אַז מע זעט ניט די ליכטיקע שײַן. איינמאָל, ערעוו נײַיאָר, האָט אַנאַטאָלי מיטן טאַטן געפירט קיין אמורזעט פארשיידענע גוטע זאַכן, קאַסטנס ווײַן, איז זיי אויסגעקומען צו שלעפּן די קאַסטנס אַף זיך. גאַנץ אמורזעט האָט דערנאָך געהויבן די קויסעס פארן געזונט פון די שאָפערן.

— אייגנטלעך, — זאָגט אַנאַטאָלי, — וואָלט מען געדאַרפט אונדזער אוטאָפּאַרק באַנײַען און פארגרעסערן. אמורזעט איז ניט קיין יִשעוו, נאָר שוין א גאַנצע שטאָט.

שטיל, קעדיי ניט אופצוּוועקן מיך, האָט אַנאַטאָלי באַגינען זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס. איגיכן האָט הינטערן פענצטער געגומען הודזשען איין מאָטאָר, א צווייטער, א דריטער. איך האָב זיך אופגעהויבן א קוק טאָן. דורכשנײַדנדיק די בלויע נאַכט, האָט א לאַנגע קאָלאָנע מאַשינעס זיך געלאָזן אין וועג.

אינדערפרי האָט שוין מיט מיר געוווינט א טעכניקער פון אָבלוטשיע, און אַף מאָרגן — אַן אײַזנבאַנער, וואָס האָט זיך געהיילט אפן קוראָרט קולדור. ער האָט געהאַט וואָס צו דערליידיקן אין ביראָבידזשאַן און זיך דאָ אַף צוויי טעג אָפּגעשטעלט.

— א גוטער קוראָרט, — האָט ער צו מיר געזאָגט. — אויב איר האָט רעוומאַטיזם, ראַדיקוליט, מיִאָקאַרדיט, ניִרן־קרענק, פורונקוליאָז...

— זאָלן עס האָבן אונדזערע סאָנים, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

צולעצט איז אין מייַן נומער געווען א קאָמאנדיראָוואָטשנער פון כאַבאראָסקער בוי־טרעסט, וואָס פירט דורך וואסערלייטונג און קאנאליזאַציע אין ביראָבידזשאַן. דער באָכער האָט פארענדיקט אן אינסטיטוט. אין ביראָבידזשאן ארבעט ער שוין העכער א יאָר און וווינט די גאנצע צייַט אין האָטעל. דעם טרעסט האָט עס ניט געארט, דעם באָכערל — אויך ניט. עס איז ווארעם און רייַן, עמעס, איין מאָל אין כוידעש פירט מען אים אריבער פון זייַן אלטן נומער אין א צווייטן, עס זאָל ניט אויסקומען, אז ער לעבט דאָ אייביק. אָבער צו יענער צייַט, ווען מע האָט אים באזעצט בא מיר, האָט ער שוין געהאלטן אין איין ריידן וועגן א דירע. ער דארף א דירע אין ביראָבידזשאַן, אים איז דערעסן צו זייַן א קאָמאנדיראָוואָטשנער. דעם זעלבן אָוונט האָב איך פארשטאנען, וואָס איז די מייַסע. אריַינגעקומען פארנאכט אין צימער, האָב איך אים געטראָפן באם איינציקן טישל זיצן מיט א מיידל. אָנגעבויגן איינער צום צווייטן די קעפּ, ער — דעם שווארצן, זי — דעם בלאָנדן, האָבן זיי ביידע זייער אופמערקזאם געקוקט דעם זשורנאל „אָגאָניאָק“. דערפילט, אז איך בין דאָ אן איבעריקער, בין איך אוועק שפּאצירן. איך האָב זיך אומגעדרייט דעם גאנצן אָוונט. אף מאָרגן האָט זיך איבערגעכאזערט דאָס זעלבע. זיי האָבן צוזאַמען געבלעטערט א בארג זשורנאלן. בא מייַן אריַינקומען האָבן זיי זיך אופגעהויבן אוועקצוגיין, נאָר זיי איז, קענטיק, געווען אזוי גוט איינייעם, אז בא מיר האָט זיך ארויסגעריסן — זאָלן זיי זיך ניט איַילן און לייענען וויַיטער, איך דארף נאָך זייַן אין איין אָרט... איך בין אוועק און לאנג אומגעשפּאצירט איבער די קאָרידאָרן פון האָטעל. אין מייַן צייַט בין איך אין ביראָבידזשאן געווען אן אידעס פון א סאך שיינע ליבעס... עס האָט מיר האנאָע געטאָן, וואָס איך בין איצט ניט ווילנדיק געוואָרן אן אידעס פון נאָך איינער אזא געשיכטע, אן אלטע, ווי די וועלט, און אן אייביקע, ווי דאָס לעבן.

ווען דאָס מיידל איז אוועק, האָט מייַן שאָכן זיך גענומען צו זייַנער א העפט מיט צייכענונגען, אָבער איך קאָן שווערן, אז קיין איין ליניע האָט ער ווי ס'באדארף צו זייַן ניט געזען.

ביידע שלאָפן מיר א צײַט ניט אײַן. איינעם שלאָפט זיך ניט, ווײַל ער איז שוין אריבער די פופציקער, דעם אנדערן — ווײַל ער איז עטוואָס עלטער פון צוואנציק...

■

צײַט זיך געזעגענען. די אופראמערן צילייע סאָלאָמאָנאָוונע הייבט אונטער דאָס אייניקל אירס, איך זאָל עס א קוש טאָן. איך קוש געשמאק דאָס ייִנגעלע אין זײַנע פולע רויטע בעקלעך. אלע קאָמאנדירטע אײַלן זיך אהיים. עס איז ערעוו נײַיאָר. פּוסטלעך ווערט אין האָטעל. דאָס לעצטע מאָל עס איך אָפּ א יויך מיט מאנדלען און אן עסיקפלייש, דער־נאָך האלט איך פאר מײַן כויוו ארײַנצוגיין צום דירעקטאָר פון רעסטאָ־ראן אלטער באָראָווסקי און אָפּדאנקען אים פאר דער געשמאקער שפּײַז. ער האָט קוים אופגעהויבן אף מיר די פארדײַגעטע אויגן.

— צו געזונט, — האָט ער ארויסגעמורמלט.

א מער פארזאָרגטן, פארומערטן מענטשן, ווי באָראָווסקי, איז שווער צו געפינען. ווײַזט אויס, אז אויב דירעקטאָרן פון רעסטאָראנען שמייכלען ווייניק און זײַנען פארזאָרגט, איז עס צום גוטן פאר די באזוכער.

— ווען ער איז נאָך געפאָרן מיט אונדז פון ארגענטינע אף דער שיף, איז ער שוין געווען פארמאָרעשכוירעט, — כאָכמעט זיך עליע בלעכער־מאן, — ער האָט שוין דאן מוירע געהאט, אז עפּעס וועט צוברענען...

דער ביראָבידזשאנער וואָקזאל זעט מיר איצט אויס שוין גאָר ניט אזוי גרויס, ווי מיט א כוידעש צוריק, ווען איך בין געקומען צו פאָרן. איצט בין איך מאסקים מיט די, וואָס האלטן, אז מע דארף אופבויען א נײַעם וואָקזאל אָדער, לעכאָלאָפאָכעס, פארברייטערן דעם איצטיקן. ס'איז ענגלעך אין די זאלן, ענגלעך בא די קאסעס, ס'וואָלט עפּשער געווען פרײַער, ווען בא יעדן, וואָס פאָרט אוועק, זאָל ניט זײַן אזויפיל באגליי־טער. אין איין זאך האָט ביראָבידזשאן אינגאנצן זיך ניט געביטן: אין

באגעגענען און ארויסבאגלייטן. צום אָנקומען פון א צוג איז אמאָל דער פּעראָן געווען שווארץ פון מענטשן. איצט — דאָס זעלבע.

איך בין ניט קיין אויסנאם. ווען דער צוג קומט אָן, לאָזן זיך לויפן צו מײַן וואגאָן מיט מיר א היפש ביסל מענטשן.

— אזויפיל צו מיר? — ווונדערט זיך די קאָנדוקטאָרשע. — איך האָב ניט קיין ערטער פאר אלעמען. די קאסירשע איז מעשוגע, וואָס זי גיט אזויפיל בילעטן...

ניין, א בילעט האָט נאָר איינער. איך שטיי אפן אייבערשטן טרעפּל און קוק פון דער „טריבונע" אף מײַנע פרײַנט. יעדערער איז מיט טיפע וואָרצלען פארפונדעוועט אין ביראָבידזשאן, און וואָלטן א סאך פון זיי אליין ניט געווען קיין שרײַבער, וואָלטן זיי געווען פאר אנדערע דער בעס־טער מאטעריאל פאר דערציילונגען און ראָמאנען.

אין וואגאָן איז ליכטיק. די פּאסאזשירן האָבן פאנאנדערגענומען די פּאָרהענגלעך, און אין די פענצטער האָט ארײַנגעשײַנט די זון. די בלענ־דיקע, העלע ווײַטמיזרעכדיקע זון.

1963

אווראָם גאָנטאר

א געוויינלעכע מישפּאָכע

גאַנצפרי האָט סימע סלוצקי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און מיר געזאָגט, אז פּינקטלעך צוועלף באַטאָג וועט זי וואַרטן אַף מיר אין איר מאַשין לעבן מײַן הויז, אנטקעגן די גרויסע טרעפּ פון האָטעל „אוקראַיִנע". לויטן קאָל אירן איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אז דאָס מיידל נעמט זיך איבער מיט „איר מאַשין". איך בין איר אָבער מויכל געווען — א יונג מיידל, וואָס איז מאַקריוו א שאָ פון איר זונטיק־טאָג צוליב מיר, שוין ניט גאָר קיין יונגן „קאַוואַליער", איז ווערט, אז מע זאָל איר פאַרגעבן אַזעלכע קלייניקייטן.

פאַריקן זונטיק האָב איך באַגעגנט אין מעטראָ סימעס פאָטער — מײַן בען־איר רווון סלוצקי. אַזעלכע צופעליקע באַגעגענישן אַפן עסקאַלאַ־

טאָר, איך — ארוף, און ער — אראָפּ, האָבן זיך שוין איבערגעכאַזערט ניט דאָס ערשטע מאָל, און קימאט שטענדיק אף דער סטאנציע „דינאַמאָ“.

נאָך פונדערווײַטנס באגריסן מיר איינער דעם צווייטן מיט אופגע־הויבענע הענט. וואָס נעענטער די עסקאַלאַטאָרס פירן אונדז צונויף, אַלץ ווארעמער און ברייטער ווערט דער שמייכל פון מײַן פרײַנט, און איך פארשפּאָר שוין פרעגן דעם טראַדיציאָנעלן, גאָרנישט זאָגנדיקן „וואָס הערט זיך?“

דעם פאָריקן זונטיק האָב איך אָבער בא דער העלער שײַן פון די מעטראָ־לאָמפּן אופגעכאַפּט עפּעס א באזונדער פײַערל אין רוּוון סלוצ־קיס אויגן.

איך האָב א מאך געטאָן צו אים מיט דער האנט און אויסגעשריגן, אז באלד וועל איך זיך צוריק אראָפּלאָזן — זאָל ער צוווארטן.

אין א מינוט ארום זײַנען מיר שוין ביידע געשטאנען אין געראַימען וועסטיביול.

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך באגעגנט, — האָט רוּוון געזאָגט, — איך האָב דיר שוין געוואָלט אָנקלינגען. זונטיק וועט סימע צופאָרן צו דיר...

ס׳ווײַזט זיך ארויס, אז קיין מאָסקווע פאָרן זיך צונויף אַלע סלוצקיס: די מיזינקע סימע האָט כאַסענע.

פאָרנדיק מיט סימען איבער די מאָסקווער גאסן, האָב איך געטראכט: ווען איך וואָלט ניט זײַן פארליבט אין דעם קוטוזאָוו־פּראָספּעקט, ווו איך וווין, וואָלט איך געוויס מאסקים געווען מיט די סלוצקיס, וואָס האלטן, אז קיין שענער אָרט, ווי זייער לענינגראַדער פּראָספּעקט, איז גאָר ניטאָ.

די שטענדיק רוישיקע גאָרקי־גאס ווימלט טאָג און נאכט מיט פּיל־קאָליריקע אווטאָס און מיט מענטשן, וואָס באוועגן זיך געשיקטער, ווי אין אַלע אנדערע שטעט און אף אַלע אנדערע גאסן; עס ווייסן זי, די גאָרקי־

גאס, אפילע די, וואָס האָבן פארביי־פאָרנדיק זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע בלויז אַף געציילטע שאָען; וועגן איר ריידן אפילע יענע מענטשן, וואָס זיינען קיינמאָל אין דער הויפּטשטאָט ניט געווען, — אין דער הייסער אפריקע און אין אייראָפּע דערציילט מען, אז אין די גרעסטע פרעסט פאַר־קויפט מען דאָ אייזקרעם. די דאָזיקע גאס גיסט זיך אריין מיט איר אימ־פעט אין דעם לענינגראַדער פּראָספּעקט, שטויסט זיך אָן אין די ברייט־צעוואקסענע בולווארן, וואָס ציִען זיך ווערסטן־לאַנג.

די געפלאַסטערטע וועגן נעמען ארום דעם צעוואקסענעם בולוואר פון ביידע זייטן, ווי אין א ראַם. די ברייטע טראָטוארן מיט די בלומען־קלומ־בעס טרעטן צו ביז די פילשטאָקיקע הייזער. אָט דאָ הייבן אָן די מענטשן באוועגן זיך לאַנגזאַמער, און די אווטאָס — האסטיקער. וואָס ווייטער, ווערט דאָס געררויש שטילער, און ווען מע דערנעענטערט זיך צום סטאַ־דיאָן „דינאַמאָ", הייבט זיך אָן דאכטן, אז מע געפינט זיך אין א פּרעכטי־קער קוראָרט־שטאָט, וואָס איז זומער פארפלייצט מיט בלומען און ווינטער מיט ווייס־בלויליכע הורבעס שניי, מיט ביימער און קוסטעס, אָנגע־פּעלצטע אין פראָסט־טוי, צווישן וועלכע עס ציִען זיך, ווי אָנגעצויגענע סטענגעס, די אווטאָ־מאַגיסטראַלן.

אין די אָוונטן, ווען א יאַם מיט פייערן שפּרייט זיך אויס ביז צום סאַמע האָריזאָנט, קומט אראָפּ אַף דער גאס א פריילעכער יאָמטעוו, און שלאַנקע מיידלעך און יונגע באָכערים פארגעסן געהיט זיין פאַר א פּרעמד אויג. יונגע מאַמעס וויקלען איין זייערע אייפעלעך אין פוכיקע קאָלדרעס און פירן זיי ארויס אין די וועגעלעך אַף פּרוזשיניקע שינעס — זאָלן זיי שלאָפן געזונטערהייט. ווינטער רויטלט זיי די בעקלעך דער פראָסט, זומער — די דופּטיקע לופט פון בלומען און ליפּעס.

אַף די באַלקאָנען און אין די הויף־סקווערן, אַף די בולווארן און ארום די פאָנטאַנען רוען אָפּ ארבעטס־מענטשן.

פאָרנדיק מיט סימען — מיט דער מיזינקע פון מיין בערדיטשעווער בען־איר, האָב איך זיך דערמאָנט...

אין שפּעטן הארבסט פון דעם שווערן 1941 מילכאָמע־יאָר האָט דער באַשקירער מיליטער־קאָמיסאריאט מיך באַפולמעכטיקט באגלייטן בא

צוויי הונדערט יינגלעך קיין ארכאנגעלסק אין דער יונגא[1]־שול. איבער־קוקנדיק די צעטלען, האָב איך זיך פארהאלטן אף א באקאנטער פא־מיליע — סלוצקי וולאדימיר רווימאָוויטש... מיר איז געקומען אפן זי־נען, אז דאָס קאָן אמאָל זײַן א זון פון מײַן קינדהײַט־כאַוער. רוונס א קינד! א ווארעמער שטראָם האָט א שלאָג געטאָן אין הארצן.

פאר די אויגן איז אופגעשווומען מייער גענדזערס גרויסער הויף אף די בערדיטשעווער פיסקעס, וואָס אפילע צווישן די „פיסקעוואטע" האָט ער געשעמט מיט זײַן שמוץ. דער בוריאן ארום די שטיבלעך, אײַנגעזונ־קענע אין דער ערד, האָט דערגרייכט ביז די קרומע לאָדן, ער איז גע־וואקסן אף די פריזבעס, אף די שינדל־דעכער און אפילע אף די ווענט. דאָס געפילדער פון די פילצאָליקע גענדז, וואָס דער באלעבאָס פון הויף האָט געהאָדעוועט פארן מארק, האָט זיך געטראָגן ביז צו דעם הימל. די שכיינים האָבן געוווּסט, אז באסיע, מייער דעם גענדזערס עלטסטע טאָכ־טער, איז טאקע משוגע געוואָרן איבער דעם ווילדן געשריי פון די גענדז. אָפטמאָל פלעגט זי זיך ארויסרײַסן פון איר כיידערל, ווו זי איז געווען פארשפארט, ארײַן אין די גרויסע שטײַגן פון די גענדז און אָנ־הייבן מיט זיי א מילכאָמע.

די ווײַסע און ראבע פייגל פלעגן אופהייבן אזא געשריי, אז אף אונדז, קינדער, וואָס זײַנען שוין געוווינט געווען דערצו, פלעגט אָנפאלן א פא־כעד. דורך די שפּארונעס פונעם פלויט פלעגן מיר, פארגאפטע, זען, ווי די משוגענע באסיע קײַקלט זיך א נאקעטע צווישן די ווילד־געוואָרענע גענדז, רײַסט פון זיי די פעדערן, טאָפּשעט מיט די באָרוועסע פיס..

פאר די אויגן איז אויסגעוואקסן רוונס אויסגעדארטע מאמע לייע די קורעלאפניטשקע מיט צוויי גרויסע געפלאָכטענע קוישן אין ביידע הענט. לייע מיט איר גאנץ געזינדל — „הינדעלעך און הענדעלעך" פלעגט מען

---

[1] י ו נ ג א — א יינגל, וואָס לערנט זיך אף מאטראָס.

זיי רופן, און געהייסן האָבן זיי: ברײַנדל, הינדל, הענדל, פּרויקע, זינדל, רוּוען.

דעם מיזיניק, מײַן כאוועד רווען, האָט די מאמע זײַנע אַליין א נאָמען געגעבן „דער פּרינץ הויל־און־נאקעט". אמאָל האָט מען בא אים צוגע־גאנוועט די מײַטקעלעך, וועלכע ער האָט געלאָזט אפן ברעג פון גנילאָ־פּיאט, און ער איז געקומען צו לויפן פון טײַך א נאקעטער. אָט אזוי איז ער שוין אף אייביק פארבליבן — „דער נאקעטער פּרינץ".

שוין צענדליקער יאָרן, אז מיר האָבן זיך ניט געזען, נאָר דאָס גע־שטאַלט פון מײַן קינדהײַט־כאוועד האָב איך זיך בוילעט פאָרגעשטעלט, גלײַך איך וואָלט זיך ערשט נעכטן געזעגנט מיט אים.

נאָך אין די צוואנציקער יאָרן זײַנען זיך אונדזערע וועגן צעגאנגען: איך — קיין אָדעס, אין אינסטיטוט, און ער — קיין כארקאָוו, אין א גרויסן מעטאלורגישן זאוואָד.

אין יענע יאָרן האָט די שטעטלדיקע יוגנט זיך א לאָז געטאָן אין די גרויסע שטעט — ווער אין די לערן־אנשטאלטן, ווער אין די פאבריקן און זאוואָדן. עס האָבן זיך דאן אן עפן געטאָן פאר אונדז אלע וועגן, און יעדערער איז אוועק אהין, וווהין דאָס הארץ האָט געצויגן, וווהין די אויגן האָבן געפירט. שפּעטער מיט יאָרן האָבן מיר זיך באגעגנט און קוים דערקענט איינער דעם צווייטן. ווי אף א ווונדער האָבן מיר געקוקט אף דעם, וואָס עס איז געוואָרן פון די אָרעמע און פארשטויסענע מוישעלעך און שלוימעלעך, הינדעלעך און הענדעלעך! מײַנע „פּיסקעוואטע" יינג־לעך האָב איך באגעגנט אפן עקסטן צאָפן, אין די צעטלען פון לעבעדיקע און העלדיש אומגעקומענע שלאכטלײַט, צווישן די נעמען פון באוווסטע געלערנטע, קונסט־טוער.

פארשטייט זיך, אז איך האָב זיך ניט געכידעשט, ווען איך האָב נאָך צוריק מיט יאָרן באגעגנט אין דער פּרעסע רווען סלוצקיס נאָמען צווישן די בעסטע פון איינעם א זאוואָד — צווישן די, וואָס זײַנען אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט מעלוכישע באלוינונגען.

אָט אן ערעך אזעלכע געדאנקען זײַנען מיר דעמלט ארופגעשווומען, ווען כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אף דער פאמיליע סלוצקי.

כאָטש עס האָט מיך אונטערגעטריבן דאָס אומגעדולד, האָב איך דאָך באשטימט ניט ארויסרופן צו זיך דאָס יינגל, נאָר אליין עס אופזוכן צווישן די צוויי הונדערט בלאָנדע, שווארצע און ברוינע קעפלעך.

אין איינעם א קאָרידאָר פון דעם אינטערנאט, ווו די קומענדיקע יאמלייט האָבן זיך געפונען ביז זייער אָפּפאָרן קיין ארכאנגעלסק, האָב איך דערזען א באָכערל פון א יאָר עלף־צוועלף, וואָס האָט זיך מיט זיין אויסגעדארט קערפּערל אויסגעצויגן אפן דיל און פלייסיק געמאָלט א פלאקאט מיט רויטער און שווארצער פארב — א מענטשן מיט אן ארויס־געשטעקטער לאנגער צונג און א שווערע האנט, וואָס וויל אים פארמאכן דאָס מויל.

יאָ, דאָס איז געווען רוונס זון — דער טאטע מיט די ביינער, מיט אלע זיינע באוועגונגען, מיט א וויטן אָפּשיין פון הונגעריקע אויגן, מיט א פארכידעשטן שמייכל.

דאָס יינגל האָט באמערקט, אז איך קוק אף אים, און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אף מיר אן אומרויִקן בליק.

נאָך עטלעכע ווײַלעס האָב איך געקוקט אף זיין פלאקאט און שטיל, ווי פאר זיך אליין, א פרעג געטאָן:

— די באָבע דיינע, לייע, לעבט נאָך?

דאָס יינגל איז אופגעשפרונגען פון אָרט און פארוואונדערט מיר אריינ־געקוקט אין פּאָנעם.

איך האָב אים אָנגענומען פאר די אקסלען און ווייטער זיך נאָכגע־פרעגט:

— דיין פאמיליע איז סלוצקי? וולאדימיר רוווימאָוויטש?

— סלוצקי. וואָלאָדיע הייס איך.

...אין דעם זעלבן אָוונט האָב איך באזוכט לייע די קורעלאפּניטשקע, וועלכע די מילכאָמע האָט פארטראָגן אזש קיין אופא.

ווען עס ליגט ניט אף איר די אכרייעס פארן לעבן פון איר אייניקל, וואָלט זי אפילע ניט געטראכט זיך רירן פון די פיסקעס, און אירע אלטע ביינער וואָלטן שוין געלעגן אפן „גאלעכס פלאץ", ווו טויזנטער בערדי־טשעווער יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן פון די היטלעריסטן.

— גאָט אַליין האָט אָבער געוואָלט, אַז איך זאָל נאָך דערלעבן דעם היצעלס מאַפּאָלע...

פונעם קאָמאָד, וואָס איז געשטאַנען לעבן פענצטער, האָט ליע מיר דערלאַנגט איין פאָטאָגראַפיע נאָך דער צווייטער: אירע זין און טעכטער, איידעמס און שניר — אַלע „הינדעלעך און הענדעלעך“, אָנגעטאָן אין רויטאַרמייִשע שינעלן און אין אַרבעטער־ספּעצאָווקעס. זי האָט געקוקט אויף מיר שטרענג, גלײַך זי וואָלט זיך געגרייט פאַרטיידיקן יעדן פון זיי, אויב איך וועל פּרוּוון עפּעס שלעכטס זאָגן.

באַמערקט אַ שמייכל אויף מײַנע ליפּן, איז ליע מילדער געוואָרן. זי האָט פון שופלאָד פון דעם זעלבן קאָמאָד אַרויסבאַקומען אַ פּאַק מיט בריוו און זיי אויסגעשאָטן אויפן טיש, זי איז גרייט געווען מיר לייענען אַלע בריוו פון אָנהייב ביזן סאָף. נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט:

— האָט קיין פאַריבל ניט... איך נעם בײַ אײַך אָפּ צײַט...

באַטראַכטנדיק די פאָטאָגראַפיעס פון ליעס קינדער, וועלכע האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ראַמלעך אָפּגעפרעמדט, נאָר דאָך געוועקט עפּעס אַן אומרו, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק: קעדיי צו זען, וויאַזוי דער מענטש האָט זיך געענדערט, דאַרף מען טאַקע אָפּטרעטן פון אים אויף אַ געוויסן מהלך... ניט שוין זשע זײַנען דאָס ליע דער קורעלאָפּניטשקעס קינ־דער?

און מיר איז אײַנגעפאַלן צו פרעגן:

— און מיך וואָלט איר דערקענט?

ליע האָט געענטפערט:

— דער טאַטע דײַנער איז אין דײַנע יאָרן שוין געווען אַן אַלטער אויסגעהאָרעוועטער ייִד...

■

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך צוזאַמען מיט די יונגאַס זיך געלאָזט מיטן וואַסער קיין אַרכאַנגעלסק, דורך די טײַכן בעלאַיאַ, קאַמע און וואָלגע.

צוריק בין איך געפֿאָרן מיטן צוג און אַף עטלעכע טעג זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע. איך האָב געהאַט באַ זיך וואָלאָדיע סלוצקיס אַ בריוו צו זײַנע עלטערן.

די זעלבע גאָרקי־גאַס, וואָס איז שטענדיק באַרימט געווען מיט איר שווּנג און יאָמטעוודיקייט, האָט מיך באַגעגנט אָנגעכמורעט און שטרענג. שוין אַפֿן ערשטן רגע האָט אַ מיליטער־פּאַטרול דורכגעקוקט מײַנע דאָקומענטן, און ביז איך בין געקומען צו דעם נייטיקן הויז, האָב איך נאָך פֿיר מאָל געמוזט ווײַזן מײַן שײַן.

די פֿאַרלאָשענע גאַס־לאַמטערנס, בלאָווע פֿײַערלעך פֿון די פֿאַרבײַלויפֿנדיקע מאַשינעס, פֿאַרמאַסקירטע פֿענצטער, זעק מיט זאַמד אַרום די צאַקאַל־שטאָקן האָבן אַרויסגערופֿן אין זיקאָרן אַ שורע פֿון אַ ליד, וואָס האָט דאַן פּינקטלעך אויסגעדריקט די אַרומיקע שטימונג: „דער סוינע באַ די טויערן“.

ניט אין אַרכאַנגעלסק, ניט אין אופֿאַ, ווו דאָס לעבן איז אין גרונט נאָרמאַל פֿאָרגעזעצט געוואָרן, האָט זיך אַזוי ניט געפֿילט דער אָטעם פֿון מילכאָמע, ווי דאָ אין מאָסקווע. סײַ די מענטשן, סײַ די גאַסן האָבן אויסגעזען ניט געוויינלעך — אַ מין ערנסט פֿון גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געלעגן אַף אַלעמענס פּענעמער. מיט האַרץ־ציטערניש האָבן די מענטשן זיך אײַנגעהערט אין די לעצטע נײַס פֿון סאָווינפֿאָרמביוראָ, זיך אײַנגעקוקט אין די שורעס פֿון די צײַטונגען. קיין קינדערשע וויגעלעך האָט מען אין די בולווארן ניט געזען. אונטער די הויכע ליפּעס פֿון די מאָסקווער בולווארן, ווו יונגע מאַמעס פֿלעגן אַרויספֿירן זייערע קינדער אין די וועגעלעך, זײַנען איצט געשטאַנען צוגעבונדענע צו די שטאַמען פֿון די ביימער אַעראָסטאַטן, און יונגע מיידלעך אין מיליטער־קליידער האָבן געהאַוועט אַרום זיי.

די טיר האָט מיר געעפֿנט אַנאַ איליניטשנאַ. מיידלווײַז האָט מען זי אין דער היים גערופֿן כאַנקע עלעק דעם שנײַדערס. אַ שטאַלטנע מיידל געווען, מיט אַ רייך ברוין פּאָנעם. באַ אונדז זאָגט מען אַף אַזעלכע: „אַזאַ יאָר אַף מיר, כוץ שוואַרצכיינעוודיקײַט“.

זי האָט מיך דורכגעלאָזט פאָרויס אין צימער אַרײַן, גלײַך זי וואָלט זיך פון פריִער געגרייט צו מײַן קומען. מיך געבעטן זיצן און אַליין זיך צוגעזעצט אַנטקעגן מיר.

נאָך דעם, ווי איך האָב איר געגעבן דערציילט וועגן דעם ייִנגל, האָב איך זיך ניט אײַנגעהאַלטן און א זאָג געטאָן:

— ווען איך באַגעגן אײַך אין גאַס, וואָלט איך געוויס דערקענט כאַנקע עלעק דעם שנײַדערס...

פון אומדערוואַרטקײַט האָט זי זיך אַזש א הייב געטאָן פון אָרט.

— איר זײַט?..

— יאָ, איך בין יודל דעם מוליערס, רוווּנס כאַוועִר, פון מייער דעם געגנדזערס הויף...

כאַנקע עלעק דעם שנײַדערס, וואָס פלעגט שאַבעס פאַרנאַכט אַרויס־גיין אַפן שפּאַציר אַף דער בעליפּיליער גאַס, לעבן שרענציס־טעאַטער, האָט צוגעצויגן צו זיך ניט נאָר אונדז, פּאַשעטע ייִנגלעך. מיר האָבן גע־ווּוּסט, אַז דער אַדוואָקאַט שאַפּירע, וואָס איז געווען א באַרימטער פּאַר־שוין אין שטאָט, שטאַרבט נאָך אירע טריט, ער האָט שוין אַרײַנגעשיקט מענטשן צו עלעק דעם שנײַדער, געפּרוּווט אַליין א רעד טאָן מיט אים בייס דעם מעסטן אַן אָנצוג. נאָר זי האָט ניט געוואָלט הערן וועגן קיינעם, כוץ וועגן רוווּן סלוצקי דעם טאָקער פון זאַוואָד „פּראָגרעס". צוליב אים האָט זי געפּוצט די שיכעלעך אַף די הויכע קנאַפּל, געפּרעסט די ווײַסע בלוזקעלעך אירע, פאַר אים פאַרקעמט די האָר אין א קראַנץ. און זי האָט אירס טאַקע אויסגעפירט: פון בערדיטשעוו זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן צוזאַ־מען. צוזאַמען געאַרבעט, צוזאַמען געלערנט אין אָוונט־אַרבפאַק. די ערשטע צײַט געלעבט באַזונדער, כאָטש זיי זײַנען שוין געווען מאַן און ווײַב, — זי אין צוזאַמענוווינונג פון אַרבפאַק און ער אין זאַוואָד־צוזאַמענ־ווּוינונג.

די בײַע שנײַד־מעסערס, וואָס רוווּן סלוצקי האָט צוגעטראַכט, די בײַע מעטאָדן פון פאַרהאַרטעווען זיי, האָבן אים געמאַכט א שעם אַף דעם גרויסן מאָסקווער זאַוואָד.

אַנאַ איליניטשנאַ האָט גערעדט וועגן אים מיט שטאָלץ:

— רוועגען ניצט מען איצט אויס אַף וויכטיקע אַרבעטן. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע איז ער אַוועק אין אָפּאָלטשעניע. נאָך דער זאַוואָד האָט אים עקסטרע אַרויסגערופן צוריק. ניט מער, ווי איין מאָל אין וואָך קומט ער אַהיים. אויב איר וועט פאַרבלייבן ביז זונטיק, וועט איר זיך זען מיט אים...

...מיט רוועגען האָב איך זיך דעמלט ניט באַגעגנט. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט יאָרן שפּעטער אַף אַ קוראָרט אין דרוסקעניקי.

אָט דעמלט האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם גורל פון אַלע סלוצקיס, וועגן דעם גורל פון אַ געוויינלעכער מישפּאָכע, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ וועג פון דער טיפסטער אָרעמקייט ביז אַ ווירדיק לעבן.

■

באַ די סלוצקיס, וווּהין סימע האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אין איר מאַשין, האָט מיך באַגעגנט די גאַנצע מישפּאָכע. עס האָבן מיך אַרומגערינגלט באַיאָרטע פרויען און מאַנצבלען, קינדער — גרעסערע און קלענערע, און יעדערן איז טשיקאַווע געווען וויסן, צי דערקען איך אים.

מיין זיקאָרן איז די לעצטע יאָרן אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר דעם יונגאַ וואָלאָדיען האָב איך גלייך דערקענט. אַ הויכוווּקסיקער שטאַלטנער מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, האָט ער עטוואָס טרויעריקלעך מיר דערלאַנגט די האַנט און זיך אומגעקערט צו דער אומגעריכטער פראַגע, וואָס איך האָב אים געשטעלט צוריק מיט קאַרגע צוויי צענדליק יאָר:

— און די באָבע לייע געדענקט איר?

איך האָב געוווּסט, אַז וואָלאָדיע האָט פאַרענדיקט די מיליטערישע יאַם־אַקאַדעמיע און לערנט איצט אין דער אַדיונקטור. דער פאָטער זיינער האָט מיר שוין ניט איין מאָל באַוויזן די זשורנאַלן, ווו עס זיינען געדרוקט געווען וואָלאָדיעס וויכטיקע אַרטיקלען.

— „דער פרינץ הויל־און־נאַקעט“, — האָט רוווּן געלאַכט, — וועט נאָך האָבן אַ זון אַן אַדמיראַל.

— בא לייע דער קורעלאפּניטשקע, — האָט זיך אָנגערופן א קליינ־וווקסיקע פרוי, וואָס האָט צוגענומען בא מיר דעם מאנטל, — פלעגט ניט אופהערן גיסן פון דאך און פון די ווענט. דערפאר מינאסטאם ציט עס אונדזערע קינדער צום וואסער. מײַן זון איז אויך א מאטראָס...

איך האָב דערקענט איר שטים. דאָס איז געווען ברײַנדעלע.

— ברײַנדעלע קאָזאק! — האָב איך זיך דערפרייט. דאָס דאָזיקע קאָל וואָלט איך דערקענט אפילע אין הונדערט יאָר ארום. פון קינדוויַיז אָן האָט זיך אײַנגעשניטן ברײַנדעלעס באפוילערישע שטים. ניט געקוקט אף איר דאר און קוואר קערפּערל, איז איר ווילן געווען א גרויסע ניט בלויז פאר אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, נאָר אויך פאר אלע איבעריקע הויף־קינדער. מיט פולן רעכט האָט זי געקאָנט זאָגן:

— מײַן אייגענעם גורל האָב איך אליין באשאפן...

ברײַנדעלע האָט אמאָל „פארליבט אין זיך" דעם שטארקסטן בויאַן פון די פּיסקעס, שלוימקע אָדלער, פאר וועמען עס האָבן געציטערט די גרעסטע בורדיקעס. נאָר דער כידעש איז ניט אין דעם, וואָס ער איז איר נאָכגעגאנגען פּוסטריט, נאָר דאָס, וואָס זי האָט אים געצווונגען, שלוימען, זיך זעצן אף דער שול־באנק, ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט פארענדיקט די ווערטערינאר־שול, האָט זי כאסענע געהאַט מיט אים.

אין טיומען, ווו ברײַנדל איז פארוואלטערן פון דער סאניטאריש־עפּידעמישער סטאנציע, קענען זי אלע ווירטשאפט־טוער. א סאך פון זיי האָבן זיך שוין ניט איין מאָל צעצאָלט פון דער אייגענער קעשענע איבער דעם „גוט־אויג" פון דער דאָזיקער באַארטער ענערגישער פרוי — זיך צעצאָלט פאר ניט אָפּהיטן די סאניטארע נאָרמעס... געוויס, האָב איך גע־טראכט, געדענקט נאָך ברײַנדל מייער גענדזערס הויף, וואָס אפילע אף די פּיסקעס האָט ער געשעמט מיט זײַן שמוץ.

רווזן האָט מיך געוואָרנט, אז וועגן ברײַנדלס מאן שלוימען און וועגן איר עלטערן זון דארף מען ניט ריידן. ביידע זײַנען אומגעקומען אפן פראָנט שוין אין די לעצטע טעג פון דער מילכאָמע. ביז איצט יאטרען נאָך אין איר הארץ די דאָזיקע ווונדן, און כאָטש קיינער האָט קיינמאָל

ניט געזען אירע טרערן, ווייסן אלע, אז ס'איז ניטאָ די שאָ, זי זאָל זיי ניט באווייַנען...

ריידנדיק מיט ברייַנדלען, האָט מען געקאָנט מיינען, אז דאָס וויכ־טיקסטע פון אלץ אויף דער וועלט איז איר סאַניטאַריש־עפּידעמישע סטאַנ־ציע. צווישן אונדז גערעדט, טראַכטן אלע אזוי וועגן זייער ארבעט.

— אָט לאָמיר א פרעג טאָן בא סימען, בא אונדזער קומענדיקן פילאָ־סאָף... וואָס, סימעלע, האלטסטו פאר דעם וויכטיקסטן אין לעבן?

סימע טראַכט ניט לאַנג:

— בא הייַנטיקן טאָג באקומען אן אטעסטאט פון א שאָפער, עס זאָל שטיין שווארץ אויף ווייַס: „שאָפער פון ערשטן קלאַס"... און וועגן מאָרגן האָב איך ניט קיין זארגן! — האָט זי זיך הויך און קלינגענדיק צעלאַכט.

הינדען, לייע דער קורעלאַפּניטשקעס מיטלסטע טאָכטער, וואָס איז שוין בא דרייַ צענדליק יאָר א לערערן פון ענגליש, איז סימעס ענטפער ניט געפעלן געוואָרן.

— אין דייַנע יאָרן, סימע, האָבן מיר געהאַט אנדערע דייַגעס, — האָט זי געזאָגט מיט רוגזע, — האלעווייַ זאָל זיך גוט ענדיקן מיט דייַן מאשין, און כאָטש איך האָב א כיילעק אין איר, בין איך געוועזן קעגן אזא מאטאָנע.

סימע האָט ארומגעכאַפּט די מומע ארום האלדז.

— אויב דיר טוט באנק דייַן צושטייַער, מומע הינדעלע, וועל איך דיר אָפּגעבן... אָט וועל איך ענדיקן דעם אינסטיטוט, וועל איך פאַרדינען מערער פון דיר.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אז אלע געסט, וואָס זייַנען זיך צונויפגעפאָרן אויף סימעס כאַסענע, האָבן א כיילעק אין דעם מיידלס מא־שין, דאָס איז דער „דראָשע־געשאַנק" פון די מומעס און די פעטערס...

קיין מאָסקווע האָט די מאשין געבראַכט זינאָווי סלוצקי פון גאָרקי, ווו ער ארבעט אלס אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר פונעם אווטאָזאוואָד.

אין דעם דאָזיקן וווקסיקן מענטשן מיטן פראָטעז אָנשטאָט דעם רעכטן פוס איז אומעגלעך געווען דערקענען דאָס געוועזענע באָכערל פון די פּיס־קעס, וועלכן מיר האָבן אמאָל גערופן זינדל.

— דאָס רעדעלע דרייט זיך ניט שלעכט, אמאָל פלעגן מיר זיך „קאטײַען" אפן „זאדאָק" פון כאַים פּאָטקאָוועס בריטשקע. די שמיץ פון זײַן בײַטש ליגן מיר נאָך היַינט אין טאם, — ער האָט צוגעטוליעט סימעס קאָפּ צו זײַן אקסל און איר ווײַטער אַרײַנגערעדט אין אויער אַרײַן:

— דו, סימקע, הער זיך ניט צו, וואָס עס וועלן דיר זאָגן דײַנע „טיאָטקעס" און „דיאדקעס". דו פאָר ווײַטער! דיך וועט מען ניט שמײַסן מיט קיין בײַטש. מײַנע שנעקעס טײַנען אויך, אז די עלטערן זײַנען קאָנסערוואטאָרס. מינאסטאם ווייסן זיי בעסער... זייערע אויגן זײַנען ייִנגער, זעען זיי ווײַטער.

ניט ווילנדיק האָב איך איבערגעפירט דעם בליק אף זינאָוויס אמפּוטירטן פוס. ער האָט ארופגעלייגט די האנט אף מײַן אקסל און געזאָגט:

— עפּעס ביסטו מיר צו פרי גראָוו געוואָרן...

■

אָט דאָס האָב איך געוואָלט דערציילן וועגן מײַנע געוועזענע בערדיטשעווער שכיינים, וועגן א פּאָשעטער סאָוועטישער מישפּאָכע.

— נו, און ווו זײַנען לייע דער קורעלאפּניטשקעס איבעריקע קינדער? ווו איז הענע און פרויקע? — קאָן מען פרעגן.

וועגן זיי וועל איך בלויז זאָגן:

דאָס איביקע פײַער, וואָס ברענט אפן קייווער פון דעם אומבאקאנטן סאָלדאט, דערמאָנט אויך אין זיי.

1961

שמועל גאָרדאָן

צעלינא

בא דעם צײַטווײַליקן הילצערנעם בריק, וואָס הוידעט זיך אַף פּאָנטאָן־שיפלעך, האָבן, ווי שניט־צײַט באַם עלעוואַטאָר, זיך אויסגעשטעלט אין א לאנגער ריי יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע לאַסט־מאַשינעס. קיינער אָבער פון די שאָפערן און פּאַסאַזשירן האָט איבעריקס ניט געאײַלט זיך אריבערכאַפּן אַף יענעם ברעג טײַך, ווײַל אײַלן זיך אהין איז שוין אלצייגס ניט געווען צו וואָס, — די סאָווירטן, וועלכע ליגן אַפן רעכטן ברעג אישים, האָבן שוין סײַווי געהאַט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון דער לאַנקע, וווּ יעדן יאָר אין דער צײַט פאָרט זיך צונויף אַפן ראַיאָנעם פעסטיוואַל קימאַט די גאַנצע דערוואַקסענע באַפעלקערונג פון אלע אכצן יעסילער סאָווירטן. קיינמאָל האָט זיך נאָך דער הילצערנער בריק אזוי

פריילעך ניט געהוידעט אף די שיפלעך, ווי היינטיקן זונטיק, אין טאָג פונעם ראיאָנעם פעסטיוואל, געווידמעט פערציק יאָר קאזאכסטאן און פערציק יאָר קאָמוניסטישע פארטיי פון קאזאכסטאן.

בישכיינעס מיט דעם צייטווייליקן בריק בויט זיך א שטענדיקער — פון אייזן און בעטאָן. און כאָטש ער האָט נאָך דערווייל ניט קיין פאָר־דינסטן פאר דער צעלינא, איז ער דאָך אויסגעפוצט, ווי דער סאמע געהוי־בענער גאסט. א קליינינקייט עפּעס: די מאשינעס וועלן שוין סאָף ווינטער ניט דארפן זיך אראָפּלאָזן אפן טייך מיט אופגעעפנטע קאבינעס, קעדיי מע זאָל באצייטנס קאָנען ארויסשפרינגען פון דאָרט, אויב דאָס אייז וועט פּלוצעם נעמען קרעכצן, און פריילינג, ווען עס צעשפּילט זיך דער אישים, וועט די אומגעגנט ניט בלייבן אָפּגעשניטן פונעם ארום...

צו דער עפענונג פונעם פעסטיוואל איז שוין געבליבן ניט מער ווי א שאָ, און אף באקענען זיך מיט אלע „גאסן" און „געסלעך", וואָס זיינען היינט אינדערפרי אויסגעוואקסן דאָ אף דער לאָנקע און באזעצט געוואָרן מיט רוסן, קאזאכן, אוקראַינער, יידן, ארמענער, דארף מען אמווייניקסטנס כאָטש א דריי שאָ. הונדערט שפּראכן זאָל איך קענען, וואָלט איך אף הונדערט שפּראכן זיך דאָ געקאָנט דורכריידן.

פאר דער לעצטער צייט בין איך אויסגעווען אין א היפּש ביסל סאָ־ווירטן פון קוסטאנייער און צעלינאָגראדער געגנטן. מיך וווּנדערט שוין ניט, וואָס דאָ, אפן פעסטיוואל, שטויס איך זיך נאָכאנאנד אָן אף שילדן פון סאָווירטן, וואָס הייסן: „מאָסקאָווסקי", „בוזולוקסקי", „ראָסטאָווסקי", „קורסקי", „אָרלאָווסקי", „מינסקי"...

אזוי איז שוין דאָ אפּאָנעם געווען איינגעפירט צווישן די ערשטע צע־ליניקעס: אָנרופן די סאָווירטן מיטן נאָמען פון דער שטאָט, פונוואנען מע איז געקומען. געווען איז מען, הייסט עס, א מאָסקווער און מע איז געבליבן א מאָסקווער, געווען א קורסקער און געבליבן א קורסקער...

און די ריי בא דעם בריק ווערט אלץ ניט קלענער. עס האלטן דאָרט אין איין צוקומען און צוקומען יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע מאשינעס.

פּלוצעם ווערט אן אָנגעלויף: פון „דווורעטשני" האָט מען געבראכט א קאטיער! עטלעכע און דרייסיק קילאָמעטער האָט מען אים געפירט מיט

דער יאבאָשע, די קינדער זאָלן היינט האָבן פארגעניגן זיך דורכפאָרן אי־בערן סאמע מיט פון דעם אישים.

פול מיט מענטשן איז דער ארוף־בארג. דאָרט טראָגן זיך אום אף צעהיצטע פערד באיאָרטע קאזאכן אין גערא̈מע נידעריקע שטיוול און אין ברייטע כאלאטן, ארומגעגארטלטע מיט געקווייטלטע פאטשיילעס. דאָס גרייט מען זיך צו דער נאציאָנאלער קאזאכישער שפּיל קאָקבאר. דער אראָפּ־בארג איז אויך באלאגערט מיט מענטשן: די פוטבאָל־קאָמאנדע פון קאראקאָלסקער סאָווירט שפּילט מיטן טשעמפּיאָן פון יעסילער ראיאָן — מיט די דוווּרעטשנער.

ניט ווייט פון דער צייטווייליקער בינע, ארום וועלכער עס האָבן זיך פארזאמלט עטלעכע הונדערט מאן, זיינען געשטאנען סטענדן, באהאנגענע מיט דיאגראמעס און פאָטאָ־בילדער פון די, וועלכע זיינען לויטן רוף פון דער פארטיי געקומען פארוואנדלען דעם ווילד־פארוואקסענעם קאזאכישן סטעפּ אין פעלדער טווע, אין גערטענער גרינס, אין עפּל־ און ווינשל־סעדער. ווען פון די דאָזיקע ערשטע צעלינניקעס וואָלט זיך געפאָדערט נאָך א יאָר צי צוויי נעכטיקן אין וואגאָנדלעך און אין ברעזענטענע ביידלעך, וואָלטן זיי זיך געוויס נישט פארטראכט וועגן די שוועריקייטן, אויב נאָר פון דעם וואָלט זיך געווענדט, אז די ערד זאָל זיין בעקויעך אויסכאָווען ווינטער־ווייץ און ווייגערטנער... מע וואָלט זיך ניט פארטראכט, ווי עס פארטראכטן זיך ניט קיין סאָלדאטן באם גיין אין אטאַקע, — ס'איז צעלינא!

די דיאגראמעס אף די סטענדן דערציילן, אז פאר זעקס־זיבן יאָר איז אין דעם ניט איבעריקס גרויסן יעסילער ראיאָן אופגעהויבן געוואָרן עטלעכע הונדערט טויזנט העקטאר און אז שוין אין די ערשטע יאָרן האָט ער פארקויפט דער מעלוכע ניט ווייניקער ברויט, ווי די גרעסטע געגנטן פון דאָרעם־אוקראינע. די דיאגראמעס אף די סטענדן דערציילן אויך וועגן דער צווייטער צעלינא: דאָס באקומען א סאך פלייש און מילך.

אף איינעם פון די סטענדן איז אויסגעהאנגען א בילד אין אייל־פארב „די ערשטע זעקס" פון דעם דוווּרעטשנער טעסליער וולאדימיר סערגייענקאָ. סאָף ווינטער. דער וויס־בלויעכער שניי איז באשיינט מיט דער

אָונטיקער זון, וואָס האָט זיך געגומען פארקלייבן אין א וואָלקן, איבער־לאָזנדיק אפן באראָט פון דער אָנקומענדיקער ווינטער־נאכט די ערשטע זעקס צעלינקעס. דער שאָטן פונעם פארבייַשווימענדיקן וואָלקן גליטשט זיך איבערן דעכל פונעם וואגאָנדל, אין וועלכן די געקומענע וועלן דארפן וווינען. דאָס דאָזיקע וואגאָנדל האָט געבראכט אהער אין סטעפּ דער דיזעל־טראקטאָר „54". ביזן סאמע האָריזאָנט ציט זיך פונדאנען א טונקעלע באַ־ראָזדע, די ערשטע באָראָזדע, וואָס דער ערשטער טראקטאָר האָט אופגע־הויבן אינעם פארשנייטן סאָף־ווינטערדיקן סטעפּ. דער אָפּשייַן פונעם שייַ־טער, אף וועלכן עס הענגט א פארייכערטער טשייַניק, פאַלט אף די נאָך גאָר יונגע, קימאט קינדערשע פּנעמער פון די צוויי באָכערים, וואָס פאַ־רען זיך באם פייַער. זיי זייַנען אפּאָנעם טראקטאָריסטן, ווייַל ביידע האלטן אין איין צוקוקן זיך צום טראקטאָר, וואָס שטייט אויסגעשפּאנט אין א זייַט.

צי האָט אָט די יונגע פרוי מיטן ברעקל קינד אף די הענט זיך פאַר־געשטעלט, וואָס אזוינס איז צעלינאַ? אירע גרויסע ליכטיקע אויגן, דער שמייכל אף די פולבלעכע ליפּן ענטפערן: „יאָ"... און ווייַל זי האָט עס זיך פאָרגעשטעלט, איז זי מיטגעפאָרן מיט איר מאן דעם טראקטאָריסט, מיט איינעם פון די צוויי באם שייַטער — א סימען, אז זיי זייַנען אהער אראָפּ־געקומען אף זייַן און בלייַבן אין א גליקלעכער און מאזלדיקער שאָ.

אינעם סאמע פאָדערגרונט פונעם בילד שטייען געארעמט צוויי פרוי־ען, ביידע אין קורצע פּעלצלעך, אין ברייטע קירזאָווע שטיוול און אין סאָלדאטסקע אושאנקעס. זיי שטייען באם אייַנגעפרוירענעם אין דער ערד „סטויפּיקל", אף וועלכן ס'איז צוגעקלאפּט א ברעטל מיט אן אופשריפט: „סאָווירט דוורעטשני"...

...אין דעם ליוטערן הימל האָט, ווי פריִער, געסארפּעט די זון, און דאָך האָב איך מער געפילט די קעלט, וואָס ווייעט פונעם בילד, די קעלט פון דער צופאלנדיקער סאָף־ווינטערנאכט.

איך מאך א טראָט נעענטער צום בילד, ווי איך וואָלט מיטן דאָזיקן טראָט זיך געוואָלט דערנעענטערן צו דער „פאָדערשטער ליניע".

מיטאמאָל דערהער איך הינטער זיך:

— זע נאָר, ווי אונדזער ליִא יאקאָוולעוונא איז דאָ אָנגעמאָלט!..

— ליִא יאקאָוולעוונא?

ווער איז עס, אָט די ליִא יאקאָוולעוונא? שוין ניט דאָס ערשטע מאָל הער איך דאָ אָנרופן איר נאָמען.

דער אָנגעפּאָרענער אוילעם איז געשטאַנען ארום דער בינע, געזעסן אפן קאזאכישן שטייגער — די פיס הינטער זיך אַף דער הוילער ערד — און זיך צוגעהערט צו דער ארויסטרעטונג פונעם סעקרעטאר פון יעסי־לער ראַיקאָם פון דער פּארטיי, דעם העלד פון סאָציִאַליסטישער מי אנא־טאָלי ראַדיִאָנאָוויטש ניקולין.

נאָך דער פּײַערלעכער עפענונג פונעם פעסטיוואַל האָט ארום די סטענדן זיך פארזאמלט אַן אוילעם, אז ס׳איז מאמעש שווער געווען אהין צוטרעטן.

— אווו איז דאָס ליִא יאקאָוולעוונא, וואָס מע זעט זי ניט? — האָט אנאטאָלי ראַדיִאָנאָוויטש עמעצן א פרעג געטאָן.

— אַף דער סטאנציע. פאר דעם קאראקאָלסקער סאָווירט איז אָנגע־קומען א פּארטיע קאָמבײַנען „עסקא־3“, איז גאָלדבערג נאָך פארטאָג אהין אוועקגעפאָרן.

— א־א... נו, פארשטייט זיך.

אין דעם, ווי דער סעקרעטאָר האָט ארויסגעבראַכט אָט דעם „א־א... נו, פארשטייט זיך“, האָב איך אופגעכאַפּט דעם זעלבן דערהויבענעם און איינצײַטיק זאכלעכן טאָן, מיט וועלכן ער האָט מיר הײַנט אינדערפרי געהאט אויסדערציילט די געשיכטע פון זעקס יאָר צעלינא.

צווישן די קאָמוניסטן פון דעם יעסילער ראַיאָן האָט ניקולין אויך דערמאָנט דעם דירעקטאָר פונעם קאראקאָלסקער סאָווירט גאָלדבערג.

איצט, ווען איך ווייס שוין, אז די פרוי אַפן בילד, וואָס שטייט פון רעכטס, איז ליִע גאָלדבערג, פארשטיי איך שוין אויך, אז די אנדערע איז יעוודאָקיִא אנדרייעוונא זײַטשוקאָווא, דער בארימטער דירעקטאָר פון סאָווירט „איזשעווסקי“. די ערשטע טריט אָבער אַף דער צעלינא האָט יעוודאָקיִא אנדרייעוונא געמאכט אין „דוורעטשני“, ווו דער הויפּט־אגראָ־נאָם איז דאַן געווען ליִע גאָלדבערג.

■

אין עטלעכע טעג ארום, ווען מיר איז אויסגעקומען זײַן אין „לענינישן קאָמיוג“, אײנעם פון די גרעסטע סאָווירטן אין קאנט, ווו דירעקטאָר איז דער גענעראל־מאיאָר, העלד פון סאָוועטנפארבאנד אנדריי לאריאָנאָוויטש יעפימאָוו, האָב איך ערשט באנומען דעם פולן באטײַט פון ניקולינס „א־א... נו, פארשטייט זיך!..“

אומקערנדיק זיך מיט יעפימאָוון אפן צענטראלן באצירק נאָך א לאנגן טאָג ארומרײַזן איבער די צעוואָרפענע בריגאדעס, זײַנען מיר פארבײַגעפאָרן טאסטי־טאלדי, א סטאנציע מיטן זעלבן נאָמען, וואָס דאָס טײַכל ארום סאָווירט.

דערווײַל איז טאסטי־טאלדי, ווי אלע איבעריקע סטאנציעס און פאָלוסטאנקעס אף דער נײַער נאָך ניט פארענדיקטער אײַזנבאן־ליניע יעסיל—טורגײַ, ניט פארצייכנט אף קיין איין קארטע, אָבער טומלדיק איז דאָ שוין באלד אזוי, ווי אף אן אלטער מאגיסטראל. צי דאָס, וואָס אזא ברעקל סטאנציע, ווי טאסטי־טאלדי, ווו די צוגן האלטן, דאכט זיך, ערשט אין לערנען זיך גיין אף די פריש־אויסגעלייגטע רעלסן, נעמט שוין אוף אזויפיל גרויסע עשעלאָנען, האָט אים פארוואונדערט, צי עפּעס אנדערש, נאָר אנדריי יעפימאָוו האָט פלוצעם געהייסן דעם שאָפער אָפּשטעלן די מאשין און איז אוועק צום הויכן בארג־אָנשיט, ווו מע האָט געהאלטן אין אויסלאָדן טראקטאָרס און קאָמבײַנען.

פון דעם, וואָס דער עטלעכע־און־פופציקיאָריקער גענעראל־מאיאָר האָט מיר דערציילט וועגן „לענינישן קאָמיוג“, איז געוואָרן קלאָר, אז אוועק איז ער, יעפימאָוו, צו די אָנגעלאָדענע פלאטפאָרמעס ניט ווײַל די אָנגעקומענע טעכניק איז פאר אים, פארן „לענינישן קאָמיוג“. א סאָווירט, וואָס האָט געקאָנט אין מעשעך פון אוועלכע צען טעג פארזייען צוויי און זעכציק טויזנט העקטאר ערד און דערבײַ נאָך אונטערטראָגן א מאטאָנע ניין טויזנט העקטאר אופגעהויבענע צעלינא אײנעם פון די זעקס נײַגעשאפענע סאָווירטן, נייטיקט זיך דערווײַל ניט אין קיין נײַע מאשינעס.

פאַרוואָס זשע האָט אַנדריי לאַריאָנאָוויטש פּאַרט אָפּגעשטעלט די מאַשין און זיך פאַרקליבן אויף דעם הויכן בארג־אָנשיט?

ווי אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע, האָט זיך צו אונדז מיטאַמאָל דערטראָגן זײַן רויִקע שטים:

— רעכטס, רעכטס. גענוג! גלײַך, גלײַך. טאַק. אָט!

דאָס האָט ער אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע די, וואָס זײַנען געזעסן אין דער הייך באַ די רודערס פון די אײַנגעשלאָסענע קאָמבײַנען. פון די קאָמבײַנערס האָט זיך געפאָדערט אי געניטקײַט, אי געוואַגטקײַט באַם אַראָפּפאָרן פון דער פּלאַטפאָרמע אויפן שמאָלן בארג־אָנשיט און פון דאָרטן זיך נאָכדעם אַראָפּלאָזן אין דער נידער. און כאָטש צווישן די צוואַנציק־און־איין־און־צוואַנציקיאָריקע באַכערימלעך, וואָס זיצן באַ די רודערס, איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל האָבן פאַרסירט דעם דניעפּער, דעם ווײַסל, צי דעם אָדער, זײַנען זיי אים דאָך ניט ווייניקער נאָענט, ווי די טאַטעס זייערע, וועלכע ער האָט געפירט אויף בערלין.

איז אָט וואָס עס האָט געשטעקט אין ניקולינס „אַ־אַ... נו, פאַרשטייט זיך". כאָטש זיך פאָרשטעלן ליאַ יאַקאָוולעוונאַן אין דער ראָל פונעם גענעראַל אויפן הויכן בארג־אָנשיט באַם אויסלאָדן די פּלאַטפאָרמעס און אָפּגעבן קאָמאַנדעס איז ניט אַזוי גרינג...

— איז וווהין, הייסט עס, האָט איר באַשטימט פאָרן? קיין קאַראַקאַלסק צי אויף דער פאָדערשטער? — האָט מיך אַ פרעג געטאָן אַנאַטאָלי ראָדיאָנאָוויטש.

— איר ווילט זאָגן — צוריק אין „טיפן הינטערלאַנד"?

— דער קאַראַקאַלסקער סאָווירט, ווו ליע גאָלדבערג איז דירעקטאָר, גייט נאָך דערווײַל ניט אַרײַן אין דער זאָנע פון „טיפן הינטערלאַנד". סאָווירטן פון „טיפן הינטערלאַנד" זײַנען אין אונדזער ראַיאָן פאַראַן דערווײַל בלויז צוויי: „סוואָבאָדני" און „דוואָרעטשני", — האָט דערקלערט ניקולין.

איך געדענק שוין ניט אַקוראַט, ווו און פון וועמען איך האָב דאָ צום ערשטן מאָל געהערט: סאָווירטן פון דער „פאָדערשטער ליניע", סאָווירטן פון „הינטערלאַנד", פון „טיפן הינטערלאַנד". די דאָזיקע אײַנטיילונג איז

לאַכלוטן ניט געוועגדט אין ווינאָרט, נאָר אין גאָר אַנדערע סימאָנים. אַשטייגער, דער „אײַזנבאַנער“ — איינער פון די גרעסטע סאָווירטן אין לאַנד, מיט וועלכן עס פירט אָן שוין דאָס אַכטע יאָר דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי זײַוול אראָנאָוויטש פראַנק, — ליגט האַרט בא דער אײַזנבאַן, און דאָך איז דער דאָזיקער סאָווירט נעענטער צו דער „פּאָדערשטער ליניע“, איידער „סוואָבאָדני“ צי „דוואָרעטשני“, וועלכע זײַנען היפּש דערווײַטערט פון א סטאַנציע און דערצו נאָך יינגער פונעם „אײַזנבאַנער“.

קיין איין סאָווירט אין צעלינער קאַנט האָט פאַר די דאָזיקע יאָרן ניט פאַרקויפט דער מעלוכע אַזויפיל ברויט, וויפל עס האָט פאַרקויפט דער „אײַזנבאַנער“. צו פיר און צו פינף מיליאָן פּוד א יאָר, דערצו נאָך וואָלוול ברויט, צו פערציק קאָפּעקעס א פּוד. און דאָך זײַנען אין די סאָווירטן פון „טיפן הינטערלאַנד“, אין „סוואָבאָדני“ און „דוואָרעטשני“, די הײַזער נישט אָנגעוואָרפן, ווי אײנעם איז געפעלן, און ניט געבויט, ווי אײנעם „אײַזנבאַנער“, פון סאַמאַן, — מע זאָל זיי דאַרפן שוין אפן צווייטן־דריטן יאָר אונטערשפּאַרן מיט סלופּעס.

צעלינא איז ברויט. גוטע הײַזער, וואַסערלייטונג, סעדער, אַלייען איז אויך צעלינא. הײַנט פאַרוואָס איז אף די פאַרשטויבטע גאַסן און געסלעך פון דעם „אײַזנבאַנער“ קימאַט ניט צו זען קיין ביימל, דעמלט, ווען אין די סאָווירטן פון „טיפן הינטערלאַנד“, אין „סוואָבאָדני“, „דוואָרעטשני“, „איזשעווסקי“, זײַנען פאַרפלאַנצט סעדער און אין דער באַטאָגיקער היץ באָדן זיך דאָרט די הײַזער אין קילן שאָטן פון וווּקסיקע קליאָנען, טאָפּאָלן, אַקאַציעס; און וואַסער פירט מען דאָרט אויך ניט פאַנאַנדער אין ציסטערנעס. ס'איז דורכגעפירט וואַסערלייטונג. אפילע די קאָנטאָרן אין אַזוינע סאָווירטן, ווי „אײַזנבאַנער“, דערמאָנען גיכער אין א שטאַב אף דער „פּאָדערשטער ליניע“. דערפאַר אפּאָנעם גיט זיך טאַקע אויס, אַז די מענטשן אין די דאָזיקע סאָווירטן שיידן זיך מיט עפּעס אונטער פון די אײַנוווינער אין „הינטערלאַנד“. זיי זײַנען מער וואָכעדיק געקליידט, מער פאַרטאָן. צײַטנווײַז דוכט זיך, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך אָפּגעוווינט אונטערשיידן טאָג פון נאַכט.

די פּאַרטיי ווייסט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם, די פּאַרטיי ווייסט, וואָס איז אַזוינס פינף מיליאָן פּוד ברויט צו פּרעציק קאָפּעקעס אַ פּוד, און דער־פאַר האָט די רעגירונג אָנגענומען אַ באַשלוס אויסבויען פאַרן „אײַזנבאַ־נער" אַ נײַעם צענטראַלן יִשעוו. אַ יִשעוו פון צוויי־ און דרײַשטאָקיקע הײַזער, מיט ברייטע גאַסן, אַספאַלטירטע טראָטוארן, אַלייען גרינס. אין דעם צענטראַלן באַצירק איז פאַרפלאַנירט אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר אַ שטאָט: וואַסערלייטונג, סעדער, פּלעצער...

פריִער אָדער שפּעטער קומט דאָס זעלבע פאַר אויך אין אַנדערע סאָ־ווירטן. זיי קלײַבן זיך איבער פון דער „פּאָדערשטער ליניע" אין „טיפן הינטערלאַנד".

איז אָט: אָנשטאָט פאָרן אַף דער „פּאָדערשטער", פירט מיך די מאַשין קיין „קאַראַקאַלסקי", וועלכער איז דאָ פאַרעכנט צו די סאָווירטן פון דעם „הינטערלאַנד".

■

דער צענטראַלער באַצירק פונעם קאַראַקאַלסקער סאָווירט, ווו פאַר די לעצטע כאַדאָשים זײַנען צוגעקומען עטלעכע נײַע גאַסן מיט שטיינער־נע הײַזער, ליגט אַפן הויכן ברעג פונעם טײַכל קאַראַקאַל, וואָס זומער טריקנט עס ערטערווײַז אויס ביזן סאַמע דעק און אין פרילינג גיסט זיך עס פאַנאַנדער אַזוי, אַז מע זעט קוים אַרויס פונעם וואַסער די ביימלעך לענגאויס דעם ברעג.

מײַן קומען אַהער האָט פאַרוווּנדערט דעם דירעקטאָר פון סאָווירט ליִע גאָלדבערג:

— נאָכן „אײַזנבאַנער" צו אונדז? אָסער, אויב איך הייב אָן צו פאַר־שטיין! אונדזער „קאַראַקאַלסקי", אין פאַרגלײַך מיטן „אײַזנבאַנער", ווי זאָל איך אײַך זאָגן... מיר זײַנען דאָך קימאַט דער סאַמע קלענסטער סאָ־ווירט אין ראַיאָן. 18 טויזנט העקטאַר סאַכאַקל, און ברויט האָבן מיר

פאַרקויפט דער מעלוכע אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט פוד אינ־גאַנצן... און איר האָט אַפּאַנעם געמיינט...

ביסלעכווייַז ווערט מען צו אַלץ צוגעוווינט, און מיך וווּנדערט שוין איצט ניט, ווען איך הער, אַז צוויי הונדערט קילאָמעטער איז קיין שטרעקע ניט, טויזנט העקטאַר ערד קיין שטעטל ניט, און אַ מיליאָן מיט צוויי הונ־דערט טויזנט פוד ברויט איז... און דאָ קומען מיר אַרויף אַפן זינען די ייִדישע ייִשוּווים פון קרים, ווו איך האָב אַמאָל געהאַט געוווינט און וועלכע איך האָב נאָכדעם פיל מאָל באַזוכט און באַשריבן. אַט דער „קליי־נינקער" סאָווירט „קאַראַקאָלסקי" איז לויטן פאַרזיי־שטעטל קימאַט אַזוי גרויס, ווי צוואַנציק קרימער ייִשוּווים.

צי דערפאַר, ווייל דאָ באַגעגענען זיך נאָך הײַזער געבויט פון סאַמאַן, צי דערפאַר, ווייל די גאַסן זײַנען דאָ ענלעך אַף די גאַסן פון די קרימער ייִשוּווים, נאָר צײַטנווײַז האָט זיך מיר אויסגעגעבן, אַז איך בין אַף דעם קרימער סטעפּ אין די יאָרן, ווען מע האָט דאָרט געברענט דעם קורײַ, ווי מע ברענט איצט דאָ דעם קאָוויל. דאָרט איז אויך געווען צעלינאַ. דאָרט אָבער האָט מען געהויבן הונדערטער העקטאַר, דאָ — טויזנטער. דאָרט — הויפּטזאַכלעך מיט פערד און דאָ — מיט מעכטיקע טראַקטאָרס...

אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז מיר פאַר דער גאַנצער צײַט ניט אויסגעקומען דאָ צו זען אַ פערד אין געשפּאַן.

דער געמיש פון רייכעס, וואָס עס טיילט אַרויס די אויסגעוואַרעמטע ערד, רייכעס פון פריש־געבאַקן ברויט, פון נאַרוואָס אָנגעמעלקטער מילך און פון טשערעט, האָט אויך דערמאָנט אָן קרים.

— פאַראַן בא אונדז עטלעכע מענטשן פון אַרום דזשאַנקאָי, זאָגן זיי אויך דאָס זעלבע. און איך קום פון אַנדערע מעקוימעס, פון ווײַסרוסלאַנד... געאַרבעט דאָרט אַלס אַגראָנאָם... אונדזער קאַנט איז אַפן קאַזאַכסטאַנער סטעפּ ניט ענלעך.

אַף דער פראַגע, צי האָט מען זי אַהער געשיקט, צי זי איז געפאָרן לויטן אייגענעם ווילן, האָט ליִע גאָלדבערג געענטפערט:

— כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, אַז איך פאַרשטיי ביכלאַל ניט דעם אונטערשייד פון געשיקט און געפאָרן אַליין, פון פרײַוויליק און ניט

פרײַוויליק. איך בין אַ קאָמוניסט, און ווען די פּאַרטיי אונדזערע ווענדט זיך צום פאָלק, איז פריִער פון אַלץ ווענדט זי זיך צו אונדז, קאָמוניסטן.

ווי קליין עס זײַנען ניט, לויט ליִע גאָלדבערגס פאָרשטעלונג, די פעלדער פון „קאַראַקאַלפּסקי" און ווי שנעל עס זאָל זיך איבער זיי ניט טראָגן אונדזער אווטאָמאָביל, דאָך דאַרף געדויערן אַ טאָג, אויב ניט מער, אַף אויסזײַן אין אַלע פינף בריגאַדעס פונעם סאָווירט. דערצו האָט נאָך געטראָפן אַזוי, אַז אין יענעם ווינטיקן טאָג, וואָס איז פּלוצעם אויסגעפאַלן, האָט מען ליִא יאַקאָוולעוונאַן אַרויסגערופן אין ראַיאָן אַף אַ צונויפפאַל פון פרויען־אַקטיוו, און מיר איז אויסגעקומען אומפאָרן איבער די בריגאַדעס אין דער באַגלייטונג פון דעם מאָסקווער באָכעראַל, דעם שאָפער באָריס.

ליִא יאַקאָוולעוונאַ זאָל מיר אַפריִער נישט געווען דערציילן וועגן אייניקע פון די, מיט וועמען איך האָב זיך נאָכדעם געטראָפן אין די בריגאַדעס, וואָלט איך זיך מיסטאָמע געמוזט באַנוגענען מיט די ביז גאָר קאַרגע ידיִעס, וואָס יעדער איינער האָט אָנגעגעבן וועגן זיך. די דאָזיקע ידיִעס האָבן בערערך אויסגעזען אַזוי: „געקומען בין איך אַהער פון דאָרט און פון דאָרט, ווען דאָ איז נאָך גאָרנישט געווען, און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט". שוועריקײַטן? נו, פאַרשטייט זיך, אַז עס זײַנען דאָ געווען שוועריקײַטן און עס זײַנען פאַראַן שוועריקײַטן. אָבער דערפאַר איז דאָך דאָ מעסוקן אינטערעסאַנט. סאַראַ ראַכוועס, סאַראַ טעכניק. דער, וואָס קאָן שווימען, זוכט נישט קיין טײַכלעך, ער זוכט אַ יאַם. אָט...

אין יעדער בריגאַדע הענגט אַ טאָוול, אַף וועלכן עס זײַנען פאַרשריבן אַלע טוישווים פונעם דרײַ־פירהײַזיקן ייִשעוו. די אײַנוווינער פון די דאָזיקע ייִשווים זײַנען דורכויס טראַקטאָריסטן, קאָמבײַנערס. קיין שטענדיק אָרט אַף דעם טאָוול, וואָס וואָלט זיך אייגנטלעך גאָר געדאַרפט אָנרופן ערד־טאָוול, האָט דאָ קיינער ניט. דאָס איז אָפּהענגיק פון דעם, ווער וויפל פּראָצענט האָט הײַנט אויסגעפילט.

ציפערן... ציפערן... וואָס מער איך טראַכט זיך אין זיי אַרײַן, אַלץ שטאַרקער וואַקסט אין מיר דער פאַרלאַנג: אַפן אָרט פונעם טאָוול אויפהענגען אַ געוויינלעכן קינאָ־עקראַן, און זאָלן ניקאָלײַ פּיראָגאָוו און וואַסילי שעדאָוו, עליִע אַראַנאָוו און וולאַדימיר פּלעטניאָוו, אַבדואַלי סאַמאַ־

באַיעוו און אַלבערט ווײַסגור א קוק טאָן אף זיך אליין און באַנעמען, וואָס איז אַזוינס צוויי הונדערט, דרײַ הונדערט פּראָצענט. זאָל דער עקראַן באַווײַזן אַט די יאַטן, ווי זיי ראַנגלען זיך צוזאַמען מיטן שלאָף, און ווי דער שלאָף טוט מיט זיי אָפּ א שפּיצל — פּאַרוויגט זיי אף צען—פופצן מינוט, און ווי פּאַר די דאָזיקע מינוטן פּאַרקריכט דער טראַקטאָר אַפן פעלד פון דער שכײַנעסדיקער בריגאַדע... זאָל ליִא יאַקאָוולעוונא גאָלדבערג א קוק טאָן, ווי זי זיצט אין דער קאַלטער בודקע פונעם טראַקטאָר, וואָס איז ווינטער ניט קיין טראַקטאָר, נאָר א מאַשין פאַר פּאַסאַזשירן. פּלוצעם פליט אָן א בוראַן און מע בלײַבט שטעקן אין מיטן רעכטן וועג. פון די בערג שנײַ, וואָס טראָגן זיך אום איבערן סטעפּ, זעט מען זיך אליין ניט אַרויס. ווער ווייסט, וויפל צײַט עס וועט נאָך אויסקומען זיצן אין דער קאַלטער בודקע פונעם טראַקטאָר, און וועגן דעם קומט אויס צו טראַכטן, ווײַל בא די הייבערס פונעם מאָטאָר זיצט א באָכערל, וואָס איז נאָך קיין פולע נײַנצן יאָר ניט אַלט. קעדיי דאָס באָכערל זאָל ווייניקער לייגן אַכט אף דער קעלט, וואָס ציט פון די אײַזערנע ווענטלעך, און זיך אַזוי ניט צו־הערן צום געוווי פון דעם בוראַן, וואָס דערמאָנט דעם געוווי פון וועלף, נעמט ליִא יאַקאָוולעוונא דערציילן געשיכטעס פון איר ווײַטער קינדהײַט, פון אירע קאָמיוגישע יאָרן, און אַז זי ווערט אַנשוויגן, בעט ער, דאָס באָכערל, — נו, און ווײַטער?

זאָל דער דאָקטער פון „דווורעטשני" אַנאַ פּיוונעקאָ זיך דערזען אַפן עקראַן אין באַנאַכטיקן צעבושעוועטן סטעפּ. דער בוראַן גאַנוועט צו פון אונטער די אָנגעצונדענע פּאַרעס דעם וועג, און די מאַשין גליטשט זיך אַראָפּ מיט די פּאָדערשטע רעדער אַפן געפּלאַצטן אײַז פון דעם אישים. אַנאַ פּיוונעקאָ באַווײַזט קוים אַרויסשפּרינגען פון דער האַלב־פּאַרטרונקענער קאַבינע אף א קריִע. דאָס אײַז־קאַלטע וואַסער אין די וואָליקעס בריט די פיס. די איבערגעפרוירענע הענט האַלטן קוים אײַן דאָס רענצל, נאָר אַנאַ סעמיאָנאָוונא לאָזט זיך צופוס אינעם באַנאַכטיקן צעבושעוועטן סטעפּ. עס וואַרט אף איר א קראַנקער.

— אין זייער שווערע באַדינגונגען געפינען זיך דערווײַל נאָך בא אונדז די בריגאַדעס, — דאָס זײַנען געווען די ערשטע ווערטער, מיט

וועלכע ליע גאָלדבערג האָט מיך באַגעגנט בא מײַן צוריקקערן זיך פון דער רײַזע איבער די בריגאַדעס.

— איך האָב אָבער דאָרט ניט געטראָפן קיינעם, וואָס זאָל מעקאַנע זײַן די מענטשן, וואָס וווינען אויף די צענטראַלע באַצירקן...

— דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס אין די בריגאַדעס וווינט אונדזער קאַדראָווע אַרמיי, ווי מיר רופן די טראַקטאָריסטן און קאָמבײַנערס... ס'איז דען צו באַגרײַפן, מיט וואָס פאַר א מעכטיקער טעכניק דאָס לאַנד האָט אונדז באַוואָפנט? אַז עס גיבן זיך באַנאַכט א צינד אָן די פאַרעס, דוכט זיך, אַז מע איז אין א גרויסן האַפן. אין די טעג, ווען עס גייט דאָס גרויסע ברויט צו די עלעוואַטאָרס, זײַנען אונדזערע וועגן ניט ווייניקער באַלעבט, ווי די מאָסקווער גאַסן. דאָס אַלץ דאַרף מען אַליין זען, אַנדערש איז שווער צו באַגרײַפן, וואָס אַזוינס איז צעלינאַ. פאַר זעקס־זיבן זומערס אויסבויען אין סטעפּ אַזויפיל יישובים, אַזויפיל עלעקטראָסטאַנציעס, עלעוואַטאָרס... עס לאָזט זיך דען אַלץ אויסרעכענען? ס'וועלן דורכגיין נאָך א פּאָר יאָר, און מיר אַליין וועלן פאַרגעסן, אַז אונדזער יישוב איז באַשטאַנען נאָר פון אָט דער איין־און־איינציקער גאַס. — ליִא יאַקאָוו־לעוונא האָט אָנגעוויזן אויף א פּאָטאָ, וואָס איז געהאַנגען צווישן פּילצאָליקע גראַמאָטעס, מיט וועלכע ס'איז באַלוינט דער סאָווירט. אויף דער פּאָטאָ ציט זיך אַוועק א גאַס פון וואַגאָנדלעך און פּאַלאַטקעס. זיי שטייען אײַנגע־גראָבן אין שניי קימאַט ביז די סאַמע פענצטער.

— אָט אין וואָס פאַר א „פּאַלאַצן" עס איז אויסגעקומען ווינטערן די מאָסקווער, די לענינגראַדער, קיִעווער, מינסקער יוגנטלעכע, וואָס זײַנען געוווינט געווען צו גרויסשטאָטישע דירעס מיט פּאַרקעט, מיט גאַז, מיט וואַנעס. ווייניק קענען מיר נאָך אונדזער יוגנט. וויפל מאָל איז מיר אויס־געקומען מאַמעש מיט גוואַלד אַראָפּשלעפּן די טראַקטאָריסטן פונעם טראַקטאָר, זיי זאָלן כאָטש אויף א פּאָר שעה זיך צולייגן שלאָפן! אָט פון וואָס פאַר א יוגנט עס באַשטייט די קאַדראָווע אַרמיי אונדזערע.

מיטאַמאָל איז זי אַנשוויגן געוואָרן:

— איר הערט? א סאָלאָוויי.

ווירקלעך. באַם טײַך האָט געזונגען א סאָלאָוויי.

— איר הערט, איר הערט, — האָט ליִא יאַקאָווליעווגא נישט אופגע־הערט זיך כידעשן, ארויסרוקנדיק זיך דערביי קימאט אינגאנצן פון פענצטער, — נייִן, דאָס דאַרף מען דאָך באגרייפן. ווער ווייסט, צי דער סטעפּ הערט דאָ ניט צום ערשטן מאָל א סאָלאָוויי? מיר האָבן פון לאַנג שוין באמערקט, אז אייניקע געוויקסן גייען נאָך דעם מענטשן, לאָזט זיך אויס, אז פויגלען פליִען אונדז אויך נאָך...

אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו דעם איבערגע־ריסענעם געשפרעך:

— ס'איז קיין סאָד ניט, אז אין איין צימער וווינען אמאָל בא אונדז צו צוויי פּאָרפאָלק, און אמאָל קומט אויס באזעצן א יונג פּאָרל בא עמעצן אין קיך אויך... בויען און בויען — אָט וואָס מיר דאַרפן איצט... ניש־קאָשע, אָט די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס קומען צו אונדז מיט קאָמסאָ־מאָלסקע פּוטיאָווקעס, וועלן מיט דער צײַט אויסבויען בעסערע הײַזער, ווי אף די „אינדיווידועלע גאסן”, ווי מיר רופן זיי דאָ.

„אינדיווידועלע גאסן”!

קימאט אין יעדן סאָווירט באגעגענען זיי זיך, אָט די „אינדיווידועלע גאסן”, כאָטש הייסן הייסן זיי גאָר „אישימער”, „טראַקטאָרנע”... אָבער רופן רופט מען זיי לויטן נאָמען פון דער שטאָט, פונוואנען עס שטאמט דער ערשטער אײַנוווינער. ווונדערט טאקע, וואָס די „אינדיווידועלע גאס” אין קאראקאָלסק האָט זיך ניט א נאָמען געגעבן „פּאָלטאַוווער”, ביפראט נאָך, אז ניט נאָר דער ערשטער אײַנוווינער פון דער דאָזיקער גאס, דער שמיד מעלניק, שטאמט פון פּאָלטאַווע. אזוי איז שוין דאָ: האָט זיך נאָר באוויזן א נײַער מענטש, מעג מען שוין זײַן לאַכלוטן זיכער, אז אין וועלכע דרײַ־פיר כאָדאָשים ארום וועט זיך דאָ אָנקלײַבן א גאנצע לאַנדסמאַנשאַפט פונעם זעלבן קאנט צי פון דער זעלבער שטאָט, פונוואנען עס שטאמט דער ערשטער שאָליִעך.

אזוי איז דאָ טאקע געווען מיט די פּאָלטאַווער. געקומען א גאנצע לאַנדסמאַנשאַפט און אויסגעבויט זיך א פּאָלטאַווער גאס: פרייִלעכע, ליכ־טיקע הײַזער מיט צארט־בלויע לאָדנס, מיט אויסגעשניצטע פויגלען אף די קארניזן, מיט בלומען־טעפּלעך אף די פענצטער און יונגע אקאציע־

ביימלֿעך הינטער די פענצטער, מיט טויבנשלֿאקן אונטער די שיפערנע
דעכער און ארומגעצאמטע הויפן, איבער וועלֿכע עס דרייען זיך גאדלֿעס־
דיק אום אָנגעבלֿאָזענע אינדיקעס, קאטשקעס און הינער. דאָס ערשטע,
וואָס ווארפט זיך אין די אויגן, אז מע גייט אריַין צו די פּאָלֿטאווער, זיַי־
נען די אויסגעניייטע האנטעכער אין די ווינקלֿען און די באגילֿדעטע, עט־
וואָס פארייכערטע ראמען, אין וועלֿכע עס זיַינען אריַינגעפאסט בילֿדער
פון דעם באלֿעבאָס מיט דער באלֿעבאָסטע, ווען זיי זיַינען נאָך געווען
כאָסן־קאלֿע.

בא פיאָדאָר יעפימענקאָ אין שטוב זיַינען אונטער די אויסגענייטע
אוקראַיִנישע האנטעכער געהאנגען אין די באגילֿדעטע אָנגעגלֿאָזטע רעמ־
לֿעך גראמאָטעס, וועלֿכע ער און די פרוי זיַינע, אנא מאקסימאָוונא, און
דער בעניאָכיד זייערער גריגאָרי האָבן באקומען פאר די זיבן יאָר ציַיט,
וואָס זיי זיַינען אָף דער צעלֿינא. אין א באזונדער רעמלֿ הענגען די דריַי
אוקאזן פונעם פרעזידיִום פון אויבער־סאָוועט וועגן באלֿוינען דעם קאָמ־
ביַינער פיאָדאָר לֿאזארעוויטש יעפימענקאָ מיטן טיטלֿ העלֿד פון סאָציִאַ־
לֿיסטישער מי, די קאָמביַינערן אנא מאקסימאָוונא יעפימענקאָ מיטן אָרדען
„ערן־צייכן“ און דאָס פערצניאָריקע באָכערלֿ זייערס גריגאָרי מיטן מע־
דאלֿ „פאר אויסגעצייכנטער ארבעט“.

וועגן דעם, וויִאזוי דער קאָמוניסט פיאָדאָר יעפימענקאָ האָט גענו־
מען צו זיך אפן קאָמביַין פאר געהילֿפן די פרוי זיַינע מיטן זון און ווי
פאר דער גאנצער ציַיט פונעם שניט האָבן זיי קיין איין מאָלֿ ניט גענעכ־
טיקט אין דער היים, האָט מיר גענוי דערציילֿט דער שאָכן זיַינער, דער
שמיד מעלֿניק, און דערביַי זיך „באקלֿאָגט“, אז פארן זומער האָט יעפי־
מענקאָ אים ניט געגעבן קיין פּרוטע צו „פארדינען“, קיין איין מאָלֿ איז
דער קאָמביַין ניט געווען אין רעמאָנט...

נאָך א שאָ פאָרן פון „קאראקאָלֿסקי“ שניַידן מיר איבער די „גרענעץ“,
און עס טוען זיך א לֿאָז אונדז אנטקעגן די פעלֿדער פונעם סאָווירט
„דווורעטשני“ — דאָס „טיפע הינטערלֿאנד“.

דער שאָפער, וואָס האָט ביז אהער געיאָגט די מאשין אף דער גרעס־טער שנעלקייט, איז מיטאמאָל איבערגעגאנגען אף אזא שטילן גאנג, אז די ניט איבעריקס פלינקע סורקעס באוויזן אונדז איבערלויפן דעם וועג. דאָס איבערשליסן דעם מאָטאָר האָט געקאָנט באטייטן נאָר איינס: ווי קאָן מען עס אזוי העפקערדיק דורכשווינדלען פארביי אזעלכע פעלדער ווייץ מיט קוקורוזע, וואָס האָבן, דוכט זיך, קיין אָנהייב און קיין ברעג ניט?

וואָס נאָך איז געשען מיטן שאָפער, וואָס ער האָט באם ארייַנפאָר אין סאָווירט גאָר אינגאנצן אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר, ווי בא אן אראָפּגע־לאָזענעם שלאגבוים, און אזוי פארכידעש זיך ארומגעקוקט?

ס'ערשטע מאָל, פון זינט ער איז אף דער צעלינא, קומט אים אויס בא־געגענען אף די פראנק־פרייַע וועגן פונעם סטעפּ צייכנס, וועלכע וואָרע־נען, אז דאָ טאָר מען ניט פאָרן, דאָ טאָר מען זיך ניט אָפּשטעלן.

— פונקט, ווי בא אונדז אין מאָסקווע... נו, און סיגנאליזירן טאָר מען אויך נישט, א?

וואָס איז שוין ווידעראמאָל געשען מיטן שאָפער, וואָס ער האָט אזוי ראשיק אופגעפראלט דאָס טירל פון קאבינע און ארויסגעשפרונגען פון דאָרט מיט א געשריי: „איר טוט נאָר א קוק! נייַן, אזוינס האָב איך נאָך אף דער צעלינא ניט געזען!"

איך זע אויך דאָ צום ערשטן מאָל אזויפיל ביימער אף די גאסן פון א יישעוו, און טאקע דערפאר וווּנדערט אונדז שוין ניט, וואָס מיר זייַנען געצוווּנגען גיין צופוס: אין „דווורעטשני" איז פארווערט צופאָרן צו דער קאָנטאָר אפילע אף א לייַכטער מאשין. די הייַזער זייַנען דאָ ווייַס, ווי ניט צייַטיקע קוקורוזע, און די בלעטער אף די צווייַגן — גרין און פריש, ווי נאָך א רעגן.

ווי שיין און ווויל־אייַנגעאָרדנט עס איז אָבער ניט אָט דער גרינער גרויסער יישעוו, אין וועלכן עס זייַנען אפילע פאראן אייניקע הייַזער מיט וואסערלייטונג און וואנעס, — דאָך איז עס, פארשטייט זיך, נאָך נישט יענץ „טיף הינטערלאנד", וועגן וועלכן ס'האָט גערעדט ליע גאָלד־בערג. אָבער פאָרשטעלן זיך, וויאזוי אן ערעך וועט אויסזען א יישעוו אין סטעפּ אין די נאָענטסטע יאָרן, דאָס קאָן מען. אויב ריידן וועגן דווו־

רעטשנער סאָווירט, וועלן דאָ זײַן יישוווים מיט ברייטע, גלײַכע גאסן, מיט צווײשטאָקיקע און דרײַשטאָקיקע שטיינערנע הײַזער.

...אין קאָנטאָר האָבן מיר, אויסער דער אופראמערן, קיינעם ניט געטראָפן.

— אלע זײַנען אפן סטאַדיאָן, — האָט זי געזאָגט, — איך אייצע אײַך א קוק טאָן, ווי עס שפילן אונדזערע פוטבאָליסטן, אָט זעט... — זי האָט צעפראלט די טיר פון קאבינעט ניט אזוי צוליב באווײַזן די „קובקעס“, וועלכע זײַנען געשטאנען אין א גלעזערנער שאפע, ווי זיך אויספײַנען, וואָס פאר א קאבינעט עס איז בא זיי אין „דוורעטשני“...

די גרינע גאס האָט אונדז געבראכט צו פירן צו א פארוואקסענער לאָנקע מיט פעלד־בלומען, אף וועלכער פיר־ און פינפיאָריקע קינדער האָבן זיך געאמפערט, וועלכע קווייטן מעג מען דאָ רײַסן, אז דער פעטער וואניע זאָל זיך נישט בייזערן.

כ׳האָב אים קיינמאָל ניט געזען, דעם פעטער וואניען, נאָר עס גיט זיך מיר אויס, אז בא אים דארפן זײַן בלויע לויטערע אויגן און א זינגעוודיקע שטים, ווען ער בייזערט זיך אף די קינדער, וואָס פרוון אומבאמערקט דורכקריכן דורך די גראטעס אין סעדל און אָפרײַסן א צווײַגל בעז, צי ארײַנגאנווענען זיך אינעם עפל־גאָרטן, וואָס יעוודאָקיִא זײַטשוקאָווא און ליִע גאָלדבערג האָבן דאָ פארפלאנצט, ווען די דאָזיקע קינדער זײַנען נאָך אף דער וועלט נישט געווען.

אין דער זעלבער צײַט שטעלט זיך מיר פאָר, אז דער דאָזיקער פעטער וואניע וואָלט די בעסטע פון די נײַ־אויסגעבויטע הײַזער אָפגעגעבן פאר קינדערגערטנער און יעדן צײַטיקן עפל פון בוים אָפגעטראָגן אהין.

אָט אזוי שטעלט ער מיר זיך פאָר, דער שטרענגער פעטער וואניע, וואָס ציטערט אזוי איבער יעדן צווײַגל, איבער יעדן קווייטל.

ניט ווײַט פון דעם סטאַדיאָן מיט די געדעקטע טריבונעס (אף אויס־באהאלטן זיך פון זון און פון רעגנס) בלײַבן מיר שטיין פארוווּנדערט. אף א הויכן צעמענטירטן שטיינערנעם פאָסטאמענט שטייט א מעכטיקער טראקטאָר „עס־80“. ער שטייט מיט די רויפעס פאריסן צו דער הייך, ווי ער וואָלט האלטן אין מיטן גיין. אפן פאָסטאמענט איז אויסגעקריצט: „אפן

דאָזיקן טראַקטאָר האָט פּעטראָ טשערניטשענקאָ אופגעהויבן די ערשטע באַראָזדע צעלינאַ".

צי איז דאָס ניט דער זעלבער טראַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט צו שלעפּן אינעם סאָף-ווינטערדיקן סטעפּ דאָס וואַגאָנדל מיט די ערשטע זעקס צעליניקעס און צי איז פּעטראָ טשערניטשענקאָ נישט איינער פון די צוויי באָכערים באַם שײַטער, וואָס דער דוווּרעטשנער טעסליער וואָלאָדימיר סערגייעוּנקאָ האָט אָנגעמאָלט אף זײַן בילד?

פּעטראָ טשערניטשענקאָן האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן זען. די טעג, וואָס איך בין געווען אין „טיפן הינטערלאַנד", איז ער געווען אף דער „פּאָדערשטער", געפירט די „מארשעווע ווזוואָדן" טראַקטאָריסטן, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פון די שולן פאַר מעכאַניזאַציע, גלײַך אין שלאַכט: געלערנט זיי דורכלייגן די ערשטע באַראָזדעס אף דער צעלינאַ פון דעם ווײַטלעכן ניי-געשאַפענעם סאָווירט. נאָר אין „דוווּרעטשני" האָבן געווינט ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט געגוי דערציילן וועגן זייער צעלינער לאַנדסמאַן פּעטראָ טשערניטשענקאָ. מיט איינעם פון זיי, מיטן טראַקטאָריסט אראָנאָוו, האָב איך זיך באַגעגנט אין סטעפּ.

ווי קאָן ער זיך אָבער איצט אוועקשטעלן דערציילן זאַכן, וואָס זײַנען געשען מיט זיבן יאָר צוריק, אז דער טראַקטאָר, אף וועלכן ער זיצט, איז איצט אין מיטן גאַנג, ער רײַסט זיך צום האָריזאָנט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך ברייטע פּאַסן אופגעאַקערטע שוואַרצערד.

פאַרנאַכט זײַנען מיר געזעסן אפן הויכן ברעג פון אישים, פּונקט אנטקעגן דעם טראַקטאָר, וואָס איז געשטאַנען אפן צעמענטירטן פּאָסטאַמענט מיט די פּאַריסענע רויפעס צו דער הייך. פאַר דער צײַט, וואָס מיר זיצן דאָ, האָט אראָנאָוו מיר שוין אויסדערציילט די גאַנצע געשיכטע פון סאָווירט, כאָטש ער אליין איז גראָד נישט פון די ערשטע (פון די „קאָלוש-ניקעס", ווי מע רופט זיי). ווען פּעטראָ טשערניטשענקאָ האָט אופגעהויבן די ערשטע באַראָזדע, איז ער, דער עלטערער לייטענאַנט אראָנאָוו, געווען נאָך אין דער ארמיי. נאָכן דעמאָביליזירן זיך איז ער אוועק זיך לערנען פאַר א טראַקטאָריסט. אין א יאָר ארום באשטימט מען אים אלס בריגאַדיר פון א טראַקטאָר-בריגאַדע אין א סאָווירט אף דאָנבאַס. דאָרט טאַקע

האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט מיט פּעטראָ טשערניטשענקאָ, וועלכער איז געקומען זיך זען מיט זײַנע אייגענע, און זיי האָבן זיך אזוי באפרײַנדעט, אז אף דער צעלינא זײַנען זיי שוין געפאָרן זאלבעצווייט.

פון טײַך האָט זיך דערטראָגן א שטילער פּליעסק פון וועסלעס, נאָר אפן וואסער האָט זיך קיינער נישט געזען. ווי פריער, איז אפן טײַך גע־שווומען א פולע לעוואָנע, ארומגערינגלט מיט ווײַטע ליכטיקע שטערן, וואָס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אלץ טיפער און טיפער, ווי מוירע האָבנדיק, אז דאָס גייענדיקע וואסער זאָל זיי נישט מיטשלעפּן מיט זיך. און ווידער רײַסט זיך ארײַן אין דער באנאכטיקער שטילקייט א פּליעסק פון וועס־לעס. עס גייען דורך עטלעכע מינוט, און אפן הויכן ברעג באווײַזט זיך א מענטש מיט א פארוואָרפענער ווענטקע, ווי מיט א ביקס אפן אקסל, און מיט אן עמער אין האנט.

— קאטשאנאָווסקי, דאָס זײַט איר?

— האָסט עפּשער א האלבן ליטער? וואָס צו פארבײַסן האָב איך... — האָט קאטשאנאָווסקי געענטפערט און א טרייסל געטאָן מיטן עמער פיש, וואָס האָט זיך צעבלישטשעט מיט פּערלמוטער אנטקעגן דער לעוואָנע.

— און איך קלײַב זיך גראָד צו אײַך. איר זעט? — און אראָנאָוו האָט אויסגעטאָן פון פוס דעם שוך מיט אן אראָפּגעריסענער פּאָדעשווע.

— אומזיסט די טירכע, כאווער. איר'ט מיך ניט מאכן פאר קיין קוס־טאר, אפילע איר זאָלט מיך אָפּגילטן. וויפל מאָל דארף מען עס איבער־כאזערן, אז איך נעם ניט אהיים קיין ארבעט, א? און ביכלאל בעט איך, מע זאָל פארגעסן, אז איך בין געווען אמאָל א שוסטער.

און אינמיטן גאס, בא דער שײַן פון עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס הוידען זיך אף די סלופּעס, לייגט ארויס קאטשאנאָווסקי, דער באיאָרטער מענטש מיט די געזונטע אקסלען און קלוגע אונטערשמייכלענדיקע אויגן, אלע זײַנע טײַנעס, וואָס ער האָט צו דער צעלינא.

— איר הערט נאָר, וואָס מע טוט דאָ אָפּעט מיט מיר! — זאָגט ער אף זײַן קלינגעוודיקער וואָלינער אויסשפּראך. — מע דערעדט זיך מיט מיר אינעם קיִעווער שטאָטקאָם פון קאָמיוג, אז איך פאָר אף דער צעלינא עפּענען שוסטער־וואַרשטאטן. לעמײַ זאָל איך לייקענען, איך בין א

גרויסער קענער פון מײַן פאך. איז אָט, געקומען אהער מיט א קאָמסאָ־מאָלסקע פּוטיאָווקע, זאָגט מען מיר, אז צעלינא — דאָס איז ברויט, צע־לינא דארף טראקטאָריסטן און קאָמבײַנערס. איך בין א סאָלדאט: וווהין דער קאָמאנדיר שיקט, אהין גיי איך. ארטילעריע איז ארטילעריע, פּע־כאָטע איז פּעכאָטע, בין איך געוואָרן א טראקטאָריסט.

— עס רעדט זיך נאָר אזוי...

— ס׳הייסט, עס רעדט זיך נאָר אזוי? די צעלינא האָב איך געהויבן? געהויבן! געזייט? געזייט! אפן קאָמבײַן „עס־3״ בין איך געזעסן? גע־זעסן! לאָזט מען מיך אָבער די גאנצע צײַט נישט צורו! דער קומט פאַ־ריכטן א שוך, יענער קומט פאריכטן א שטיוול... ס׳איז דאָך צעלינא. אָט איז אַן איידעס, איך שטעל א האלבן ליטער, אויב איר געפינט דאָ בא אונדז כאָטש איינעם אָן א זייגערל אף דער האנט. וויפל אָבער קאָן זיך האלטן א זייגערל בא א טראקטאָריסט? איז וואָס, מיינט איר, טוט מען, אז עס ווערט קאַליע א זייגער? אין קיִעוו, לעמאָשל, טראָגט מען אים אָפּ צו א זייגערמאכער. און דאָ? דאָ גייט מען אין קלייט און מע קויפט א נײַעם, א ברייִרע האָט מען? כ׳ווייס ניט, צי אף גאנץ יעסילער און באראנקולער ראיאָן, צוזאמען גענומען, וועט זיך אָפּזוכן כאָטש איין זייגערמאכער־ווער־שטאט. איצט שטעלט זיך פאָר, אז עס צערײַסט זיך דאָ א שוך...

— בעקיצער, בעקיצער.

— בעקיצער? איך שטעל וואָס איר ווילט, אויב ס׳וועלן זיך הײַנטיקס יאָר ניט עפענען אין די סאָווירטן קיין ווארשטאטן. ס׳ט דאָך געהערט, וואָס מע האָט גערעדט אין צעלינאָגראד אף דער באגעגעניש. מע דארף מערער זאָרגן וועגן דעם מענטשן...

— אלץ איז צעלינא, — האָט ער אין א ווײַלע ארום צוגעגעבן, — אף דער מילכאָמע איז א סאָלדאט ניט נאָר דער, וואָס טראָגט די ביקס. איך, אשטייגער, האָב גראָד געטראָגן א ביקס, זי אָנגעטאָן אין קיִעוו און אויסגעטאָן אין בערלין. קלאָר? איז א גוטע נאכט, — און, פאַרוואַרפנדיק די ווענטקע העכער אפן אקסל, איז דער טראקטאָריסט, דער קאָמבײַנער

און דער שוסטער קאַטשאַנאָווסקי פֿאַרשווּנדן אינעם שאָטן פֿון די באַ־נאַכטיקעביימער.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי, זיצנדיק שוין אין קאַבינע פֿון דער אָנגעלאָ־דענער דרײַטאָנקע, האָב איך צווישן די שטיינהעקער אינעם פֿאַנאַנדער־געאַרבעטן קאַריער דערזען קאַטשאַנאָווסקין. וועלנדיק אַפּאָנעם פֿאַר־לויפֿן מיר דעם וועג, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טו איך אין קאַריער? צעלינאַ! — און דערבײַ פֿריילעך אַ פֿיר געטאָן מיט די קלוגע אויגן.

דאָס זעלבע האָב איך שפּעטער דערהערט פֿונעם שאָפֿער. אויף מײַן פֿראַגע, ווּהין פֿירט ער עס די שטיינער, האָט ער מיר געענטפֿערט:

— צעלינאַ! מיט ליידיקן פֿאָרן מיר ניט. פֿאַרן סאָווירט „שאַינדיקול־סקי" צי „גאַגאַרין", וואָס הייבן זיך ערשט אָן בויען, איז אַ מאַשין שטיי־נער אַ טײַערע מאַטאָנע. ס'איז דאָך, קאָן מען זאָגן, אַ פּאַרטיקע וואַנט פֿון אַ שטוב. אָט אַזוי איז שוין בײַ אונדז, אויף דער צעלינאַ, אײַנגעפֿירט: מע העלפֿט איינער דעם אַנדערן. איז פֿאָרן מיר, הייסט עס, מיט אײַך אויף דער „פֿאָדערשטער" קיין שאַינדיקולסקי?

— ווײַטלעך אַהינצו?

— בײַ אַ דרײַ הונדערט קילאָמעטער מיסטאַמע...

■

וועגן, וועגן... געדרייטע און פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן, וואָס אָט גייען זיי זיך צונויף און אָט גייען זיי זיך פֿאַנאַנדער, אַליין ניט ווּיסנדיק, ווּהין און נאָך וואָס, און ס'איז מאַמעש צו באַוווּנדערן, וואָס בײַ אַזאַ פּלאָנטער שלאָגט זיך די מאַשין ניט אַראָפּ פֿונעם וועג.

בלויז די זון קאָן אָנזאָגן די מאַשין, ווען זי כאַפּט זיך אַרויף אויף די פֿראַנק־פֿרײַע וועגן פֿונעם צעלינער סטעפּ. און זי האָט אונדז טאַקע אָנ־געזאָגט, די זון, מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן, ווען רעכטס פֿון אונדז האָט זיך באַוויזן אַפֿן האָריזאָנט אַ צווייִשטאָקיקער בריק און אונטער אים — לויטער וואַסער. די יאָגנדיקע מאַשין האָט, דאַכט זיך, אין ערגעץ

ניט פאַרקערעוועט, און פּלוצעם איז דאָרט, ווו נאַרוואָס איז געשטאַנען א בריק און ס'האָט געפּלאָסן וואַסער, אויסגעוואַקסן א געדיכטער שוואַרצער וואַלד... אינגיכן פאַרשווינדט אויך דער וואַלד און אויף זיין אָרט שטייט אויף א יישעוו מיט הויכע הײַזער און קוימענס פון פאַבריקן, איינגעהילטע אין א לײַכטן דורכזיכטיקן רויך.

— וואָס איז עס? א מיראַזש, צי טאַקע אויף אן עמעסן? — איך זאָג עס דעם שאָפער, וואָס רוקט ארויס דעם קאָפּ אינעם אָפענעם פענצטערל פון דער קאַבינע און ענטפערט:

— אין אזא הייסן טאָג, ווי הײַנט, טאָר מען דעם האָריזאָנט איבעריקס ניט גלייבן. איר קאָנט בא אים גרײַלעך פּויעלן, אז ער זאָל אײַך אונטערשטעלן א יאַם, שיפן, א קאַראַוואַן — מיט איין וואָרט, וואָס נאָר איר ווילט. גלייבט אים איבעריקנס ניט, דעם האָריזאָנט, אין א הייסן זומערטאָג...

די מאַשין שטעלט זיך אויף קיין רעגע ניט אָפּ, זי טראָגט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער. עס גייט דורך אזוי א שאָ נאָך א שאָ, און ארום־און־ארום איז אַלץ סטעפּ, סטעפּ און סטעפּ. א גרויסער, א ברייטער, א קײַלעכיקער, ווי דער הימל. וואָס קאָן זײַן שענער פונעם סטעפּ, ווען ער גרינט, ווען יעדער זאַנג זײַנער גיסט זיך אָן מיט קראַפט אויף קאָנען זיך קעגנשטעלן דעם ווינט און דעם פײַער פון דער זון, ווען עלכע גייט דאָ א גאַנצן טאָג נישט אראָפּ פונעם הימל. נידעריק איבער די זאַנגען שוועבן אָדלערס. וואָס נעענטער צו דער „פּאָדערשטער", אַלץ אָפטער און אָפטער קוקן ארויס פונעם ווייץ פּאַרשטויבטע סוראָטשינער בערגלעך, אויף וועלכע עס ליגן און שטייען אויף די הינטערשטע פיסלעך ברוינע אויסגעפּאַשעטע סורקעס.

די מאַשין טראָגט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער מיט די פראַנק־פרײַע וועגן איבער דעם ניט־אויסגעמאָסטענעם סטעפּ, און ביסלעכווײַז הייבט אָן אָפּשטיין פון אונדז די זון. די זאַנגען באַגעגענען אונדז מיט עטוואָס אָנגעבייגטע קעפּ, ווי אויף באַווײַזן: זעט, וואָס פאַר א ווייץ איר וועט פונדאַנען פירן אויף די עלעוואַטאָרס! צו הונדערט פּוד פון א העקטאַר, און נישט ווייניקער...

די מאַשין פֿאָרט פֿלוצעם אַרוף אַף פּאַרפּאָראַשעטע, ווי געכאַפּט פונעם ערשטן פֿראָסטל, הרודעס פּאַרקאָוועטע ערד. די הרודעס סאָלאָנטשאַק זײַנען אַזוי ווײַס פֿון זאַלץ, אַז עס דוכט זיך: הײַנט־נעכטן איז דאָ געווען אַ שניי. פּונקט אַזוי אומגעריכט פֿאַרקריכט די מאַשין אין אַ וואַסער, פֿון וועלכן עס שטאַרצן אַרויס וואָגיקע, קימאַט צײַטיקע זאַנגען. דאָס זײַנען די „לימאַנען". אין אַ רעגנדיקן זומער גיבן זיי אַ קנאַפּע געריטעניש, אָבער אין אַ טרוקענעם צאָלן זיי קייפּל־קיפּלאַים פֿאַר אַלע פֿריערדיקע רעגנדיקע יאָר.

— מעוועס! מעוועס!

אין דער ליטערער ווײַט, פּונוואַנען עס זײַנען אַרויסגעפֿלויגן אונדז אַנטקעגן עטלעכע מעוועס, האָב איך נאָך דערווײַל גאָרנישט געהאַט באַמערקט.

— עך, וועל איך עס באַלד אויסבאָדן די מאַשין, — קוויקט זיך דער שאָפֿער.

איך קלײַב זיך שוין געבן אים די זעלבע אייצע, וואָס ער אַליין האָט מיר נאָרוואָס געגעבן — זיך ניט איבעריקס אָנטרויען דעם האָריזאָנט, — נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט פֿון ערגעץ אַ ווייע געטאָן אַ קילע פֿײַכטקײַט און איך האָב אופגעכאַפּט דעם רייעך פֿון טשערעט...

געבענטשט זאָלן זײַן די הענט, וואָס האָבן אין דעם ווילד־פּאַרוואַקסענעם סטעפּ, צווישן גרויען קאָוויל און סוראָטשינער בערגלעך באַשאַפֿן אַן אָזערע און זי אַרומגעפֿלאַנצט מיט טאָפּאָלן און ווערבעס.

■

די גאַס אין סאָווירט „שאָינדיקולסקי" איז סאַכאַקל אַלט פֿינף כאַדאָשים, און די, וואָס ווױנען דאָ, איז ניט איין נאַכט אויסגעקומען פֿרירן, ווען דער מאַרטאָוועער ווינט שמײַסט אין די אָנגעצויגענע ווענט פֿון דער ברעזענטענער פּאַלאַטקע. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען אָפּגראָבן פֿון אונטערן שניי די פּאַרווייטע זעמליאַנקעס. דאָך, אַפֿילע אין די גרויסע קעלטן, האָבן די אײַנוווינער זיך אַ סאַך זעלטענער אַראָפּגעלאָזט אין די

וואַרעמע זעמליאַנקעס, איידער מע לאָזט זיך איצט אַראָפּ אין די קילע זעמליאַנקעס, קעדיי זיך אויסבאַהאַלטן פון דער היץ.

זעען אים טאַקע אויס, דעם שאָפער פון „דוורעטשני‟, וואָס האָט געטרוימט אויסבאָדן דאָ די מאַשין, מעשונגע ווילד אָט די אַלע שילדלעך אַרום דער אָזערע: „מע בעט זיך דאָ נישט באָדן‟, „ניט וואַשן קיין גרעט‟, „ניט...‟

טשיקאַווע: ווינען באַ אַ וואַסער און שלעפּן זיך אַ הונדערט קילאָמעטער, קעדיי אויסבאָדן זיך אין אַ פאַרגרינט טײַכל! און ער דערזעט פאַר זיך, דער דוורעטשנער שאָפער פון „טיפן הינטערלאַנד‟, דעם אישים מיט זײַנע הויכע פאַרוואַקסענע ברעגן: באָד זיך דאָרט וויפל דו ווילסט, שיפל זיך וויפל דיר גלוסט, וואַש גרעט, באָד די מאַשין... דאָרט, אין „טיפן הינטערלאַנד‟, הייבט מען שוין ביסלעכווײַז אָן פאַרגעסן די צײַט, ווען מע איז געווען אַף דער „פּאָדערשטער‟. דאָרט וועט מען שוין נישט באַגעגענען קיין מענטשן, וואָס זאָל ריידן וועגן אַן אָזערע צי וועגן אַ טײַך מיט אַזויפיל נעשאָמע, ווי עס ריידן די שאַינדיקולער וועגן דער געווייבלעכער אָזערע, אין וועלכער קיינער פון זיי האָט זיך נאָך ניט געבאָדן. דער איינציקער, וועמען עס איז דערלויבט דאָ צו באָדן זיך און אַרומשווימען, דאָס איז דער פאַרוווּנדעטער שוואַן „גאַליע‟, וועגן וועלכן יעדער איינער איז גרייט ווידער און ווידער אויסהערן די רירנדיקע געשיכטע, וויאַזוי איינער אַ טראַקטאָריסט האָט געטראָפן ליגן אין סטעפּ אַ פאַרוווּנדעטן שוואַן, וויאַזוי ער האָט דעם שוואַן אָפּגעפירט צו אַ דאָקטער, וויאַזוי ער איז נאָכדעם עטלעכע וואָכן אַרומגעגאַנגען אַרום דעם כוילע, געפּויעט אים מיט רעפּועס, און ווי אין איינעם אַן אָוונט האָט דער שוואַן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, געמאַכט עטלעכע קרײַזן און זיך אַראָפּגעלאָזן אַף דער אָזערע.

די קינדער דערציילן די זעלבע געשיכטע עטוואָס אַנדערש:

...יעדן באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפן, קומט צו פליִען צו „גאַליען‟ איר געליבטער, ער לאָזט זיך אַראָפּ אָן־אָ דאָרטן אַף דער לאָנקע, און ביז איבערדערפרי שפּאַצירן זיי אַרום. זי וועט פונדאַנען אוועקפליִען מיט אים, זאָלן זיך נאָר באַ איר פאַרהיילן די פאַרוווּנדעטע פליגל.

דאָס ייִנגעלע, וואָס דערציילט וועגן דעם, קריכט מיטאמאָל ארײַן אין וואסער און שלעפּט פון דאָרטן ארויס א פלאש.

— דאָס האָט אפּאָנעם עמעצער פון די פארבײַפאָרנדיקע ארײַנגעוואָרפן. אונדזערע וועלן אין אָזערע קיין פלעשער ניט ווארפן.

דער שאָפער טרעט ניט אָפּ פון די קינדער. אלץ ווייסן זיי. אָט ווייסן זיי, אז אין די אלטע סאָווירטן זײַנען „טעדע־54“, און אין די נײַע שיקט מען „טע־75“ און קאָמבײַנען נאָר „עסקא־3“, און אז דער בעסטער טראַקטאָריסט איז בובליק, אז נעכטן זײַנען פיר אווטאָבוסן מיט מאָסקווער מיידלעך אוועקגעפאָרן אינעם שכיינעסדיקן סאָווירט „יורי גאגארין“.

— אלע מאָסקווער פאָרן איצט קיין „גאגארין“! — און ענדיקן ענדיקן זיי, די קינדער, מיט דעם, אז פונעם נײַעם יאָר וועט דער סאָווירט זייערער זיך שוין נישט רופן „שאָיִנדיקולסקי“, נאָר „סאָווירט אפן נאָמען פונעם XXII פארטיי־צוזאמענפאָר“.

אף יענער זײַט אָזערע, דאָרט, ווו מע האָט מיט א פּאָר שאָ צוריק אויסגעלאָדן די מאשין שטיינער, וואָס „דווורעטשני“ האָט געשיקט דעם נײַ־געבוירענעם סאָווירט „שאָיִנדיקולסקי“, האָט זיך אלץ נאָך געטומלט. די בויער האָבן נאָך געהאלטן אין רעכטן מיט פון דער ארבעט.

וועגן איינעם א הויז, וואָס וועט אָט־אָט פארענדיקט ווערן און טיילט זיך אויס מיט זײַן גרייס פון די איבעריקע, האָט דער שאָפער א פרעג געטאָן בא די קינדער:

— די קאָנטאָרע, מיסטאמע?

— ניין, — האָבן געענטפערט עטלעכע מיטאמאָל, — דאָס איז אונדזער שול...

אף אזא ענטפער האָט דער שאָפער זיך אפּאָנעם ניט גערעכט, פונקט ווי ער האָט זיך ניט גערעכט טרעפן דאָ אזויפיל קינדער. קיין פינף כאָדאָשים איז דער סאָווירט נאָך נישט אלט, און מע בויט שוין א שול. ווען „דווורעטשני“ איז געווען אף דער „פּאָדערשטער“, האָט מען אָנגעהויבן פון א צוזאמענוווינונג, פון ווארשטאטן, און דאָ האָט מען אָנגעהויבן פון א שול...

— און ווען וועט מען זיך שוין מעגן באָדן אין אײַער אָזערע?

— אין אוועלכער אָזערע, אין אָט דער־אָ?

— וואָס הייסט אין אָט דער־אָ? — האָט דער שאָפער פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט און דערבײַ זיך ארומגעקוקט.

— מע מאכט דאָך בא אונדז א נײַע אָזערע. א בעסערע נאָך פון דער. דרײַ מעטער די טיף וועט זי האלטן. דאָרט וועט מען זיך מעגן באָדן און אויך שיפלען זיך.

דער שווערער און טומלדיקער בולדאָזער, וואָס האָט יעדע זעקס־זיבן מינוט זיך באוויזן אפן הויכן בארג־אָנשיט, בלײַבנדיק דאָרט עטלעכע רעגעס הענגען מיט די פאַרהויבענע רויפעס איבערן טיפן אויסגעגראָבענעם קאריער, האָט דערמאָנט דעם שאָפער אין יענעם טראַקטאָר, וואָס שטייט אין „דוורעטשני״ אפן הויכן צעמענטירטן פאָסטאמענט... שוין אוואדע א מאָל פינף, ווי דער בולדאָזער האָט זיך באוויזן אף די כוואַליעס ערד, וואָס ער האָט ארויסגעשטופּט פונעם גרויסן טיפן קאריער, און דער שאָפער איז אלץ נאָך געשטאנען און געטראכט וועגן דעם, אז ער זעט איצט פאר זיך א בולדאָזער, וואָס וועט, מעגלעך, אויך שטיין אף א פאָסטאמענט.

ער האָט זיך געכאפּט, אז ער איז מעקאנע דעם באָכערל אינעם בולדאָזער. ווען אָט דאָס באָכערל זאָל צו אים איצט צוגיין און פרעגן: „וואָלסט דאָ געבליבן אף דער „פּאָדערשטער״?״, וואָלט ער געענטפערט: „יאָ, איך בלײַב!״, און יענער וואָלט זיך נישט פאַרוווּנדערט, פּונקט ווי ס'האָט קיינעם נישט פאַרוווּנדערט דאָס באָכערל מיט פינף כאדאָשים צוריק, ווען ער האָט זיך ארויסגערופן פאָרן פון „היגטערלאנד״, פון סאָווירט „פורמאנאָוו״, אהער, אף דער „פּאָדערשטער״.

ליִע גאָלדבערג זאָל דאָ אצינד בײַזײַן, וואָלט זי אף זיכער געזאָגט: „ניין, דאָס דארף מען דאָך באגרײַפן... אָט דער שאָפער האָט שוין אלץ דאָ איבערגעפּרוּווט, ס'לאָזט זיך דען אויסרעכענען, וואָס אזוינס איז געווען צעלינא צוריק מיט זעקס־זיבן יאָר... איצט, אז דער מענטש האָט שוין א שטוב, א ווירטשאפט, איז ער גרייט אלץ איבערלאָזן און אָנהייבן איבעראנײַס״. זי וואָלט דערבײַ צוגעגעבן מיט א באזונדער שטאָלץ: „אָט וואָס עס איז אזוינס צעלינא. צעלינער ראָמאנטיק״.

צווישן די שאַבּדיקולער באַגעגענען זיך אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען בּיכלאַל צום ערשטן מאָל אָף דער „פּאָדערשטער“, און אַלץ זעט זיי דאָ אויס ביז גאָר מאָדנע. אָט האָט אָף דער וואַנט פּונעם וואַגאָנדל זיך באַוויזן אַ מעלדונג, אַז הײַנט איז קינאָ — צוויי פילמען מיטאַמאָל, — איז צום וואַגאָנדל נישט צוצוטרעטן. קימאַט די גאַנצע גאַס האָט זיך דאָרט פאַרקליבן און איינער דעם אַנדערן האַלט אין איין אויספרעגן, וועגן וואָס זײַנען עס די פילמען. קיינעם אָבער פאַלט דערבײַ ניט אײַן פרעגן, ווען וועט זיך אָנהייבן דער סעאַנס, כאָטש אין דער מעלדונג איז וועגן דעם ניט געזאָגט. און ווי קאָן מען אָנווײַזן די צײַט, אַז אַלץ איז דאָ אונטערן אָפענעם הימל; ביז עס וועלן נישט אויספאַלן די שטערן, קאָן מען סײַווי קיין קינאָ נישט אָנהייבן.

פאַרנאַכט זײַנען אַהער אָנגעפאָרן מאַשינעס מיט מענטשן פון אַלע ווײַטע און ווײַטסטע בריגאַדעס. אָף די פּאָר שאָ, וואָס דער סעאַנס וועט דויערן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט די טראַקטאָרס אין סטעפּ, דער בולדאָזער אַפּן באַרג־אָנשיט, דאָס קלאַפּן פון האַמערס אָף די דעכער; צוליב אָט דעם געגאַרטן גאַסט „קינאָ“ איז מען, נאָך אַ לאַנגן און שווערן טאָג אַרבעט, מאַקרעוו מיטן שלאָף.

אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק, ווען די עטלעכע בענק אין „טעאַטער“ האָבן שוין פאַרנומען די פרויען, וואָס זײַנען געקומען מיט קינדער אָף די הענט. בּרענגט מען צו שלעפּן פון דער בויונג ברעטער מיט שטיינער, און ס'ווערן באַשאַפן נײַע רייען מיט „בענק“. און אויב די שפּעט געקומענע וועלן מוזן אָפּשטיין אָף די פיס, וועט זיך אויך קיינער פון זיי נישט באַקלאָגן.

דערליבן זיך פאַרשפּעטיקן צום אָנהייב קאָנען, מעגלעך, נאָר די, וואָס האָבן די פילמען שוין געזען. פאַר זיי, אייגנטלעך, האָט עס דער ראַדיסט יעגאָר בּיריוקאָוו אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָלע, און יונגע, ווּוקסיקע, שטאַלטנע באָכערים דרייען זיך מיט פּונקט אַזעלכע ווּוקסיקע און שטאַלטנע באָכערים איבער דער שטויביקער גאַס אין אַ וואַלס און קוקן פאַרבענקט אָף די אויסגעפאַלענע שטערן... און קיין „גאַגאַרין“ זײַנען די טעג אָפּגעפאָרן פיר אווטאָבוסן מיט מאָסקווער מיידלעך...

דרײַ באַנאַכט האָט זיך געענדיקט דער פֿילם. די אָנגעצונדענע פֿאַרעס פֿון די אָפּפֿאָרנדיקע מאַשינעס האָבן באַלויכטן די אָזערע מיט דער שלאָפֿנדיקער „גאַליע“ אינעם טשערעט.

ווי שפּעט עס איז ניש געווען, פֿונדעסטוועגן האָט דער ראַדיסט יעגאָר ביריוקאָוו אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָלע מיט דער פּלאַסטינקע «Родина слышит, Родина знает», וועלכע דער דירעקטאָר האָט אַנומלטן געבראַכט צו פֿירן פֿונעם סאָווירט „יורי גאַגאַרין“ און וואָס ער, יעגאָר ביריוקאָוו, פּונקט ווי דער ראַדיסט פֿון „יורי גאַגאַרין“, שליסן אײַן יעדן פֿאַרנאַכט פֿאַרן שלאָף.

— מאָלאָדצי! מיר זײַנען אויך געווען אַזעלכע! — האָט זיך צו מיר אָנגערופֿן דער דוורעטשנער, וואָס האָט, ווי איך, פֿאַרלאָזט די אײבער־שטע פּאָלקע אינעם ענגן וואַגאָנדל, וווּהין מע האָט אונדז ביידן אײַנגע־אָרדנט אַף נאַכטלעגער. — נאָרוואָס געקומען פֿון קינאָ, און שוין אַף די טראַקטאָרס. מאָלאָדצי!

ער האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון די וואַגאָן־טרעפּלעך, אַף וועלכע מיר זײַנען געזעסן, און אַ זאָג געטאָן:

— מירן זיך עפּשער דורכפּאָרן אַ קוק טאָן, ווי מע הייבט צעלינאַ? אַ? ס׳איז נישט איבעריק ווײַט פֿונדאַנען...

— איר זײַט זיכער, אַז דאָס הייבט מען צעלינאַ? עפּשער אַקערט מען שוין גאָר דאָס צווייטע מאָל?

— דאָס צווייטע מאָל אַקערט מען אַנדערש. דאָרט גייט דער טראַק־טאָר גאָר אַף אַן אַנדער אופֿן.

— ווי קאָן מען דאָס פֿונדאַנען, פֿון אַזאַ ווײַט, וויסן? — אַף דעם האָט דער דוורעטשנער מיר גענוי געענטפֿערט, זיצנדיק שוין אין דער קאַ־בינע פֿון דער אויסגערוטער מאַשין, וואָס האָט אונדז געפֿירט אַנטקעגן די צעשאָטענע בלויע פֿײַערלעך אין סטעפּ.

איך האָב אים ניט געזען, דעם סטעפּ, אין אָנהייב פֿרילינג. וווּהין מע

זאָל ניט פאָרן און וויפל מע זאָל ניט פאָרן, איז ער דעמלט דורכויס אין טיולפּאַנען, צאַרטע און פאַרביקע — פאַרקישעפט צו ווערן. איך האָב אים אָבער געזען, דעם סטעפּ, אין א זומערדיקער סאָף נאַכט אויף דער סאַמע „פאָדערשטער ליניע", דאָרט, ווו וויפל מע זאָל ניט פאָרן און ווו־הין מע זאָל ניט פאָרן, איז ער דורכויס ווי אין קריעס, אין אופגעאַקערטע הליבעס צעלינאַ, וואָס איעדערע פון זיי איז ניט ארומצונעמען, ניט אופ־צוהייבן.

אף איינער אזא הליבע האָב איך ניט ווייט פון וועג דערזען זיצן א באַכער. מיסטאמע איינעם פון די, וועלכע עס קומט אויס מיט גוואַלד אראָפּשלעפּן פון טראַקטאָר און מיט גוואַלד אוועקטרייבן שלאָפן. און ווו שלאָפט זיך נאָך אזוי געשמאַק, ווי אף א פרישער „קריע" צעלינאַ, וואָס איז נאָרוואָס ארויסגעשווומען פון אונטערן אַקער? ס'איז אָבער נישט צו זען, אז דער באַכער זאָל זיך קלייבן שלאָפן. שוין א צייט, אז ער זיצט אומבאַוועגלעך מיטן פּאָנעם צו די בלויע פייערלעך פון די איינ־געשפּאַנטע טראַקטאָרס, וואָס האָבן שוין קימאַט דערגרייכט דעם אויס־געבליכטן האָריזאָנט.

דאָ אָבער האָב איך באַמערקט, אז דער באַכער איז עפּעס שטאַרק פאַרטאָן. דאַכט זיך גאָר, אז ער מאָלט. נאָך דעם, ווי איך האָב אין „דווו־רעטשני" געטראָפן דעם טעסליער און קינסטלער וולאַדימיר סערגייעוונקאָ, אין „קאַראַקאָלסקי" דעם טראַקטאָריסט און קינסטלער גריגאָרי יעפימענ־קאָ, אינעם „אייזנבאַנער" דעם אינזשעניער און קינסטלער וולאַדימיר וועטשעריאַ, איז שוין פאַר מיר געווען נישט אומדערוואַרט, וואָס אויך אין „שאַינדיקולסקי" האָב איך אָנגעטראָפן אף א קינסטלער. ס'האָט מיך אפילע איבעריקס ניט געוווּנדערט, וואָס אָט דער טראַקטאָריסט איז מאַק־רעוו צוליב זיין מאָלעריי די סאַמע זיסטע שאָ פונעם שלאָף. איבעראַשט בין איך אָבער געווען, ווען איך האָב אין דעם באַכער, וואָס איז געזעסן אף דער הרודע ערד, דערקענט דעם מיטגליד פון ביוראָ פונעם באַראַנקולער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי, דעם רעדאַקטאָר פון דער ראַיאָנער צייטונג „סאָציאַליסטישע בויונג" סקודאָוויטשן, מיט וועלכן איך האָב זיך מיט א כוידעש צוריק באַקאַנט אין צעלינאָגראַד. אָנשטאָט דעם געמעל, וואָס

איך האָב זיך גערייכט טרעפן בא אים אף די קני, האָב איך דערזען ליגן אפן פלאנשעט א געדיכט פארשריבן זײַטל פאפיר.

— דאָס גרייט איך אן ארטיקל פארן הײַנטיקן נומער וועגן די קאָמו־ניסטן פון דער צווייטער בריגאַדע. „גוואַרדייער־צעלינ יקעס" — אזוי וועט הייסן דאָס ארטיקל.

— באנאכט גאָר? און אף דער הוילער ערד?..

— דאָרט, ווו עס גייט די שלאכט, דאָרט שטעלן זיך צונויף די סוואָד־קעס... — און פלוצעם, אומדערוואַרט, א פרעג געטאָן: — וויאזוי איז אין יידיש „צעלינא"? אין בירא־בידזשאַן, ווו איך האָב געוווינט ביז דער מיל־כאָמע, האָט עס געהייסן „רויערד". אין דער ליטע, אשטייגער, פונוואַנען איך שטאם, האָט מען עס גערופן „נײַערד", דאָס איז אָבער אלץ געווען אמאָל, ווען עס זײַנען נאָך נישט געווען אין יידיש אזעלכע ווערטער, ווי ספוטניק, לוניק. און איצטער? ווי איז איצטער אין יידיש „צעלינא"?

איך האָב א קוק געטאָן אף סקודאָוויטשן, וועלכער איז געזעסן אף א הרודע אופגעהויבענער צעלינא און געשריבן „גוואַרדייער־צעלינ יקעס", און געענטפערט:

— צעלינא אין יידיש... איז אויך צעלינא.

1961

שירע גאַרשמאן

קומט, ווען די טולפּאַנען בליִען

ווען איך האָב איבערגעלייענט שמועל גאָרדאָנס פאַרצייכענונג וועגן ליִא יאַקאָוולעוונא גאָלדבערג, איז מיַין רו פון מיר אוועק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך מוז זיך באַקענען מיט אָט דער פרוי. און אָט בין איך אַף דער צעלינא...

אין יעסיליער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי האָט דער צווייטער סעקרעטאַר טאַטיאַנאַ יאַקאָוולעוונא קאַנטאָריאָווא מיך אויסגעהערט און געפרעגט:

— איר וועט זיך ניט אָפּרוען? איר ווילט טאַקע גליַיך צו איר פאָרן?

— אויב מעגלעך...

טאַטיאַנאַ יאַקאָוולעוונא האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל.

— אלאָ, זאָל סלאווע צופאָרן אין ראיקאָם, אָבער טאקע גלײַך!

אין א ווײַלע ארום בין איך געזעסן אין א קליינער, מיט ברעזענט גע־דעקטער מאשין. דער שאָפער סלאווע האָט מיר געזאָגט, אז אין אַנדער־האלבן־צוויי שאָ ארום וועלן מיר זײַן אין קאראקאַלפּסק.

— איר ארבעט אין ראיקאָם?

— יאָ, מיר האָבן הײַנט געזאָלט פאָרן מיט טאטיאנא יאקאָוולעוונא אין סאָווירט „סוואָבאָדני"...

איך האָב פארשטאנען, אז סלאווע איז „מעסוקן צופרידן", וואָס ער פאָרט איצט מיט מיר. זײַנע גרויע אויגן קוקן אף מיר קאלט און אָפּגע־פרעמדט. אָבער איך טראכט אזוי: „קוים פאָרסטו מיט א ייִדענע, וועסטו שוין ווערן ריידנדיק".

— סלאווע, — פרעג איך, — איר זײַט שוין לאנג אין יעסיל?

— מהו־ו.

— איר האָט עלטערן?

— דער טאטע איז אומגעקומען אפן פראָנט.

— די מאמע ארבעט?

— מהו־מהו.

— איך בין ניט מעקאנע אײַער מאמען.

— וואָס איז?

— אויב איר זײַט צו איר אזוי צוגעלאָזט, ווי צו אנדערע.

די מאשין טוט פלוצעם אזא שפרונג, אז איך פלי שיר ניט ארויס.

— מיר וועלן דאָ א ביסעלע „אָפּרוען", — זאָגט סלאווע.

די זעקסטאָניקע מאשין שטייט מיט די פאָדערשטע רעדער אפן וועג, די הינטערשטע זײַנען געבליבן הענגען איבערן ריוו און דרייען זיך אין דער לופטן. דער שאָפער האָט זיך ביז העלפט ארויסגעשטעקט פון דער קאבינע. זײַן פּאָנעם איז רויט, ווי צײַטיקער קאוון, וואָס מע האָט צעשניטן אף דער העלפט. פון זײַן מויל שיטן זיך אזעלכע ווערטער, אז איך קאָן זיי ניט איבערכאזערן.

סלאווע עפנט דאָס פענצטערל, מאכט א צארטן, זאפטיקן „מישעביי־רעך", און מיר פאָרן ווײַטער.

— וויפל מאָל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביז קאראקאָלסק? — פרעג איך בא סלאווען.

— וויפל מ׳ט דארפן, — זאָגט ער, און זינגט זיך אונטער דער נאָז: „וויאָטסא דאָראָגא דאלניאיא״[1].

איך דערזע פונדערווײַטן א יישעוו. אף סלאוועס פּאָנעם באוויַיזט זיך א כיטרע שמייכעלע.

— אָט איז אײַער קאראקאָלסק, — זאָגט ער, — כ׳האָב ניט געוואָלט אײַך גלײַך אָנטאָן דאָס פארגעניגן...

אונדזער מאשינדל האָט זיך נאָך ניט באוויזן אָפּצושטעלן, ווי פון שטוב לויפט ארויס א מיטלוועקסיקע פארויטלטע פרוי פון א יאָר פערציק, אָן א פאטשיילקע און אָן א מאנטל.

— אהער, אהער, רעכטס, אניט בלײַבסטו שטעקן! — שרײַט זי. און ווי נאָר די מאשין שטעלט זיך אָפּ, טוט זי א נעם מײַן רוקזאק מיטן טשעמאָדאן און זאָגט צו סלאווען:

— פאָר צוריק, קאָלזמאן ס׳איז ליכטיק...

■

לייע טוט א הייב מײַן רוקזאק און פרעגט:

— איר האָט געבראכט בוי־מאטעריאל פון מאָסקווע?

— האכנאָסעס־אָרכים איז א גוטע מידע, — זאָג איך און לייג ארויס אפן טיש אלץ, וואָס איך האָב געבראכט. זי קײַכט פון געלעכטער. און ווען זי לאכט זיך גוט אויס, זאָגט זי:

— אז איר וועט נאָכאמאָל קומען צו מיר, זאָלט איר אָנשטאָט די שווארצע ברויטלעך און די האָבער־קיכלעך ברענגען אזוינע הערינג, אָט ווי די, איך האָב זייער ליב געדויכערטן הערינג.

---

[1] „דרייט זיך דער וועג דער ווײַטער״.

פון קיך באווייזט זיך אַן עלטערע פרוי אין א ווייסער פאַטשיילקע. אין די הענט — פולע טעלער. זי שטעלט אוועק אפן פארשפרייטן טיש זויערע קרויט, געבראַטענע גאַנדז, שיסעלעך באָרשטש, וואָס זייַנען פאַר־צויגן מיט איין גילדענעם „אויג". לייע עסט גיך, מיט אַפּעטיט. איך באַמי זיך אויך צו טאָן, וואָס איך קען מיט א געגדזענער פאָלקע. נאָכן עסן זאָגט זי:

— איר זייט געקומען פון יעטיל אקוראַט צו דער צייַט. הייַנט איז בא מיר א היימישער יאָמטעוו. איך האָב קיינעם ניט גערופן, אָבער געסט וועלן זיין. דערוויַיל, — זאָגט זי, — טוט אייַך וואָס איר ווילט, און איך גיי צו דער ארבעט.

טאָן וואָס מע וויל איז זייער א גוטע זאַך, אָבער ניט שטענדיק קאָן מען דאָס. אשטייגער, איצט וואָלט איך מיט גרויס פארגעניגן אוועק אין סטעפּ. נאָר דער ווינט וויעט און הודעט אזוי, אז ס'איז ניט איינצושטיין אף די פיס. אָט איז אַן אָנגעפּראָפּטע שאפע מיט ביכער, אָבער לייענען ווילט זיך ניט. וועל איך דערוויַיל פּאַשעט קוקן, וואָרעם קוקן איז אויך אַן ארבעט.

עס ליגן וויעטנאַמישע צינאָווקעס אפן דיל — בונטע, גרינע, זיי מאַכן דאָ אַלץ זומערדיק. צווישן דער עטאזשערקע און דעם ראַדיאָ־אופנעמער שטייט אין א פעסעלע א רויזנבוים. ער איז איצט אין סאַמע בליי. פון די גרין־גלאַנצנדיקע בלעטער קוקן ארויס זאַפטיקע ראָזע בלומען. אף דער ווייסער וואַנט מינעט זיך אַן אויסטערלישׂ צעדריבלטער שאָטן פון דער דאָזיקער וואַזאָנע, און דאָס מאַכט אויך דאָס צימער זומער־דיק־געמיטלעך.

דאָרט, אין קלענערן צימער, הינטערן פאָרהאַנג פון דעקאָראַטיוון ציץ, שלאָפט מיסטאַמע לייע. דאָס בעט איז פארשפרייט מיט א כי־נעזישער זיידענער בלויער דעקע, אף וועלכער עס זייַנען אויסגענייט טונקל־רויטע פּאַוועס. אפן טישל לעבן בעט שטייט אף א מירמלשטיינער־נעם פוס אַן עלעקטרישער לאָמפּ...

צוביסלעך גיסן זיך די פענצטער אָן מיט טונקעלער בלויקייט, די צווײַגן פון רויזנבוים זײַנען קימאט שווארץ. די בלומען צווישן די בלעטער האָבן פארלוירן זייער דורכזיכטיקן קאָליר.

■

געסט זײַנען טאקע געקומען, דער טיש איז אָנגעפּיקעוועט. שיסלען פּעטשא, געפּרעגלטע ווורשט, באגאָסן מיט אייער, געבראָטענע הינער, סמעטענע, צוואָרעך און... בראנפן. איך קאָן זיך ניט פאנאנדערקלײַבן, ווער איז וועמענס. נאָר לויטן שמועס פארשטיי איך, אז עס זײַנען געקומען די, וועלכע זײַנען מיט לייען איבייגעם פון די סאמע ערשטע אָף דער צעלינא.

איך שטעל אפן טיש מײַן געראָוויכערטן הערינג. ער שמעלצט זיך אזש צווישן די בלייכע ציבעלע־רינגען. מע רעדט וועגן פארשיידענע זאכן. אלע ווײַלע שנײַדט זיך ארײַן אין שמועס:

— געדענקסט? מיר האָבן קיין וואסער ניט געהאט... געדענקסט? מיר זײַנען צוויי מעסלעס געזעסן אָן ברויט...

דער פולער, רויטער שעסטאקאָוו קערט אלע ווײַלע איבער א קויסע און שרײַט:

— ליא יאקאָוולעוונא, פאר דײַן געזונט! קיינמאָל זאָלן מיר זיך מיט דיר ניט צעשיידן!

באזין, א הויכער בלאָנדער שווײַגנדיקער מאנצבל, דער מעכאניק פון דער עלעקטראָסטאנציע, גיסט אויך אָפּט ארײַן אין זיך א גלעזל. לייע זאָגט:

— גענוג אײַך! נעכטיקן וועט איר דאָך דארפן גיין אהיים!

— וואָס עמעס איז עמעס, — שאָקלט מיטן קאָפּ שעסטאקאָוו, — אהיים וועט מען מוזן גיין אף די אייגענע פיס, ווי שוואך זיי זאָלן ניט זײַן...

באזין שטעלט אָן דעם פאטעפאָן. דער אוילעם טאנצט.

לידע פּעטרענקאָ, וואָס האָט אזוי שיין געזונגען אוקראאינישע לידער, טאנצט מיט שעסטאקאָוון. זיי גייען איינער אנטקעגן דעם אנדערן מיט דריבנע טריטעלעך. לידע האָט פאריסן דעם קאָפּ, אירע אויגן שוועבן ערגעץ העכער, איבער אים. אירע דינע הענט זײַנען צעשפרייט, די

אקסלען ציטערן, די פיס צאַפּלען אף איין אָרט, ווי זי וואָלט זיי ניט געקאָנט אָפּרייַסן פון דיל. שעסטאַקאָוו טוט אַלע ווייַלע א וואָרף דעם קאָפּ, ער קלאַפּט מיט די פיס געדיכט און נאָכאנאנד. מיטאמאָל גיט ער פארווונדערט א קוק אף אונדז אַלעמען, ווי ער וואָלט געבעטן מעכילע פאר דעם, וואָס זייַנע פיס מאכן אזעלכע לעכערלעכע און געדרייטע קונצן. לידע טוט א פּלי רונד־ארום אַלעמען און זעצט זיך לעבן מיר. איך קוק, ווי עס טאנצט לייע. זי דרייט זיך קימאט אף איין אָרט מיט לידע פּעטרענקאָס מאַן. אירע פּיס שארן איבערן דיל פּאוואָלינקע, באשיידן, שעמעוודיק. אירע אויגן ברענען אזוי, אז מיר דוכט — אָט צינדט זיך אָן די טשופּרינע בא איר קאוואַלער. איך קוק אף לייען און טראַכט, אז אזוי האָבן שטעטלשע ווייַבלעך געטאנצט אמאָל אף כאסענעס: אייַנגעהאַלטן, פארבאָרגן, נאָר מיט ברען.

— וואָס זייַט איר אזוי פארטראַכט? — פרעגט בא מיר לידע.

— ס'איז דאָ וועגן וואָס צו טראַכטן. ווו ארבעט איר?

— אָ, איך האָב זייער א היימלעכע ארבעט...

— פונדעסטוועגן, אויב עס איז ניט קיין סאָד...

— וויפל מע זאָל דאָס ניט האַלטן בעסאָד, צו מיר וועט מען אַלצייַנס קומען. פריִער קומט זי, נאָכדעם ער. ער שטייט אונטערן פענצטער מיטן קלומעקל, שרייַבט קוויטלעך, אז עס קיצלט אזש פון זיי אין דער נאָז.

— א סאך זייַנען שוין בא אייַך געבוירן געוואָרן?

— ס'פעלט א פּאָר צענדליק צו א האַלבן טויזנט. עס זייַנען דאָ אזעלכע, וואָס וועלן באַלד צו מיר קומען דאָס דריטע מאָל. וואָס מיינט איר, בא אונדז זייט מען נאָר ווייץ?..

ווייַט נאָך האַלבער נאכט, ווען די געסט געזעגענען זיך מיט דער באַלעבאָסטע, פילט מען, אז זיי האָבן פאר איר ניט בלויז אָפּשיי — זיי האָבן זי ליב.

— קיין זאך, — זאָגט לייע, ווען מיר בלייַבן אינצווייען, — בינדט אזוי ניט צונויף, ווי געמיינזאמע ארבעט...

ס'איז אויסגעלאָשן די שייַן, דער ווינט הודעט.

אזוי איז פארבייַ מייַן ערשטע נאכט אין קאראקאַלסק.

אופּגעשטאַנען גאַנצפרי, אָפּגעגעסן אָנבײַסן, גיי איך מיר אוועק אין קי־שטאַל. די קי דרייען אויס די קעפּ, זיי קוקן אַף מיר מיט פולע קײַלעכדיקע געטרײַע אויגן דורך די ווײַסע שיטערע לאַנגע וויִעס. די שטאַל איז פול מיט וואַלד־קלאַנגען. פונוואַנען נעמט זיך עס? אַהאַ, עס נעמט זיך פונעם צוויטשערן. אַף די קראָקוועס אונטערן סאַמע דאַך טראָגן זיך אום שפּערלעך. זיי טוען זיך פּלוצעם אַ שיט אַראָפּ, ווי טונקעלע קנײַלעכלעך, צו די קאָרעטעס. די קי פּאָכען מיט די עקן. אָבער די שפּערלעך זײַנען שוין געווויִנט דערצו. זיי זײַנען אַזוי כוצפּעדיק, אַז אַ סאַך פון זיי האָבן זיך באַזעצט צווישן די קויִשע הערנער און טוען דאָרטן, וואָס זיי דאַרפן. פּלוצעם גיבן זיך אַלע שפּערלעך אַ טראָג אַוועק צו די קראָקוועס, — אַ טראַקטאָר איז צוגעפאָרן. די טויערן עפענען זיך, און אַ האַרבער, פריש־זויערער רייעך פון פּאַפּשוי־סילאָס פּילט אָן די שטאַל. ווען דער קאָרם איז שוין אָנגעשאָטן אין די קאָרעטעס, הייבן זיך די קי אוף. עס הערט זיך אַ טעמפּער קלאַנג פון צענדליקער קינען, וואָס קײַען אין רויִקער פאַרטראַכטקײַט די לאַנגע פײַכטע סטענגעס סילאָס־בלעטער.

און פּלוצעם איז עס געשען... פּונקט אַזוי האָט דאָך געשמעקט דער סילאָס אין מײַן קאָמונע... עס הערט זיך אַ יונג געלעכטער — די מעלקערנס גייען. מײַנע קאָמונאַרקעס האָבן דאַן אויך אַזוי געלאַכט. זייערע טריט האָבן גאָר אַנדערש אָפּגעקלונגען, ווײַל זיי זײַנען פון פריִען פרילינג ביז שפּעטן האַרבסט געגאַנגען באָרוועס. אוי, ווי איז מיר, דאָס זויערע גערוך האָט מיך אַרײַנגעשלײַדערט אין מײַן ווײַטער יוגנט...

די מעלקערנס לאַכן, עס קלינגען די בלעכענע עמערס. און אָט פאַלן שוין ווײַסע, שטײַפע שטראָמעלעך אין די עמער. די אַרבל פון די כאַלאַטן בײַ די מעלקערנס זײַנען פאַרקאַטשעט. עס בלאַנקען אַף די הענט זייגערלעך. די קײַלעכדיקע פולע קני קוקן אַרויס דורך די דינע זאָקן. ניין, מיר האָבן קיין זייגערלעך ניט געהאַט, קיין דינע זאָקן — אוואַדע און אוואַדע ניט.

„מע זעט נאָך די באַקן, ווי די ציינער קנאַקן“, — טראַכט איך.

די זאָאָטעכניקערן, אנא ניקאָליַיעווונא, א פרוי מיט שווארצע אויגן, מיט א שטיַיף פארמאכט מויל, באגלייט מיך צו דער שטאל פון די טע־לעצעס, וועלכע מע האָט דאָ ניט לאנג אראָפּגעבראכט פון לעטלאנד. זיי דרייען זיך ארום ניט קיין צוגעבונדענע, די טעלעצעס, און זעען אויס ווי אויסגעגאָסן פון בראָנזע. די פּיס נידעריקע, די טלאָען העלע, די הערנער קליינע, די מאָרדעס שמאָלע, די פעלן גלאנצן...

— נו? — פרעגט אנא ניקאָליַיעווונא שטאָלץ.

— איר גרויסט זיך מיט זיי אזוי, פונקט איר וואָלט זיי דאָ אויסגע־האָדעוועט.

— נישקאָשע, זיי וועלן זיך קעלבן, און מיר וועלן אויסהאָדעווען די קעלבלעך זייערע. קומט צו אונדז איבעראיאָר, — זאָגט זי מיטן טאָן פון א גוטער באַלעבאָסטע.

■

דער הימל איז קלאָר, דער אומענדלעכער רוים קלינגט פון שטילקייט. דער סטעפּ שפּרייט זיך, ווי א גרוי־געקריַיזלטע פעל, העט־העט ביז צום הימל־ראנד. אורשפּרינגלעכקייט רוט אף די נידעריקע ביימלעך באַם טיַיך קאראקאָל. טשאטעס פייגל ציִען ערגעץ אין דער וויַיט.

דער סאָווירט „קאראקאָלסק" שטייט מיט זיַינע וויַיסע שטיבער אין גרויס דערוואַרטונג. א לופטיקער ברייטער ווינט הויכט איבערן יישעוו — אָט־אָט וועלן זיך די שטיבער א הייב טאָן און, ווי שיפן, זיך אוועקטראָגן איבערן ליכטיק־צעעפנטן ברייטן רוים, וואָרעם מע דארף דאָך טאקע זיַין אָן אן אָטעם, אָן לעבן, קעדיי צו שטיין אף אן אָרט. בייס ארום און ארום איז אזא ראכוועס. נאָר שטיבער זיַינען ניט קיין שיפן, פון די קוימענס וויקלט זיך א היימישער רויך, מע גרייט אָנבייסן. פון די הויפן שפּאצירן ארויס גענדז, אף קופּעס הני שטייען אף איין פוס הענער, און כאָטש עס איז גאנץ וויַיט, זעען זיך גוט אין דער קלאָרער לופט די צענומענע פליגל.

פארנאכט איז די ביבליאָטעק אָפן און פול מיט מענטשן. יונגעלייַט שטייען באַ די ביכער־פּאָליצעס און קליַיבן זיך אויס, וואָס זיי געפעלט. די ביבליאָטעקערן איז א כיינעווודיק מיידל, מיט א שעוועליורע. די דאָ־

זיקע פריזור רופט מען „בא מײַן מאמען בין איך א נארעלע”. זי רעדט מיט אויסרוף־צייכנס:

— אך! בא אונדז לייענט מען אזויפיל! זאָל מען נאָר אויסבויען דעם נײַעם קלוב, וועלן מיר באַווײַזן, וואָס עס הייסט קולטור־ארבעט!

איך גיי ארויס פון ביבליאָטעק. דער יונגער מוילעד הענגט אפן הימל, ווי אן אָפּגעבראָכענער אייערבייגל. די פענצטער זײַנען שוין באלויכטן. עטלעכע יונגע לאָשעקעס, קימאט פערד, יאָגן גאלאָפּ מיט צעלאָזטע גריוועס. זייערע געטאָקטע שווארצע סילועטן מאָלן זיך ארײַן אין פייזאזש פול, פארגאנצט און באדײַטנדיק.

קאראקאָלסקער טוישווים גייען אין קינאָ. מע גייט מיט קינדער אף די הענט, גרעסערע האלטן זיך בא מאמישע קליידלעך. א סאך מאמעס זעען אליין אויס ווי קינדער. עלטערע כעוורע שליאָפּען איבער דער בלאָטע, שפּילן זיך אין יאָגעניש. זיי פרייען זיך: הײַנט ווײַזט מען דעם פילם „יעוודאָקיִא”, און זיי וועלן זען, ווי זי וועט זיך קושן מיט אכמעטקען. מיידלעך וואשן די גומענע שטיוועלעך אין קאליזשעס. די פאטשיילקעס כאפּן ארום זייערע הימלעכע פענעמער מיט די הארטגעקנאָטענע באקן. זיי פארגייען זיך פון געלעכטער, ווײַל יונגע באָכערימלעך שטייען ארום זיי... די פאטשיילקעס קאָנען ניט אויסהאלטן די שטײַפע באקן און לאָזן זיך פאנאנדער. איך זע, ווי א באָכער כאפּט אָןביידע עקן פון א פאטשיילקע, טוט זיי א צי מיטן מיידל צוזאמען צו זיך. זי באַווײַזט זיך ניט ארומקוקן, ווי ער טוט עפּעס מיט אירע ליפּן...

■

אין שטוב איזווארעם און ליכטיק. לייע זיצט באם טיש. זי פרעגט:

— ווּ זײַט איר עס פארפאלן געוואָרן?

— כ'בין זיך א ביסל דורכגעגאנגען איבערן יִשעוו... נו, זאָל זיך אײַך אויסווײַזן, אז איך האָב קימאט שפאצירט...

— קימאט שפאצירט איז ניט געפערלעך. קימאט געגעסן איז א ביסעלע ערגער. זעצט זיך. די נעשאָמע קאָן מען ניט אויסשפּײַען.

לייע שטעלט אוועק אפן טיש א פּאָלומעסעק אָנגעשניטן ברויט, אָפּ־געקאָכטע אייער, מערן־צימעס.

— ווו זייַט איר פאָרט געווען? — פרעגט זי.

— אין ביבליאָטעק.

— אוי, די ביבליאָטעק ליגט מיר אין די ביינער. מיר דארפן א קלוב ווי דאָס לעבן. נאָר דערווייַל ווערן מיר זיך מוזן באגיין. פאראן איצט ביכלערס צו טאָן. מייַן טאטע פלעגט זאָגן, אז מע לעבט מיט כעזשבן, איז מען קיינעם ניט שולדיק...

— פונוואנען זייַט איר, לייע?

— פון מינסק...

איך פיל, אז איך האָב אָנגערירט אן אָנגעווייטעקט אָרט. לייע ברענגט צוויי פאָטאָגראפיעס. זי לייגט זיי אוועק אפן טיש און זאָגט:

— אין די דרייַסיקער יאָרן זייַנען מיר אריבערגעפאָרן קיין ראָסטאָוו. ערעוו דער מילכאָמע האָבן זיך מייַנע עלטערן צוריקגעקערט קיין מינסק, נאָר איך בין געבליבן אין ראָסטאָוו, ווו איך האָב געלערנט אין לאנדווירט־שאפטלעכן אינסטיטוט. מער האָב איך זיי ניט געזען...

„מער האָב איך זיי ניט געזען", — זאָגט זי אזוי, אז אויך בא מיר עפע־נען זיך א סאך ווונדן. די פאָטאָגראפיעס ליגן אפן טיש, ווי צוגעדעקטע מייסים. און ווען לייע הייבט פאָרזיכטיק אוף דאָס דינע ווייַסע פאפיר פון איין פאָטאָגראפיע, ציטערן אירע פינגער. פון בילד קוקט א געווייגלעך ווייַבעריש פאָנעם מיט א שמאָלן שטערן, וואָס איז א ביסעלע צוגע־קוועטשט צו די שלייפן, מאכט ברייט די אונטערשטע קין.

— דאָס איז מייַן מאמע, — זאָגט לייע און נעמט צו די פאָטאָ. זי וויל אָפּדעקן, נעמענדיק פארן סאמע ראנד דאָס דינע ווייַסע פאפיר פון צווייטן בילד, נאָר זי טוט עס ניט, זי גיט עס א שאר איבערן טיש צו מיר, אליין גייט זי אוועק און זעצט זיך אף דער קאנאפע מיט איין פוס אונטער זיך.

דער טאטע. אן איידל געזיכט. די ברעמען צעבראָכן, די אויגן קוקן מיט פארגעבונג און אייביקער זאָרג. בא די נאָז־פליגל טיפע קארבן, וואָס לויפן אראָפּ צו די וואָנצעס און ווערן דאָרט נעלעם. דאָס גאנצע פאָנעם איז באהויכט מיט ווייכער זעליקייַט.

ס'איז שטיל... איך כאַפּ אַ קוק אויף לייעס פּראָפיל. כאָטש דער טאַטע איז שענער פון איר, איז צו באַוווּנדערן, ווי די נאַטור האָט באַלויכטן מיט זײַן אָנבליק אירע אויגן. די זעלבע לענגלעכע קנייטשן לויפן אַראָפּ צו אירע צעצויגענע ליפּן פונעם ברייטן מויל.

ס'איז ליכטיק און שטוב. די ליוסטרע האַלט אַ סאַך שײַן אין די פלאַכע מאַטעווע שאָלן, דער באַלקן איז מער באַלויכטן, ווי די ווענט און די שטוב־זאַכן. דער טעפּעך אויף דער קאַנאַפּע איז צעקנייטשט פון לייעס אונטערגעבויגענע פיס. איר קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט, די קליינע ווײַסע הענט קוקן אַרויס דורך די צעשויבערטע שוואַרצע האָר. איר גאַנץ געשטאַלט איז קינדעריש אומבאַהאָלפן. איך זע פּלוצעם, ווי אַ קליין ייִדיש מיידעלע זיצט באַם טאַטן אויפן שויס.

■

הײַנט אינדערפרי האָט לייע מיר געזאָגט:

— איר ווילט טאַקע זיצן מיט מיר אין קאַבינעט? אַדרעבא, זיצט.

זאַלבעצווייט זײַנען מיר לאַנג ניט געזעסן. אָט גייט אַרײַן אַ שאָפער. ער שטייט און שווײַגט.

— וואָס שטייסטו, זאָג עפּעס, — שמייכלט לייע.

— איר ווייסט גוט, ליִא יאַקאָוולעוונא, ווי מײַן מאַשין איז צעבעריקט. וואָס איז אײַך דער כילעק, ווער עס וועט פאָרן אויף די נײַע מאַשינעס?

— אַ, איך פאַרשטיי שוין, דו נעמסט, הייסט עס, אַראָפּ פון מיר די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, כ'בין דיר זייער דאַנקבאַר... איז געדענק זשע, קיין צעבעריקטע מאַשינעס זײַנען בײַ מיר ניטאָ. פאַראַן קרומע הענט. צו קיין נײַער מאַשין וועט זיך קיינער ניט צורירן ביז צום שניט...

— ליִא יאַקאָוולעוונא...

— מע רופט מיך אַזוי שוין גאַנץ לאַנג. גיי, באָריס, צום פאַרוואַלטער פון גאַראַזש, באַקום נײַע טיילן און מאָרגן באַגינען פאָר נאָך צעמענט.

— דאָס איז אײַער לעצט וואָרט?

— ווי דו זעסט. קאָנסט פרעגן בא די, וואָס קענען מיך פון לאנג, צי מיין וואָרט איז א וואָרט! האָב א גליקלעכן וועג...

דער שאָפער גייט אוועק. עס קומט אריין א יונגע פרוי. זי שטייט לעבן דער שוועל מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.

— וואָס איז שוין ווידער?

— ער איז געקומען... ער זאָגט, אז ער וועט מער קיין טראָפּן ניט נעמען אין מויל...

— גענוג, צוויי מאָל איז ער אנטלאָפן, צוויי מאָל האָבן מיר אים צוריק גענומען אף דער ארבעט. און נאָר דערפאר, ווייל דו האָסט געבעטן.

— ער זאָגט, ער וואָלט אליין געקומען, — שעמט ער זיך פאר אייך.

— געדעכט. אף זיין אָרט וואָלט־איך זיך אויך געשעמט.

— איך בעט אייך...

— אויב דו האָסט ניט געקאָנט אויספירן, אז זיין ערשטע שיקרעס זאָל זיין די לעצטע, איז זייער שלעכט...

די פרוי גייט אוועק. לייע איז זייער צערודערט. אירע גרינלעך־גרויע אויגן זיינען ערנסט. איר קליינע פויסט קלאַפּט איבערן טיש, און זי ציילט די ווערטער:

— די פרוי איז שוואכער פונעם מאנצבל, די נאטור האָט אזוי געוואָלט. אָבער פריער פון אלץ זיינען מיר דאָך מענטשן, ערשט נאָכדעם מאנצבלען און פרויען. ס'טרעפט אָבער, אז די פרוי דארף זיין שטארקער, און אויב זי קען דאָס ניט, איז ביטער! — זי נעמט עפּעס פארשרייבן. איך פארשטיי, אז מיר איז שוין צייט צו גיין.

...אין מעכאנישן ווארשטאט איז ניטאָ ווו זיך א קער צו טאָן. צעשרויפטע טראקטאָרן, לאסטמאשינעס, עס רודערט, עס טראסקעט, ווי מע וואָלט געקנאַלט פון א הארמאט. פיאָדאָר לאזארעוויטש, דער פארוואַלטער פון ווארשטאט, איז אויסגעשמירט אין מאשין־אייל. דאָס גאָטיק־בייכעלע אין זיין האנט גלאנצט אויך פון פעטקייט. די רויטע ביינערדיקע סקולעס זיינען פריש און גלאט, כאָטש ער איז שוין נאָענט צו די זעכציק. די בריגאדירן האָבן אים ארומגערינגלט. א הויכער מאנצבל רעדט מיט הארץ:

— לאזארעוויטש, די מאטעריאלן פון פלענום האָסטו געלייענט, איז שלאָף ניט...

— געלייענט, געלייענט.

איך פארשטיי, אז קיין שמועס מיטן פארוואלטער וועט זיך בא מיר איצט ניט אויסגעבנדזלען... מע רייַסט פון אים שטיקער. אָט־אָט דארפן די טראקטאָרן ארויס אין פעלד, און בא אים איז נאָך ווייַט צום געלעכ־טער. כאָטש ער האָט פאר דער גערעטעניש פון 1956 יאָר א גאָלדענעם שטערן, ווייסט ער גאנץ גוט, אז מע וועט אים איבערן קעפל ניט גלעטן.

פלוצעם ווערן זייַנע סקולעס בלייכלעך, ער קוקט צו דער טיר. לייע איז ארייַנגעקומען. זי גייט צו, נעמט אים אונטער דער האנט, רעדט צו אים שטיל און ערנסט:

— לאזארעוויטש, מיט דער טעכניק, וואָס מיר האָבן, וועלן מיר זיך ספראווען מיט אלע ארבעטן. פארשטייסט? מיט אלע ארבעטן.

— איך פארשטיי, אָבער טרייַב ניט די נעשאָמע.

זי ווייסט שוין, אז מער דארף זי מיט אים ניט טייַנען. זי נעמט מיך אונטער דער האנט, און מיר לאָזן זיך אהיים.

באם טיש רעדט לייע שמייכלענדיק:

— דער טאטע פלעגט דערציילן, אז בייס מייַן באָבע האָט אים צו־גענייט א קנעפל אָדער פארצירעוועט א גוואלדריס, פלעגט זי אים הייסן עפעס קייַען... איז ער געפאלן אף א האמצאָע. ער האָט גענומען אָפטער אָפרייַסן די קנעפלעך. אָבער די באָבע פלעגט אים געבן א שטיקל פאָדעם, אָדער זי פלעגט צו אים א געשריי טאָן: פארבייַס די לאַץ, איך זאָל דיר ניט פארנייען דאָס מויעכל. דער זיידע מייַנער איז מיסטאמע געוואָרן א בעקער, ווייַל דער טאטע האָט קינדווייַז קיין ברויט צו זאט ניט גע־געסן... — זאָגט לייע פארטראכט, הייבט זיך אוף, נעמט דעם לעדערנעם מאנטל, א נאָדל־פאָדעם און זעצט זיך צונייען א קנעפל:

— ס'איז בא אונדז שוין אויסגעוואקסן א גאנצער דאָר, וואָס הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס איז אזוינס לופט־מענטשן...

דאָס קנעפל איז שוין צוגענייט. לייע פרעסט אויס א ווייַס קאָפטל —

אף דער אַרבעט גייט זי שטענדיק, ווי אף אַן אומדערוואַרטער באַגעגעניש.

— וואָס מיינט איר, — זאָגט זי ערנסט, — איך וואָלט ניט געקאָנט זיצן נאָך ביז איצט אין מינסק, אפן בענקל אין מיניסטעריום? אָבער וואָס קאָן זײַן בעסער פון לעבן און אַרבעטן אין די טיפענישן פון פאָלק?

ס׳איז שפּעט באַנאַכט. אין לייעס שלאָפצימער ברענט די שײַן. איך הער, ווי זי בלעטערט אַ בוך. הינטער דער וואַנט וויגט מען אַ קינד. דוק־דוק־דוק... דאָס קינד וויינט. לייע זאָגט שטיל:

— כ׳ווּאָלט זי גענומען דאָס קינד אף די הענט, כ׳קאָן ניט אויסהאַלטן, ווען קינדער וויינען...

איך הער אין אירע ווערטער נאָך עפּעס, און עס ווערט מיר טרויעריק...

עס גייען די טעג. לייע איז פאַרדײַגעט און צערודערט. אָוונט־צײַט קומט צו אונדז אַרײַן אַנאַסטאַסיאַ וואַסילייעוונאַ, אַ שוואַרצכיינעוודיקע אוקראַינקע, די באַלעבאָסטע פון די צוזאַמענוווינונגען, פון די יאַסליעס, פון קינדערגאָרטן. זי וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל, זעצט זיך אוועק און טוט אַ געשריי:

— וואָס זשע זײַט איר מיך מיט גאָרנישט ניט מעכאַבעד?

און ווען זי טרינקט אויס אַ פּאָר גלעזער טיי און בײַסט גוט צו, נעמט זי דערציילן:

— אוי, וואָס פאַר אַ באָכערים עס זײַנען געקומען! אין זייערע פּענעמער ניט אַרײַנצוקוקן...

לייע קײַכט פון געלעכטער. ווי לייע לאַכט, האָב איך שוין געזען ניט איין מאָל. עס טרעפט, אַז זי לויפט אַרײַן אין שטוב, פאַרגייט זיך אַזוי, אַז זי טוט אַזש יעדעס מאָל אַ קוויטש. מע קאָן מיינען, ווער ווייסט, וואָס זי האָט געזען אין דרויסן. לאָזט זיך אויס, גאָרנישט. ס׳איז אין דרויסן לעוואָנעדיק, און דער ווינט האָט זי מאַמעש אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן... ווען זי לאַכט זיך אויס, גייט אוועק זייער אַן ערנסטער שמועס.

— גענוג שוין וועגן די שיינע ייִנגלעך, מאָרגן, וואסיליעווּנא, וועסטו מוזן פאָרן נאָך קוילן. זע, אז עס זאָל די יונגע מעכאניזאטאָרן גאָרניט פעלן...

— אליין פארשטיי איך ניט, וואָס איך האָב צו טאָן? כ'האָב נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל גאָרניט קאַליע געמאכט, — באַליידיקט זיך אנאסטאסיִא וואסיליעווּנא און גייט אוועק.

ליִע שפאנט אומרויִק איבערן צימער. מיטאמאָל טוט זי זיך א לאָז צום פענצטער. עס הערט זיך א גערודער פון מאשינעס. איך פארשטיי לויט דעם, ווי זי שוויַיגט, אז עס זיַינען ווידער געקומען ניט די, אף וועמען זי קוקט ארויס. שוין דער פערטער מעסלעס, ווי די ברידער אַלעקסיוק זיַינען אוועקגעפאָרן קיין צעלינאָגראד נאָך זויערשטאָף פאר די אווטאָגענען, און זיַינען נאָך אַלץ ניטאָ.

און אָט הערט זיך ווידער א רויש. ליִע כאפט ארוף דעם מאנטל אף די אקסל, צעעפנט די טיר און שריַיט ארויס: — „אַלעקסיוקי!" זי דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט א דערפרייטע:

— געקומען!

■

דער פרימאָרגן איז פריש און ווארעם.

— א ווינטעלע א כיִעס, — זאָגט ליִע, — אזא ווינטעלע בלאָזט גוט דורך די געהירן... — עס הילכט איר געלעכטער. פלוצעם פארטראכט זי זיך. עפשער זעט זי איצט אומענדלעכע שעטאָכים ווייץ, עפשער רעכנט זי נאָכאמאָל און נאָכאמאָל אויס, וויפל מילך, וויפל ברויט צעלינא וועט געבן דעם מענטשן...

די זון גייט אוף. די נידעריקע ביימלעך באם טיַיך זיַינען באגאָסן מיט שיַין. די לופט איז דורכזיכטיק. ביז צום הימל־ראנד פארנעמט דאָס אויג אַלץ — און אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין ברעגלאָז בילד.

— צו אונדז זאָלט איר קומען אין פרילינג, — זאָגט ווידעראמאָל ליִע, — אונדזער סטעפ איז גאָרניט אזוי געקריוודעט. מיר האָבן ניט

קיין וואלד, האָבן מיר בלומען. איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי דער סטעפּ זעט אויס, בײַס די טולפּאַנען בליִען. איר האָט נאָך אזעלכס קיינמאָל ניט געזען...

אָט איז צוגעפאָרן די מאשין, אף וועלכער איך וועל באלד פארלאָזן דעם סאָווירט. כ׳האָב זיך שוין געזעגנט, אלץ געזאָגט. איך פיל, אז איך לאָז דאָ איבער א סאך, זייער א סאך. איך האָב נאָך וואָס צו קומען נאָכאמאָל. אבי געזונט.

לייע שטייט לעבן דער שטוב. א שמייכלענדיקע, א פארויטלטע, אָן א פאטשיילקע און אָן א מאנטל. אָבער זען זע איך זי גאָר גייענדיק צווישן ווייץ־פעלדער, איך זע, ווי זי רײַסט רויטע טולפּאנען. איך זע, ווי די טולפּאנען בוקן זיך פאר איר, נאָך איידער זי באווײַזט זיך אָנצובייגן און זיך צורירן מיט די פינגער צו זייערע שטענגלעך...

זי שרײַט צו מיר:

— טאָמער איז אײַך עפּעס ניט געווען צום הארצן, האָט ניט קיין פאריבל. וואָרעם אונדזער באלעבאטישקײַט איז זייער יונג. ס׳איז נאָך קיין אכט יאָר ניט אלט!.. פאָרט געזונט און קומט צו אונדז, ווען די טולפּאנען בליִען!

1962

יעכיעל שרײַבמאַן

מײַן יונגער פּראָספּעקט

פּראָספּעקט מאָלאָדיאָזשי", „דער יוגנט־פּראָספּעקט", — אַזוי הייסט די ברייטע נײַע גאַס אין קעשענעוו, וווּ איך וווין.

כ'געדענק, מײַן פרי־פאַרשטאָרבענער כאַווער, דער דיכטער דאַוויד וועטראָוו, האָט, פּונקט אַזוי, ווי איך איצט, מיט אַזאַ שטאַרקער ליבשאַפט ליב געהאַט קעשענעוו. כ'פלעג אים דעמלט אָף דער דאָזיקער ליבשאַפט זײַנער מעקאַנע זײַן. זומער־צײַט, ווען עס צעשמעקן זיך די ליפּעס אין שטאָט, ברענגען זיי מיר אָן דעם רייעד פון יענער ליבשאַפט מײַן כאַווערס.

קעשענעוו האָט דעמלט, אַ פּאָר יאָר נאָך דער מילכאָמע, קוים־קוים אָנגעהויבן קומען צו זיך. קיין נײַע גאַסן האָט מען נאָך ניט געהאַט גע־

בויט. עס זײַנען געווען געגנוג אַלטע צו פאַריכטן. די שטאָט איז ארויס פון דער מילכאָמע דרײַ פערטל כאָרעוו. כ׳פלעג דאַווידן אַלע פאַרנאַכט באַגעגענען פאַמעלעך אומשפּאַצירן אַפן לעבנין־פּראָספּעקט. אַף יעדן ראָג פלעגט ער זיך א פּאָר רעגעס אָפּשטעלן, א דריי טאָן מיטן קאָפּ, א זוך טאָן ארום־און־ארום אין די זײַטיקע גאַסן מיט די אויגן. די דיקע ברילן־גלעזלעך זײַנע פלעגן זיך צעבלישטשען קעגן דער פאַרנאַכטיקער זון. אַף זײַנע בלייכע קרענקלעכע באַקן פלעגט זיך אויסלייגן א קינדיש־פאַרוויטל־טע, טמימעסדיקע פרייד. און אז איך פלעג א דריי טאָן דעם קאָפּ מײַנעם נאָך זײַנעם, פלעג איך דערזען ערגעץ א נײַעם דאך, א שטיק צורעכט געמאכטן טראָטואַר, א ווײַס, נײַ פענצטער אין א וואַנט. ער פלעגט ליב האָבן גלאַט אזוי שטיין בלײַבן אַפן ראָג, א צי טאָן מיט די נאָזלעכער און ארײַנציִען פון די שורעס ביימער אַף דער גאַס דעם באַליבטסטן צוויט־רייעך זײַנעם — דעם רייעך פון ליפּע־צוויט. ס׳פלעגט זיך מיר דאכטן, אז אַיין דאַוויד קאָן דערפילן די דאָזיקע רייכעס, נאָך אפילע איידער די ליפּעס הייבן אָן צו צוויטען.

— פילסט? — פלעגט ער זאָגן. — פילסט קעשענעוו?..

ער פלעגט פאַמעלעך שפּאַנען און מיר לייענען לידער. אין א סאך לידער האָט ער באַזונגען די היימשטאָט אונדזערע. איינמאָל, געדענק איך, אַף אונדזער לעצטן פאַרנאַכטיקן שפּאַציר, ווײַזט מיר אויס, האָט ער אין א ליד זיך געפרעגט, פאַרוואָס ער פלעגט פריִער, איידער קעשענעוו איז געוואָרן סאָוועטיש, ניט פילן די ליפּעס אין שטאָט. אַף דער אַלעק־סאַנדראָווסקע זײַנען געשטאַנען די זעלבע שורעס ביימער. די זון איבער זיי איז געווען די זעלבע זון. ווער האָט דעמלט בא די ביימער צוגעראַבע־וועט זייער צוויט־רייעך? פאַרוואָס האָט ער, דאָס יינגל פונעם הינטער־געסל, פריִער ניט געפילט זייערע רייכעס?

ער האָט געלייענט מיט אַן אונטערציטערנדיק, קינדיש־נאַיִוו קאָל. די באַקן זײַנען בא אים דעמלט געווען פאַרברענטער ווי טאָמיד. ער האָט שוין אַף יענעם לעצטן שפּאַציר געוווּסט, אז ער שטאַרבט. מיר אַלע, די אייגענע און נאָענטע ארום אים, האָבן דאָס שוין לאַנג פון אים אויס־

באהאלטן. נאָר ער איז געווען צו קלוג און צו פײַנפילנדיק, ער זאָל דאָס ניט געווען דערזען אין אונדזער איבערגעטריבענעם צערטלען אים, אין אונדזער איבערגעטריבענעם טרייסטן. א פּאָר מאָל אין מעסלעס פלעגט צו אים ארויסקומען די גיכע הילף. ער האָט געליטן מוירעדיקע ווייטעקן. נאָר פארנאכט־צו פלעגט ער א מאך טאָן מיט דער האנט, א זאָג טאָן: „אייסעך, ס'איז מיר גאָרניט!”, פלעגט זיך מיט א שטילן אינוויייניקסטן קרעכץ, מיר זאָלן כאָלילע ניט דערהערן, אָנטאָן און פלעגט, ווי טאָמיד, ארויסגיין אף א פּאָר מינוט שפּאצירן: ער אונדז האָט געטרייסט איבער־צײַגנדיקער, איידעלער.

אף יענעם לעצטן שפּאציר אָבער האָט ער זיך אפּאָנעם ניט געקאָנט גויווער זײַן. ער האָט מיטאמאָל אופגעהערט לייענען, איז שטיין געבליבן, ווי טאָמיד, אפן ראָג גאס און פאמעלעך אָנגעהויבן וואָס אמאָל שטארקער און שטארקער ציִען מיט די נאָזלעכער. צום ערשטן מאָל, זינט איך האָב אים געקענט, האָב איך דעמלט דורך די ברילן זײַנע דערזען א פּאָר פולע אָנגעגאָסענע אויגן. ער האָט זיך פונדעסטוועגן באמיט ארויסצוברענגען א שמייכל אף די ליפּן. נאָר דער שמייכל האָט זיך באקומען אויסגע־מוטשעט און פרעמד. ער האָט א זאָג געטאָן:

— הייסט עס, נאָך א טאָג, נאָך א טאָג... אוי, די דאָזיקע רייכעס, ברודער!..

פאַרוואָס ביסטו איצט נישטאָ, כאָווער מײַנער? ווען דו זעסט, ווו איך וווין! פאַרוואָס זיצסטו איצט ניט אָט דאָ־אָ, לעבן מיר, און מיר קוקן ניט אינײנעם ארויס צום נײַעם פּראָספּעקט מײַנעם, אָט דאָ־אָ, דורך מײַן אָפענעם פענצטער? ווען דו זעסט, וואָס עס טוט זיך דאָ איצט, אפן אָרט פון דײַנע הינטערגעסלעך, אפן אָרט פון די קרומע, קראנקע, ענגע, פאר־קרעציקטע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, הונגעריקע קעשענעוער הינטערגעסלעך.

מיר וואָלטן ביידע ארויסגעגאנגען שפּאצירן. מיר וואָלטן זיך אופ־געהויבן מיטן פּראָספּעקט צו דער מיט שטאָט ארוף. נאָך דײַן שטייגער נאָך, קעדיי מער א ביסל האנאָע האָבן, וואָלטן מיר געשפּאנט פּאוואָליע, טראָט בא טראָט. וואָלסט זיך אלעמאָל אָפּגעשטעלט, אלעמאָל אויסגעדרייט

זיך אף צוריק און ווידעראמאָל און אָבעראמאָל באטראכט דעם פּראָס־פּעקט הינטער זיך. דורך די ברילן אריבער וואָלסטו געזשמורעט די אויגן צו דער נייער בריק איבערן טייכל ביק, צו די צענדליקער בלאָק־הייזער, ווייט־ווייט אין נייעם שטאָט־ראיאָן רישקאַנאָווקע, דאָרט, וווּ פריִער איז געווען ארויס דער שטאָט, פּוסט פעלד, גאָרניט ניט. וואָלסט אלעמאָל פּאריסן דעם קאָפּ ארויף־ארויף, צו די פּריילעכע באלקאָנען אף בײדע זייטן פּראָספּעקט. און כ׳וואָלט אלעמאָל דערזען אף דיינע באקן די באקענטע קינדיש־פּארויטלטע, טמימעסדיקע פרייד דיינע.

מיר וואָלטן געשפּאנט אין דער מיט פּראָספּעקט, אפּן בולוואר. צווישן די פּארשיידענערליי שורעס ביימלעך וואָלסטו א זוך געטאָן דיינע ליפּעס. די ביימלעך אף מיין נייעם פּראָספּעקט זיינען נאָך גאָר־גאָר יונג. נאָר דו וואָלסט א צי געטאָן מיט די נאָזלעכער, אריינגעצויגן אין זיך זייער שפּעטערדיקן שטארקן צוויט־רייעך, זייער וואקסן.

„פילסט? — וואָלסטו א זאָג געטאָן, — פילסט קעשענעוו?..“

כ׳פיל, דאוויד, כ׳פיל דיין ליבשאפט. כ׳פארשטיי זי איצט און בין מער ניט מעקאנע — זי איז איצט אויך מיין ליבשאפט.

אומגליקלעכע, בידנע נעשאָמע מיינע!..
„פּישקע דער קרומער“

די פאריִפּעשטע, קימאט שטייענדיקע, ריטשקע ביק מיט די אייביקע בלאָוו־פלעקנדיקע רייפן, די פעטע „אויגן“, האָט מיט א צעקרימטן האלב־קרייז, צווישן קופּעס מיסט און אָפּפאל, צווישן ווילדע גראָזן, שטעכלקעס און קראָפּעווע, ארומגעצייכנט א שטיק אונטערשטן טייל שטאָט.

ארום דער „אלטער בריק“, ווו עס האָבן זיך אמאָל באזעצט אנטלאָפענע פון בעהאָלעס, ניסראָפים, גלאט אזוי מיד געוואָרענע טאָרבע־עוויוי־נים, זיינען לאנגע יאָרן געשטאנען אָנגעפּלאָנטערט איינס אין אנדערן איינגעזונקענע שטיבלעך. קינדער מיט „קרוינען“ אף די קעפּ, מיט

„צאַרעס“ אויף די האַלב־נאַקעטע לײַבער זײַנען אָדער אומגעקראָכן אויף קרומע, צעלייגטע פּליטלעך אָדער אופגעהויבן אזא שטויב אין די גאַס־לעך, גלײַך ס׳וואָלטן זיך דורכגעטראָגן צענדליקער כאַסענע־רײַטערס. אויף די שוועלן זײַנען געשטאַנען פאַרטאַמט שטאָט־מעגעגעס, כאָליערע־כאַסאַנים. אין דרויסן, בא די טויערן, האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון עמעסע און געמעלאָכטע קאַליקעס: בלינדע, געליימטע, האַרבאַטע.

מאַכמעס כ׳האָב בא פּישקען אין טאָרבע געפונען א שטיק פאַרשימלטע מאַמאַליגע, דרינג איך, אז פּישקע דער קרומער איז אויך אויף דער „אַל־טער בריק“ אומגעהונקען צווישן דער כעוורע קאַפּצאָנים, צוגעלערנט זיך א ביסל בא זיי הילכעס אָרעמאַן.

קעשענעוווער הינטערגעסלעך...

דער דאָלעס האָט געסווישטשעט אין די טיפע באַלמעלאָכישע „באַש־קעס“[1]. אויף א שטעקן אין דרויסן האָבן זיך טעלעבענדעט א פּאָר פאַר־שקראַבעטע, צעפליקטע שטיוול, וואָס האָבן געדינט אי פאַר א שילד, אי אמאָל פאַר א מאַשקן צו קריגן דעם קליינוואַרג א ביסל פּאַפּעשוי־מעל, אי פאַר א פאַרפּוץ יאָמטעוו אין שול אַרײַן.

בלעכערס, שטריקלדרייערס, סטאָליערס, שוסטערלעך און שנײַדער־לעך — מיט די קליינע פאַרקוואַרטע פּענעמלעך זייערע, מיט דער שרעק אין די אויגן פאַרן גאָראָדאָוואָי, פאַרן פּאָגראָמשטשיק, פאַרן אַרויסוואַרפן פון דער „דירע“, פאַרן רומענישן פּאָליציי־סערזשאַנט.

דאָס קליינוואַרג מיט די ראַכיטיש־אופגעשוואָלענע בײַכלעך איז קוים מיט צאָרעס, ווי־ס׳איז־ניט־איז אופגעוואַקסן. די באַלעבאַטישע הײַזער, אויבן אין שטאָט, האָבן דאָ־אָ געהאַט ווו איבערצוקלײַבן זייערע דינסט־מיידלעך. יונגען האָבן זיך אָפּגעריסן דאָס געזונט בא די פרעסן אין די מאַסלעבוינעס, בא די „שטיינער“ אין די מילן און געכאַלעמט וועגן א פּײַל אין דער האַנט אין א שלאָסער־וואַרשטאַט, אין די טיפע באַשקעס האָט זיך אין די אָוונטן עפּעס אָנגעהויבן טאָן. פונדאַנעט־אָ האָט ראָכעלע די רויטע געפירט אַן אוילעם אויף די „געפערלעכע“ דעמאָנסטראַציעס.

---

1 קעלער־שטיבלעך.

דער גאַנצער פּלאַץ אונטער מײַן נײַעם פּראָספּעקט פֿאַרמאָגט אַ רײַכע געשיכטע.

אָט דאָ־אָ, אַרום און אַרום, איז בימיי היטלער געווען אַרומגעצוימט די קעשענעווער געטאָ. די גאַנצע געטאָ האָט מען אינגיכן אַרויסגעפֿירט קיין „טראַנסניסטריע״ און די אויסגעליידיקטע שטיבלעך אונטערגעצונדן, כאָרעוו געמאַכט. די געסלעך אַרום־און־אַרום זײַנען געבליבן ליגן צעקוועטשטע, אײַנגעוואָלגערטע, פֿאַרלאָזטע, ווי, לעהאַוודל, אַן אָרעמאַן אַ באַרמינען, אַ האָרוג אויפֿן פֿעלד מיט די אַרויסגעלאָזטע קישקעס אין דרויסן. דאָ און דאָרט זײַנען שטיין געבליבן פֿאַרסמאַליעטע שטיקלעך ווענט. שטיין געבליבן ווי אַ שטום געשריי, פֿול מיט אומגליק.

אַנומלטן האָב איך געהאַט גאָר אַ קורצן שמועס מיט אַ ייִדן, אַ שאָכן מײַנעם אויפֿן פּראָספּעקט. דער אוילעם רופֿט אים נאָך איצט, ווי מע פֿלעגט אים רופֿן דאָ אַמאָל: שימען קאַטיגעניק. אַ נידעריקלעכער, גראָוער, באַלעגאָליש־פּראָסטער ייִד, וואָס איז אויסגעוואַקסן און אַלע יאָרן אָפּגעהאָרעוועט אויף אַ קאַטיגע[1], טאַקע אָט דאָ־אָ, אין די הינטערגעסלעך. הײַנט איז ער בײַ קינדער. דער זון איז אַ מײַסטער אין אַ שוך־פֿאַבריק. די שנור אַרבעט אין אַ „אינדפּאָשיוו״[2]. כ׳זע דעם אַלטן אָפֿט זיצן אויף אַ באַלקאָנדל איבערן מעבל־מאַגאַזין. ער איז אַראָפּגעקומען אין די הויזלע שטעקשיך, מיט אַ צעשפּיליעט העמד, און זיך אוועקגעשטעלט לעבן דער בריק קוקן, ווי מע לאָזט אַראָפּ די טערמאָצענטראַל־רערן אין די אויסגעגראָבענע קאַנאַלן, מע פֿעסטיקט זיי אײַן אין בעטאָן־קאָרעטעס, מע שרויפֿט זיי צונויף, מע וויקלט זיי אַרום מיט אַזעלכע גראָבע וואַטע־פּלאַסטן. ער איז זיך אַזוי געשטאַנען, רעב שימען, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַ ביסל אײַנגעבויגן אין אַ זײַט, געקוקט, באַטראַכט און אַלץ צוגעקנאַקט זיך, צום טראַכטן אָפּנעם, מיט דער צונג.

— נו, פּעטער? — האָב איך אַ זאָג געטאָן. — ווען מיר, הייסט עס, האָבן דאָ אַ גאַנצן מעסלעס־הייס וואַסער אויך, אַ?

---

[1] אַ מין שלעפּ־וועגעלע.

[2] שנײַדער־אַטעליע פֿאַר אינדיווידועלע באַשטעלונגען.

ער האָט מיך דערקענט, אויסגעגלײַכט זיך, א רעגע געגעבן א גיי מיט די אויגן איבער דעם ארום און געטאָן א מאך מיט א מין צעצויגן קוויטשל:

— אוי, מאמע מײַנע, איז דאָ אמאָל געווען א סערעטשיע!..

ער האָט ארויסגעבראכט דאָס וואָרט „סערעטשיע" — גרויסע אָרעמקײַט — אזוי, אז עס האָט זיך געפילט די גאנצע שאָפלדיקײַט אירע, די אומגליקלעכקײַט, וואָס טאקע נאָר אין איין „פישקע דעם קרומען" קאָנען מיר עס איצט נאָך דערזען און דערשפירן.

■

דאָקטער בערגינער, אזוי דאפקע א ווערטלזאָגער, א פריילעכער, איז בא דער ארבעט זײַנער זאכלעך־שטרענג, קימאט ספילטשעווע, „אָן סענטימענטן".

מיט קראנקע, ביפראט מיט קימפעטאָרנס, און מיט מעדשוועסטער, מיט אקושערקעס טאָר מען ניט זײַן קיין צו גוטערברודער: די שוועסטער זעצן זיך דיר אפן קאָפּ, און די מאמעס פארמוטשען דיך מיט קאָלערליי קלאָץ־קאשעס.

— נו, נו, פעסטעט זיך ניט. אָן סענטימענטן. איר זײַט בא מיר ניט איינע!

— וואָס קנייטשט איר זיך, ברע, גלײַך ווי איר וואָלט געלעגן אפן טיש, און ניט די געווינערן. לעבעדיקער! רירעוודיקער!

דאָס געבורט־הויז, העט אויבן, אין סאמע אָנהייב פּראָספּעקט, — דאָס הויז מיט די הויכע פארקײַלעכיקטע פענצטער, מיט די קאָלאָנעס בא די פאראדנע טרעפּ, מיט דעם אײַזערנעם געשניצטן פּלויט צו דער גאס ארויס, מיט די יונג־שטאלטנע טאָפּאָלן אינווייניק אין הויף — איז דאָס ערשטע אופגעבויטע הויז אפן פּראָספּעקט.

דאָס איז מינאסטאם פאָרגעקומען צופעליק. נאָר ס'האָט אויסגעזען ווי א מין געזעצמעסיק־פארשטענדלעכער סימבאָל: צווישן די טויטע

כורוועס, וואָס האָבן זיך נאָך דעמלט אוועקגעצויגן וויפֿל דאָס אויג כאַפּט — ערשטע קינדערשע קעלכלעך, נײַגעבוירנקײַט...

פּונקט אַנטקעגן געבורט־הויז האָט מען דערנאָך אוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל די העלדן — קאָמסאָמאָלצעס.

אויף אַ הויך שטיק גראַניט טראָגט זיך אַ מיידל מיט אַ צעווינטיקט קלייד, זי יאָגט מיט אַ פֿאַקל אין דער האַנט — ברענגט דער וועלט ליכט. צופֿוסנס שטאַרבט אַ יונגער פּאַרטיזאַן מיט אַ צעכראַסטעט האַרץ: כײַע ליפֿשיץ און באָריס גלאַוואַן גיבן פֿאַר אונדז אָפּ זייערע צאַרטע לעבנס. אַ יונגיטשקער רויטאַרמייער טראָגט אַ פֿאַרוווּנדיקט־פֿאַרבלו־טיקטן כאַווער זײַנעם.

און עס הערן זיך דאָ קעסיידער ערשטע קינדערשע קעלכלעך.

דאָקטער בערגינער גייט אַהיים פֿון אַ נאַכט־דעזשורסטווע. אַ שווערע נאַכט געווען: אַ קייסער־שניט, אַריבער צען געבורטן. נאָך אַזאַ נאַכט האָט ער ליב דורכגיין זיך אַ ביסל איבערן פּראָספּעקט צופֿוס, אוועקזעצן זיך דערווײַל אַ רעגע־צוויי אויף אַ באַנק אינמיטן בולוואַר און שעפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט, כאַפּן אַ דעך. כײַע ליפֿשיץ אויפֿן דענקמאָל דערמאָנט אים טאָמיד זײַנע סטודענטן־יאָרן. לאַנג האָבן זיי זיך געשלעפּט, די דאָ־זיקע בידנע סטודענטן־יאָרן זײַנע. אַ ייִדישער מעדיצין־סטודענט האָט אַליין זיך געדאַרפֿט קויפֿן „קערפּערס". און סײַוויסײַ האָבן אים זײַנע פּאַשיסטישע „קאָלעגן" אָפּטמאָל געמיימעסט אויף די לעקציעס: נאַ, הייסט עס, לערן זיך אויף זיך אַליין היילן!.. אין יענעם באַנאַכט, געדענקט ער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מע האָט כײַע ליפֿשיץ נאָך איר פֿיר־און־פֿער־ציקטאָגיקן הונגער־שטרײַק אומגעבראַכט אין טפֿיסע, איז ער גראָד גע־ווען אויפֿן וואָקזאַל, אויסגעלאָדן, ווי ער פֿלעגט עס דעמלט אָפֿט אין די נעכט טאָן צוליבן שטיקל ברויט, וואַגאָנעס האָלץ. גאַנצפֿרי האָט ער געשפּאַנט אויף אַ דעמאָנסטראַציע. געשריגן מיטן אוילעם: אַ־סאַ־סי־ני! אַ־סאַ־סי־ני![1] ווידעראַמאָל אַרויס אַ צעמיימעסטער. אין יענע יאָרן האָט ער אַפֿילע

[1] מערדער.

איינמאָל, אהיים פאַרנדיק אַף פייסעך־קאָניקולן, געהאַט די זכיָע, „קאַ־לעגן" זאָלן אים ארויסשמיצן דורך א וואַגאָן־פענצטער.

די געדאַנקען זײַנע גיבן זיך א טראָג איבער פון כײַע ליפשיץ צום רויטאַרמייערס פאַרוווּנדעטן כאַוועָר אַפן דענקמאָל. ער, בערגינער, איז אויך אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. א שווערע קאָנטוזיע. עטלעכע מעסוקענע ווונדן. ער האָט אפילע ניט געפילט, ווי מ'האָט אים אופגעהויבן און ארויסגעטראָגן. און ער איז געבליבן לעבן. און ער לעבט. און ער האָט עס דערנאָך דאָ אין דער היים, צווישן די כורוועס, דער ערשטער באַנײַט דאָס דאָזיקע נײַע געבורט־הויז.

ער געדענקט יענעם טאָג. דאָס ערשטע קינד איז געווען א מיידעלע. א קינד ווי אלע נײַ־געבוירענע קינדער. ס'איז געלעגן אין ערשטן בע־טעלע א מידס, א מידס און צופרידנס און באלעקט זיך די ליפּלעך. אין די זאָלן האָט די פרישע ווײַסקײַט, די נײַקײַט געפּעכלט אין אויג. דער גאַנצער מעדפּערסאָנאַל איז געקומען צו לויפן. מ'האָט ניט אויסגעהאַלטן און דאָס קינד ארויסגעכאַפּט פונעם בעטל, אָנגעהויבן אומטראָגן עס, אי־בערגעבן עס איינער דעם אנדערן. ער איז געשטאַנען און געקוקט. דער־נאָך, געדענקט ער, האָט ער אַפן אוילעם אָנגעשריגן:

— נו, נו... ס'איז ניט קיין שפּילכל!.. אָן סענטימענטן!..

און ער אליין האָט א נעם געטאָן דאָס קינד אַף די הענט...

דאָקטער בערגינער זיצט אַף דער באַנק און רוט זיך א רעגע־צוויי אָפּ. נאָך א שווערער נאַכט־דעזשורסטווע לייגט ער זיך קיינמאָל ניט צו שלאָפן. די לופט אין דרויסן איז דער בעסטער אָפּרו זײַנער. אפן פּראָ־ספּעקט איז שוין ווידער שטילער. די כוואַליעס מענטשן גאַנצפרי צו דער ארבעט זײַנען שוין איבערגעלאָפן. די טראָליייבוסן פאָרן שוין ליידיק־לעכע. א וואַסער־אויטאָ רוקט זיך איבערן אספאַלט טריט בא טריט, רוקט זיך לענגויס די ארומגעשוירענע קוסטן באַם בולוואַר און באַגיסט זיי.

פלוצעם דערזעט דער דאָקטער, ווי ערגעץ פון דער זײַט, מיסטאָמע פון דער פּושקין־גאַס, טוט זיך א יאָווע ארויס אַן אוילעם יונגוואַרג. יונגיטשקע שילערס און שילערנס, פאַרפּוצט אין די שול־פאָרמעס זייערע.

זיי טראָגן פּאַרלעכווייַז קראַנצן בלומען אין די הענט, שפּאַנען אהער — צום דענקמאָל. זע נאָר, ס'קער אפּאָנעם זייַן א מין יוגנט־טאָג הייַנט!

אזוי־אָ, מיטן דאָקטערשן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם, א נאָך ניט אָפּ־געגאָלטער, א ביסל א צעקנייטשטער, שטייט דער דאָקטער און קוקט, ווי די ייִנגלעך און מיידלעך לייגן פּאמעלעך אויס די בלומען ארום דענק־מאָל. ער קוקט אַף די יונג־צארטע, ווייַסע און טונקעלע טמימעסדיק־ציכטיקע פּענעמער די קינדערס, מאכט בא זיך א כעזשבן, און דער כעזשבן, קלערט ער, שטימט: זיי זייַנען אפּאָנעם אין איין עלטער מיטן געבורט־הויז...

— זייַ אזוי גוט, מיידעלע. אין וואָס זשע פאר א טאָג ביסטו געבוירן געוואָרן?

— ווער, איך? דעם צווייטן יאנוואר. וואָסי דען?

— נו, און דו?

— דעם דריטן סענטיאבער.

— און דו?

— וואָס איז פּלוצעם? ווער זייַט איר?

דאָקטער בערגינער גייט אהיים, קוקט אפּן זייגערל און טראכט, אז ער איז ווערט אין דער היים דעם עמעסן באָרעך־האבע, ער שפּאנט און איז בייז אף זיך: אבי יענעם קאָן ער טאָמיד זאָגן „אָן סענטימענטן“.

איך רוף אוף א פּאָר נאָענטע שכיינים מייַנע.

יאאמויד רעב אלעקסאנדער וולאדימיראָוויטש אבראמאָוויטש. א ייִד אריבער די זעכציק, ניט גאָר קיין הויכער, ניט גאָר קיין מאָגערער, פאר־שטייט זיך א גראָוועער, נאָר האלט זיך נאָך גאָר פייַן, מע קאָן זאָגן, יונג, שטענדיק א פריש־אָפּגעגאָלטער, מיט א פריש־אויסגעפּרעסטן קאָסטיום, מיט גלאנציקע שיך, מאכט אלע גאנצפרי א ביסל גימנאסטיק, היט אליין, די צווי וועגט ביכער אין שטוב זאָלן ניט האָבן קיין שטויבעלע אף זיך, טראָגט זומער א דין העמדל אריבערגעלאָזט „נא וויפּוסק“, א

העמדל מיט קורצע ארבל און מיט צוויי שיינע באקוועמע קעשענעס פון פאַרנט.

ער איז דאָצענט אין דער היגער קאָנסערוואַטאָריע. לערנט סטודענטן כאָכמעס־האמוזיקע. קען זיך אליין טאָן א זעץ אוועק בא דער פיאַנע און דאָס, וואָס ער דערציילט, געבן א ווייַז מיט אלע פישטשעווקעס. די סטו־דענטן ציטערן א ביסל פאַר אבראַמאָוויטשן. זיי ווייסן, אז מיט אבראַ־מאָוויטשן שפילט מען זיך ניט. בא אבראַמאָוויטשן דאַרף מען קענען, וואָס קענען הייסט.

— שאַט נאַר. עפּעס גאַר א היימישע פאַמיליע. ער שטאַמט ניט אמאָל פון די בעלצער אבראַמאָוויטשעס, די פּראָוויזערס?

— ט׳האָט איר זיך קוים פאַרגונען. נעמט עס, פּרייַנט מייַנער, א קאַפּעלע העכער.

— דעהייַנע?

— זאָגט דעם עמעס: פון א נאָמען שאָלעם־יאַנקעוו אבראַמאָוויטש האָט איר געהערט?

— איי, גייט. מאַכט פון מיר ניט קיין לעצאָנעס!

— מאָלט אייַך, אז איך רעד עס גאַנץ ערנסט.

— מענדעלע מויכער־ספאָרים?

— אָן אייגן אייניקל. דער טאָכטער מענדעלעס, נאַדעזשדעס, א זון.

— וואָס רעדט איר?

— דאָס, וואָס איר הערט.

— שאַ נאַר. א טאָכטער, וויאַזוי זשע פּלוצעם ווידער אבראַמאָוויטש?

— הייבט זיך אָן א מייַסע. נאַדעזשדע האָט כאַסענע געהאַט פאַר א שוועסטערקינדל, מענדעלעס א פּלימעניק, וולאַדימיר אבראַמאָוויטש. וולאַדימיר איז געוועזן א וואָיענוראַטש[1]. געפאַלן בא פּאָרט־אַרטור. דאָס יאָסעמל, אלעקסאַנדערל, האָט זיך דערנאָך אופגעכאָוועט אין אָדעס באַם זיידן, בא מענדעלען.

— איי, א שיינע זאַך!

[1] מיליטערישער דאָקטער.

— כאפּט זיך אמאָל אַרײַן צו זיי: פּראָספּעקט מאַלאָדיאָזשי, נומער 22, וועט איר הערן א סאך שיינע זאכן. נישקאָשע, די אבראמאָוויטשעס זײַנען מאכניס־אָרכים.

— אײַ, א שיינע זאך!

איניינעם מיט אלעקסאנדער וולאדימיראָוויטשן רוף איך אוף די אַל־טיטשקע זײַנע, עדיע באָריסאָוונע; זייער טאָכטער, די סאָלפּעדזשאָ־לע־רערן, לענען; דעם אײדעם זייערן — דעם יונגיטשקן געלערנטן פון אונדזער אקאדעמיע — יעפים יאקאָוולעוויטשן, און צום סאָף, די אכט־כאדאָשימדיקע יאנינעטשקע אין קינדער־וועגעלע — מענדעלעס אור־אור־אייניקל.

יאאמויד רעב יאנקל סוועט. א יונגערמאן מיט א פּאָר גרויסע הענט, מיט א פיר־און־פערציקער שוך און מיט גאָר ניט קיין קליינער ביִאָגראַ־פיע. ס׳הייסט, ס׳רעדט זיך נאָר אזוי א יונגערמאן. דורכן זומערדיק־צע־שפּיליעטן העמד זײַנעם קוקט שוין הײַנט גוט ארויס א שטיק גראָוולעך הארץ. און ס׳רעדט זיך נאָר אזוי גרויס. אין בעסאראבער שטעטל זײַנען אפילע די מאָסן געווען אײַנגעשרומפּענע: געוויינלעכע זאכן האָבן אויס־געזען איבערנאטירלעך, גוואלדיק.

— הערסט, אז מע טוט מיך אמאָל א פרעג: ווי קומט נאָכעמס, דעם סאָראָקער טאלמעטוירע־מעלאמעדס ייִנגל אזש קיין שפּאניע? ענטפער איך אזוי — אין טאלמעטוירע האָט מײַן טאטע געקנעלט פּאָסעק מיט ראשע, און אין דער היים, בא די טאנייסים, האָט ער מיט אונדז געלערנט פּראָסטע זאכן... מעגסט עס הערן, כ׳האָב מײַן טאטנס רייד באגעגנט דערנאָך אין א לידל, מיט וועלכן מיר זײַנען געגאנגען קעגן די קוילערס אף די מארשן:

> עלמונדאָ עסטא לענא די לעגרימאָס,
> עלמונדאָ — לענא די דאָלאָר.

„איי, זונעניו, זונעניו. די וועלט איז פול מיט טרערן, די וועלט איז פול מיט וויטעק...“

יאַקאָוו נאַומאָוויטש אונטעריכט אין א טעכניקום „א היימישע זאך“, ווי ער זאָגט, — געשיכטע.

אין א יאַמטעוואָל צי אַזוי זיך, אין א פּאָשעטן זונטיק פֿאַרנאַכט, אַז סע קומען זיך צונויף צו יאַנקלען, אין זײַן „דירע־מעלוכע“ אפֿן פּראָ־ספּעקט, כאַווײרים — אינטערבריגאַדניקעס, און מע הייבט אָן ציִען זיכרוינעס, מע הייבט אָן היימיש אַרײַנוואַרפֿן אין די רייד „אַסטוריע“, „מאַדריד“, „פּאַריזש“, „וואָלגאָגראַד“, „עלבא“, דערוואַרעמט זיך יאַנקל אי פֿון דער ביִאָגראַפֿיע זײַנער, אי פֿונעם „פּרעדמעט“, וואָס ער אונטע־ריכט אין טעכניקום. ער הייבט אָן שרײַען צום ווײַב:

— ליובע מײַנע, דערלאַנג שוין אַרויס פֿונעם כאָלאָדילניק!.. זעסטעך, אַז סע קומט אונדז „פּאָווישענע[1] סטיפּענדיע“!..

פֿון איין ביסל „שפּריץ“ ווערט ער פֿריילעך און הייבט אָן אַרומנעמען דעם בעסטן כאַווער זײַנעם — סטיאָפּע מונטיאַנו. מיט סטיאָפּען איז ער דורכגעגאַנגען די שפּאַנישע פֿראָנטן, דעם פֿראַנצויזישן לאַגער און דערנאָכדעם די גאַנצע מילכאָמע, פֿון מאָסקווע ביז בערלין. מיט מונ־טיאַנו רעדט יאַנקל יידיש:

— זיי בריקעווען דאָרט ווידער, די ברוינע העמדלעך, אַ?.. סע פֿעּ־רעט זיי, וואָס יאַנקל נאָכעם דעם מעלאָמעדס לעבט מיט א מערכעץ אין שטוב... אוי, וועלן מיר זיי ווידעראַמאָל אָנרײַסן דאָס לײַב!..

דער אוילעם הייבט אָן זינגען רומענישע דאָפּטאַנע[2]־ניגונים, ייִדישע לידלעך פֿון דער אַמאָליקער „קולטור־ליגע“, שפּאַנישע מאַרשן, רוסישע טשאַסטושקעס. עמעצער איז א באַלן, מע זאָל דאָ־אָ אַרום טיש גיין א וואָלעך. יאַנקל לייגט אַרויף א גרויסע צעוואַקסענע האַנט אַף מונטיאַנוס אַקסל:

— סטיאָפּקע... ברודער מײַנער!..

יאַמויד רעב מוישע פּאַלאַטנער. א שנײַדער בען שנײַדער. קער מיר

---

[1] געהעכערטע.
[2] דאָפּטאַנע — א טפּיסע פֿאַר פּאָליטאַרעסטירטע אין דער געוועזענער באָיאַרישער רומעניע.

אָן, דורך א שוועסטער זייַנער, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט יעכילֿיק מייַן מומע כונקיעס, א שטיקל קאָרעוו, א מין מעכוטן. וווינט אין א גרויס בלאָק־הויז אפֿן פּראָספּעקט, פּונקט קעגן מיר, פענצטער מאַמעש קעגן פענצטער. פאַרנעמט אפֿן דריטן שטאָק א דירע פון צוויי צימערן, מיט א קיך, מיט א וואַנע־צימער, מיט א באַלקאָן אין דרויסן און מיט אַלע אַנ־דערע זיבן זאַכן. רעדט אָפטמאָל — איבערנעמעריש, כיינדלענדיק זיך — הייזעריקלעך־ברייט, אַף א ברוסט־שטימע; וואַרפט מיט די הענט, היצט זיך, רייַבט זיך מיט די דאַרע שנייַדערשע שפּיץ פינגער זייַנע די שטע־כיקע באָרד; הייבט טאָמיד אָן די רייד מיט א „שאַ, וואָס דאַרפט איר מער?״

ער אַרבעט טאַקע דאָ, אפֿן פּראָספּעקט, בא דער האַנט, אין „מענער־ און דאַמען־אינדפּאָשיוו״, אָדער אין „אַטעליע מאָד״, ווי דער דאָזיקער „אינדפּאָשיוו״ וועט אינגיכן אין דער נייַער געבייַדע, וווהין ער פירט זיך הייַנט־מאָרגן איבער, הייסן.

כ׳האָב זיך ליב אַמאָל אַרייַנכאַפּן צו מוישען אין אַטעליע. כאַוועַר מוי־שע זיצט טאָמיד ערגעץ אין א ווינקל, אויבן אַף אַן עק טיש, זיצט טערקיש פאַרלייגט אונטער זיך די פיס, מיט אַן אויסגעסטריגעוועט פּידזשאַקל אַף די קני. ער ווייסט שוין, אַז איך קום נאָך „מאַטעריאַלן״. זייַטלדיק טוט ער א נעם דורך מיט די אויגן די ניי־מאַשינען, די פּרעסערנס, דעם צו־שנייַדער באַם לאַנגן טיש, דערזעט א הויזן־נייערן מיט א הויכער הייַנט־צייַטיקער פריזור, מיט א דין־דורכזיכטיק ניילאָן־קאָפּטל און טוט א געשריי:

— ליודאַ... פּאָוועַרניס, פּאָזשאַלוסטע!..[1] נו, ס׳א שנייַדער־מיידל?.. ס׳א באַסמאַלקע איז עס!

ליודע רויטלט זיך. זי ווייסט ניט, צי מיינט ער גוט, דער כאַוועַר פּאַלאַטנער, צי מיינט ער ניט גוט. זי פאַרענטפערט זיך, אַז ס׳איז דער־פאַר, ווייַל גלייַך פונדאַנען גייט זי אין דער אָוונט־שול אַף די לעקציעס,

---

[1] קער זיך אום, איך בעט דיך.

כוץ דעם דארף מען דאָס קאָפּטל פּאָשעט אָפּטראָגן. ווער טראָגט נאָך הײַנט אַזעלכע נײַלאָנענע קאָפּטלעך?

מוישע שרײַבט װײַטער:

— איי, קליימאַן, דערציילט זיי די מײַסע מיט דער קאַץ!

קליימאַן, א רויטלעכער, מיט א פּאָר הויך־פּארקאַטשעטע ארבל אַף די קלײַנדיקע הענט, פאַראַרבעט, א קני איבער א קני, א טעשל. ער טוט קאָסע א קוק צו מוישען איבער די ברילן אַריבער:

— סע ניט קיין מײַסע מיט קיין קאַץ. ס׳א מײַסע מיט ניט שלאָפן!

— זאָג איך דאָך. ווי דו פלעגסט מעקאנע זײַן די קאַץ, וואָס זי שלאָפט און דו שלאָפסט ניט. דערציילסט, אניט דערצייל איך.

די מײַסע קען איך שוין. מוישע האָט זי מיר שוין געהאַט דערציילט. מיילע, עסן א קרענק, ניאַנטשען דער באַלעבאָסטעס דאָס קינד, טראָגן די פּאַמאַיניצע. נאָר גאַנצע מעסלעסן ניט שלאָפן? וואָכנװײַז, פון כאַלע־מויעד סוקעס ביז כאַלעמויעד פּייסעך, פיר באַנאַכט זיך געלייגט און פינף פּאַרטאָג אופגעשטאַנען...

— אוי, מאַמע, אז איך פלעג צוגיין צום פּריפּעטשיק צעבלאָזן אַן אײַיזן און א קוק טאָן, ווי די קאַץ ליגט אײַנגעגניורעט און כראָפּעט... פרעגט שוין בעסער ניט!

— הײַנט שלאָפט ער פּאַר דעמלט אַף די קאָנצערטן... יאָ, יאָ. ער גייט, קליימאַן, אַף אַלע סימפּאָנישע קאָנצערטן, גייט ער.

— כ׳גיי... די קינדער שלעפּן, גיי איך...

— אָט־אָט־אָט! שאַ, וואָס דאַרפט איר מער? נעמט אים־אָ, גאַרבערן, ווען וואָלט אַזא פאַלגע געקאָנט לערנען א יינגל אַזש אין מאָסקווע, אין... ווי רופט זיך דאָס אין מאָסקווע אָן, א, גאַרבער?

דאָס וואָרט „פאַלגע“ פאַרדריסט א ביסל גאַרבערן, נאָר דער זון אין מאָסקווער גלאַזונע אוניווערסיטעט וועגט איבער אַלע פאַרדרוסן. ער טוט זיך א גוידער, גאַרבער:

— אין עמגעו!.. אז מע ווייסט ניט, לאָזט מען א צווייטן רעדן!

— וואָס דאַרף איך נאָך וויסן? זאָלן שוין אונדזערע קינדער וויסן.

— מיט זכוס־אָוועס, הייסט עס, א לעבן, א?

— איך, זאָגט ער, ווייס ניט. נעוועזשדעו[1], מע דארף זאָגן זכוס־באָנעס, ניט קיין זכוס־אָוועס!..

א מענטשל מיט א שוואך, וואַכעדיק קעלכל טוט פון ערגעץ א קרעכץ:

— בע, א שניידער איז געבליבן א שניידער...

מוישע ווארפט מיט די הענט, היצט זיך:

— שימען־עליע שמא־קויליינ[?]! וואָס דען האָסטו געוואָלט? א מיניס־טער ווערן? אז די גאנצע וועלט וועט זיין מיניסטערס, ווער זי גיין נאַ־קעט, הערסט.

עמעצער טוט א זאָג:

— שא, מוישע, דערצייל בעסער, וויאזוי דו ביסט ארײַנגעפאָרן קיין בערלין אף א פערד־און־וועגעלע.

מוישע לאָזט זיך ניט שפּײַען אין דער קאשע:

— אָבער איך בין ארײַנגעפאָרן, א, כ'בין ארײַנגעפאָרן!..

מאָנטיק, ווען מוישע איז „וויכאָדנאָי", זע איך אים א פּאָר מאָל דורכ־דרייען זיך לעבן קינדער־אוניווערמאג, וואָס מע האלט דאָ אפן פּראָ־ספּעקט, בישכיינעס מיט אונדז, אין ארויסענדיקן. ער כאפּט א קוק, וואָס מע האָט פאר דער וואָך אָפּגעטאָן, זאָגט מעווינעס, רוקט דייעס, מישט זיך, ווי ער וואָלט, לעבאל־האפּאָכעס, געוועזן דער „זאקאזטשיק"[2]. א ביי־כיקער גלעזער מיט א דימענטל צווישן די ציין זעט אויס צווישן די הויכע, שפּיגלדיקע טאפּליעס גלאָז פארצענפאכיקט־בײַכיקער, ער מעסט, סאָפּעט, רעכנט, און מוישע רעכנט אים נאָך, גיט אים אייצעס, וויאזוי די וויטרינעס „צוצושנײַדן" באלעבאטישער. דער גלעזער צעפּינעט זיך:

— גוואלד געשריגן. וואָס האָט זיך דער מענטש צוגעטשעפּעט צו מיר?

נאָר מוישע פאלט באַ זיך ניט אראָפּ, שטייט אף זײַנס, דערווײַזט.

— שא, וואָס דארפט איר מער...

---

[1] אמאָרעץ.
[2] באשטעלער.

...פרי־פרי קאיאָר זשומען אף די יונגע ליפּע־צווײַגלעך, זשומען און צוויטשערן, וועקן מיך אוף פריילעכע מאכנעס פײגעלעך.

שפּעט אין אָוונט בין איך מעקאַנע די פּאָרלעך פארליבטע, וואָס זיצן אונטער די בלעטערדיקע דעכלעך אף די בענק פון בולוואר און קושן זיך.

דאָס זײַנען ייִנגלעך און מיידלעך פון דער בוי־צוזאמענווײַנונג אפן פּראָספּעקט. א גאנצן טאָג שטייט מען אף רישטעוואניעס, זיצט מען ערגעץ הויך־הויך אין א הייבקראַן־שטיבל, פירט מען עקסקאוואטאָרס, פּײַלט מען, הובלט מען, פארבט מען.

אף די בענק רוען זיך אָפּ אלטע לײַט, פּענסיאָנערן. א געוויינלעך, פארנאכטיק ווינטל פרישט זיי אָפּ די אויסגעהאָרעוועטע פּענעמער זייערע. א געוויינלעך ווינטל — און ס'האָט אלע טאַמים. אוי, ווילט זיך, עס זאָל נאָך לאנג־לאנג אזוי גלעטן און פרישן.

קליינוואַרג ארום־און־ארום גוגערט ארויס פון די וועגעלעך, פּיל־דערט, יאָגט, פליט אף וועלאָסיפּעדן, קערט וועלטן אין די אָנגעשאָטענע זאמד־קוואדראטן, „ארבעט“, לויפט, ראַשט.

לויפט, קינדער. לויפט אין די שיינע קומענדיקע יאָרן ארײַן. און פארגעסט ניט אין אונדז. נעמט אונדז אויך מיט...

1964

יויסעף קערלער

אוראלער מאָזאיִק

אִיך וואָלט וועלן, מײַן כאַווער, דיך פירן איבער דער שטאָט סווערדלאָווסק און אירע אומגעגנטן. א שיינע, א גרויסע שטאָט. זומער, זאָגט מען, איז דאָ גאָר א פראכט. מע האָט, ווײַזט אויס, אין זינען די אוראלער עטוואָס צוגעלאָשענע זומער־פארבן, די טונקל־גרינע אלייען און סקווערן, די גרויסע שטאָטישע סאזשלקע, וועלכע הוידעט זיך, ווי א פרוזשינע, שווענקענדיק די גראניט־ברעגן.

מיר האָט זיך אָבער פארגעדענקט סווערדלאָווסק אזא, ווי איך האָב די שטאָט געזען צום ערשטן מאָל, דאפקע ווינטער. און אזא האָט זי בא מיר שטארק נויסע־כײַן געווען. ס׳מאכט ניט אויס, וואָס דיביימער אין

די סקווערן זייַנען אָנגעטאָן אין זילבערנע פעלצלעך — די סאָסנעס און יאָדלעס זייַנען דאָך בעמיילע גרין.

כ׳וואָלט דיך, מייַן כאַווער, געפירט פארבייַ דעם ליכטיקן לעניןפראָספעקט, ווו אין דעם שטראָם פון הייַנטצייַטיקע זוניקע געבייַדעס פארלירן זיך נעבעכדיק עטלעכע אומגעלומפערט־געצאַצקעטע „אָסאָבניאקלעך" — דאָס געוועזענע אייגנטום פון די בארימטע לעבנס־פארשווענדער, די גאָלד־ און אייַזן־מאגנאטן פון אוראל. וואָלסט צוזאמען מיט מיר געזען, ווי שנעל־שטייַגנדיקע נייַבויונגען גרייַפן אָן אף די איינשטאָקיקע הילצערנע לאָמע געסעלעך — די לעצטע רעשטן פונעם אלטן פראָווינציעלן יעקאטערינבורג.

כ׳וואָלט דיך עפשער אוועקגעפירט ווייַט פון צענטער, אינעם פרעכטיקן שטעטל פאר סטודענטן און פראָפעסאָרן פון די סווערדלאָווסקער טעכנישע הויכשולן. דאָס דאָזיקע שטעטל שנייַדט איבער א ברייטער אספאלטירטער שאָסיי. דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי די אמאָליקע טרויעריק־בארימטע „וולאדימירקע". הייַנט איז דאָס א פריילעךבאלעבטע מאגיסטראל, וועלכע פארבינדט מיטלרוסלאנד מיט די אינדוסטריעלע צענטרען פון אוראל, סיביר און ווייַטן מיזרעך.

אמאָל איז „וולאדימירקע" געווען א וועג פון בלוט און טרערן. דורעס רעוואָליוציאָנערן זייַנען געטריבן געוואָרן אין קאנדאלן דורך אָט דעם טראקט אף דער צארישער קאטאָרגע. געדענקסט לעוויטאנס בילד „וולאדימירקע"? — א גרויער־גרויער הימל, א ווייַטער פוסטער שליאך, קיין לעבעדיקער נעפעש... נאָר ס׳דאכט: אין דער לופטן טראָגט זיך דאָס קייטן־געקלאנג...

מיר וואָלטן ארייַן מיט דיר אינעם סקווערל, וואָס אינמיטן דעם שייַנעם טעאטער־פלאץ, זיך אָפגעשטעלט לעבן דעם דענקמאָל, פון וועלכן ס׳גייט אונדז אנטקעגן א באגייַסטערטער יאקאָוו סווערדלאָוו.

סווערדלאָווסק — איינע פון די גרעסטע סאָוועטישע שטעט — איז אף צענדליקער קילאָמעטער ארומגערינגלט מיט גיגאנטישע מאשינבויערישע און מעטאלורגישע זאוואָדן. אוואדע וואָלטן מיר געדארפט זיך ארייַנכאפן אויך אהין. נאָר דער פארמעסט ארומצופירן דיך, מייַן פרייַנט,

איבער גאַנץ סווערדלאָווסק וואָלט געוועזן צו גרויס און צו געוואַגט פֿאַר מײַנע באַשיידענע קויכעס. האָלעווײַ זאָל זיך מיר אײַנגעבן צו באַשרײַבן דיר ניט מער ווי איין זאַוואָד, און ניט אַזוי דעם דאָזיקן זאַוואָד, ווי באַזונדערע צעכן. און ניט אַזוי די דאָזיקע צעכן, ווי די מענטשן, וועלכע מיִען זיך דאָרט.

און פֿירן דיך ווילט זיך מיר, מײַן פֿרײַנט, צו די דאָזיקע מענטשן דורך איינער אַ פֿאָליאַנע אין דער געדיכטער טײַגע, וואָס מיט איר איז רײַך אוראַל נאָך ביז הײַנטיקן טאָג.

כראָמצאָווס מאַלכעס

...ווילדע, געדיכטע אוראַלער טײַגע. פֿיכטע, צעדער און סאָסנע, ווי־ניט־ווו געמישט מיט אויסגעצויגענע ווײַסע בערעזקעס. טיפֿער אין וואַלד, געדיכטער די טונקלעניש. באַהיט זאָל מען דאָ זײַן פֿון בלאָנדזשען, ניט וויסנדיק קיין סטעזשקע! שטורעם־בראָך — געפֿאַלענע ביימער — פֿאַרשטעלן דעם וועג. זומפּן, טאָרף־בלאָטעס טשאַטעווען אײַך אײַנשלינגען. הונגעריקע וועלף זײַנען דאָ אויך ניט קיין זעלטנהײַט.

טיף אין וואַלד — אַ שטיבל. דאַפֿקע ניט אַף קיין „הינערשע פֿיסלעך": דיקע קלעצער, פֿעסט געשלאָסן איינער אין צווייטן, די פֿאַררייניקונגס־שפּאַלטן — באַלעבאַטיש פֿאַרשטאָפּט מיט וואַלד־מאָך. דאָ וווינט דער וואַלד־שומער איוואַן כראָמצאָוו. אַ דוירעסדיקער אוראַלער פּויער, האָט ער ליב די טײַגע און קען זי מיט אַלע אירע פֿאַרוואָרפֿענע שטעגלעך און אומוועגן, מיט אירע פֿאַרבאָרגנסטע, פֿון קיין מענטש ניט באַטראָטענע ערטעלעך.

בראַקאָניערן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט אומגעזעצלעכן יאַגד, באַווײַזן זיך ניט אַהער. זיי מײַדן אויס „כראָמצאָווס מאַלכעס". פֿון אָט דעם „בערדיקן טײַוול", ווי זיי רופֿן אים, איז שווער זיך אויסצובאַהאַלטן, און אַ האַנט האָט ער אויך אַ פֿעסטע!

א שטרענגער וואלד־היטער איז איוואן כראָמצאָוו. אָבער קיינער ווייסט ניט אזוי גוט, ווי זײַן פּינפּיאָריק זונעלֿע סאשע, סארא טײַערער מענטש דאָס איז! וויפֿל ווונדערלֿעכע מײַסעלֿעך וועגן די אוראלֿער וועלֿדער און בארג־אויצרעס דער פֿאפּאניע קען דערציילֿן. אָן אנדערשמאָלֿ דארף מען אים אפּילֿע ניט בעטן...

וועגן די פֿייגלֿ און כײַעס פֿון דער טײַגע רעדט ער שטענדיק אין גוטן מוט, מיט א שמייכלֿ צווישן די העלֿבלֿעך־געדיכטע באָרד און וואָנצן. און ניט נאָר דער האָז צי די וועווערקע — אפּילֿע דער שרעקלֿעכער וואָלֿף ווערט דיר עפּעס היימיש, אזוי ווי דאָס הינטלֿ טרעזאָר...

נו, און ווער ווייסט נאָך אזוי, ווו ס׳זײַנען באהאלֿטן די גרעסטע און שענסטע שוואָמען? ווו ס׳וואקסן די געשמאקסטע יאגעדעס? צו וועמען „גייען" נאָך אזוי די פֿיש, בעשאס מע פֿארווארפֿט די נעץ אין סאזשלֿקע?

און וואָס קען ער ניט, דער טאטע? — א טעסלֿיער, א סמאָלֿע־ברענער איז ער. ער קען אויך אויסלֿייגן אן אויוון, פֿאריכטן א שוך. פֿײַפֿלֿעך שניצט ער — איז קיין שענערס אף דער וועלֿט ניט צו קריגן!

איינמאָלֿ האָט דער פֿאָטער ארויסגעפֿירט סאשען אף א זוניקער פֿעלֿד־לֿאָנקע, ארומגערינגלֿט מיט וואלד.

— עטלֿעכע וויאָרסט פֿונדאנען, — האָט ער א ווײַז געטאָן מיט דער האנט, — איז א גרויסע שטאָט פֿאראן. האָסט דאָך געהערט, — יעקאַ־טערינבורג האָט זי אמאָלֿ געהייסן. א שטאָט פֿון ארבעטסלֿײַט... איז אָט, אף דער פֿאָלֿיאנע, וואָס דו שטייסט איצט אף איר, פֿלֿעגן בעשאס דעם צאר זיך צונויפֿזאמלֿען ארבעטער. שטילֿ, געהיט פֿון די זשאנדארמען, האָבן זיי דורכגעפֿירט די ערשטע מאיאָווקעס... אלֿיין סווערדלֿאָוו, דער־ציילֿט מען, פֿלֿעגט אהער קומען. א גרויסער מענטש געווען. לֿענין האָט אים אהער געשיקט. פֿארגעדענק די דאָזיקע פֿאָלֿיאנע, סאשע!.. סווערד־לֿאָווס פֿאָלֿיאנע.

און כאָטש סאשע האָט נאָך דאן וויי‌ניק־וואָס געקאָנט באנעמען פֿונעם טאטנס רייד, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אָפּגערופֿן אין זײַן קינדערש הערצלֿ מיט א פֿאָרכטיקן ציטער.

אלעקסאנדער איוואנאָוויטש

— גיי געפין אצינד די פּאָליאנע! — טוט א שטילן שמייכל אלעק־סאנדער איוואנאָוויטש כראָמצאָוו. — עפשער גראָד אין א ווינקל פון אונדזער צעך, — באוויַיזט ער אף די פילרייִקע גראַנדיָעזע אגרעגאטן, וועלכע פארשלינגען דעם ראכוועסדיקן רוים פון דער געביַידע. — עפּ־שער דאָ, צי עפשער מיט א צען—צוואנציק צעכן וויַיטער... גיי געפין אצינד דאָס אָרט!

שטאָלץ קלינגען די ווערטער „גיי געפין“. ס'איז אָבער אויך ניט שווער צו דערשפירן אין זיי באדויערונג: עס וואָלט ניט געשאדט פונ־דעסטוועגן צו וויסן דאָס אָרט...

נאָר אזוי האָט זיך דאָס שוין אין לעבן געמאכט:

...1928. אפן רוף פון דער פּארטיי צו בויען „אוראלמאש“ — איינע פון די ערשטע באזעס פון דער סאָוועטישער שווערער אינדוסטריע — האָבן זיך א לאָז געטאָן יונג און אלט: הייסע קאָמיוגיסטן לויט די פּוּ־טיאָווקעס פון קאָמסאָמאָל, ווערבירטע בערדיקע ערדגרעבער און טעס־ליערס פון וויאטקע, אירביט, קאָסטראָמא... געקומען זיַינען אוקראַיִנער און טאָטערן, וויַיסרוסן און באשקירן... אויך יִידישע יונגעליַיט און מייד־לעך, — ווער דורכן קאָמיוג און ווער דורכן קאָמזעט, — האָבן זיך אריַינ־געגאָסן אין אָט דעם רוישיקן שטראָם פון בויער־ענטוזיִאסטן...

און דעמלט האָט דער טריַיער וואלד־שוימער זיך געמוזט געזעגענען מיטן היימישן ווינקל. „כראָמצאָווס מאלכעס“ האָט שוין ניט באדארפט קיין היטער... פריַי און פריילעך האָט מען דאָ געוואלגערט הונדערטיאָ־ריקע ביימער, געקאָרטשעוועט די טיַיגע, געגראָבן קאָטלאָוואנען פאר די קומענדיקע זאוואָד־קאָרפּוסן, געבויט ערדשטיבלעך און באראקן צוליב דער ערשטער אויסקומעניש... אין די נעכט האָבן קנאקנדיק געפלאקערט שיַיטערס און הילכיקע לידער האָבן פארהילכט דעם ארום — פאר־בענקטע און האָפערדיקע לידער אף אלערליי לעשוינעס...

וועטעראנען פארמאָגן א גוטן זיקאָרן. די ערשטע בויער פון „אוראל־מאש“ געדענקען נאָך די איצט אומגלייבלעך־פּרימיטיווע „טעכניק“ באַם

שאפן איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריִעלע וועלט־גיגאנטן: א טאטשקע, א זאסטעפּ, א האק, א זעג. און דריקער — מענטשן־שוויס. זומער, ווען דער אומראכמאָנעסדיקער גנוס פליט אָן כמארעסווייַז פון די דערבייַיִקע זומפן, ווינטער — אין די אוראלער פרעסט, ווען פייגל פאלן טויט און עס פלאצט די קאָרע פון בוים, האָט מען ניט אָפּגעשטעלט די ארבעט. ניט אלע זייַנען געווען ענטוזיִאסטן. געשטערט אין דער ארבעט האָבן מענטשן, וועלכע זייַנען געקומען אהער, קעדיי פארדינען א לייַכטן רובל, געשטערט האָבן די, וועלכע האָבן ניט געגלייבט אין דער סאָציִאליסטישער בויונג. געווען זייַנען אָפענע סאָנים. באלעגופים, אנטלאָפענע פון דער קאָלעקטיוויזאציע, האָבן געפירט ווייַט ניט קיין „קאלטע מילכאָמע“ קעגן פארטייער, קאָמיוגיסטן און אקטיווע בויער. געווען איז אלץ: הונגער, קעלט און פארצווייפלטע שיסערייַ פון באלעגופישע „אָברעזן“... וועטעראנען פארמאָגן א גוטן זיקאָרן. אלטע ארבעטער האָבן פארגעדענקט די מינדסטע געשעעניש אין דער געשיכטע פון „אוראלמאש“, ווייַל זיי איז דאָ אלץ ליב און טייַער, אלץ האָבן זיי אויסגעקעמפט מיט די אייגענע הענט און מיטן אייגענעם הארצן.

און כאָטש ס'איז געוויס ניט געווען קיין געשעעניש דאָס, וואָס אין די דרייַסיקער יאָרן האָט זיך אין איינעם א צעך פון „אוראלמאש“ באוויזן דאָס בלאָנד־צעפּאטלטע זעכצניאָריקע יאטל סאשע כראָמצאָוו, זייַנען דאָך פאראן מענטשן, וואָס האָבן פארגעדענקט די פארוווּנדערט־אופגעריסענע אייגלעך פון אָט דעם דאָרפישן באָכערל. דער „פּאבזייַעץ“ (אזוי פלעגט מען דאן רופן די שילער פון פאבריק־זאוואָדישע שולן) האָט זשעדנע אייַנגעזאפּט אין זיך דאָס אלץ, וואָס האָט לעכאטכילע ארויסגעריסן בא אים א היספּייַלעסדיקן אויסרוף:

— Вот это здорово!

...אינעם צעך, ווו עס ווערן באארבעט מעכטיקע קנופּ־טיילן צו וואלץ־געשטעלן און בלומינגען, שטייט, צווישן אנדערע, אן אוניקאלער אגרעגאט — א שניצער פון ציינער פאר א טרייַב־ראָד. אזעלכע זייַנען פאראן געציילטע אפילע בא אונדז אין לאנד. דאָ ווערן באארבעט פילטאָניקע

דעטאַלן מיט א דיאַמעטער ביז 6 מעטער. אַף זײַן קאָלאָסאַלער אויבער־פֿלאַך קאָנען געשניצט ווערן ציינער פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמען — גלײַכע, דיאַגאָנאַלע, ענלעכע אַף א יאָדלע־צווײַגל און נאָך מער קאָמפּליצירטע. בא אָט דעם אגרעגאַט ארבעט די בריגאַדע פֿון קאָמוניסטישער מי, מיט וועלכער עס פֿירט אָן דער דעפּוטאַט פֿונעם סאָוועטישן פּאַרלאַמענט — אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש כראָמצאָוו.

כראָמצאָוו האָט פֿאַרענדיקט א טעכנישע מיטלשול און איז דערבײַ ניט אוועק פֿונעם זאַוואָד. ער האָט איינער פֿון די ערשטע פֿאַרשטאַנען, אז זײַן פֿאַך פֿאָדערט ניט בלויז פּראַקטישע געניטקײַט, נאָר אויך טיפֿע טעאָרעטישע קענטענישן. איצט קאָן מען שוין אַפֿן „אוראַלמאַש" אָנ־ציילן הונדערטער ארבעטער מיט ספּעציעלער מיטלער און אַפֿילע הויכער בילדונג.

— ווו נעמט איר אזויפֿיל צײַט? — פֿרעג איך בא אַלעקסאַנדער איוואַ־נאָוויטשן. — אַליין זיך לערנען, יענעם לערנען, זײַן א בריגאַדיר, א דעפּוטאַט...

— צײַט? — פֿאַרקלערט ער זיך. — יאָ, ס׳איז טאַקע א דעפֿיציט ארטיקל... נאָר מיילע, אז עס קלעקט ניט קיין צײַט, באָרגט מען באַם מאָרגעדיקן טאָג. ניט אומזיסט פֿאַרענדיקן מיר שוין האַיאָר דעם זיבנ־יאָריקן פּלאַן. ווי מיינסטו, קראַסנאָגאָר? — ווענדט ער זיך צום טאָקער פֿון שכײַנישן אגרעגאַט, וואָס איז פּונקט אין דער מינוט צוגעגאַנגען צו אונדז.

אוראָם קראַסנאָגאָר

ווײַט פֿון אוראַל ליגט דאָס אוקראַינישע שטעטל שעפּעטאָווקע. דאָרט וווינט אן אַלטע מאַמע, רייזע קראַסנאָגאָר. שטיל, אָן טומל. וואָס דאַרף, מישטיינס־געזאָגט, אן אַלטע מאַמע? מיט איר פּענסיע קאָן מען זיך יאַקאָס דורכלעבן. מע דאַרף כאָלילע ניט אָנקומען צו די קינדערס לאַסקע. כאָטש אַף די קינדער איז ניטאָ זיך וואָס צו באַקלאָגן. מע פֿאַרגעסט זי ניט, די אַלטע מוטער. אוראַל קלאַפּט זיך אין די נידעריקע פֿענצטער פֿון איר

שטיבל מיט קורצע אײַליקע בריוולעך פון אירע זין. פיר זין האָט זי דאָרט, פיר אַדלערס. דער יינגסטער, לייזערל, צעשפּרייט ערשט די פליגל. ער לערנט זיך דערווײַל אין אינסטיטוט. נו, און לייבעלע, ליאָווע? אָ, זײַנע פליגל טראָגן אים שוין הויך, אין די ווײַטע הימלען. א פליִער איז ער, און ניט קיין פּאַשעטער — א „ליאָטשיק־איספּיטאַטעל"! ער פּרוווט אויס די נײַסטע מאַטאָרן. דאפקע געוועזן א שטיל קינד, קיין פליג אף דער וואנט ניט פארטשעפּעט. דערפאר איז רייזע טאקע רויִק. אזוינס וועט ניט גיין גלאט אזוי אײַנשטעלן דאָס לעבן, אַנטאָן דער מאמען צאָרעס...

יאנקעוו איז שוין גאָר א סאָלידער מענטש, און די ארבעט, ווײַזט אויס, איז בא אים אויך א לײַטישע — א הויפּט־מײַסטער איז ער אף א טורבינען־זאוואָד. שלאָפן שלאָפט זי, די מאמע, ניט קיין נעכט דאפקע איבערן עלטסטן — אוורעמלען, ווײַל ער איז א היצקאָפּ. וואָס זשע, זי געדענקט ניט, וואָס פאר א „מאמזער" דאָס איז געווען?.. גאנץ שעפּעטאָווקע איז געגאנגען מיט אים כאָדאָראָם, אלע שויבן האָט אויסגעזעצט זײַן פוטבאָלנע קאָמאנדע!.. איצט שרײַבט ער בריוו, ער און די שנור, אז די מאמע זאָל זיך איבערקלײַבן צו זיי. „גענוג שוין, שרײַבט ער, צו לעבן עלנט אין שעפּעטאָווקע, ווען אלע קינדער זײַנען אף אוראל"... אָט פליט זי טאקע! זי קאָן באשטייִן, די קינדער זאָלן קומען צוגאַסט צו איר. וואָס וועט זי דאָרטן טאָן? זיך ניאַנטשען מיט די אייניקלעך? („מיר פאר זיי, איר מעגט שוין א קוק טאָן").

ערשט ניט לאנג האָט זי באקומען א מאָדנע בריוו פון אוורעמלען.
„מאמע, — זאָגט ער איר אָן מאָלע־סימכע, — זײַ וויסן, איך בין א מאיאק!.."

— אוואָס איז ער?..

מאיאק! — לײַכטטורעם, — אזוי רופט מען אָן אין פאָלק די פאָרגעשרײַטענע מענטשן פון אונדזער אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט. א מאיאק איז דער, וואָס באלײַכט מיט זײַן מי און לעבן דעם וועג פאר צענדליקער אנדערע. ארבעטן און לעבן קאָמוניסטיש באטײַט ניט סתּם שפּאנען פאָרויס, נאָר ציִען נאָך זיך די הינטערשטעליקע, זיי זאָלן דערגרייכן די זעלבע הייך, וואָס דער מאיאק.

אבראַם סאַמאָילאָוויטש קראַסנאָגאָר איז איינער פון די דאָזיקע פאַר־געשריטענע לײַט. פון זײַנע קאַרגע זעקס און דרײַסיק יאָר אַרבעט ער שוין אַ יאָר צוואַנציק באַם טאָקער־ווערקשטעל.

אַ היצקאָפּ איז ער טאַקע, אָבער אַף דער אַרבעט איז ער רויִק. „אַז מע אַרבעט מיט קאָפּ, זאָגט ער, זײַנען די הענט אויך צופרידן".

באַ זײַן ווערקשטעל קאָן מען אָפט זען יונגע יאַטן, זײַנע טאַלמידים־פּראַקטיקאַנטן. ער אַליין שטייט אין אַ זײַט, קלוימערשט פאַרטיפט אין אַ טעכנישער צייכענונג, וואַרפנדיק צײַטנווײַז אַן אויג אַפן טאַלמיד. אַ שילער, ווייסט ער, דערוויסט זיך בעסער די מעלאָכע, ווען מע טרויט אים אָן, ער זאָל זיך שפּירן באַ דער מאַשין מײַסטע פאָלנע באַלעבאָס... שילער האָבן אים ליב דאָס כּיִעס. שטרענג איז ער טאַקע, נאָר די אויגן לאַכן באַ אים שטענדיק. „ארײַנזאָגן" קען ער, ווי אַן אוראַלער, מיט אַלע פּי־שטשעווקעס. ניט מער, מאָדנע ווערטלעך באַ אים. לעמאָשל:

— Тише, не хватать рыбу перед лапшой!

זיי קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, די יאַטן. זיי ווייסן ניט, אַז דאָס ווערטל שטאַמט אַזש פון שעפּעטאָווקע, און דאָרט קלינגט עס אַזוי: „שטי־לער, כאַפּ ניט די פיש פאַר די לאָקשן!"...

אַלע זײַנע שילער זײַנען גוואַלדיקע ליבהאָבער פון כאָקיי, און ס'איז ניט קיין כידעש, ווײַל זייער לערער, זייער מאַיאַק, שפּילט אַליין מיט אַזאַרט אין דער קאָמאַנדע פון זאַוואָד.

אַ גליק, וואָס קיין שעפּעטאָווקע איז עס נאָך ניט דערגאַנגען, אַניט וואָלט אים די מאַמע גוט אויסגעמוסערט:

— נאָך ניט פאַרגעסן די אַלטע שטיקלעך דײַנע?

■

אַ שאַרפער קלונג שנײַדט זיך אַרײַן אינעם ריטמישן גערויש פונעם צעך.

— וואַרמעס! — זאָגט אַ צופרידענער כראַמצאָוו. די העל־בלויע אויגן זײַנע שפּריצן מיט פריילעכקײַט. ער גיט מיר צו פאַרשטיין: — איך האָב ליב אַן איבערײַס אין דער אַרבעט. — נאָך אַ קורצער פּאַוזע טוט ער אַ

פרעג: — איר ווייסט, וואָס אזוינס איז גליק? גליק איז, ווען דו גייסט מיט פארגעניגן צו דער ארבעט און מיט פארגעניגן — פון דער ארבעט! ווי מיינסטו, קראסנאָגאָר?

קראסנאָגאָר קוקט ארײַן אין א צײַטונג, נאָכשפּירנדיק פונוויַטנס, ווי זײַן געהילף שליסט אויס דעם אגרעגאטן־מאָטאָר.

— א? טרעפלעך. זייער טרעפלעך!.. — זאָגט ער פארקלערט.

מיר לאָזן זיך צו דער גאָרקיד. אפן זאוואָד־הויף קומט אונדז אנטקעגן א מאנצבל, אריבער די פופציק. דאָס ארופגערוקטע פוטערנע היטל אנט־פלעקט עטוואָס גראָווע האָר איבער א קלאָרן שטערן. מאנדל־אויגן שמייכלען צו מײַנע באגלייטער:

— גוטמאָרגן, כאווירים!

— גוטמאָרגן, כאַים אראָנאָוויטש!

— דאָס איז ווינאָקורסקי. אונדזערער א קאָנסטרוקטאָר. אן אָפּענער מויעך! — זאָגט מיט דערעכערעץ קראסנאָגאָר.

— איינער פון די ערשטע בויער פונעם זאוואָד, א וועטעראן! — גיט צו כראָמצאָוו.

— א וועטעראן? — כאפּ איך זיך אָן. — עפּשער ווייסט ער עפּעס וועגן סווערדלאָווס פּאָליאנע, וואָס אײַער טאטע האָט אײַך אמאָל געוויזן?

— איך צווייפל. כאָטש פרווט זיך, באקענט זיך מיט אים, ס׳וועט אײַך ניט באנק טאָן...

באַ די ווינאָקורסקים

וועגן ווינאָקורסקין האָב איך זיך אָנגעהערט אָן א שיר. און יעדערער האָט מיך געוואָרנט: טשעפּעט אים ניט, בעשאס ער איז פארנומען מיט זײַנע פּראָיעקטן און אויסרעכענונגען! ס׳הייסט, א מענטש איז ער דאפקע זייער א העפלעכער, א געדולדיקער. ער איז ניט פּייַיק כאָלילע אף קיין גראָב וואָרט, נאָר וויניק־וואָס וועט איר זיך דערשלאָגן אפילע באַ דעם

העפלעכסטן מענטשן, ווען ניט דער קאָפּ — דאָס גאַנצע וועזן זײַנס איז פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען.

אוואַדע איז דער קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן כאַים ווינאָקורסקי ניט קיין קאַבינעט־מענטש, בא וועמען די געדאַנקען שווימען אַרום ערגעץ אין אוילעם־האַטויע, ווײַט פון אונדזער זינדיקער ערד. אַזוינס קאָן פּאַסן ניט געמאָלט זײַן אין די באַדינגונגען פון „אוראַלמאַש“. פונדעסטוועגן איז בעסער ניט אָנרירן אַזאַ מענטשן, ווי ווינאָקורסקי, בײַם דער אַרבעט. דאָס פאַרשטיי איך אַליין גאַנץ גוט. דעריבער טאַקע האָב איך אויסגעקליבן איינעם אַ זונטיק פאַרנאַכט און אָנגעקלונגען דורכן טעלעפאָן כאַים אַראָנאָוויטשן אַהיים.

און אָט זיץ איך געמיטלעך בא די ווינאָקורסקיס אין עסצימער. איך פיל זיך גוט, שײַעך גוט — ווי בא זיך אין דער היים. אוואַדע האָב איך האַנאָע פון דעם שניי־ווײַסן סערוועט אַפן טיש, פון דער גלאָז שטאַרקער טיי. דאָס ביסל אײַנגעמאַכטס פון אוראַלער יאַגעדעס איז אויך טאַמגאַנײַדן, נאָר ניט בלויז אין דעם גייט עס. גלײַך אַף דער שוועל פון דעם דאָזיקן הויז באַגעגענען אײַך די באַלעבאַטים מיט אַזאַ מענטשלעכער צוגעלאָזנקײַט, אַז איר מוזט פון אָנהייב אָן אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אַף „אַלע צערעמאָניעס“ און פירן זיך פראָסט־פּאָשעט, ווי אַ היימישער צווישן היימישע.

זעט אויס, ברײַנע, כאַימס פרוי, איז באַזונדערס צופרידן מיטן מאָסקווער גאַסט, ווײַל, כוץ אַלעם, איז דאָס די בעסטע געלעגנהײַט „אַרויסשלעפּן אים אַ ביסל, כאַימען הייסט עס, פון זײַנע מאַשינעס“.

ווען איך פּרוּוו זיך אויסקלאָרן אייניקע פּראָטים פון כאַימס ביאָגראַפיע, ווײַזט זיך אַרויס, אַז ברײַנע ווייסט זיי בעסער פון אים אַליין.

— כ׳פאַרשטיי ניט, — מאַכט כאַים קלוימערשט מיט פאַרדראָס, — וועמענס ביאָגראַפיע איז דאָס, מײַנע צי דײַנע?

ברײַנע איז, ווי זי זאָגט, „דער זיקאָרן פון דער מישפּאָכע“. מיט כאַימען קענען זיי זיך פון קינדווײַז אָן, שיר ניט געשפּילט צוזאַמען אין זאַמד... זי איז, קאָנטיק, פון יענע פרויען, וואָס טראָגן דעם שווערן אָל פון שטוב־באַלעבאַטישקײַט מיט אַ לויטערן שמייכל אַף די ליפּן. זי באַ־

האלט אויס איר אנציקונג פארן מאן אונטערן שלייער פון קוים באמערק־בארן הומאָר. דאָס ווערט קלאָר, ווען זי הייבט אָן דערציילן וועגן „זײַנע גענג".

— ער קאָן, — זאָגט זי, — אופשפּרינגען אינמיטן דער נאכט און זיך א כאפּ טאָן צו זײַנע קאָנסטרוקציעס... אָדער ווי געפעלט אײַך אזא זאך? א מענטש גייט, דוכט זיך, ארויס, ווי אלע אָרנטלעכע לײַט, אף א שפּאַציר מיטן ווײַב. מיטאמאָל ווערט ער „נעלעם". ס'הייסט, ער איז דאָ, נאָר ס'איז שוין גאָר אן אנדער מענטש. ער איז שוין פארטראָגן אין זײַנע פאָרמולעס און מעסט עפּעס מיט די הענט. שווײַג איך שוין אויך, אן אנדער ברייזע האָב איך? מע מוז צוווארטן, ביז ער וועט אראָפּנידערן צו מיר פון זײַנע הייבקראנען...

רײַע — די טאָכטער, א מיידל מיט א פּאָר גרויסע פארבענקטע אויגן, לאכט. כאיִם לייקנט שטיין־און־ביין:

— זי איז דאָך בא מיר א כויזעקמאכערן! — און רוימט מיר אײַן א סאָד:

— אמאָל איז דאָס גאָר געווען א „ברײַנדעלע־קאָזעק"!

— און איצטער?

— נו, איצטער זײַנען מיר שוין באָבע־זיידע. איר הערט א פּישטשע־רײַ פון שכיינישן צימער? אונדזער אייניקל, ס'וואקסט מיסטאם אויך א מאשינבויער.

כאיִם איז מיסטאם גערעכט, ווײַל, כוץ ברײַנען, זײַנען בא אים אין שטוב סאמע מאשינבויער. ארקאדי איז א קאָנסטרוקטאָר פון וואלץ־גע־שטעלן, זײַן פרוי ארבעט זיך און לערנט זיך אין מאשינבוי־טעכניקום, רײַע ענדיקט האיאָר דעם מעכאנישן פאקולטעט פון פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, ניט לאנג צוריק האָט זי כאסענע געהאט, איר מאן איז אויך אן אינזשע־ניער, נאָר ער ארבעט אציגד ווײַט פונדאנען (אָט ווו עס ליגט אפּאָנעם דער סאָד פון אירע פארבענקטע אויגן!).

א מישפּאָכע פון מאשינבויער! פונוואנען זשע שטאמט זי? כאיִם ווינאָ־קורסקיס טאטע ארן איז געווען א קליינשטעטלדיקער מעלאמעד. א קאפּצן אין זיבן פּאָלעס און, ווי עס פירט זיך בא א קאפּצן, — א מעטופל מיט

קינדער. ער איז פרי געשטאָרבן, די יעסוימים האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זײַטן. כאַים האָט זיך דערצויגן בא אַן אָרעמען פעטער. געקוועטשט די באַנק אין דער ליבאַוויטשער יעשיווע, געגעסן „טעג" און שטילערהייט זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג. בלויז אין 1924 יאָר זיך א ביסל אויסגעלערנט רוסיש און אָפּגעגעבן עקסטערן אַף אכט קלאַסן.

און איצט איז כאַים ווינאָקורסקי באוווסט אַלס איינער פון די שע־פער פונעם שפּאַנענדיקן עקסקאַוואַטאָר, מיט וועלכן עס שטאַלצירט די סאָוועטישע מאַשינבויונג.

שטעלט אײַך פאָר: אין מעשעך פון א מינוט נעמט אָן אָט דער ריזיקער עקסקאַוואַטאָר א גאַנצן באַרג גרונט, הייבט אים אויף אַף דער הייך פון א צוועלפשטאָקיקן מויער און טראָגט אים אריבער אַף 200 מעטער פון קאַריער.

די וואָג פון אַזא מעכאַנישן ערדגרעבער איז, ווי איר שטעלט זיך פאָר, א גאַנץ סאָלידע. און פונדעסטוועגן איז זײַן ספּעציפישער דרוק אַפן גרונט קלענער ווי דער דרוק פון א געוויינלעכן מענטשלעכן פוס. דאָרט, וווּ א מענטש וואָלט קיינמאָל ניט דורכגעגאַנגען, „שפּאַנט" זיך רויִק דער עקס־קאַוואַטאָר.

...כ'פיל מיך גוט און היימיש בא די גאַסטפרײַנטלעכע ווינאָקורסקיס. כאַים אראָנאָוויטש רעדט אינטערעסאַנט און קלוג: וועגן ליטעראַטור און יידישע פאָלקסלידער. אָבער ווען ער הייבט אָן דערציילן וועגן זײַן אַרבעט, קאָן עס רײַע ניט אויסהאַלטן:

— דערציילסט עפּעס, טאַטע, אַזוי וואָכעדיק וועגן זאַכן, מיט וועלכע דו און מיר אַלע לעבן!

— מיר זײַנען דאָך ניט קיין „ליריקער", מיר זײַנען „פיזיקער", מײַן קינד, — וואַרפט ער, ווײַזט אויס, דעם וויץ אין מײַן זײַט.

איך בלעטער ווינאָקורסקיס לעצט־דערשינענעם סאָלידן בוך „מע־טאַל־קאָנסטרוקציעס אין דער מאַשינבויונג".

— כ'מיין, — זאָג איך, — אַז אין אײַערע פּופּצן דערפינדונגס־פּאַ־טענטן, אין אָט דעם בוך און אין דער גאַנצער געשיכטע פון „אוראַל־מאַש" פעלט אויך ניט קיין ליריק...

איך דערצייל אים כראָמצאָווס געשיכטע וועגן סווערדלאָווס פּאָליאַנע, צי האָט ער וועגן דער פּאָליאַנע עפּעס־וואָס געהערט אָדער זי געזען ווען־עס־איז?

אין שטוב ווערט שטיל. ווינאָקורסקי שפּאַנט איבערן צימער, רײַבט זיך דעם הויכן שטערן:

— אף דער טעריטאָריע פון אונדזער זאַוואָד, זאָגט איר? ס'איז וויכ־טיק. אָך, ווי וויכטיק עס איז אויסגעפינען, וווּ עס איז געווען די דאָזיקע פּאָליאַנע...

ער שטעלט זיך האַסטיק אָפּ און זאָגט מיט באַדויערונג:

— ניין, מײַן פרײַנט, קיין וועטעראַן בין איך ניט, ווײַל געקומען בין איך אַהער, ווען „כראָמצאָווס מאַלכעס" — די טײַגע איז שוין פאַר־שוווּנדן... ווייסט איר וואָס? טוט א רעד מיטן „גליקלעכן פּאָרל", ווי מע רופט זיי בא אונדז, — מיטן מײַסטער וואַסילי בעליך און דעם אינזשע־ניער שמועל דוואָרקין. אָט זיי זײַנען טאַקע די עמעסע וועטעראַנען...

— אַוואַדע, — גיט צו ברײַנע. — אויב זיי ווייסן ניט, איז ווער נאָך קאָן וויסן?

באַנאַנד

יעדן טאָג, ווען די אוראַלמאַשאָווצעס לאָזן זיך אין די צעכן, וווּ זיי שאַפן מאַשינעס פאַר אונדזער פרידלעכער אינדוסטריע, גייען זיי פאַרבײַ דעם מערקווירדיקן דענקמאָל פון די מילכאָמע־יאָרן: אף א שוואַרצן גראַ־ניטענעם פעלדז שטייט דער לעצטער טאַנק, וואָס „אוראַלמאַש" האָט אַרויסגעלאָזט צום סאָף פון קריג. אפן פעלדז זײַנען אויסגעהאַקט פיר שורעלעך:

מיט טאַנקען, סנאַריאַדן
און טאַנעס מעטאַל
געהאַלטן האָט הייליק
זײַן שווּע אוראַל.

דאָס האָבן זיי, די אוראַלמאַשאָווצעס, מיט טאַנקען און האַרמאַטן גע־האָלפן צעשמעטערן דעם בראָנירטן פויסט פונעם „דריטן רײַך" — גו־דעריאַנס פּאַנצער־אַרמייען.

בעליך און דוואָרקין געהערן צו די וועטעראַנען פון אַט דער אַרבעט אין די מילכאָמע־יאָרן.

דאָס „גליקלעכע פּאָרל" האָב איך געטראָפן מיטיק־צײַט אין רויטן ווינקל פון צעך. זיי האָבן זיך געראַנגלט באַ אַ פּאַרטיע שאָך. בעליך האָט פּונקט צוגעשפּאַרט דעם קעגנערס קיניג צום סאַמע ווינקל פון ברעט. דוואָרקין האָט פֿײַנלעך געקנייטשט דעם שטערן און אומבאַהאָלפן גע־פּינטלט מיט די געדיכטע געלבלעכע וויִעס. בעליך האָט אויסגעזען גליק־לעך. אַ קוים געצוימטע געלעכטער האָט אופגעטרייסלט זײַן שווערן גוף.

וואַסילי מיכײַלאָוויטש בעליך — אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מענטש אין אַן אַקוראַטער בלויער ספּעצאָוקע. פון דער ברוסט־קעשענע שטעקט אַ שטאַנגענצירקל. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר דוכט זיך, אַז אָט דער מענטש מיט די רויִק־צוגעזשמורעטע אויגן קאָן אַף אַ ווײַל אַ כאַפּ טאָן, וואָס עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט: אַ שווער שטיקל שלאָסער־אַרבעט, עפּעס אַ דעטאַל, אַפילע אַ מענטשן, וועלכן ער זעט צום ערשטן מאָל; אַ כאַפּ טאָן, אַ מעסט טאָן, נײַגעריק באַטראַכטן פון אַלע זײַטן, דער־נאָך פאַרזיכטיק, פאַרקלערט אוועקשטעלן צוריק אַפן אָרט, ס'הייסט: עס איז נאָך דאָ וואָס צו קלערן.

אין שכיינעס מיט וואַסילין זעט שמועל דוואָרקין אויס פון קליינעם וווּקס. זיי זיצן באַנאַנד, און באַנאַנד, קאָן מען זאָגן, האָבן זיי דורכגעמאַכט אַ לעבן, אַ גרויס לעבן.

וואָס נאָך קאָן אַזוי צונויפבינדן צוויי מענטשן, ווי די צוזאַמען פאַר־בראַכטע שווערע באַגײַסטערט־שיינע יוגנט, די קאָמסאָמאָלישע יוגנט פון די צוואַנציקער יאָרן?

— ווער עס האָט געהאַט אַזאַ יוגנט, ווי מיר, — לייגט אוועק בעליך זײַן וואָגיק־צערטלעכע האַנט אַף דוואָרקינס פּלייצע, — דער וועט קיינ־מאָל ניט אַלט ווערן!

— אַלט ווערן? דודקי! — לאַכט דוואָרקין און גיט צו עטוואָס שטי־לער, מיט אַ זיפץ. — אָבער עלטערן מוז מען זיך, מיכאַליטש!..

— וואָס רעדסטו, סאשאָק? (אזוי רופט שמועלן בעליך). דערמאָן זיך נאָר, גוטערברודער, די ערשטע „בעטאַנאָמעשאלקע", וועסטו גלייך ייִנגער ווערן אַף א יאָר עטלעכע און דרײַסיק!

בעשאסן בויען דעם זאוואָד האָבן בא דעם דאָזיקן בעטאָן־מישער צום ערשטן מאָל זיך צוזאמענגעטראָפן דאָס האָמליער באָכערל שמוליק דוואָרקין מיטן אוראלער יאט וואסיע בעליך. דאָס איז געווען אין 1929. באפרײַנדעט האָבן זיי זיך טייקעף, און אפן גאנצן לעבן. צוויי קאָמיוגיסטן מיט איינע און די זעלבע טרוימען, מיט איין און דעם זעלבן דורשטיקהייסן פארלאנג — העלפן וואָס גיכער אויסבויען די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע פונעם לאנד.

און עפשער האָט זיי אויך צוגעצויגן איינס צום צווייטן די ערשט פארלאָזענע, ביז גאָר טרויעריקע קינדהײַט זייערע? ביידע יעסוימים. בא ביידן זײַנען די עלטערן אומגעקומען אין די יאָרן פון הונגער און טיפוס...

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר דאָס דאָזיקע פּאָרל האָט זיך שוין קיינמאָל ניט צעשיידט — צוזאמען געגראָבן קאָטלאָוואנען, צוזאמען אופגעשטעלט די ערשטע צעך־קארקאסן. איצט איז בעליך — א בארימטער מײַסטער אפן „אוראלמאש". די מעלוכע האָט אים באַלוינט מיט א לענין־אָרדען.

און שמועל דוואָרקין? אויך ער איז געוואקסן צוזאמען מיט דער צײַט. די שטאפּלען פון זײַן ארופשטײַג איז גרינג אָנצייכענען אזוי: שלאָסער — בריגאדיר — מײַסטער — הויפּט־מײַסטער — שעף פון באצירק — אינזשעניער־מעכאניקער...

איך הער און הער די לעבנס־געשיכטע פון די צוויי פרײַנט, נאָר מיך לאָזט אלץ ניט צורו דאָס, צוליב וואָס איך האָב זיך געטראָפן מיט זיי.

— צי ווייסט איר ניט, כאווײרים, עפּעס־וואָס וועגן דער פאַליאנע, ווו סווערדלאָוו פלעגט ארויסטרעטן אף געהיימע ארבעטער־פארזאמלונגען?

בעליך האָט מיך פאָרזיכטיק אָפּגעמאָסטן מיט א צוגעזשמורעט אויג.

— מיר ווייסן שוין די געשיכטע.

— כראָמצאָוו האָט זיך אָנגעפרעגט בא אונדז...

— א סאך פאַליאנעס זײַנען געווען אף דעם דאָזיקן אָרט...

— אך, סארא שאַד! — האָט בעליך אזש א קלאַפּ געגעבן מיטן פויסט אין טישל אזוי, אז די שאַך־פיגורן האָבן זיך צעשאָטן. — ניט פארהיט אזא אָרט!

— עפשער איז אזוי אפילע בעסער, — האָט זיך פארקלערט שמועל דוואָרקין, — יעדער איינער קאָן זיך טראַכטן, אז גראָד זײַן צעך, זײַן אגרעגאט שטייט אף יענער פּאָליאַנע.

— ווער זשע וועט זײַן דער גערעכטער? — צעלאַכט זיך בעליך.

— אַלע וועלן זײַן גערעכט. אַלע די, וואָס האָבן ערלעך פארדינט דעם קאָוועד ארבעטן דאָרט, ווו יאַקאָוו סווערדלאָוו האָט גערופן צו פארניכטן די אַלטע וועלט.

פון אַ בריוו

...מײַן ליבער פרײַנט!

האָסט מיסטאָמע באַמערקט, ווי פאַר דעם דאָזיקן בריוו גייען בא מיר פילפּונקטן. ס'איז אַן אָנצוהערעניש, אז מיר האָלטן ערשט אין אָנהייב וועג. אוראַל איז ווי א יאַם. און מיר האָבן דאָ ארויסגעכאַפּט ניט מער, ווי עטלעכע טראָפּנס פונעם יאַם. עמעס, עפשער ניט קיין צופעליקע.

צי געדענקסטו, כאַווער, דעם וווּנדערלעכן אוראַלער סקאַז פון פּאַוועל באַזשאָוו וועגן דער „באַלעבאָסטע פון קופּערנעם בארג"? „די באַלע־באָסטע" — די רײַכע און פארביקע אוראַלער נאַטור — פארשליסט אף זיבן פארקישעפטע שלעסער אירע בערג מיט אוצרעס, אירע שטיינערנע בלומען און אויסטערלישע שיינקײַטן, פאַר די געלטגיריקע, טאַלאַנטלאָזע נעפּאַשעס מיט שטיינערנע הערצער.

זי צעעפנט אָבער גאַסטפרײַנטלעך אַלע אירע סוידעס און רײַכטימער פארן אָרעמען פארכאַלעמטן ארבעט־יינגל, ווײַל דאָס יינגל האָט א גרויס און ליבנדיק מענטשלעך האַרץ.

ווי די אוראַלער נאַטור, אזוי איז אויך דער מענטש אפן אוראַל. אויב דער אוראַלער ארבעטער־מענטש דערשפּירט, אז איר זײַט געקומען מיט א גו־טער קאַוואָנע, איז קיין גרענעץ ניטאָ פאַר זײַן צוטרוילעכער פרײַנטשאַפט.

ס׳האָט באדארפט קומען די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אז די אוראַלער נאטור זאָל גאסטפריַינטלעך צעעפענען אירע אָנצאָליקע אויצרעס פארן לאנד, עס זאָלן א שלאָג טאָן אַלע פארבאָרגענע קוואלן אין דער מי פון די באגאבטע אוראלער „אומעלצעס״ — פאכקענער.

ווען איך זאָג „אוראַלער אומעלצעס״, האָב איך, מיַין פריַינט, אין זינען ניט נאָר די דוירעסדיקע איַינוווינער פון אָט דעם קאנט. אָן אוראלער פאכקענער איז אויך ווילעגזשאַנין — דער איצטיקער הויפּט־טעכנאָלאָג פון „אוראלמאש״, דאָס אמאָליקע שעמעוודיקע באָכערל פון ערגעץ א דערפל הינטער וויאטקע, כראָמצאָווס א געוועזענער שילער.

אָן אוראלער פאכקענער איז דאָס אורייניקל פון די זאפּאָראָזשיער קאזאקן — קאָנסטרוקטאָר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי גריגאָרי כימיטש.

אוראלער זיַינען: דער זון פון ארמענישן פאָלק, דער געניטער קראַנבויער ג. קאראפּעטיאן און דער שעף־קאָנסטרוקטאָר פון דעם וווּנדערלעכן שפּאַנענדיקן דראגליַין, דער זון פון אבכאזיע — באָריס סאטאָווסקי.

עכטע אוראלער „אומעלצעס״ זיַינען אויך די זין און טעכטער פון אונדזער סאָוועטישן ייִדישן פאָלק, וואָס ארבעטן אפן „אוראלמאש״, אזעלכע, ווי דער מארטען־מיַיסטער מייער ברוידע, וואָס פארנעמט זיך שוין עטלעכע און צוואנציק יאָר מיט שטאָלשמעלצונג; דער אלטער אויסגעצייכנטער פרעזעראָווטשיק גורעוויטש און דער יונגער טאָקער־נאָוואטאָר הענעך סאליטאן — אן ארבעטער, וואָס פארמאָגט הויכבילדונג.

ריַיך איז אורא̈ל מיט אַלץ, וואָס דאָס הארץ באגערט. און ריַיכער פאר אַלץ — מיט מענטשן. און כ׳וואָלט וועלן ניט פאָשעט זיי אָנרופן בא די נעמען, נאָר באזינגען זיי אין פּאָעמעס און באשריַיבן אין ראָמאנען.

1962

מאָטל סאקציִער

דער ייִכעס־בוים

אנומלטן אף א קאָנצערט אין היגן פילהארמאָניע־זאל האָב איך זיך באגעגנט מיט א יונגן פאָרפאָלק, באקאנטע מײַנע, ביידע מיט אוניווערסיטעט־צייכנס אין די לאצן. ער — אן ערנסטער, פארטראכטער באָכער מיט א געדיכטער, שווארצער טשופרינע, אף וועמען איך קוק טאָמיד מיט טרויעריקער צארטקײַט, ווײַל ער דערמאָנט מיר מיט אלע פאָסטעמקעס א יוגנט־כאווער, א דיכטער, וועמען כ׳האָב פארלוירן אין א ביטערער צײַט, אין טראגישע אומשטענדן. מישע רופט מען אים אין אינטימען קרײַז, מיכאיל יעפימאָוויטש אין געזעלשאפט. און זי מיט א פארשײַטן, מיידלש־לוסטיקן, אָפלאכערישן בליק, נאָר אין קאָנטראסט דערצו — צוויי פעך־שווארצע געדיכט־פארפלאָכ־

טענע צעפּ, וואָס גליטשן זיך אראָפּ פונעם גלאַט־פּאַרקעמטן קעפּל אַף דער פּלייצע און גיבן איר צו א צנִיִשן כיין, — כאַנע. אנא אבראַמאָווּנא רופט מען זי אפן זאַוואָד, ווו זי ארבעט, כאָטש יעדן גלוסט זיך צוליב איר פאַרשײַטער מיידלש־לוסטיקער יונגקײַט זי רופן פּאָשעט: אַנושקא.

מיר האָבן זאַלבעדריט שפּאַצירט איבער דעם ליכטיקן, נאָך פרישן, נאָך פאַרב שמעקנדיקן פּאָיע און אָנגעקוואָלן פון דעם נײַעם ביניען, וואָס איז ניט לאַנג פּײַערלעך געעפנט געוואָרן.

דער נײַער פּרעכטיקער ביניען האָט אראָפּגעשטופּט און פאַרנומען דאָס אָרט פונעם „עקספּרעס“, אַזוי האָט געהייסן אמאָל דער טעאַטער, וואָס איז אופגעבויט געוואָרן פאַר צירק־פּאָרשטעלונגען. דער זאַל איז געווען א רונדער מיט אן אמפיטעאַטער, לאָזשעס, געפּוצטע מיט לאָרבער־קרענץ און ארומגעקלעפּטע מיט נאַקעטע באַפליגלטע מאַלאָכימלעך, און מיט א באַלקאָן, וואָס האָט געדראָעט זיך אָפּצורײַסן אַף די קעפּ פון די זיצנדיקע אין פּאַרטער. קינדווײַז האָב איך ניט איין מאָל ביגנייווע, די גימנאַזיע־לערער זאָלן מיך ניט באַמערקן, ארײַנגעשמוגלט זיך דורכן שמאָלן, פינצטערן לייטער אפן באַלקאָן. איך האָב ליב געהאַט די קונצנ־מאַכער, וועלכע שלינגען פײַער און שווערדן, די גימנאַסטן אַף די אין דער לופטן הענגענדיקע טראַפּעציעס, איך האָב געקוקט מיט היספּײַלעס אַף דער דינער, שלאַנקער און כיינעוודיקער לייבן־צוימערן, וואָס פלעגט ארײַנשטעקן איר קעפּל אָן מוירע אין די צעפּראַלטע פּיסקעס פון די דזשונגל־קיניגן.

אין דעם זעלבן ביניען איז אויך געווען א שענקל, און קאָרטן־שטיבלעך, און א האָטעל, וואָס האָט געהאַט דאָס פּאָנעם און די רעפּוטאַציע פונעם אייגנטימער קאַלאָמאַנדי, אַן אַלטן גריך מיט א געל וואַקס־פּאָנעם, וועלכער איז געווען גיריק, ווי ארפּאַגאָן, פאַרדאָרבן און שלעכט.

ניט אומזיסט האָט ער אויקער געווען אין פערציקסטן יאָר, איבער־לאָזנדיק קיני מיט מיני...

מײַנע יונגע באַקאַנטע זײַנען אוועק אָפּזוכן זייערע ערטער, איך האָב ניט באַוויזן אוועקזעצן זיך, ווי מײַן שאָכן פון דער פּאָדערשטער ריי האָט אויסגעדרייט צו מיר אַן אָפּן, גוטמוטיק פּאָנעם:

— זייט זשע מויכל, — האָט געפרעגט דאָס פּאָנעם, — איז די קליינע ניט פון די גאָכאַנסקיס צופעליק?

כ'האָב אים געענטפערט. און יענער האָט זיך צעפלאַמט, ווי ער וואָלט געווינען אין א געוועט:

— כ'האָב אָבער באַלד דערקענט. וואָס זשע דען? איין מאָל האָב איך געזען גאָכאַנסקין מיט זיינע קינדער? עמעס, אָ־די איז נאָך געווען א פּיצל, ווען גאָכאַנסקי פלעגט פאַרפאָרן מיט זיין טרופע צו אונדז אין שטעטל. מע דערקענט אָבער טייקעף, אַז זי איז פון דער מישפּאָכע. אַלע זיינען זיי פון איין שניט.

דאָס מאַכט זיך מיר ניט צום ערשטן מאָל. קום איך מיט עמעצן פון גאָכאַנסקיס קינדער אף א פאָרשטעלונג אָדער אין א קינאָ, אַזוי הייבט מען באַלד אָן שושקען זיך, ארומקוקן זיי פון אַלע זייטן, ווי מע קוקט ארום זעלטענע, עקזאָטישע פייגל. ס'איז דאָך פּאָשעט מערקווירדיק, אַזא שטאָט, קיין איינהאָרע... וויפל וואַסערן זיינען שוין פאַרשוווּמען פון יענער צייט, ווען גאָכאַנסקי מיט זיין טרופּע האָט ארומגעוואָגלט אין די דאָזיקע מעקוימעס, און מע געדענקט.

פלוצעם האָבן א הילך געטאָן אפּלאָדיסמענטן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט.

פונדערווייטנס באַם ליכט פון דער ראַמפּע האָב איך דערזען דאָס פּאָרל באַקאַנטע מיינע.

כאַנע האָט מיטן האַלדז, מיטן גאַנצן קערפּער זיך א צי געטאָן צו דער בינע. און מישע האָט געהאַלטן איר דינע וואַרעמע האַנט אין זיינער, געקלערט, אַז זי פיבערט עפּעס, בייס זי קוקט אף דער בינע, עס צאַפּלט זיך אויף דער קערן, וואָס זי האָט אים בעיערושע פון די עלטערן, גע־וועזענע אַקטיאָרן.

אירע עלטערן. וואָס ווייסט ער וועגן זיי? קימאַט גאָרניט. ער האָט זיך באַקענט מיט איר צופעליק.

דאָס איז געווען, ווען ער האָט פאַרבראַכט זיין ערשטן קורצן אורלויב בא דער מוטער. ער האָט זיך ניט געזען מיט איר פון דער עוואַקואַציע־

צײַט, דוכט זיך, זיי האָבן געלעבט דעמלט אין א קליינעם יִשעוו אין מיטל־אזיע. אין א שיינעם טאָג האָט די מאמע זיך געכאפּט, אז מישע איז נישטאָ. נישטאָ הײַנט, נישטאָ מאָרגן, און זי האָט פארשטאנען: דער זעכצניאָריקער שנעק האָט זיך ניט געכאָכמעט, ווען ער האָט איר עט־לעכע מאָל געגעבן אָנצוהערן, אז ער וועט אוועק זיך מעלדן אין ארמיי פרײַוויליק.

און אָט, אין יאָרן ארום, אין אן אָוונט בייס זײַן אורלויב, ווען ער איז געזעסן מיט דער מאמען און איר דערציילט וועגן די שטרעקעס, וואָס ער האָט דורכגעמאכט אף די מילכאָמע־וועגן, און ניט אָן שטאָלץ געוויזן איר דעם פארטיי־בילעט, וואָס ער האָט אים דאָרט, אפן שלאכט־פעלד, גע־קריגן, האָט זיך ארײַנגעשטעלט אין שטוב א מיידל מיט פעך־שווארצע צעפּ און א פארשײַטן, לוסטיק־אָפּלאכערישן בליק. מיט איר איניינעם איז ארײַן דאָס פלאפּלענדיקע פריילינג־ווינטל און א פריש מײַ־גערוך, און דאָס צימער איז מיטאמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט איר יונגקײַט און גלעקלדיקן קעלכל:

— אגיטאטאָרן. — אזוי האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס מיידל. זי איז געקומען איבערשרײַבן די מישפּאָכע־מיטגלידער ערעוו די וואלן אין אויבער־סאָוועט און באקאנען מיט די ביִאָגראפיעס פון די קאנדידאטן. ביז זי האָט איבערגעשריבן די דאָקומענטן, האָט די עלטסטע פונעם הויז צוגעטראָגן אײַנגעמאכטס. דאָס מיידל האָט אים זייער געלויבט. ער האָט איר דערמאָנט די אײַנגעמאכטסן פון איר מוטער. ס'האָט זיך פארבונדן אן אומגעצוווּנגענער שמועס, וואָס האָט זיך געוועבט לײַכט און וויציק. דאָס מיידל האָט קיין וואָרט זוכן אין קעשענע ניט געדארפט. זי האָט דעם יונגן לייטענאנט געגעבן אויסגאָב אף אלע זײַנע רייד און רעמאָזים. און אוועקגעגאנגען זײַנען זיי שוין איניינעם...

איינצלהײַטן וועגן דעם, פונוואנען כאנעלע שטאמט, האָט ער זיך דערוווסט א סאך שפּעטער. ער האָט זיי צונויפגעקליבן איינס צו איינס אף די פיל פריילעכע צונויפקומענישן און סימכעס פון דער מישפּאָכע.

...די ערשטע וועלט־מילכאָמע איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט, ווען אין קעשענעוו האָט זיך באַוויזן א דאָר, קליינוווקסיק יונגערמאַנדל, וואָס האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין עקסטראַוואַגאַנטן אויסזען. און אויסגעזען האָט ער, ווי ער וואָלט אַראָפּגעגאַנגען פון א בינע, אף וועלכער ס׳איז געשפּילט געוואָרן אַן אַלטע רוסישע פּיעסע, און ער האָט פאַרגעסן פון צעטראָגנקייט אויסצוגרימירן זיך און איבערבייטן די מאַלבושים. ער האָט געטראָגן שיך אף הויכע קנאַפּל (געוואָלט אויסזען העכער), א קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן, פון אונטער וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט א פּאַטלע האָר. אף דער ברוסט — א ברייט־אויסגעבונדענע לאַוועליערן און אפילע א פּעלערינע. אף די קעשענעווער אָרעמע און פאַרהאָרעוועטע געסלעך איז די דאָזיקע פיגור געווען א בייזווונדער. מע האָט אים נאָכגעקוקט פאַרכידעשט.

— ווער איז דער טיפּ? פונוואַנען האָט ער זיך גענומען?

— וואָס הייסט, ווער? איר דערקענט אים ניט? דאָס איז דאָך אור־רעמל, דוויוו־בער דעם סטאָליערס, גאָכאַנסקיס זינדל.

ער האָט דעמלט זיך אומגעקערט פון אָדעס, ווו ער האָט געלערנט אין א טעאַטער־שול. ער האָט שוין אפילע געהאַט א שטיקל סטאַזש אין א רוסישער פּראָווינץ־טרופּע.

אווראָם איז געווען יונג און עלעגאַנט, און ס׳איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס מינצע, שויעל דעם קלעזמערס טאָכטער, פון טולטשין האָט בייס זיינע גאַסטראָלן אין זייער שטאָט זיך פאַרליבט אין אים פון „ערשטן אויגנבליק". זי איז אפילע ניט געווען קיין ראָמאַנטיש ווייב, ווי ס׳וואָלט געפּאַסט פאַר א קלעזמעריש קינד אין אכצניאָריקן עלטער, זי איז אָבער פאַרקישעפט געווען פון זיין שפּילן דראַמע, פון זיינע דעקלאַמאַציעס, פון זיין טיפּן, אָנגעגעבן־געלעטנדיקן באַריטאָן, פון זיין מעשוגעדיקן הוילעד און פון זיינע דיגע, ווייסע, נערוועזע הענט, אף וועלכע זי האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן און וועמענס צערטלעכקייטן זי האָט געגאַרט.

שויעל קלעזמער האָט ניט דערווידערט קעגן דעם שידעך.

— אז דיר איז צום האַרצן, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט מינצען, — זאָל זיין מיט מאַזל...

כאָסנס־צאַד איז געווען די גאנצע טרופּע, און א כאסענע איז געווען, ווי גאָט האָט געבאָטן. מינצעס פאָטער, שויעל, איז דאָך עפּעס געווען א קלעזמער. ער און אלע זײַנע ברידער — א קלעזמער־דינאַסטיע. נו, נו, האָבן זיי געוויזן, וואָס זיי קענען, ווען ס׳איז זיי בעעמעס אויפגעלייגט אפן הארצן. א גאנצע נאכט האָבן זיי ניט געלאָזט אָפּקילן זיך ניט די קיילים און ניט די צעפּאַליעטע געסט. זייערע ריקעדלעך און פרייל׳עכסן האָבן אָנגעצונדן אפילע זקיינים, וואָס האָבן שוין געהערט גוטע קלעזמער אין זייער לעבן. און דעם בעסאראבער כאָסן האָבן זיי געשפּילט די לידער פון זײַן בעסאראבער היים: וואָלעכלעך און דוינעס, אויסגעדריידלטע שטיקלעך, ניגונים מיטן יידישן קנייטש און טאַם. און נאָך אין יענעם אינדערפרי נאָך דער כאסענע האָט די מאמע אײַנגעפּאַקעוועט מינצעס כאסענע־אויסשטײַער, דאָס דראָשע־געשאַנק, די מאַטאָנעס און אויך א קוישל מיט עטלעכע היימישע כאלעס, אָפּגעבאַקענע מיט א טאָג פריִער, און איר געזאָגט:

— נעם, טאָכטער, נעם, ווײַל מאָרגן־איבערמאָרגן ווער ווייסט... אַק־טיאָרן פעלט טאָמיד אויס אף א „מויצע״...

מ׳האָט זיך געײַלט אהיים. די טרופּע איז זיך שוין צופיל פאַרזעסן. אין קעשענעוו האָט זיך אָנגעהויבן דער טעאַטער־סעזאָן. אוראָם האָט אויך געוואָלט וואָס גיכער פאָרשטעלן זײַנע עלטערן זייער שנור.

אָט אזוי איז צוגעקומען דער טרופּע נאָך א פרוי. זי איז געווען יונג, רירעוודיק, געזונגען, ווי א סאַך יידישע אקטריסעס — „באַם טאָן״... זי איז געווען א גוטע באַלעבאָסטע און א גאָר פײַנע בייטערן (און זי פלעגט זיך באַלד נעמען צו דער נאָדל, ווען ס׳איז געקומען „דיקאָפּט״, אָן אײ־בערײַס, הייסט עס, אין זייער אקטיאָרישער ארבעט). זי האָט געהאַט א שאַרפע צונג, א געזונטן סייכל, און יעדער האָט געזאָגט וועגן איר:

— א כאַכאָמע.

די כאַכאָמע האָט געשענקט אוראָמען זעקס קינדער. סאַמע מיידלעך. אלע זײַנען זיי געבוירן געוואָרן אף דער בינע. יעדע אין אן אנדער שטעטל, וווּ ס׳האָט זיי פאַרוואָרפן דאָס וואָגל־לעבן. עסטער אין קאָלאַראַש,

סויקע אין קעשענעוו, נאַדיע אין טעלענעשט, טייַבל אין נאָוואָסעליצע,ביילע אין סאַווען. און די מיזינקע כאַנע — אין יאַס.

ווען זיי זייַנען אונטערגעוואַקסן און מע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיי מוזן האָבן מעטריקעס, האָט מען פאַרפּלאָנטערט די יאָרצעס. פאַרביטן אי די געבוירן־ערטער, אי די יאָרן. די עלטערע זייַנען געוואָרן ייִנגער, און די ייִנגערע — עלטער. דער איקער — אַלע זייַנען זיי אויסגעטראָגן געוואָרן די פולע נייַן כאַדאָשים. און אַלע זייַנען זיי געקומען אַף דער וועלט געראָטענע, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס מינצע האָט ביזן לעצטן טאָג געשפּילט אין אַלע ספּעקטאַקלען, געזונגען און געטאַנצט מיט אַן אייַנ־געצויגענעם בויך, קעדיי צו באַהאַלטן די שוואַנגערשאַפט. זעקס. אַלע איינס אין איינס. באַריידעוודיקע, ראַשנדיקע, מיט גריילצנדיקע קעלכלעך. יעדע מיט אַן אַנדער קאַפּריז.

אַרומפאָרן מיט אַזאַ כאַליאַסטרע איז געווען אַ געשמאַק מייַכל.

מינצע איז אָבער געווען אַ גרויסע איישעס־כאַיִל. צוליב זיי האָט זי מיטגעפירט אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייַט: קישנס, איבערבעטן, קאָלדרעס, אַ מולטער, אין וואָס צו באָדן דאָס קליינוואַרג, און אַפילע אַ קאַסטן מיט פּייסעכדיק געשיר... ניין, ניין, זי איז ניט געווען קיין רעבעצן, מינצע. די יאָמטויווים אָבער האָט זי אָפּגעהיט, עפּשער פון רעגילעס, עפּשער צוליב די קינדער.

שפּעטער אָסיען. דער הימל אייך בלייַענער אויסגוס, וואָס אָט־אָט וועט ער זיך איבערקערן און עס וועט נעמען כליאָפּען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַ וואָך, אַ כוידעש אָן איבערייַס. און דער שליאַך איז אַ צעפּאָרענער, צעגראָבענער, צעריִעטער, און די בלאָטע אַ געדיכטע, ווי אַ פאַרזויגנ־דיקער קלייסטער, און פאָרן מוז מען, ערגעץ זייַנען געווען אָנגעזאָגט ספּעקטאַקלען.

וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? מע איז געפאָרן. אַן אַנדער ברייַרע האָט מען געהאַט? מינצע האָט אויסגעבעט דעם שליטן מיט שטרוי, אויס־געלייגט די קישנס, אייַנגעוויקלט דאָס קליינוואַרג אין שאָפּענע פעלצן, און זי אַלייַן האָט זיך אוועקגעזעצט איבמיטן, ווי אַ קוואָטשקע. זי האָט אַכטונג געגעבן, זיי זאָלן זיך ניט אויסוויקלען, עס זאָלן ניט אָפּפרירן באַ

זיי די גזלען, און זיי דאפקע האָבן ארויסגעשטעקט די קעפלעך און געגאָנערט, געגאָנערט אלע אינאיינעם.

אין הוריעוו האָבן זיי געפּאַקט, אין טעלענעשט געמאָזלט. און דיפּ־טעריטן, און אנגינעס, און סווינקעס, און, און, און...

איינמאָל האָט מען שיר ניט „אָפּגעלאָזט" נאדיען. נייך, טויבען. נייך, טאקע מיט נאדיען איז דאָס געשען. זיצנדיק אין שליטן, איז מינצע מיד געוואָרן און געגעבן אווראָמען האַלטן דאָס קינד. די פערד זיינען געגאַנ־גען פּאַוואָליע, צעשארנדיק דעם טיפן שניי, וואָס האָט פארשאָטן די גאַנ־צע וועלט. דער באַלעגאָלע האָט געשאָלטן אי דעם וועג, אי דעם וועטער... פּלוצעם קוקט זיך מינצע ארום: אווראָם דרימלט און דאָס קינד — נישטאָ. מע קאָן זיך פאָרשטעלן דעם גוואַלד און דאָס יעכצן פון דער מוטער. מע האָט זיך געמוזט אומקערן א היפּש שטיקל וועג. טייבל, נייך, נאדיע איז, איינגעוויקלט אין קאָלדרע, געלעגן אפן שניי, ווי אף א פּע־רענע, און געשלונגען די שניילעך, וואָס זיינען געפאלן אף אירע ראָזע ליפּעלעך.

זיי האָבן געבידעוועט און זיינען געוואַקסן. גאָכאנסקי, דער טאטע זייערער, וואָס איז אמאָל געווען א פלי־קאָפּ, א באַל־כאַלוימעס, איז געוואָרן אלט פאר דער צייט פון דייגעס פארן טאָג־טעגלעכן אויסקו־מעניש. האגאַם, דארף געזאָגט ווערן, די דאָזיקע דייגעס זיינען געלעגן מער אף די אקסלען פון מינצען. אליין איז ער געווען פארטאָן אין די הימלען, און ער האָט טאקע אויסגעזען אזוי, אסקעטיש־אויסגעדייווערט, טרוקן.

— א רוכניעס.

אזוי פלעגט זאָגן אף אים דויוו־בער דער סטאָליער, דער טאטע זיי־נער.

— אן איינגעטריקנטע טאראנקע.

אזוי פלעגט זאָגן אף אים כייע־באָבע, זיין מוטער, וואָס האָט גע־האלטן א פיש־געוועלבל אפן קעשענעווער גרויסן מארק.

ער איז געווען אומפּראַקטיש, ווי א קינד, און ווי א קינד אומבאהאָלפן. ער האָט זיך ניט געקאָנט קיין אייצע געבן אין די פארשיידענע שווערע

אומשטענדן, וואָס האָבן זיך געמאכט אין זייער לעבן ניט ווייניק. ער האָט אויך קיינמאָל ניט געוווּסט, ווי עס זעט אויס די געשעפטלעכע זײַט פון זײַן טעאטער. מיט דעם האָט זיך פארנומען מינצע. זי און ניט ער איז געווען דאָס הארץ און דער קאָפּ פון דער מישפּאָכע.

אווראָם האָט זיך געהאלטן העכער פון די וואָכעדיק־פּראָזאִישע זאכן. זײַן זאך איז געווען קונסט. ער פלעגט אליין צוזוכן די מוזיק (ס׳איז געווען באַרעך־האשעם פונוואנען צו שעפּן...), און דער איקער — דער רעפּערטואר. ער האָט זיי געפירט, די פּיעסעס, מיט זיך — א פולן קאסטן העפטן און ביכלעך, פארגעלטע פון אלטקײַט. בא אים האָט ניט אויסגעמאכט, טאָמער איז א פּיעסע געווען א צו באפעלקערטע. ער האָט אפגיך געמאכט די געהעריקע אָפּעראציע און זי צוגעפּאסט צו זײַן באשטאנד. פון א פרויען־ראָל איז געוואָרן א מאנצבלשע אָדער פארקערט... און כוץ דעם האָט ער אליין זיך אויך געבאלעוועט מיט דער פען, און ס׳איז אים ניט שווער געווען צונויפשטעלן א טעאטער־שטיק וועגן א ווירקלעכער פּאסירונג, א לעבנס־פּאקט.

די אויסטערלישקײַט פון גאָכאנסקיס גענג, דעם אומגעצוימטן דראנג פון דער פאנטאזיע און אויך די נעטיִעס צו קונסט האָט ער געיִארשנט פון זײַן טאטן, דוויור־בער.

כײַע־באָבע פלעגט אים רופן ציילעם־קאָפּ, ווײַל ער איז אראָפּגעקומען אהער פון דער ליטע. א פרומע הארציקע ייִדענע מיט א קליין פארמעטפּענעמל, פון עלטער אן אײַנגעגאנגענס און אויסגעקנייטשטס, ווי א פּאָמידאָר, וואָס איז לאנג געלעגן אונטערן קיך־קרעדענץ און קיינער האָט פון דעם ניט געוווּסט, האָט זי זיך אייביק געקריוודעט, געהאט טארומעס צו איר מאן, וואָס האָט ניט פארדינט גענוג מעפּארנעס צו זײַן דאָס גרויסע הויזגעזינד, כאָטש ער האָט געהאט א גאָלדענע מעלאָכע און גאָלדענע הענט.

דוויור־בער איז געווען א סטאָליער. אָבער א סטאָליער צו א סטאָליער איז ניט גלײַך. ער איז געווען ניט קיין פּאָשעטער סטאָליער. ער איז געווען א מעבל־סטאָליער. און דערצו א סטאָליער מיט א שיגאָען. אזוי

פלעגט זאָגן זײַן כײַע־באָבע. דאָס איז געווען דער שיגאָען פון א קינסט־לער. אָף דער מינדסטער זאַך, צו וועלכער ס׳האָבן זיך צוגערירט זײַנע הענט, איז געבליבן דער אָטעם פון דער טאַלענטירטקײַט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. די שאפעס, ביכער־שרענק, די קרעדענצן זײַנע זײַנען געווען עמעסע אנטיקן, צו שפיגלען זיך אין זיי. ער פלעגט זיי שלײַפן, ארומפוצן מיט בלימעלעך, מיט קרענצלעך ווײַנטרויבן, מיט לעמפערטן, וואָס האָבן געהאט מענטשלעכע צורעס, און מיט מערקווירדיקע באַשע־פענישן — האַלב־פיש און האַלב־פרוי. פלעגט ער נאָר אראָפגיין צו זיך אין קעלער צו זײַנע קלעצלעך און צו זײַנע הובליעס און דאָלעטקעלעך, איז אים שוין געווען שווער ארויסצושלעפן פון דאָרט אפילע עפּעס אי־בערבײַסן. ער האָט געטאָן זײַן ארבעט מיט פארליבטקײַט, מיט הייליקן ברען, גלײַך ער וואָלט געשניצט ניט עפּעס א גווירישע שאפע, נאָר, לעהאַוודל, אַן אָרן־קוידעש.

— אנדערש וועט זיי קוועטשן, די נעגידים, — פלעגט טײַנען כײַע־באָבע, — נעכײַ וואָלט ער בעסער געטראַכט וועגן פארנאָסע, איידער וועגן די צאַצקעס...

זי האָט געוווסט איין זאַך: מע דארף ברענגען קינדער צו א טאַכלעס. און ער פלעגט גאָר פארגעסן, אז ער האָט קינדער. ער האָט געשניצט און געטאָקט און פון א פּאָשעט קלעצל ארויסגעצויבערט און אויסגעהאַקט מיט זײַנע שארפע דאָלעטקעלעך אזעלכע כאַריפעסן, אז מענטשן פלעגן קומען צו אים אין קעלער קוויקן זיך מיט זייער שיינקײַט.

נאָר כאָטש כײַע־באָבע פלעגט זיך אזוי אויסטײַנען פאר מענטשן, האָט אָף איר אויסגעקנייטשט פארמעט־פּענעמל געשײַנט טאָמיד א שעלמיש־צופרידן שמייכעלע, ווײַל אין זיך האָט זי געוווסט, אז איר דזיווו־בער איז ניט קיין געווינלעכער מענטש און אז הענט פארמאָגט ער טאַקע גאָלדענע.

— גאָט אליין האָט זיי א קוש געטאָן מיט זײַנע געטלעכע ליפּן... און ווען מע זאָל אים געווען לערנען, וואָלט זיכער פון אים ארויסגעקומען אזוינס־ווי־אזעלכס...

דער דאָזיקער גילגול, דער דראַנג צו שעפערישקייט איז אריבער צו די קינדער פון אים. ווייל אווראָמס יינגערער ברודער, זכאַריע, האָט מיט אַנדערע וועגן, איז סאָפקאָלסאָף אויך געקומען צום טעאַטער.

מיט אַנדערע וועגן? לאָמיר טאַקע א קוק טאָן.

דער פעטער זכאַריע איז געווען דער עמעסער טאַכשיט...

וואָס בייזע צינגער קאָנען ריידן...

ער איז קינדווייז אַנטלאָפן מיט א צירק!

אַנטלאָפן... איז עס כאָלילע א פלעק אין זיין ביאָגראַפיע? אויב איר ווילט וויסן, איז דער צירק געווען פאַר אים א גוטע שול. ער איז געוואָרן א גלענצנדער טענצער... ער האָט ניט שלעכט געשפילט אף עטלעכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. איין גאָט ווייסט, ווען און ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט. נו, און זיינע כאַראַקטער־געשטאַלטן אין טעאַטער זיינען געווען מאָלע־כייִן.

מע שמועסט, אַז ער האָט אָוועקגעפירט אַן איישעס־איש פון איר מאַן... ניט עמעצן אַנדערש, נאָר טאַקע די מומע ליזע.

איז זי, ערשטנס, ניט געווען קיין איישעס־איש, נאָר אַן אַגונע... צווייטנס, האָט ער זי ניט געדאַרפט אָוועקפירן. זי איז אַליין געגאַנגען — און איז געוואָרן א גלייכער מיטגליד אין דער ברידער־טרופע...

די ברידער־טרופע וואָלט לאַנג געלעבט, ווען עס מישט זיך ניט אריין עפּעס א סאָלדאַט, צוליב וועלכן עס האָט זיך צווישן ליזען און מינצען אָנגעהויבן אַן אייפערזוכט, א קידער־ווידער...

ס'איז א היסטאָרישער פאַקט. ווער ווייסט ניט, אַזביידע שווערערנס האָבן זיך ליב געהאַט, זיך אָפּגעגעבן קאָוועד, און פלוצעם — א סאָלדאַט... „מאַלקעלע סאָלדאַט". ליזע האָט געוואָלט שפּילן מאַלקעלען, און מינצע האָט געהאַלטן, אַז זי איז אויך ניט קיין הינקענדיקער שניידער. פון דעם איז געקומען צו א קאָנפליקט צווישן די צוויי, און עס האָט געפּלאַצט די אַקס אווראָם—זכאַריע...

און מע איז זיך צעפאָרן יעדערער באַזונדער...

און מ'האָט געבידעוועט יעדערער באַזונדער...

און יעדערער באזונדער האָט געדינט דער מוזע מעלפּאָמענע אין איר קישעפדיקן טעמפּל...

אוי, איז דאָס געווען א טעמפּל! איין מאָל אפילע מיט א בינע אָף זעק... ווו איז דאָס געווען, א?..

דאָס איז געווען אין זגוריצע... מע איז אָנגעקומען, און ווו צו שפּילן איז ניט געווען. כאָטש זעץ זיך אוף אָף דער פור און האשיוויינו נאזאד... פלוצעם איז ארײַנגעלאָפן א יונגערמאן פון די אָרטיקע ווילהאָבנדיקע, העכערע לײַט. א פארסאָפּעטער און א צעפלאמטער, האָט ער געפרעגט: „איר ווילט אוועקפאָרן? מיר וועלן ניט לאָזן. איר וועט אונדז ניט אָנטאָן אזא מין בושע"... ער, דער יונגערמאן, הייסט עס, האָט א שפּײַכלער, א גרויסן, א געראמען. אין איין האלבן טאָג ווערט ער אופגעראמט, בענק וועט מען ברענגען פונעם שנײַדערישן שולכל, און שפּילט.

— איר וועט דאָך האָבן א מיצווע אין א שטעטל מיט יידן.

— אך, — האָט אווראָם באלד געגעבן זײַן האסקאָמע, — מיט פארגע־ניגן. ערשטנס, טאָרן מיר ניט אָפּזאָגן צוליב אזא כאָשעווער דעלעגאציע. אָפּזאָגן וואָלט געווען פון אונדזער זײַט א פאָשעטע כאזערײַ. צווייטנס, די מיצווע... דערפאר זײַנען מיר דאָך אקטיאָרן, וואָס ראק מיר טוען מיצוועס. און סכאר? סכאר, יונגערמאן? אוילעם־האזע?..

...אין א ווינקל פונעם שפּײַכלער זײַנען געלעגן זעק מיט סאָנעש־ניקעס. אָף זיי האָט מען אויסגעלייגט ברעטער, אימפּראָוויזירט א בינע מיט א פאָרהאנג פון טישטעכער, וואָס די באלעבאָסטעס האָבן צונויפגע־בראכט. מ׳האָט אופגעהאנגען „פּעטראָטאקסן" (קיין עלעקטרע איז נאָך דעמלט ניט געווען), און... געשפּילט זאָל ווערן...

פון אָנהייב איז אלץ געגאנגען קעשורע. אָבער צום סאָף פון צווייטן אקט — וואָס איז געשען? די ערד האָט זיך צעוואקלט. די אקטיאָרן האָבן באלאנסירט אָף די ברעטלעך, גלײַך זיי וואָלטן ארומגעגאנגען אפן דעק פון א שיף אין צעשטורעמטן יאם.

די זעק האָבן זיך פאנאנדערגערוקט. ס׳איז אײַנגעפאלן די אימפּראָ־וויזירטע בינע, און די אקטיאָרן זײַנען פארשוווּנדן פון דער אויבערפלאך, אראָפּ אין שעויל־טאכטיאָ...

זיי, די קינדער, זײַנען געווען די עלטערנס האָפֿענונג. זיי האָבן נאָר אָנגעהויבן פֿלאַפּלען, זינגען, באַוועגן מיט די פֿיסלעך (און אָנגעהויבן האָבן זיי אַלע פֿרי, גלײַך פֿון דער מוטער), אַזוי האָבן זיי איינער נאָך דער אַנדערער אַרופֿגעטאַנצט אויף דער בינע.

טעאַטער האָבן זיי שוין געשפּילט פֿריִער אויך. אין דער היים. ווי נאָר די עלטערן פֿלעגן ערגעץ אַוועק פֿון שטוב, אַזוי האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַלע לײַלעכער, זיך אײַנגעהילט אין זיי, און ס'איז אַוועקגעגאַנגען בײַ זיי אַן „עקײדאַס־יִצכאָק" מיט אַלע פּישטשעווקעס. און ווען די עלטערן פֿלעגן זיך אומקערן און טרעפֿן די איבערקערעניש מיט די ליגנדיקע בענקלעך, וואָס האָבן געזאָלט זײַן דער מיזבייעך, מיט דער געבונדענער מיזינקע, כאַנעלען, פֿלעגט זיך אויף דעם קליינוואַרג אויסגיסן איענע באָד. פֿאַרשטייט זיך, עסטער, די עלטסטע, און יאָסעלע, זייער געטרײַסטער פֿרײַנט, דער ריטער און באַשיצער, וואָס איז געווען אַ שיקייִנגל, אַ בינע־אַרבעטער, אַ ניאַנקע, האָבן זיך געמוזט שטעלן צווישן די קינדער און דער מוטער, זי זאָל ניט אויסלאָזן צו זיי איר קאַס.

— וואָס ווילט איר, מינצע? — האָט יאָסעלע אָנגעווענדט זײַן גאַנצע איבערצײַגונגס־קראַפֿט. — וואָס עס ווערט פֿון טויבן געבוירן — פֿליט, וואָס פֿון אַקטיאָרן — שפּילט...

איינמאָל איז געשען אַזוינס. ס'איז געגאַנגען דער „דיבעק". אַווראָם גאָכאַנסקי, דער מאַריִופּאָלער צאַדיק, איז געשטאַנען אויף דער בינע מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ.

אין זאַל — אַ טויטע שטילקייט. מע וויל שוין זען דעם מויפֿעס, וואָס ער וועט באַווײַזן. אין דער דאָזיקער טויטער שטילקייט דערהערט זיך פֿון די קוליסן אַ יעכצן.

— ביילעניו! — האָבן אויסגעשריִען אַלע קינדער מיטאַמאָל.

ביילע, ווער דען? זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף און צי ס'איז איר קאַלט געווען, צי זי האָט געוואָלט צו דער מוטערס ברוסט, צי עפּעס אַנדערש, ניט דאָ געדאַכט, האָט פּאַסירט, זי האָט גענומען ברעכן פֿיסקלעך, זיך צעיאָמערט, און ס'איז קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל זי אײַנעמען. מינצע, די מאַמע, איז געווען מיטן גאַנצן אַנסאַמבל פֿאַרנומען אין

דער סצענע, און יאָסעלע, די ניאַנקע, אויך. וואָס זשע טוט מען? פלוצעם האָט זיך דערהערט דעם מיראָפּאָלערס קאָל פון אונטערן טאַלעס ארויס, אויסגעצויגן, מיט א ניגן:

— די באָבע מוז באלד גיין אָנזויגן דאָס קינד, ווייל אין דער קליינער איז אריין א דיבעק.

איך גליק, וואָס דער אוילעם האָט עס אָנגענומען פאר א קאָשערער מאטבייע, דער אוילעם איז געווען זיכער, אז אזוי גייט די שפיל.

און וואָס איז געשען, ווען מע האָט געשפילט מענדל ביילים?

אף דער בינע איז ליכטיק. יאָמטעוודיק. ס'איז פייסעך. מענדל ביילים, אווראָם גאָכאַנסקי, הייסט עס, פראוועט דעם סיידער. ער זאָגט די האגאָדע מיט א ניגן. סויקע און נאדיע, ביילימס קינדער, פרעגן אים די פיר קאשעס און קוקן צו דער טיר, דורך וועלכער עס וועט אריינקומען עליִאָ־הו־האנאָווי אויסטרינקען זיין קויסע. זיי זיינען נאָך קליינינקע ביידע. נאָר די ראָלכלעך האָבן זיי גוט געקענט. פלוצעם עפנט זיך די טיר, און עס קומט אריין, ניין, ניט עליִאָהו־האנאָווי, נאָר א גרויסער, ברייטפליי־ציקער מעגושעם מיט א קאָקארדע, גלאנציקע פאָגאָנעס און מיט א שווערד, וואָס קלימפּערט אפן דיל דראָענדיק, — דער פריסטאַוו. ער טוט א דריי ביידע וואָנצעס, ווי די הערנערלעך פון א יונגן באָק, און כראָפּעט ארויס, ווי א דאָווער־אכער, פון זיין באזויפענעם האלדז מיט זיין פריס־טאַוו־געמבע:

— מענדל ביילים, אין נאָמען פון געזעץ ביסטו ארעסטירט!

נאדיעלע האָט דאָס דערשיינען פונעם פריסטאַוו אָנגענומען פאר ערנסט, ווייל פון די „קנעפּלעך” האָט מען אלעמאָל געהאט צאָרעס. און ווען זי האָט דערזען, ווי מע טוט אָן דעם טאטן קייטעלעך אף די הענט און צווי גאָראָדאָוואָיעס טוען אים א שטופ: „פּאָשאָל”, האָט זי זיך איינ־געקלאמערט מיט די הענטלעך אין טאטנס ראָק, גענומען טופּען מיט די פיסלעך, בייסן דעם פריסטאַוו די הענט און צום סאָף זיך אוועקגעוואָרפן אפן דיל און זיך פארקייכט אין אזא יאָכצענדיק געוויין, אז דעם אוילעם זיינען געקראָכן מורעשקעס איבערן לייב.

— איך וויל ניט, מע זאָל אַרעסטירן מײַן טאַטן! איך וויל ניט, מע זאָל אַרעסטירן מײַן טאַטן!

מ'האָט געמוזט לאָזן דעם פֿאָרהאַנג. מע האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן קינד. און אָפּמינטערן זי איז געווען ניט אַזוי גרינג. און ווײַל מע האָט מוירע געהאַט פֿאַר אַ נערוון־דערשיטערונג, פֿאַרשטייט זיך, אַז מע האָט זי מער ניט אַרויסגעלאָזט אויף דער בינע. אָבער נאָך דער צווייטער פֿאָרשטעלונג, דער פֿאָרהאַנג איז נאָר געפֿאַלן, דער טאַטע האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצואָטעמען, רײַסט זיך אַרײַן הינטער די קוליסן אַ גרופּע צו־שויער:

— וואָס איז?

— טאַרומעס...

— אשטייגער, לעמאָשל?

— האיטאָכן, גאָכאַנסקי, ווי קומט עס צו אײַך? איר האָט דאָך אונדז אָנגעפּײַפּט. מיר האָבן דען ניט געצאָלט דאָס זעלבע געלט, וואָס די נעכ־טיקע, צי מיר זײַנען ווייניקער כאָשעווע באַלעבאַטים? ווי זשע קומט עס, וואָס איר האָט הײַנט ניט אַרויסגעלאָזט די קליינע? אָן איר איז אײַער גאַנצער ספּעקטאַקל ווי אַ גוטער אָנבײַסן, נאָר אָן דעם צימעס...

און איצט, ווען מיר זײַנען, אַדאַנק די אויספֿאָרשונגען, וואָס עס האָט געמאַכט מישע, כאַנעלעס מאַן, באַקאַנט מיט דער גאַנצער מישפּאָכע גאָ־כאַנסקיס, וועלן מיר זיך אַרײַנכאַפּן צו דער עלטערער שוועסטער עסטער אַהיים — הײַנט איז איר געבורטסטאָג. אויף דער סימכע איז געקומען צו פֿאָרן פֿון בעלץ אויך די מומע ליזע, וועמען די קינדער האָבן ליב ווי אַ מאַמע.

די מומע ליזע, וואָס האָט אַמאָל געשעמט פֿאַר אַ שיינהייַט, האָט פֿאַרמאָגט אַפּאָנעם דעם שפּרוך, צוליב וועלכן דער זיקנע־לעך האָט ביז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר צו איר קיין צוטריט ניט געהאַט. נאָך הײַנט, כאָטש דער דאָזיקער ניט־גוטער שטורקעט זי מיטן גאַנצן אימפּעט, פּרוּווט זי אים איבערכיטרעווען מיט די פֿאַרשיידנסטע שמירעכצן און בסאָמים, וואָס זי געברויכט פֿון יונגווײַז אָן. איר ווײַבערשע שוואַכקײַט

צו הערן קאָמפּלימענטן וועגן איר גוטן אויסזען, מיט וואָס מע האָט זי גע־פּעסטעט אין דער יוגנט, איז מיט דער עלטער געוואָרן נאָך בוילעטער. מישע, וויסנדיק וועגן דעם, האָט זיך צוגעזעצט צו איר, גענומען באַוווּנ־דערן די פאַרב פון איר פּאָנעם, דעם גלאַנץ פון אירע אויגן. אין אַזאַ פאַל פלעגט זי גלײַך זאָגן: „איי, וואָס רעדסטו, וואָס ווייסטו... אַט ווען...״ און עס פלעגט אַוועק אַ סעדרע דערמאָנונגען.

— פאַרשטייט זיך, וואָס ווייסן זיי, די שוועסטערלעך? — האָט מישע אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט. — זיי האָבן דאָך ניט געטאַנצט אויף טאַטע־מאַמעס כאַסענע... איר געדענקט בעסער.

— אַ מאָשל... צי איך געדענק? ווער דען זאָל געדענקען, אויב ניט איך? ערשטנס, בין איך אויך אַ היגע און מיט אוראַמען, ווײַט אָפּגעשיידט זאָל ער זײַן, מיט זייער טאַטן, קימאַט אין איין געסל אויפגעוואַקסן... אַ סאַך יאָרן אָפּגעאַרבעט איבײַנעם, אין איין טרופּע. און... און... און — מיר זײַנען אַפילע אין איין עלטער.

— אין איין עלטער? הייסט עס, מומע ליזע, אַז איר זײַט שוין יונג ביז הונדערט צוואַנציק יאָר אַ קײַמעלאָן פון...

— אַ מאָשל, — האָט זי אים ניט געלאָזט אויסריידן, — מיר ריידן דאָך ניט פון מיר, נאָר פון זייער טאַטן. און אים געדענק איך נאָך פון יענע יאָרן, ווען עס האָט געפירט קעגן אונדז מילכאָמע — דער־אָ, דער ווי הייסט ער דאָרט, דער קייסער.

— נאַפּאָלעאָן ווילט איר זאָגן, מומע, — האָט מישע זיך געוויצלט.

— גיי שוין גיי... לעץ. נו, פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געדענק איך אים.

אַ פלוצעמדיק קוויטשערײַ און געפילדער האָט איבערגעריסן דער מומע ליזעס דערציילונג. אין טיר האָט זיך באַוויזן טײַבל. זי האָט פאַר־שפּעטיקט, אַזוי ווי טאָמיד. און זי איז אַרײַן אַ צעפלאַמטע. מיטן וואָלענעם ספּאָרט־מיצל פון אַ ליזשניצע, כיינעוודיק פאַרוקט אַפן שפּיץ קאָפּ. די שוועסטערלעך האָבן זי אַרומגערינגלט מיט געזאַנג:

— כאַנציע־כײַע די גאַבעטע...

— עס טאַנצט אַף איר דער טשיפּעק...

טײַבל האָט זיך קוים אָפּגעשלאָגן פֿון זיי:

— וואָס ווילט איר? לאָזט מיך צו צו דער מומע ליזע.

— פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרשפּעטיקט? — האָט סויקע איר אַרײַנגעטײַנעט אין צעפּלאַמטן פּנים. — ווו האָסטו זיך פֿאַרהאַלטן? דײַן סמענע האָט שוין לאַנג פֿאַרענדיקט די אַרבעט... דו מוזט טאַקע טאָמיד פֿאַרשליסן דאָס שולכל?

— און אַז יאָ, איז וואָס? מיר האָבן געהאַט אַ צעך־פֿאַרזאַמלונג. ניין, אַ כאַוועריִשן מישפּעט. האָב איך דען געמעגט אַוועקגיין, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין גוטן נאָמען פֿון אַן אַלטן אַרבעטער? וואָס ווייסט איר, — האָט זי דערציילט, אויסטוענדיק דאָס ספּאָרט־מיצל און פֿאַריכטנדיק זיך די האָר, — צוויי כאַדאָשים פֿאַרן אַרויסגיין אויף פּענסיע האָט ער געהאַט אַ גרויסע אומאָנגענעמקײַט, — און ס'האָט זיך געהאַנדלט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אין דעם, מע זאָל אים באַזײַטיקן פֿון דער אַרבעט. אים, דעם עלטסטן אַרבעטער אויף דער פֿאַבריק...

— אָבער פֿאַרוואָס?.. און וואָס האָט ער כויטע־בייגל געווען?.. און וואָס האָט מען אים באַשולדיקט?

— אין בייזווילּיקן בראַק...

— האָסטו געהאַט, הייסט עס, אַ בענעפּיס, — וויצלט זיך סויקע, — האָסטו זיי געדעקט דעם טיש, ווי די גאָכאַנסקיס קענען.

— שאָ מאַיו, טאָ וועזו[1], — האָט טײַבל זיך אַ דריי געטאָן קאָקעטיש... — דעם עמעס, וואָס איך טראַכט — אַ שמאַדשטיק. זאָגט איר אַליין, איז דאָס רעכט אַוועקפּאַטערן אַ גוטן מענטשן מיט רעכילעס? קיינער פֿון די, וואָס האָבן אים באַשולדיקט, האָט זיך ניט באַמיט אויספֿאָרשן פֿריִער, צי איז דער בראַק טאַקע אַ בייזווילּיקער אָדער ס'איז אַ פּאָשעטער צופֿאַל, אַ פֿאַרזען. אָן אַ שיר סיבעס קאָנען דאָך זײַן... אַמאָל קאָן שולדיק זײַן די קוואַליטעט פֿון דעם לעדער און אַמאָל דער סטאַנאָק.

---

[1] וואָס איך האָב, דאָס פֿיר איך (אַן אוקראַיִניש שפּריכוואָרט. געמיינט: „וואָס איך טראַכט, דאָס זאָג איך“).

און עפשער האָט דעם מענטשן געבראַכט צו דעם זײַן געזונט־צושטאַנד צי עפּעס אַן אומגליק אין דער מישפּאָכע.

— בראַוואָ! — האָבן אויסגעשריִען די שוועסטערלעך.

— איך זאָג שוין פון לאַנג: דו האָסט געדאַרפט שטודירן יוריספּרו־דענץ, ביסטו גאָר געגאַנגען אין דעם דאָזיקן אינדוסטריעלן טעכניקום.

טײַבל איז געווען אַ אופגערעגט, אַ צופרידן אײנצײַטיק. איר איז געלונגען ניט נאָר צו ראַטעווען דעם שעם־טאָוו פון אַ גוטן, ערלעכן אַרבעטער, נאָר אויך אָפּהאַלטן אירע כאַווײרים פון באַגיין אַן אַוולע. די אַרבעטער פון דער פירמע „זאָרילע", וואָס באַשוכט יעדן יאָר הונדער־טער טויזנטער אַרבעטס־מענטשן, זײַנען איר געווען דאַנקבאַר פאַר איר קלוגער, פּאַרטייִשער אַרויסטרעטונג.

אין פּאַרטיי איז טײַבל שוין פון לאַנג. מע האָט זי אופגענומען פרי. נאָך גאָר אַ יונגע. גלײַך פונעם קאָמיוג — פאַר איר גראַדליניקײַט, איר ערלעכקײַט און פּרינציפּיעלקײַט: „שאָ מאַיו, טאָ וועזוו!.."

— וואָס זשע שווײַגן מיר? — האָט זיך אָנגערופן איר שוואָגער זיגי שטערן, — דאַרף מען דאָך אופהייבן דעם באָקאַל פאַר דײַן הײַנטיקן ני־צאָכן.

אָט ווי עס מאַכט זיך: בײלקע, גאָכאַנסקיס אַ טעכטערל, איז ווײַט פון טעאַטער, און זיגי, דער שוואָגער אירער, איז אַ זינגער — טאַקע גאָר אַן אָנגעזעענער זינגער אין דער מאָלדאַווישער קאַפּעלע „דוינאַ". נו, אַ שטיקל „קאָכלעפל", ווי עס זאָגן די שוועסטערלעך, איז ער אויך — דער פּאַרזיצער פון אָרטקאָם אין פילהאַרמאָניע.

אין זײַן גוטער שטימונג האָט אַ כײלעק ניט נאָר עסטער, דער באַל־סימכע.

— עסטער — דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, פריי איך זיך צוליב זיך אַליין. איר ווייסט, וואָס מיר איז געלונגען? צען וווינונגען האָב איך באַקומען... און הײַנט האָבן צען פילהאַרמאָניע־מיטאַרבעטער געקריגן די שליסלען און זיך אַרײַנגעצויגן מיט זייערע מישפּאָכעס אין נײַע דירעס.

— אַ גליק האָט אים געטראָפן, מײַן פלאָם־פלעצל, — האָט נאַדיע אַ שאָקל געטאָן מיט איר קאָסאָקע אויג, — און ווען, ליובעניו, ברענגסטו

שוין מיר די שליסלען? קאַהאַל פאַרזאָרגט ער, און פון זיך אַליין טראַכט ער ניט. אַלע שוועסטער האָבן שוין פון לאַנג געפּראַוועט כאַנוקאַס־האַבאַיִס. און נאָר מיר...

— נאָר מיר? אונדזער ריי וועט אויך קומען, נאַדיעלע.

— דריטנס, — זאָגט זיגי, — וויל איך אײַך מעלדן, אַז אונדז קומט מאַזלטאָוו... הײַנט באַקומען אַ בריוו פונעם זון. ער איז שוין מיט מאַזל אַ קאַנדידאַט פון פּאַרטיי.

— מיר פאַר אים, — זאָגט נאַדיע מיט פײַכטע אויגן. — דער פּאַל־קאָווניק אַליין האָט אים געגעבן די רעקאָמענדאַציע אין פּאַרטיי.

— לעכאַיִם פאַר מוניען, — האָט מיט זײַן געדעמפטן, הייזעריקלעכן קאָל אויסגערופן דער עלטסטער שוואָגער קריס, דער פידלער פונעם מאָלדאַווישן טעאַטער, און די מומע ליזע איז געזעסן צווישן דער כאַ־ליאַסטרע און געוויינט מיט אויגן, צעשטראַלטע פון נאַכעס...

— מוניעלע... ערשט געטאַנצט אָפּן בעטל... ווי שנעל די יאָרן לויפן...

מוניע געפינט זיך אַצינד ערגעץ ווײַט, אַף דער וואַך פונעם היימלאַנד און פונעם פרידן. ער איז אַ סערזשאַנט. ער שרײַבט די עלטערן הומאָריס־טישע בריוולעך, טרייסטנדיק טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אים שוין ניט געזען אַכצן כאַדאָשים, מיט די אויסשניטן פון אַ מיליטערישער בלאַט, וווּ עס ווערן דערמאָנט צו גוטן אי זײַן קאַמפס־גרייטקײַט, אי זײַן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אי זײַנע קינסטלערישע פֿייִקײַטן...

„דאָס זײַנען די ערשטע רעצענזיעס, — שרײַבט ער זיי, — וועגן די ווערק פון אײַער פּילצוואָגנדיקן בען־יאָכיד".

ער איז דאָרטן דער גאַנצער קאָל־וועלאָך אין דער זעלבסטעטיקײַט פון זײַן טייל, און די עלטערן קוויקן זיך מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך אויסדינען, אַהיים קומען און אָן לאַנגע שיִעס אַרײַנטרעטן אין אינס־טיטוט. לערנען. זיי זעען אים שוין מיטן אינזשעניער־דיפּלאָם אין האַנט...

דער עלטערער שוואָגער, דער פידלער קריס, צווייפלט זייער:

— נאָר אַן אינזשעניער ווילט איר... און איך האָב מוירע, אַז דאָרט,

אפן קאזארמע־בעטל, קומט אים צו כאָלעם די מוזע, צו וועלכער ס'האָבן געדינט זייַנע אָוועס...

אין צווייטן צימער האָט א הודע געטאָן דער קלאַוויר מיט אלע בעסער, ווי ער וואָלט געגעבן דעם סיגנאַל, אז ס'איז שוין די העכסטע צייַט זיך אויסזעצן ארום טיש. עסטער האָט גענומען ארופשטעלן אפן טיש, און די כאַליאסטרע האָט זי באגעגנט מיט א פריילעך געזאנג:

צו דייַן געבורטסטאָג,	האָבן זיך פארזאמלט
צו דייַן יאָמטעוו הייַנט	דייַנע גוטע פרייַנט...

און עסטערס צוואנציקיאָריקער באָכער האָט א שפיל געטאָן א פּאָ־פורי פון די עלטערנס אמאָליקן רעפּערטואר.

— קום שוין אריַין, בומע... — האָבן אלע גענומען רופן, — און זאָג שוין א וואָרט דער מאמע דייַנער, דער יובּיליארשע...

בומע איז זעלטן אָף די מישפּאָכע־סימכעס. אָדער ער האָט א ספּעק־טאַקל, אָדער א רעפּעטיציע, אָדער ער געפינט זיך ערגעץ אין די טור־נעען מיט דעם יוגנט־טעאַטערל „לוטשאפּערול“, ווו ער איז קאָנצערט־מייסטער שוין דאָס דריטע יאָר. אמאָל, אז עס טרעפט זיך עפּעס מיט אן אקטיאָרל, אומגעריכט פארשלאָפט געוואָרן אָדער אן אנדער „אוואריע“, וואָס טרעפט זיך, ניט דאָ געדאכט, מיט א יונגן מענטשן פון גרויסער פרייד אָדער פון גרויסן טרויער, טאנצט ער אריַין אין יענעמס ראָל אָן א לעכאטכילעדיקער רעפּעטיציע. ער קען אלע ראָלן אויסווייניק. די מומעס זייַנע רופן אים אווראָם אָדער בומע (נאָך זייַן טאטן), אין די דאָקומענטן איז ער פארשריבן אווראָם־יאנקל. אין טעאַטער רופט מען אים פּאָשעט, היימישלעך: יאשע. נאָר אליין, ווען ער באקענט זיך מיט עמעצן, טוט ער א דונער ארויס מיט א באס „יאנקל“, און איר וווּנדערט זיך, ווי קומט אזא באס צו אזא צארט, מאָגער באָכערל. ער איז א קליינינקער, מיט שווארצע, טרויעריק־זשוואווע אויגן און א קאָכיקער, ווי א ווולקאן. שפּילט ער אָף זייַן אינסטרומענט, איז — קאָל אצמויסאָוו. און אזוי אויך, ווען ער רעדט וועגן זייַן טעאַטער. ער איז א גרויסער פּאטריאָט פונעם

טעאַטער. און אויב מע האָט אײַך נאָך קיינמאָל ניט דורעס געווען, פּרווט אַזוי זיך, לעשעם וויץ, און זאָגט אַ קרום וואָרט וועגן אים.

פֿאַראַיאָרן האָט זײַן טעאַטער גאַסטראָלירט אין מאָסקווע. זיי זײַנען אויפֿגעטראָטן מיט דערפֿאָלג אין גרויסן קרעמל־זאַל. און ער קאָן ניט פֿאַרגעסן ניט דעם זאַל און ניט דעם אומגעהייערן מילך־ווײַסן ראָיאַל, צו וועלכן ער האָט מוירע געהאַט זיך צוצורירן.

— ער פּילט אײַך אָן מיט אַזאַ מין, נו, דערהויבנקײַט־פּלאַטער. ער רופֿט אַרויס, נו, אַזאַ מין יִיראַס־האַקאָוועד, און דו האָסט מוירע ניט ספּאָטיקען זיך כאָלילע, ניט פֿעלשן איין טאָן, ווײַל דאָס וואָלט געווען גלײַך צו שענדונג...

בעשאַס ער רעדט און בעשאַס ער שפּילט, קוקט יורע, כאַנעס בכאָר, אים אין די הענט און אין מויל אַרײַן מיט אַנציקונג. פֿאַר אים איז יאַנקל שוין אַ גאַנצער ווירטואָז. ער, יורקע, איז דאָך ערשט באַם אָנהייב פֿון זײַן וועג. דאָס פֿערטע יאָר, אַז ער לערנט אין דער מוזיק־שול קלאַוויר־קלאַס. ער זעצט זיך אָן צערעמאָניעס צום קלאַוויר, ווען איר בעט אים, ער זאָל אײַך מעהאַנע זײַן מיט אַ „שטיקל“, און כאָטש דאָס מאָל פּילט ער זיך אַ ביסל געפּענטעט צוליב יאַנקלס אָנוועזנהײַט, שפּילט ער אײַך אַ קאָמפּליצירטן עטיוד, דאַפּקע און דאַפּקע אַזעלכן, וואָס מע שפּילט שוין אין די עלטערע קלאַסן, און די מאַמע זײַנע זיצט לעבן אים און „סופֿלירט“:

— אַנדאַנטע, אַנדאַנטע, ווייכער, יורעטשקע. מער געפּיל.

און בעשאַס זײַנע דינע פֿלינקע פֿינגערלעך שפּרינגען אַרום, ווי שמעטערלינגען, אויף די קלאַווישן, צעשפּרייט דאָס דרײַיאָריקע שוועסטערל זײַנס, לידע, דאָס קליידעלע און נעמט זיך דרייען אין אַ שפּיץ־טאַנץ מײַסע באַלערינע — אַ קליין שוואַנעלע.

איר שפּילט זיך מיט גאָכאַנסקיס אייניקלעך?

1964

ה ע ר ש לֿ פ אָ לֿ י א נ ק ע ר

א גאַסט פֿון אויסרײַסעניש

1

אויב איר מיינט, אז דאָרעם־סאַכאַלין געפינט זיך ערגעץ אין אויסרײַסעניש, אין עק וועלט, זאָלט איר וויסן, אז איר לעבט אין טאָעס.

בא היַנטיקע צײַטן איז גרינגער זיך דערקלײַבן צו יענעם ווײַטן אינדזל, ווי אמאָל מיטן „לײדיקגייער", דאָס הייסט מיט דער „אוזקאָקאָלייקע", קיין הײַסין אָדער יאמפּאָלע.

אויב איר גלייבט ניט, קאָנט איר א פרעג טאָן בא ביניאָמין קאַנטאָרן, זאָל ער אײַך זאָגן. אָט האָט ער זיך אָקאָרשט אראָפּגעלאָזט מיטן „טו־104" אפן באָריספּאָליער אעראָדראָם, וואָס געפינט זיך אינגאנצן דרײַ צענדליק קילאָמעטער פון קיִעוו.

אמאָל וואָלט מען געוויס געזאָגט — „א גאסט פון אויסרײַסעניש“. אָבער איצט ווונדערט זיך שוין קיינער ניט.

איצט לעשט זיך אויס די זון אפן צויבערנדיקן דניעפּער, זי האָט זיך פּאַרטשעפּעט בא די ווײַטע שלאַנקע טאָפּאָלן, ווי זי זאָל ניט וועלן פאַר־לאָזן אזא ווונדערלעכע שטאָט. זי כיינדלט זיך נאָך, די זון, פּעסטעט זיך, בעט זיך, מע זאָל זי לאָזן נאָך אזוי א ביסל הענגען איבערן דניעפּער... און טאקע נאָך הײַנט אינדערפרי, ווען די זון איז אופגעגאנגען, איז נאָך אונדזער גאסט, בינימין קאנטאָר, ארומגעגאנגען איבערן ווײַטן אינדזל, געוועזן אפן זאוואָד, זיך שיין אָפּגעזעגנט מיטן אוילעם, ווי עס פּאסט פאר א מענטשן, וואָס פליט אפן מאטעריק — אף דער „גרויסער ערד“, אין אורלויב...

אים איז נאָך ניט ארויס פון קאָפּ דער זשום פון די יאם־כוואליעס, דער טומל פון די טשאטעס מעוועס, עס גייט אים נאָך אלץ נאָך דאָס גע־רוך פון פיש, פון די צעהאנגענע אפן ברעג נעצן. און אָט איז ער שוין טאקע אין דארניצע, בא זײַנע פרײַנט און קרויווים. אָט שטייט ער אפן באלקאָן פון פינפטן שטאָק און באטראכט מיט פארגעניגן דעם זון־פאר־גאנג, קוקט אפן דניעפּער, אף די נײַע הײַזער, וואָס וואקסן דאָ ווי אף הייוון.

ארום און ארום שפּרייטן זיך גרינע סעדער, גערטנער, און ווײַטער — סאָסנע־וועלדער, וועלכע צעלויפן זיך אין אלע עקן אף הונדערטער קילאָ־מעטער — אן עמעסע פארפלייצונג פון גרינס. די שטאָט, אן אויס־געוואשענע און אויסגעצוואָגענע פון די מילדע רעגנס, זעט אויס עפּעס יאָמטעוודיק. א באזונדער כיין גיט צו דער שטאָט די שפּאָגל־נײַע גאסן, די אומצאָליקע הייב־קראנען. נאָר פון די זאכן ווערט אונדזער גאסט ניט שטארק ניספּאָעל און קוקט אף דעם, ווי אף געוויינלעכע זאכן. אין דער עמעסן, פאר דעם צענדליק שאָ, וואָס ער איז געוועזן אין הימל און דורכ־געמאכט אָן א שיר קילאָמעטער, האָט ער זיך אָנגעקוקט אף גענוג בויונ־גען. און וואָס דארפט איר מער, כאפּט א קוק, וואָס עס טוט זיך בא אים, אף דאָרעם־סאכאלין: פונקט דאָס זעלבע — אף יעדן שריט און טריט בויונגס־פלעצער, קראנען, בולדאָזערס...

יאָ, געקומען אַן אָנגעלייגטער גאַסט!

אַמאָליקע יאָרן וואָלט זיך איין שטוב געוויס געטומלט און גערוישט, עס וואָלט זיך געטאָן אַף טיש, אַף בענק און אַף קליינע בענקעלעך, מע וואָלט אָנגעקוקט דעם גאַסט, ווי ער זאָל אַהער אַראָפּפאַלן פון אַן אַנדער פּלאַנעטע, מע וואָלט זיך געכידעשט, צעעפנט מויל און אויער.

די, וואָס קענען בינימין קאַנטאָר, ווונדערן זיך שוין לאַנג ניט, ווען ער פאַלט אַראָפּ ווי שניי אַפן קאָפּ. אַף איין זאַך אָבער כידעשט זיך דער אוילעם:

— גוואַלד, גאַזלען איינער, אַזויפיל יאָרן קענען מיר דיך, און דו ענדערסט זיך ניט אַף קיין האָר! ווערסט גאָר ניט עלטער...

דער גרויס־וווקסיקער בינימין קאַנטאָר מיטן ענערגישן שטאַרק פאַרברוינטן פּנים שמייכלט אונטער מיט זײַנע רויִקע גוטמוטיקע אויגן, קנייטשט דעם הויכן שטערן. ער איז אַ ביסל צערודערט פון דער באַגעגע־ניש מיט די פרײַנט, וועלכע ער האָט אַ יאָם מיט יאָרן ניט געזען. פונ־דעסטוועגן שיט ער מיט ווערטלעך, וויצלט זיך, און דער אוילעם לאַכט, קאַטשעט זיך פון געלעכטער.

דער רועך זאָל אים ניט נעמען, אונדזער בינימינען! אַזויפיל יאָר אָפּגעריסן פון דער היים, פון נאָענטע און פרײַנט און האָט נאָך ניט פאַר־געסן דאָס יאָדערדיקע מאַמע־לאָשן, די וויצן און כאָכמעס, וואָס ער האָט נאָך געהערט פונעם טאַטן, וועלכער האָט געשעמט אַמאָל פאַר אַ פאַרשוין מיט אַ צונג אַף פּרוזשינקעלעך.

אַלץ איז גוט, אָבער גיי דערצייל זיי, די קרויווים, זײַ אַ כאָכעם און ענטפער זיי אַף דער קאַשע, פאַרוואָס זעט ער נאָך אַלץ אויס יונג, כאָטש ער איז שוין לאַנג אַרײַנגעפאָרן אינעם זעקסטן צענדליק. זאָלן זיי ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָך אַ סאַך אַרבעט אָפּצוטאָן אַף דער וועלט און, כוץ אַלעמען, איז ער מער ווי אַ האַלב לעבן אין יענע מעקוימעס, ווו די פרעסט רײַסן שטיקער, פאַרהאַרטעווען, די ווינטן לאָזן ניט פאַלן און דאָס, וואָס אַף יעדן שריט און טריט באַגעגנסטו זיך מיט ווילדע קויכעס פון דער נאַטור און דו דאַרפסט זיי אומבאַדינגט גויווער זײַן, באַקעמפן,

גיט דיר צו קויכעס און מוט. עפשער ליגט אין דעם דער סאָד פון זײַן יונגקײַט.

נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, איז ביניאָמין קאַנטאָר זייער צופרידן, וואָס ער איז נאָך ניט אַלט, איז געזונט און אַנטשיידן.

ער איז אויך צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט געטראָפן זײַנע קרויווים און פרײַנט פרייליכע און געזונטע.

ער ווייסט, אַז די באַלעבאַטים זײַנען שטאַרק צופרידן מיטן גאַסט, נאָר דאָך באַמערקט ער, אַז זיי זײַנען אַ ביסעלע צערודערט. ער האָט זיי טאַקע געשטעלט אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. אַראָפּגעקומען אַזוי אומ־דערוואַרט און אַפילע ניט מוידיע געווען! ניט אומזיסט זאָגט דאָס פאָלק אַ ווערטל: „דער מענטש איז אַליין אַ גאַזלען איבער זיך"... פאַרוואָס? וואָס הייסט, פאַרוואָס? וואָלט ער באַצײַטנס געגעבן צו וויסן, אַז ער פאָרט, וואָלט מען דאָך פאַר אים צוגעגרייט אַ קאַבאַלאַס־פּאָנעם, ווי עס פּאַסט באַגעגענען אַזאַ אָנגעלייגטן גאַסט! די באַלעבאָסטע וואָלט אים צוגעגרייט געפילטע פיש, פונקט אַזעלכע, ווי זײַן מאַמע, אָלעוו־האַשאָלעם, פלעגט אַמאָל קאָכן. און זאָל ער ניט האָבן קיין פאַריבל, וואָס מע וועט שטעלן אויפן טיש דאָס, וואָס מע האָט בעכיפּאָזן אַרופגעבראַכט פונעם גאַסטראָ־נאָם. אַפילע קיין גוט פלעשל ווײַן ניט געקאָנט נעמען, ווײַל אין דער באַקאַלייע איז הײַנט גראָד אַ „פּערעוטשאָט". גראָד איצט דאַרף עס טרעפן.

נאָר ביניאָמין באַרויִקט די פאַרפאַליעטע באַלעבאַטים. בישקאָשע, דער הימל איז נאָך ניט אויף דער ערד. מע וועט זיך יאַקאָס געבן אַן אייצע. פון הונגער און פון דאָרשט וועט מען ניט שטאַרבן. אַ כאַלאַס אַזאַ, אַ געוווינשאַפט בײַ ביניאָמינען: אַז ער פאָרט אין וועג, האָט ער טאָמיד לעבן זיך זײַן געשוואָרן רוקזעקל מיט זײַן „זאַפּאַס". עס מעג אַפילע דונערן און בליצן, נאָר אין זעקל דאַרף עפּעס ליגן. אָפט בלאָנקעט ער אַרום איבער ווילדע ערטער, אין דער טײַגע, אין דער טונדרע. עס טרעפט, אַז אין וועג פליט אָן אַ טײַפון, אַ זאַווייע, אַ שלאַקסרעגן, און דו מוזט אַרײַנקריכן ערגעץ אין אַ לאָך, אָפּזיצן אַ נאַכט, אַמאָל אַ פּאָר נעכט. דעמלט וועסטו דאָך אין גאַסטראָנאָם ניט גיין. און וויבאַלד אַזוי, שאַט ניט

האָבן לעבן זיך דאָס רוקזעקל, און דאָרטן — עפּעס אַזוינס, מע זאָל קאָנען אונטערהאַלטן די זינדיקע נעשאָמע, דערקוויקן דאָס האַרץ.

און דער גאַסט נעמט אַרויס פון זײַן זעקל דרײַ שײַנענדיקע פלעשער קאָניאַק, אַ קעפּל שווייצער קעז, אַ פּאָר גאַרבושעס און אַ גרויסע קעטאַ, פון וועלכער עס רינט די שמאַלץ, אַ סלוי שוואַרצן רויג. פיש און רויג ניט כאַלילע פונעם גאַסטראָנאָם, נאָר טאַקע פון יענע, וואָס ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק מיט זײַנע אייגענע נעצן געכאַפּט אין יאַפּאָנישן יאַם, טאַקע אַפן ווײַטן אינדזל זײַנעם.

און אָט ווערט ער שוין אַליין באַלעבאָס פון דער סודע. צעגיסט אין די קויסעס דעם שטאַרקן ווײַן און ווינקט אונטער צום אוילעם:

— נו, מײַנע טײַערע, צו וואָס זאָלן מיר אומזיסט פאַטערן צײַט? אַלפּי סייכל, קומט איצט נעמען די ערשטע קויסע פאַר אונדזער באַגעגעניש. לעכאַיִם!

— וואָס רעדסטו, ביניאָמין! — האָט איבערגעשלאָגן אַן עלטערער, גראָווער שאָכן, קוקנדיק מיט שרעק אַפן גרויסן בעכער, וואָס דער גאַסט האָט אים אונטערגערוקט. — ווען איך טרינק אויס אָט דעם קאָס, בין איך אַ פאַרטיקער, וואָלסטו מאָרגן געגאַנגען נאָך מײַן לעוויִע. דאָס איז דאָך סאַם־האַמאָוועס! איך וועל בעסער נעמען אַ קאַפּ וויִשניק — דאָס איז ראַיעלער, דעריקער ניט אַזוי שטאַרק.

דער גאַסט שמייכלט אונטער:

— גאָט איז מיט אײַך, קינדערלעך, וואָס רעדט איר! פאָלגט מיך, איך בין אַ ביסל באָקי אין דער דאָזיקער טוירע. איידער איין גלעזל וויִשניק, איז גלײַכער דרײַ פּוזשערן קאָניאַק. פאָלגט מיך! ווען עס ברענט דער פראָסט אין דרויסן, איז דאָס בעסטע אין דער וועלט, די שענסטע רעפוּע, אַ גלעזל ספּירט אָדער קאָניאַק. נו, לעכאַיִם! ווייניקער אַ וואָרט, אַבי עמעס!

דער אוילעם, וואָס האָט געגומען צו קאַפּעלעך, איז פאַרטאָן אין דער אַכילע. באַזונדערס נעמט אויס דער רויג און די פעטע גאַרבושע. די קעטאַ וועט מען לאָזן אַף שפּעטער.

— ביניאָמין־לעבן, — רופט זיך אָן די באַלעבאָסטע, — פאַרוואָס זשע פאַרבײַסטו ניט? האָסט דאָך קיין אײַנהאָרע געגומען אַ שיינעם טרונק.

— וויפֿל קאָן מען פאַרבײַסן? איך האָב דאָך ערשט ניט לאַנג פאַרביסן אָף סאַכאַלין.

זײַנע דורכדרינגעוודיקע אויגן שמייכלען אונטער, ער האָט אַזאַ אויסזען, ווי זײַן טאַטע, זײַן זיידע וואָלטן אָפּגעלעבט אפֿן ווײַטן אינדזל דאָס גאַנצע לעבן. ער רעדט וועגן דעם שטרענגן קאַנט ווי וועגן עפּעס גאָר נאָענטס און לײַבלעכס.

און אויב איר ווילט, איז דאָס טאַקע אַזוי! בינימין קאָנטאָר איז טאַקע פֿאַרליבט אין דעם ווײַטן ווינקל, וואָס ליגט צווישן יאַמען און וועלדער. ער איז דאָרטן טאָמיד פֿאַרטאָן אין זײַן אַרבעט און שטעלט זיך ניט פֿאָר, ווי וואָלט ער ערגעץ אַנדערש געקאָנט זיך באַזעצן און אַרבעטן.

ער איז, ווי מע זאָגט, אויסגעוויקט אין דער שטרענגער נאַטור, וווּ די סטיכיע איז באַזונדערס אַכזאָריעסדיק און פּרוּווט זיך גוויוער זײַן דעם שטאָלצן מענטשן.

2

איינציקע, וואָס זיצן באַם טיש און הערן פֿאַרגאַפּטע, וואָס בינימין דערציילט, געדענקען אים נאָך פֿון יענע יאָרן, ווען גאַנץ קאַראָסטען איז געגאַנגען מיט אים כאַדאָראָם. אַ מאַזיק איז דאָס נאָך געווען פֿון קליינווײַז אָן. מײַלע נו, וויפֿל טאַפּליעס ער האָט אויסגעשלאָגן מיט דער פֿוטבאָל־פּילקע, זײַנען מיר אײַך מויכל. ווו מע האָט אים ניט פֿאַרזייט, דאָרטן איז ער אויסגעוואַקסן. אַז אַלץ האָט ער געדאַרפֿט זען און אויסטאַפּן מיט די אייגענע הענט: אַן אַלטע ביקס, אַ ניט צעריסענע באָמבע, וואָס האָט זיך געוואַלגערט ערגעץ אין אַ גרוב צי אין פֿעלד. „אַן אַלטע נאָז, אומעטום דאַרף ער זי רוקן!“ — האָט די מאַמע אים אַמאָל אויסגעוואָרפֿן. און טאַקע, ווי דער עמעס איז, ווו ערגעץ אַ זשעליעזיאַקע, מוז ער זי באַטראַכטן, אַ פּרוּוו טאָן, צי קאָן מען זי ניט צעברעכן. דערטאַפּט ער ערגעץ אַ צעמאַזיקטן מעכאַניזם, מוז ער זיך אוועקזעצן, אים צעשרויפֿן, אַרײַנקריכן אין די געדערים. אַזעלכע מײַסטערס און כאַכאָמים,

ווי ער, בלײַבן אָפּט אָן אויגן, ווערן קאַליקעס צוליב די געפערלעכע שפּילכלעך.

דער טאַטע זײַנער, אוראָם קאַנטאָר, האָט געשעמט אין קאַראַסטען אַלס גאָלדענער באַלמעלאָכע. ער האָט געקאָנט „שטעלן אַף די פיס" וואָס פאַר א מאשין און וואָס פאַר א מעכאַניזם איר ווילט ניט. א זייגער — איז א זייגער, א וועלאָסיפּעד — א וועלאָסיפּעד, א זייעלקע, א ווייעלקע, א נײַ־מאַשין, אָן אַלטן אוטאָמאָביל. בא אים איז ניט געווען „איך ווייס ניט".

האָט ער ניט געוווּסט — האָט ער זיך אַזוי לאַנג געפּאָרעט, ביז ער איז דערגאַנגען דעם סאָד. פלעגט מען פאָרן צו אים פון אַלע עקן, און ער איז טאָמיד געווען פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט. אײנמאָל קומט צו גייען ביניאָמין און ברענגט צו טראָגן דעם טאַטן אין וואַרשטאַט א טעפל געקעכטס. ער האָט זיך נאָר אוועקגעזעצט אין א ווינקל, דער טאַטע, און גענומען דעם ערשטן לעפל אין מויל, ווי דער מאַזיק האָט זיך אונטערגעגאַנוועט, געכאַפּט א פרעמדן וועלאָסיפּעד, זיך אַרופגעכאַפּט אַף אים און — הײַדא, באַרג־אַראָפּ! ביניאָמין איז געפלויגן נאָר אַף דערהאַרגעט צו ווערן. די ווײַבער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון מאַרק, האָבן דאָס דערזען און דערציטערט געוואָרן: זע נאָר א מין פליען! ער וועט צעברעכן האַלדז־און־נאַקן! זיי האָבן אופגעהויבן א גוואַלד ביזן הימל:

— רעב אוראָם! די אויגן זײַנען אײַך אַרויס? ער וועט זיך דאָך צעמיימעסן, ברעכן הענט און פיס!

אוראָם קאַנטאָר האָט אוועקגעשטעלט אין א זײַט דאָס טעפל געקעכטס, פאַריכט אַף דער נאָז די אַלטע ברילן, א קוק געטאָן אַף זײַן יוירעש און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נישקאָשע, ווײַבער, נעמט זיך ניט צום האַרצן. איר ווייסט דען ניט, וואָס פאַר א מאַזיק דאָס וואַקסט? ער וועט זיך גוט צעדראַפּען די נאָז, וועט ער מער נישט קריכן צו די ליסאַפּעדן.

און אַזוי איז טאַקע געשען: ניט ווײַט פונעם טײַך האָט דער אַקשן זיך שיין איבערגעקערט, זיך צעקאַליטשעט גאַנץ נישקאָשע, אויסגעבויגן די אונטערשטע ראָד און צעבראָכן עטלעכע ספּיצעס. ער האָט זיך גוט צעבוצקעט מיט דער ערד, נאָר פאַרן טאַטן איז ער געשטאַנען מיט א צע־

בלוטיקטער נאָז און ניט געווײנט. דאָס האָט אים געראַטעוועט פון פּעטש.

דער טאַטע האָט אים אָנגענומען באַם אויער און געזאָגט:

— האָדיע שלאָגן בײַדעקעס! אויב דו ביסט אַזאַ מאַמזער, וועסטו זיך טאַקע מאָרגן שטעלן צו דער אַרבעט.

פון דעם טאָג האָט בינ‏יאָמין זיך אָנגעהויבן גריבלען אין די מעכאַניזמען, פּונקט ווי דער טאַטע זײַנער.

צו דער אַרבעט האָט ער זיך גענומען מיט כּיישעק, און אַלץ האָט מאַמעש געברענט אונטער זײַנע הענט. קוקנדיק, ווי דער באָכער סטאַרעט זיך, האָבן מענטשן געברײַעט:

— דאַכט זיך, פונעם באָכער וועט אויסוואַקסן אַ לײַט.

אין אַ צײַט אַרום האָט בינ‏יאָמין שטילערהייט גענומען מײַסטרעווען אַ מאָטאָציקלעטל. פון שטיקלעך און פּיצלעך האָט ער צונויפגעשטעלט אַ מאַשינדל אַף צוויי רעדער. שכיינים האָבן געשפּאַסט:

— אַ מאָדנע מאַשינעריע! זעט אויס, אַז בינ‏יאָמין וויל צונויפקלעפּן אַ „ליבעלאָן" און אַוועקפליִען אַף דער לעוואָנע.

נאָר זאָל מען לאַכן! דער באָכער האָט זיך ניט צוגעהערט און געטאָן זײַנס. טעג און נעכט איז ער געזעסן אין וואַרשטאַטל און געהאָרעוועט, געקלאַפּט, געדרייט, געשלײַפט, און אינגיכן האָט גאַנץ קאָראָסטען גע־קליבן נאָכעס פון אַוראָם דעם שלאָסערס בענאָקל, וואָס פליט איבער די גאַסן אַף אַ מוירעדיקן „גראַגער". דער מאָטאָציקל האָט אַזוי געגראַגערט און געטשאַדעט, אַז מע האָט געקאָנט פּריטשמעליעט ווערן. אַז ער איז געפאָרן אַף זײַן „גראַגער", האָבן אַלע פערד אַפן שליאַך זיך געשטעלט „דיבאָם".

דאָס איז געווען אין שטאָט דער ערשטער מאָטאָציקל.

שפּעטער האָבן זיך אין די דערפער אַרום קאָראָסטען באַוויזן די ערשטע טראַקטאָרס, און בינ‏יאָמין האָט אינגיכן זיך אויסגעלערנט זיי רעמאָנטירן. פון די אַרומיקע אַרטעלן איז מען צו אים געפאָרן נאָך גיכער הילף.

אָבער לאַנג זיצן אין קאָראָסטען האָט בינ‏יאָמין ניט געוואָלט. אין דרײַסיקסטן יאָר איז דאָס געווען. ער האָט זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, מיט קאָראָסטען און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט.

3

די ערשטע סטאַנציע זײַנע איז געווען אַרכאַנגעלסק. ער האָט עטלעכע טעג זיך אַרומגעדרייט איבער דער גרויסער צאָפן־שטאָט, צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען דעם יאַם, דעם האַפן, ווו עס זײַנען געשטאַנען אַ סאַך שיפן. דער יאַם האָט אים געפאַנגען. ווײַטער וועט ער ניט פאָרן. אָט דאָ וועט ער אַרבעטן.

אים איז באַזונדערס געפעלן געוואָרן דער מעכטיקער אײַז־שפּאַלטער „סעדאָוו". אין האַפן האָט ער זיך באַקענט מיט אַרבעטער־כעוורע, וואָס האָבן געגרייט די שיף אין אַ ווײַטער עקספּעדיציע. ער האָט פּאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, צי וועט מען אים ניט נעמען אויף דער שיף. אַז מע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ שלאָסער און אַ מעכאַניקער, האָט מען זיך דערפרייט.

און ער איז אַוועק אין יאַם.

אומדערוואַרט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרן באַכער פון קאָראָסטען אַ נײַ אינטערעסאַנט לעבן.

אָנשטאָט אַ צימער האָט ער דאָ באַקומען אַ „קובריק". אָנשטאָט זייל־קעס און ווייעלקעס, וואָס ער האָט רעמאָנטירט אין שטעטל, איז אים אויסגעקומען זיך באַקענען מיט די מעכטיקע שיף־מעכאַניזמען.

די שיף איז געגאַנגען אויף צאָפן, און די וואַסערן זײַנען געוואָרן מיט יעדן טאָג כמורנער, זיך געמאָרדעוועט, זיך געוואָרפן אויף דער שיף מיט אירע מוירעדיקע כוואַליעס, וואָס האָבן געפּינעט, געזאָטן אַרום די באָרטן פון דער שיף.

אַליץ אָפטער און אָפטער האָט מען געמאָלדן אָווראַלן, און עס איז אויס־געקומען צו זײַן אַ מאַטראָס, אַ קאָטשעגאַר, אַ טרעגער און וואָס אין דער קאָרט.

בינימין האָט געמאָסטן די טיף פונעם אָקעאַן, געטאַפּט דעם דויפעק פון די גרויזאַמע אײַז־בערג, געפּרווט דעם טאַם פון דער וואַסער, גע־מאָסטן די טעמפּעראַטור, געשטאַנען אויף דער וואַכטע.

שפעטער איז די שיף ארומגערינגלט געוואָרן מיט אײַז און אָנגע־הויבן דעם דרייף, וואָס האָט געדויערט עטלעכע כאדאָשים.

דער ערשטער עקזאמען איז אויסגעהאלטן. איצט איז אים שוין גאָר־ניט ניט געווען שרעקלעך. ער האָט זיך פארהארטעוועט, דעראָבערט נײַע פרײַנט און כאווירים. אפן גאנצן לעבן זײַנען פארבליבן אין זיקאָרן די שלאָפלאָזע אווראל־נעכט, ווען מע האָט זיך געראנגלט מיט דער ווילדער סטיכיי, וועלכע האָט געדראָט מיט טויט און אומגליק.

פון יענער צײַט האָט ביניאָמין קאנטאָר זיך באפרײַנדעט מיט פרעסט, שנייען און וויוגעס. ער האָט זיך צוגעוווינט צו די שניי־מידבאָריעס, צו דער טײַגע און דעריקער צו די מענטשן, וואָס ווױנען אין די דאָזיקע ערטער. ער האָט באשטימט זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט זיי. דאָס איז געווען זײַן ניידער.

ער האָט געארבעט אין האפן, רעמאָנטירט די שיפן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די ווײַטע רײַזעס און דרייפן.

אומבאמערקט זײַנען אדורכגעגאנגען צוויי ווינטערס. נאָר אלץ הייסט ווינטערס! זיי זײַנען אף קיין האָר ניט ענלעך געווען אף די קאָראָסטע־נער. אזעלכע ווינטערס האָט ער אפילע אין כאָלעם ניט געזען. די שווערע כאדאָשים אין אײַז־אָקעאן, צווישן שניי־מידבאָריעס און זאווייען, זײַ־נען געווען פאר אים א גוטע שול. איצט איז אים שוין דער ווינטער ניט געווען שרעקלעך.

ער איז געוואָרן אן עכטער מײַסטער אף רעמאָנטירן שיפן, קאָמפלי־צירטע מעכאניזמען. אין האפן האָט מען אים פארטרויט די ארבעטן, ווו מע האָט געדארפט האָבן א באזונדער געניט אויג.

און פון קאָראָסטען, פון דער היים, זײַנען צו אים טאָג־אײַן, טאָג־אויס געפלויגן בריוולעך. די מאמע האָט געשריבן:

„וויפל איז דער שיר ווױנען אין די שניי־מידבאָריעס? מע זאָגט, אז אין דײַנע ווילדע קאנטן ווייסט מען נישט, וואָס איז אזוינס זומער, מע ווייסט ניט דעם טאם פון א פרישן פאָמידאָר, פון אן אוגערקע. נאָר די ווײַסע בערן, זאָגט מען, פילן זיך בא אײַך ווי באם טאטן אין ווײַנגאָרטן. שוין צײַט אהיים צו קומען".

בינִיאָמין און זײַנע נײַע פֿרײַנט האָבן זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער, לייענענדיק דער מאַמעס בריוועלע.

אין דער עמעסן, ווי קאָן ער וואַרפֿן האַקל־פּאַקל און זיך לאָזן קיין קאַראַסטען, אַז די שטרענגע קאַנטן זײַנען געוואָרן זײַן נײַע היים? אַ וועלט מיט אַרבעט וואַרט אַף אים אָט דאָ. דאָס גאַנצע לאַנד איז אין רישטעוואַניעס, מע דאַרף האָבן בוי־מאַטעריאַלן, און נאַטשאַלסטווע שיקט אים אַרבעטן אַף די טײַכן פּעטשאָרא און וויטשעגדאַ. דאָרטן וואַרטן אַף אים אַ סאַך שיפֿן, וואָס מע מוז רעמאָנטירן.

עס איז נאָך ניט געווען ווינטער, ווען בינִיאָמין איז געקומען קיין סיקטיווקאַר, אין דער הויפּטשטאָט פֿון קאָמי־רעפּובליק. אַ פֿײַנער, רײַכער קאַנט, וואָס פֿאַרמאָגט בלויז איין כיסאָרן, ווי דער אוילעם זאָגט אין אַ שפּאַס: דאָ איז צוועלף כאָדאָשים ווינטער, דאָס איבעריקע — זומער...

ער האָט גלײַך פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און צוזאַמען מיט זײַנע כאַווײרים זיך געשטעלט רעמאָנטירן שיפֿן, קאַטיערס, בוקסירן.

דער קאַנט איז רײַך מיט געהילץ, און, ווי נאָר עס עפֿענען זיך די טײַכן, אַזוי הייבט מען אָן טרײַבן טויזנטער פּליטן. אין אַ פֿרײַער שאָ פֿלעגט בינִיאָמין אַרויסקומען אַפֿן ברעג און קוקן, וויאַזוי מע בינדט צונויף אַפֿן וואַסער די פּליטן, וויאַזוי די קלעצער מאָרדעווען זיך, ווילן ניט גיין אין צוים אַרײַן און טראָגן זיך דער רועך ווייסט וווהין.

ניט איין מאָל, נאָכשפּירנדיק דער שווערער אַרבעט פֿון די פּליטן־בינדער, פֿלעגט בינִיאָמין טראַכטן: שוין זשע קאָן מען ניט צוטראַכטן אַזאַ מאַשין, וואָס זאָל בינדן די פּליטן און באַפֿרײַען די מענטשן פֿון דער שווערער האָרעוואַניע?

צו יענער צײַט האָט ער זיך באַקענט מיטן היגן מעכאַניקער סנעטקאָוו, וועלכער האָט לאַנג זיך שוין געבראָכן דעם קאָפּ איבער אַ סטאַנאָק, וואָס זאָל בינדן די פּליטן אַף די טײַכן. סנעטקאָוו איז שוין געווען נאָענט צו דערלייזן די פּראָבלעם, ער האָט אָבער ניט געקאָנט מאַכן די צייכענונגען, באַשרײַבן דעם סטאַנאָק און דערפֿירן די זאַך ביזן סאָף.

דאָ איז סנעטקאָוון געקומען צוהילף בינִיאָמין קאַנטאָר.

אין אַ קורצער צײַט אַרום, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַוויגאַ־

ציע אויף די צאָפּן־טײַכן, האָט מען אויסגעפּרוווט דעם נײַעם סטאַנאָק. די פֿליטן־טרײַבער זײַנען אַרויס אויפֿן ברעג און נאָכגעשפּירט דער אַרבעט פֿונעם נײַעם סטאַנאָק. עס האָט זיך קיינעם ניט געגלייבט, אַז אַ סטאַנאָק זאָל קאָנען פֿאַרבײַטן די פֿליטן־בינדער. נאָר אַלע האָבן זיך איבערצײַגט, אַז ס׳איז אַזוי. די מעכטיקע סלופּעס, געיאָגטע פֿונעם שטראָם, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין די אײַזערנע „הענט" פֿונעם סטאַנאָק, וואָס האָט זיי שנעל צונויפֿגעבונדן און אין דער פֿאָרם פֿון אַ גיגאַנטישן סיגאַר אַרויס־געשטויסן.

אַ סאַך פֿליטן־טרײַבער זײַנען ניט געווען באַגײַסטערט פֿון דער דער־פֿינדונג: יאָרנלאַנג האָבן זייערע זיידעס, פֿאָטערס און זיי אַליין געבונדן פֿליטן אויף דער פּעטשאָרע, אויף דער וויטשעגדע, אויפֿן יעניסיי, און איצט וועט אויסקומען בײַטן די פּראָפֿעסיע.

אויף אַלע צאָפּן־טײַכן האָבן זיך באַוויזן די נײַע סטאַנאָקעס. זיי האָבן פֿאַרביטן הונדערטער פֿליטן־בינדער, פֿאַרגרינגערט טויזנטער אַרבעטער די שווערע האָרעוואַניע. איצט קאָן מען אויף אַלע טײַכן באַגעגענען סנעט־קאָווס סטאַנאָקעס.

אין אַלע צאָפּן־האַפֿנס האָט מען שוין געקענט דעם מײַסטער־מעכאַ־ניקער, דעם „רויפֿע" פֿון „קראַנקע" שיפֿן, בוקסירן און קאַטיערס. צו בינ־יאָמין קאַנטאָרן האָט מען זיך באַצויגן מיט באַזונדערן צוטרוי און אַכטונג. אַ דערפֿינדער און ראַציאָנאַליזאַטאָר, איז ער פֿול געווען מיט פּלענער און פּראָיעקטן, ער האָט געטרוימט גיין לערנען און ווערן אַן אינזשעניער־מעכאַניקער. נאָר די מילכאָמע האָט אַלץ צעשטערט.

בינ־יאָמין איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט. לאַנג זיך אײַצענען, וווּהין מע זאָל אים שיקן, איז ניט אויסגעקומען. קלאָר וווּהין — אויפֿן צאָפּן־פֿראָנט. און אַזוי ווי ער איז אַ גרויסער ווייסער אין מאַשינעס און מעכאַניזמען, איז גלײַכער, ער זאָל זיך זעצן אין אַ טאַנק. ניט איין שלאַכט האָט ער געפֿירט קעגן בלוטיקן סוינע, און ווען אויף דעם דאָזיקן פֿראָנט־באַצירק איז גע־וואָרן עטוואָס לײַכטער, האָט מען דעם טייל, ווו עס האָט געדינט דער טאַנקיסט קאַנטאָר, איבערגעוואָרפֿן אויפֿן לענינגראַדער פֿראָנט. דאָ איז אויסגעקומען זיך איבערזעצן פֿונעם טאַנק אויף אַן אַעראָשליטן, וואָס האָט

געפֿירט פֿון דער לאַדאָגער אָזערע צו דער שטאָט קוילן, סנאַריאַדן, אַרויסגעפֿירט פֿון דער שטאָט הונגעריקע קינדער, פּרויען, זקנים אונטערן האַגל פֿון פֿאַשיסטישע באָמבעס און סנאַריאַדן. און טאַקע דאָ, אױף דער אָזערע, איז ער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן.

עטלעכע כאָדאָשים האָט ער פֿאַרבראַכט אין האָספּיטאַל, ביז ער איז געקומען צו זיך, נאָר אויף דער פֿײַער־ליניע האָט מען אים שוין ניט געקאָנט שיקן. ער איז געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר און געלערנט די יונגע טאַנקיסטן פֿירן אין שלאַכט טאַנקען.

ער האָט איבערגעגעבן די „גרינע“ זײַן גרויסע דערפֿאַרונג. זײַנע געוועזענע שילער האָבן אים אָפֿט געשיקט בריוולעך און געדאַנקט פֿאַר דער לערע, וואָס איז זיי גוט צוניץ געקומען אויפֿן פֿראָנט.

די ניט פֿאַרהיילטע וווּנדן האָבן דערקוטשעט, נאָר עס איז ניט געווען קיין צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט זיך. אין משך פֿון אַ פּאָר וואָכן האָט ער געדאַרפֿט איבערגעבן די יונגע יאַטן, וואָס האָבן קיינמאָל נאָענט קיין טאַנק ניט געזען, זײַן דערפֿאַרונג. און ניט בלויז זיי אויסלערנען אָנפֿירן מיטן טאַנק, נאָר אים אויך פֿאַריכטן, אויב ער וועט זיך אויפֿן שלאַכטפֿעלד פּלוצעם אָפּשטעלן, — דאָרטן זײַנען דאָך נישטאָ קיין וואַרשטאַטן, וואָס זאָלן רעמאָנטירן די מאַשין אונטערן פֿײַער.

אין פֿרײַע מינוטן האָט מען געכאָלעמט: וואָס וועט מען טאָן, אַז די מילכאָמע וועט זיך פֿאַרענדיקן? קימאַט אַלע האָבן געטראַכט וועגן דער היים, — זיך אומקערן אין די לאַבאָראַטאָריעס, אין די אינסטיטוטן, וואָס מע האָט ניט באַוויזן ענדיקן; מע האָט געטרוימט וועגן אַ רויִק, נאָרמאַל לעבן. ביניאָמין האָט געטראַכט וועגן ווײַטן מיזרעך. זײַנע נײַע פֿרײַנט האָבן אים דערציילט וווּנדערלעכע געשיכטעס וועגן דער טײַגע, וועגן די האַפּנס. עס האָט זיך געוואָלט זײַן דאָרטן, ווו אין זײַנע הענט האָט מען זיך באַזונדערס גענייטיקט.

ווען די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אייניקע יונגע סאָלדאַטן זיך געלאָזט אַפן ווײַטן מיזרעך, קיין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אמור. מיט זיי צוזאַמען איז אויך אַוועקגעפאָרן ביניאָמין. מאַשינעס פאַר פרידלעכער בויונג זײַנען דעמלט געווען ווייניק, און מע האָט געדאַרפט צונויפשטורקעווען, פאַרלאַטען אַלטע מאַשינעס, און אַף דעם איז ביניאָמין געווען אַ מײַסטער!

באַזונדערס איז געווען אַ סאַך אַרבעט באַם בויען די אײַזנבאַן. דאָ האָט מען אָן מאַשינעס ניט געקאָנט זיך באַגיין. דאָ האָט ער אָנשטאָט שיפן און קאַטיערס רעמאָנטירט בולדאָזערס, אַלטע עקסקאַוואַטאָרס, טראַקטאָרן.

אים האָט זיך געדוכט, אַז די אַרבעט איז אַ צײַטווײַליקע, מע וועט זיך נאָר אָפּאָרען מיט דער אײַזנבאַן־ליניע, וועט ער זיך אומקערן צו זײַנע שיפן. נאָר די קאָלאָנע אײַזנבאַנער האָט זיך אַריבערגעקליבן אַף די מאָנגאָלישע סטעפּעס, ווו מע האָט דרינגענד געדאַרפט דורכלייגן אַ ליניע ביז אולאַן־באַטאָר — דער הויפּטשטאָט פון דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק.

קנאַפּע דרײַ יאָר האָבן טויזנטער אַרבעטער — אײַזנבאַן־בויער דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך בערג, טאָלן און סאָפּקעס. די אײַזנבאַן־ליניע האָט זיך אַוועקגעצויגן אין דער טיפעניש פון מאָנגאָליע. פאָרויס האָט זיך באַוועגט אַ גאַנצע שטאָט מיט געצעלטן, ווו עס האָבן געוווינט די בויער מיט זייערע מישפּאָכעס. אין איינעם פון אָט די געצעלטן האָט אויך געלעבט דער בריגאַדיר־רעמאָנטלער ביניאָמין קאַנטאָר. געוווינט צו בייזע ווינטן, ווינטן, קעלט, האָט ער מיט זײַן בריגאַדע ניט געוווּסט פון קיין רו. אַלע מאַשינעס און מעכאַניזמען אַפן גרויסן באַצירק האָבן געדאַרפט אַרבעטן גוט און פינקטלעך. און אַרבעט האָט געקלעקט.

■

צוזאַמען מיט טויזנטער בויער פון דער אײַזנבאַן איז ביניאָמין געשטאַנען אַפן פלאַץ פונעם שפּאָגל־נײַעם וואָקזאַל פון אולאַן־באַטאָר און זיך אײַנגעהערט אין די רעדעס פון די מאָנגאָלישע אָנפירער, וואָס האָבן

באדאנקט דאָס סאָוועטישע פאָלק, די טרײַע זין פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן אויסגעבויט די אײַזנבאַן.

בינימין האָט זיך געפילט דערהויבן — אויך ער האָט געהאַט א שטיקל חלק אין דער אײַזנבאַן. ער איז אויך צווישן די טרײַע זין פונעם סאָוועטישן פאָלק, וועמען מע האָט איצט אזוי שיין אָפּגעדאַנקט פאַר דער גרויסער, איבערגעגעבענער ארבעט.

ווי עס איז ניט געווען שווער, האָט ער זיך דאָך צוגעוווינט און ליב באַקומען דעם קאַנט. און טאַקע דערפאַר האָט ער זיך ניט געוואַקלט, ווען אים איז אויסגעקומען זיך אויסקלײַבן א נײַ וווין־אָרט נאָכן פאַרענדיקן די מאָנגאָלישע אײַזנבאַן.

4

דאָרעם־סאַכאַלין. דער קאַנט האָט אים פון לאַנג געצויגן צו זיך. ער האָט געוווּסט, אז אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגט מען אַהין פאַרשיקן קאַטאָרזשאַנעס. דאָס וואָרט אַליין „סאַכאַלין" פלעג אָנוואַרפן א שרעק. איצט איז סאַכאַלין א רײַכע סאָוועטישע געגנט. דאָרט לעבן און אַרבעטן סאָוועטישע מענטשן, ווי אומעטום.

און וויבאַלד בינימין איז שוין אזוי נאָענט, פאַרוואָס זשע טאַקע זאָל ער ניט צופליִען אַף סאַכאַלין, א קוק טאָן מיט זײַנע אויגן, וואָס דאָרטן טוט זיך?

ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער מיט א גרויסער גרופּע זײַנע נײַע פרײַנט, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט אַף דער בויונג פון דער אײַזנבאַן, זיך אוועקגעלאָזט אַף דאָרעם־סאַכאַלין. די שטאָט דאָלינסק האָט זיי באַגעגנט מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס. אַף אַזעלכע מײַסטערס וואַרט מען שוין פון לאַנג. מע האָט זיי אפילע ניט געלאָזט זיך אָפּרוען און געהייסן גלײַך אַרויסרופן אַהער די פרויען מיט די קינדער. דירעס האָט מען שוין פאַרגרייט.

אַפן היגן רעמאָנט־זאַוואָד איז בינימין קאַנטאָר געוואָרן דער עלטסטער מעכאַניקער. ווידער איז אויסגעקומען רעמאָנטירן טראַקטאָרס, מאַ־

שינעס, בולדאָזערס, עקסקאַוואַטאָרס. אין דעם פּראַט איז ער געווען אַ גאַנ־צער פּראָפעסאָר. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז מע האָט כאָדאָשימווייַז גע־דאַרפט וואַרטן, ביז מע האָט צוגעשיקט פון „דער גרויסער ערד“ זאַפּאַס־טיילן. ווען מע זאָל זיצן און וואַרטן אויף די דעטאַלן, וואָלט דער זאַוואָד שיין אויסגעזען! פאַרוואָס זאָל מען אַליין ניט פּרוּוון מאַכן אָט די דעטאַלן? און דער אוילעם אַרבעטער פון זאַוואָד האָט אַליין גענומען אויסאַרבעטן זאַפּאַס־טיילן פאַר די מאַשינעס. דאָ האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע באַם קאָראָסטענער מעכאַניקער. אָנצאָליקע ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן האָט ער אַרייַנגעטראָגן און דורכגעפירט אויף דער פּראַקטיק.

נאַטשאַלסטווע האָט זיך צוגעקוקט צום מעכאַניקער. מע האָט צוערשט ניט געגלייבט, אַז קאַנטאָר איז אַ געוויינלעכער מעכאַניקער, וואָס האָט ניט פאַרענדיקט קיין הויכשול. און כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין זייַן פאַך איז ער אַן עכטער פּראָפעסאָר און וואָלט געקאָנט פאַרשטעקן אין גאַרטל דרייַ אַנדערע דיפּלאָמירטע ספּעציאַליסטן, האָט מען אים דאָך פאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, צי וואָלט ער ניט געוואָלט פאָרן אויף אַ יאָר זיך לערנען אין לענינגראַד, אין דער אַקאַדעמיע פון מעכאַני־זאַטאָרס?

מיט גרויס קאָוועד! וואָס קאָן דאָס שטערן? און ביניאָמין קאַנטאָר האָט זיך אויף אַ יאָר צייַט געזעגנט מיטן אינדזל, מיט דער מישפּאָכע, מיט זייַנע פרייַנט. גיי אָבער זיי אַ בעריע און פאַרשטיי, וואָס פאַר אַ מיין ס'איז געווען דערבייַ. ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פון דער אַקאַדעמיע, פון לענינגראַד, נאָך ניט באַוויזן אַריבערטרעטן די שוועל פון זייַן דירע, האָט מען אים אָנגעקלונגען און באַגריסט. מיט וואָס מיינט איר, האָט מען אים באַגריסט? מיט דעם, וואָס ער האָט גלענצנד פאַרענדיקט די קורסן און געקומען מיט אַ דיפּלאָם? דאָס אַ כוץ אַ מייַסע! נאָר דעריקער האָט מען אים באַגריסט דערמיט, וואָס ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס די־רעקטאָר פון רעמאָנט־זאַוואָד. וואָס דולט מען אים אַ קאָפּ, — האָט ער זיך צעבייזערט, — ער וויל ניט זייַן קיין באַלעבאָס פון זאַוואָד. ער וויל צוריק אויף זייַן אַרבעט! נאָר דאָס האָט אים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. מע האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט זייַן צייַטווייַליק. זאָל מען נאָר אונ־

טערקלײַבן א דירעקטאָר. נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד. און אָט איז שוין א כּעזשבן פון אוועלכע פערצן יאָר, אז ער איז דירעקטאָר פון א זאַוואָד, ווו עס אַרבעטן הונדערטער אַרבעטער. און אין דאָלינסק האָט דער רעמאָנט־זאַוואָד א גוטן שעם. פאַר דער צײַט איז ער זיך צעוואַקסן ווי אַף הייוון. און אז בּיניאָמין גייט איבער די בּײַע, געררימע צעכן און קוקט זיך צו צו די מאַשינען, מעכאַניזמען, ווערט ער גרעבער ווי לענגער. אין יענע יאָרן, ווען ער איז געקומען אַהער, איז דאָס געווען א געוויינלעכער וואַרשטאַט. און איצט? ער קאָן אײַך פּינקט־לעך דערציילן די בּיאָגראַפיע פון יעדן צעך, פון יעדער געבײַדע, פון יעדן מעכאַניזם. אומעטום האָט ער דאָך אונטערגעשטעלט א פּלייצע, אַרײַנגעלייגט דאָס האַרץ מיט דער נעשאָמע.

די פרײַנט און לאַנדסלײַט, וואָס זײַנען איצט געקומען זיך זען מיט בּיניאָמינען, הערן אים מיט גרויס אינטערעס. ער וואָלט געקאָנט דער־ציילן אָן א שיר וועגן דעם רײַכן און שיינעם אינדזל, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט בּייזע, נאָר רײַכע יאַמען. מיט פאַרכאַפּונג דערציילט ער וועגן די מענטשן פון זײַן זאַוואָד, וועגן זייערע גרויסע אופטוען.

ער דערציילט, און די אויגן זײַנע שײַנען. דערפאַר טאַקע זעט ער אויס יינגער. בּיניאָמין שטעלט זיך אפילע ניט פאָר, אז אין דרײַ יאָר אַרום זאָל ער ווערן א פּענסיאָנער און זיך פאַרנעמען בלויז מיט יאַגד, מיט כאַפּן גאָרבושעס און קעטעס אין יאַפּאָנישן יאַם. עמעס, אַף די דאָזיקע פיש דאַרף מען זײַן א מייוון.

— איר זעט זיי דען אַמאָל בּאַ אײַך אין גאַסטראָנאָם? א נעכטיקער טאָג! פיש דאַרף מען זען אין די נעצן, ווען מע שלעפּט זיי נאָר אַרויס פון וואַסער, ווען זיי מאָרדעווען זיך אין דער נעץ, זײַנען אײַך גרייט איבער־בּײַסן דעם גאָרגל, דערפאַר וואָס איר האָט בּאַ זיי אָפּגענומען די פרײַ־הײַט. איר זאָלט אפילע ניט וועלן האָבן צו טאָן מיט די פיש, — שמייכלט בּיניאָמין, — וועט עס אײַך אויך ניט העלפן. איר וועט ניט וועלן גיין אין יאַם צו זיי, וועלן זיי קומען צו אײַך אין הויף... אז דער יאַפּאָנישער יאַם צעהוליעט זיך און הייבּט אָן פּראַווען זײַנע מעשוגענע שטיק, בּרענגט ער די פיש גלײַך צו אײַך אין שטוב אַרײַן! די כוואַליעס שלאָגן זיך אין אײַער

שוועל, און אז די וואסער גייט זיך צוריק אוועק אין יאם אריין, בלייבן איבער אף די שטיינער און אפן גראָז א סאך פיש. און דאמאָלסט נעמט איר אריין אין שטוב אריין די פיינע גארבושעס מיט די קעטעס. מע זאלצט זיי, מע נעמט ארויס פון זיי דעם רויג, און איר זייט שוין באוואָרנט אפן ווינטער. עמעס, דער יאם ברענגט מיט זיך ניט נאָר קיין פיש, נאָר אָפט א פיין בינטל צאָרעס. די שטאָט שטייט ניט ווייט פון ברעג, און אז עס צעהוליעט זיך א טייפון, ווערט גאָר ניט פריילעך אפן הארצן. דעמלט זייט איר שוין מויכל דעם יאם זיינע פיש, מיטן רויג און מיט אלע זיינע גליקן!

און דער גאסט דערמאָנט זיך אין איינעם א שרעקלעכן טייפון, וואָס האָט זיך צוריק מיט א פאָר יאָר ארופגעוואָרפן אפן אינדזל. ס'איז געווען א געוויינלעכער פארנאכט. די זון האָט שוין געהאלטן באם פארגיין, נאָר דער הימל איז געווען שטארק קאלעמוטנע. מיטאמאָל איז דער הימל געוואָרן שווארץ, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעטוקט אין סמאָלע. עס האָט זיך אופגעהויבן א מוירעדיקער ווינט, וואָס האָט געריסן דעכער, געשליידערט מענטשן פון די פיס. עס האָט זיך געדוכט, די ערד וועט זיך איבערקערן. עס האָט א גאָס געטאָן א שלאקסרעגן, און פונעם צעבושעוועטן יאם האָבן אָנגעהויבן צוקומען צעפינעטע כוואליעס, ווי זיי וואָלטן וועלן אראָפּשווענקען פון דער ערד די גאנצע שטאָט.

ביניאָמין האָט זיך געלאָזט לויפן צום זאוואָד ראטעווען די באלעבאטישקייט. עס זיינען זיך צונויפגעקומען קימאט אלע ארבעטער, אָנגעשטעלטע, און מע האָט זיך גענומען אָפּשרויפן און אריבערטראָגן די טייערע אויסשטאטונג, די מאטעריאלן און אלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט. די וואסער איז אלץ צוגעקומען, זי איז שוין געווען ביזן גארטל. די קינדער, די אלטע לייט און פרויען פונעם נאָענטן יישעוו האָט מען ארויסגעפירט צו דער הויכער סאָפּקע, וווהין די וואסער האָט ניט דערגרייכט...

ווען ביניאָמין האָט געשלעפּט די ביכער און דאָקומענטן פון דער קאָנטאָר, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. געפונען א צייט אף צו קלינגען! ווער קאָן דאָס זיין? אהא, א באקאנטע שטים! דאָס ווייב זיינס

לאָזט זיך הערן. זי בעט, ער זאָל גלײַך לויפן אהיים. די וואסער איז שוין אין שטוב. מע דארף ראטעווען דאָס ביסל האָב־און־גוטס! נאָר בינ־יאָמין שרײַט, אז זי זאָל אים איצט ניט דולן דעם קאָפּ, ער איז דאָ פארנומען מיט בילכערע זאכן. דער זאוואָד, די קינדער מיט די אלטע לײַט זײַנען, דאכט זיך, בילכער, ווי די קישנס מיטן אָנטאָן...

און עס האָט איר ניט געהאָלפן, כאָטש זי האָט עטלעכע מאָל געקלונגען, געבעטן מיט ביטערע טרערן לויפן, שווימען אהיים.

ביז פארטאָג איז בינ־יאָמין געווען אפן זאוואָד, אינעם ארבעטער־יישעוו, געהאָלפן ראטעווען וואָס עס האָט זיך געלאָזט. דאָס ווײַב האָט זיך נאָך דעם לאנג געבלאָזן, נאָר אזא טעווע האָט זי שוין פון אלע יאָרן — זי בייזערט זיך, און דערנאָך ווערט זי מילדער, בעט זיך איבער.

יאָ, א וואזשנע מענטשל דער בינ־יאָמין קאנטאָר! ניט אבי־ווער... אָט ווײַנט מען דאָך אויך אפן וואסער, דער דניעפּער האָט אויך אמאָל א טעווע זיך אָנבלאָזן, ווי אן אינדעק, ארויסשפּרינגען פון די ברעגן, פארגיסן דעם טרוכאנאָווער אינדזל, די סלאָבאָדקע, א שטיק דארניצע, נאָר דאָס ווערט דאָך געטאָן מיט כעסעד! און דער יאפּאָנישער יאם איז דאָך גאָר מעשוגע!

ווער עס מיינט, אז דאָרטן איז א גאניידן, האָט א קלײנינקן טאָעס. טאקע עפּשער דערפאר האָט ער אים אזוי שטארק ליב, דעם קאנט, און וועט זיך מיט קיינעם ניט בײַטן! ער איז שוין צוגעווינט צו דעם אינדזל. דאָרט איז זײַן היים, און ווער פּרעסירעט עס א היים?..

אָט דאָ מיט א פּאָר יאָר צוריק קערט זיך אום פון דער מיליטער־דינסט זײַן בענאָק, אלעקסאנדער קאנטאָר. אויך א מעכאניקער, ווי דער טאטע. נאָך דער מיליטער־דינסט וואָלט ער זיך געקאָנט אָפּשטעלן, אין וואָס פאר א שטאָט ער וואָלט געוואָלט, נאָר ער האָט זיך אין ערגעץ ניט פארהאלטן און געקומען צו פליִען אפן אינדזל. אָפּגערוט זיך א ביסל, איז אלעקסאנדער געקומען אפן רעמאָנט־זאוואָד און זיך געוואָלט שטעלן צום סטאנאָק. האָט אָבער דער טאטע, דער דירעקטאָר, שטרענג באפוילן אין אָפּטייל פון קאדרען, מע זאָל אים ניט נעמען אף קיין ארבעט. „סטײַטש, — איז געקומען א בארויגעזער צום טאטן, צום דירעקטאָר,

דער זון, — איר האָט ניט קיין רעכט, כאַווער דירעקטאָר, מיך ניט נעמען אַפּן זאַוואָד! וואָס איז דאָס פאַר אַ „דיסקרימינאַציע"?".

דער טאַטע האָט אים געענטפערט, אַז ער בעט אים גיין אַרבעטן אויף אַן אַנדער זאַוואָד. אין דאָלינסק איז, דאַנקען גאָט, פאַראַן וווּ זיך איינ־אָרדענען אויף אַרבעט! ער האַלט ניט פון אַזעלכע זאַכן, דער זון זאָל אַר־בעטן אויף אַ זאַוואָד, וווּ דער טאַטע איז דירעקטאָר, דער באָכער קאָן נאָך מיינען, אַז ער איז דאָ אַ מעיוכעס.

און אַלעקסאַנדערן האָט גאָרניט ניט געהאָלפן, ער אַרבעט טאַקע אויף אַן אַנדער זאַוואָד אין דאָלינסק, און צום טאַטן קומט ער צוגאַסט און מע לעבט זיך, ווי לייבעש מיטן פּריסטאַוו.

— נאָר גוואַלד געשריגן, מע האָט זיך, דאַכט זיך, צופיל פאַרעדט! — האָט זיך געכאַפּט דער גאַסט. די שאָ איז שוין אַ גאַנץ שפּעטע. מע דאַרף זיך נאָך אַ ביסל אָפּרוען פון וועג, און כוץ דעם, האָט ער נאָך בײַשעק, דער גאַסט, אָנקלינגען אין טעלעפאָן און אַרויסרופן דאָרעם־סאַכאַלין, דעם רעמאָנט־זאַוואָד, דעם זון אַלעקסאַנדערן און אַ פרעג טאָן, וואָס הערט זיך דאָרטן בײַ זיי, ווי גייט עס די אַרבעט? ער האָט צוגעזאָגט פּונקט צו דער צײַט אָפּרעמאָנטירן אַ פּאַרטיע טראַקטאָרס פאַר דער בויונג פונעם צעלולאָז־קאָמבינאַט, און ער האָט ניט קיין טעווע וואַרפן ווערטער אויפן ווינט.

„עך, דער רועד זאָל דאָס נעמען, — טראַכט ביניאָמין קאַנטאָר, — אַזויפיל יאָר ניט געווען אין אָרלויב, און אָט איז ער געקומען אין אַזאַ וווּנדערלעכער שטאָט, ווי קיִעוו, צום גאָלדענעם דניעפּער, און עס ציט אים שוין צוריק אויפן אינדזל, צו זײַן אַרבעט, צו זײַנע פרײַנט און כאַווײרים!"

יאָ, ס'איז אַ סוואָרע, אַז ער וועט טאַקע ניט אויסהאַלטן קיין דרײַ כאָדאָשים אָרלויב. ער וועט פאַרברענגען עטלעכע טעג מיט זײַנע קיִע־ווער פרײַנט און קרויווים, דערנאָך זיך דורכפאָרן אין דער היימשטאָט — קאָראָסטען, און פון דאָרטן וועט ער פאַרקערעווען קיין זשיטאָמיר, וווּ עס וואַרטן אויף אים אַלטע פרײַנט. עפּשער וועט ער צופאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן קיין סאָטשי — און אַהיים — אויפן סאַכאַלין!

„יאָ, איז ווו האָט מען זיך אָפּגעשטעלט? — טראכט ביניאָמין. — אף זײַן אינדזל, אף זײַן שטאָט דאָלינסק. איז ווײַבאלד אזוי, דארף מען דאָך אויסטרינקען פאר דער שיינער שטאָט, אין וועלכער ער איז פארליבט“.

און אָט שטייט ער אוף פונעם טיש, דער גאסט פון אויסרײַסעניש, באטראכט די ארומיקע:

— נו, קינדערלעך, איז ווײַבאלד אזוי, לאָמיר נעמען נאָך צו ביסעלעך! אזוי לאנג זיך ניט געזען, שאט ניט אויסטרינקען. יעדערער טרינקט, פאר וואָס ער וויל, און איך — פאר אונדזער סאכאלין. לעכאַים!..

און ער טרינקט אויס, דער גאסט פון אויסרײַסעניש.

די ארומיקע קוקן אף זייער גאסט מיט א ביסעלע קינע, נאָר מיט ליבע.

און פון אזא מענטשן איז דאָך ניט שײַעך אָפּשטיין. און דער אוילעם נעמט צו ביסלעך, טאקע ניט פאר עפּעס אנדערש, נאָר פאר דעם גאסט, פאר ביניאָמין קאנטאָרן און זײַן ווײַטן, וווּנדערלעכן און שטרענגן קאנט, מיט וועלכן ער טראכט אפילע זיך ניט שיידן. און נאָך טרינקט מען אויס פאר דער אלטער היים, פאר קאָראָסטען, וואָס האָט זיך אזוי שיין צעשפּרייט אפן פעלדזיקן און גרינעם ברעג פונעם שטילן טײַך אוזש, ווּהין דער גאסט פון אויסרײַסעניש קלײַבט זיך צוגאסט; צום שטילן אוזש, וואָס קער זיך פון הײַנט אָן אן אייגן שוועסטערקינד מיטן ווײַטן יאפּאָנישן יאם.

1964

כאַיִם מעלאמוד

לײב ווילשאנסקי, זײַנע זין און טעכטער

אפגעלעבט א לעבן אין די ענגע שטעטעלעך, ווו די הײַזער זײַנען צונויפגעטוצקעט אײנס אפן אנדערן, ווו די געסעלעך זײַנען שמאָלינקע, קוים דורכצוגײן, ווו זעלטן מע קאָן זען דעם זון־אופגאנג, — און מיטאמאָל — סטעפּ. אזא אומענדלעכער און ראכוועסדיקער, פול מיט ווינט און זון, מיט בראָטנדיקע היצן און סמאליענדיקע קעלטן, מיט די בארימטע סוכאָווייען און ניט ווײניקער בארימטע גוס־רעגנס. די ערשטע צײַט, אז מע איז אהער געקומען, האָט עס אלעמען געשראָקן, און ווען מע האָט גענומען בויען דעם קומענדיקן יִשעוו, האָט יעדערער געוואָלט, אז זײַן שטוב זאָל זײַן אין סאמע מיט. פאָרט א ביסל היימלעכער, זאטישנער. ס'האָט שוין געהאלטן דערבײַ, אז יִדן זאָלן זיך נעמען רײַסן

פאַר די בערד, האָט דער עלטסטער איבערוואַנדערער לייב ווילשאַנסקי געגעבן אַן אייצע: שלעפּן קניפּלעך. אַלע זײַנען מאַסקים געווען. עמעצער האָט אַפילו געזאָגט, אַז לייב קאָן זיך אויסבויען אַ הויז, ווו ער וויל, נאָר לייב אַליין האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער וויל ניט זײַן קיין אויסנאַם. קניפּלעך איז קניפּלעך. און אים איז דאַפקע אויסגעפאַלן אין סאַמע צענטער.

אַנטקעגן זײַן שטוב, איבערן וועג, האָט מען געבויט אַ הויכע געבײַדע פון געברענטע ציגל, וואָס האָט געדאַרפט אַרײַננעמען אין זיך דרײַ דאָרפישע אַנשטאַלטן: דעם קעז־זאַוואָד, די קאָאָפּעראַטיווע קלייט, און שפּעטער — אויך די קאָנטאָר פונעם קאָלווירט. און שוין אָן קניפּלעך האָט מען לייבן אָוועקגעשטעלט פאַר אַ נאַכט־שוימער: מע קאָן זיצן לעבן דער שטוב און היטן די קלייט און, פאַרקערט, מע קאָן זיצן לעבן דער קלייט און היטן די שטוב.

ווי הייס דער זומערדיקער טאָג זאָל ניט זײַן, ווערט אין סטעפּ פאַרנאַכט־צו קילבלעך. שפּעט אין אָוונט — היפּשלעך קאַלט. לויט דעם, ווי דער סטעפּ האָט געהאַלטן מיטן אָפּקילן זיך, האָט לייב געמאָסטן די צײַט, ווען ער דאַרף גיין זיך שטעלן אַף זײַן פּאָסטן. ער טוט אַ פיר מיט דער האַנט אַף רעכטס און אַף לינקס, ווי אָפּמעסטנדיק די טעמפּעראַטור, און נעמט זיך גרייטן אין וועג אַרײַן. די יאַרמלקע איז בײַ אים שטענדיק אַפן קאָפּ, מאַכמעס אַ ייִד איז ער אַ ביסל אַ פרומער. דאַרף מען נאָר אַרופוואַרפן אַף זיך די לאַנגע געוואַטעוועטע בורקע און אַ נעם טאָן דאָס ביקסל, וואָס שטייט אין שטאַל לעבן דער ווילע. דאָס ביקסל האַלט ער בײַם סאַמע שפּיץ און שלעפּט עס, ווי אַ בײַטש־שטעקל, ער שלעפּט עס מיט ביטל, גלײַך ער וויל אַלעמען ווײַזן, אַז דאָס דאָזיקע אַלטע פאַרזשאַווערטע ביקסל איז בײַ אים אַ קליינע סגולה קעגן גאַנאָווים. דעריקער איז זײַן לאַנגע און ברייטע ווײַסע באָרד, וואָס פלאַטערט אַפן ווינט, זײַן יאַרמלקע און די קרישמע, וואָס ער וועט לייענען, ווי נאָר ער וועט זיך אָוועקזעצן אַף די טרעפּ.

אין די פריִע אָוונט־שאָען איז לייב ביכלאַל ניט אַליין. כוץ די מאַלאָכים פון דער קרישמע, קומען זיך צונויף אַהער יונג און אַלט פונעם גאַנצן ייִשעוו. מע פאַררייכערט אַ ציגאַר פאַרן שלאָף, מע באַהאַנדלט אַלע נײַסן

פונעם יישעוו און פון גאַר דער וועלט, און אַלע וואָרטן, אז דער אַלטער לייב זאָל נעמען דערציילן, וויאַזוי ער איז ביז דער רעוואָליוציע עטלעכע יאָר געווען אַן אַגענט פון עפּעס א קיִעווער פירמע אף פאַרקויפן נאַפט־לאָמפּן.

א פּאַרנאָסע, ווי פיל אנדערע אמאָליקע יידישע לופט־פּאַרנאָסעס, א מין „לייטערל צום הימל", דו דראַפּעסט זיך ארוף אף איין טרעפּעלע און דער דאַלעס — אף צוויי. דערצו האָט לייבס שטעלע געהאַט נאָך איין „מײַלע": מע האָט שטענדיק געדאַרפט זײַן נאַוועגאַד, די גאַנצע צײַט ארומוואַנדערן פון איין שטעטל צו דעם צווייטן, מאַכמעס די נאַפט־לאָמפּן זײַנען געווען א סכוירע נאָר פאַר גווירים. דער איבעריקער אוי־לעם איז גאַנץ גוט זיך באַגאַנגען מיט אַן אַכטער לעמפּל, דערצו ניט אופגעהערט קלאָגן זיך, אז עס פרעסט מאַמעש די נאַפט. איז, מיילע, א צענדליק גווירים אף איינריידן זיי קויפן א נאַפט־לאָמפּ האָט מען גע־קאָנט געפינען אין יעדער שטאָט. די צאָרע איז אָבער געווען אין די לאָמפּן אַליין. זיי האָבן געברענט נאָר דאַן, ווען צו זיי האָט צוגעלייגט א האַנט דער אַגענט אַליין. איז ער נאָר ארויס פון דער גווירישער שטוב, האָט דער לאָמפּ אופגעהערט צו ברענען. דערפאַר האָט ער געקאָנט אָפּזײַן אין א שטאָט ניט מערער, ווי איין אָוונט. פאַרקויפט עטלעכע לאָמפּן און אפּ־גיך אוועק צום צוג אָדער געדונגען א באַלעגאָלע אף איבערפּעקלען זיך אין א נײַעם מאָקעם. ווײַל מאָרגן גאַנצפרי וועלן דײַנע קוינים דיך אָנ־הייבן זוכן איבער אַלע אכסאַניעס, מע וועט דיר שטופּן צוריק דײַן סכוירע, דיך זידלען און שעלטן און נאָך שלעפּן צום פּריסטאַוו, ווי עפּעס א שווינדלער.

בא זײַן קימאַט קרענקלעכער אָרנטלעכקײַט האָט לייב זייער שטאַרק געליטן דערפון, און דער געדאַנק, אז ער מוז אַלעמאָל עמעצן אָפּנאַרן, לויבנדיק אין טאָג אַרײַן זײַן סכוירע, האָט אים ניט אופגעהערט פּײַניקן. געטרייסט האָט ער זיך בלויז דערמיט, וואָס, ערשטנס, איז שולדיק ניט ער, נאָר די פירמע, וועלכע מאַכט אזעלכע שלעכטע לאָמפּן, און, צווייטנס, האָט ער צו טאָן בלויז מיט גווירים, און זיי וועלן ניט ווערן אָרעמער פון

דעם, וואָס זיי וועלן באַצאָלן צוויי רובל פאַר אַ לאָמפּ און געבן אים דער־בײַ פאַרדינען צען קאָפּעקעס.

אַזוי האָט ער אַרומגעוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל. איין שאַבעס געפּראַוועט אין דער פרעמד און צום צווייטן שאַבעס זיך דערקליבן אַהיים. דער דאָזיקער שאַבעס, איין מאָל אין צוויי וואָכן, איז געווען פאַר דעם גאַנצן הויזגעזינד אַ גאַנצער יאָמטעוו. געפּראַוועט האָט אים לייב מיט אַלע פּישטשעווקעס און מיט אַלע קויכעס געטריבן פון זיך די געדאַנקען וועגן די נאַפט־לאָמפּן און וועגן דער פירמע. שאַבעס איז שאַבעס, און אַ ייִד מוז זײַן פריילעך און לוסטיק. דעם כעזשבן וועט ער מאַכן שאַבעס־צונאַכטס, נאָך האַוודאָלע, און אויב ס׳וועט זיך נאָכאַמאָל באַקומען, אַז די הויצאָעס זײַנען געווען גרעסער פון די פאַרדינסטן, איז מיילע, געשעפט איז געשעפט. און קיינער וועט ניט וויסן, פאַרוואָס איז ער אַזוי טרויעריק שאַבעסצונאַכטס. און אויב די ייִדענע וועט עפּעס יאָ באַמערקן און פרעגן, האָט ער פאַר איר שטענדיק אַ גרייטן ענטפער:

— ווייסט ניט, מע פאָרט אַוועק... אַף גאַנצע צוויי וואָכן...

זײַן געשעפט וואָלט אינגיכן סײַווי געפּלאַצט, ווײַל עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז ער האָט ניט געהאַט אַף קיין וועג־הויצאָעס. נאָר פריִער פאַר אַלץ האָט געפּלאַצט און אופגעריסן זיך דאָס גאַנצע צאַרישע רוסלאַנד מיטן קייסער ניקאָלקע איבערנעם, און עס האָט זיך אַ קײַקל געטאָן איבערן לאַנד איין רעוואָליוציע נאָך דער צווייטער. קיינעם איז זײַן סכוירע איצט ניט אָנגעגאַנגען, אויס פּריצים, אויס גווירים און אויס נאַפט־לאָמפּן. לייב מיט זײַן פאַמיליע איז געבליבן אינגאַנצן אָן פּאַרנאָסע.

ווי אַלע קאַפּצאָנים, האָט ער צו קינדער געהאַט גרויס מאַזל, און צו דער צײַט, ווען איבער רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן קײַקלען די רעוואָליוציעס, איז בא אים אין שטוב שוין געווען, קיין אײַנהאָרע, זיבן קינדער, זעקס באָכערים און אַ טעכטערל — די מיזינקע. גאָט האָט זיי געבענטשט מיט געזונטע מאַגנס, און ער געדענקט ניט אפילע איין פאַל אַזאַ, אַז עמעצער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ פּרישטיק אָדער פון אַ וועטשערע. ס׳איז געקומען אַ טאָג, ווען מע האָט אָפּגעגעסן די לעצטע וועטשערע... מעגלעך, אַז איך גיב ניט אינגאַנצן פּינקטלעך איבער זײַן דערציילונג.

נאָר איך זע אים מאמעש פאר די אויגן, ווי ער זיצט אף די טרעפּ פון דער קלייט, די סאמעטענע יארמלקע אפן קאָפּ, דאָס פארזשאווערטע ביקסל צווישן די קני, און ער אליין, דער אלטער לייב, דערציילט מיט זײַן שטילער זינגעוודיקער שטים, וויאַזוי נאָך יענער לעצטער וועטשערע האָט ער צונויפגענומען זײַנע באָנים און זיך אָנגערופן צו זיי:

— נו, זין מײַנע טײַערע, מאָגנס בא אײַך, קיין אײַנהאָרע, געזונטע. קײַען קענט איר, גאָט צו דאנקען. וואָס זשע ווערט איר זיך ארומדרייען הונגעריקע איבער די לובענער גאסן? די וועלט איז גרויס. און מיט אזעלכע הענט קאָן מען אומעטום עפּעס אופטאָן. מיר האָבן א גרויסן גאָט. דעריי־קער — זשאלעוועט ניט קיין פלייצעס.

און ס׳באקומט זיך שוין גאָר, ווי אין יענעם אלטן מײַסעלע: א זאָקן האָט אוועקגעשיקט זײַנע זין זוכן גליק. זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט אים און פארלאָזט די היים. נאָר ארויס פונעם שטעטל, זײַנען זיי גע־בליבן שטיין. פיר וועגן זײַנען געלעגן פאר זיי. איז איינער אוועק רעכטס, דער צווייטער לינקס, דער דריטער גלײַך פאָרויס... פארשיידענע וועגן, פארשיידענע ווינטן, נאָר מיט אלע וועגן האָט געשפּאנט די רעוואָליוציע, און אלע ווינטן האָבן זי געטראָגן אף זיך.

דערנאָך האָט זיך דער אלטער לייב אליין געלאָזט אין וועג ארײַן נאָך זײַן בײַעם גורל — אף ערד. און האָט זיך אליין געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס די זין. דאָס ערשטע — גאָט זאָל העלפן, און דער איקער — ניט זשא־לעווען קיין פלייצעס. פון אלע זיבן קינדער איז מיט אים דאן געבליבן דער יינגסטער זון, א באָכער פון א יאָר צוואנציק — כאציע, און די מיזינקע פראדל, נאָך גאָר א קינד, א שילערן.

נאָך איצט וואָלט איך מיט פארמאכטע אויגן געקאָנט אָנצייכענען די קארטע פון אונדזער יישעוו מיט אלע זײַנע ווינקלען און שפּיצן, מיט דער באלקע, וואָס שלענגלט זיך לענגאויס דעם יישעוו הינטער די גערטנער. פּונקט אזוי וואָלט איך געקאָנט אוועק אָן שום וועג, גלײַך מיטן סטעפּ צום שכיינעסדיקן יישעוו, קיין ראטנדאָרף, אהין, ווו עס האָט געוווינט לייב ווילשאנסקי מיט זײַן הויזגעזינד. מיט א פּאָר יאָר צוריק, ווען איך

בין געווען אין יענע קאַנטן, האָב איך געפּרוּווט זיך דורכשפּאַצירן אַף אַזאַ אויפן פון איין ייִשעוו צום צווייטן און זיך ניט טויע געווען, כאָטש פאַר די דרײַסיק יאָר האָט דאָ אַלץ זיך געענדערט אַף ניט צו דערקענען. נאָר מיך האָבן געפירט מײַנע זיכרוינעס און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען זיכער, אַז זיי וועלן מיך ניט פאַרפירן.

איך דאַרף נאָר צומאַכן די אויגן, און גלײַך זע איך פאַר זיך אַלץ: די ווײַסע הײַזער מיט די רויטע בלעכענע דעכער, די צוויטענדיקע ווײַנשל־ביימער, די קרענעצע, פון וועלכער מיר פלעגן יעדן פאַרנאַכט ציִען וואַסער אַף באַגיסן די יונגע סעדלעך, און די שכיינים אונדזערע, יעדן אין זײַן גאָרטן. איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען, ווו ווער עס האָט געוווינט ניט נאָר אין אונדזער ייִשעוו, נאָר אין אַלע אַרומיקע ייִשוווים, וואָס זײַנען אופגעקומען אין די זאַפּאָראָזשער סטעפּעס סאַף צוואַנציקער יאָרן. דאָס זײַנען געווען ניט קיין גרויסע ייִשוווים, צו פופציק — הונדערט הײַזער. האָבן זיי זיך געפילט אַ ביסל אומהיימלעך אינעם אומענדלעכן סטעפּ, זיך געטוליעט איינס צום צווייטן מיט זייערע ליידן און פריידן, מיט זייערע יאָמטויווים און אינדערוואָכנס. ס׳איז ניט געווען די וואָך, אַז עטלעכע פורלעך, אָנגעפּאַקטע מיט ייִנגלעך און מיידלעך און מיט אָן אַ שיר לידער, זאָלן ניט קומען צוגאַסט צו די שכיינים מיט אַ קאָנצערט, אַ ספּעקטאַקל אָדער גלאַט אַזוי פאַרברענגען אַ נאַכט און ניט לאָזן שלאָפן דעם גאַנצן ייִשעוו.

מער פאַר אַלץ בין איך געווען צוגעבונדן צום ייִשעוו ראַטנדאָרף, מיט וועלכן ס׳האָט זיך געגרענעצט אונדזער ערד, און צום הויזגעזינד פון לייב ווילשאַנסקי. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז מײַנע און כאַציעס ביִאָגראַפיעס האָבן אַף אַ שטיקל צײַט זיך איבערגעפלאָכטן און אונדזערע אַנ־קעטעס פאַר יענע יאָרן זײַנען געווען ענלעך איינע אַף דער אַנדערער, ווי אַ צווילינג. ביידע זײַנען מיר געווען אין אונדזערע ייִשוווים די סעקרעטאַרן פון די קאָמיוגישע קעמערלעך, ביידע אין אַ יאָר אַרום געוואָרן פּאָרזיצערס פון די דאָרפסאָוועטן, און ווען אין אונדזערע ייִשוווים האָבן זיך געשאַפן די ערשטע, ניט גרויסע קאָלווירטן, זײַנען מיר ביידע געוואָרן אין זיי די פּאָרזיצערס. אונטערשיידט האָבן מיר זיך איינער פונעם

אנדערן מיטן וווּקס. כאציע איז צו זיינע צוואנציק יאר געווען א הויכער, ברייטפלייציקער באכער מיט א ברומענדיקער שטים, אן עמעסער מאנס־פארשוין, און איך... נאר וואס דארף איך ריידן אף זיך לאשן־הארע? אלנפאלס, מיר האט געפעלט א סאך צו כאציען, און איייניקע האבן געקוקט אף מיר מיט ביטל. דערפון עפשער האט זיך גענומען אויך דער כילעק אין אונדזערע כאראקטערס און דאס, וואס מיר האבן פארשיידן רעאגירט אף די אויסריידן, וואס האבן ניט אופגעהערט זיך שיטן אף אונדז פון ראיויספירקאם: פאר ארויפרייסן דעם גראפיק פון די ברויט־פארגרייטונגען, פארן ניט רעגולערן צושטעלן די יעדיעס, פאר שלעכט ארגאניזירן דעם קאמף מיט די סוסליקעס, ווי אויך דערפאר, וואס די באד ארבעט ניט רעגולער. מיך האבן די דאזיקע אויסריידן שטארק נערווירט.

כ׳האב טאג און נאכט ארומגעיאגט, געפרווט מיט מיין אייגענער היציקייט און אומרויקייט פארשטעקן אלע דורכרייסן. אף כאציען האבן די דאזיקע אויסריידן קיין איבעריקן איינדרוק ניט געמאכט. גלייך קיין שום אויסריידן זיינען אף דער וועלט ניטא. אין סאמע רעכטן ברען פון די ברויט־פארגרייטונגען האט ער געקאנט פארמאכן דעם דארפסאוועט און אפשטיין א גאנצן מעסלעס לעבן דער דרעש־מאשין, דערלאנגען די סנאפעס אין באראבאן. ער איז דאך כוץ אלעמען אויך, פונקט ווי איך, געווען א מיטגליד פון קאלווירט און געדארפט אויך דא ווייזן, וואס ער קען.

דאן האט מען נאך ניט געוווּסט פון אזעלכע זאכן, ווי דערפארונג־אויסטויש. אפילע אזא טערמין נאך ניט געווען. נאר מיר פלעגן אפט פארן איינער צום אנדערן קוקן, ווי יעדערער פון אונדז „פירט אן מיט דער מעלוכע“, און דערגיין דעם סאד, פארוואס באקומט זיך ניט בא איינעם דער קאמף מיט די סוסליקעס און באם צווייטן — די ארבעט מיט דער באד. דערנאך האב איך נאך אפטער אנגעהויבן קומען קיין ראטנדארף. געשען איז דאס פונקט דאן, ווען אין דער ניי־אויסגעבויטער שול איז אנגעקומען א יונגע לערערקע, נארוואס פון וויניצער פעדטעכניקום ארויסגעשפרונגען. געווען איז דאס א שטאלטנע מיידעלע מיט דינע, בלייכע ליפעלעך, מיט א לאנג שפיציק נעזל און מיט גרויסע גרויע אויגן. פאר

מיר איז אַלעמאָל געווען דער גרעסטער סאָד: ווי קאָנען עס אויגן זײַן
גרוי? געווען איז זי פון יענעם שניט לערערקעס קאָמיוגיסטקעס, די
עמעסע קאָכלעפל, וואָס אַלץ איז זייער זאַך. גאָר איגגיכן האָט אין ראַטנ־
דאָרף זי געקענט קליין און גרויס. ווער ס'האָט זי גערופן כאַווערטע לע־
רערקע, ווער — כאַווערטע שאַפּראַנסקע, איך מיט כאַציען האָבן זי
גערופן פּאָשעט — סאָניע. מיר האָבן ביידע געוואָרפן אַן אויג אויף איר,
נאָר מיר זײַנען געווען ערנסטע יאַטן. מיר האָבן „אָנגעפירט מיט דער
מעלוכע", געווען פאַרנומען מיט וועלט־פּראָבלעמען, און ווען מיר האָבן
פון צײַט צו צײַט באַגעגנט זיך אַלע דרײַ אינייגעם, האָבן מיר, פאַרשטייט
זיך, געשמועסט נאָר וועגן די דאָזיקע מעלוכישע זאַכן: וועגן ברויט־פאַר־
גרייטונג, ליקווידירן די אַמעראַצעס, וועגן צוגרייטן אַן אַנטירעליגיעזן
אָוונט און נאָך אַזעלכע זאַכן.

דעריבער, ווען „די מילך" האָט געבראַכט די נײַעס, אַז סאָניע האָט
כאַסענע פאַר כאַציען צי, פאַרקערט, כאַציע פאַר סאָניען...

אַך, יאָ, מע דאַרף דאָך פריער פאַרטײַטשן, וואָס איז דאָס פאַר אַ
מילך, וואָס ברענגט נײַעס.

אין יענער ערעוו־קאָלווירטישער צײַט זײַנען נאָך קיין ראַיאָנישע
צײַטונגען ניט געווען. קיין ראַדיאָ אין די דערפער אוואַדע ניט, און טעלע־
וויזיע איז נאָך ביכלאַל געווען נאָר אין פאַנטאַסטישע ראָמאַנען. צענטראַ־
לע צײַטונגען זײַנען אויך געווען זייער וויניק און פלעגן אָנקומען אין
יִשעוו מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג, אָפן דריטן אָדער פערטן טאָג. דאָס
איינציקע, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן מיט דער גרויסער וועלט און מיט
די שכיינישע דערפער און געשפּײַזט מיט פאַרשיידענע נײַסן, איז געווען
די מילך. אין יעדער דאָרף איז געווען אַן אופנעם־פּונקט פון דער „מאָ־
לאָטשאַרקע". אַזוי האָט מען גערופן דעם קעז־זאַוואָד, וואָס איז געווען אין
אונטערנעמונג פון דעם מילך־קאָאָפּעראַטיוו. אָפן אופנעם־פּונקט איז אויך
געווען אַ סעפּאַראַטאָר, אויף וועלכן יעדער באַלעבאָסטע האָט דורכגעלאָזט
די מילך פאַר זיך. צוויי מאָל אין טאָג, באַגינען און אין אָוונט, זײַנען אַלע
פרויען פונעם יִשעוו זיך צונויפגעקומען אַהער און אינייגעם מיט דער
מילך מיטגעבראַכט און דערנאָך אָפּגעטראָגן אַהיים אַלע דאָרפישע נײַסן,

ווו די וואָר איז אָפּטמאָל געווען היפּש פאַרפּראַוועט מיט ווײַבערשע אויסטראכטעניש. יעדן גאַנצפרי האָט א פּורל אָפּגעפירט די בידאָנעס מיט מילך צום ראַטנדאָרפער קעז־זאַוואָד. דאָרטן איז שוין פאָרגעקומען דער נײַס־אויסטויש מיט די פּורלעך, וואָס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן פון אלע ארומיקע דערפער. אונדזערע דאָרפסאָוועטן האָבן אויך ברייט אויסגעניצט די מילך־פּאָטשט. מיט איר האָבן מיר פאַנאַנדערגעשיקט די צעטלעך פון באַשטײַערונג, פּאָוועסטקעס פון געריכט. מיט דער מילך האָבן מיר צונויפגערופן פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, באַראַטונגען, אפילע וועגן אזעלכע צווישנפעלקערלעכע געשעעניש, ווי דער אַטענטאַט אָף אונדזער אַמבאַסאַדאָר אין פּוילן און וועגן דעם קאָנפליקט אָף דער קאַוועזשעדע[1], — האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט דורך דער מילך.

איז אָט, ווען די מילך האָט געבראַכט די נײַס, אַז סאָניע האָט כאַסענע פאַר כאַציען, האָט עס מיך א ביסל פאַרדראָסן. פּונקטעסטוועגן, ניט כאַוועריש. מיר זײַנען דאָך אַרומגעגאַנגען אינדרײַען און געשמועסט נאָר וועגן ברויט־פּאַרגרייטונגען און ליקווידירן די אַמעראַצעס. און אויב זיי האָבן אָן מיר געשמועסט וועגן נאָך עפּעס, וואָס זשע האָבן זיי עס באַדאַרפט האַלטן בעסאָד? ס'איז מיר געוואָרן ביז גאָר טרויעריק דערפון, וואָס אונדזער דרײַלינג צעפּאַלט זיך. זיי בלײַבן אינצווייען, און איך — אייגנער אליין. און כאָטש מיר זײַנען געווען ערנסטע יאַטן און „אָנגעפירט מיט דער מעלוכע“, האָב איך ניט געקאָנט בא זיך פּויעלן וואַרטן ביז מאָרגן גאַנצפרי און צופאָרן מיט דער מילך, נאָר כ'בין גלײַך אַוועק צו דער באַלקע און מיטן סטעפּ, אָן שום וועג, אַוועקגעשפּאַנט קיין ראַטנדאָרף.

איך געדענק שוין ניט, וואָס האָב איך זיי געזאָגט און וואָס האָבן זיי מיר געזאָגט. דערנאָך בין איך אַוועק מיט סאָניען. איך האָב דאָך געהאַט רעכט אָף איין שפּאַציר אינצווייען. מיר האָבן אָפּגעשוויגן א גוטע פּאָר שאָ ביז שפּעט אין אָוונט. ניט געקאָנט אפילע א שמועס טאָן וועגן גאַנג פון ליקווידירן די אַמעראַצעס, אַזוי שווײַגנדיק זיך געזעגנט, און איך בין

[1] מיזרעך־כינעזישע אײַזנבאַן.

אוועק צו כאַציען נעכטיקן. מיר זײַנען אָפּגעלעגן די נאַכט אַף אַ קאָפּיציע פרישער שטרוי און ניט אופגעהערט צו טרוימען. אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר ביידע זיך געדאַרפט שטעלן צום פריזיוו, און אַלע אונדזערע טרוימען זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער אַרמיי.

ביידע זײַנען מיר אין איין טאָג אַוועק אַפן פריזיוו־פונקט. אים האָט מען צוגענומען, און איך... איך, וואָלט מען איצט געזאָגט, בין ניט דורך לויטן קאָנקורס. איך האָב זיך צופיל געהיצט אַף פאַרזאַמלונגען וועגן קאָלעקטיוויזאַציע און ברויט־פאַרגרייטונגען, צו שטאַרק רעאַגירט אַף די אויסריידן און צו מײַנע צוויי און צוואַנציק יאָר געהאַט אַ פײַנעם האַרץ־נעוווראָז.

פון יענעם טאָג האָבן מיר פאַרשיידן אָנגעהויבן פאַרפילן אונדזערע אַנקעטעס. ער איז אײַנגיכן געוואָרן אַ קאָמאַנדיר, איך — אַ רעדאַקטאָר פון אַ ראַיאָנישער צײַטונג.

כאַציע איז אַוועק אין דער אַרמיי, סאָניע איז יענעם האַרבסט אויך אָפּגעפאָרן אין אַן אַנדער אָרט, נאָר קיין ראַטנדאָרף האָב איך ניט אופגעהערט גיין און פאָרן, איך און אויך אַנדערע מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע. צווישן פיל אַנדערע געשיכטעס און ביאָגראַפיעס, וואָס האָבן אונדז אינטערעסירט, געשיכטעס, וואָס האָבן געוויזן דעם סאָציאַלן ווידערגעבורט פון די ייִדישע מאַסן, האָט אַ באַזונדער אָרט פאַרנומען לייב ווילשאַנסקיס דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט אַמאָל פאַרקויפט נאַפט־לאָמפּן. וויאַזוי ער האָט אַוועקגעשיקט די זין איבער דער וועלט זוכן גליק און וויאַזוי די רעוואָליוציע איז זיי נאָכגעגאַנגען אַף אַלע וועגן.

וואָס די רעוואָליוציע האָט געמאַכט פון זײַנע זין, האָבן מיר געקאָנט דערציילן, ווען אַף אורלויב איז געקומען זײַן עלטסטער זון וועלוול, אַ קאַפּיטאַן פון אַ מיליטערישער שיף אינעם צאָפן־פלאָט. אין יענער צײַט איז בא אונדז אַפילע אַ פּאָשעטער מאַטראָס געווען אַ וווּנדער, ביפראַט נאָך אַ קאַפּיטאַן. און פון אַלע ייִשווים איז מען געגאַנגען און געפאָרן אים אָנקוקן. די מילך האָט פאַנאַנדערגעפירט און נאָך מער צעבלאָזן די נײַס וועגן דעם קאַפּיטאַן, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין ראַטנדאָרף. אונדזער צײַטונג האָט אויך געהאַט וואָס צו דערציילן: וויאַזוי וועלוול איז

אוועק אין אַדעסער פּאָרט, געוואָרן א טרעגער, א קאַטשעגאר, מיט איין וואָרט — א מאטראָס. און אויב ער האָט ווייניק געלייגט אכט אף דעם ערשטן טייל פונעם טאטנס בראָכע, אף דעם, אז גאָט וועט העלפן, דער־פאר האָט ער אָבער פעסט אויסגעפילט דעם צווייטן טייל — ניט געזשא־לעוועט די פּלייצעס.

דער קאפּיטאן וולאדימיר ווילשאנסקי איז געווען פאר אונדזער צײַ־טונג א געפינס אף ניט אָפּצושאצן, און מיר האָבן אים עקספּלואטירט מערער, ווי מע האָט זיך עס געמעגט דערלויבן. מיר האָבן געהיט זײַן אדרעס און צו יעדן יאָמטעוו באשטעלט בא אים א קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט געדארפט באשיינען אונדזער נומער. דער אַלטער לייב פלעגט דער־נאָך וואָכנווײַז זיך ארומטראָגן מיט דער צײַטונג.

ער, לייב אליין, איז פאר אונדז אויך געווען א געפינס, כאָטש פאר מיר גופא איז ער געווען א שטיקל רעטעניש. איך האָב ניט געקאָנט פארשטיין, ווי פּאָרט זיך בא אים פרומקײַט מיט הייסער פארליבטקײַט אין זײַנע זין, די קאָמוניסטן, די אפּיקאָרסים. פּונקט אזוי איז ער געווען פארליבט אין דער רעוואָליוציע, וואָס האָט געמאכט זײַנע קינדער צו לײַט. געווען נאָר א ביסל בארויגעז אף איר, וואָס זי איז געקומען אזוי שפּעט. געווען א יאווע טאָן זיך כאָטש א דרײַסיק יאָר פריִער.

אין ראטנדאָרף איז שוין געווען א טראדיציע. אַלע יאָר, ווען מע האָט אָנגעהויבן פארשפּרייטן די מעלוכע־האלוואָע, האָט דער ערשטער געעפנט דאָס צעטל לייב ווילשאנסקי. ער פלעגט זיך אָנטאָן, ווי אף א פּאראד. שטיוול און הויזן פון א פּעכאָטינעץ, א מאטאָנע פון כאציען, א רעקל פון א שיפס־קאפּיטאן, א מאטאָנע פון ווענגלעלט, און אוועקשפּאנען אין דאָרפסאָוועט. ער האָט געוווסט, דער אַלטער, אז זײַן באָרד און זײַן יארמלקע האָבן אויך ניט קיין קליינע ווערט, און האָט זיי צוגעפּוצט אין דעם פאַל מיט א באזונדערער פלײַסיקײַט.

אין אזעלכע טעג פלעגט אין דאָרפראט שטענדיק זײַן טומלדיק. און לייב פלעגט דורכשפּאנען פארבײַ דעם אופגערוימטן אוילעם, צוקומען צום טיש און, א גלעט געבנדיק זײַן לאנגע ווײַסע באָרד, אוועקלייגן אפן טיש פינף הונדערט רובל. דאָס איז געווען זײַן שטענדיקע גאָב. די קורצע

רעדע זײַנע, וואָס ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ נוסעך, ווי מע לייענט די מעגילע, איז אויך געווען אַ טייל פון די ראַטנדאַרפער טראַדיציעס.

— דאָס גיב איך, אַז אונדזער לאַנד זאָל ווערן פון יאָר צו יאָר מעכטיקער און שטאַרקער, אַז דער סוינע זאָל קיינמאָל ניט אַריבערטרעטן מײַן שוועל.

און פאַרענדיקט מיט אַ באַזונדערער פײַערלעכקייט:

— איך גלייב, אַז מײַנע זין היטן פעסט די גרענעצן!

יעדן יאָר האָט אַלץ שטאַרקער געשמעקט מיט מילכאָמע, און דעם אַלטן לייבס ווערטער האָבן מיט יעדן יאָר געקלונגען אַלץ שטאַרקער און באַדײַטונגספולער.

און זי איז געקומען, די שרעקלעכע מילכאָמע, און נאָך איר נאָך פיל יאָרן, ווײַט ניט קיין גרינגע, און ס'האָבן געדאַרפט אַדורך אַריבער דרײַסיק יאָר, אַז די צײַט זאָל מיך ווידער צונויפירן מיט מײַנע יוגנטפרײַנט: מיט כאַציען און סאָניען...

א ווינטער־נאַכט פון פיר־און־זעכציקסטן. מאָסקווע, אַ נײַ הויז אויפן שאָלעם־פּראָספּעקט. מיר זיצן און קוקן זיך אײַן איינער אין דעם אַנדערן און זוכן איינער באַם אַנדערן כאָטשבי אַ מינדסטן שפּור פון דעם, וואָס איז אַף אייביק אַוועק. און אַ געמיש פון פרייד און טרויער באַהערשט אונדז. סאָניע... ניטאָ יענע דינקייט אין די נאָך בלייכערע ליפּן, ניטאָ יענע ליכטיקע גרויקייט פון די אויגן. דערפאַר אָבער די האָר — פאַרדריסלעך־גרוי, איין זילבערנער אויסשיט. ער, כאַציע, וואָס הייסט איצט יעווגעני לוואָוויטש, גראַד נישקאָשע. פאַרשטייט זיך, אַזעלכע יאָרן. אָבער אַזוי, אַף אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן. אַ גוואַר, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָלקאָווניק. און אַף אויפצוהענגען אַלע אָרדענס און מעדאַלן, וואָס ער פאַרמאָגט, מוז מען טאַקע האָבן אַ ברייטע ברוסט.

קומט, פאַרשטייט זיך, אַ לעכאַיִם. איך מאַך אים מיט דער גאַנצער פאָרזיכטיקייט, ווי אַ קראַנק האַרץ פאָדערט, ער — גאַנץ בעהאַרכאָוועדיק, ווי אַ געזונטער פּאָלקאָווניק קאָן. מיר זײַנען ביידע בעגילופנדיק, נאָר מיר בלײַבן ערנסט. מיר זײַנען דאָך אַמאָל געווען ערנסטע יאַטן,

און אונדז ווילט זיך קלערן, אז מיר זײַנען אַלץ אַזעלכע, ווי אין יענער לעצטער נאַכט, ערעוו דעם פּריזיוו, ווען מיר זײַנען געלעגן אַף דער קאָפּיציע שטרוי און געטרוימט. איצט האָט די צײַט אונדז ווידער געשענקט אַ נאַכט פון זײַן איניינעם, און מע דאַרף דערמאָנען אַלע דרײַסיק יאָר. די פרויען — ס׳הייסט, מײַן פרוי און סאָניע — זײַנען פאַרנומען מיט זייערס, און איך מיט כאַציען נעמען זיך בלעטערן... בוכשטעבלעך בלעטערן זײַן „פּערזענלעכן איניען״, אין וועלכן עס איז אַף אַ מיליטערישן אויפן, דורך באַפעלן, כאַראַקטעריסטיקעס און רעליאַציעס פאַרצייכנט דער גאַנצער לאַנגער וועג, אָנגעהויבן פון יענעם האַרבסטיקן טאָג, ווען ער איז געוואָרן אַ רויטאַרמייער, ביז דעם טאָג מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען ער איז געוואָרן אַ פּאָלקאָווניק אין רעזערוו.

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, אומעגלעך און עפּשער ניט אַלעמען אינטערעסאַנט איבערדערציילן אַלץ, מיט וואָס ס׳איז פאַרפולט די היפּש־גראָבע פּאַפּקע. איך וויל דאָ בלויז ברענגען איין אויסדרוק, וואָס כאַזערט זיך איבער אין די פּילצאָליקע כאַראַקטעריסטיקעס: רויִק און קאַלטבלוטיק אין שלאַכט, איז פייִק אָנעמען גיכע און ריכטיקע באַשלוסן אין די סאַמע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס.

יאָ, דער זעלבער כאַציע, וואָס האָט געקאָנט נאָך אַן אָרדנטלעכן אויסרייד אָפּשטיין אַ מעסלעס לעבן דער דרעש־מאַשין. כאָטש אַ פאַרגלײַך איז דאָ פּאָשעט אומעגלעך.

די מילכאָמע האָט ער באַגעגנט סאַמע אַף דער מײַרעוו־גרענעץ אַלס קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילעריע־פּאָלק און פון דער ערשטער מינוט געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די אָנגרײַפנדיקע דײַטשן. מע וואָלט דאָ געוויס געקאָנט ברענגען פּיל עפּיזאָדן, אין וועלכע ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן זײַן רויִקײַט און קאַלטבלוטיקײַט, אַדאַנק וועלכע ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויספירן זײַן פּאָלק מיט אַלץ מיטאַנאַנדער פון אַרומרינגלונג. און דערנאָך אַ סאַך שווערע שלאַכטן בייס די כאַדאָשים פון אָפּטרעטן און ניט ווייניקער שווערע בייסן זיגרײַכן מאַרש פאָרויס, ביז בערלין.

זי איז טאַקע פול געפּאַקט, די פּאַפּקע!.. כאָץ פאַרשיידענע באַפעלן און

כאראקטעריסטיקעס זײַנען אין איר פאראן דאָקומענטן, וואָס וועלן גאַנ־
לאנג זײַן פאמיליען־רעליקוויעס. אָט, אשטייגער, א צײַגעניש פון 1927
יאָר, ווען ער איז געוואָרן א מיטגליד פון ק.ב.ס. איצט דארף מען שוין
פארטײַטשן, וואָס דאָס הייסט, — קאָמיטעט פון אָרעמפויערים; א צײַגע־
ניש פון 1929 יאָר, אז ער איז אויסגעקליבן אלס מיטגליד פון ראיאָנישן
סאָוועט פון די ארבעטער־ און פויערים־דעפוטאטן. שוין אויך א לאנג
פארגעסענע טערמינאָלאָגיע. און אויסשניטן פון דער ראיאָנישער צײַ־
טונג. אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו זייער מישפּאָכע, די אלע נאָטיצן האָב
איך אליין רעדאגירט, פלאנירט און פארוויאָרסטעוועט אינעם אָרדנט־
לעכן נומער, פונקט ווי פיל אנדערע טויזנטער נאָטיצן. איצט האָב איך
זיי ניט געקאָנט רויק לייענען. אײַך איז מיסטאמע באקאנט דער רעגנדי־
קער רייעך פון פארטריקנטע בלומען, וואָס איר האָט פארוקט אין עפּעס
א בוך, און אין פיל יאָרן ארום אופגעמישט דאָס בוך אף דעם אָרט. יע־
דער נאָטיץ האָט געבראכט מיט זיך אָן א שיר דערמאָנונגען און בילדער
פון די אומפארגעסלעכע דרײַסיקער יאָרן.

ווידער האָב איך איבערגעלייענט דעם אלטן לייבס דערציילונג, ווי
ער האָט אמאָל פארקויפט באפט־לאָמפן, די נאָטיצן, וואָס אונדז האָט צו־
געשיקט דער שיפס־קאפיטאן וולאדימיר ווילשאנסקי, און פארשטאנען
אלץ אף גאָר אן אנדער אויפן, גאָר אנדערש, ווי דאַן, ווען מיר האָבן רע־
דאגירט און פארוויאָרסטעוועט די נאָטיצן. ניט אלץ האָבן מיר דאַן
פארשטאנען און ניט אלץ ווי געהעריק אָפּגעשאצט. אָט זיץ איך און לייען
איבער א נאָטיץ פון וולאדימיר ווילשאנסקי, וואָס הייסט „א בריוו צו
מײַנע לאנדסלײַט“. ער דערציילט אין אָט דער בריוו, וויאַזוי ער האָט,
נאָך גאָר א יינגעלע, פארלאָזט דעם טאטנס הויז, אוועק זוכן, ווו פארדי־
נען א שטיקל ברויט, און אף א סאך יאָרן אָנגעווירן דאָס געפיל פון היים,
ניט פארשטאנען, וואָס הייסט לאנדסלײַט. איצט איז ער גליקלעך, וואָס
ער קאָן די קאָלווירטניקעס פון ראטנדאָרף, ווי אויך אלעמען אין סאָ־
וועטנפארבאנד, אָנרופן לאנדסלײַט און באגריסן זיי מיטן גרויסן יאָמטעוו
פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

האָב איך איבערגעלייענט די בריוו איין מאָל און צוויי מאָל און ערשט איצט דערפילט איר הויכע, סימבאָלישע באַדײַטונג.

— יאָ, איז ווו זשע איז ער איצט, וואָלאָדימיר? ער לעבט?

— ער לעבט. אָט באַלד וועל איך דיר אים ווײַזן. נאָר פריִער וועל איך דיר דערציילן וועגן דעם לייטענאַנט אודאַדאָוו.

— וואָס פאַר א שײַכעס האָט ער צו וואָלאָדימירן?

— ער האָט א שײַכעס צו אונדז ביידן.

דער לייטענאַנט אודאַדאָוו איז געווען א קאָמאַנדיר פון א באַטאַרייע אין כאציעס פאָלק אין די סאַמע ערשטע שרעקלעכע טעג פון דער מיל־כאָמע. געווען שווער פארוווּנדעט און געטראָפן אין א שפּיטאָל אין טיפן הינטערלאַנד, ווו ער איז אָפּגעלעגן אריבער א האַלב יאָר. ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט מען אים געשיקט קיין סעוואַסטאָפּאָל אין א ברי־גאַדע פון ברעג־אַרטילעריע, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט דער קאָמ־בריג וואָלאָדימיר ווילשאַנסקי.

דער קאָמבריג האָט באַמערקט, אז דער לייטענאַנט איז עפּעס געווען שטאַרק אויפגערודערט, ווען ער איז געקומען צו אים פאָרשטעלן זיך.

— איר זײַט נאָך ניט אינגאַנצן געזונט? — האָט ער בא אים גע־פרעגט.

— פולקום געזונט, כאווער קאָמבריג, אָבער... אַנטשולדיקט, איך האָב געהערט, מע רופט אײַך וואָלאָדימיר לוואָוויטש און אײַער פאַמיליע איז ווילשאַנסקי. און די מילכאָמע האָב איך אָנגעהויבן אין דעם פאָלק, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט דער מאַיאָר ווילשאַנסקי, יעווגעני לוואָוויטש.

— מײַן לײַבלעכער ברודער. איר געדענקט דעם נומער פון זײַן פעלד־פּאָטשט? עפּשער געבליבן די זעלבע, וועלן מיר אים געפינען, אונדזער ברודער!..

— און איצט וועל איך דיר ווײַזן וואָלאָדימירן.

געמיינט דעם „מיליטעריש־היסטאָרישן זשורנאַל“ פארן 1962 און דאָס אַרטיקל, וואָס איז געווידמעט אייניקע טאַקטישע מאָמענטן אינעם באשיצן סעוואַסטאָפּאָל. דער אווטאָר פונעם אַרטיקל — קאַנדידאַט פון מיליטערישע וויסנשאַפטן, גענעראַל־מאַיאָר וואָלאָדימיר ווילשאַנסקי. און

אין גרונט פונעם ארטיקל — די העלדנטאטן פון דער באטאריי, מיט וועל־כער ס'האָט אָנגעפירט דער לייטענאנט א. ס. אודאָדאָוו.

קאָן איך שוין זאָגן, אז אין יענער נאכט האָב איך זיך באגעגנט מיט ביידע מײַנע באקאנטע ווילשאנסקיס.

— נו, און פריידל?

— פריידע? — פרעגט איבער כאציע. — איך קאָן זי דיר אויך באלד ווײַזן. ס'הייסט, איר ארטיקל. געווידמעט דער ראָל פון די מיקראָבן אי־נעם לעבן פון מענטשן. זי וווינט אין מאָסקווע. א קאנדידאט פון מעדיצי־נישע וויסנשאפטן.

מיט דעם, אייגנטלעך, פארענדיקט זיך דאָס צעטל פון מײַנע באַ־קאנטע ווילשאנסקיס. נאָר איך מוז איצט שוין אופשרײַבן אלע.

— לייזער איז געווען א דרוקער, — נעמט כאציע אויסרעכענען, — אומגעקומען אפן פראָנט. דאָוויד און כאַים זײַנען זייגערמאכערס. און נאָ־כעם — אַן ארכיטעקטאָר. וועסט גיין איבער מאָסקווע, וועסטו זען א סאך נײַע הײַזער. האָט נאָכעם אין זיי אויך א כיילעק.

אוי, ווי איך וואָלט איצט געוואָלט זען דעם אלטן לייבן צווישן זײַנע זין, טעכטער און אייניקלעך און נאָכאמאָל הערן, ווי ער דערציילט זיי אלעמען די מײַסע, ווי ער האָט פארקויפט נאפט־לאָמפּן און ווי ס'האָט געפּלאצט זײַן פירמע. דערנאָך איז געקומען די רעוואָליוציע און איז נאָכגעגאנגען זײַנע קינדער אין אלע זייערע וועגן. נאָר וועגן טאטן האָב איך מוירע צו פרעגן. איך האָב מוירע צו הערן א שלעכטע בסורע.

ער האָט געגלייבט, דער אלטער לייב, ער האָט געגלייבט זײַן לאנד, ער האָט געגלייבט זײַנע זין, אז זיי וועלן ניט לאָזן דעם סוינע אף זײַן שוועל. און די זין — זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט די פּלייצעס. ניט גע־זשאלעוועט אויך זייער בלוט. און דאָך איז אים אויסגעקומען זען דעם סוינע אף דער שוועל פון זײַן שטוב. און זײַן ברייטע און לאנגע ווײַסע באָרד... און זײַן ווײַסער קאָפּ... אינײנעם מיט טויזנטער, טויזנטער... ווי האָבן די דײַטשן געקאָנט דורכלאָזן אזא באָרד!..

עס ווילט זיך ניט פארענדיקן מיט טרויעריקס. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אז אין אונדזערע ביָאגראפיעס, אין אונדזער לעבן איז געווען אזוי־

פיל טרויעריקס. פארגעסן קאָן מען עס ניט. און עס ווילט זיך ניט פארגעסן. לייבס זין און טעכטער ווייסן וועגן דעם. און די אייניקלעך מוז מען עס דערציילן. זיי מוזן וויסן, ווער זייערע זיידעס זײַנען געווען און וואָס זייערע טאטעס האָבן אופגעטאָן.

■

יאָ, א נאכט געווען א ווינטערדיקע, פול מיט פריילינגדיקע דעריינערונגען. א געמיש פון פרייילעכס און טרויעריקס. סאָניע האָט זיך געקליבן אין וועג, קיין אָמסק, ווו ס'וווינט די טאָכטער מיטן איידעם:ביידע אינזשעניערן, זיך פארבענקט נאָכן אייניקל. א באָבע, און האָט נאָך אלץ אין זינען נארישקײַטן. זי האָט זייער געוואָלט דערוויסן זיך, פארוואָס האָב איך געשוויגן א גאנצן אָוונט ביים אונדזער לעצטן שפאציר, וואָס האָב איך איר דאן געוואָלט זאָגן און פארוואָס האָב איך ניט געזאָגט. נו, ווי קאָן איך איצט וויסן, וואָס האָב איך דאן געוואָלט זאָגן, אז אפילע דאן האָב איך אויך ניט געוווּסט?

1964

■ ■ ■

באם בריגאדיר

פריִער הארבסט. עס איז נאָך פול מיט זון, מיט ליבער ווארעמקײַט און מיט א געמיש פון פארבן און רייכעס. עס ציִען זיך אומענדלעכע מאסיוון פון צײַטיקער קוקורוזע. א מינדסט ווינטעלע הייבט אוף א טומל צווישן די געלע אײַנגעטריקנטע בלעטער. שווערע קאטשענעס קלאפן זיך איינער אין דעם אנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט. און אין דער זעלבער צײַט — אזא יונגע גרינקײַט פון די נאָר־וואָס אופגעגאנגענע ווינטער־ברויטן, א גרוס פונעם קומענדיקן פריילינג.

דאָס אלץ איז אזוי באָענט און באקאנט פון יאָרן אָן, פונקט ווי אָט דער

צאַרטער רייעך, וואָס דאָס ווינטעלע האָט געבראַכט פון דער נאָענטער באַלקע, — אַ רייעך, וואָס פלעגט שטענדיק אַרויסרופן בּאַ מיר אַ מאָדנע געפיל, אַן אומפאַרשטענדלעכס און אַ ווייטעקלעך־אָנגענעמס. כ׳האָב ניט איין מאָל געזוכט יענע פאַרבאָרגענע קוויטעלעך, וואָס צעבליִען זיך אין דער באַלקע אין פריִען האַרבסט און פילן אָן דעם אַרום מיט האַרצ־קלעמענדיקער בענקעניש. געזוכט און ניט געקאָנט געפינען. געווען איז דאָס שוין לאַנג, מיט פיל יאָרן צוריק. איצט האָב איך זיי שוין ניט געזוכט. נאָר אַליין דער רייעך, גלײַך ער וואָלט דערפרייט זיך מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, האָט מיך באַגלייט בּאַרג־אַרויף, ביז אין סאַמע דאָרף אַרײַן, פעסט געהאַלטן אין געפענקעניש פון אַלץ נײַע און נײַע דערינע־רונגען...

איך האָב אַפילו ניט באַמערקט, אַז די באַלקע בין איך שוין לאַנג דורכגעפאָרן, אַז אָט זײַנען די ערשטע הײַזער, אָט איז דאָס וועלדל, וואָס ציט זיך לענגויס דעם דאָרף, און אָט — דאָס פּיצוכט־שטעטעלע, ווו ס׳געפינען זיך אַלע קאָלווירטישע פערמעס.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם האָט געייצעט: אַז איר וועט זײַן אין זעליאָנאָפאָל, זאָלט איר אומבאַדינגט זיך זען מיטן פּיציכטלער כאַיִם גאָרדאָן. אַ טשיקאַווער מענטש.

אויף דער פערמע האָב איך כאַיִמען ניט געטראָפן. מע האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אין אורלויב און בויט איבּער זײַן שטוב. זײַן הויף איז טאַקע געווען פאַרוואַלגערט מיט ציגל, ברעטער, טירן און פענצטער, און ער אַליין איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיטן איבערלייגן דאָס געהילץ, אַז ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי אונדזער מאַשין איז צוגעפאָרן. ערשט דערנאָך האָט ער פאַמעלעך, מיט אַ קרעכץ, וואָס מע לאָזט אַרויס נאָר פאַר זיך, אויסגעגלײַכט די פאַרהאָרעוועטע פּלייצעס און אַ בלישטשעק געטאָן מיט צוויי זוכנדיקע פײַערלעך פון די שמייכלענדיקע אויגן. עפּעס האָט מיך אַ ברי געטאָן און אופגערודערט, פונקט אַזוי אָנגענעם, ווי יענע רייכעס אין דער באַלקע. מיר זײַנען דאָך, אייגנטלעך, באַקאַנט. שוין פון לאַנג, פון דער יוגנט!.. און כאָטש די באָרד זײַנע, שוין עטלעכע טעג ניט קיין געגאָלטע, איז געווען שנייִיק־ווײַס, און ער אַליין שוין טאַקע אַן

אלטיטשקער, אָבער יענץ פּייערל — עס גיט זיך א צינד אָן און ווארפט מיטאמאָל אָפּ די עלטער, קימאט אף גאנצע דריי צענדליק יאָר, און דו דערזעסט דיין באקאנטן אזא, ווי ער איז פארבליבן אין זיקאָרן.

— הערט א מייסע, — האָט ער אָנגעהויבן, און איך האָב זיך גלייך דערמאָנט זיין שטים. — כ'האָב גאָר אייך צוערשט ניט דערקענט... אזא גאסט! טאקע גוט, וואָס איר זייט געקומען. פונקט צו דער צייט... איר וועט טאקע אונדז זאָגן, ווער פון אונדז איז גערעכט. איך אמפּער זיך מיט מיין יידענע. איבער דער שטוב. נו, זאָגט אליין...

אָט אזוי, נאָך אלץ א שמייכלענדיקער, האָט ער אָפּגעווישט מיטן ארבל דעם שווייס פונעם פּאָנעם, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב און אָנגעהויבן דערציילן, וויאזוי ער טייַנעט אלע טאָג מיטן ווייַב און קאָן איר בעשום־אופן ניט דערווייַזן, אז אויב איבערבויען די שטוב, דארף מען שוין אזוי, אז זי זאָל ניט זיין ענלעך אף דער פריערדיקער. עפּעס שטייט זי דאָך שוין, די שטוב, אוואדע א יאָר הונדערט. ס'איז א יערושע פונעם שווער... פיר קלייניקע צימערלעך מיט א קיכל. די טירן שמאָלינקע, די פענצטער קליינינקע. אז מע וואלגערט שוין איין אלץ אינווייניק, איז פארוואָס ניט שטעלן נייע טירן, נייע פענצטער, גרויסע, ליכטיקע? ווער דארף עס פיר קליינע צימערלעך? זאָל זיין דריי. און זאָל זיין א זאלע אף אופצונעמען געסט, אוועקשטעלן א טעלעוויזאָר...

— האָט זי זיך איינגעשפּארט, מיין עטל, איינמאָל ניין! אזוי ווי ס'איז געווען, זאָגט זי, אזוי דארף עס בלייבן...

ער האָט א רוף געטאָן דאָס ווייב, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ניט ווייט אפן גאָרטן:

— עטל, קום אהער, א גאסט בא אונדז! מע דארף גרייטן צום טיש.

עטל, א יידענע שוין אויך אין די יאָרן, איז צוגעקומען מיט א פולן פארטעך פּאָמידאָרן, א קוק געטאָן אף מיר מיט צוגעזשמורעטע אויגן, געפּרוווט דערקענען און אפּאָנעם ניט דערקענט. זי האָט בלויז א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ליבלעך א שמייכל געטאָן: ווייבאלד דער מאַן זאָגט א גאסט, הייסט עס א גאסט.

— דו הערסט? — האָט כאַים זיך אָנגערופן. — זיי זאָגן אויך אזוי.

מע דאַרף איבערמאַכן אַף דרײַ צימערן. ס'זאָל זײַן אַ זאַלע, ווי בײַ לײַטן...

מיר איז געווען אַ ביסל ניט באַקוועם, וואָס כאַיִם האָט מיט אַזאַ אײַלעניש אַרויסגעטראָגן פאַר מיר דעם פּסק. און נאָך מער דערפאַר, וואָס עטל האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ טיפע באַליידיקונג. זי האָט זיך אַזש פאַרקרימט און אַ קוק געטאָן אַף מיר מיט רוגזה.

— אַזוי ווי די שטוב איז געווען, אַזוי דאַרף זי בלײַבן, — האָט עטל געזאָגט שטיל, אָבער קאַטעגאָריש, און דורכגענומען דעם מאַן מיט אַ בייזן בליק.

— עך, עטל, — האָט כאַיִם געזאָגט מיט פאַרדראָס, און די צוויי פּײַערלעך אין די אויגן זײַנען אַף אַ ווײַלע פאַרלאָשן געוואָרן. — גיי טײַנע מיט אַ ייִדענע. מע דאַרף עס דאָך פאַרשטיין פּאָליטישעסקע!

— דיר ליגן אַלץ אין קאָפּ נאַרישקײַטן. — עטל האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַן אײַנגעהויקערטע אַוועק.

— אָט קוקט זי אָן... — כאַיִם האָט שוין, ווײַזט אויס, כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער שטוב, — מײַנע, אַז זי שפּאַרט זיך אײַן, איר געדענקט דאָך...

■

איך האָב זיך דערמאָנט יענעם שנייִקן און פראָסטיקן ווינטער, ווען אין דער זעליאָנאָפּאָלער באַלקע האָבן זיך באַוויזן וועלף און דער אוילעם האָט מוירע געהאַט אין אָוונט אַרויסגיין פון שטוב. די נעכט זײַנען דאַן געווען אומרויִקע און שלאָפלאָזע. און אין יעדער שטוב האָט ביז שפּעט געברענט אַ פײַערל. אין יעדער שטוב איז געגאַנגען אַ קריג צווישן עלטערן און קינדער: יוגנט האָט זיך געצויגן פאָרויס, צו יענעם נײַעם און אומבאַוווסטן, וואָס האָט גאָר אינגיכן באַנײַט דאָס גאַנצע לעבן אין דאָרף. עלטערן האָבן זיך געהאַלטן בײַ זייערן. אין יענע נעכט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן שאַפן די זעליאָנאָפּאָלער יוגנט־קאָמונע. די דאָזיקע געשעעניש האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע דאָרף.

געווען איז דאָס אין פרילינג 1929, אַ יאָר פאַר דער מאַסן־קאָלעקטיוויזאַציע. דאָס וואָרט „קאָמונע“ האָט בײַ אַ סאַך אַרויסגערופן שרעק —

פאַרשטעלונגען וועגן איין לאַנגן טיש פאַר אַלעמען, וועגן איין גרויסער קאָלדרע, אונטער וועלכער עס שלאָפן אַלע קאָמונאַרן איבערעם. טאַטעס האָבן פאַרשאָלטן זייערע קינדער, מאַמעס האָבן זיי שטיל באַוויינט. און קינדער... אוי, קינדער, שטענדיקע צולאָכעסניקעס! זיי האָבן זיך געמאַכט גאָר א קליינעם צימעס פון די קלאָלעס און פונעם געוויין. טאָג און נאַכט פאַרבראַכט אפן בערגל פון יענער זייַט באַלקע, מיט די אייגענע הענט געבויט שטאַלן פאַר די פערד און פאַר די קי פון דער קאָמונע.

איז מיילע — עלטערן האָבן געשאָלטן, און יוגנט האָט געבויט. אָבער כאַים! שוין אליין א טאַטע, עמעס, נאָך א יונגערמאַן, נעמט ער און פאַרשרייַבט זיך אין דער קאָמונע.

עטל איז דאַן אויך געווען יונג — א שלאַנקע, א ברוינע, מיט א שוואַרצן קאָפּ האָר, אַן עמעסע סטעפּניאַטשקע. ווי אַלע פויערטעס, איז זי פונעם ערשטן טאָג אָן נאָך דער כאַסענע געווען פאַרפּאָרעט פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט אין סטעפּ, אין שטאַל, אין קיך און באַם וויגעלע. וויִאַזוי זשע האָט זי געקענט פאַרשטיין, וואָס איר כאַימען איז אין קאָפּ אַרייַן?

— ביסט פון זינען אַראָפּ? — האָט זי געהאַלטן אין איין טייַנען. — וואָס פאַר א קאָמונע איינמיטנדרינען? מע וועט אונדז דאָך אויסלאַכן. מיילע, די יונגע, וואָס ווערן זיי אָן... אָבער מיר!..

— נאַרעלע, — האָט ער מיט איר אײַנגעטייַנעט, — מע דאַרף קוקן אַף אַזעלכע זאַכן פּאָליטישעסקע. פאַרשטייין, וווהין די וועלט גייט. אָט, אַשטייגער, ווי מיינסטו — ווער נאָך וועמען וועט גיין? די יוגנט נאָך די אַלטע, צי פאַרקערט?..

אויסגעפירט האָט, פאַרשטייט זיך, ער. די עלטערן האָבן געמוזט גיין נאָך די קינדער. אין א יאָר אַרום איז שוין דאָס גאַנצע דאָרף געווען אין קאָמונע.

איינגיכן איז פון דער קאָמונע געוואָרן א געוויינלעכער קאָלווירט, וואָס האָט איבערעם מיט אַלע קאָלווירטן פון לאַנד דורכגעמאַכט דעם גרויסן און שווערן באַרג־אַרוף.

פון פיל דערמאָנונגען, וואָס האָבן מיטאמאָל א בליץ געטאָן אין מײַן זיקאָרן, האָט זיך אויסגעטיילט דאָס וואָרט „שלעפּ־קראפט“. א געוויינלעך וואָרט. שוין אפילע א שטארק פארעלטערטס, אָן שום פארב און טאם, ווי א פארטריקנט אָפּגעפאלן בלעטל פון אן אָסיענדיקן בוים, וואָס האָט אפילע די געלקײַט שוין אָנגעווירן. און וויאַזוי עס קאָן אמאָל א וואָרט אופלעבן און ארויסרופן אָן א שיר דערינערונגען! כאַים גאָרדאָן פלעגט זאָגן „סלעפּ־קראפט“, ניט „שלעפּ־קראפט“... מיטן שין האָט עס בא אים געהאלטן ניט וואזשנע.

איצט איז אפילע שוין שווער זיך פאָרצושטעלן די שוועריקײַטן פון יענע יאָרן — די ערשטע יאָרן פון די יונגע קאָלווירטן. געשען איז אזוי, אז די פערד האָבן אָנגעהויבן פארשווינדן פיל גיכער, איידער די טראק־טאָרס האָבן זיי געקאָנט פארבײַטן. און אז ס'זײַנען שוין געווען טראק־טאָרס, זײַנען ניט שטענדיק געווען קיין טראקטאָריסטן. וועגן וואָס מע זאָל ניט געווען ריידן אף א קאָלווירטישער פארזאמלונג, האָט מען צום סאָף געמוזט ארופקומען אף דער פראגע פון שלעפּ־קראפט.

כאַים גאָרדאָן האָט געפונען א וועג, וויאַזוי צײַטווײַליק לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם: מע באדארף אויסלערנען די קי גיין אין שפּאַן. זאָלן זיי שלעפּן די וועגענער, די באָראָנעס, די זייעלקעס, פירן וואסער צו די טראקטאָרס און נאָך געבן מילך אויך. מיט איין וואָרט — ביז עפּעס־וואָס, זאָלן זיי דערווײַל ארבעטן אי פאר זיך, אי פאר די פערד.

דער איניען האָט בא א סאך מענטשן אין די אויגן אויסגעזען ווילד. אין סטעפּ האָט מען וועגן אזוינס נאָך ניט געהערט. מע האָט געלאכט פון כאַימס פאנטאזיעס. עטל האָט שוין ניט געלאכט — זי האָט געוויינט. געוויינט מיט ביטערע טרערן און געפּאָדערט נאָר איין זאך — א געט.

— פארוואָס ווילסטו ניט פארשטיין אזא פּאָשעטע זאך? — האָט ער מיט איר אײַנגעטײַנעט. — וואָס איז איצט דער איקער? דער איקער איז איצט די סלעפּ־קראפט, דאָס דארף מען פארשטיין פּאָליטישעסקע!

און אין איינעם א פארטאָג, ווען עטל איז אופגעשטאנען אויסמעלקן די קו און אוועקטרייבן זי אין טשערעדע...

צוערשט האָט זי פארוווּנדערט, וואָס כאים איז ניטאָ אין שטוב. אוועק, און זי ניט אופגעוועקט. עס האָט איר גלייך אָנגעהויבן קלאפּן דאָס הארץ. אפגיך זיך אָנגעטאָן, ארופגעוואָרפן אפן קאָפּ דאָס שאלכל, א כאפּ געטאָן דעם עמער, אפילע אים ניט אויסגעשווענקט, און ארײַן אין שטאל. ווו איז די קו? יאָ, ווי דאָס הארץ האָט איר געזאָגט: כאים האָט שוין טאקע עפּעס צוגעטראכט! און אזוי, מיטן עמער אין דער האנט, מיטן שאלכל אפן אקסל איז זי אוועקגעלאָפן אהין, אף יענער זײַט באלקע, צו די קאָלווירטישע פערמעס. נאָך פונדערווײַטנס האָט זי דערזען, ווי איר כאים שטייט לעבן דער קו מיט א יארמע אין די הענט.

— כאים, גאזלען! — האָט זי געשריגן אפן פולן קאָל. — און דאָס קינד אונדזערס דארף שוין קיין מילך ניט? פאראן דאָך קאָלווירטישע קי!

— שרײַ ניט אזוי, עטל. וועסט אופוועקן דאָס גאנצע דאָרף! מע דארף דאָך אלץ טאָן מיט קאָפּ...

כאים איז דעמלט געווען א רויטלעכער, איבערהויפּט די ברעמען. זיי האָבן מאמעש געפלאמט בא אים פון רויטקײַט. געפלאמט האָבן אויך די אויגן, ווער רעדט, אז ער פלעגט א שמייכל טאָן.

— כאים!.. — האָט עטל ארויסגערעדט מיט אזא שטיל האכנאָעדיק קאָל, אז ער האָט שוין פארשטאנען, אז זי גיט זיך אונטער.

— אײַ, עטל... וועלכע קו וועט מיך אזוי גרינג פארשטיין, ווי מײַן אייגענע. עפּעס פאָרט בא מיר אין שטאל אויסגעוואקסן. אָט גיב אומיסטן א נעם די יארמע. אָט אזוי. אנו, קיִעלע טײַערע. אָט אזוי, בייג אָן דעם קאָפּ, ס׳איז גאָר ניט אזוי שרעקלעך. ווייסט, וואָס הייסט סלעפּ־קראפט.

און א ביסעלע שפּעטער, ווען זיי ביידע האָבן געפירט די קו איבערן הויף, אויסזוכנדיק פאר איר אלץ נײַע ווערטער און נײַע שוואָכים, ביז, ענדלעך, זי האָט אָנגעהויבן רויק טראָגן אפן האלדז די יארמע, האָט ער ווידער גענומען אײַנטײַנען מיט זײַן עטלען:

— הײַנט פארשטייסטו שוין? זעסט, א בעהיימע, לעהאוודל, און

פארשטייט, וואָס דער באַלעבאָס וויל פון איר. הײַנט אַן אייגן ווײַב... ווייסט, פון וואָס גאָט האָט געמאַכט כאַוועץ?

— גיי שוין, דו... נאָך גאָט פעלט דיר צו דײַן „סלעפּ־קראַפט"! גענוג, וואָס דו מאַכסט כויזעק פונעם ווײַב...

— כויזעק? אַ מאָשל. ס'רעדט זיך אַזוי...

אויסגעפּירט האָט, פאַרשטייט זיך, ווידער ער. ווײַל, אייגנטלעך, האָט זי נאָר געשראָקן מיט אַ געט.

דעם צווייטן פאַרטאָג זײַנען זיי שוין ביידע אײנײנעם אוועק אפן קאַל־ווירטישן הויף. זייער אייגענע קו איז שוין געווען אַ ביסל „אַ געלערנטע", און מע האָט שוין געקאָנט צושפּאַנען צו איר נאָך איין קו און הינטער זיי נאָך אַ פּאָר.

— דעריקער, עטל, געדולד, — האָט ער אײַנגעכאַזוערט מיט איר, ווײַזנדיק, וויאַזוי מע דאַרף אײַנשפּאַנען און פירן די קו, — דו קוק זיך צו, ווי איך מאַך עס...

נאָר וויאַזוי האָט זי געקאָנט נאָכטאָן דעם מאַן, אַז יעדער קו האָט איר כאַראַקטער, אירע קאַפּריזן און אירע מעשוגאַסן. באַ כאַימען האָבן די בעהיימעס געבויגן די קעפּ צו דער ערד, אַלץ געפּרוווט אַראָפּשלײַדערן פון זיך די יאַרמעס. און באַ איר האָבן זיי זיך געריסן אָט אף רעכטס, אָט אף לינקס און מיטאַמאָל אָנגעהויבן מעשוגנעדיק אונטערטאַנצן, דרייען זיך אף איין אָרט. עטל האָט זיי ניט געקאָנט אײַנהאַלטן.

— כאַים, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן!

— עטעלע, אַ ביסעלע געדולד, עטעלע...

ער האָט געוווסט, מיט וואָס צו נעמען דאָס ווײַב. איין צאַרט וואָרט: עטעלע!.. עטל האָט שטיל אונטערגעכליפּעט, בלויז אין די געדאַנקען איז אַ ביסל געזידלט און אַלע פאַרטאָג געגאַנגען מיטן מאַן צו די פערמעס. זי האָט מוירע געהאַט נאָר פאַר איין זאַך, — זי זאָל ניט פאַרשלאָפן. אַז גאָט שטראָפט מיט אַזאַ מאַן אַן אַקשן!..

דעמאָלט טאַקע האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען: בעהיימישער ברי־גאַדיר. געווען איז אין דעם אַ ביסעלע קאָוועד אויך. ווײַל ער האָט טאַקע דערוויזן, אַז עס איז ניטאָ פון וואָס צו לאַכן. ער האָט אַרײַנגענומען אין

זײַן קאָמפּאַניע נאָך עטלעכע מענער, עטל — נאָך עטלעכע װײַבער. ס׳איז געװאָרן אַן עמעסע בריגאַדע, װעלכע האָט געבאָראָנאָװעט, געזײט, געפירט װאַסער אַפן פעלד, מילך פון דער פערמע צום פוטער־זאַװאָד. כאַימס אופּטו האָבן איבערגענומען אױך אַנדערע קאָלװירטן.

כאַים האָט אַפילע געװאָלט דערװײַזן, אַז פאַר די קי איז דאָס נאָך בעסער. ס׳װאַקסט בא זײ דער אַפּעטיט, און זײ גיבן מער מילך. געװיס האָט ער דאָ אַ ביסל איבערגעטריבן.

אַזאַ איז ער אַפּאָנעם געװען פון אַלע יאָרן. ער האָט ניט געקאָנט לעבן אָן עפּעס אַן אופּטו. אַז די שלעפּ־קראַפט איז געװאָרן אױס פּראָבלעם, טראַקטאָרס זײַנען שױן געװען גענוג, די טראַקטאָריסטן האָבן זיך אױסגעלערנט אַרבעטן װי געהעריק, האָט כאַים גאָרדאָן פאַרטראַכט פלאַנצן אַ קאָלװירטישן סאָד. עטל האָט שױן אַפילע ניט געפּרוּװט אים אָפּריידן דערפון, כאָטש זי האָט, װי פיל אַנדערע, געטראַכט, אַז אין סטעפּ װעלן אַזױ װאַקסן סעדער, װי האָר אױף דער דלאָניע.

ער לעבט נאָך איצט, דער סאָד, װאָס כאַים האָט פאַרפלאַנצט עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע. פאַרפלאַנצט און אױסגעפּעסטעט. דאַן איז כאַים שױן געװאָרן אַן עמעסער סאָדציכטלער, בריגאַדיר פון דער קאָלװירטישער סאָדציכטלערישער בריגאַדע.

נאָר עס איז געקומען אַ טאָג, װען מע האָט געדאַרפט געזעגענען זיך מיט אַלץ: מיט די פערמעס, מיטן סאָד, מיטן דאָרף, מיט דער אײגענער שטוב. כאַים האָט אײַנגעפּאַקט די בעבעכעס אױף אַ װעגעלע און איז אַװעק. מיטן װײַב, מיט דער טאָכטער, מיטן גאַנצן דאָרף. דער װעג איז געװאָרן װאָס אַמאָל שװערער. אַ געמיש פון מענטשן און פי, פון אַלטע לײַט און קינדער, פון טרערן און ליידן, פון שטילן הונגער און גרױסן אומגליק.

כאַים איז שױן דאַן געװען ניט יונג, אין דער אַרמײ האָט מען אים דערװײַל ניט גערופן. יעדער טראָט אױף מיזרעך האָט אים פאַרשאַפט ליידן. ביזװאַנען איז דער שיר? עטל האָט אַלעמאָל געװאָרפן אױף מאַן אַ בליק פול מיט כשאַד און פאַרבאָרגענעם אומרו. עפּעס צופיל שװײַגט

ער, און אז כאַים שווײַגט, איז א סימען, אז ער טראכט, און אז כאַים טראכט... אוי, ווער ווייסט, וואָס פאר א מעשוגאַס ער קאָן צוטראכטן.

— הערסטו, עטל, עפּעס געפעלט מיר ניט אונדזער קליאטשע...

ס׳איז געווען א קאַלטער רעגנדיקער אָסיען־טאָג, דער וועג איז געווען טיף איבערגעקנאָטן פון טויזנטער פיס, מאשינעס און וועגענער, און דאָס ביינערדיקע פערדל האָט אלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט, ארומגעקוקט זיך אין אלע זײַטן מיט עפּעס א מוטנעם בליק פון א פארמוטשעט באשעפעניש, גלײַך עס וואָלט זיך געבעטן: אָבער געגוג שוין מיך מוטשען!

— האָסט עפשער א בעסערע קליאטשע?

— איך מיין... מיט אזא סלעפּ־קראפט וועלן מיר זיך דען פארהיטן פון היטלערן?..

— דו הייבסט שוין אָן „פּאָליטישעסקע״?

גלײַך ווי דאָס הארץ האָט איר געזאָגט... נאָר אז כאַים נעמט זיך עפּעס ארײַן אין קאָפּ, איז אים דען איבערצושפּארן?

ער האָט זי מיט דער טאָכטער איבערגעלאָזט אין א דאָרף ניט ווײַט פון דער וואָלגע. אײַנגערעדט זיי, אז דאָס איז א גוטער קאָלווירט, שײַעך א גוטער — איינער פון די בעסטע, דער בעסטער בא דער וואָלגע! און איז אוועק אין מיליטער־קאָמיסאריאַט.

■

...זומערדיק־צײַטיקע סטעפּעס, וואָס קרעכצן איבערגעלאָדענע מיט שווערן יאָדערדיקן ווייץ... פרילינגדיקער ווײַנשל־צוויט... הארבסטיקע באלקעס... ווען האָט איר זיך מילכאָמע־צײַט ניט געכאַלעמט, יעדערן אף זײַן אויפן, בייס די שווערע מארשן און אין זעלטענע מינוטן פון רו. און יעדערער מיט זײַן טרוים, און יעדערער מיט זײַן פּלאַן, — וואָס וועט ער אופטאָן, ווען ער וועט זיך אומקערן אהיים...

כאַים האָט אָנגעהויבן פון הײַזער. גראָד דערפאר, וואָס זײַן שטוב איז געבליבן גאנץ, כאָטש היפּש פארלאָזט, אָן טירן, אָן פענצטער. אָבער אנדערע האָבן דאָס אויך ניט געהאט. א דאָרף פול מיט כורוועס. און מיט אלמאָנעס. ווער זשע וועט בויען פאר זיי הײַזער, אויב ניט ער? איז ער

געוואָרן א בויער, א בריגאדיר. ווי קומט עס צו אים? א מאָשל! ווי קומען צו אים „געלערנטע“ קי, ווי קומט צו אים סעדערייַ? אז מע דארף, איז דען עפּעס א טערעך? און אָט האָט איר א געסל — 20 הייַזער. און אלע רופן דאָס געסל אף זייַן נאָמען. כאָטש אין די דערפער האָבן די גאסן ניט קיין נעמען.

אָט אזוי האָבן זיך איבערגעפלאָכטן די דערמאָנונגען פון די פארמיל־כאָמעדיקע יאָרן מיט די שפּעטערדיקע פּאסירונגען. וועגן זיי האָט שוין כאַים אליין דערציילט. א ביסל ער, א ביסל עטל, א ביסל דערציילט רויק און א ביסל ווידער זיך געקריגט, גלייַך זיי וואָלטן נאָכאמאָל איבערגעלעבט דאָס, וועגן וואָס זיי האָבן דערציילט.

עטל האָט די גאנצע צייַט זיך געפּאָרעט באַם טיש. אף אים, אפן טיש, איז געוואָרן וואָס אמאָל ענגער, און נאָך ענגער ארום אים. איך בין דאָ געווען ניט דער אייַנציקער גאסט. געזעסן באַם טיש איז דער פּארטרעטער פון פּאָרזיצער פון ראיויספּירקאָם מאריַא איוואנענקאָ, א געווזענע רינגלערן און בייס דער מילכאָמע — א פּארטיזאנקע. עס איז געקומען דער סעקרעטאר פון דער קאָלווירטישער פּארטיי־אָרגאניזאציע אראָן בערגער, מייַנער אן אלטער באקאנטער. געקומען זייַנען אויך א פּאָר שכיינים.

כאַים האָט מאמעש געקוועלט פאר נאכעס, וואָס א וואָכעדיקער טאָג איז פארוואנדלט געוואָרן אין אזא יאָמטעוו. דערצו נאָך האָט ער געקראָגן א געלעגנהייַט נאָכאמאָל דערווייַזן זייַן עטלען:

— אָט זעסטו, ניטאָ ווו זיך א דריי טאָן. מע דארף טאקע פּאָרט איבער־מאכן אף דרייַ צימערן, און ס׳זאָל זייַן א זאלע.

נאָר ניט איבער דעם האָט צווישן מאן און ווייַב אופגעפלאקערט א קריג פונקט דעמלט, ווען מע האָט שוין אָנגעגאָסן די גלעזלעך און גע־קליבן זיך אויסטרינקען דעם ערשטן לעכאַים.

כאַים האָט דערציילט, וויאזוי מיט א פּאָר יאָר צוריק, ווען ער האָט שוין צעביטן דעם זיבעטן צענדליק און מיטן געזונט איז געוואָרן טאקע ניט פויגלדיק, האָט ער זיך געלאָזט אייַנריידן און איז אוועק אף א גרינגערער ארבעט — געוואָרן פארוואלטער פון דער קאָלווירטישער מיל. איז

דאָ וואָס צו מאָלן, מאָלט מען, איז ניטאָ וואָס — זיצט מען גלאַט אַזוי אויף דער שוועל, מע קערט אַמאָל אַרויס דעם שטויב.

— זאָגט אַליין, — האָט ער זיך געהיצט, גלײַך עמעצער וואָלט אים געפּרוּווט דערוווידערן, — איז דאָס פּאַר מײַן כאַראַקטער? עמעס, מײַן עטל איז געווען צופרידן. איז אָבער געקומען די סעמיליעטקע. ווי קאָן מען עס זיצן אין אַזאַ צײַט און פאַרשרײַבן די איבערגעמאָלטע פּודן?

עטל, וואָס האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך, צעשטעלט די טעלערלעך, האָט רוגזעדיק אַ קלונג געטאָן מיטן בינטל גאָפּלען:

— ווי געפעלט אײַך דער יונגערמאַן? ערשט קוים אויף דער עלטער זײַנען אים אויסגעפאַלן די זיבן גוטע יאָר. ער מוז ווײַזן, וואָס ער קען. אָן אים וועט מען די כאַזיירים ניט אויסהאָדעווען, אַמעריקע ניט דעריאָגן...

— עך, עטל, וויפל מיינסטו סעמיליעטקעס זײַנען בא מיר מיט דיר נאָך געבליבן, מיר זאָלן זיך אַזוי וואַרפן מיט זיי?..

אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אויפגעהויבן דאָס גלעזל און זיך אָנגערופן:

— לאָמיר בעסער אויסטרינקען. לעכאַיִם!..

און ס'איז אַוועק, ווי דער שטייגער איז, איין גלעזל נאָכן צווייטן, מיט פאַרשיידענע ווינטשעוואַניעס. עטל האָט איר גלעזל אויסגעטרונקען שטייענדיק. אַלץ קיין צײַט ניט געהאַט זיך צוזעצן. זי איז אַוועק אין קיך און ווידער אַרײַן אין צימער, אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ ווינקעלע און צוגעהערט זיך צו די שמועסן, וואָס זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל הילכיקער. נאָר ווען כאַיִם האָט פלוצלינג פאַרפירט אַ שמועס וועגן פּאַרטיי־סטאַטוט, האָט זי זיך צוגעזעצט. אַפּאָנעם, אַז דאָס איז אויך געווען איינער פון די איניאָנים, צו וועלכע עטל האָט ניט געקענט זײַן גלײַכגילטיק. כאָטש כ'האָב ניט גלײַך פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט, פּונקט ווי כ'האָב ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— אָט, זאָגט מיר, איר דאַרפט דאָך גוט וויסן דעם סטאַטוט. ווער קאָן זײַן אַ מיטגליד פון פּאַרטיי?

איך האָב אָנגעהויבן דערקלערן, עפּשער אַ ביסל צו גענוי. און כאַיִם האָט מיך ניט געלאָזט ענדיקן.

— דאָס אלץ ווייס איך. אָבער א פונקט וועגן עלטער איז דאָרטן ניטאָ?

— פארשטייט זיך, ניטאָ...

— עך, אלטער נאר, — האָט עטל א זיפץ געטאָן, — האָסט אָפּגעלעבט אזויפיל יאָרן אָן דער פארטיי...

— וואָס הייסט אָן דער פארטיי! — דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען אזא בייזן. — ווי געפעלט עס אייך? דו ביסט דאָך שוין באלד ווי יענער אינסטרוקטאָר פון ראיקאָם. הערט א מייסע!.. אָפּגעלעבט אזויפיל יאָרן און געבליבן אן אומפארטייישער. איר וועט פרעגן פארוואָס? ווייל איך האָב עס ניט געפילט, ניט געפילט, אז איך בין אן אומפארטייישער. געווען אזוי פארטומלט, פארהאָוועט: מיט דער קאָמונע, מיט די סעדער. קיין צייט ניט געווען. און, דעם עמעס זאָגנדיק, א ביסל שולדיק אין דעם איז זי, מיין עטל. שוין נימעס געוואָרן קריגן זיך מיט איר. מיילע, טראכט איך מיר, וואָס איז די נאפקעמינע — מיט א פארטיי־בילעט, אָן א פארטיי־בילעט, — אלציינס, דעם קאָמוניזם בויען מיר אלע איינעם. און גראָד אף דער עלטער...

פון זיין בייזקייט איז אינגיכן קיין סימען ניט געבליבן, אויסגעוועפּט געוואָרן אין איין מינוט. ער האָט א קוק געטאָן אף עטלען, ווי בעטנדיק מעכילע פאר דעם, וואָס ער האָט זי אזוי ארויסגעשטעלט פאר די געסט.

אראָן בערגער, דער סעקרעטאר פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע, האָט עפּעס אומרויק זיך אָנגעהויבן צו דרייען אפן בענקל און קוקן אפן זייגער. איך האָב א טראכט געטאָן, אז אָט וועט ער זיך אופהייבן, זיך אנטשולדיקן — ער איילט זיך ערגעץ — און וועט אוועק. אפּאָנעם, אז כאַים האָט דאָס אויך באמערקט, ווייל ער האָט אים א נעם געטאָן פארן אקסל און ניט געלאָזט אופהייבן זיך.

— זיצט, זיצט, איר זייט ניט אזא אָפּטער גאסט בא מיר. און אז איר זייט שוין יאָ געקומען... איר הערט? אָט זיצט ער, דער סעקרעטאר אונדזערער, ער וועט מיך ניט לאָזן זאָגן א ליגן. מיר ווילט זיך אָפּטמאָל אים זאָגן א פּאָר הייסע ווערטער אף א פארמאכטער פארטיי־פארזאמלונג... איך האָב אָנגעגעבן א מעלדונג, רעקאָמענדאציעס גענומען. דער סעקרע־

טאר אליין האָט מיר אויך געגעבן. אלץ פײַן. מע האָט מיך אף דער פאר־זאמלונג אָנגעגנומען און אָפּגעשיקט די פּאַפּירן אין ראַיקאָם. ס׳גייט אוועק א וואָך, א כוידעש, עפּעס רופט מען מיך ניט. בין איך ניט פויל און פאָר אוועק אין ראַיאָן און גיי אַרײַן צום אינסטרוקטאָר פון ראַיקאָם. יענער נעמט מײַנע פּאַפּירן, הייבט אָן לייענען און טוט מיר א זאָג:

— שוין אריבער זעכציק? צו וואָס זשע דאַרפט איר עס? און פארוואָס זײַט איר פריִער ניט אַרײַנגעטראָטן?

— וואָס האָט איר מוירע? — בין איך בייז געוואָרן. — איך קלײַב זיך נאָך ניט אף יענער־וועלט. איך מוז מיט מײַנע אויגן נאָך זען דעם קאָמוניזם. און מיט וואָס אַרײַנקומען אין קאָמוניזם האָב איך, זײַט רויִק!..

ער האָט באַמערקט, ווי די געסט האָבן אָנגעהויבן אונטערשמייכלען, און נאָך מער זיך צעהיצט:

— יאָ, יאָ, טאַקע אזוי האָב איך אים געזאָגט. און נאָך האָב איך אים געזאָגט, אז קיין אומפּאַרטייִשער בין איך קיינמאָל ניט געווען. ווער איז דער ערשטער אין קאָמונע אַרײַנגעטראָטן? אף וועמענס נאָמען רופט מען דעם אלטן סאָד און די נײַע גאַס? און כאָטש איך בין ניט קיין געבוירענער כאַזײַרימציכטלער, קומט מען זיך לערנען צו מיר אין דער פערמע. דער איקער איז דאָ דער ענטוזיאַזם, די באַוווסטזיניקייַט, אויב איר ווילט וויסן! בין איך א קאָמוניסט, צי ניין?

ס׳איז שווער געווען פאַרשטיין, מיט וועמען כאַיִם אַמפּערט זיך — נאָך אלץ מיטן אינסטרוקטאָר פון ראַיקאָם, צי מיטן ווײַב, צי מיט די געסט? דאָס פּאָנעם האָט געפלאַמט און אויסגעזען אף א יאָר פופצן יינגער. בא מיר איז געווען אזא געפיל, גלײַך ס׳האָט מיטאמאָל א צי געטאָן פון דער באַלקע מיטן רייעך פון יענע פאַרבאָרגענע קווייטעלעך, וואָס פלעגן שטענדיק אַרויסרופן בא מיר אזא מעכײַעדיקע האַרץ־פלאַטערניש. עטל איז געזעסן בא דער זײַט און נאָכגעקוקט, צי אַפּן טיש פעלט קיין זאַך ניט. זי האָט פון ווײַלע צו ווײַלע געוואָרפן אַפּן מאַן א בליק און שטיל צוגעשמייכלט. אירע אויגן האָבן אונטערגעוווּנקען: ווי געפעלט אײַך מײַן אלטיטשקער?

— אָבער וואָס האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם? — האָט זי

א פרעג געטאָן האַלב באַם מאַן און האַלב באַם סעקרעטאַר פון דער פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציע. אַפּאָנעם, אַז דאָס איז באַ איר אויך געווען אַן אַמביציע: וואָס הייסט, איר כּאַימען זאָל מען ניט נעמען אין פּאַרטיי?

— דער שמועס באַם אינסטרוקטאָר איז געווען אַ מיספאַרשטייע־ניש, — האָט אַראָן בערגער באַרויִקנדיק געענטפערט. — אויף דער נאָענט־סטער זיצונג פון ביוראָ וועט מען כּאַימען אין פּאַרטיי באַשטעטיקן.

אינעם קליינעם צימערל איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך טונקל. מיר זײַנען אַלע אַרויס אין גאַס. פון מײַרעוו האָבן זיך אָנגערוקט וואָלקנס, פאַרכאַפּט שוין אַ האַלבן הימל. אַ קליין ווינטעלע, ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן, האָט אָנגעהויבן צונויפשאַרן שטיקלעך פּאַפּיר, פאַרטריקנטע בלעטער און האַלב־אײַנגעטראָטענע שטרוי, פאַרדרייט זיי אין אַ ווירבל און אופגע־הויבן עס אַרויף, צו די וואָלקנס. איצט האָט אַראָן בערגער שוין אויף אַן עמעס זיך באַאומרויִקט.

— איך מוז גיין. מע דאַרף ברענגען אין אָרדענונג די סילאָס־גריבער.

מיר האָבן אָנגעהויבן געזעגענען זיך, און כּאַים גאָרדאָן האָט ניט אויס־געהאַלטן, ווידער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער שטוב, רופנדיק צו הילף אַלע געסט. עטל האָט זיך אָנגעברויגעזט, און דער שמייכל, וואָס האָט נאָרוואָס אַזוי באַשײַנט איר פּאָנעם, איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

— ווי ס'איז געווען, אַזוי וועט עס בלײַבן, — האָט זי אָפּגעהאַקט קאַטעגאָריש, פּונקט ווי פריִער. קאַלט געגעבן די האַנט און זיך אומ־געקערט אין שטוב...

אין איר אָנגעברויגעזט פּאָנעם, אויף וועלכן ס'האָבן מיטאַמאָל זיך אָנ־געפאַלדעוועט אַן אַ שיר קנייטשן, איז געווען אַזויפיל אַקשאָנעס, גלײַך זי וואָלט מיט דעם געפּרוווט אָפּצאָלן כּאַימען פאַר אַלע קריגערײַען: פאַר דער קאָמונע, פאַר דער קו, פאַרן סאָד און פאַר פיל אַנדערע זאַכן. כּאַים האָט באַגלייט זײַן אַלטיטשקע מיט אַ געפיל פון פאַרדראָס, עפּשער אַ ביסעלע בושה אויך. ער האָט זיך ווי אַנטשולדיקט פאַר אונדז, וואָס מיר אַלע אינעם האָבן ניט געקענט זי איבערצײַגן.

— ווי געפעלט עס אײַך? — האָט ער צוגעשמייכלט, געזעגענענדיק זיך. — גייט רעדט מיט אַ יידענע. זיך אײַנגעשפּאַרט, און שוין...

אירינע ראַדונסקע

א נעסיִע צום „עק וועלט"

אײַנשטײַנס נײַיאָריקער זון עדוארד האָט אמאָל געפרעגט באַם פאָטער: „טאַטע, מיט וואָס, אייגנטלעך, ביסטו אזוי באַרימט?" אײַנשטײַן האָט זיך צעלאַכט און דערנאָך ערנסט דערקלערט: „פאַרשטייסט, ווען א בלינדער זשוק פויזעט איבער דער אויבערפלאַך פון א קײַלעך, באַמערקט ער ניט, אז זײַן וועג איז אויסגעבויגן. מיר האָט אָפּגעגליקט — איך האָב עס באַמערקט".

פונדעסטוועגן האָט אײַנשטײַן, דער באַשאַפער פון דער רעליאַטיוויטעט־טעאָריע, ניט באַמערקט, אז דער קײַלעך, איבער וועלכן עס פויזעט דער זשוק, ווערט אופגעבלאָזן, ווי א זייפנבלאָז! און ווען דער סאָוועטישער געלערנטער אלעקסאַנדער אלעקסאַנדראָוויטש פרידמאַן האָט

אין 1922 יאָר דערקלערט: פון דער אַלגעמיינער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז צו דרינגען, אַז די אַלוועלט פאַרברייטערט זיך, אַז די שטערן, די גאַלאַקטיקעס, דער שטאָף, וואָס פאַרפילט דעם רוים צווישן די שטערן, — דאָס אַלץ „צעלויפט זיך“, און אַז דאָס איז אַ קעסיידערדיקער פּראָצעס, וועלכן קיינער קאָן ניט אָפּשטעלן און ניט אָפּשאַפן, האָבן אַ סאַך מענטשן, בעסויכעם איינשטיין, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — אַ ווילדע אידיי.

איינשטיין האָט אפילו פאַרעפנטלעכט אַ נאָטיץ וועגן פרידמאַנס אַרבעט, אַז ס׳איז אַ פּוסטע זאַך און אַז די רעזולטאַטן, וואָס ער האָט באַקומען, האָבן קיין זין ניט. עס האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, אַז נאָך אַזאַ פּסאַק־דין וועט פרידמאַנס אַרבעט פאַרגעסן ווערן.

נאָר גאָט אַליין קאָן אויך אַ טאָעס האָבן, און איינשטיין, דער גאָט פון פיזיק, איז אין דעם פאַל געווען געגליכן צו אַלע איבעריקע געטער.

דער סאָוועטישער פיזיקער קרוטקאָוו, וועלכער האָט באַזוכט איינשטיינען אין בערלין, האָט אים איבערגעגעבן פרידמאַנס אַ בריוו מיט אַ געניויעם אַנאַליז פון איינשטיינס קריטישער נאָטיץ.

דער באַרימטער געלערנטער האָט מיט דעם גאַנצן ערנסט דערלערנט די בריוו, וואָס איז געקומען פון דעם ווײַטן לאַנד פון די באָלשעוויקעס. יאָרנלאַנג האָט ער געאַרבעט איבער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון פיזיק און האָט געוווסט — טאָעסן זײַנען דאָ אומפאַרמײַדלעך. לײַט זאָגן: זיך טויע זײַן — איז אַ גאָט־זאַך, זיך אַקשענען — איז מײַסע־סאָטן. דרוקט טאַקע אָפּ איינשטיין אין דעם דײַטשישן „פיזישן זשורנאַל“ אַ נײַ נאָטיצל — סאַכאַקל עטלעכע שורעס (אַ זעלטענער בײַשפּיל פון אַזאַ אָפענער וויסנשאַפטלעכער זעלבסטקריטיק):

„אַ באַמערקונג צו דער אַרבעט פון אַ. פרידמאַן „וועגן דער אויסגעבויגנ־קײַט פון רוים“ .

א. איינשטיין. בערלין
(אָנגעקומען דעם 13 מײַ 1923 יאָר)

אין מײַן פריִערדיקער נאָטיץ האָב איך קריטיקירט די אויבן דערמאָנטע אַרבעט. מײַנע דערווידערונגען האָבן זיך אָבער באַזירט אַף אַ טאָעס אין

כּעזשבן, אין וואָס איך האָב זיך, לויט דעם הער קרוטקאָווס אייצע, איבער־צײַגט פון הער פרידמאַנס בריוו. איך האַלט, אַז דעם הער פרידמאַנס רעזולטאַטן זײַנען ריכטיקע און איבערצײַגנדיקע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דער סטרוקטור פון רוים דערלאָזן די פאָרמולעס פון פעלד באַגלײַך מיט סטאַטיס־טישע לייזונגען אויך דינאַמישע (דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס ענדערן זיך אין צײַט) צענטראַל־סימעטרישע לייזונגען".

ווער איז ער?

וואָס זשע האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דער דאָזיקער סאָוועטישער געלערנטער, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט אַרײַנגעריסן אין געביט פון פיזיק? אַן אופגייענדיקער שטערן? אַ געני, וועלכער האָט געלאָזט וויסן וועגן זיך שוין אין פּעריאָד פון פולער רײַפקייט? קורץ גערעדט, ווער איז ער, פרידמאַן?

די ידיעות וועגן אים האָבן געמאַכט ניט קיין קלענערן רושעם, ווי זײַן דערפינדונג.

— פרידמאַן? ער איז דאָך אַ זון פון אַ פּעטערבורגער מוזיקאַנט. איר ווייסט דען ניט, — האָבן מענטשן געזאָגט, — אַז זײַן טאַטע האָט דירי־זשירט מיט אַן אָרקעסטער מאַמעש טאַקע אַפן פעראָן, קעדיי צוציִען אוילעם צו דער ערשטער רוסישער אײַזנבאַן?

— וואָס ווייסט איר, — האָבן איבערגעשלאָגן אַנדערע, — פרידמאַן איז אַ מיליטערישער פּילאָט. אין 14־טן יאָר איז ער פרײַוויליק אַוועק אַפן פראָנט און אַפילע פאַרדינט אַ „געאָרגי".

— וואָס עמעס איז עמעס, — האָט געזאָגט נאָך עמעצער, — געפלויגן איז ער אַ סאַך, נאָר גאָר מיט אַן אַנדער ציל. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אויסרעכענען, וויִאַזוי דאָס טרעפן פון אַן אַרטילעריע־סנאַריאַד אין ציל איז אָפּהענגיק פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער עס פליט דער עראָפּלאַן, פון דעם וועטער. ער האָט דערלערנט די געזעצן פון דער באַוועגונג פון די לופט־מאַסעס. דאָס פליִען האָט אים אינטערעסירט אין גרונט אַלס מעטעאָראָלאָג.

איז ער, הייסט עס, א מעטעאָראָלאָג? נו, נאַטירלעך! נאָך מער אפילע, ער איז דער גרונטלייגער פון דער רוסישער מעטעאָראָלאָגיע. ביז אים האָט מען זיך מיט מעטעאָראָלאָגיע פארנומען בלויז אין אויסלאנד. און פרידמאן האָט געהאלטן, אז מעטעאָראָלאָגיע ברענגען אום די פרימיטיווע, לעפּערעכדיקע מעטאָדן, וואָס פירן דערצו, אז אין דעם געביט פארנעמט מען זיך ניט מיט וויסנשאפט, נאָר מיט לערנען זיך טרעפן.

פרידמאן, א גרויסער ענטוזיאסט, האָט פאַרינטערעסירט מיט מעטעאָראָלאָגיע א סאך אָנגעזעענע געלערנטע. ער האָט זיך געשטעלט בעראָש פון אן אָבסערוואטאָריע, ווו פריער האָבן געדרייט דאָס רעדל נאָר גרויסע סראָרעס און גענעראלן. אין דער אָבסערוואטאָריע האָט ער בוכשטעבלעך געשטעלט אלץ מיטן קאָפּ ארוף, מיט די פיס אראָפּ. די מיטארבעטער האָבן זיך געכאָכמעט: „פרידמאן איז א פראפּאָרשטשיק און קאָמאנדעוועט אין דער אָבסערוואטאָריע ניט ערגער פון א גענעראל“.

ער האָט געשטרעבט דערצו, אז מעטעאָראָלאָגיע זאָל ווערן א פּינקטלעכע וויסנשאפט, ער האָט געוואָלט שאפן א טעאָריע, וואָס זאָל געבן די מעגלעכקייט פאָרויסזאָגן דעם וועטער. ער האָט מיט אלע קויכעס געזוכט איינגלידערן מאטעמאטיק אין געביט פון מעטעאָראָלאָגיע.

איז פרידמאן, הייסט עס, א מאטעמאטיקער? ווי זשע דען, האָט מען געזאָגט. ער איז איינער פון די טאלענטירטסטע שילער פונעם גרויסן רוסישן מאטעמאטיקער סטעקלאָוו. געענדיקט דעם פּעטראָגראדער אוניווערסיטעט אין 1910 יאָר. נאָך דער רעוואָליוציע אוועקגעפאָרן אונטעריכטן אין פּערם. דעמלט איז צום ערשטן מאָל אופגעקומען דער געדאנק, אז מיט וויסנשאפטלעכער ארבעט דארף מען זיך פארנעמען ניט נאָר אין צענטער. עס איז באשלאָסן געוואָרן צו שאפן אן אוניווערסיטעט אין פּערם. דאָרט האָט זיך צונויפגעקליבן א קאָמפּאניע טאלענטירטע יונגע געלערנטע, וועלכע האָבן געוואָלט, דער אוניווערסיטעט זאָל זיין אן אידעאלער. זיי האָבן באשלאָסן ניט איבערכאזערן דעם פעלער פון פּעטראָגראדער אוניווערסיטעט. און וואָס איז, לויט זייער מיינונג, באשטאנען דער דאָזיקער פעלער? דערין, וואָס ענדיקנדיק דעם אוניווערסיטעט, איז א מענטש ארויס מיט זייער א קנאפּן מאטעמאטישן באגאזש: ניט געוווּסט

וועגן די רייען פון פוריע — דעם פונדאמענט פון פראקטישער מאטעמא־טיק. אינעם אוניווערסיטעט־קורס פון מעכאניק איז ניט געווען דער אָפּטייל „וואקלונגען“. דער באגריף רעזאָנאנס האָט ניט אינטערעסירט ניט די לערער, ניט די סטודענטן.

דער אקאדעמיקער אָבראַימאָוו, וועלכער האָט זיך געלערנט מיט א פּאָר קורסן העכער פון פרידמאנען, דערמאָנט זיך, אז אין די צוואנציקער יאָרן איז אופגעקומען אן אידיי צו אָרגאניזירן אין פעטראָגראדער אוני־ווערסיטעט א סעמינאר, וואָס זאָל העלפן די סטודענטן פארטיפערן זייערע מאטעמאטישע קענטעניש.

— איך האָב אָנגעפירט מיט דעם דאָזיקן סעמינאר, — זאָגט איוואן וואסיליעוויטש. — אף דער ערשטער זיצונג, געדענק איך, איז ארויסגע־טראָטן דער מאטעמאטיקער טאמארקין, אף דער צווייטער האָב איך גע־מאכט א פּאָרטראָג. אפן דריטן סעמינאר איז ארויסגעטראָטן פרידמאן. דעמלט טאקע האָט ער געמאכט זײַן איבערראשנדיקע מיטיילונג וועגן דער לייזונג פון איינשטיינס פּאָרמולעס. דעם עמעס געזאָגט, האָבן מיר ניט דערשאצט די גרויסע באדײַטונג פון פרידמאנס ארבעט. אינגיכן איז ער אוועקגעפאָרן אָפּרוען אין קרים, אויסגעטרונקען רויע וואסער און גע־שטאָרבן פון טיף אין עלטער פון 38 יאָר. אן אומזיניקער, א טראגישער צופאל...

אן „אָפענע“ אָדער א „פארמאכטע“ וועלט?

הײַנט זאָגן מעטעאָראָלאָגן, אז דער איקער איז אין פרידמאנס לעבן געווען מעטעאָראָלאָגיע. אָן אים וואָלט די רוסישע מעטעאָראָלאָגיע גע־ווען הינטערשטעליק און וואָלט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער אויסלענדי־שער. פרידמאן האָט צוגעגרייט דעם באָדן פארן וויסנשאפטלעכן בא־גרינדן די וועטער־פּראָגנאָזן. ער ווערט מיט רעכט אָנגערופן — פּאָטער פון דער רוסישער מעטעאָראָלאָגיע.

דאָס, וואָס ער האָט געלייזט איינשטיינס פּאָרמולעס, איז, לויט דער מיינונג פון די מעטעאָראָלאָגן, ניט מער ווי אן עפּיזאָד.

און דאָך האָבן די פיזיקער פון דער גאַנצער וועלט אין 1963 פייַער־לעך אָפּגעמערקט פערציק יאָר, זינט עס איז געשען די גראַנדיעזע געשעעניש: מענטשן האָבן זיך דערוווּסט, אַז איינער פון די גרונט־געזעצן, לויט וועלכע עס אַנטוויקלט זיך די אַלוועלט, איז איר פאַרבריי־טערונג.

די קורצע געשיכטע פון פרידמאַנס „קאָנפליקט" מיט איינשטיינען האָט צוגעצויגן גאָר אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייַט צו דער נייַער אַנט־דעקונג. קוידעמקאָל (אַזוי גרויס איז געווען איינשטיינס אויטאָריטעט) האָבן אַ סך געלערנטע, זיך אַפילו ניט פאַרטראַכטנדיק, אין וואָס עס גייט, אָפּגעפרעגט פרידמאַנס לייזונג. דערנאָך, אַז מע איז געוווירע גע־וואָרן וועגן איינשטיינס זעלבסטקריטישער באַמערקונג, האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן גאָר אין אַן אַנדער זייַט: מע האָט גענומען הייבן אין די הימלען אַרייַן פרידמאַנען און מאַכן אַ טומל אַרום איינשטיינס „טאָעס". די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט גיך פאַרשטאַנען, אַז קיין שום כלומרש־דייעס, קיין שום קאָנפליקט איז ניט געווען.

רייך אינטויִטיוו האָט איינשטיין געהאַלטן, אַז די וועלט איז אומענד־לעך אין צייַט, און האָט געזוכט די אַזוי־גערופענע סטאַציאָנאַרע לייזונג פון זייַנע פאָרמולעס. איצט ווייַזט אונדז אויס מאָדנע, וויאַזוי איז עס געשען מיט איינשטיינען, וועלכער האָט געשטרעבט אומעטום פאַרבייַטן אינטויִציע מיט שטרענגן אַנאַליז.

פרידמאַן, ווידער, אַלס מאַטעמאַטיקער, האָט פּאָשעט באַטראַכט נאָך איין מעגלעכע לייזונג פון די פאָרמולעס. עס האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן דאָס, וואָס די דאָזיקע לייזונג ווידערשפּרעכט דער געוווינטער פאָרשטע־לונג פון דער „אייביקער" וועלט. וויבאַלד אַזאַ לייזונג איז פון שטאַנד־פּונקט פון מאַטעמאַטיק אַ מעגלעכע זאַך, דאַרף מען זי באַקומען און אויספאָרשן. וואָס באַטייַט די דאָזיקע לייזונג, וואָס פאַראַ אויספירן קאָן מען פון איר מאַכן, — דערמיט מעג זיך שוין דער מאַטעמאַטיקער ניט אינטערעסירן. זאָלן זיך מיט דעם פאַרנעמען די פיזיקער. אַזוי איז פריד־מאַן געקומען צום סענסאַציאָנעלן אויספיר — די אַלוועלט פאַרברייַ־טערט זיך.

יאָ, פרידמאַן האָט געמאַכט אַ גראַנדיעזע אַנטדעקונג. עס האָט זי אײַנ־געבירגערט אין דער וויסנשאַפט ניט נאָר אײַנשטײַנס אויטאָריטעט, נאָר מיט דער צײַט אויך דער העכסטער אויטאָריטעט — דער עקספּערימענט. באַאָבאַכטנדיק אין די טעלעסקאָפּן די ווײַטע הימל־קערפּערס, האָבן זיך די אַסטראָנאָמען איבערצײַגט: אין פולן אײַנקלאַנג מיט פרידמאַנס אויס־פירן דערווײַטערן זיך פון אונדז די הימל־קערפּערס און, וואָס ווײַטער זיי געפינען זיך פון אונדז, אַלץ גיכער.

אַ גליק, וואָס פרידמאַן איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער. אַנדערש וואָלט ער, מעגלעך, זיך דערשראָקן פאַר זײַן אייגענער לייזונג און וואָלט זי אַרויסגעוואָרפן אין מיסטקאַסטן. שווער צו בלײַבן רויִק, ווען מע דער־וויסט זיך פון די פאָרמולעס וועגן דעם אָנהייב און דעם סאָף פון דער וועלט!

וואָס נאָך פאַר אַן אויספיר האָט מען דען געקאָנט מאַכן פון דעם פאַקט, וואָס די אַלוועלט פאַרברייטערט זיך? אויב די שטערן און גאַ־לאַקטיקעס שווימען איצט אַוועק ערגעץ אין די ווײַטע ווײַטן, הייסט עס, אַז אַמאָל זײַנען זיי געווען צונויפגעפּרעסט אין איין פעסטן קנויל. דעמלט איז די אַלוועלט לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אויף דער איצטיקער.

נאַטירלעך קומט אויף די פראַגע: ווי לאַנג וועט דויערן די פאַרברײַ־טערונג פון דער אַלוועלט? וועט זי דויערן אָן אַ שיר און אָן אַ ברעג, אָדער עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען אונדזער וועלט וועט זיך אָפּשטעלן אין איר דראַנג פאָרויס, וועט אָנהייבן זיך צונויפּפּרעסן און וועט ווידער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סופּערפעסטן קנויל?

פרידמאַן האָט באַקומען צוויי לייזונגען פון דער פאָרמולע. פון איינער איז געדרונגען, אַז ווירקלעך, ערגעץ אין אַ ווײַטן מאָמענט, וועלכן מע קאָן באַדינגלעך האַלטן פאַרן אָנהייב פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַל־וועלט (אַן ערך 5—10 מיליאַרד יאָרן צוריק), זײַנען אַלע אָפּשטאַנדן אין דער „אוראַלטער" וועלט געווען גלײַך צו נול, און די קאָמפּאַקטקייט פון דער מאַטעריע איז געווען אומענדלעך גרויס, און דערנאָך האָט דער שטאָף פון דער נײַ־געבוירענער וועלט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפליִען.

דער פארנעם פון דער אלוועלט האָט זיך אָנגעהויבן פארגרעסערן, פארגרעסערט זיך ביז הײַנט צו טאָג און וועט, מעגלעך, וואקסן און וואקסן.

די פארברייטערונג פון דער אלוועלט זעט אויס דערבײַ צו זײַן אומענדלעך. אזא מאָדעל פון דער אלוועלט הייסט בא די געלערנטע „אָפּענע".

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז טראגיש פאר דער מענטשהײַט איז די צווייטע לייזונג פון דער זעלבער פאָרמול אײַנשטיינס. אין אָנהייב ווידערשפּרעכט זי ניט דער ערשטער לייזונג. דאָ איז אויך פאראן דער פעסט צונויפגעפּרעסטער קנויל פון דער ערשטיקער מאטעריע. נאָר זי זעט פאָרויס אויך דעם עק וועלט: די פארברייטערונג פון דער אלוועלט איז ניט אומענדלעך, באהויפּט די צווייטע לייזונג. עס וועט קומען א מאָמענט, און די גאלאקטיקעס וועלן אופהערן זיך פאנאנדערלויפן. די שטערן, די פּלאנעטעס, דער שטאָף, וואָס פארפּילט דעם רוים צווישן די שטערנס, וועלן אָנהייבן אײַנגעשרומפּן ווערן, און די וועלט וועט ווידער זיך פארוואנדלען אין א קנויל צונויפגעפּרעסטער מאטעריע.

אזא מאָדעל פון דער אלוועלט הייסט „פארמאכטע".

ביז איצט קאָנען ניט די אסטראָנאָמען קאטעגאָריש ענטפערן, וועלכער מאָדעל — דער „אָפּענער" צי דער „פארמאכטער" — אנטשפּרעכט אונדזער אלוועלט. אן ענטפער וועלן געבן דויערנדיקע באָאבאכטונגען, דערווײַל זײַנען אָבער די אויסמעסטונגען ניט גענוג פּרעציז.

מעגלעך, אז ערגעץ, אף א מערכעק פון טריליאָנען ליכט־יאָרן פון אונדז, פארלאנגזאמען שוין די הימל־קערפּערס זייער לויף; מעגלעך, אז ערגעץ האָבן שוין די גאלאקטיקעס זיך געלאָזט אף צוריקוועגס און די „אָפּענע" מאָדעל ווערט פארוואנדלט אין א „פארמאכטער".

דערווײַל האָט נאָך ניט די וויסנשאפט אזעלכע יעדיעס.

דאָך האָט זיך די אסטראָנאָמען אײַנגעגעבן פעסטשטעלן, ווי גרויס עס איז די שנעלקײַט, מיט וועלכער די גאלאקטיקעס לויפן זיך פאנאנדער. די, וואָס זײַנען אָפּגעטיילט אייניע פון דער אנדערער מיט מיליאָנען ליכט־יאָרן, לויפן זיך פאנאנדער מיט דער שנעלקײַט פון 55 קילאָמעטער אין א סעקונדע! די געלערנטע זײַנען זיך מעשאער, אז בא צוויי מאָל גרעסערע מערכאקים איז די שנעלקײַט צוויי מאָל גרעסער; בא דרײַ

מאָל גרעסערע — איז זי דרײַ מאָל גרעסער. די גרעסטע פעסטגעשטעלטע שנעלקײַט איז 120 000 קילאָמעטער אין א סעקונדע, מער ווי א דריטל פון דער ליכט־שנעלקײַט!

די אויסמעסטונגען ווערן פאַרגעזעצט. די רעזולטאטן ווערן פאַר־פינקטלעכט.

די שטראָף פאַר פאַרײנפאכן

דרײַסיק יאָר האָבן די פיזיקער שאָלעם געמאכט מיט דעם געדאנק, אז די וועלט וועט זיך אמאָל ענדיקן. אײניקע האָבן זיך געטרייסט, אז ביז „עק וועלט" וועלן נאָך דורך מיליאַרדן יאָרן. אנדערע, ווידער, האָבן, פארופנדיק זיך אָף דער פאראדאָקסאלקײַט פון די אויספירן, געפּאָדערט ביכלאל זיך אָפּזאָגן פון דער רעליאטיוויטעט־טעאָריע, ווײַל זי איז קלוי־מערשט ניט וויסנשאפטלעך און רעאקציאָנער. נאָך אנדערע, די, וואָס האָבן פארשטאנען, אז קיין „עק וועלט" קאָן ניט זײַן, האָבן געזוכט אן אויסוועג, געטראָפן מעניעס אין וועג און ווײַטער געזוכט.

די שוועריקײַטן זײַנען געווען אזוי גרויס, אז קײנער האָט ביז דער לעצטער צײַט ניט געקאָנט פאַרפינקטלעכן פרידמאנס לייזונג. די מאַ־טעמאטיק האָט זיך ניט געקאָנט קיין אייצע געבן מיט די לייזונגען, וואָס האָבן געפּרוּווט מער־וויניקער געניי באשרײַבן די סטרוקטור פון דער רעאלער וועלט.

קעדיי צו פאַרײנפאכן די אופגאבע, האָט פרידמאן געמאכט אײנע א האנאָכע. זי האָט טאקע שטארק פאַרלײַכטערט זײַן ארבעט, אָבער גע־בראכט צו פאטאלע אויספירן. פרידמאן האָט גענומען אין אכט ניט דאָס בילד פון דער רעאלער וועלט, נאָר פון א וועלט אן אידעאלער, פון א וועלט, וואָס די פארטיילונג פון דער מאטעריע אין איר איז ניט ווילקיר־לעך, נאָר אין דורכשניט רעגלאמענטירט — אײנארטיק. דער געלערנ־טער האָט זיך פאָרגעשטעלט די וועלט ניט ווי קיין לאָנקע, ווו די בלו־מען וואקסן ווי עס מאכט זיך. פרידמאנס אלוועלט דערמאָנט אין א בייט, וואָס פארזייט האָט זי א פעדאנטישער גערטנער, א בייט, ווו אָף יעדן קוואדראט־מעטער וואקסט א באשטימטע צאָל בלומען.

אף צו פאַריינפאַכן די מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס האָט פרידמאַן באַשלאָסן צו האַלטן, אַז אין יעדן געגנט גרויסן שטיק וועלט־רוים איז פאַראַן אַ שטרענג באַשטימטע צאָל הימל־קערפּערס. באַ אַזאַ האַנאָכע האָט געזאָלט מעקויעם ווערן די נעוווע וועגן דעם אומפאַרמײַדלעכן „עק וועלט“.

ווי זשע אָבער איז עס אַלץ געווען? ווי וועט זײַן? איז טאַקע געווען אַן אָנהייב און וועט טאַקע זײַן אַן עק פון דער וועלט אין דער עמעסן?

אין מאָסקווע, אין דעם אינסטיטוט פאַר פיזישע פּראָבלעמען פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, האָבן די רעטעניש, וואָס זײַנען אופגעקומען צוליב פרידמאַנס לייזונג, שוין לאַנג אַרויסגערופן פאַרביטערטע שטרײַטן. באַזונדערס אַקטיוו האָבן זיך אין זיי באַטייליקט צוויי וויסנשאַפט־דאָקטוירים יעווגעני מיכײַלאָוויטש ליפשיץ און איסאַק מאַרקאָוויטש כאַלאַטניקאָוו. זיי האָבן באַשלאָסן פאַרפינקטלעכן פרידמאַנס כעזשבוינעס, אויספאָרשן די אַלוועלט, אירע „געהיימניספולע פונקטן“, אַ טאָפּ טאָן מיטן סקאַלפּעל פון מאַטעמאַטיק דעם אָנהייב און דעם עק וועלט. עס האָט זיי דערוואַרט אַ שווערע אַרבעט, אָן אַ שיר גריבלענישן. מיט עפּעס האָבן זיי דערמאָנט אין מענטשן, וואָס זוכן פאַרבאַהאַלטענע אוצרעס.

אָט דערוויסט זיך אַזאַ איינער, אַז דער אוצער איז פאַרגראָבן ערגעץ אין אַ ווײַט לאַנד, ער לאָזט זיך טייקעף צום אומבאַוווסטן קאָנטינענט. ער איז זיכער אין דערפאָלג: אַ האַלבע אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן — די קאַרטע האָט ער שוין אָפּגעזוכט, דער אוצער איז שוין גלײַך ווי באַ אים אין קעשענע. עס לאָזט זיך אָבער אויס, אַז וואָס נעענטער עס איז דער ציל, אַלץ שווערער איז די אופגאַבע. אָט איז דער יישעוו, וועלכער איז אָנגעוויזן אַף דער אַלטער, פאַרגעלטער קאַרטע, אָט איז דאָס בערגל, וואָס לעבן אים דאַרף ערגעץ זײַן דער אוצער... אָבער פונוואַנען קומט דאָס וועלדל, די טיפע באַלקע? ווהין זײַנען נעלעם געוואָרן די דרײַ ביימער און דער ברונעם, וווּ ס׳איז באַהאַלטן דער אוצער?

דער רעליעף פון דער געגנט האָט זיך געענדערט, דער ברונעם איז אויסגעטריקנט געוואָרן, פון די דרײַ ביימער איז געוואָרן אַ וועלדל...

הײַנט ווי זשע קומט מען צו צו די געגאַרטע פונקטן פון דער אַלוועלט? ווי זשע קלײַבט מען זיך פאַנאַנדער אין די קאָמפּליצירטסטע ענדערונ־

גען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין דער וועלט פֿון די שטערן? ווי שווימט מען אריבער דעם קאָסמישן אָקעאַן, ווו עס בושעווען שקוואַלן פֿון מאַג־ניטנע און עלעקטרישע פֿעלדער, ווו די געהיימניספֿולע גראַוויטאַציע־קראַפֿט באַשליסט, ווי עס זאָלן זיך באַוועגן סײַ די קאָלאָסאַלע גאַלאַקטי־קעס, סײַ די פּיצינקע שטויבעלעך!

פֿרידמאַן האָט אָנגעוויזן דעם וועג אין אַלגעמיינע שטריכן, ליפֿשיץ און כאַלאַטניקאָוו האָבן געדאַרפֿט אויסאַרבעטן דעם פּינקטלעכן מאַטעמאַ־טישן מאַרשרוט, נעמען אין אַכט צײַט און רוים, אויסניצן אַלע רעסורסן פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט.

און ווען זייער געדאַנק האָט זיך דערנעענטערט צום ציל, האָבן זיי קיין „עק וועלט" ניט געפֿונען. די כעזשבוינעס האָבן באַוויזן, אַז די רעאַלע וועלט האָט ניט קיין סאָף, האָט ניט קיין עק. די דערינגעניש, וואָס מע האָט געמאַכט פֿון פֿרידמאַנס לייזונג, איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון אידעאַליזירן די אַלוועלט, פֿון די פֿאַרייניפֿאַכונגען, וועלכע דער אויטאָר האָט דערלאָזט.

דער „עק וועלט" איז געווען אַ מין „שטראָף" פֿאַר דעם, וואָס דער מאַטעמאַטישער אַפּאַראַט, מיט וועלכן עס האָט אָפּערירט פֿרידמאַן, איז געווען נאָך ווײַט ניט פֿולקום.

ליפֿשיצעס און כאַלאַטניקאָווס אויסערגעוויינלעכע כעזשבוינעס האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו איבערצײַגן זיך, אַז די אַלוועלט וועט קיינ־מאָל ניט אײַנגעשרומפּן ווערן ווי אַן אויסגעטריקנטע באַר, אַז טאָמער וועט זי אַמאָל שוין יאָ אָנהייבן צונויפֿגעפּרעסט ווערן, וועט דער פּראָצעס ניט ברענגען דערצו, אַז די וועלט פֿון שטערן זאָל זיך פֿאַרוואַנדלען אין איין קנויל. דער מאַטעמאַטישער אַנאַליז האָט באַוויזן, אַז פֿון דער אַל־געמיינער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע קאָן מען ניט מאַכן קיין אויספֿיר וועגן דעם אומקום פֿון דער אַלוועלט.

ס'איז אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג פֿון די סאָוועטישע פֿיזיקער — מיט דער הילף פֿון שטרענגע מאַטעמאַטישע כעזשבוינעס האָבן זיי באַשטע־טיקט איינעם פֿון די וויכטיקסטע פּאָסטולאַטן פֿון דיאַלעקטישן מאַ־טעריאַליזם, אַז די אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט איז אומענדלעך.

וואָס זשע קאָן מען זאָגן וועגן נאָך איין עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג

פון דער וועלט, וואָס איז אויך ניט ווייניקער געהיימניספול, — ווען איר אָנהייב? א „נעסיִע" אין ראיאָן פונעם וועלט־באשאף איז נאָך דער־ווייַל אומעגלעך. לויט דער מיינונג פון דעם אקאדעמיקער לעוו דאווידאָ־וויטש לאנדאו, איז די מאָדערנע וויסנשאפט דערווייַל נאָך ניט בעיכולי־לעס צו מאכן אזא נעסיִע...

וואָס איז געווען פאַר בריישיס?

פאראן אָן א שיר פראגן, וועלכע די וויסנשאפט איז נאָך ניט בעקויעך צו לייזן. די געלערנטע אָבער הערן ניט אוף וועגן זיי צו טראכטן: וואָס איז דאָס אזוינס אַלוועלט? ווי איז זי איַנגעאָרדנט?

„די ערשטע פראגע זעט אויס צו זיַין גאָר איינפאך, און מיר קאָנען, ניט שטארק איבערטראכטנדיק, געבן אַף איר אן ענטפער, כאָטש קיין פולער וועט ער ניט זיַין: עפּעס א בעלעבעטשע טאָן וועגן מאטעריע, גראוויטאציע, ציַיט און פּראָטאָפּלאזמע. ענטפערנדיק אַף דער צווייטער פראגע, דערוועגן מיר זיך שוין צו ריידן וועגן געזעצן פון דער נאטור, וועגן „טערמאָ־טויט" און וועגן דעם, אז די גאלאקטיקעס לויפן זיך פאַ־נאנדער. אָבער אַף דער פראגע: „פארוואָס עקזיסטירט זי, די אַלוועלט?" קאָנען מיר ענטפערן נאָר מיט א קרעכץ: „איין גאָט ווייסט!" און דאָס איז, וויַיזט אויס, די „אויסשעפּנדיקע אינפאָרמאציע".

אזוי וויצלט זיך איינער פון די אָנגעזעענסטע געלערנטע פון אונדזער ציַיט — דער אמעריקאנער אסטראָנאָם הארלאָו שעפּלי באם אנאליזירן, ווי האלט עס מיט דער דערקענטעניש פון דער אַלוועלט. אָבער כאָטש עס זעט אויס, אז די פּראָבלעם איז אבסאָליוט ניט צום לייזן, הערט די רעטעניש — וויאזוי איז געבוירן געוואָרן די אַלוועלט — ניט אוף צו רעגן די געלערנטע.

עס האָט זיך באוויזן א גאנצע קאָלעקציע היפּאָטעזעס. פאראן צווישן זיי אויך אזא, וואָס לייקנט ביכלאַל אָפּ א וועלכן־ניט־איז „אָנהייב". די פארגאנגענהיַיט פון דער וועלט, באהויפּט זי, איז פּונקט אזוי אומענד־לעך, ווי איר צוקונפט. פון „גאָרנישט" האלט אין איין אנטשטיין מאטעריע,

דאָס איז נייטיק, קעדיי צו קאָמפּענסירן דעם פאַרלוסט פון דעם טייל שטאָף, וועלכער רינט ארויס „אף יענער זײַט ראנד פון דער וועלט" אין רעזולטאט דערפון, וואָס די מאטעריעלע אלוועלט פאַרברייטערט זיך. נאָר די פיזיק גיט קיין גרונט פאר אזעלכע האנאָכעס.

ווי די זאך זאָל ניט זײַן, דערווײַזט די מאטעמאטיק, אז אן אָנהייב פון דער וועלט איז געווען. געווען, כאָטש די פּראָבלעם איז ניט פון די „געשמאקע". פארוואָס?

— דערפאר, — דערקלערט כאלאטניקאָוו, — וואָס בא מענטשן, וועלכע הערן צום ערשטן מאָל וועגן די איבעראשנדיקע רעזולטאטן פון קאָסמאָגאָניע, קומט אוף א נאטירלעכע פראגע: און וואָס איז געווען פאר דעם, ווי ס'איז געווען די אלוועלט? אָבער אזויווי דער אָנהייב פון דעם לויף פון צײַט פאלט צונויף מיט דער אנטשטייונג פון דער אלוועלט, איז אזא פראגע אומזיניק. דער באגריף „פאר" און „נאָכדעם" אָן דעם באגריף „צײַט" פאַרלירט דאָך יעטווידן זין.

— די צײַט איז אנטשטאנען צוזאמען מיט דער וועלט, געהערט דער וועלט. ווען עס האָט ניט עקזיסטירט די אלוועלט, איז ניט געווען קיין צײַט, — זאָגט הייזענבערג, איינער פון די שעפער פון דער קוואנטן־מעכאניק.

דער קאָסמישער פּאלאַץ

גאָר א באזונדערן כיישעק האָבן די געלערנטע צו לייזן אזעלכע, אשטייגער, פּראָבלעמען: פון וואָס איז באשטאנען די וועלט צום אלעם ערשטן? וואָס פאר א סטרוקטור האָט זי געהאט? פון וואָס פאר א שטאָף, פון וועלכע עלעמענטארע טיילכלעך איז באשטאנען די אלוועלט אין איר „קינדהײַט"? איז זי געווען א הייסע צי א קאלטע?

זייער א הייסע און איז באשטאנען קימאט דורכויס פון נייטראָנען, — פאַרזיכערן די אמעריקאנער געלערנטע גאמאָוו, אלפער און גערמאן און רופן אפילע אָן א ציפער — א מיליארד גראדוס אין 10 מינוט ארום נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן פאַרברייטערן.

דער אקאדעמיקער יאקאָוו באָריסאָוויטש זעלדאָוויטש, פארקערט, האלט, אז אין דער אָנפאנגלעכער סטאדיע איז די אלוועלט געווען קאלט און איז באשטאנען פון פראָטאָנען, עלעקטראָנען און נייטרינאָ. נאָר קאלטערהייט און נאָר אין דער אָנוועזנהײַט פון נייטרינאָ האָבן די פראָטאָנען און עלעקטראָנען זיך געקאָנט „צונויפקלעפן“ אין אטאָמען פון וואסערשטאָף, וואָס דאָמינירט, ווי ס'איז באוווּסט, אין דער נאטור. וואָלטן אָנשטאָט נייטרינאָ געווען נייטראָנען, וואָלט אונדזער וועלט באשטאנען אין גרונט פון געלי און אנדערע עלעמענטן, שווערערע, ווי וואסערשטאָף. די ווירקלעכקײַט האלט אונטער אזויארום זעלדאָוויטשעס שטאנדפונקט.

זעלדאָוויטש האָט אפילע זיך פאָרגעשטעלט די ערשטע עטאפן, ווען די אלוועלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פארברייטערן; די מאסעס וואסערשטאָף (אזעלכע קאלטע, אז דער וואסערשטאָף איז געווען שיטער אָדער עפשער אפילע הארט) האָבן געקאָנט זיך פאנאנדערפאלן אַף באזונדערע קאלאָסאלע טראָפנס אָדער שטיקער. זיי זײַנען זיך פאנאנדערגעפלויגן אין פארשיידענע זײַטן, דערנאָך, צוציִענדיק איינס דאָס צווייטע, זיך בעהאדראָגעדיק צונויפגעגאָסן.

דאָס איז איינע פון די נײַסטע היפאָטעזעס וועגן דעם „וועלט־באשאף“, נאָר ניט די איינציקע. הײַנט צו טאָג האָבן די געלערנטע, וועלכע שטרעבן צו דערקלערן די אנטשטייונג פון דער ערד און פון דער זון־סיסטעם, פאָרגעלייגט פופצן פארשיידענע היפאָטעזעס.

באם „נייטרינאָ“־שטאנדפונקט אַף דער אנטוויקלונג פון דער אלוועלט האלטן זיך דער אקאדעמיקער ברונאָ מאקסימאָוויטש פאָנטעקאָרוואָ און דער דאָקטאָר פון פיזיש־מאטעמאטישע וויסנשאפטן יאקאָוו אבראמאָוויטש סמאָראָדינסקי. זיי באשטייען אַף דעם, אז די נייטרינאָ און זייער אנטיפאָד — אנטינייטרינאָ — האָבן געשפילט גאָר א באזונדערע ראָל אין דער אויספורעמונג פון דער אלוועלט. זיי האלטן, אז גאָר אמאָל איז די מאסע פון נייטרינאָ און אנטינייטרינאָ געווען זייער גרויס, א סאך גרעסער פון דער מאסע פון אלע אנדערע מינים מאטעריע. ס'איז געווען א סאך מער נייטרינאָ און אנטינייטרינאָ, איידער פראָטאָנען, נייטראָנען, עלעקטראָנען און אנדערע עלעמענטארע טיילכלעך. אין יענע צײַטן וואָלטן

די געלערנטע ניט באדארפט ווייט זוכן די אנטיוועלט. די נייטרינאָ און אנטינייטרינאָ האָבן באוויזן א וווּנדערבארן מוסטער פון צוזאמענזיין פון שטאָף און אנטישטאָף, וועלט און אנטיוועלט, א צוזאמענזיין, וואָס האָט באשטעטיקט די שיינע אידיי וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון שטאָף און אנטישטאָף, די אידיי וועגן דער סימעטרישקייט פון דער וועלט, דער סימעטרישקייט, וועלכע די אלוועלט האָט היינט צו טאָג, ווייזט אויס, ענדגילטיק פארלוירן.

דאָס איז אָבער אויך ניט די איינציקע היפּאָטעזע, וואָס באהאנדלט די פראגן פון דער אנטשטייונג פון שטאָף און אנטישטאָף.

אלזאָ, ווי עס זאָגט איינער א היינטצייטיקער אסטראָנאָם, „מיר האָבן אָנגעוואָרפן פארן לייענער א שטיקל עסקיז פון דעם קאָסמישן פּאַלאַץ. מיר האָבן, פארשטייט זיך, די בויונג ניט פארענדיקט. איך קאָן אפילע ניט זאָגן, צי מיר לייגן דעם פונדאמענט אָדער מיר דעקן דעם דאך. גיכער פון אלץ (און דאָס איז דער מאקסימום, אף וועלכן מיר קאָנען אויסרעכענען) בויען מיר עפּעס א פליגעל, איידער מיר האָבן זיך גע־נומען צו דער געביידע גופא".

די וויסנשאפט אנטוויקלט זיך און וועט, בעלי־סאָפק, העלפן די גע־לערנטע אופשטעלן אין אונדזער פאָרשטעלונג דעם פּראכטפולן, מאיע־סטעטישן געביי פון אונדזער וועלט. היינט ווייסן מיר מער וועגן דער אלוועלט, ווי עס האָבן זיינערצייט געוווּסט וועגן איר אונדזערע אָוועס. כוצפע האָט זיי געקלעקט ניט מער, ווי אף זאָגן, אז אונדזער ערד אָדער די זון זיינען דער צענטער פון דער אלוועלט. מיר זיינען שוין לאנג ארוי־בערגעטראָטן די דאָזיקע עגאָיסטישע פארבלענדעניש. און די קומענ־דיקע דורות וועלן, אָן שום צווייפל, צערייסן די שטריק, וואָס פּענטען נאָך היינט אונדזער פארשטאנד. און אונדזער ארט דענקען וועט זיי, זאָל עס אונדז ליגביי ניט זיין, זיכער אויסזען גוואלדיק פרימיטיוו.

און וואָס איז דער כידעש? מיר דערלערנען דעם קאָסמאָס ערשט וועלכע עטלעכע טויזנט יאָר. לויטן קאָסמישן זייגער איז עס גאָרניט מיט

גאָרניט. פאַר אָט דער צײַט האָט פּלוטאָן, צום בײַשפּיל, געמאַכט ערשט א צענדליק קרײַזן ארום דער זון.

די צאָל און די מעגלעכקײַטן פון אונדזערע כושים איז דאָך באַגרע־נעצט. עמעס, דער מענטש האָט שוין לאַנג גענומען זיך צוהילף די טעכ־ניק, שוין הײַנט זײַנען פאַראַן עלעקטראָנע כעזשבן־מאַשינעס, וועלכע זײַנען פײַיק „אונטערצוכעזשבענען״ די גאַנצע אַלוועלט. איינשטיינס רע־לאַטיוויטעט־טעאָריע גיט א מעגלעכקײַט לויט דער פאַרטיילונג פון דער מאַסע פון די הימל־קערפּערס אין וועלט־רוים פעסטשטעלן די גע־זעצן פון זייער באַוועגונג, זייער לאַגע אין דער צוקונפט.

דערוויסן זיך, וואָס וועט זײַן מיט דער וועלט אין טויזנטער, אין מיליאָנען יאָרן ארום, — דאָס איז אַן אופגאַבע, וואָס פּרינציפּיעל ווערט זי געלייזט הײַנט. פּרינציפּיעל... צו לייזן זי פּראַקטיש וואָלט מען גע־דאַרפט האָבן פאַר דער מאַשין א פאָרמול, אין וועלכער עס זאָל זײַן באַ־שריבן די גאַנצע הײַנטיקע וועלט אין אַלע דעטאַלן, א פאָרמול, אין וועל־כער יעדע גאַלאַקטיקע, יעדער שטערן, יעדעס שטויבעלע זאָל זיך האָבן זײַן אָרט.

אָבער גראָד די דעטאַלן וועגן דער וועלט, וואָס רינגלט אונדז ארום, האָט נאָך ניט די הײַנטצײַטיקע וויסנשאַפט. די געלערנטע, ווען זיי קוקן אף דער אַלוועלט, זעען ניט ווײַטער, ווי עס זעען די מעכטיקסטע ראַדיאָ־טעלעסקאָפּן. עמעס, די מעכטיקײַט פון די טעלעסקאָפּן ווערט אַלץ גרע־סער און גרעסער. זיי זעען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. פאַר די לעצטע פערציק יאָר האָט זיך דער ראַדיוס פון זייער ריִע פאַרגרעסערט אין צען טויזנט מאָל. אָבער אויב מע וועט פאַרגרעסערן דעם ראַדיוס פון דער ספּערע, ווו עס קאָנען אַרײַנדרינגען די טעלעסקאָפּן, סאַכאַקל אין צען מאָל, וועט דאָך די צאָל שטערן, וואָס מע וועט קאָנען דערזען, גרעסער ווערן אף א צאָל מיט דרײַ און צוואַנציק נולן! און דאָך קאָנען מיר בלויז זאָגן, וועגן וויפל שטערן מיר ווייסן, מיר קאָנען אָבער ניט וויסן, וויפל הימל־קערפּערס עס זײַנען ווירקלעך פאַראַן.

טאַקע דערפאַר קאָן ניט די „דענקענדיקע״ מאַשין, וועלכע ווייסט ניט דאָס, וואָס עס ווייסט ניט דער מענטש, זיך ניט קיין אייצע געבן מיט

דער פּרינציפּיעלער שווערקייַט פּאַרויסצוזאָגן, ווי וועט אויסזען די וועלט אין דער צוקונפט, כאָטש מאַטעמאַטיש איז זי שוין צו דעם דערוואַקסן.

צי איז טאַקע אַזוי וויכטיק, אַז מיר זאָלן אַרייַנקוקן פאָרויס אין 300־טן אָדער 500־טן יאָרהונדערט פון דער אַלוועלט, אויב מיר וועלן פריִער ניט דורכגיין דעם עטאַפּ פון בעהאַדראַגעדיקן זי דערלערנען, ניט דערגרונטעווען זיך צו די נאָך איצט פון אונדז פאַרהוילענע אַנטוויקלונגס־געזעצן אירע, ניט דורכמאַכן די פּסיכאָלאָגישע עוואָליוציע פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד?

אַמאָל פלעגט מען וועגן אַ מענטשן, וועלכער האָט געפּרווּוט אַרייַנקוקן אין דער צוקונפט, זאָגן, אַז ער איז אַ נאָווי. וואָס וואָלטן אָבער געזאָגט די אַמאָליקע נעוויִים, ווען עמעצער דערציילט זיי וועגן די אַנטדעקונגען פון אונדזער 20־טן יאָרהונדערט? זיי וואָלטן די אייגענע אויערן ניט געגלייבט! אונדזער פאַרשטעלונג וועגן דער וועלט איז, ווי עס זאָגט שעפּלי, אויך ווייַט ניט פולקום, מיר פאַרשטייען אָבער לעכאָל־האַפּאָכעס, אַז מיר זייַנען אָנטיילנעמער פון אַ שפּיל, וואָס איז פיל גראַנדיִעזער, ווי מע האָט געהאַלטן אַמאָליקע צייַטן.

— מיר האָפן, — זאָגט דער געלערנטער, — אַז די צוקונפט וועט אונדז ברענגען פונדאַמענטאַלע קענטעניש און גרעסערע אידייען. עס וועלן, נאַטירלעך, אויפקומען אויך טיפערע געדאַנקען, ברייטער וועט זייַן דער געביט, וווּ עס הערשט דער פאַרשטאַנד, פולקומער דער מענטשלעכער מאַרך, מעכטיקער דער דראַנג פאָרויס באַם מענטשן, וואָס נעמט אָנטייל אין די סאַמע גראַנדיִעזע נאַטור־דערשייַנונגען — אין דערשייַנונגען פון קאָסמישן מאַסשטאַב.

1964

אויזער האָלדעס

ארבעט איז א טאַלאַנט

אינעם פּרעס־צעך פונעם כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד איז פאָר־געקומען א דיספּוט וועגן קאָמוניסטישער מי און קאָמוניסטישער מאָראַל. איך בין בײַגעווען אף דעם דאָזיקן דיספּוט און אפילו ארויסגעטראָטן מיט א וואָרט.

איך האָב דערציילט וועגן אייניקע ביכער, וואָס, ווערליק איך קלער, ברענט אין זיי דאָס פײַערל פון עכטער קאָמוניסטישער ראָמאַנטיק. ס׳איז געווען א פאַרגעניגן צו קוקן, ווי יִינגלעך און מיידלעך האָבן אײַלנדיק פאַרשריבן די נעמען פון די ביכער, וואָס זיי האָבן אפּאָנעם נאָך ניט געלייענט. די ביבליאָטעקערן פון זאַוואָד האָט מיר א שעפּטשע געטאָן אפן אויער:

— איר מעגט מיר מעקאנע זײַן... מאָרגן װעלן אַלע פּאָדערן די ביכער!

װען דאָס װאָרט האָט גענומען דער פּאַרטײַטעטער פּונעם צעך־שעף אָשער אַבראַמאָוויטש פּאָלישטשוק, איז מיטאַמאָל שטאַרק שטיל געוואָרן. אויסגעגלײַכט זיך, פֿאַרשפּיליעט דעם בלויען כאַלאַט, האָט ער אָנגעהויבן רויִק און געמאָסטן:

— אָן ליבע צו אַרבעט קאָן דער מענטש ביכלאַל ניט זײַן קיין פֿולקומער מענטש. מע דאַרף זײַן פֿאַרליבט אין דער אַרבעט. דאָס איז דאָס גרעסטע גליק. אַרבעט איז אַ טאַלאַנט. אָט שמועסט איר דאָ װעגן שײנקײַט... מיט אַ װאָך צוריק בין איך געװען בײַ אײַך אין צוזאַמענוווינונג, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר מײדלעך, װאָס זײַנען געזעסן אין דער פּאָדערשטער רײ, — דאָס צימער בײַ אײַך... װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? אַ מעכײַע. אויפֿגעראַמט, צוגעפּוצט, עס שעמערירט אין יעדן ווינקעלע, עס פֿילט זיך אַ געטרײַע מײדלשע האַנט. אַ באַכער זאָל אַרײַנגײן אין צימער, װאָלט אים אַ צי געטאָן אַרײַנקומען אהער װאָס אָפּטער... נאָר... װען דער זעלבער באָכער זאָל זיך פּלוצעם אַרײַנשטעלן אין צעך און אַ קוק טאָן, איר זאָלט מיר טויזנט מאָל מוחל זײַן, אויף אײַערע אַרבעטס־ערטער, װי אַזוי זיי זײַנען... „צוגעפּוצט“, װאָלט ער אַנטלאָפֿן אויף אַ מײַל.

פּאָלישטשוק האָט װי אויפֿגעעפֿנט אַ פֿרישן קוואַל. מע האָט זיך געריסן צום װאָרט. מיט יוגנטלעכן אימפּעט האָט מען גערעדט װעגן זעלבסט־דיסציפּלין, װעגן פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט און באַשײדנקײַט, װעגן פּערזענלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן. און קימאַט יעדערער האָט איבערגעכאַזערט: „אָשער אַבראַמאָוויטש איז גערעכט“.

שפּעט אין אָוונט זײַנען מיר געגאַנגען פֿונעם זאַוואָד אַרומגערינגלט מיט יוגנט. אָשער אַבראַמאָוויטש האָט דעם גאַנצן װעג געענטפֿערט אויף פֿראַגן, װאָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין שיטן. געענטפֿערט האָט ער מיט אַ מאָשל, מיט אַ װערטל, װאָס טרעפֿט גלײַך אין פּינטל... געדוכט האָט זיך, אַז ער איז, אײגנטלעך, אַ קאָמסאָמאָלישער „װאָזשאַק“, כאָטש ער איז שוין לאַנג אַרויס פֿון אָט דעם געבענטשטן עלטער.

ווען מיר זײַנען געבליבן זאַלבעצווייט, האָב איך אים א פרעג געטאָן:
— איר זײַט שוין א סאך יאָרן אפן טראַקטאָרנע?
— פון זינט ער איז געבוירן... אריבער דרײַסיק יאָר...
— איר זײַט א געבוירענער אין כארקאָוו?
— פון קאָראָסטישעוו בין איך. איר האָט מינאסטאם געהערט פון אזא שטעטעלע. בא יידן האָט דאָס געהייסן אמאָל קאָרשעוו. א טײַער שטעטל, איינס פון די שענסטע אף אוקראַינע. און פאר מיר — דאָס אייך־און־אייגציקסטע, מײַן יוגנט־היים. דערנאָך קרעמענטשוג. פון דאָרטן טאקע האָט מיך דער קאָמסאָמאָל מאָבילִיזירט אף דער בויונג פונעם כארקאָווער טראַקטאָרנע... מיר האָבן די ערשטע קאָטלאָוואנעס געגראָבן פאר די צעכן... יעדער ווינקל אין „כ.ט.ז.“ איז אײַנגעבאקן אין הארצן, פונקט ווי די געסעלעך פון קאָרשעוו.
מיר זײַנען שוין אָפּגעגאנגען א היפּשע שטרעקע פונעם זאוואָד. אָשער אבראַמאָוויטש טוט זיך מיטאמאָל א קערעווע אויס און, טײַטלענדיק מיטן פינגער, זאָגט ער:
— איר זײַט א מייוון, סארא קראסאוועץ ס'איז אויסגעוואקסן? אז מיר זײַנען געקומען פון עוואקואַציע, — איך בין געווען מיטן זאוואָד אין אלטײַער קאנט, — האָבן מיר געטראָפן הוילע כורוועס און גרויסע ברײ־דער־קוואָרים. נאָר אז נאָש בראט וויל, לעבט ער, דער זאוואָד. ער איז איצט שענער און גרעסער, ווי פאר דער מילכאָמע... און איך בין ווידער אין מײַן אייגענעם פרעס־צעך.
— איז עפשער, אָשער אבראַמאָוויטש, וואָלטן מיר זיך צוגעזעצט, אָט איז צווישן די ביימער א פרײַע באנק, און א שמועס געטאָן וועגן אײַער צעך?
— איר וועט דאָך קומען צו אונדז נאָכאמאָל...
— פארשטייט זיך.
— איז לעמײַ זאָלט איר קויפן א קאץ אין א זאק? קומט אין צעך, זעט, הערט, פרעגט! בא דער ארבעט קאָן מען בעסער, ווי זאָגט מען דאָס, אָנטאפּן דעם דויפעק...

נישט געייַלט, מיט געמאָסטענע טריט, האָט היַינט, אינעם לויטערן
זומערדיקן פרימאָרגן, געשפּאַנט אָשער אבראַמאָוויטש מיט די ברייטע
אספאַלטענע גאַסן־אַלייעס אין דעם „כ.ט.ז.״־שטעטל.

די צעצווייַגטע אַלטעביימער מיט שווערע גרינע קרוינען, וואָס
וואַרפן אפן אספאַלט מעכטיַיעדיקע קילע שאָטנס, די יונגע ביימעלעך,
וואָס האָבן זיך שוין אויך שטאַלטנע אויסגעצויגן, איַינגעטונקענע אינעם
צאַרטן בלעטערוואַרג, און די פילפאַרביקע בלומען־קלומבעס — זיי רינג־
לען ארום קימאַט יעדן מויער.

אָשער אבראַמאָוויטש קאָן צופאָרן די פּאָר סטאַנציעס מיטן אווטאָ־
בוס, נאָר ער וויל בעסער זיך דורכגיין צופוס, אריַינעטעמען די פרישע
לופט און אזוי, שפּאַנענדיק, א טראַכט טאָן וועגן דעם טאָג, וואָס שטייט
אים פאָר. אין אזעלכע מינוטן טראַכט זיך גרינגער. און וויַיל ס׳איז גוט
אפן הארצן, דערמאָנט ער זיך אין זיַין זון, אין וואַלעריקן: ער איז היַינט
אף דער דריטער וואַכטע, עפּשער וועט ער אים באַלד אָנקומען אנטקעגן...
נאָר ניין, וואַלעריק וועט ניט גיין צופוס, ער וועט געוויס פאָרן מיטן
אווטאָבוס. אין דער היים וועט ער כאַפּן א דרימל נאָך דער נאַכט ארבעט
און זיך זעצן צו דער צייכענונג־ברעט. עס איז ניט קיין קליַיניקיַיט זיַין
א סטודענט פונעם פערטן קורס אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. ארבעטן
און לערנען. יעדע מינוט איז טיַיער... עך! ווען ער, אָשער, איז יינגער
כאָטש מיט א יאָר פופצן, וואָלט ער נאָך אליין אויך געוואָרן א סטודענט...

און אָט איז דער זאַוואָד. זיבן אזייגער מיט צוואַנציק מינוט. וויאזוי איז
אדורך די דריטע וואַכטע? צי איז אַלץ אין אָרדענונג? ניין, מע זאָגט אים
גליַיך אָן ניט קיין פריילעכע יעדיִע. באַנאַכט האָט זיך אָפּגעשטעלט די
„סבאַרקע״, ס׳האָבן אויסגעפּעלט צוויי דעטאַלן. מע האָט געמוזט עקסטרע
איבערשטעלן די שטאַמפּן אף די פּרעסן, קעדיי פאַרגרייטן די דעפיציטע
דעטאַלן. דאָס האָט א ביסל אָנגערירט דעם גראַפיק פון טאָג. זאָל זיַין,
אז אָנגערירט בלויז אין א קליינער מאָס, אָבער פאַרביַיגיין מיט א קאַל־
טער לונג־און־לעבער טאָר מען עס ניט...

ווער איז אין דעם שולדיק? עס ווײַזט זיך ארויס, אז דער פרעס־צעך. ס'א טאָעס פון דער פּלאַניראָווּשטשיצע. אויך דער אָנפירער פונעם באצירק, ווו די דעטאלן ווערן געווייגלעך געשטאמפּעוועט, האָט זיך ניט געטאָרט פארלאָזן אפן יונגן מיידל און געדארפט אליין אלץ דורכקאָנטראָלירן. דאָס מיידל איז אזוי פארלוירן, אז זי האָט אָנגעווירן דאָס לאָשן. נאָר אָשער אבראמאָוויטש זידלט זי ניט. ער לאָזט פאלן עטלעכע געציילטע ווערטער:

— האָסט אונדז גאנץ פײַן צוגעדינט. אויסגעפּלאנירט... עס קומט דיר א פּרעמיע!

און מער קיין וואָרט ניט. נאָר עס איז ערגער, ווי אין טאטן ארײַן געשאָלטן.

אָשער אבראמאָוויטש הייבט זיך אוף אפן צווייטן שטאָק צום אינזשעניער טשערנאָוו, דעם שעף פון צעך. ער דערציילט וואסילי איוואנאָוויטשן, וואָס עס איז פאָרגעקומען. ביידע באשטימען טייקעף צונויפרופן דעם אָנפירנדיקן פּערסאָנאל. מע האלט ניט קיין רעדעס. קורץ ווערט באטראכט דער איניען. אז מע צעגייט זיך שוין, פארהאלט וואסילי איוואנאָוויטש אף א ווײַלע זײַן פארטרעטער.

— איך מיין, אָשער אבראמאָוויטש, אז מע דארף עטלעכע טעג קעסיידער א באזונדער אויג ווארפן אף דער דריטער וואכטע.

און אלץ. דער ארבעטטאָג האָט זיך אָנגעהויבן.

■

אָשער אבראמאָוויטשעס קאבינעטל געפינט זיך אין סאמע מיט פונעם פרעס־צעך. די וועגנטלעך האלטן אין איין ציטערן. און ס'איז גאָר קיין כידעש ניט. די קלענסטע פרעסן טוען אלע ווײַלע א „קוועטש“ מיט דער קראפט פון פופצן טאָן. א מיטעלער פרעס פארמאָגט דעם קויעך פון א פאָר הונדערט טאָן. די פרעסן, וואָס שטאמפּעווען גאָר גרויסע דעטאלן, פארגינען זיך א „קוועטש“ טאָן מיט דער קראפט פון אריבער טויזנט

טאָן. סע האַלט אין איין הילכן אין אָשער אבראַמאָוויטשעס קאַבינעטל, ריכטיקער — אַף זײַן קאָמאַנדיר־פּונקט.

אַלץ איז דאָ פּראָסט, אָן שום פּוצערײַען, ווי עס פּאַסט פּאַר א קאָמאַנ־דיר־פּונקט. א פּאָר טישלעך, עטלעכע בענקלעך און א סאַך טעלעפאָ־נען, וואָס מע דאַרף זײַן א מומכע צו ריידן דורך זיי אין דעם דאָזיקן גערויש. אפן טיש — גראַפּיקעס, אָן א שיר אויסגעווירעטע בויגנס. דאָס איז דער פּלאַן פונעם צעך אַף אַלע זעקס טעג פון דער וואָך. ווען, ווען און וויפל דעטאַלן דאַרף צושטעלן דער פּרעס־צעך.

פּרוווט אָקאָרשט טרעפן, וויפל דעטאַלן פאַרמאָגט א טראַקטאָר? אַן ערעך זעקס טויזנט! פון דער קלענסטער — א פּעקעלע שוועבעלעך די גרייס אָדער נאָך קלענער — ביז דער גרעסטער, וואָס איין מענטש וועט ניט רירן פון אָרט. זעקס טויזנט טיילן, זעקס טויזנט אייוורים, און יעדער טייל דאַרף זײַן אבסאָליוט פּינקטלעך באַאַרבעט. אויב ניט, וועט דער טראַקטאָר פאַלשעווען אָדער גאָר אינגאַנצן פון אָרט זיך ניט רירן.

מע דאַרף ניט זײַן קיין טעכניקער אַף צו באַנעמען: עס לוינט גיכער א דעטאַל צו שטאַמפּעווען אַף פּרעסן מיט איינער אָדער צוויי אָפּעראַציעס, איידער מעכאַניש זי באַאַרבעטן, דרעליעווען, הובליעווען, שלײַפן, שמידן... סטאַרען זיך טאַקע די טעכנאָלאָגן וואָס מער טיילן איבערצו־געבן דעם פּרעס־צעך. קימאַט דרײַ טויזנט פאַרשיידענע דעטאַלן גרייט צו פאַרן טראַקטאָר דער פּרעס־צעך — א העלפט פונעם טראַקטאָרס אייוורים.

איר שטעלט זיך פאָר, וואָס דאָס באַטײַט? דרײַ טויזנט דעטאַלן — דאָס זײַנען דרײַ טויזנט שטאַמפּן. מע דאַרף מיט זיי באַוואָרענען די פּרעסן, מע דאַרף דעם פּרעס קענען צו דער צײַט אריבערפירן פון איין שטאַמפּ אַף א צווייטן און זען, עס זאָלן די מינדסטע אָפּווײַכונגען פון די מאָסן ניט זײַן, ווײַל אויב ניט, וועט איר באַקומען בראַק, ניט קיין דעטאַלן. שטאַמפּן ניצן זיך אויך אָפּ. זיי ווערן שטומפּיק. מע דאַרף זיי פאַרלענגערן דאָס לעבן. א שטאַמפּ קאָסט ניט ווייניק: פון עטלעכע הונדערט ביז עט־לעכע טויזנט רובל...

א טאָג, ווי אַלע טעג. זעקס און דרײַסיק צעכן רײַסן די הויט: דער־לאַנגט דעטאַלן! דער טעלעפאָן רוט קיין מינוט ניט, ער האַלט אין איין מאָנען: דעטאַלן! דעטאַלן! און אָשער אבראַמאָוויטש איז דאָפּקע רויק. ער זיצט אין דער בלויער ספּעצאָווקע, פון וועלכער עס קוקט ארויס דאָס אויסגעפּרעסטע העמד. ווי שטענדיק, איז ער ריין־געגאָלט. די גרויסע הענט זײַנע, הענט פון א באַלמעלאָכע, קלײַבן איבער די גראַפיקעס.

און דער טעלעפאָן קלינגט אָן אן אָפּשטעל. יעדער ענטפער אָשער אבראַמאָוויטשעס איז קורץ און צו דער זאַך.

— איר אַרבעט לויט די באַשטעלונגען, וואָס די צעכן גיבן אײַך דורכן טעלעפאָן? — האָב איך אים א פרעג געטאָן.

— ווען מיר זאָלן וועלן אַרבעטן לויטן טעלעפאָן, וואָלטן מיר ווײַט פאַרפאָרן. מיר אַרבעטן לויטן גראַפיק, לויטן פּלאַן. עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס דאָס וואָרט „פּלאַן" האָט זיך זיי צוגעגעסן. עס איז פאַר זיי צו וואָכעדיק, מיר אָבער זעען אינעם פּלאַן אָן א שיר מענטשלעכע לײַדנשאַפטן. איר פרעגט וועגן טעלעפאָן. ער איז בא אונדז, ווי א מין רוף צו קאָנטראָל. אָבער ווען עס קומט פאָר א קאָנפליקט צווישן איינעם פון די זעקס און דרײַסיק צעכן מיט דעם פּרעס־צעך, איז דער פּלאַן, דער גראַפיק — דער ריכטער, וואָס טראָגט ארויס דעם פּסאַק, ער באַווײַזט דעם עמעס. אַמאָל מאַכט זיך, אז מיר זײַנען שולדיק, נאָר די זעקס און דרײַסיק זײַנען אויך ניט קיין הייליקע. איר וועט דאָס אַליין זען אף דער פּראַקטיק.

אין צימערל האָט זיך, ווי א וויכער, ארײַנגעריסן א פאָרשטייער פון א צעך און גלײַך מיט א גוואַלד:

— איך קלינג און קלינג און קאָן קיין טאָלק ניט דערגיין.

— איך האָב דאָך אײַך געענטפערט.

— איך דאַרף די דעטאַל 14-50-105... אָבער די מינוט. איר קוילעט אונדז אוועק. מיר בלײַבן שטיין!

— מיר האָבן נאָך נעכטן אײַך באַזאָרגט אַף דרײַ טעג, — באַװײַזט אָשער אבראַמאָװיטש אין דעם גראַפיק, — און מער דאַרפט איר דערװײַל ניט.

— עס קאָן ניט זײַן! — שרײַט יענער אויס, נאָר ער איז שוין פון יענער זײַט טיר. אין א מינוט צען אַרום — א קלונג: — אָשער אבראַמאָ־װיטש! אנטשולדיקט... פאַראַן די דעטאַל. מע האָט זי פּאַשעט פאַרלייגט.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מע האָט זי ניט אופגעגעסן, — ענט־פערט פאַלישטשוק און װענדט זיך צו מיר:

— איר זעט? דעם גראַפיק קאָן מען ניט איבערשפּאַרן. דער גראַ־פיק — דאָס איז דער פּלאַן אין באַװעגונג... דעם עמעס געזאָגט, — זעצט ער פאָר נאָך א פּאַוזע, — האָב איך ליב דעם פּרעס־צעך אויך דערפאַר, װאָס ער האָט אונדז צוגעװוינט צו זאָרגן פאַר אַלעמען, פאַרן גאַנצן זאַ־װאָד.

— א צעך א דערציִער?

— װאָס זשע מיינט איר?...

װידער א קלונג. פון אַן אַנדער טעלעפאָן, װאָס ביז אַצינד האָט ער געשװיגן. אָשער אבראַמאָװיטש איז מיטאַמאָל שטאַרק ערנסט געװאָרן. זײַן פּאָנעם איז פאַרזאָרגט. דער דאָזיקער טעלעפאָן קלינגט קיינמאָל ניט אומזיסט. עס רעדט דער הויפּט־דיספּעטשער פונעם זאַװאָד. אין איינעם פון די צעכן פעלט די דעטאַל 128־78־75. דער גראַפיק באַשטעטיקט, אַז דער דיספּעטשער איז טאַקע גערעכט. אָשער אבראַמאָװיטש פאַרלאָזט טייקעף זײַן קאַבינקע. ער איז שוין אין צעך. עס װערט אַרויסגערופן א שלאָסער — אַלעקסיי אַנענקאָװ. עס װערט אָפּגעשטעלט א פּרעס, װאָס פאַרטיקט אויס דעטאַלן אַף איבערמאָרגן. אין געציילטע מינוטן װערט אינעם פּרעס אַרײַנגעפּאַסט אַן אַנדער שטאַמפּ. איינצײַטיק גרייט מען צו נאָך צװיי פּרעסן. אין פופצן מינוט אַרום האָט אָשער אבראַמאָװיטש שוין טעלעפאָנירט דעם הויפּט־דיספּעטשער: די דעטאַל 128־78־75 איז אַפן װעג צום צעך.

ער װישט אָפּ דעם שװייס פונעם שטערן און זאָגט מיט א טאָן פון א מענטשן, װאָס האָט אַראָפּגעװאָרפן א שװערן יאָך פון די פּלייצעס:

— איך האָב ניט ליב דעם קלונג פונעם הויפּט־דיספּעטשער. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דריַי טויזנט דעטאַלן, דריַי טויזנט פּאָזיציעס...

איצט מוז פּאָלישטשוק מאכן א מין רעיד איבערן צעך. בא א סאך פרעסן שטעלט ער זיך אָפּ, פרעגט עפּעס, באפוילט, גיט אייצעס. עס פליִען הין און צוריק וועגעלעך, אָנגעלאָדענע מיט דעטאַלן, איבערן קאָפּ שווימט דורך א גרויסער קראן מיט אראָפּהענגענדיקע טראָסן, צו וועלכע עס זיַינען פעסט צוגעקרעמפּעוועט אנקערס. פון דער קאבינע קוקט ארויס די קראַנאָווטשיצע. זי פירט דעם קראַן ליַיכט, מע קאָן זאָגן — גראַציִעז. זי האָט, וויַיזט אויס, גרויס פארגעניגן, וואָס מע האָט איר פארטרויט אזא מוירעדיקע קראפט. עפּשער דערפאר טאקע טוט זי איר שווערע ארבעט אזוי שפּילעוודיק־גרינג. מיטאמאָל שטעלט זי אָפּ דעם קראַן גליַיך איבער אונדזערע קעפּ.

— אנו, יאטן! — דערטראָגט זיך א קאָמאנדע פון אויבן. מיר טרעטן אָפּ אין א זיַיט. און פיר כעווראַ מיט פענעמער, ווי פון בראָנזע אויסגע־האקט, אין צעכראסטעטע קאָמבינעזאָנען, נעמען שטויסן דאָס שווערע, פול מיט אן אויג אָנגעלאָדענע וועגעלע: לינקס, רעכטס, אהער און צוריק, ביז זיי פּאקן די אנקערס און פארטשעפּען זיי.

— פארטיק?! — פרעגט דאָס מיידל באפוילעריש־לעבעדיק.

— דאַוויַי!! — ענטפערן אָפּ פיר שטימען. דער קראַן הייבט אוף די מאסע גרינג און פארזיכטיק, ווי מע הייבט אוף א קינד, און נעמט אָפּשווי־מען. דאָס מיידל פאָכעט מיט דער האנט; גליַיך ווי זי וואָלט אוועקפאָרן אין א וויַיטער נעסיִע. די יאטן קוקן איר נאָך...

אָשער אבראמאָוויטש קוקט אויך נאָך דער בלאָנדער קראַנאָווטשיצע:

— שיינע ארבעט געבוירט שיינע געפילן, — באמערקט ער. — דער מענטש, וואָס איז געוואָרן באלעבאָס פון צענדליקער טאָן, וויַיל ער ווארפט זיי איבער, ווי א פעדער, הייבט אליין אָן גליייבן אין זיַין קראפט און ווערט אַף אַן עמעסן א גיבער.

א מיידל איז צוגעלאָפן צו אָשער אבראמאָוויטשן און אים עפּעס שטיל געזאָגט.

— איך דארף זיך אַרײַנכאַפּן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, — מאַכט ער צו מיר, — אויב איר ווילט זען, וואָס אַרבעט הייסט, זעצט זיך צו לעבן אָט דעם פּרעס. מיר האָבן אים איבערגעשטעלט אויף צוויי שטאַמפּן...

נאָך צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט פּאָלישטשוק פֿאָרגעלייגט אײַנשפּאַנען אין איין גרויסן פּרעס צו צוויי שטאַמפּן און דורכפֿירן צוויי אָפּעראַציעס אין אַ גאַנג. עס האָבן ניט געפֿעלט קיין צווייפֿלערס: מע האָט מורא געהאַט פֿאַר בראַק, פֿאַר קאַליע מאַכן די שטאַמפּן. אָשער אַבראַמאָוויטש איז אָבער געווען אײַנגעשפּאַרט. זײַן אופֿטו גיט איצט אַ גרויסע עקאָנאָמיע און העכערט די פּראָדוקטיווקייט.

איז אָט שטייט פֿאַר מיר אַ פּרעס מיט פֿאַרטאָפּלטער קראַפֿט. ער איז הויך, ווי אַ צווייִשטאָקיקע געבײַדע. דאָס „מויל" זײַנס איז ברייט, ווי אַ טויער. אין אָפֿענעם „מויל" זע איך שווינדלדיקע הענט אין גרויסע לײַוונטענע הענטשקעס — די הענט פֿון צוויי מיידלעך. אַז איך בייג זיך אײַן, פֿאַרכאַפּט דאָס אויג אַ שטיקל צעך — די וואַגאָנעטקעס מיט די ביטעלעך, די פֿיגורן פֿון די מיידלעך. באַם פּרעס אַרבעטן איצט ליבע שפּאַקאָווסקאַיאַ און קאַטיע בעזראָדנאַיאַ. ווי פֿלינק און געמאָסטן, ווי ריטמיש זיי טוען זייער זאַך! דער ריטם — ממש אַ מוזיקאַלישער. די באַוועגונגען פֿון ביידע מיידלעך — ווי די באַוועגונגען פֿון צוויי פּאָר הענט אויף איין קלאַוויר. איינע דערגאַנצט די צווייטע — פֿלינק, אָבער מיט דער רויִקייט פֿון אַ מײַסטער. דערבײַ כאַפּט מען אַ לאַך, מע וואַרפֿט זיך דורך מיט אַ ווערטל. נאָר די הענט רוען ניט, די אויגן זײַנען צוגעשמידט צו די קנאָפּקעס, וואָס רעגולירן דעם פּרעס. אָט האָט זיך באַ איינער פֿאַרהאַלטן אַ „ביטעלע" אויפֿן שטאַמפּ, די צווייטע קומט גלײַך צוהילף, מע נעמט איבערנעם אַראָפּ די דעטאַל, ס'זאָל קיין איבעריקע סעקונדע ניט גיין פֿאַרלאָרן.

דאָ, באַ דער גרויסער און פֿינקטלעכער מאַשין, אין אָנגעשטרענגטער מי, ווערט געבוירן עמעסע פֿרײַנטשאַפֿט, אַזוי ווי אויפֿן שלאַכטפֿעלד.

אויפֿן טישעלע פֿון אָפּטייל פֿון טעכנישן קאָנטראָל (אָ.ט.ק.) אין אַ גלעזערנער וואַזע שטייען בלומען. מאַריִע, אַ ווּקסיק מיידל אין אַ בלויען כאַלאַט, שטעלט אויף די דעטאַלן דעם באַל פֿון קוואַליטעט.

— ס'איז אײַערע בלומען? — ווענד איך זיך צו איר.

— מײַנע? — פרעגט זי איבער. — ניין! דאָס איז זייערע... — און זי ווײַזט אף די מיידלעך באם פרעס. זי נעמט אָן פונעם גראפין א פול מויל מיט וואסער און באשפריצט די קווייטן, פון וועלכע עס טוט א ווייע מיט א געשמאקער פרישקײַט. — אלע טאָג ברענגען זיי א פרישן בוקעט, און איך זע שוין, ער זאָל ניט פארוויאנען.

ווידער זיצן מיר אין פאָלישטשוקס קאבינעטל. עס איז שוין לאנג אדורך די ערשטע וואכטע. אָשער אבראמאָוויטש וועט זיך הײַנט שפעט פארהאלטן, ארײַנכאפן א טייל פון דער דריטער וואכטע. ער געדענקט גאנץ גוט וועגן דעם אינדערפריִיקן געשפרעך מיט וואסילי איוואנאָוויטשן. מע מוז די דריטע וואכטע נעמען ווי געהעריק אין די הענט.

— אײַך וועט א סאך טעג אויסקומען צו פארהאלטן זיך?

— ביז די דריטע וואכטע וועט זיך אונטערציִען. איך וואָלט בעמיילע אין דער היים ניט געווען רויִק.

דער טאָג לעשט זיך שוין באלד אויס. אינעם קליינעם קאבינעטל, אפן קאָמאנדיר־פאָסטן פונעם פרעס־צעך, קלינגען די טעלעפאָנען, עס רוישט און הודעט דאָ אָן אופהער.

■

אלעקסיי פאוולאָוויטש אנענקאָוו איז שוין אריבער צוואנציק יאָר אפן „כ.ט.ז.". ער איז פון די שלאָסערס, וואָס אָן זיי קאָן זיך ניט באגיין אפילע דער גרעסטער טעכניקער־נאָוואטאָר. ניט אזוי גרינג איז אים אופצוזוכן. שטענדיק איז ער פארנומען. אָט האָב איך, דוכט זיך, שוין צונויפגערעדט זיך מיט אים, אז באלד געפינען מיר א ווינקל, מע זאָל אונדז ניט שטערן זיך דורכשמועסן... נאָר מיר באווײַזן ניט אויסריידן א וואָרט, ווי מע רופט אים שוין ווידער צו א פרעס.

איך שפיר נאָך אנענקאָוון, בײַס ער ריכטעוועט אײַן די שטאמפן. קונציק און גרינג באוועגן זיך זײַנע פינגער, אָן גוואלד, נאָר מיט סייכל און געדולד. ער פרוווט אויס, ניין, ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן, ער הערט אויס דעם פרעס, ווי א דאָקטער הערט אויס א כוילע. עטוואָס אײַנגעבויגן דעם קאָפ, שטאמפעוועט ער די דעטאל פריִער אליין. ער טוט עס פאמע־

לעך־פּאַמעלעך. אָט דאָ קוועטשט נאָך, אָט דאָ איז ענגלעך... דער שטאַמפּ דאַרף זיך אַרײַנשנײַדן אין דעם שטאָל, ווי אַ מעסער אין פּוטער. די מינדסטע אָפּווײַכונג קאָן אַלץ אוועקפּאַטערן.

נאָר אָט איז שוין דער שטאַמפּ אויסגערעגולירט, ווי דער אינסטרו־מענט בײַ אַ גוטן פֿידלער. אַנענקאָוו טוט פֿרײלעך אַ ווונק צו די מיידלעך: „אַנו, געגומען!" דאָס וועגעלע מיט די שטאָלענע „זאַגאָטאָווקעס" וואַרט. דער פּרעס איז אין גאַנג. ער שלינגט די דעטאַלן און וואַרפֿט זיי אַרויס פּאַרטיקע. אַלעקסיי פּאַוולאָוויטש אָטעמט פֿרײַ אָפּ. ער ווישט די הענט מיט פּאַקליע, וואַשט זיי דערנאָך אין וואַרעמען וואַסער. זיי ווערן ריין, און דאָך בלײַבן זיי ברוינלעך, ווי אָפּגעברענט פֿון דער זון.

— קומט, — זאָגט ער, — לאָמיר אַן אָטעם טאָן מיט פֿרישער לופֿט.

מיר זיצן אין דערבײַיִקן סעדל, אין שאָטן פֿון אַן אַלטער ליפּע. אַנענקאָוו דערציילט, אַז ער האָט ערשט ניט לאַנג אײנײנעם מיט פּאָלישטשוקן ראַציאָנאַליזירט דעם פּראָצעס פֿון צוגרייטן די דעטאַל 14־47־123. פֿריִער האָבן זיך צוליב דעם געפֿאָדערט דרײַ אָפּעראַציעס אויף דרײַ פּרעסן. זיי האָבן צוגעטראַכט אַ שטאַמפּ, וואָס טוט אַלע דרײַ אָפּעראַציעס אויף איין פּרעס. אָט אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט וועגן נאָך איין אויפֿטו אָשער אַבראַמאָוויטשעס.

■

אַ פֿרײַער יאָמטעוודיקער טאָג. איך בין בײַ אָשער אַבראַמאָוויטשן אין דער היים, אין דער דירע, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג באַקומען. עס איז דאָ ליכטיק, ראַכוועסדיק. דאָס מעבל איז נײַ און באַקוועם. איך פֿרעג אים אַ שפּאַס:

— איר האָט זיך ניט געיאָגט נאָך די מאָדערנע סערוואַנטן און שיפֿאָ־ניערן?

— מע בויט איצט זייער באַקוועם, — ענטפֿערט פּאָלישטשוק פּרוי, — ניט קעדײַ פֿאַרנעמען די צימערן מיט שאַפֿעס און בופֿעטן.

זי עפֿנט אויף אין דער וואַנט צווי ברייטע טירלעך, און איך דערזע אַן אינווייניקסטע שאַפֿע, — אַזוי איז גלײַכער, אין צימער איז געראַמער.

— נאָר איין איין שטיק מעבל האָבן מיר אַרײַנגעלייגט א סאך געלט, — ווײַזט דער באַלעבאָס אָף א צייכענונג־טיש, וועלכער שטייט באַם פענצטער, ס׳זאָל פאַלן אָף אים די שײַן, — דאָס איז וואַלעריקס „מעבל״...

וואַלעריק, דער פעסטער, ברייטבייניגערדיקער באָכער מיט דעם אָפּגעברענטן פּאָנעם און גרויסן טונקעלן קאָפּ האָר, פאַרוויטלט זיך עטוואָס. אָף דער טאַכטאַ לעבן אים זיצט א מיידל. ס׳איז א פּלעמעניצע, געקומען פון קיִעוו צוגאַסט אָף עטלעכע טעג. עפּעס רעדט זי אײַן דעם באָכער, דערנאָך הייבן זיי זיך ביידע אוף און גייען אוועק זיך דורכשפּאַצירן. ער וועט איר ווײַזן דעם טראַקטאָר־ראַיאָן, מעגלעך, אַז זיי וועלן זיך אַרײַנכאַפּן אין קינאָ...

באַ מיר איז אַזאַ געפיל, ווי איך וואָלט דורכגעמאַכט א רײַזע צוריק אין דער ווײַטער קינדהײַט. אָשער אבראַמאָוויטש דערמאָנט מיר מײַן טאַטן, דעם זייגערמאַכער, דעם ערשטקלאַסיקן מײַסטער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דעם איניען מאַשינעריע. לאַנגע שאָען האָט ער זיך געקאָנט פּאָרען באַ אַן אויסטערלישן זייגער־מעכאַניזם — ניט צוליב פאַרדינסט, נאָר צוליב אינטערעס. אָבער דעם טאַלאַנט זײַנעם האָט אומגעבראַכט די נויט, דאָס שטענדיקע יאָגן זיך נאָכן שטיקל ברויט. מײַן טאַטע האָט געטרוימט אַרויסרײַסן זיך פונעם וואַרשטאַט אין א גרויסן זאַוואָד און איז געבליבן באַ די טרוימען...

אַזעלכע געדאַנקען פאַרפלייצן מיך, ווען אָשער אבראַמאָוויטש רעדט מיט זײַן רויִקער און זיכערער שטים:

— א שטורמישע צײַט גייט, א שטורמישע און א פריידיקע. דער XXII פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט צעוויקלט אַזאַ פּאַנאָראַמע, אַז עס וועט קלעקן וואָס צו טאָן פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער.

1962

יעכיעל פאַליקמאַן

זיי זײַנען פון וויטעבסק

1. דער לעבעדיקער זון

ווען ער האָט אָנגעקלונגען צו מיר אַהיים, דער דאָזיקער מענטש מיט דער ניט געוויינלעכער לעבנס־געשיכטע, און געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען, האָב איך זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן, אַוועלכער ער איז. נאָר אַט איז ער געקומען, און כ׳האָב, אײַנקוקנדיק זיך אין אים, געטראַכט: „אַזוי האָב איך זיך אים פאָרגעשטעלט? ניט אַזוי און יאָ אַזוי".

און דעמלט האָב איך אויך אַ טראַכט געטאָן: „מע דאַרף אים זען, הירש עפּשטיינען, קעדיי פאַרשטיין, אַז גראָד אים, אַט דעם געזונטן, פאַר־אַקשנטן, גראָדליניקן און עמפּינדלעכן מענטשן, וועט קלעקן ווילן און קויעך אויפטאָן דאָס, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין לעבן בכלל און פאַר זײַן עלטסטן זון בפרט".

נאָר צוריק גערעדט, ווען ער, הירש עפּשטיין, וואָלט געווען אַן אַנ־דערער, וואָלט זיך דען עפּעס געענדערט? דאָס איקערדיקע וואָלט דאָך אַלציינס געבליבן — סיאָמע, דער זון זײַנער, לעבט. ער לעבט אַדאַנק דער מעסירעסנעפּעש, דער העלדישקײַט פון פיל גוטע, האַרציקע מענטשן. אין דעם איז דאָך דאָס גרויסע, דאָס שיינע!

ער איז אַרײַן צו מיר ניט אַליין, געפירט פאַר דער האַנט אַ יינגעלע פון אַ יאָר צוועלף.

— פון זינט ער איז געקומען אַף דער וועלט, איז ער געווען די טרייסט מײַנע, — האָט געזאָגט הירש עפּשטיין, — די טרייסט און די פּײַן מײַנע... איר ווייסט דאָך, איך האָב אַן עלטער מיידעלע אויך. לעמיי זאָל איך אײַך זאָגן, זי איז זיך געוואַקסן און גאָר. און אַף דעם דאָזיקן יינגל האָב איך געקוקט און געטראַכט: „ווען סיאָמע איז אַלט געווען זעקס כאַדאָשים, אַזוי ווי דו, האָט ער שוין אויך בעלעבעטשעט און געשמייכלט צו מיר פון דער מאַמעס הענט. ער האָט אָנגעהויבן גיין צו נײַן כאַדאָשים, און דו — צו עלף. צו צוויי יאָר האָט סיאָמע שוין געוווּסט, אַז מע טאָר מײַן פּיסטאָלעט ניט טשעפּען, פלעגט ער בלויז אָנווײַזן אַף דער קישן, אונטער וועלכער דאָס געווער איז געווײנלעך געלעגן, און זאָגן: „או, או, באַך, באַך!" און בא צוויי מיט אַ האַלבן יאָר האָבן מיר אים פאַרלוירן, איך און די מאַמע דײַנע". דערנאָך האָב איך, קוקנדיק אַף דעם דאָזיקן, אַף קאָליען, געטראַכט: „נו, אָט, ביסט שוין זעקס יאָר אַלט, און אַ וועל־כער וואָלט סיאָמע געווען צו זעקס? און צו זיבן? ער וואָלט אויך אַוועק אין שול און, שרײַבנדיק קרומע שטעקעלעך, אַרויסגערוקט פאַר גרויס פלײַס דעם שפּיץ צונג, ווי דו?" און ווײַטער, צו צען, ווען קאָליע האָט שוין געמאַכט אַ מאָדעל פון אַן עראָפּלאַן... נאָר וואָס איז דאָ צו רײדן, אַלע מאָל פלעגן מיר אונטערכעזשבענען, וויפל וואָלט ער שוין אַלט גע־ווען, סיאָמע? געווען? ניין, דעם עמעס אײַך זאָגן, האָב איך וועגן געווען קיינמאָל זיך ניט דערלויבט און ניט געקאָנט טראַכטן. וויפל איז ער איצט אַלט — בלויז אַזוי האָב איך אַלע מאָל זיך אַליין פאַריכט אין געדאַנק...

הירש עפּשטיין האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע אין טיש:

— ווייסט איר, שרײַבט מיך אַרײַן אין אַ בוך! ס'ניט באַשיידן? גלייבט

מיר, אז ניט זיך האָב איך דאָ אין זינען. מע קאָן דאָך אפילו בײַטן די פאמיליע. נאָר זאָלן מענטשן וויסן...

ער איז א הויכער, א קרעפּטיקער און כאָטש אריבער די פופציק — שלאַנק, ווי א פינף־און־צוואנציקיאָריקער. לעבנסלוסטיקע, גרויע אויגן, קורץ־געשוירענע האָר פון קאַשטאַנען־קאָליר. א ביסל א פארשפּיצטע נאָז. קרעפּטיקע, אָדערדיקע הענט, באַוועגלעכע. הענט, וואָס ריידן. ער איז פול מיט ענערגיע און באַוועגלעך, ווי קוועקזילבער. דער בלויער ספּאָרט־אָנצוג איז אף אים ווי אויסגעגאָסן. נאָר מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אז פּונקט אזוי איז אף אים, ווי אויסגעגאָסן, געלעגן די מיליטערישע אוניפאָרם. אָן עכטער שלאַכט־קאָמאַנדיר, אזא, וואָס גייט שרעקלאָז אין פײַער. און מע גייט אים נאָך. איצט העלט אף זײַן ברוסט א בלויער ראָמב, אין וועלכן ס'איז אויסגענייט: „דינאַמאָ, טשערנאָוויץ".

און דאָס יִנגעלע, וואָס איז מיט אים געקומען, קאָליע? א געוויינלעך יִנגעלע, נאָכן זיידן קאָפּל א נאָמען. א שוואַרצינקס, מיט א קײַלעכיק פּענעמל, מיט טונקעלע אייגלעך. מער, מיסטאָמע, ענלעך אף דער מאַמען.

געוויינלעך, אז מע קלײַבט זיך דערציילן א מײַסע, לאָזט מען איבער דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע צום סאָף. איך אָבער האָב דאָס וויכטיקסטע שוין געזאָגט: עס גייט א רייד וועגן א פארלוירענעם זון, סיאָמע עפּשטיין. אין צוויי צענדליק יאָר ארום האָבן די עלטערן זיך דערוווּסט וועגן דעם, אז ער לעבט, און אָפּגעזוכט אים. און דאָך מיין איך, אז די געשיכטע וועט דערלייענט ווערן ביזן סאָף, ווײַל... ווײַל כ'האָב שוין געזאָגט: די העלדן זײַנען דער קערשט ניט הירש און עטע עפּשטיין, יעדנפאלס, ניט בלויז זיי. אנדערע מענטשן, וועגן וועלכע עס וועט ערשט דערציילט ווערן, זײַנען די העלדן — לעבעדיקע און טויטע.

פופצן יאָר האָט הירש קאָפּעלעוויטש עפּשטיין, א וויטעבסקער באָכער, געהאַט שוין אָפּגעדינט בא דער מײַרעוו־גרענעץ, ביזן צוויי־און־צוואנציקסטן יון טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק. יעדער שאָ, יעדער מינוט איז ער גרייט געווען באַגעגענען סײַ א וויסטן שאָליעך פון יענער

זייַט, סיי דעם סוינעס א קלאַפּ. נאָר אין דער ביטערער שאָ, ווען דער אומדערוואַרטער קלאַפּ איבער אונדזער ערד, א שטיל־אָטעמענדיקער אין שלאָף, איז געפאַלן, האָט ער, דער געהילף־שעף פון א גרענעץ־זאַסטאַווע, געפונען זיך גראָד טיף אין לאַנד, בא דער וואָלגע. ער איז געשיקט געוואָרן אהין, דער קאַפּיטאַן עפּשטיין, מיט א כוידעש צוריק אף קורסן. דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יון פאַרענדיקט זיי, און אין דער שאָ, ווען די פאַשיסטישע סנאַריאַדן און באָמבעס האָבן אופגעהויבן א שוואַרצן שטורעם איבער אונדזער ערד, איז ער רויִק געשלאָפן אף א וואַגאָן־פּאָלקע, האַלטנדיק די דלאָניע אונטער דער באַק. ערשט אין מאָסקווע, ווהין דער צוג איז אָנגעקומען גאַנצפרי, האָט ער זיך דערוווּסט: דאָס פאַשיסטישע דייַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אף אונדז.

הירש עפּשטיין האָט געהאַט א בילעט קיין וויטעבסק — אזוי איז אָפּגערעדט געווען אף דער זאַסטאַווע, אז גלייַך פון די קורסן פאָרט ער אהיים, צו די עלטערן. דאָרט האָבן אף אים געוואַרט דאָס ווייַב מיטן קינד, וואָס זייַנען געקומען פריִער מיט עטלעכע טעג, — מע האָט געזאָלט פאָרן אָפּרוען ערגעץ אף דאָרעם. בא וויפל סאָוועטישע מישפּאָכעס האָט די מילכאָמע איבערגעריסן אזעלכע פּאָשעטע און גליקלעכע טרוימען!..

דערוווּסט זיך, אז אף דער גרענעץ פלאַקערן שלאַכטן, האָט הירש עפּשטיין גלייַך געענדערט זייַן מאַרשרוט. ער האָט זיך געזעצט אין א צוג, וועלכער האָט געפירט ניט קיין וויטעבסק, נאָר קיין לוואָוו, און ווייַטער — צו דער גרענעץ. קיין וויטעבסק איז בלויז אוועק א טעלעגראַמע, אז ער פאָרט זוכן זייַן טייל און וועט שפּעטער צו וויסן געבן וועגן זיך.

אין א טאָג־צוויי ארום האָט דער קאַפּיטאַן עפּשטיין שוין געפונען זיך אין רעכטן פייַער. צו זייַן זאַסטאַווע האָט ער ניט געקאָנט זיך דורכרייַסן, איז אויסגעקומען שלאָגן זיך אין א שכיינעסדיקער. מע האָט אים געשטעלט אין שפּיץ פון א ראָטע קוילנוואַרפער אף אווטאָמאַשינעס. ווי א פייַערדיקער ווינט האָבן די קוילנוואַרפלער זיך אומגעטראָגן איבער וועגן און אומוועגן, פאַרניכטנדיק דעם סוינעס לופט־דעסאַנטן און קאָסיִענדיק זייַנע מאַרשירנדיקע קאָלאָנען. אָט אזוי איז מען מיט שלאַכטן אָפּגע־

טראָטן ביז זשמערינקע, ווינִיצע, און ווײַטער, ווײַטער, ביז דער שפּור עפּשטיינס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין גרויסן פײַערדיקן יאַם, וואָס הייסט מילכאָמע...

און עטע עפּשטיין האָט אין וויטעבסק געוואַרט אַף אַ יעדיִע פון איר מאַן. די מילכאָמע־טעג זײַנען בעהאָלעדיק געלאָפן איינס נאָכן צווייטן. עס האָבן שוין באַם האָריזאָנט געהילכט האַרמאַטן. מענטשן זײַנען געפאָרן אַף מיזרעך, פאַרייניקט זיך צום ריזיקן פּליטים־שטראָם, וואָס האָט געפּליִיצט דורך אַלע שטויבּיקע, מיט שפּליטערס און קוילן באַשאָטענע וועגן, עס האָבן זיך עוואַקויִרט הירשס מוטער און שוועסטער, נאָר עטע האָט אַ פאַראַקשנטע, נייִן, ניט קיין פאַראַקשנטע — פּאָשעט אַ פאַרשטיינערטע, אַ פאַרצווייפּלטע אין איר אויסגאַנגלאָזן וואַרטן — מיטן קינד אַף די הענט אַלץ ניט געוואַגט זיך רירן אין ערגעץ: זי מוז באַקומען אַ גרוס, זי מוז וויסן, ווו הירשל אירער איז, כאָטש קריגן דעם אַדרעס זײַנעם.

געוועזן איז נאָך איין מענטש, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזט אין וועג אַרײַן, אַ קלוגער, מיט אַ רײַכער לעבנס־דערפאַרונג: הירשס טאַטע, דער אַלטער קאָפּל, אָדער ווי מע האָט אים געווייִנלעך גערופן — קערפּל. בייס דער סאָוועטן־מאַכט איז ער געוואָרן אַ שיפּס־קאַפּיטאַן און בלויז אָט דאָ ניט לאַנג, איבער אַ שווערער קרענק, פאַרלוירןביידע פיס. דער אַלטער האָט פעסט געגלייבט, אַז וויטעבסק וועט ניט אַרײַנפאַלן צו די פאַשיסטן אין די הענט, און בעשום־אויפן ניט געוואָלט אַוועקפאָרן. אָט מיט אים, אַ צוגעשמידטן צו אַ וועגעלע, איז געבליבן עטע.

נאָר די פאַשיסטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין וויטעבסק. ביז וואָס־ווען איז דאָ, ווי אין אַנדערע ווײַסרוסישע שטעט, געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ. עס זײַנען אַוועק אַהין עטע מיטן קינד אַף די הענט און מיטן אַלטן אינעם וועגעלע. אינגיכן אָבער האָט זי פאַרלאָרן אויך דעם דאָזיקן פרײַנט. די פאַשיסטן האָבן דערשאָסן דעם אַלטן קאַפּיטאַן באַלד נאָך דער ערשטער באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט. בייס די סאָוועטישע באָמבעס האָבן גע־נומען פאַלן, האָט ער אַף זײַן וועגעלע ניט באַוויזן אַרײַנפאָרן אין איינעם פון די הײַזער, ווו עס האָבן אין שרעקלעכער ענגשאַפט געלעבט די פאַר־

שפּאַרטע אין געטאָ. ער איז געבליבן אַף דער גאַס, האָבן די עסעסאָווצעס אים באַשולדיקט, אַז ער האָט קלוימערשט מיט ראַקעטעס געגעבן סיגנאַלן די סאָוועטישע אעראָפּלאַנען, זיי זאָלן ניט באָמבאַרדירן די געטאָ, און אַז דאָס האָט ער אָנגעוויזן די דײַטשישע קאַזאַרמעס, וווּהין אַ באָמבע האָט געטראָפן.

דאָס שטיקל צײַט, וואָס עטע האָט זיך געפונען אין געטאָ, האָבן דערוועקט בײַ דער יונגער פרוי אַ טיפן, פאַרביטערטן דאָרשט צום לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז געטראַכט האָט זי וועגן סיאָמעלען, וועלכער איז אַ פאַרשמאַכטער געלעגן אַף אירע הענט. די ערשטע האָבן אין געטאָ געצאַנקט די קינדער, מע האָט זיי באַגראָבן דאָ טאַקע, אין די הויפן, אַ גרייבעלע לעבן אַ גריבעלע.

עטע עפּשטיין איז אַנטלאָפן פון געטאָ, אַרויסגעקראָכן באַנאַכט מיטן קינד, וואָס האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף שווײַגן (בײַס אַ צאָרע ווערן קינדער זייער גיך פאַרשטאַנדיק), פון הינטערן שטעכדראָט. נאָר וווּ טוט מען זיך אַהין? עטע איז דערווײַל אַוועק אין דער אומגעגנט פון וויטעבסק, וווּ עס זײַנען געווען פיל גערטענער און סעדער. דאָ האָבן געוווינט אייניקע אירע שול־כאַווירים, ווײַסרוסן. מע האָט איר טאַקע בישטיקע אַרויסגעטראָגן ווער וואָס עס האָט געקאָנט פון עסנוואַרג, פון קליידונג. און אַזוינס איז אויך געווען: ווײַסרוסישע פויערטעס, וואָס האָבן געטראָגן מילך צו פאַרקויפן, פלעגן אָפּקערעווען פון וועג (מע האָט שוין געוווּסט, וווּ עס באַהאַלטן זיך פּליטים, קריגסגעפאַנגענע) און אָפּגיסן פאַר זיי צו ביסלעך מילך אָדער לאָזן צו שטיקלעך קעז אין אָנגעשטשערבעטע קריגלעך, אין ליידיקע קאָנסערוון־פּושקעס. אַזויאַרום פלעג סיאָמעלען אויך אָנקומען אַ ביסל מילכיקס. נאָר גאָר אײַנגיכן האָבן די זשאַנדאַרמען דערשמעקט, וווּ עס האַלטן זיך אוף די פּליטים. עטע האָט באַוויזן באַצײַטנס אַוועק מיטן קינד אין וואַלד אַרײַן.

עס איז לאַנג צו דערציילן, וויפל מאָל מע האָט זיך געפונען אַף אַ האָר פון טויט, וויפל מאָל לאַכלוטן פרעמדע מענטשן האָבן געראַטעוועט די יונגע מוטער מיטן ייִנגעלע, אויסגעמוטשעטע ביז לעצט. צי קאָן מען

ביכלאל אויסדערציילן אלץ וועגן פּײַן, וואָס פּילט אָן טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך יעדע דורכגעלעבטע רעגע?

לעמאָשל, אזא צופאל. זי האָט געהאט באשטימט זיך לאָזן צו קרויווים, וואָס האָבן געווינט א קילאָמעטער אכציק מיזרעך־צו פון וויטעבסק, געגאנגען אהין צופוס דורך די נעכט. דאָס קינד געטראָגן אף די הענט. און אָט איז מען שוין, דאכט זיך, ניט ווײַט פונעם אָרט, וווּ די קרויווים וווינען. ס'איז נאָיאבער, א ביטערע קעלט. עס פאלט צו די נאכט, עס שנײַדט זיך אף א רעגן. נאָר גיין מוז מען.

עטע האָט אליין ניט געדענקט, ווי זי האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען אף עפּעס א גאנעקל פון א שטוב, וואָס איז געשטאנען אָפּגעזונדערט, עק דאָרף. דאָס קינד, אָן אײַנגעהילטס אין דער פאָלע פון איר מאנטל, איז געלעגן בא איר אף די קני. מיטאמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און אן אלטע פרוי האָט געזאָגט:

— קום, טאָכטערקע, ארײַן.

„טאָכטערקע“ — ווי לאנג מע האָט זי שוין אזוי ניט גערופן.

די באלעבאטים, צוויי אלטע לײַט, ווײַסרוסן, האָבן גוט געזען, ווער עס זײַנען די אָרכים זייערע. און אוודע האָבן זיי גוט געוווסט, וואָס עס קומט פאר אופנעמען אזעלכע אָרכים. אף מאָרגן האָט דער אלטער אָפּגעזוכט א פור, וואָס האָט פונקט געדארפט אוועקלאָזן זיך אהין, וווּ עטעס קרויווים האָבן געווינט. ס'איז אנטשטאנען אזא פלאן: די מוטער פאָרט אוועק דערוויסן זיך, צי האָט זי וואָס צו קומען צו די קרויווים, ווי לעבן זיי, און דאָס קינד בלײַבט דערווײַל דאָ, בא די אלטיטשקע. געלאָזט האָט זי דאָ אויך איר פאספאָרט — אין אים איז דאָך אָנגעשריבן געווען, ווער זי איז.

עטע האָט אָבער קוים באוויזן ארויסגיין פון הויף, ווי איר אנטקעגן זײַנען אָנגעקומען צוויי פּאָליצײַען. זי האָט זיי אויסגעוויזן פארדעכטיק, און זיי האָבן זי פארנומען אין באצירק. איינגיכן האָט מען געבראכט צו פירן אויך דעם אלטן, געבראכט דאָס קינד, סיאָמעלען. אָבער דעם פּאספּאָרט האָט די באלעבאָסטע באהאלטן. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט

עטען אויסטראַכטן עפּעס אַ ווערסיע, וואָס זאָל ריינוואַשן דעם אַלטן און פֿאַרלײַכטערן כאָטש אַף דערווײַל אירע און סיאָמעס לאַגע.

זי האָט געבעטן, מע זאָל זי אַרויסלאָזן אין דרויסן מיטן קינד, אָנגעשריגן אַפֿן פּאָליצײַ, דעם קאָנוואָיר, וועלכער האָט דאַפּקע זיך געקליבן צוקוקן אַלץ, צוגעמאַכט די טיר פֿונעם ברעטלדיקן אָפּטריט. איין ברעטל האָט אינעם הינטערשטן ווענטל געפֿעלט, איז די מאַמע מיטן קינד נעלעם געוואָרן אין די געדיכטע קוסטעס און אינעם יאַר, וואָס האָט זיך פֿונדאַנען אוועקגעצויגן צו אַ טײַך.

— שווײַג, זונעניו, שווײַג, — האָט זי געשעפּטשעט צום ייִנגעלע, און דאָס פּיצל האָט געשוויגן.

אַ פֿאַרצווייפֿלטע, האָט עטע מיטן קינד זיך אומגעקערט אינעם וואַלד הינטער וויטעבסק און באַגעגנט דאָ נאַדיאַ גוצעוואַ. אָבער וועגן אָט דעם ווײַסרוסישן מיידל דאַרף מען דערציילן גענוי, ווײַל דאָ הייבט זיך אָן די געשיכטע מיטן פֿאַרלוירענעם זון...

■

אינעם וואַלד הינטער וויטעבסק, לעבן דעם ייִשעוו סאָסאָיניקי, האָט עטע זיך געטראָפֿן מיט אַ צווייטער וואָגלענדיקער פֿרוי — כאַיע פּאָפּלאַוואָסקע. מע האָט זיך צונויפֿגעכאַוועט, אויסגעבאַהאַלטן זיך צוזאַמען. כאַיע האָט דערציילט עטען: זי האָט אויך אַ קליין קינד, אַ צווייאָריק מיידעלע, לאַריסקע, עס איז געבליבן אין סאָסאָיניקי, בײַ איר מאַנס שוועסטער, אַ יונג מיידל נאַדיעזשדאַ מאַקסימאָווּנאַ גוצעוואַ. נאַדיע האָט אַ גאָלדענע נעשאָמע, זי וועט העלפֿן עטען אויך.

באַנאַכט האָט כאַיע געבראַכט עטען צו איר שוועגערן נאַדיאַ גוצעוואַ. נית קיין הויכע, אַ דיבינקע, אַ בלאָנדע, מיט האַרציקע בלויע אויגן, איז זי געווען, די דאָזיקע נאַדיע, אַ פּראָסטלעך־צאַרטע. דאָס מיידל איז געוואָרן אויסער זיך, ווען זי האָט אויסגעהערט עטעס און סיאָמעס געשיכטע, און אַפֿילע נית אַלץ אויסגעהערט — ס׳איז גענוג געווען אַ קוק טאָן אַף זיי. באַלד איז אָנגעוואַרעמט געוואָרן וואַסער — דאָס ערשטע וויל דאָך אַ

מאמע ארומוואשן דאָס קינד, און זיך אויך. ווען מע קומט אין א מענטשלעכער וווינונג, ווײַל מען אראָפּשווענקען די שמוץ. עס האָט זיך געדוכט, אַז נאַדיעס שטיבל באַם ברעג פון וואלד, לעבן א בעסוילעם, איז א שטיל אינדזל, און דאָס קאנעצל, וואָס האָט געברענט אפן טיש, האָט פארפולט מיט גוטער האָפענונג עטעס הארץ.

יענעם אָונט טאקע, ווען די קינדער זײַנען שוין געשלאָפן, האָט נאַדיע באַשלאָסן: זי גיט אָפּ עטען איר אייגענע מעטריקע, סיאָמקע וועט בלײַבן בא איר, ווי איינס, וועט שוין זײַן צוויי, און עטע מיט כאיען וועלן, ביז די רעכטע קעלטן האָבן זיך נאָך ניט געשטעלט, זיך אויסבאהאלטן אין וואלד, אין א בײַדל צי אין אן ערדשטיבל, וואָס מע וועט מאכן. באנאכט וועט מען קומען זען זיך מיט די קינדער, אָנווארעמען זיך, נעמען א ביסל שפּײַז. און ווײַטער וועט מען זען — עס גיבן שוין צו וויסן וועגן זיך די פּארטיזאנער, עפּשער וועלן די פּרויען זיך צושלאָגן צו זיי.

אין עטלעכע טעג ארום זײַנען אָבער עסעסאָווצעס באפאלן נאַדיעס אָפּגעזונדערט שטיבל, מע האָט געזוכט ייִדן. כאיע איז פּונקט געווען אין שטוב, ווען די מערדער האָבן זיך באַוויזן באַם פּלויט, זי האָט געכאַפּט איר לאַריסקען און איז אוועק. עטע האָט אָבער ניט באַוויזן צונעמען סיאָמען, ווײַל זי איז געווען אין גאַס. דאָס ייִנגעלע איז געבליבן אין שטוב.

נאַדיע האָט פּארזיכערט די עסעסאָווצעס, אז דאָס בלאָנדע ייִנגעלע מיט די בלויע אייגעלעך איז איר זון. זיי זײַנען אוועק. נאָר פון דעמלט אָן האָט מען שוין אכטונג געגעבן אָף נאַדיעס שטוב, און עטע האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך אומקערן נאָך סיאָמקען. ארום זײַנען געגאנגען אָבלאַוועס, און זי איז געצווונגען געווען אוועק אַלץ טיפער אין וואלד.

איינמאָל באנאכט האָט עטע זיך פאָרט אײַנגעשטעלט און זיך דורכגעשמוגלט צו נאַדיעס שטיבל. זי האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, לעבן וועלכן דאָס מיידל איז געווייינלעך געשלאָפן. ס'איז נאָך געווען א גליק, וואָס איר קלאַפּ האָט דערהערט בלויז נאַדיע. דאָס מיידל איז ארויס אין הויף און דערציילט: אין שטוב בא איר האָבן זיך באַזעצט פּאָליצײַען. דאָס איז א פּאָסטן, וואָס באַוואַכט דעם וואלד. די פּאָליצײַען האָבן זיך

אָנגעהויבן טשעפּען צו איר, געטײַנעט, אַז סיאָמקע איז אַ ייִדיש קינד. עס וואָלט זיך געקענט זייער שלעכט ענדיקן. דערפֿאַר האָט זי, נאַדיע, אים איבערגעגעבן איינער אַ פּרוי, קימאַט אינגאַנצן אַ פֿרעמדער, נאָר ווי עס שײַנט, אַן ערלעכער. די פּרוי אַרבעט אַלס אופֿראַמערן אין אַ קינדערהויז, זי האָט צוגעזאָגט פּרוּוון אײַנאָרדענען סיאָמעלען אין יענעם קינדערהויז אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען, און אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, וועט זי אים אַפֿילע פֿאַרשרײַבן אַלס איר אַ זון, ווײַל קיין קינדער האָט זי ניט, זי איז אַן איינזאַמע, און אַזעלכע שיקט מען מיט גוואַלד אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד.

נאַדיע האָט געוויינט, דערציילנדיק דאָס אַלץ. עטע האָט געוווּסט: דאָס מיידל איז זיך מאַקריוו געווען, ווײַל זי האָט נאָר געקאָנט, און דאָס, וואָס זי האָט געטאָן, איז, וואַרשײַנלעך, געווען דאָס סאַמע סייכלדיקע, וואָס מע האָט געקאָנט טאָן. זי איז אַוועק פֿון נאַדיעס הויף מיט אַ ווייטעק אין האַרצן, און דאָך — מיט אַ האָפֿענונג, אַז סיאָמע לעבט ערגעץ, עפּשער וועט ער געראַטעוועט ווערן.

מיט די טונקעלע וועלדער, וועלכע עס האָט שוין צוגעפּאַראָשעט דער ערשטער שניי, האָט עטע זיך אַוועקגעלאָזט אויף מיזרעך. ווען זי האָט שוין אינגאַנצן זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס, האָט די פּויערטע פּאַשאַ קוכאַרענקאָ פֿונעם דאָרף וועלישקאָוויטשי, וואָס ליגט פּערציק קילאָמעטער פֿון וויטעבסק, אַרײַנגענומען זי צו זיך אין שטוב: דאָ איז עטע געקומען צו זיך און וואָלט עפּשער לענגער דאָרט פֿאַרבליבן, נאָר איינער אַ צופֿאַל האָט אַלץ געענדערט.

אין אַ פֿראָסטיקן אינדערפֿרי איז עטע מיט צוויי עמער געגאַנגען נאָך וואַסער צום ברונעם. מיטאַמאָל האָט זי פֿונוויײַטנס דערזען עטלעכע רײַטער. דאָס זײַנען ניט געווען קיין דײַטשן, קיין פּאָליצײַען אויך ניט. עפּעס, דאַכט זיך, רויטאַרמייִשע שינעלן און גרויע רויטאַרמייִשע ווינטערדיקע היטלען. אַ וואָרף געטאָן די עמער מיט דער קאָראָמיסלע אין שניי, איז עטע אָן אָטעם אַוועקגעלאָפֿן אַנטקעגן די רײַטער. יאָ, זי האָט קיין טאָעס ניט געהאַט — דאָס איז געווען אַ סאָוועטישע אויסשפּיר־גרופּע, וואָס האָט געמאַכט אַ רעיד אינעם סוינעס הינטערלאַנד. מע איז אַראָפּ

פון די פערד, און כאַטש מע האָט זיך געײַלט און כאַטש עס וואָלט ניט שאַטן די עטלעכע מינוט א ווארעם טאָן זיך אין א כאַטע, האָט מען אויסגעהערט דאָ, אין גאַס, עטעס געשיכטע און, לאָזנדיק זיך ווײַטער אין וועג, געײַצעט: זאָל די פרוי באַלד אוועק צום דאָרף פּאָניזאָוויע, וואָס ליגט א דרײַסיק קילאָמעטער מיזרעכדיקער. דאָרט, אין וואַלד, וועט זי געפינען א רויטארמײיִשן טייל, וואָס באַמיט זיך מיט שלאַכטן דורכרײַסן זיך פון ארומרינגלונג. מע האָט איר פּינקטלעך אויסגעמאָלט, וויאַזוי גיין, ווו אויסמײַדן דעם סוינעס זאַסטאַוועס, געגעבן א ביסל שפּײַז.

אפגיך געזעגנט זיך מיט פּאַשאַ קוכארענקאָ, האָט עטע זיך אוועקגעלאָזט קיין פּאָניזאָוויע.

זי האָט דעריאָגט דעם רויטארמײיִשן טייל, איבערגעגעבן דאָרט א גרוס פון דער רײַטער־גרופּע. דער אָפּגעשניטענער טייל האָט שוין עטלעכע כאָדאָשים געפירט פּארטיזאַנישע שלאַכטן. איז עטע דאָ געוואָרן א קעכן. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער־אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער אונטער מאָסקווע, האָט דער דאָזיקער טייל דערלאַנגט שטאַרקע קלעפּ דעם אָפּטרעטנדיקן סוינע און פאַרייניקט זיך מיט אונדזערע בא דער שטאָט טאָראָפּעץ.

הירשס מאַמע און די שוועסטער זײַנע האָט עטע געפונען אין סאַראַטאָוו. אָבער זי האָט שוין ניט געקאָנט פאַרבלײַבן אין הינטערלאַנד, ביז די מילכאָמע איז געגאַנגען, און איז פרײַוויליק ארײַנגעטראָטן אין ארמיי, געבעטן, מע זאָל זי שיקן אפן פראָנט. דאָרט, אפן פראָנט, האָט זי כאָטש א ביסעלע געלאָשן איר בענקעניש, איר אומגעדולד צו דערלאַנגען זיך ווידער אהין, ווו סיאָמע איז געבליבן. שוין דאָס, וואָס זי האָט זיך באַטײליקט אין די שלאַכט־מארשן, האָט צוגעגעבן א זין איר לעבן.

עטע האָט ניט אופגעהערט זוכן איר מאַן און אים געפונען. ער האָט געקעמפט בא דער וואָלגע. אָנגעפירט מיט א גרופּע סנײַפּערס. ער האָט נאָך בייס זײַן פרידלעכער דינסט בא דער גרענעץ געשעמט פאַר אַן אויסשליסלעכן שיסער. מע האָט עטען דערלויבט דינען מיטן מאַן אין איין פּאָלק.

ווען די אָנגרײַפֿנדיקע סאָוועטישע אַרמיי איז אַריבער די מעלוכע־גרענעץ, האָט הירש עפּשטיין, איצט שוין אַ מאַיאָר, ווידער אומגעקערט זיך אין זײַן גרענעץ־טייל. און באַלד טאַקע האָט ער און עטע געגומען זוכן דעם זון. נאָר דאָס ייִנגעלע איז ווי אין וואַסער אַרײַן. נאַדיאַ גוצעווא איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון וויטעבסק. און יענע אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך געהאַט אופֿגעהאַלטן אין די קינדערהיימען די ערשטע צײַט פֿון דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע, זײַנען אָדער אומגעבראַכט געוואָרן, אָדער מע האָט זיי עוואַקויִרט אַף מײַרעוו.

די עפּשטיינס האָט עס אָבער ניט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אויסגעפֿרעגט קימאַט אַלע וויטעבסקער, זיי האָבן איבערגעבלעטערט קאָלערליי אַרכיוון, דערונטער די רעשימעס פֿון די קינדער, וועלכע די פֿאַשיסטן האָבן דער־שאָסן. זיי האָבן צעשיקט הונדערטער בריוו, נאָר אַלץ אומזיסט.

יאָרן זײַנען געגאַנגען, די מישפּאָכע פֿונעם גרענעץ־אָפֿיצער איז אַריבערגעפֿאָרן פֿון איין אָרט אַפֿן צווייטן, נאָר זוכן דעם זון האָט מען ניט אופֿגעהערט. עס זײַנען בײַ זיי געבוירן געוואָרן נאָך קינדער, און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אַלצײַנס ניט פֿאַרגעסן אין סיאָמקען. זיי האָבן ניט געקאָנט שאַלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זייער בכאָר איז אומגעקומען. זיי האָבן געגלייבט — ער איז אַרײַנגעפֿאַלן צו גוטע מענטשן און לעבט ערגעץ.

מיט אַ יאָר צען צוריק, נאָך דעמאָביליזירן זיך פֿון אַרמיי, איז הירש עפּשטיין אַריבערגעפֿאָרן מיט זײַן מישפּאָכע קיין טשערנאָוויץ. דאָ איז ער געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר פֿון שיסער־ספּאָרט, און אײַנגיכן, נאָך אַ ניצאָכן אַף אַלוקראַיִנישע פֿאַרמעסטונגען, באַקומען דעם טיטל ספּאָרט־מײַסטער פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

איינמאָל איז עפּשטיין באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־ריכטער פֿון די טשערנאָוויצער שיסער־פֿאַרמעסטונגען. איבערקוקנדיק דאָס צעטל פֿון די אָנטיילנעמער, האָט ער באַמערקט אַ זייער קענטלעכע פֿאַמיליע — גוצעוו אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש. סײַ די פֿאַמיליע, סײַ דער פֿאָטערנאָ־מען זײַנען צונויפֿגעפֿאַלן מיט דער פֿאַמיליע און פֿאָטערנאָמען פֿון נאַ־דיען, יענעם וויטעבסקער מיידל, בײַ וועמען סיאָמקע איז פֿאַרבליבן. ווי

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז דאָס טאקע געווען נאדיעס א ברודער. און נאדיע אליין? זי האָט כאסעגע געהאט, איר פאמיליע איז וואָראָנצאָווא, זי וווינט הינטער מאָסקווע אין דער שטאָט פּאָדאָלסק.

די באגעגעניש מיט נאדיא וואָראָנצאָווא איז געווען זייער א הארציקע. זי האָט זיך לאנג ניט געקאָנט דערמאָנען, ווי עס האָט געהייסן די פרוי, וועמען זי האָט אין יענער שוידערלעכער צײַט פארטרויט סיאָמקען.

דערנאָך האָט זי אופגעשטעלט אין זיקאָרן, אז די פאמיליע פון דער פרוי, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען ראטעווען סיאָמען, איז וואסיליעווא און אָנגערופן דאָס יינגעלע האָט זי געזאָלט פּונקט מיט איר ברודערס נאָמען. נאדיעזשדא מאקסימאָוונא האָט ניט געדענקט פּינקטלעך דעם דאָזיקן נאָמען, נאָר איינס האָט דאָרט געדארפט זײַן איוואן — דער נאָמען אָדער דער פאָטערנאָמען. און נאָך האָט זי זיך דערמאָנט, אז דעמלט, האָט זי א טראכט געטאָן, קעדיי האָבן א סימען אף שפּעטער, אז איר אייגענער ברודער הייסט קימאט אזוי, ווי סיאָמקע האָט איצט געזאָלט הייסן. באקומט זיך, אז הייסן האָט ער געקאָנט איוואן אלעקסאנדראָוויטש אָדער אלעקסאנדער איוואנאָוויטש, ווײַל נאדיעס ברודער האָט געהייסן אלעקסיי.

דאָס געזינד עפּשטיין איז ווידער אוועקגעפאָרן קיין וויטעבסק. לויט נאדיעס אייצע האָבן הירש און עטע זיך געטראָפן מיט דער אופראמערן פון איינער א בוי־פארוואלטונג מאריא איליניטשנא סמאָליאקאָווא. זי איז בײַגעווען, ווען נאדיע האָט איבערגעגעבן סיאָמקען דער אומבאקאנטער פרוי, עפּשער ווייסט זי, ווי האָט יענע פרוי געהייסן. סמאָליאקאָווא האָט אלץ באשטעטיקט, זי האָט אפילע באגלייט די פרוי ביז דער שטאָטישער מאגיסטראטור און אליין געזען, ווי יענע איז ארײַן אהין, קעדיי פארשרײַבן סיאָמען אלס אירן א זון. נאָר וואָס ס'איז געשען ווײַטער, ווו זיי זײַנען אהינגעקומען, ווייסט זי ניט.

סמאָליאקאָווא האָט ארויסגעזאָגט א השערע, אז די דאָזיקע פרוי, ווי א סאך אנדערע פרויען, וועלכע מע איז כוישעד געווען, אז זיי האָבן גענומען פרעמדע קינדער, קעדיי ניט פאָרן קיין דײַטשלאנד אף ארבעט, האָט געקאָנט ארײַנפאלן אין א קאָנצענטראציע־לאגער טאקע דאָ, אין וויטעבסק, צוזאמען מיטן יינגל, און דערנאָך ערגעץ אוועקגעפירט ווערן

מיט אלעמען אף מײַרעוו. און נאָך גאָר א וויכטיקע זאך האָט סמאָליא־קאָווא זיך דערמאָנט: דעם היגן לאגער פאר פרויען מיט קינדער האָבן די פאשיסטן ניט לאנג פאר דעם, ווי דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט באפרײַט ווײַסרוסלאנד, עוואקוירט ערגעץ צו דער באלטיק.

איצט, ווען די דאָזיקע דעטאלן זײַנען אופגעשווומען, האָט אין די זוכענישן שוין אָנגעהויבן אָנטיילנעמען די טשערנאָוויצער מיליציע. דאָ איז מען געפאלן אף אזא געדאנק: אויב איוואן אלעקסאנדראָוויטש אָדער אלעקסיי איוואנאָוויטש וואסיליעוו לעבט, האָט ער געדארפט מיט א קורצער צײַט צוריק זיך שטעלן צום פריזיוו. עפשער האָט ער דערבײַ אָנגעוויזן, אז ער איז א געבוירענער פון וויטעבסק, נאָר ער ווייסט ניט, ווער זײַנע עלטערן זײַנען? מע איז זיך מעשײַער געווען, אז ער קאָן זיך געפינען אָדער ערגעץ אין ווײַסרוסלאנד אָדער אין איינער פון די באלטישע רעפובליקן, און מע האָט אהין אוועקגעשיקט אָנפראגעס.

אין איינעם א זומער, מיט א פאָר יאָר צוריק, איז הירש עפשטיין ווידער געקומען קיין וויטעבסק. אזוי איז שוין געווען אלע יאָרן: דעם אורלויב זײַנעם האָט ער פארבראכט אין וויטעבסק און דעם גאנצן כוידעש אליין געזוכט און געזוכט דעם זון, גערעדט מיט מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט געווען בײַס דער אָקופאציע, געגריבלט זיך אין פארשיידענע ארכיוון. און פלוצעם איז אף זײַן וויטעבסקער אדרעס אָנגעקומען א טעלעגראמע, וועלכע עס האָט איבערגעשיקט די טשערנאָוויצער מיליציע. די טעלעגראמע איז געווען פון ליטע, יישעוו שונסקאיא, קאפעוקסקער ראיאָן: „איר זוכט אײַער זון, איך זוך מײַן טאטן. לאָמיר זיך באגעגענען. וואסיליעוו איוואן אלעקסאנדראָוויטש“.

שפעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער קריגס־קאָמיסאר פון ליטע האָט אין די צעטלען פון די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געזאָלט גערופן ווערן אין דער ארמיי, נאָר האָבן באקומען צײַטווײַליקע פראָלאָנגאציע, געפונען די פאמיליע וואסיליעוו. ער האָט אים ארויסגערופן צו זיך און דערציילט די געשיכטע פון דער מישפאָכע עפשטיין. דער טאטע מיטן זון האָבן זיך באגעגנט אין וויטעבסק. דער זון איז שוין געווען צוואנציק יאָר אלט, ער איז דער טאטע מיט די ביינער.

דער באָכער האָט דערציילט, אַז די פרוי, וועלכע האָט זיך אונטער־גענומען אים ראַטעווען, איז געווען זייער אַ גוטע. ער האָט טאַקע גע־האַלטן, אַז זי איז זיין מאַמע. עס איז ניט געווען וואָס צו עסן, אָבער טאָמער האָט זי עפּעס געקראָגן, האָט זי עס אָפּגעגעבן אים. באַנאַכט פלעגט זי אים איינדעקן מיט אַלע שמאַטעס, וואָס זי האָט געהאַט, דער צוקאָפּנס איז געווען איר האַנט. אָט דאָס געדענקט ער. דאָס זיינען זיינע ערשטע קינדערשע דערמאָנונגען. וואָס ס'איז געווען פריער, געדענקט ער ניט. נאָך דערמאָנט ער זיך, אַז מע איז ערגעץ געפאָרן אין אַ לאַסט־וואַגאָן. ווען מע איז געקומען אויף עפּעס אַ סטאַנציע (דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אין ליטע), איז די פרוי געשטאָרבן. זי איז געבליבן ליגן אַ פאַרגליווערטע אונטער אַ פלויט ניט ווייט פון וואָק־זאַל. אַן עלנטער, האָט דאָס יינגעלע אַרומגעבלאָנקעט, ביז ס'האָבן אים גענומען צו זיך ליטווישע פּויערים. ער האָט געפּאַשעט בעהיימעס. דער־נאָך געטאָן דאָס זעלבע אין אַ סאָווירט — געפּאַשעט בעהיימעס, געפירט היי פון וואַלד, ווינטער־צייט געאַרבעט אין פי־שטאַל. אין די אָוונטן האָט ער באַזוכט די שול. ער איז געוואָרן אַ קאָמיוגיסט, און די אָרגאַני־זאַציע האָט שוין געזען, אַז ער זאָל פאַרן לערנען אין אַ וואַלד־טעכניקום. איצט איז ער אַ וואַלד־מייסטער. זיין ווייב אַרבעט אַלס שעף אין פּאָטשט־אָפּטיילונג. מע האָט צוויי מיידעלעך — וויאָלעטע און ריטע...

— שרייבט מיך אַריין אין אַ בוך, גלייבט מיר, אַז ניט זיך האָב איך דאָ איינזינען, מע קאָן דאָך אַפילו בייטן די פאַמיליע.

אָט די דאָזיקע ווערטער, מיט וועלכע הירש עפּשטיין האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג, האָבן ווידער אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן, ווען כ'האָב זיך גענומען צו דער פען. ניין, גאָרנישט האָב איך ניט געענדערט: הירש איז הירש, עפּשטיין איז עפּשטיין, עטע איז עטע, סיאָמע איז סיאָמע און איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש איז איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש... גאָרנישט איז צו דער געשיכטע ניט צוגעגעבן געוואָרן. אַזאַ איז זי געווען. נאָר אָט האַלט איך באַ אוועקלייגן די פען און אין קאָפּ וועבן זיך נאָך אַלץ געדאַנקען וועגן דעם אָקאָרשט דערציילטן. וואָס איז דאָ דער עיקר: די אַקשאָנעס

פֿון די עלטערן, צי די אָקשאָנעס פֿון די, װאָס האָבן מיטן אײגענעם לײַב־און־לעבן באַשיצט דאָס קינד דעמלט, װען דער װיסטער סױנע האָט געבושעװעט? און װעמעס זון איז ער איצט? אַ מענטש פֿון אונדזער גרױסן לאַנד — אָט װער הירש עפּשטײנס בכאָר איז געװאָרן.

איך האָב געזאָגט, אַז הירש עפּשטײן איז געקומען צו מיר מיט אַ צװעלפֿיאָריקן ייִנגל, קאָליע. מע קאָן מײנען, אַז איך װױן אין טשערנאָװיץ און ער איז פּאָשעט אַרײַן צו מיר צוגאַסט. איך װױן אָבער אין קיִעװ. װי זשע קומט ער צו מיר, און מיטן ייִנגל? און װאָס גײט ער עס אײנעם ספּאָרטיװון אָנצוג מיט אַ בלױען ראָמב אױף דער ברוסט? ערשט, ער איז געקומען, הירש עפּשטײן, קײן קיִעװ אױף אַלוקראַיִנישע שיסער־פּאַרמעסטונגען, און דאָס ייִנגעלע מיטגענומען מיט זיך אַהער, זאָל ער דאָ אײנעם װאַלד באַם דניעפּער אַ שמעק טאָן פּולװער, לעבן אין די באַדינגונגען פֿון אַ ספּאָרטיװון לאַגער — אין אַ בײַדל.

— זאָל ער זײַן אַ שטאַרקער, — האָט הירש געזאָגט. — ס'יאָמען האָבן דערצױגן פּרעמדע מענטשן. גוט דערצױגן אים, און אױף דעם, אױף קאָליען, דאַרף איך ערשט באַװײַזן, װי איך קאָן דערציִען. איך װיל, אַשטײגער, ער זאָל קענען שיסן בעסער פֿון מיר.

— בעסער? — האָט דאָס יאַטל אַ שמײכל געטאָן. — װאָס קאָן שױן זײַן בעסער?

— עס קאָן זײַן בעסער, — האָט דער טאַטע פּאַראַקשנט געזאָגט. — און מע מײנט דאָ עפּשער ניט נאָר קײן קױלן, צי בכלל קײן קױלן ניט. אַלץ, װאָס װעסט טאָן אין לעבן, זאָל זײַן — אין ציל.

2. צום שפּיץ פֿון באַרג

מיר זײַנען געקראָכן אױף אַ באַרג, עפּשער דעם שענסטן אין גאַנץ קרים, אױף דעם קאַראַ־דאַג — דעם שװאַרצן באַרג. װער װײסט, מיט װיפֿל מיליאָנען יאָר צוריק האָט אַ װולקאַן־אױסברוך אױפֿגעהױבן פֿון יאַם־דעק אָט די מעכטיקע, שװאַרץ־גרױע שטײנערנע הליבעס. אײן העלפֿט פֿון קראַטער איז געבליבן אין יאַם, די צװײטע איז מיט שטײַלע אָפּהאַנגען פֿאַרגליװערט געװאָרן באַם שױמיקן זױם פֿון די כװאַליעס.

ביז איצט איז דאָ אַלץ אַזוי, ווי פאַר ברייִשיס, ווי ערשט נעכטן זאָל דאָ געווען האָבן געגלעט מיט שטיינער, און אָט סטאַרטשען זיי, שוואַרצע, פאַר־קוילטע — „דעם טײַוולס נאָגל", „די גאָלדענע טויערן", „דער וווּנדער־סאָד" — אַ סאָד פון פעלדזן. און אויב ערגעץ־ווו שלאָגט זיך דורך פון צווישן די פעלדזן אַ גרעזל, אַ ביימל, צי עס באַדעקט זיי וווּ־ניט־ווו אַ ביסעלע מאָך, איז וויפל זשע דאַרף עס געדויערן, אַז אַזאַ ביימל, צי אַ גרעזל, צי אַ ביסעלע מאָך זאָל אויסוואַקסן?..

מיר האָבן זיך אופגעהויבן אויף אָט דעם באַרג, פון וועלכן מע זעט, ווי עס שפּרייטן זיך אומענדלעכע, מיט זון באַשטראַלטע יאַם־ראַכוועסן, און געטראַכט האָב איך, אַז דער מענטש, וועלכער איז געגאַנגען מיט מיר אויפן באַרג, אַ פאַרהעלטנסמעסיק יונגער — עטוואָס עלטער פון פערציק, אַ מיטלוווּקסיקער, אַ פעסטער, כאָטש קוים־קוים אַ סוטולעוואַטער, מיט דער געזונטער סוטולעוואַטקייט פון אַ גוואַר, וועלכער איז געוווינט צו טראָגן אַ מאַסע אויף די פּלייצעס, — אַז אָט דער מענטש מיטן ברוינעם, פאַרקלערט־שמייכלענדיקן פּאָנעם, אַ יינגלש־געשווירענער, איז אַליין ווי אַ מין באַרג, וועלכער איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז, און ניט עפּעס אַנדערש, אויך אַדאַנק אַ ווולקאַן־אויסברוך, אַדאַנק דער רעוואָלוציע... יאָ, בלויז די רעוואָלוציע און דאָס לעבן, וואָס איז געקומען נאָך איר, האָט געקאָנט דערהויבן אָט דאָס וויטעבסקער יינגל, וואָס שטאַמט פון אַ געוויינלעכער ייִדישער מישפּאָכע, צו דעם גראַד פון אַן אָנגעזעענעם וועלט באַוווּסטן געלערנטן.

איך זאָג פון סאַמע אָנהייב — כ'קלײַב זיך ניט דערציילן וועגן דעם, וואָס ער טוט אין דער לאַבאָראַטאָריע, מיט וועלכער ער פירט אָן אין אינסטיטוט פאַר כימישער פיזיק בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אונדזער לאַנד. דאָרט גייט די אַרבעט טאָג נאָך טאָג, די וויסנשאַפטלער, די פאָרשער קוקן אומדערמידלעך פאָרויס מיט וואַכע אויגן. זאָלן זיי זיך טאָן זייער זאַך, איך וועל דערציילן וועגן איינעם פון זיי, אָט דעם, וואָס הייבט זיך אויף צוזאַמען מיט מיר אויפן קאַראַ־דאַג, וועגן וויטאַלי יאָסי־פאָוויטש גאָלדאַנסקין, פּראָסט ווי וועגן אַ מענטשן.

דעם טאַטנס מישפּאָכע — די גאָלדאַנסקיס, און דער מאַמעס — די מעלאַמעדס, האָבן געשטאַמט פון וואַרשע. בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז מען געלאָפן קיין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין וויטעבסק. שפּעטער, שוין נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט מען זיך אַריבערגעקליבן קיין לענינגראַד.

דאָס זײַנען געווען מישפּאָכעס פון האָרעפּאַשניקעס און דענקער.

דאָס שײַנדל פון דער מישפּאָכע איז געווען הילעל מעלאַמעד — דער מאַמעס ברודער. אַ סאָלדאַט פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, איז ער בײַס דער רעוואָליוציע אַרײַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, געוואָרן אַ רויטגוואַרדייער, דערנאָך — דער קאָמיסאַר פון אַ קאַוואַלעריע־דיוויזיע אין גאַיס באַרימטן קאָרפּוס. פאַר זײַנע העלדנטאַטן איז הילעל באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן.

אין יאָרן אַרום האָט הילעל באַקומען אויך אַ לענין־אָרדען. באַלד, ווי ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער בירגערקריג, איז ער געקומען קיין לענינגראַד, געענדיקט דאָרט אַ פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און געשיקט געוואָרן אױף סטאַזשירונג קיין אַמעריקע — אױף איינעם פון פאָרדס זאַוואָדן. דאָס לאַנד אונדזערס האָט שוין דעמלט געגרייט קאַדרען פאַרן טראַקטאָר־זאַוואָד בײַ דער וואָלגע. און ער איז טאַקע געוואָרן, הילעל, דער ערשטער שעף פונעם מעכאַנישן מאָנטאַזש־צעך פון יענעם זאַוואָד. דערנאָך איז ער געווען דירעקטאָר פונעם מאָסקווער „שאַריקאָפּאָדשיפּניק“. אין די יאָרן פון סטאַלין־קולט איז ער אומגעקומען, און בלויז אין יאָרן אַרום איז זײַן נאָמען ווידער דערמאָנט געוואָרן צווישן די נעמען פון די טרײַע זין פון פאָלק, וואָס זײַנען אומזיסט און אומנישט אומגעבראַכט געוואָרן.

פּונקט אַזוי, ווי דער טאַטע, איז טרײַ דעם לאַנד געוואַקסן הילעלס איינציקער זון, וולאַדימיר. ער איז העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט פאַר באַפרײַען ניקאָלײַעוו פון די דײַטשישע אָקופּאַנטן.

אַזוי איז עס: ווען מע פאַרשנײַדט אַ בוים, בלײַבן וואָרצלען אין דער ערד, לעבעדיקע וואָרצלען נערן נײַע שפּראָצונגען. וויטאַלי גאָלדאַנסקי

איז אַלט געווען דאָס פֿערצנטע יאָר, ווען ס׳איז געשען דער אומגליק מיטן פֿעטער, מיט הילעלן. דאָס ייִנגל האָט זיך אָבער שטענדיק געגרויסט מיטן פֿעטער און אַפֿילע נאָך דעם בראָך אַלציינס געהערט אין דער היים: „זאָלסט אים ווערט זײַן, הילעלן, דיר צו לענגערע יאָר“.

פֿיר יאָר איז אַלט געווען וויטאַלי, ווען ער האָט אין זײַן קינדערשן, ערשט אופֿגעלויכטענעם, מויעך זיך פֿאָרגעשטעלט די גאַנצע ערד, א טונקל־גרינע אָדער א געלע פֿון מידבאָר־זאמדן, א ווײַסע בא די פּאָליוסן, מיט בערג, וואָס שלענגלען זיך, ווי אָדערן אף אָנגעהאָרעוועטע הענט, מיט בלויע טײַך־ווענעס, וואָס פֿירן צו אָזערעס, יאמען, אָקעאַנען. די ערד איז געווען באַווינט פֿון מענטשן, און ער האָט געוווסט, — בא פֿיר יאָר, — וועגן פֿארשיידענע לענדער, פֿעלקער, און ניט סטאם אזוי: א האַלבנאַקעטער אַווסטראַליער האָט געהאַט זײַן אייגן געשטאַלט, א בעדוינער — זײַנס, אַן אינדיִאַנער זײַנס. און א קאָווּבאָי, און א טאָרעאַדאָר, און אזא, וואָס זוכט פּערל אפֿן דעק פֿון יאם, און אזא, וואָס פּאָרט אף הירשן אין דער טונדרע. ער האָט געוווסט וועגן הויפּטשטעט און סטאם גרויסע שטעט. אזא האָט ער זי דערזען, די ערד.

דערנאָך האָט זיך אים פֿאַרוואָלט וויסן די געשיכטע פֿון דער ערד און די געשיכטע פֿון די פֿעלקער, וואָס באַווינען זי. ער האָט פֿארשטאַנען, אז אויך ביז אים איז געווען א לעבן, א גרויס לעבן, און אָט דער בײַגער זײַנער איז שוין געווען א צוגרייטונג צו דעם, וואָס ער האָט אַליין געדארפֿט טאָן אין לעבן.

דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין שול, איז אים ווייניק געווען. צו צען יאָר האָט ער באַקומען א דערלויבעניש צו באזוכן די באַרימטע לעניגראַדער שטשעדרין־ביבליִאָטעק און גענומען פֿאָרשן געשיכטע לויט די אורקוואַלן אירע — לויט אַלטע אויסגאַבעס און צײַטונגען. דאָס ייִנגל האָט געוואָלט וויסן אַלץ וועגן די דעקאַבריסטן, ער האָט געלייענט הערצענס „קאָלאָקאָל“, די „איסקרא“, די צײַטונג־באַריכטן וועגן בייליס־פּראָצעס, מיט ערפֿורכט געבלעטערט די „פּראַוודא“ און אַנדערע צײַטונגען, וואָס זײַנען דערשינען אין די אָקטיאַבער־טעג...

אין דער היים האָט מען געמיינט: וויטאַלי וואַקסט אַ היסטאָריקער. ער אַליין האָט אויך געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער באַרוף זײַנער. אין שול האָט ער לויט אַלע געגנשטאַנדן זיך געלערנט אויף אויסגעצייכנט, און יעדער לערנבוך האָט געוועקט אין אים אַ פאַרלאַנג גענויער, טיפער פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין דעם, וועגן וואָס עס האָט זיך דאָרט דערציילט. און זאָל מען ניט מיינען, אַז דאָס איז געווען אַ ייִנגל, וואָס ווייסט בלויז דעם בוך, בלויז דעם העפט, בלויז דענקען און כקירען — אַן אַלטיטשקער פון די סאַמע קינדער־יאָרן. ניין, אי טוריסטישע פּיאָנער־מאַרשן אויסער דער שטאָט, אי ליזשעס, אי גליטשערס, אי שווים־פאַרמעסטונגען, אי קינאָ, אי קאָנצערטן פון באַרימטע מוזיקער, אי ביכער וועגן רײַזנדער, ריטער, רעוואָליוציאָנערן — אַלץ האָט אים פאַרכאַפּט, דערמיט איז געווען פול די לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט.

איינמאָל איז צווישן פיל אַנדערע אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די הענט אַ ביכל וועגן דער געשיכטע פון כימיע. ס׳הייסט, ווידער טאַקע דער אינטערעס צו געשיכטע, דאָס ווילן וויסן אַלץ וועגן אַלץ פון סאַמע אָנהייב, פון עם וואָרצל, האָט אים אַ שטויס געטאָן צום דאָזיקן ביכל. ער האָט דאָס איבערגעלייענט, דער פּופּצניאָריקער וויטאַלי, און פאַרטראַכט זיך וועגן איינער פון די פראַגן, וועגן וועלכע עס האָט זיך דאָרט גערעדט: פאַרוואָס קאָנען ראַדיאָאַקטיווע שטראַלן אי היילן, אי אַרויסרופן אַ ראַק? אין ביכל איז קיין גענויער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע ניט געווען, האָט וויטאַלי אָנגעשריבן אַ בריוו אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און געבעטן, אַז עמעצער פון די געלערנטע זאָל דאָס אים דערקלערן.

אַ בריוו פון אַ פּופּצניאָריק ייִנגל... געווען אַ צופאַל מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, ווען דער יונגער עוואַריסט גאַלואַ האָט געשיקט אַ בריוו אין דער פראַנצויזישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. ער האָט גאָרנישט ניט געפרעגט, נאָר פאָרגעלייגט זײַנע אַ מאַטעמאַטישע לייזונג. גאַלואַס בריוו איז איבערגעשיקט געוואָרן אַ גרויסן געלערנטן, און יענער האָט, ניט לייענענדיק, אַרײַנגעוואָרפן אים אין מיסט־קעסטל: „אינגיכן, — האָט עס געהייסן, — וועלן קינדער אין די וויגעלעך נעמען שיקן בריוו אַהער...‟ דער געניאַלער גאַלואַ האָט נאָך לאַנג זיך געשלאָגן, ווי אַ פיש

אין אײַז, מיטן אײגענעם סײכל, אָן עמעצנס הילף, צו אַלץ דערגאַנגען און איז אומגעקומען א יונגער, אָן אומבאַװוּסטער. בלויז שפּעטער האָט װעגן אים זיך דערװוּסט די װעלט. ס׳איז גאָר א װײַטע אַנאַלאָגיע, נאָר װיטאַלי גאָלדאַנסקיס בריװ איז װי דאָס ערשטע זוימעלע געפאַלן גאָר אף אַן אַנדער באָדן.

אינגיכן האָט װיטאַלי באַקומען אַן ענטפער פון דער אַקאַדעמיע, אַז זײַן בריװ איז איבערגעשיקט געװאָרן דעם אַקאַדעמיקער לעװ מאַנוסאָװיטש שאַבאַד, װעלכער פירט אָן אין לענינגראַד מיט אײנער פון די לאַבאָראַטאָריעס באַם אַלפאַרבאַנדישן אינסטיטוט פאַר עקספּערימענטאַלער מעדיצין. און נאָך אין א פּאָר טעג אַרום האָט אַלײן דער אַקאַדעמיקער שאַבאַד אין א בריװל אים אײַנגעלאַדן צו זיך.

דאָס איז געװען אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג. ניט קײן הױכער, פולבלעכער מענטש, א געמיטלעך־רוּיִקער, מיט קורץ־געשוירענע גרוילעכע האָר האָט װיטאַלין אומגעפירט איבער א גרױסער לאַבאָראַטאָריע, װוּ אף יעדער שפּאַן זײַנען אין קאָלבעס, אונטער גלעזערנע קופּאָלס, געװען באַהאַלטן װוּנדער, געהײמניסן. ער האָט גערעדט זײער געלאַסן, דער דאָזיקער מענטש, פּונקט װי ער זאָל לײענען א לעקציע פאַר א גרױסער אַאוּדיטאָריע, נאָר געהערט האָט בלויז אײן יִינגל, אײן פּאָר קאַרע, דאָרשטיק־אופמערקזאַמע אויגן האָבן מיט ניט קינדערשן ערנסט געקוקט אף אים, אפן פּראָפעסאָר.

דערנאָך איז מען לאַנג געזעסן אין סאָד פון אינסטיטוט און געשמועסט. לעװ מאַנוסאָװיטש האָט שוין לאַנג געענטפערט דעם יִינגל אף זײַן פראַגע, נאָר ס׳האָט אים איבעראַשט, דעם אַקאַדעמיקער, װי פיל דער דאָזיקער שילער פון נײַנטן קלאַס װײסט שוין און װי דאָרשטיק ער איז צו װיסן נאָך מער.

לעװ מאַנוסאָװיטש האָט עפּשער שוין דעמלט געזען, אַז דאָס װעט ניט זײַן קײן נאָכפאָלגער. אַנדערע װײַטן האָבן גערופן דאָס יִינגל. נאָר דערװײַל, קעדײ װיטאַלי זאָל ניט בלאָנדזשען, ניט פאַרשװענדן אומזיסט קײן צײַט און קױכעס, האָט ער אים געגעבן א צעטל, װעלכע ביכער װעגן כימיע שטודירן, און אָפּגערעדט זיך טרעפן אין א יאָר אַרום, דאָס הײסט,

דעמלט, ווען וויטאַלי וועט פאַרענדיקן די שול און דאַרפן אויסקלײַבן א הויכשול אַף פאָרזעצן די בילדונג זײַנע.

פאר דעם יאָר האָט וויטאַלי ליב באַקומען כימיע. איצט איז דאָס שוין געווען דער טרוים זײַנער. אָבער אָט האָט ער פאַרענדיקט די שול, באַשטימט אָנקומען אַפן כימישן פאַקולטעט פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט. און אומגעריכט — א מעניע: לויט די טאַקאָנעס פון יענער צײַט האָט ער געמוזט עלטער זײַן אַף א יאָר, ניט זעכצן, נאָר זיבעצן, קעדיי אָנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט. אָן אַקאַדעמיקער איז געקומען אײַנשטעלן זיך פאַרן יונגינקן אַביטוריענט, בעטן אויווער זײַן אַפן קלאַל — אזא אײנער ווי וויטאַלי האָט ניט געטאָרט פאַרלירן א יאָר...

■

ער איז געווען דער ייִנגסטער אַפן קורס, און דאָך — דער קאָמיוגישער אָנפירער פונעם קורס. פול מיט לעבן, פול מיט שפרודלדיקער ענערגיע. נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט די לערע זײַנע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָטערלענדישע מילכאָמע, און ער איז מיט אַלע סטודענטן אַוועק גראָבן קעגנטאַנקען־ריוון הינטער נאָווגאָראָד. דאָ האָט אים געטראָפן דעם סוינעס א קויל. אין אַרומגערינגלטן לענינגראַד איז וויטאַלי געבראַכט געוואָרן קוים א לעבעדיקער. און ער וואָלט עפשער אומגעקומען סײַ פון דער וווּנד, סײַ פון הונגער אין דער ניט געהייצטער דירע צוזאַמען מיט דער מאַמען און דער שוועסטער, ווען דער שוועסטערס א געוועזענער לערער, ערוואַנד שעמיראָוויטש אײראַפעטיאַנץ, זאָל זיי ניט געווען ראַטעווען. אײראַפעטיאַנץ האָט אָנגעפירט מיט א מיליטערישן שפּיטאָל, ער האָט גענומען וויטאַלין צו זיך, אויסגעהיילט אים די שטאַרק פאַרלאָזטע וווּנד, געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט די גאָלדאַנסקיס.

אין א ווינטער־טאָג זײַנען די גאָלדאַנסקיס צוזאַמען מיט פיל אַנדערע עוואַקויִרט געוואָרן מיטן אײַז־וועג, דעם „וועג פון לעבן“, אַף מיזרעך, קיין קאַזאַן.

די הוילע כראָנאָלאָגיע וועט אויסזען אַזוי. אין קאַזאַן פאָרגעזעצט לערנען זיך אין אוניווערסיטעט און געאַרבעט אַלס לאַבאָראַנט אין דער

לאבאראטאריע פאר פיזישער כימיע, מיט וועלכער עס האט אנגעפירט דער מיטגליד־קארעספאנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע שימען זאלמאנאוויטש ראגינסקי. צוזאמען מיט דער דאזיקער לאבאראטאריע, א יאר פאר דעם, ווי די מילכאמע האט זיך פארענדיקט, אריבערגעפארן קיין מאסקווע, דא פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט. פארענדיקט און געווארן אן אסיסטענט באם אקאדעמיקער ניקאלײַ ניקאלײַעוויטש סעמיאנאוו, דעם אנפירער פון אינסטיטוט פאר כימישער פיזיק בא דער אלפארבאנדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, דעם לאורעאט פון דער נאבל־פרעמיע. אין אזא און אזא יאר איז וויטאלי יאסיפאוויטש גאלדאנסקי געווארן א קאנדידאט פון כימישע וויסנשאפטן, אין אזא און אזא — א דאקטאר, דערנאך — א מיטגליד־קארעספאנדענט פון דער אקאדעמיע. ער האט געזאגט זײַנס אווארט אין דער יאדער־כימיע, געשאפן זײַנע אן אייגענע לאבאראטאריע באם אינסטיטוט פון כימישער פיזיק און פארנעמט זיך מיט דערלערנען די פראצעסן, די שנעלקײַט און דעם מעכאניזם פון כימישע רעאקציעס.

ווען מע זאל וועגן דעם אלעם דערציילן גענוי, וואלט געקלעקט אף א גאנצן בוך. נאר ניט דאס האב איך איצט אין זינען. עס גייט מיט מיר באנאנד א מענטש, מיר שטײַגן מיט אים אף א בארג, א געווײנלעכן וואלקאנישן בארג, דעם קארא־דאג, און איך טראכט וועגן דעם בארג פון וויסן, אף וועלכן ער, דער דאזיקער נאך יונגער מענטש, האט זיך אופגעהויבן. און ניט וועגן דעם, וואס ער טוט דארט, אפן בארג, טראכט איך, עפעס אנדערש רעגט מיך אן — א יינגל פון וויטעבסק, א יינגל, וואס שטאמט פון הארעפאשניקעס און דענקער, איז ארופגעשטיגן אף אזעלכע הייכן — אט דאס איז אי דער וואונדער, אי די פראסטעווירקלעכקײַט פון אונדזער גרויסער היים.

1964

שלוימע ראבינאָוויטש

נײַע שטריכן

אלס זשורנאליסט קומט מיר אויס צו פארברענגען א סאך צײַט אין וועג, באזוכן שטעט און שטעטלעך, זען זיך מיט פארשיי־דענע מענטשן. אין מײַנע קורצע פארצייכענונגען וויל איך דאָ דערציילן די לייענער וועגן אייניקע באגעגענישן, וועלכע שפּיגלען אין א געוויסער מאָס אָפּ, ווי מיר שײַנט, אייניקע נײַע שטריכן פון אונדזער סאָוועטיש לעבן.

אין בערדיטשעוו

1

דער צוג איז געקומען קיין בערדיטשעוו שפּעט באנאכט. די שטאָט איז שוין געשלאָפן. בלויז אפן וואָקזאל־פּלאץ האָבן געברענט עלעקטרישע לאָמפּן און געוואָרפן א בלאסע שײַן אפן גלאטן אספאלט. טאקסי־אווטאָ־

מאָבילן זײַנען אײנע נאָך דער אנדערער אָפּגעפאָרן מיט פּאסאזשירן. איך האָב געווארט אף מײַן ריי.

— איר זײַט פון מאָסקווע? א זשורנאַליסט? — האָט זיך צו מיר געווענדט א מענטש אין די יאָרן, א הויכער, א ברייטפּלייציקער, מיט א פארברוינט געזיכט. — זעצט זיך צו מיר, אין מײַן „מאָסקוויטש". וואַלעריאן דעמידענקאָ, אונדזער שטאָט־באַלעבאָס, האָט מיך געבעטן באַגעגענען אײַך.

אפן וועג צום האָטעל האָבן מיר זיך צערעדט.

— שוין לאנג זײַט איר באקאנט מיט דעמידענקאָן? — האָט דער שאָפער מיך געפרעגט.

— איך האָב קײנמאָל אין די אויגן אים ניט געזען. די טעג האָב איך אים טעלעפאָנירט וועגן אײנעם אן איניען, דערבײַ געזאָגט, אז איך פאָר ארויס קיין בערדיטשעוו. אָבער כ׳האָב זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט, אז ער זאָל זײַן אזוי העפלעך.

— אזא מענטש איז ער שוין, אונדזער פרעדסעדאטעל.

— הייסט עס, זײַט איר א שאָפער אין שטאָט־סאָוועט? ווי רופט מען אײַך?

— אלעקסאנדער קרינפעלד הייס איך. קימאט צוואנציק יאָר האָב איך אָפּגעארבעט באם כאווער דעמידענקאָ. ערשט מיט א פאָר וואָכן צוריק האָט מען מיך ארויסבאגלייט אף פּענסיע. איר וואָלט שוין געמעגט זען, מיט וואָס פאר א פּאָטשאָט. נאָר סײַווי קום איך אהין קימאט יעדן טאָג. דער „מאָסקוויטש" איז מײַנער אן אייגענער, נאָר אז עס ווערט אמאָל אומעטיק אפן הארצן, כאפּ איך ארײַן א יאזדעלע, פאַרשטייט זיך, אף א געזעלשאפטלעכן אויפן, אָט ווי היינט, אשטייגער.

— זײַט איר א היגער א געבוירענער?

— וואָס דען? — האָט ער געענטפערט. — מײַן טאטע און מײַן זיידע זײַנען אויך געווען בערדיטשעווער. שוין דרײַסיק יאָר, אז איך פיר פּאסאזשירן. מײַן טאטע האָט אויך געפירט פּאסאזשירן. נאָר איך, ווי איר זעט, בין א שאָפער. דער טאטע אָבער איז געווען א באלעגאָלע, זײַנע פּאסאזשירן האָט ער געפירט אין א צעפּאָרענער דראָזשקע, אין וועלכער

עס איז געווען אײַנגעשפּאַנט אַן אַלטע קליאַטשע. דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן. אָבער אין דעם טאַטנס צײַטן איז אין בערדיטשעוו געווען מער באַלעגאָלעס, איידער פּאַסאַזשירן. ניט איין מאָל פֿלעגט ער קומען אַהיים מיט פּוסטע קעשענעס. זײַנע פֿאַרדינסטן האָבן געקלעקט קוים אױף בולבע מיט הערינג. א ייִד א ווערטלזאָגער, האָט ער געהאַט אַ טעווע אַרײַנשטעלן צום וואָרט און אַמאָל טאַקע ניט צום וואָרט: „גאַם זו לטובֿה!.. אַדאַנק דעם איבערשטן, האַלעווײַ אױף ווײַטער ניט ערגער".

— און ווי לעבט זיך אײַך? — פֿרעג איך.

— מיר? — האָט א שמייכל געטאָן אַלעקסאַנדער קרינפעלד. — ווערדליק ווי אַמאָל איז געווען, בין איך הײַנט א ייִד א גוויר. לויט די הײַנטיקע מאָסן אָבער בין איך א פּאַשעטער באַסער־וועדאָם, א מענטש ווי אַלע מענטשן. מײַנע כעוורע האָב איך שוין געמאַכט פֿאַר לײַט. די טאָכטער אַנע און איר מאַן זײַנען אינזשעניערן. זיי האָבן צוויי קינדער, וווינען און אַרבעטן אין ריגע. דער זון זכאַריע איז א קאַפּיטאַן אין אַרמיי. איצט לערנט ער אין א מיליטערישער אַקאַדעמיע. און איך אַליין? די פּענסיע מײַנע איז א נישקאָשעדיקע, אַפֿן לעבן קלעקט. נו, מיר האָבן זיך פֿאַרעדט. אָט איז שוין אײַער האָטעל. דאָס איז דער שענסטער האָטעל אין שטאָט.

— דער שענסטער? און וויפֿל האָטעלן זײַנען פֿאַראַן אין בערדיטשעוו?

— און אַז דערווײַל איז נאָר איינער, איז וואָס? דעמידענקאָ קלײַבט זיך אויסבויען נאָך א האָטעל. און ער איז א מענטש, וואָס וואַרפֿט זיך ניט מיט קיין ווערטער.

2

דער הויפּט־בויער — אַזוי רופֿן די בערדיטשעווער העריש כוטאָריאַנסקין. די אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט אונטער זײַן אָנפֿירונג, בויט אַלץ: וווין־הײַזער, זאַוואָדן, קינדער־שולן, קינדער־יאַסליעס, א נײַעם גרויסן מאַרק מיט געדעקטע פּאַוויליאָנען אױף דער לעניך־גאַס. אים, כוטאָריאַנ־

סקין, האָבן טאקע היפּש צו פאַרדאנקען די געוועזענע פּיסקעס — דער ראַיאָן, ווו עס האָט געלעבט, ריכטיקער, ווו עס האָט זיך געמאַטערט די בערדיטשעווער ייִדישע אָרעמשאַפט. דעם דאָזיקן ראַיאָן איז איצט ניט צו דערקענען: לאַנגע גאַסן מיט גרויסע, שיינע פילשטאָקיקע הײַזער, וועלכע דערמאָנען דעם צענטער פון א גרויסער שטאָט. דאָרט, ווו עס האָט זיך געצויגן א פוסטער פּלאַץ, פאַרוואקסן מיט פּיריי און באדעקט מיט מיסט, פונוואנען עס האָט זיך שטענדיק געשפּרייט א געשטאַנק, גע־פינט זיך איצט די שאָלעם־גאַס מיט די נײַע פּרעכטיקע, ליכטיקע הײַזער, וווהין עס האָבן זיך אָקאָרשט אַרײַנגעצויגן העכער פינף טויזנט מענטשן. די גאַס איז רײַך ניט נאָר מיט נײַע דירעס — אויך מיט נײַע מאַגאַזינען, פאַרשיידענע קולטור־שטייגערישע אנשטאַלטן. א גרויסע בויונג פירט זיך אין צאָפן־מיזרעכדיקן טייל פון בערדיטשעוו. אינעם צווייטן עק שטאָט בויט זיך דער ריזיקער קאָמפּלעקס פונעם גוס־צעך פון דעם זאַוואָד „פּראָגרעס“.

— ווי איר זעט, זיצן מיר ניט מיט פאַרלייגטע הענט, — זאָגט פּריי־לעך כוטאָריאַנסקי. — וויפל מע זאָל ניט בויען, איז אַלץ קנאַפּ. — זײַנע אויגן בליצן מאַמעש, ווען ער דערציילט וועגן די נאָענטסטע בוי־פּלענער.

הערש כוטאָריאַנסקי איז א געבוירענער פון וויניצע. אין 1954 האָט ער געענדיקט דעם בוי־אינסטיטוט און איז געקומען קיין בערדי־טשעוו. צוערשט געאַרבעט אלס טעכניקער אף א בויונג, דערנאָך געוואָרן הויפּט־אינזשעניער. די לעצטע יאָרן איז ער שעף פון דער בוי־ און מאָנ־טאַזש־פאַרוואַלטונג. ער איז אַלט סאַכאַקל 36 יאָר. ווען איך האָב אים גע־פרעגט, צי טרוימט ער ניט וועגן גרעסערע מאַסשטאַבן, איידער די בער־דיטשעווער בויונגען, האָט ער באַשיידן געענטפערט:

— ווער טרוימט דען ניט וועגן גרעסערע מאַסשטאַבן? נאָר אַוועק־פאָרן פונדאַנען וויל איך ניט, איך האָב די שטאָט אזוי ליב באַקומען, אז איך קאָן זיך שוין מיט איר ניט שיידן. מע האָט מיר דאָ ניט לאַנג געהאַט פאָרגעלייגט דעם פּאָסטן פון הויפּט־אינזשעניער פון א טרעסט אין זשיטאָמיר אָדער קיִעוו. וואָס קאָן זײַן אינטערעסאַנטער? איך האָב

לאנג געטראַכט און דאָך זיך אָפּגעזאָגט. עס איז מיר שווער אוועקצופאָרן פון בערדיטשעוו, ווײַל די אַרבעט, וואָס איך האָב דאָ אָנגעהויבן, ווילט זיך פאַרענדיקן, עס ווילט זיך זען, ווי עס זײַנען פאַרווירקלעכט דײַנע טרוימען און פּלענער.

און אַלץ איבערן געזונט

אין באָברויסק איז סטאָליערײַ, קאָן מען זאָגן, א טראַדיציאָנעלע פּראָפעסיע פון א סאַך מענטשן. אנומלטן אין דער מעבל־פאַבריק אף כאַלטורינס נאָמען האָב איך בײַם דעם מיטיק־איבערײַס געהאַט א שמועס מיטן מעבל־אַרבעטער מוישע כודיש — א מענטש אין די פופציקער, א דאַרלעכער, מיט א פּאָנעם, דורכגעאַקערט פון קנייטשן, און מיט הענט אויסגעהאָרעוועטע, אָדערדיקע. ער האָט מיר דערציילט, אז סטאָליערײַ האָט ער זיך אויסגעלערנט באַם טאַטן, און דער טאַטע — באַם זיידן.

— אײַערע קינדער זײַנען אויך סטאָליערס?

— פאַרוואָס מיינט איר, אז ניט? מײַנע זין האָבן אָנגעהויבן זייער אַרבעט טאַקע דאָ, אין אונדזער פאַבריק, אין מײַן צעך. אָט איז דער וואַרשטאַט, ווו עס האָט געאַרבעט דער עלטערער זון, שלוימע. ער איז געווען איינער פון די בעסטע. אַלע האָבן אים געלויבט אין הימל אַרײַן.

— פאַרוואָס געווען?

— זעט איר, מײַן שלוימע האָט אײנצײַטיק מיט דער אַרבעט זיך געלערנט אין אינסטיטוט. פאַריקן זומער איז ער געוואָרן אינזשעניער, האָט מען אים געשיקט אף אַרבעט אין קעמעראָווער געגנט. געפאָרן איז ער מיט גרויס כיישעק.

— און דאָס קלענערע ייִנגל?

— דער קלענערער האָט אויך געקאָנט ווערן א גוטער סטאָליער. ער האָט אויך דאָ אין פאַבריק געאַרבעט, געהאַט צו דער מעלאָכע גוטע פייִקײַטן. נאָר, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן, דאָס געזונט האָט אים געשטערט.

— כאַלילע קראַנק געוואָרן?

— גאָט באַהיט! פּאַשעט, ער פאַרנעמט זיך מיט ספּאָרט. ער איז אַ באַרעץ. אָנטיילגענומען אין פיל פאַרמעסטונגען. באַקומען דעם טיטל ספּאָרט־מײַסטער. בא מיר אין שטוב איז אַ גאַנצע וואַנט פאַרהאַנגען מיט זײַנע ספּאָרט־דיפּלאָמען. נו, איז אים קיין צײַט ניט געבליבן צו סטאָליארעווען.

— זײַט איר ניט צופרידן?

— וואָס שײַעך ניט צופרידן? אויב בא אַ באָברויסקער ייִדן אַ סטאָליער איז פאַראַן אַ זון אַ ספּאָרט־מײַסטער, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט.

כאַדזשי און אירע זיבן זין

בייס מײַן רײַזע איבער דער דאַגעסטאַנער רעפּובליק האָב איך עטלעכע טעג פאַרבראַכט אין דערבענט. אָט די אוראַלטע שטאָט ליגט צווישן דעם קאַספּישן יאַם און די דאַגעסטאַנער בערג. פונעם יאַם און ביז די סאַמע בערג ציִען זיך צוויי פאַראַלעלע געמויערטע ווענט, וועלכע האָבן אין די גאָר אַלטע צײַטן, קימאַט אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, ווי אַרײַנגענומען אין זייערע אָרעמס די שטאָט צוזאַמען מיט איר דעמלטיקער פעסטונג.

דערבענט איז איצט אַ ראַיאָנער צענטער. ער איז רײַך מיט זעלטענע היסטאָרישע דענקמעלער און נאָך מער מיט זעלטן שיינע פרוכט־סעדער און ווײַנגערטנער. דאָ ווינען אַרום פערציק טויזנט מענטשן, צווישן זיי אַ סאַך באַרג־ייִדן. טאָקע קעדיי באַקענען זיך מיט די באַרג־ייִדן, בין איך אַהער געקומען.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט בין איך אַרויס אין גאַס אויף אַ שפּאַציר. בא דער אַרויסגאַנג־טיר פון האָטעל האָב איך דערזען אַ כאַפּטע קליינוואַרג מיט שוואַרצע ברענענדיקע אייגעלעך. איינער פון זיי האָט זיך ראַשיק אַ ריס געטאָן פון אָרט און אויסגעשטרעקט מיר אַ צעטעלע.

— דאָס האָט דער טאַטע געשיקט...

אין צעטעלע לייען איך: „מיר בעטן אײַך צו זיך צוגאסט. דאָס וועט זײַן פאר אונדז א גרויסער קאָוועד. די יינגלעך וועלן אײַך ווײַזן דעם וועג. יאקאָוו זארבאיִלאָוו".

מיט דעם מענטשן האָב איך זיך באקענט אין קאָלווירטישן ווײַנ־גאָרטן, ווו ער ארבעט אלס טראקטאָריסט. דאָס איז ער טאקע דער טאטע פון אָט דער כאָפּטע — עלף יינגלעך, קיין אײַנהאָרע...

אין א צען מינוט ארום בין איך אין דער באגלייטונג פון יינגלשן עסקאָרט שוין געווען אף לענין־גאס, 29, בא יאקאָוו זארבאיִלאָוון אין דירע.

א גרויס צווייִשטאָקיק הויז. א געראַומער הויף. ארום אים — א פּרוכט־סאָד. דער באלעבאָס באגעגנט מיך באם טויער. ער באקענט מיך מיט זײַן מוטער כאדזשי. אן אלטע פרוי, איר פּאָנעם פול מיט קנייטשן, די הענט — גרויסע, אויסגעהאָרעוועטע. מע זעט גלײַך, אז דאָס איז א מענטש, וואָס האָט דורכגעמאכט א גרויס, ניט גרינג לעבן. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געשטאָרבן איר מאן. זי, ווי אלע אלטע לײַט, באקומט א פּענסיע.

— ווי רוט זיך עס אײַך אף דער עלטער? — פרעג איך זי.

— זייער גוט, — ענטפערט זי, — נאָר אונדזערע זקיינים זאָגן: „דאָס לעבן איז ווי געזאלצן וואסער — וואָס מער מע טרינקט, אלץ מער איז מען דאָרשטיק". אין דער איצטיקער צײַט, ווען עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אזא פײַן לעבן, ווער קאָן דאָס זיצן מיט פארלייגטע הענט. עס ווילט זיך עפּעס אופטאָן. אין קאָלווירט ארבעטן איז שוין, פארשטייט זיך, שווער־לעך, נאָר אָט אָ־די קונדייסים, — זי ווײַזט אף דער כאָפּטע שווארצהאָ־ריקע יאטלעך, — מײַנע אייניקלעך אופציִען און אין שטוב אכטונג געבן — דאָס קאָן איך נאָך.

די אלטע כאדזשי פירט מיך ארום איבערן הויז. דאָ וווינען אירע זיבן זין, זעקס פון זיי האָבן זייערע אייגענע געזינדן. בא יאקאָוון — עלף קינדער, בא אווראַמען — דרײַ, בא גליאדן — זעקס, בא יאקובן — פיר, בא שײַען — אויך פיר, בא כאנאנען — זיבן.

— און דער זיבעטער?

כאַדזשי ווײַזט מיר זײַנע צימערן. גרויסע, ליכטיקע. אַלץ איז דאָ נײַ — דאָס מעבל, טעפּעכער, דער ראַדיאָ־אָופּנעמער, די ביכער־שראַנקען און... דאָס קינדער־בעטל.

— ווּ איז ער אַליין, דער זון?

— דאָ וועט וווינען מײַן ייִנגערער זון, אילגאַרא, — זאָגט זי, — איצט דינט ער אין דער סאָוועטישער אַרמיי. אינגיכן קומט ער צוריק אַהיים, וועלן מיר אים כאַסענע מאַכן. זײַן קאַלע קאָן זיך שוין ניט דערוואַרטן. מיר, עלטערע מענטשן, האָבן די טעווע צו באַזאָרגן אַלץ באַצײַטנס, בין איך אַוועק און געקויפט אַ וויגעלע...

ווען כאַדזשי איז אַרויס אין קיך גרייטן דעם אָוונטברויט, האָט יאַקאָוו מיך באַקענט מיט זײַן פרוי סאָרע — אַן עמעסע מיזרעכדיקע שיינהייט, מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ.

— געפעלט אײַך אונדזער הויז? — פרעגט מיך סאָרע. — מיר אַלע צוזאַמען האָבן עס געבויט און אַלע צוזאַמען וווינען מיר דאָ. אין אונדזער געגנט וווינען פיל מענטשן מישפּאָכעסווײַז — אַזאַ טראַדיציע איז דאָ, און, ווי איך מיין, אַ גוטע טראַדיציע.

יאַקאָוו און סאָרע באַווײַזן מיר זייערע צימערן. מאָדערן מעבל, געראַם און זייער געמיטלעך. בלויז דער אַלגעמיינער זאַל, ווו עס קומט זיך צונויף די גאַנצע מישפּאָכע, איז אויסגעפּוצט אפן מיזרעך־שטייגער. דאָ זײַנען פאַראַן אַזעלכע שיינע טעפּעכער, וואָס יעטווידער קאָלעקציאָנער, מיין איך, וואָלט פון זיי געווען אַנציקט. אפן דיל ליגן דיקע וואָלענע מאַטראַצן און פײַן־אויסגענייטע קישעלעך.

די זיבן ברידער — די זאַרבאַילאָווס — האָבן אין קאָלווירט אַ שעם פון מיזאַמע מענטשן. זיי אַרבעטן אויסגעצייכנט. און אַז מע אַרבעט גוט, פאַרדינט מען גוט.

די אַלטע כאַדזשי האָט פאַרבעטן צום טיש. באַ אַ גלעזל געשמאַקן קאַווקאַזער ווײַן האָט זיך פאַרבונדן אַ לעבהאַפטער שמועס. בייס דעם שמועס דערציילט כאַדזשיס עלטערער זון כאַנאַן:

— אף אונדזער לענין־גאס וווינען א סאך קאַלכאָזניקעס. בעערעך א העלפט פון זיי האָט די לעצטע צײַט געפּראוועט כאנוקאס־האבאיס.

דערנאָך האָט מען גענומען ריידן וועגן כאסענעס און געציילט, וויפל נײַע פּאָרלעך זײַנען צוגעקומען. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז בלויז אין דעם קאָלווירט, ווו עס ארבעטן די זארבאיִלאָווס, זײַנען פאַריקן יאָר געווען פינף און פערציק כאסענעס.

— און וויפל געטן? — האָט עמעצער אין א שפּאס א פרעג געטאָן.

מע האָט גאנץ ערנסט, אָן שום שפּאס גענומען זיך דערמאָנען. ווײַזט זיך ארויס, אז פארן גאנצן יאָר איז געווען ניט מער ווי איין געט...

אָט דעם פאקט האָט מען לאנג ארומגערעדט, ווײַל אין די היגע מעקוימעס זײַנען אין די אמאָליקע צײַטן געטן געווען זייער אן אָפּטע דערשײַנונג. אף מײַן פראגע „פארוואָס?‟ האָט געענטפערט אווראָם:

— ביז דער רעוואָליוציע האָט דאָ געהערשט זייער אן אײַנגעוואָרצלטער מינהעג פון פריִע כאסענעס. אונדזער מאמען האָט מען, ווי זי דערציילט, כאסענע געמאכט צו צוועלף יאָר. דער טאטע איז צו דער כאסענע אלט געווען דרײַצן יאָר. אז א יִינגל פלעגט ווערן בארמיצווע, פלעגט ער זיך שוין רעכענען פאר א רײַפן כאָסן. געוויינלעך פלעגט אויסקומען אָנטאָן גלײַכצײַטיק טפילן און א טאלעס... די סיבע איז פארשטענדלעך: דאָס לעבן איז געווען שווער, האָט מען געוואָלט וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון איבעריקע עסערס. אונדזער מאמע איז געווען בא אירע עלטערן דאָס צענטע קינד.

פון דעם שמועס באם טיש האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אז די דערבענטער בארג־ייִדן — דויר־דוירעסדיקע ווײַנציכטלער — לעבן קולטורעל און פארמעגלעך. די יוגנט ווייסט בלויז פון די דערציילונגען פון די זיידעס און באָבעס, אז אמאָל איז אין דערבענט געווען א „ייִדישע סלאָבאָדקע‟, ווו אין די וווינונגען האָט קיינמאָל ניט ארײַנגעקוקט קיין זונשטראל, ווו אין די פינצטערע כורוועס האָט געהערשט שרעקלעכער דאָלעס, שמוץ און קרענק. די היגע ייִדישע קאָלווירטניקעס זײַנען איצט זייער כאָשעווע מענטשן אין דערבענט. קימאט אלע וווינען זיי אין אזעלכע

גרויסע און ווייל־איינגעאָרדנטע הייזער, ווי די מישפּאָכע זארבאַילאָווס. מער פון הונדערט מיטגלידער פון אָרטיקן קאָלווירט זיינען באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן. פאַראַן צווישן זיי אויך העלדן פון סאָציאַליס־טישער מי.

אָט דאָס אַלץ האָבן מיר דערציילט כאַדזשיס זין.

מוסיע מיט זיין פידעלע

די דאָזיקע געשיכטע האָב איך געהערט אין צוויי שטעט: אין קראַסנאָ־דאַר און אין בעלץ.

געווען בא טאַטע־מאַמע א יינגעלע. געהייסן האָט עס מוסיע. א קינד ווי אַלע קינדער, נאָר מיט א געבענטשטן מוזיקאַלישן געהער. ער איז נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען, ווי ער האָט גענומען אויספּויקן מיט די פינגערלעך א נאָרוואָס געהערטן ניגן. האָט מען אים געקויפט א פידעלע. צו פינף יאָר האָט ער שוין געגעבן עמעסע קאָנצערטן אין קינ־דערגאָרטן. און ווער עס האָט געהערט מוסיעס קאָנצערטן, האָט פאָרויס־געזאָגט, אז עס וואַקסט א סטעמפּעניו.

עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. מוסיעס טאַטע, דער בעלצער דאָקטער וולאַדימיר פינקענזאָן, האָט צוזאַמען מיט זיין געזינד באַצייטנס זיך עוואַקוירט. דער עוואַקואַציע־שטראָם האָט אים פאַרטראָגן צו דער סטאַנציע אוסט־לאַבינסק, קראַסנאָדאַרער קאַנט. ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אין היגן שפּיטאָל אַלס כירורג. דער עלפיאָריקער מוסיע איז געגאַנגען אין שול און אין די פרייע שאָען געשפּילט פידל. אין די אָוונטן פלעגן קומען הערן זיין שפּילן קליין און גרויס, די גאַנצע סטאַניצע.

1942. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אוסט־לאַבינסק. דעם כירורג פינקענזאָן לייגט מען פאָר עוואַקוירן זיך, אָבער ער האָט באַ־שטימט פריער אָפּערירן אייניקע שווער־פאַרוווּנדעטע רויטאַרמייער. אָט אזוי, ווען ער איז געשטאַנען באַם אָפּעראַציע־טיש, אין ווייסן כאַלאַט, מיטן סקאַלפּעל אין די הענט, האָבן זיך צו אים אַריינגעריסן די נאַציס־

טישע מערדער. די פּאַרוווּנדעטע זײַנען אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין א פינצטערן קעלער. אהין האָבן די טאַליאַנים אַרײַנגעשטויסן אויך דעם דאָקטערס געזינד און אַנדערע יִידישע מישפּאָכעס.

שוין אָפּן צווייטן טאָג האָט הינטער דער סטאַניצע, לעבן א שיטער וועלדל, זיך אָנגעהויבן די שוידערהאַפטע האַריגע. די אומגליקלעכע מענטשן זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן בא די אָפענע גריבער, און די מערדער האָבן געשאָסן אין זיי. מוסיע האָט געזען, ווי א קויל האָט גע־טראָפן דעם טאַטן, די מאַמע. א ביקס האָט זיך געצילט אין אים. האָט ער פעסט צוגעדריקט צו זײַן ברוסט דאָס פידעלע. דאָס האָט דערזען דער היטלעריסטישער אָפיצער, האָט ער באַפוילן: „נישט שיסן!" און צו מו־סיען האָט ער אויסגעשריִען: „אַנו, קליינער, שפּיל אָף דײַן פידעלע! זאָל זײַן פריילעך!" מוסיע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דער הענקער האָט איבערגעכאַזערט זײַן באַפעל. מוסיע האָט זיך באַהערשט, עטוואָס אופּגע־הויבן דעם קאָפּ, געוואָרפן א בליק אָף דער שטראַלנדיקער הייסער זון, אָף די מענטשן, אָף וועלכע עס האָבן געלויערט די ביקסן־לעכער. מיט א האַסטיקער באַוועגונג האָט ער צוגעדריקט צום קין דאָס פידעלע און א פיר געטאָן מיטן סמיטשעק איבער די סטרונעס. איבערן סטעפּ האָבן זיך צעגאָסן די פײַערלעכע קלאַנגען פונעם „אינטערנאַציאָנאַל". צענדליקער שטימען פון די סאָוועטישע מענטשן האָבן אונטערגעכאַפּט: „שטייט אוף, איר אלע, ווער, ווי שקלאַפן..." דער צערייצטער אָפיצער האָט זיך צע־ריטשעט, ווי א ווילדע כײַע, און א האָגל קוילן האָט איבערגעריסן די קלאַנגען פון פידעלע און דאָס געזאַנג פון די מענטשן. מיט א העלדן־טויט, ווי א סאָלדאַט, איז געפאַלן אויך מוסיע. לעבן אים איז געבליבן ליגן זײַן פידעלע...

אין בעלץ האָט מיך אָן אַלטע לערערן אײַנגעלאַדן אָף א פּיאָנע־רישן שײַטער, וואָס איז געווען געווידמעט די יונגע העלדן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. א מיידעלע פון א יאָר עלף־צוועלף האָט גערעדט וועגן מוסיע פינקענזאָן ווי וועגן א לעגענ־דאַרן העלד.

„אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלעמען“

באַ די ברעגן פונעם טײַך דניעסטער ליגט צעשפּרייט די שיינע, אין גרינס אײַנגעהילטע מאָלדאַווישע שטאָט טיראַספּאָל. געקומען בין איך אַהער, קעדיי באַקאַנען זיך מיט דער היגער ניי־פאַבריק, וועגן וועלכער איך האָב זיך אָנגעהערט אָן אַ שיר שוואָכים בייס מײַן רײַזע איבער מאָל־דאַוויע. „דאָס פּרויען־קיניגרײַך“ — אַזוי רופן אַלע מיט ליבשאַפט די דאָזיקע אונטערנעמונג.

מיט וואָס איז די פאַבריק אַזוי באַרימט?

אין קאַבינעט פונעם הויפּט־אינזשעניער סאָניע טשאַוסקאַיאַ האָב איך געזען אַף דער וואַנט אַ מאַפּע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. טיראַספּאָל איז אַף דער מאַפּע פאַרבונדן דורך רויטע ליניעס מיט צענדליקער שטעט, פונוואַנען עס קומען דעלעגאַציעס צו דערלערנען די דערפאַרונג פון דער ניי־פאַבריק „40 יאָר אַלפאַרבאַנדישער לענינישער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד“.

מיט וואָס טיילט זיך אַזוי אויס די דערפאַרונג פון דער פאַבריק, וואָס אַזויפיל מענטשן קומען זי דערלערנען?

איך בין געגאַנגען פון צעך צו צעך, געשמועסט מיט געוויינלעכע אַרבעטערנס, מיט אינזשעניערן און טעכניקער. איך האָב געוואָלט דער־גרונטעווען זיך צום סאָד, פאַרוואָס די פאַבריק איז אַזוי פּאָפּולער ניט נאָר אין טיראַספּאָל, אַפילע ניט נאָר איבער גאַנץ מאָלדאַוויע. און דער סאָד האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַלץ בוילעטער און שאַרפער. ער באַשטייט דעריין, וואָס אינעם געזעלשאַפטלעכן און פּראָדוציר־לעבן פון דער אונטערנעמונג האָט זיך קרעפטיק אײַנגעזאַפּט דאָס, וואָס איז אינעם לעצטן יאָרצענדליק געוואָרן אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער סאָוועטישערווירקלעכקײַט.

...אַף איינער אַ פאַרזאַמלונג פונעם גרויסן, קימאַט פירטויזנטקעפּיקן קאָלעקטיוו פון דער פאַבריק איז געגאַנגען אַ דיסקוסיע איבער דער פראַגע: „ווי דאַרף אויסזען אונדזער מענטש פון דער נאָענטער צוקונפט?“ אַלע זײַנען מאַסקים געווען מיטן געדאַנק, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ מענטש

מיט הויכער בילדונג, מיט א רײַכער קולטור. און די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן: אַלע מיטגלידער פונעם פאבריק־קאָלעקטיוו דאַרפן זיך לערנען.

הײַנט צו טאָג איז די לאַגע אַזאַ: העכער טויזנט אַרבעטערנס פון דער ניי־פאַבריק פאַרמאָגן מיטלע און הויכע בילדונג, הונדערטער אַרבע־טערנס לערנען זיך אין טעכניקומס און אינסטיטוטן.

ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס גראָד דאָ ווערן געבוירן די וויכטיק־סטע נײַסן אין דער סאָוועטישער ניי־אינדוסטריע. טאַקע אין די ווענט פון אָט דער אונטערנעמונג, וועלכע האָט איינע פון די ערשטע אין לאַנד באַקומען דעם טיטל „קאָלעקטיוו פון קאָמוניסטישער מי", איז געבוירן געוואָרן דער נײַער פּראָגרעסיווער מעטאָד פון צושנײַדן א בעגעד אַזוי, אַז עס זאָל ניט בלײַבן קיין ברעקל אָפּפאַל. אָט דער מעטאָד, וואָס שפּאָרט אײַן א סאַך מעלוכישע מיטלען און פאַרמערט אין לאַנד די רעזערוון צײַג, איז איצט פאַרשפּרייט קימאַט אין אַלע סאָוועטישע אונטערנעמונגען.

...אפן טאָוול פון מעלדונגען לייען איך:

„לויטן באַשלוס פון דער פּראָפאַריינישער אָרגאַניזאַציע ווערן אין פאַבריק ליקווידירט אַלע כאַווערישע געריכטן".

איך פרעג באַם פאָרזיצער פון פאַבקאָם, פאַרוואָס ליקווידירט איר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַרופן צו שטיין אױף דער וואַך פון דער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג?

זי ענטפערט אױף דער פראַגע מיט א פראַגע:

— און אױף וואָס דאַרפן מיר זיי, די געריכטן, ווען קיין שום נייטיקײַט איז אין זיי ניטאָ? אַז עס זײַנען ניטאָ קיין זינדיקע, איז ניטאָ וועמען צו מישפּעטן און שטראָפן. איך זע אין אײַערע אויגן אַן אויסדרוק פון כידעש. איז גייט, זײַט מויכל, אַרײַן אין גרויסן זאַל פון נאָענטסטן ניי־צעך, אין דער טיר, וואָס אױף רעכטס, וועט איר זען עפּעס שיינס און וועט זיך אופ־הערן צו כידעשן.

ווען איך בין אַרײַן אין זאַל, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן א בילד, וועגן וועלכן איך האָב שוין לאַנג געהערט דערציילן און אפילע

געלייענט וועגן דעם אין דער פּרעסע, נאָר קאַלזמאַן איך האָב עס אַליין ניט געזען, האָט זיך מיר דאָס ווייניק געגלייבט...

אינמיטן זאָל איז געשטאַנען א געוויינלעכער שרײַבטיש, אַף אים — אַן א שיר פּעקלעך אסיגנאַציעס. באַנאַנד מיט זיי — רעשימעס פון די אַרבעטער. בא יעדער פאַמיליע פון לינקס — צוויי־ און אפילע דרײַצאָ־ליקע ציפער. די פאָרזיצערן פון פאַבקאָם זאָגט מיר: „הײַנט צאָלט מען געהאַלט. באַלד ענדיקט זיך די וואכטע, וועט איר זען, ווי די אַרבעטערנס באַקומען געהאַלט אַן א קאסיר". און איך האָב געזען. איינע נאָך דער צווייטער גייען די אַרבעטערנס צו צום טיש. זיי געפינען אין די רעשימעס זייערע פאַמיליעס, שרײַבן זיך אונטער און נעמען פאַר זיך פון טיש פונקט אזא סומע, וויפל עס איז אָנגעוויזן אין דער רעשימע.

איך וואַרף א בליק אַף מײַן באַגלייטערן. זי פאַרשטייט מײַן בליק אַן ווערטער און ענטפערט:

— נייך, עס איז ניט געווען נאָך קיין איין פאַל, אז עמעצער זאָל נעמען כאָטש איין איבעריקע קאָפּעקע.

...פאַרנאַכט־צו בין איך געווען אַף אַן אָוונט פון יוגנט אין פאַבריק־קלוב. אין בופעט — קיין שום פאַרקויפער. ווער עס וויל, נעמט זיך פון טיש, וואָס זײַן האַרץ גלוסט. דאָס זעלבע אין קלוב־קיאָסק — כעוורע קלײַבט זיך אָפּ ביכער, זשורנאַלן, סוווענירן אאוו. צום סאָף פונעם אָוונט רעכנט יעדער איינער אויס, וויפל עס קומט פון אים אין בופעט און אין קיאָסק. די אַנטשפּרעכיקע סומע לייגט ער אַליין אַרײַן אין קאַסע. קיינער פרעגט בא אים גאָרנישט. און דער כעזשבן אין קאסע שטימט שטענדיק.

פולער צוטרוי צום מענטשן — מיט דעם איז דורכגעזאַפּט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער פאַבריק. באַם אַרײַנגאַנג אין פאַבריק הענגט א טראַנספּאַראַנט, אַף וועלכן עס זײַנען אויסגעמאָלט מיט גאָל־דענע אויסיעס די ווערטער: „אונדזער מאָראַל איז — אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען". געגעני דערציילן, וויאַזוי דאָס ווערט פאַרווירק־לעכט אין לעבן, איז אומעגלעך, ווען מע זאָל אפילע אָנשרײַבן וועגן דעם א דיקן בוך. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איין קלײנינקן און עפשער אומ־באַדײַטנדיקן, נאָר כאַראַקטעריסטישן פאַקט. די כאַסענעס פון יונגע

מײדלעך פֿראַוועט דער פֿאַבריק־קאָלעקטיוו. די כאַסענעס קומען פֿאָר אינעם פֿאַבריק־קלוב. און אויף אַזאַ כאַסענע שענקט מען דעם יונגן פֿאָרפֿאָלק אַזויפֿיל מאַטאָנעס, אַז קיין שום דראָשע־געשאַנק אויף דער רײַכסטער כאַסענע קאָן זיך מיט דעם ניט פֿאַרגלײַכן.

צי לוינט דאָ צוגעבן, אַז אַזעלכע אונטערנעמונגען, אַזאַ פֿײַנע און פֿילבאַרע באַציִונג צום מענטשן, אַזאַ קרישטאָל־ריינע און ציכטיקע ערלעכקײַט פֿונעם פּאָשעטן אַרבעטער האָב איך געזען אין זייער און זייער פֿיל שטעט און ייִשובֿים פֿון לאַנד — אין מינסק, אין קיִעוו, האָמעל, באָברויסק, טשערנאָוויץ און נאָך און נאָך.

1964

מייער יעלין

א פארצייכענונג וועגן א דירעקטאָר

כ'וועל זיך מיסוואדע זײַן: שוין א געוויסע צײַט, ווי איך טראָג מיך ארום אין די געדאנקען מיט א קאָנקרעטער טעמע, האלט, ווי מע זאָגט, „אפּן אויג” א מענטשן, וועגן וועמען ס'איז אויסגעקומען צו הערן און וועמענס דערפאָלגרײַכע פּראָדוציר־טעטיקײַט איז אנערקענט און ניט איין מאָל עפנטלעך געלויבט געוואָרן. דאָ ניט לאנג האָט מען אים אָנגעטרויט דעם דירעקטאָר־פּאָסטן פונעם ערשטן און גרעסטן ליט־ווישן ווערקשטעל־זאוואָד „זשאלגיריס” אין נײַ־ווילייקע, א פאָרשטאָט פון ווילנע. דערצו זײַנען מיר צופעליק געוואָרן שכיינים: באקומען נײַע דירעס אין צוויי אָקאָרשט אויסגעבויטע איינס לעבן אנדערן גרויסע, מאָדערנע הײַזער. האָב איך זיך קימאט א נײדער געגעבן: די ערשטע

פאַרצייכענונג, וואָס כ'וועל איצט שרײַבן, מוז זײַן געווידמעט דעם דאָזיקן מענטשן, דעם נײַעם שאַכן מײַנעם.

אין איינעם א טאָג, גענוי ניט ווייסנדיק, אין וועלכער דירע ער וווינט, האָב איך א שפּאַן געטאָן איבער די טרעפּ און זיך אָנגעשטויסן אין דער אויפשריפט בא א טיר־גלעקל: „ביכאָווסקי“. נאָר די טיר איז געבליבן טויב צו מײַן קלינגען. כ'טעלעפאָניר אַפּן זאַוואָד, בעט פארבינדן מיטן דירעקטאָר.

— אין אורלויב ביזן פופצעטן אווגוסט, — ענטפערט העפלעך א ליבע מיידל־שטים.

אָבער איך ברען שוין מיטן פארלאנג זיך נעמען צו דער ארבעט. דארף מען זיך דערוויסן אַפּן זאַוואָד, ווו דער דירעקטאָר רוט אָפּ. אויב ניט זייער ווײַט, קאָן מען צופאָרן.

אינעם טעלעפאָן־טרײַבל רופט זיך אָפּ די זעלבע פרײַנטלעכע מיידל־שטים:

— מע ווייסט ניט, ווו דער דירעקטאָר רוט.

קלינג איך צום פארטרעטער פונעם דירעקטאָר. און ווידער אָן רעזולטאטן.

דערקלער איך, וועגן וואָס עס האנדלט זיך. אָבער אַף יענער זײַט טעלעפאָן־דראָט איז מען גלײַכגילטיק, אײַנגעשפּארט — מע ווייסט ניט, און שוין.

פאלט מיר אײַן: ווי וואָלט געווען, ווען מע זאָל אָנשרײַבן א פארצייכענונג וועגן א דירעקטאָר, ניט קענענדיק אים פערזענלעך, ניט האָבנדיק אים אפילע געזען. אָנשרײַבן אויסשליסלעך אַפּן סמאך פון דעם, וואָס זײַנע מיטארבעטער וועלן דערציילן; אַפּן סמאך פון אײַנדרוקן, וועלכע מע קען זיך פארשאפן אין זאַוואָד, מיט וועלכן ער פירט אָן? בייס־מײַסע ווער איך באגײַסטערט פון דעם דאָזיקן אײַנפאל, מאך שוין פלענער פאר דער קאָמפּאָזיציע... נאָר דאָ קילט זיך אָפּ מײַן קוראזש: ווי קאָן מען זאמלען מאטעריאל, שרײַבן וועגן א מענטשן, ניט האָבנדיק פון אים די האסקאָמע? און צו קאָן מען אויסשעפּן דעם פּאָרטרעט פון א מענטשן בלויז מיט זײַן פּראָדוציר־טעטיקײַט?

מאך איך נאָך א פּרווו בא ביכאָווסקיס דירע.

ווי נאָר כ'בין אָפּגעטראָטן פון דער איינגעאַקשנט־שטומער טיר, הייבט זיך ארוף אַף די טרעפּ עפּעס א באָכערל און טוט אומדרייסט א שטאַמל:

— ווינט דאָ ניט אמאָל... כ'דאַרף צום דירעקטאָר פון „זשאַלגיריס", צום כאַווער ביכאָווסקי.

דעם באָכערלס גלייך־שווארצע אויגן, ווי זיי וואָלטן פרעגן: „עפּשער זייט איר עס?"

איי'ל איך צעשטרייען זיין כשאַד:

— ווינען ווינט ער דאָ, אָבער די דירע איז פארשלאָסן.

— יאָ, ער איז אין אורלויב, — מאַכט דאָס באָכערל, — כ'בין געווען אין זאַוואָד. געהערט, אז מע האָט אים נעכטן געזען אַף דער אָפּרו־באַזע פונעם זאַוואָד... אין גולבינײַ...

ווער איך שוין אָנגעשפּיצט:

— גולבינײַ, זאָגט איר?

א קלונג אַף דער אווטאָבוס־סטאַנציע. כ'לעבן, פאַראַן אזא מאָקעם! ניט ווייַט פון ווילנע. אין א האַלבער שאָ ארום גייט אָפּ א מאַשין.

די מאַשין האָט מיך פּאַרפירט אין א זייַט. און דאָ ווידער, ניט וויסנ־דיק געגנוי, וואָס איך זוך, האָב איך געגומען בלאָנדזשען צופוס...

ס'איז זוניק, לויטער, וואַרעם. דאָס אויסגעטראָטענע סטעזשקעלע פירט פאַרבײַ הויך־אופגעגאַנגענע קאָרנפעלדער און קאָלווירטישע פער־מעס, פאַרבײַ זאַפּטיק צעגרינטער קוקורוזע און לאָנקעס, אַף וועלכע עס פאַשען זיך סטאַדעס קי. א שטיל וואַסער־שנירל האָט ארויסגעטויכט פון א ביימער־געדיכטעניש און דערפירט צו שטאָכים, פאַרוואַקסענע מיט קאַמיש, און צו אַן אָזערע... א פּאָרל, וואָס פּראַוועט באַם ברעג היסבוי־דעדעס, שטער איך מיט מייַן אָנקום. ביידע זייַנען אָבער גרייט מיך ארויסצוהעלפן, דערקלערן זייער אויספירלעך, ווי כ'קאָן קומען צום ציל. איך פאַרקערעווע, ווי זיי האָבן אָנגעוויזן, פאַרנעם זיך מיטן שטײַגן ברעג אָזערע. באַלד טוט א שימער אין דער ווייַט א מאָדערנע צווייִשטאָקיקע געבײַדע, אָפּגעפאַרבט אין רויט, בלוי, געל. אפן הויכן אנטקעגנדיקן

ברעג טוקט זי זיך אין גרינס, באָדט זיך אין זון. מענטשן זעען זיך אונטן אפן פּליאזש. דאָס איז עס!

אַלץ גוט און פיַין. כ׳בין דאָך אָבער קלאָר ניט זיכער, אז כ׳געפין דאָרט דעם געזוכטן מענטשן. נעכטן איז געווען זונטיק. מאַלע־וואָס א דירעקטאָר טוט זונטיק אף דער אָפּרו־באַזע פון זיַין אונטערנעמונג. נאָר עפשער וועט מען דאָרט אָנטאַפּן עפּעס א פאָדעם! כ׳וועל פארינטריגירט. עס גייט שוין אין אמביציע, אין א געוויסן אזארט: אויספּרווון מיַינע דעטעקטיוו־פייִקייַטן.

אונטן רונצלט זיַין איבערפלאַך א גרוי־גרין וואסער, אין וועלכן עס שווענקען זייערע האָר־פּאטלעס אַלטע ווערבעס. דאָס וואסער פליעסקעט ריטמיש דעם ברעג אין בעקל. ווו־ניט־ווו לאָזט דער שטיַילער ברעג־שיפּוע אראָפּ געלע ליים־טעפּעכער ביז אין וואסער אריַין. אויבן, הארט באם בארג־אָפּהאנג, אין שאָטן פון געדיכטע סאָסנעס האָבן מענטשן אויס־געטראָטן א וואלד־וועג. איך שפּאן איבער אים. רייכעס פון איבערגע־טריקנטע נאָדלען פארשיקערן. פייגלען זיַינען זיך הילכיק מעסאמייעך. זון־העזעלעך גאנווענען זיך אדורך די צוויַיגן, ציטערן אף קופּערנע שטא־מען פוןביימער, באהאלטן זיך אינעם גראָז... איך גיי, איך גיי. אויב איך געפין אָבער ניט, וועמען איך זוך? מיילע. א בעעמעס וווּנדערלעכן שפּא־ציר וועל איך האָבן צו פארדאנקען מיַין באגער צו שריַיבן וועגן בי־כאָווסקין.

באם ערשטן מענטשן, וואָס איך טרעף אף דער טעריטאָריע פון דער אָפּרו־באזע, פרעג איך זיך נאָך אפן דירעקטאָר.

א מיטליאָריקער, מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער גיבער אין טרו־סיקעס, מיט א פרישן ראָזלעכן זון־בראנד אף די פּלייצעס, אפן פארהאר־טעווועטן פּאָנעם, אף דער ברוסט, — טוט א שמייכל.

— ביכאָווסקי, מוישע ביכאָווסקי, — שטעלט ער זיך פאָר אף מאמע־לאָשן.

צופאלן! צופאלן! ווי אין די מיַיסע־ביכער. דערצו פיל איך, אז מע ווייסט, ווער איך בין. ביכאָווסקי אנטשולדיקט זיך, וואָס ער איז מיך מעקאבל אין אזא הוילעך. לאָדט איַין אף דער וועראנדע.

בייס מיר לאָזן זיך אראָפּ אין באקוועמע דאטשע־שטולן, האלט ער מער ניט איין זײַן נײַגער:

— וויאזוי האָט איר זיך דערוווסט? געוואָלט כאָטשבי א טאָג צען אויסשליסן זיך פון אלץ, אויסבאהאלטן זיך פון גאָר דער וועלט, פון אינ־יאָנים, וועלכע מע קאָן דערליידיקן אָן מיר, און פון... קאָרעספּאָנדענטן.

ביכאָווסקי האָט געשמאַק זיך פאנאנדערגעלאכט, בייס איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל וויסן זײַן איינמאָל פאר אלעמאָל, אז פון פען־מענטשן איז ניטאָ קיין מאָקעם־מיקלעט ניט אף דער, ניט אף יענער וועלט. דער־הערט, וועגן וואָס עס האנדלט זיך, האָט ער זיך גענומען אנטקעגנשטעלן:

— אָבער, ליבער פרײַנט, פארוואָס דאפקע וועגן מיר? איך וועל אײַך בעסער אָנווײַזן אויסגעצייכנטע ארבעטער — גיסער, טאָקער, טערמיסטן, שלײַפער. אָט די מענטשן האָבן ווירקלעך פארדינט, מע זאָל שרײַבן וועגן זיי.

— דאָס מאָל איז מײַן טעמע — א דירעקטאָר.

— דאַן ביטע, ביטע, — כאַפּט זיך ביכאָווסקי אָן און נעמט אויסרע־כענען א ריי קאָלעגן זײַנע, דירעקטאָרן, וועמען עס גייט גוט אף דער ארבעט.

— איר ווײַזט מיר, אזוי צו זאָגן, ווו א גוטער ייִד וווינט. זאָגט מיר, מיט וואָס זײַט איר א שלעכטער ייִד? און ווי קוקט איר אף אזא טעמע: פון אַן ארבעטער ביז צו א דירעקטאָר פון א ווערקשטעל־זאוואָד...

ביכאָווסקי האָט צוגעזשמורעט די אויגן. די קנייטשן אין דער האר־טער הויט בא די אויגן־ווינקלען זײַנען טיפער געוואָרן. ער האָט זיך אינערלעך קאָנצענטרירט, ווי וועלנדיק זיך אין עפּעס דערמאָנען, און איך האָב ווײַטער געטײַנעט דאָס מײַניקע:

— מע האָט אײַך געשיקט אף „זשאלגיריס“, מאכמעס דאָ האָט א לענגערע צײַט זיך עפּעס ניט געקלייעט. איר האָט ארופגעפירט די אר־בעט אף א דערעך. מע ווייסט דאָך, אז די אונטערנעמונג פילט שוין אויס די מעלוכע־פּלענער. אָט האָב איך געלייענט אין דער פּרעסע, אז איר האָט פארנומען דאָס צווייטע אָרט אין דעם רעפּובליקאנישן פארמעסט פון

קרויווישע אונטערנעמונגען. וויאַזוי איז דאָס געלונגען? עפּשער א שלעכטע טעמע פאר א פאַרצייכענונג?

ביכאָווסקי האָט אַלץ פאַרטראַכטערהייט געשוויגן. איך בין אויך שטיל געוואָרן.

— רעדט, רעדט, — האָט ער א שמייכל געטאָן.

— ניין, איצט וויל איך אײַך געבן דאָס וואָרט.

ער האָט מאַסקים געווען, אָבער מיט איין באַדינג, איך זאָל אויך אַראָפּוואַרפן פון זיך די ציוויליזאַציע, אַראָפּגיין צוזאַמען אַפּן ברעג, זיך אָפּבאָדן, דערנאָך, אין שאָטן פון א נידעריק אַראָפּגעבויגענער סאָסנע־קרוין...

פון ביכאָווסקיס דערציילונג קאָן מען אָט וואָס דריבגען.

ווען אײַך פעלט א יאָר צו פופציק און איר האָט זיך דערוואָרבן א פּאָזיציע אין לעבן: איר זײַט א דירעקטאָר פון א גוט אַרבעטנדיקן זאַ־וואָד, איר ווערט אָן אופהער פּרעמירט, באַלוינט מיט אויסצייכענונגען און ערן־גראַמאָטעס; ווען איר האָט א פּרעכטיקע דירע, אײַערע קינדער באַקומען אָף אָן אָרט הויכבילדונג, עס רינגלען אײַך אַרום איבערגעגע־בענע כאַווירים, איר זײַט א דעפּוטאַט פון שטאָטישן סאָוועט, א מיטגליד פון ביוראָ פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, — אַנגעזעצן אָף דער אַר־בעט און אין דער געזעלשאַפט (אַמאָל וואָלט מען געזאָגט: בא גאָט און בא לײַטן), גייט נעמט און ברעכט אַלץ, פאָרט אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט, מעג עס אפילע זײַן די רעפּובליקאַנישע הויפּטשטאָט, שפּאַנט זיך אײַן אינעם דירעקטאָר־יאָך פון א הינטערשטעליקער אונטערנעמונג, ווו בעמעשעך פון די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן זיך געביטן די אָנפירער איינער נאָכן אַנדערן, און קיינעם איז ניט געלונגען אויסצובעסערן די לאַגע.

— נעם ניט אָן דעם פּאָרשלאָג, — האָבן אים געוואָרנט גוטפרײַנט און בייזע נעוויִעס געזאָגט: — קיין זאַך לאָזט זיך דאָרט ניט אופטאָן.

נאָר בא מוישע ביכאָווסקין איז שוין קיין באַוועגע ניט גיין אַהין, ווו ס'איז שווערער. פאר די לעצטע קנאַפּע צוואַנציק יאָר פירט ער שוין אָן מיטן פערטן זאַוואָד.

אין קאונאס, גלײַך נאָך דער מילכאָמע, האָט ער אופגעשטעלט א מעטאל־באארבעטונג־פאבריק אף דער באזע פון עטלעכע קליינע, צע־וואָרפענע אונטערנעמונגען. בײַגעקומען אלע נאָכמילכאָמעדיקע שוועריקײַטן, דערלעבט צו זען די ערשטע פראָדוקציע און מאזל־בראָכע אין דער ארבעט, איז היִידא — אף א נײַעם פאָסטן: אוועקלאָזן דעם מעטאל־זאוואָד „מעטאלאס", וועלכן די היטלעריסטישע אָקופאנטן האָבן כאָרעוו גע־מאכט. ווען דורכן טויער פון דער אופגעריכטער אונטערנעמונג האָבן צו די בויונגען פון ליטע שוין געשטראָמט טראנספאָרטן מיט קעסלען פאר צענטראל־הייצונג און ראדיאטאָרן, צינק־בלעך און סאניטארע טשו־הון־טיילן, רעזערוו־דעטאלן פאר לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס און קולטיוואטאָרן פאר טראקטאָרן, האָט מען אים ווי געזאָגט: „דאָ וועט מען שוין אויסקומען אָן דיר".

ניט ווײַט פון קאָונאס, א בלאָטיק פעלד, פרײַ פאר אלע ווינטן...

— אָט־דאָ וועסטו, ליבער פרײַנט, אויסבויען און דאן אָנפירן מיטן קאפסוקאסער זאוואָד פון אוטאָמאטן פאר דער שפײַז־אינדוסטריע, — האָט גוטברודעריש געזאָגט צו ביכאָווסקין דער פארטרעטער פונעם פאָר־זיצער פון ליטווישן ראט פון פאָלקסווירטשאפט וו. קופּטשונאס.

און אָט איז שוין ביכאָווסקי ביז איבערן קאָפּ פארטאָן אין די ניט פּאָשעטע פּראָבלעמען פון ארויסלאָזן קאָמפּליצירטע אווטאָמאטן, פון וועלכע אנדערע פארמאָגן ביז פינף טויזנט דעטאלן. וועגן דעם פארעפנט־לעכט ער ארטיקלען אין דעם רעפּובליקאנישן זשורנאל „מאָקסלאס איר טעכניקא" (וויסנשאפט און טעכניק), הייבט אוף וויכטיקע עקאָנאָמישע פראגן פון דער אונטערנעמונג, פראגן פון אויסבילדן קאדרען פאר דער אווטאָמאטן־אינדוסטריע, וואָס נעמט זיך אנטוויקלען אין ליטע. און פלו־צעם — דער פאָרשלאָג אָנצופירן מיטן ווערקשטעל־זאוואָד „זשאלגיריס". מע דארף זיך ניט בלויז רירן פון אײַנגעזעסענעם אָרט, ברעכן ניט בלויז דעם שטייגער, עס ענדערט זיך אויך די ארבעט־ספּעציפיק — ווערק־שטעלבוי איז פאר אים א נײַ געביט. געוויס, ער וואָלט זיך געקאָנט אָפּ־זאָגן. עס ווערט קיינעם קיין זאך ניט ארופגעצוווּנגען. נאָר ווידער: וואָס

קאָן זײַן בעקאָוועדיקער, ווי אין שליכעס פון דער פּאַרטיי גיין אהין, ווו ס׳איז שווערער!

— בליומע, — טוט ביכאָווסקי א זאָג צו זײַן לעבנס־באַגלייטערן, — נאָר ניט געקלאָגט. ווען מע מוז, מוז מען... זאָל זײַן מיט האַצלאָכע!

האַצלאָכע האָט באַגלייט זײַן טעטיקײַט אויך אפן נײַעם ארבעטס־פּלאַץ.

— ווי ס׳איז אונדז געלונגען ארויספירן אונדזער זאוואָד פון הינטער־שטעליקײַט? — פאַרטראַכט זיך ביכאָווסקי.

א דערציילער איז ער אָבער א שוואכער. מיט איינער, א צווייטער פראַזע דערמאָנט ער די מאַסמיטלען, וועלכע ער האָט אָנגעווענדט צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון זאוואָד, און גייט באַלד אריבער צו די מענטשן, וואָס העלפן אים.

— אלע פילן מיר זיך ווי אפן פראָנט. ס׳איז אן אקשאָנעסדיקער קאַמף, רעכענען מיר זיך ניט מיט דער ארבעטצײַט, זשאַלעווען ניט קיין מי, קיין קויכעס, קיין נערוון...

דאָס זײַנען בלויז אַלגעמיינע פראַזן. דעם קאָנקרעטן אינהאַלט, וואָס זיי באַהאַלטן הינטער זיך, וועט מען דאַרפן אופדעקן און פאַרוואַנדלען אין לעבעדיקע בילדער, אין פולבלוטיקער שילדערונג. דערווײַל קומען צו אין מײַן נאָטיץ־ביכל זײַטלעך, פאַרפולטע בלויז מיט אַדמיניסטראַ־טיווע, עקאָנאָמיש־טעכנישע מאַסמיטלען, וועלכע האָבן א כיילעק אין דערפאָלג. ווען ביכאָווסקי רעדט וועגן זיי, דערפילט ער זיך אין זײַן סטי־כיי, שפּאָרט ניט קיין ווערטער, איז זייער זאכלעך, פּינקטלעך און, נאַ־טירלעך, א ביסל טרוקנדלעך. פון צײַט צו צײַט טוט זײַן דערציילונג א גלאַנץ מיט א טרעפלעכן פאַרגלײַך:

— ווייסט איר, וואָס באַטײַט ווערקשטעלבוי? מיר ארבעטן אויס מאַ־שינעס, וואָס פאַלן אריַין צו מענטשן, וועלכע מאכן אליין מאַשינעס. דאָס איז, ווי איר, שרײַבער, וואָלט שאַפן ווערק ספּעציעל פאַר שרײַבער. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי הויך איז די פאָדערונג צו אונדזערע ווערקשטעלן. האָט זיך טאַקע אײַנגעוואָרצלט די מיינונג, אז אונדזער זאוואָד איז בי־כלאַל ניט דערוואַקסן צו אזא אופגאַבע...

און דאַן ווידער אַ גאַנצע ריי מאָסמיטלען, וועלכע האָבן געהאָלפֿן אויסבעסערן די לאַגע. פֿאַר אַ ספּעציאַליסט אינטערעסאַנט, באַלערנדיק. אָבער פֿאַרן לייענער? בעט איך ביכאָווסקין דערציילן כאָטש וועגן אַ פּאָר עפּיזאָדן פֿון זײַן טעטיקייט, וועלכע איז זיכער פֿול מיט טשיקאַווע געשעענישן, אויב ניט זאָגן — קאָנפֿליקטן, איבערגעבן אַ כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך, שילדערן אַ צוזאַמענשטויס...

פֿאַרטראַכט ער זיך. טוט אַ הייב דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געגריבלט אין זיקאָרן. און יענער — ניט פֿון אָרט: דערמאָנט ניט אין קיין אינטערעסאַנטע פֿאַקטן. טוט ער שולדיק אַ שמייכל און אַ מאַך מיט דער האַנט:

— כאַפּט זיך בעסער אַראָפּ אויפֿן זאַוואָד, וועט איר זען, גיט דאָרט אַ שמועס מיט מענטשן, וועט איר הערן.

און, ווי באַפֿרײַט פֿון אַ דריקנדער לאַסט, ווערט ער אויפֿגעהײַטערט. לאַדט מיך אײַן באַקוקן דעם זאַוואָדישן אָפּרו־הויז. ער קוועלט ממש, שפּאַנענדיק איבער די גערוימע טעראַסעס, ווערט באַגײַסטערט פֿונעם פּרעכטיקן אויסבליק אויף דער גרינער, פֿון ביימער אַרומגעזוימטער אָזערע, אויפֿן וואַלד, וואָס הילט דאָ אײַן באַרג און טאָל. ער שטאָלצירט מיט די וווּיל־אײַנגעאָרדנטע צימערן, מיט די אויסגעצייכנטע בעטן און שניי־ווײַסן בעטגעוואַנט. פֿירט מיך אַרויף אויף אַ וועראַנדע מיט אַ טיש פֿאַר טיש־טעניס, מיט אַן ערשטקלאַסיקן טעלעוויזאָר אויבנאָן. אַלץ באַווײַזן, מאַכט ער:

— און דאָס אַלץ, זײַט ווייסן, פֿאַר די מיטגלידער פֿון אונדזער קאָלעקטיוו, ווי שאָלעם־אַליכעם זאָגט, בעכינעם, אומזיסט און אָן אַ גראָשן געלט.

אויך די בונטע שיפֿלעך, וועלכע גלאַנצן צעשאָטענע איבערן וואַסער־פֿלאַך און שטייען צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן באַם ברעג, געהערן דעם זאַוואָד. נאָך צען שטיק דאַרפֿן פֿאַרטיק ווערן. יעדן זונטיק קומט מען זיך אַהער צונויף מאַסנווײַז. ווערט אַ מאַנגל אין שיפֿלעך. אַגעוו, איבעראַיאָר וועלן קורסירן אַהער צוויי זאַוואָדישע אויטאָבוסן.

— וועט מען פֿאַרשפּאָרן אַ שאָ גאַנג, — שטעל איך אַרײַן אַ פֿראַזע.

ביכאָווסקי פאַרוואונדערט זיך. ווייַזט זיך אַרויס, אַז מע דאַרף אַהער פאָרן גאָר מיט אַן אַנדער אויטאָבוס־ליניע...

דאָס נאָטיץ־ביכל ליגט שוין לאַנג בא מיר אין קעשענע. ס'איז לאַכלוטן אומגייטיק, בייס מע שיפלט זיך איבער אַ שטילן, מיט זון פאַרפלייצטן, בלענדנדיקן וואַסער. ביכאָווסקיס פרוי ווייַזט, וואָס זי קען, בא די ווּעסלעס. לייַכט, שפּילעוודיק גליטשט זיך דאָס שיפל אַהין, ווו עס גייען אַרוף אויף די וועגטקעס היפשע פאָדלעשטשיקעס, אַמאָל אויך אַ קילאָ־יִקער העכט. גרייט שוין ביכאָווסקי דאָס קלאַפּערגעצייַג צו פישפאַנג. גרייט אויך אַ ווענטקע מעכאַבעד צו זייַן דעם „שטאָטישן גאַסט". אָט, ווען עס געלינגט, אַזוי ווי אַנומלטן. אַלע פישכאַפער פונעם אָפּרוהויז האָבן צונויפגעלייגט זייערע טראָפּייען, און ביכאָווסקיס פרוי האָט אויסגעקאָכט טאַם־גאַניידנדיקע געפילטע פיש „אויפן יידישן שטייגער".

מיר, די צוויי מענער אין שיפל, זייַנען ניט קיין גרויסע בעריעס אין פישפאַנג. צי זי האָט אַ „בעסערע האַנט", פרוווט ביכאָווסקיס טאָכטער דאַליע, אַ יונגער ראַדיאָ־אינזשעניער, וואָס פאַרברענגט איר אורלויב בא די עלטערן.

— ווען דאָ איז נאָך מיט אונדז יויסעפקע מייַן זון, וואָלט די סימכע געווען פול, ווייַל די מישפּאָכע וואָלט געווען אין פולן באַשטאַנד, — וויצלט זיך בלומע ביכאָווסקי און דערקלערט באַלד, אַז דער זון זייערער איז געבליבן אין קאַונאַס. אַרבעט און שטודירט צוגלייַך דעם „טאַטנס פאַך" — ווערקשטעלבוי.

אַ גוטמוטיקע, לעבעדיקע דערציילערן, ווייַזט זי אַרויס אינטערעס צו מייַן אַרבעט. וויל וויסן, צי ס'וועט מיר סטייַען מאַטעריאַל פאַר דער פאַרצייכענונג. וויל העלפן מיט עפּעס. ביידע, זי און איר מאַן, שטאַמען פון איין און דער זעלבער ליטווישער שטאָט פאַנעוועזשיס, האָבן געמיינזאַם דורכגעמאַכט אַ שטיק לעבן. קומען אויף זיכרוינעס, בילדער פון אַמאָל...

בייס אייַך פעלט אַ יאָר צו פופציק, אייַער פּאָזיציע אין לעבן איז כאָשעוו, זיכער, דערצו פאַרברענגט איר מיט אייַער מישפּאָכע אין שויס פון דער ברייטהאַרציקער נאַטור, וועט אייַך ניט ווי טאָן, ווען איר וועט

זיך דערמאָנען וועגן א ביטערער קינדהײַט, וועגן שווערע יאָרן. פאַרקערט, עס איז אײַך גוט, ווען איר שפּירט, אז דאָס איז ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט, וואָס איז פאַרשוווּנדן און וועט זיך ניט אומקערן ניט פאַר אײַך, ניט פאַר אײַערע קינדער און קינדס־קינדער.

די נויט, זי האָט ניט געקלאַפּט אין דער טיר בא דער ארבעטער־מישפּאָכע ביכאָווסקי. זי איז דאָרט געווען א טוישעוו. און שוין גאָר אויסזיכטלאָזער ווערט דאָ די דאַכקעס נאָכן פּריצײַטיקן טויט פונעם טאַטן, דעם שפּײַזער. די דרײַ זין, נאָך קינדער, מוזן „ארויס אין לעבן“. א פּערצניאָריקער שטייט שוין מוישע באם טאָקער־ווערקשטעל. דער ליטווישער מײַסטער ווינצאַס דודאַס לערנט אים ניט בלויז דעם פאַך. באם דאָזיקן הויכוווּקסיקן, בלאָנדהאָריקן מענטשן מיט גאָלדענע הענט און א גאָלדן הארץ באַקומט ער אויך די ערשטע לערע אין הילכעס קאַמף פאַר די רעכט פון ארבעטער, פאַר זייער באַפרײַונג. מוישע איז נאָך א יינגל. נאָר ס'איז אים אָנגענעם צו פילן, אז ער איז באַגלייבט בא זײַן מײַסטער און די דערוואַקסענע האָבן צו אים צוטרוי: שיקן אים אַמאָל אין טורמע מיט א „פּערעדאַטשע“ פאַר פּאָליטישע ארעסטירטע, הייסן באַהאַלטן אָדער אַוועקטראָגן א פּעקל לויט א באַשטימטן אדרעס. עס קומט אַמאָל אויס צו שטיין אױף דער וואַך, ארויסלאָזן דורכן פענצטער א מענטש, ווען פּאָליציי איז געקומען זוכן. מע שלעפּט אים אין „זשוואַל־גיבע“, דער ליטווישער אָכראַנקע. מאַכט ער זיך טאַמעוואַטע, ער איז דאָך בעעמעס גאָר יונג...

זײַן ברודער איציק איז מיט א רויטער פאָן געגאַנגען בעראָש פון דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע בא זיי אין שטאָט. פאַרמישפּעטן אים די פאַשיסטישע מאַכטהאָבער אױף צען יאָר טפּיסע. מוישע ביכאָווסקי וויל אויך ניט זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט. נײַנצן יאָר איז אים, ווען ער פאַרווירקלעכט זײַן לאַנג געפּעסטעטן טרוים: ער באַטרעט די ערד פון סאָוועטן־רוסלאַנד, קומט קיין ביראָבידזשאַן.

דאָ הייבט ער אָן אלס טאָקער אפן וועגענער־זאַוואָד. מיט דער צײַט ווערט ער מײַסטער, אָנפירער מיטן מעכאַנישן צעך און שטײַגט ביז צום הויפּט־טעכנאָלאָג פון דער אונטערנעמונג. ארבעטנדיק, האָט ער דאָ די

מעגלעכקײַט צו לערנען זיך און ענדיקן א טעכנישע הויכשול. דאָ טרעט ער אַרײַן אין די רייען פון דער פּאַרטיי. מיט ערפורכט דערציילט בי־כאָווסקי, אז רעקאָמענדירט האָט אים אין פּאַרטיי זײַן ארבעטס־כאַווער אפן זאַוואָד יויסעף בומאגין, וועלכער האָט שפּעטער, בײַס דער פאָטער־לענדישער מילכאָמע, איבערגעכאַזערט מאַטראָסאָווס העלדנטאַט — פאַר־שטעלט מיט זײַן קערפּער די אמבראַזור פון א פײַנטלעכן קוילנוואַר־פער — און, פּונקט ווי יענער, באַקומען דעם הויכן טיטל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

ביכאָווסקיס פרוי רוימט מיר אײַן א סאָד: אין שטוב האָט זי א גאַנץ פּעקל אויסשניטן פון צײַטונגען, ווו מע שרײַבט וועגן איר מאַן. זי קלײַבט עס פאַר די קינדער... אין עטלעכע טעג אַרום וועט זי זײַן אין שטאָט.

איך האָב ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהײַט זיך צו באַקענען מיט די דאָזיקע פּרעסע־אָפּרופן.

אָפּגעריבענע, פון דער צײַט פאַרגעלטע אויסשניטן און גאַנצע עק־זעמפּליאַרן פון „ביראָבידזשאַנער שטערן", פרישע אויסשניטן פון צײַ־טונגען, דערשינענע פאַר די לעצטע יאָרן אין ליטע. אָט זײַנען אייניקע כאַראַקטעריסטישע קעפּלעך: „נײַע קאַדרען", „דער וועג צו מײַסטער־שאַפט", „א זאַוואָדישער דערפינדער", „שעפערישער גערדאַנק", „50 ראַ־ציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן", „12 מאָל פרעמירט"... פון די אַלטע צײַ־טונגס־זײַטן קוקט אַראָפּ אף אונדז דער זעלבער ענערגישער ביכאָווסקי, בלויז נאָך מיט א טשופּרינע האָר און מיט א לענגלעך יוגנטלעך פּאָנעם.

פון אַרטיקל אינעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" פאַרן 20 מײַ 1941 „א מערקווירדיקע דערפינדונג פונעם שלאָגלער פון וועגענער־זאַוואָד מ. ביכאָווסקי" ווילט זיך ברענגען א ציטאַטע: „...לאַנגזאַם באַוועגט זיך דער טיש פונעם הובל־וווערקשטעל. דאָס שנײַדמעסער נעמט אַראָפּ די דינע סטרוזשקע פונעם מעטאַל. ווען דער טיש גייט אָף צוריק, הייבט זיך אוף דאָס שנײַדמעסער, ניט אָנרירנדיק דעם מעטאַל. דאָס ווערט אָנגע־רופן „פּוסטער גאַנג"... א האַלבע צײַט פונעם ווערקשטעל איז א נוצ־לעכע, א האַלבע — א פּוסטע. צי קאָן מען ניט מאַכן אַנדערש? — האָט

געטראַכט ביכאָווסקי..." וויַיטער דערוויסן מיר זיך, אַז נאָך לאַנגע זוכענישן, אַקשאָנעסדיקע אָנשטרענגונגען און — אַרבעט, אַרבעט — געלינגט דעם יונגן דערפינדער צו ליקווידירן דעם „פּוסטן גאַנג" פון זיַין ווערקשטעל.

וואַרפנדיק איצט אַ צוריקבליק אויפן לעבנסוועג פון אָט דעם מענטשן, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז ער האָט די גאַנצע ציַיט באַקעמפט דעם „פּוסטן גאַנג" — צוערשט פונעם ווערקשטעל, וועלכן ער האָט באַדינט, דאַן פונעם צעך, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט, שפּעטער — פון אַ גאַנצער ריי אונטערנעמונגען, אין וועמענס שפּיץ ער איז געשטעלט געוואָרן. קיין „פּוסטער גאַנג" אין לעבן! — דאָס איז זיַין דעוויז. צולעצט האָט ער זיך גענומען צום „פּוסטן גאַנג" פונעם ווערקשטעל־זאַוואָד „זשאַלגיריס"...

אויף אַ רעגע וועלן מיר זיך אומקערן צו מיַין באַזוך אינעם אָפּרוהויז אויפן ברעג אָזערע. פון אָוונט האָב איך פאַרשפּאָרט צו זאָרגן וועגן דעם צוריקער אַהיים. ביכאָווסקי האָט מיך אָפּגעפירט אין זיַין „וואָלגע".

פאַרן געזעגענען זיך דערמאָנט ער מיר נאָכאַמאָל, צו וועמען כ'זאָל זיך ווענדן אויפן זאַוואָד מיקויעך אינפאָרמאַציע, און וואָרנט:

— קומען אַהין זאָלט איר ביז האַלב ניַין. שפּעטער וועט איר קיינעם ניט געפינען אין די קאַבינעטן.

איך בין געווען פּינקטלעך, נאָר סיַיווי שוין קיינעם ניט געפונען. ליידיק דאָס דירעקטאָר־צימער, ליידיק דאָס צימער פונעם הויפּט־אינזשעניער. די טירן זייערע — אויפגעפּראַלט צום פּאָדערצימערל פון דער סעקרעטאַרן. כ'האָב אַריַינגעקוקט אויף לינקס, אויף רעכטס — מאָדערן, העל און ליַיכט מעבל. באַשיידן, געשמאַקפול.

— אַלץ ניַי? — ריַיסט זיך באַ מיר אַרויס אַ פראַגע.

די סעקרעטאַרן הערט אויף צו קלאַפּן אויף דער מאַשינקע און ענטפערט:

— מיסטאַמע אַ האַלב יאָר. שוין באַם ניַיעם דירעקטאָר.

און, מאַשמאָעס, כ'זאָל ניט מיינען, אַז דער ניַיער דירעקטאָר וואַרפט זיך מיט מעלוכישע געלטער, גיט זי טייקעף צו:

— אוי, האָט עס אויסגעזעזן פריִער! א ביזויען. א פּאָר נעבעכדיקע ארומגעדריפּעטע טישן. עטלעכע שטולן, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס...

איך ווייס: צוויי יאָר האָט עס ווי געפּיבערט דעם זאוואָד. דירעקטאָרן, הויפּט־אינזשעניערן פלעגן אהער קומען און באַלד אנטלויפן. די איצטיקע אָנפירער פאַרנעמען זיך אפּאָנעם אַף א לעבן, טראַכטן דאָ צו בלייַבן...

אין מייַנע מאכשאָוועס מישט זיך אריַין די סעקרעטארן:

— כ'וועל אייַך ראטן א זוך טאָן אין די צעכן. דאָ וועט איר זיך אזוי שנעל ניט דערוואַרטן. דער נייַער דירעקטאָר האָט די „פינפמינוטקעס" און ביכלאַל א סאך באראטונגען אריבערגעטראָגן אַף די ארבעט־פּלעצער, כאָטש אין די קאבינעטן איז איצט געמיטלעך.

לויט דער אָנווייַזונג פון דער סעקרעטארן האָב איך אופגעזוכט אינעם צוגרייטונג־צעך דעם הויפּט־אינזשעניער פּאַוועל שולוס, וועלכער פאַרטרעט איצט דעם דירעקטאָר. נאָר וועגן צונויפריידן זיך מיט אים דאָרט קאָן גאָר קיין רייד ניט זיַין. ער איז פאַרטאָן מיט וויכטיקערע איניאָנים, ווי שמועסן מיט א גאסט, מעג עס אפילע זיַין א פּרעסע־מענטש, א שרייַבער. זייער יונג איז דער הויפּט־אינזשעניער, ניט הויך, ברייטפּלייציק. העלע קוטשעראווע האָר איבער א קייַלעכדיק, פון זון פאַרברוינט פּאָנעם, אַף וועלכן עס דאָמינירן צוויי רייען גרויסע, פּערלדיקע ציין, אנטפּלעקטע אין א גוטמוטיקן שמייכל. „גאגארינס שמייכל", — פאַלט מיר איַין, און ס'ווערט ווארעם אפן הארצן. אָבער אָט דער פרייַנטלעך שמייכלענדיקער מענטש טוט הארבלעך א זאָג, אז ער האָט איצט קיין צייַט ניט. לייגט פּאָר זיך ארומקוקן, ריידן מיט מענטשן. שפּעטער, מעגלעך, וועט ער זייַן פריַי.

לענגויס דעם צענטראַלן דורכגאנג פונעם צעך, ווו מיר האָבן זיך באגעגנט, וועבן זייער שטיל געזום טאָקער־ווערקשטעלן. בא איינעם פון זיי פאַרהאַלט איך זיך, באקוק אופמערקזאם די דעטאַל, וואָס שיילט זיך אויס פונעם שטאָלענעם פּרענט. דעם טאָקער זאָג איך, אז מיך אינטערעסירט, ווי סע גייט זיי איצט אפן זאוואָד, און ווארט אַף א סעדרע אָבקלאָגעס.

— אָ, געוויס, אומפאַרגלײַכלעך בעסער, — ענטפערט ער, ניט אָפּ־רײַסנדיק זיך פון דער אַרבעט. — מע קאָן זאָגן, אַז גוט. עס פּילט זיך אַ באַלעבאָס.

דער טאָקער האָט זיך גענומען צו זײַן װערקשטעל. עפּעס צוגעשרויפט, רעגולירט, אָבער ניט אופגעהערט צו דערציילן, ווי מע האָט ענדלעך אַספּאַלטירט די בלאָטיקע װעגן אָפן זאַװאָד־הויף, פאַרלייגט קלומבעס, אײַנגעפלאַנצט קוסטעס, ביימלעך, אויסגעשטעלט בענק צווישן זיי. קאָן מען זיך אָפּרוען אין דרויסן אין די אַרבעט־האַפּסאָקעס, ווען דאָס וועטער איז שיין.

— מיר איז גלײַך געפעלן געוואָרן, וואָס דער נײַער דירעקטאָר זאָרגט פאַר גוטע וועגן, — פאַרענדיקט ער.

כ׳פאַרצייכן אין מײַן נאָטיץ־ביכל ניט קיין זייער טיפע סענטענץ: „קאָנטיק, אַז גוט געפלאַסטערטע וועגן פירן שטענדיק צום ציל“. און בין צופרידן. די האַסקאָלע איז געמאַכט. עס קומט צו נאָך אַ שטריך, נאָך אַ שטריך צו ביכאָווסקיס פּאָרטרעט.

אין איינעם פון די צעכן האָט מען מיר אָנגעוויזן אָפן פאַרטרעטער פונעם הויפּט־אינזשעניער וואַסילי ליסאָווסקי. ער איז געווען אַרומגע־רינגלט פון זאַוואָדישע טוער — אַלע אין איין און די זעלבע טונקעלע כאַלאַטן מיטן דרײַעקיקן זאַוואָד־צייכן אויף דער לינקער ברוסט־קעשענע. ליסאָווסקי האָט זיך אויסגעטיילט פון דער גרופּע — הויך, פולבלעך. און ווידער — יונג, יונג. דאָס העלע, ווייכע פּאָנעם מאַכט אים נאָך יינגער, ווי ער איז, מיסטאַמע, פאַקטיש.

— צו מיר? — האָט ער געפרעגט זייער שטיל, מאָדנע ווייך.

— אויב איר האָט אַ רעגע צײַט.

— צײַט איז בײַ אונדז קיינמאָל ניטאָ. נאָר, ביטע.

מיר האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין אַ מיט גלאָז־ווענט אַרומגעצוימט קע־מערל. אויך דאָ בין איך אַרויס מיט מײַן שוין טראַפאַרעט געוואָרענער פראַגע מיקויעך דער יערידע און דעם אופשטײַג פון זאַוואָד.

נאָך אַלץ זייער שטיל, ווייך, קימאַט פלעגמאַטיש האָט אָנגעהויבן ליסאָווסקי:

— אלע צאָרעס אונדזערע שטאמען פון בראק...

און ס׳גייט אוועק א זייער אויספירלעכער באריכט. די צײַטווײַליקע דירעקטאָרן האָבן געוווסט איינס — מיט אלע מיטלען, דערלאָזבארע און אומדערלאָזבארע, אויספילן דעם פלאן. קיינעם פון זיי איז ניט אָנגעגאנגען ארבעט־אָרגאניזאציע, פלאנירונג, קוואליטעט. מע האָט געשטורעמט! ווער האָט געלייגט אכט אף די סיגנאלן פון די געברויכער! האָבן זיך גענומען שיטן רעקלאמאציעס: די ווערקשטעלן ארבעטן ניט פינקטלעך, דעטאלן ברעכן זיך. די פראָדוקציע פון „זשאלגיריס״ איז אזש פארוואנדלט געוואָרן אין אָנשוילעכער אגיטאציע: די פרעסע האָט פארעפנטלעכט פאָטאָס, וועלכע ווײַזן, ווי מע דארף ניט ארבעטן... אלץ איז געגאנגען מיט דער פוטער אראָפּ. מע האָט ניט געזען אפן זאוואָד קיין פראָגרעסיוון לויף, קיין פרעמיע. און פאר וואָס זאָל מען אזוינס געבן, פאר די העזייקעס? און דעריבער — די שטימונג, די פאסקודנע שטימונג באם קאָלעקטיוו! מענטשן האָבן זיך גענומען פאנאנדערלויפן. ווען איז אָנגענעם, מע זאָל דיר בלויז האלטן אין איין פאָרווארפן. ס׳האָט אויסגעזען, אז די לאגע איז אויסזיכטלאָז... דאן איז געקומען ביכאָווסקי.

איך הייב שוין אָן כּוישעד זײַן, אז אלע האָבן זיך דאָ צונויפגערעדט מיר אומבאדינגט עפּעס אונטערצוטראָגן וועגן דירעקטאָר. און איך האָב דאָך וועגן אים קיין פּיפּס ניט געטאָן...

כ׳דערוויס זיך וועגן טעג און וואָכן, פארבראכטע אין אָנגעשטרענגטן זוכן די סיבעס פון אלדאָסבייז. טאָגטעגלעך ביז שפּעט אין די אָוונטן האָבן ביכאָווסקי און זײַנע מיטארבעטער זיך געראַיעט אין די אינגעווײדן פון די דעפעקטיווע ווערקשטעלן, עקספּערימענטירט, לאבאָראטאָריש אויסגעפּרוווט מאטעריאלן, קנופּן, איינצל־טיילן. געשטעלט דיאַגנאָז, באשטימט הייל־מיטלען.

ניט געבליבן אפן זאוואָד קיין אינזשעניערן מיט א לענגערער פּראקטיק. האָט ביכאָווסקי זיך באנוגנט מיט אומדערפארענעם יונגוואַרג. אי געלערנט, אי געהאָלפן, אי געפּאָדערט. און זײַן באציִונג מיט ארבעטער! ער ווייסט, ווען עס איבערצײַגט שטרענגקײַט, אָן אופגעהויבענע שטים, און פילט, אף ווען עס ווירקט א מילד וואָרט, א וויץ, א כאָכמע...

כ׳האָב איבערגעשלאָגן דעם אינזשעניער:

— נו, און עפּעס קאָנקרעטס?

מיר האָבן זיך געפונען אינעם טערמישן צעך. קוקט זיך מײַן באַל־שמועס ארום.

— אָט, צום בײַשפּיל, יענער, — ווײַזט ער אף אן ארבעטער אין א שווארצן קאָמבינעזאָן און א שווארצער, ווילדיונגעריש ארופגעזעצטער קעפּקע, — אדעראבעע. זאָל איך אײַך פאָרשטעלן?

— דאָס איז, רעכן איך, אומנייטיק. ס׳קאָן שטערן דער אומיטלבאַר־קײַט. כ׳וועל אליין פרווון.

כ׳האָב זיך פארקוקט אפן עלעקטרישן אויוון, ווו ס׳האָבן זיך פאַר־הארטעוועט שטאָלענע דעטאַלן. דאָס הודענדיקע פײַער־פלאַם, דאָס צע־גליטע, מיט פונקען שפּריצנדיקע שטאָל האָבן געפירט א שפּיל, פול קראפט און רעגנבויגן־פארבן. ס׳האָבן זיך אזש גענומען אופשטעלן פאַר־גלײַכן מיטן לעבנס־טיגל, מיטן מענטש, וואָס ווערט פארהארטעוועט אין פלאַם און פײַער... באמערקט מײַן אָנגעזנהײַט דער טערמיסט, קוקט ער מיך קאַלט אָן מיט וואסערדיקע אויגן אף א פּאָנעם, א לײַכט באַ־דעקטס מיט גרויען שטויב.

— איר ווייסט, איך בין א שרײַבער. קלײַב פאקטן וועגן אײַער זאַ־וואָד. וואָס איז געווען שלעכט און געוואָרן גוט, אויך פארקערט...

— אויב אזוי, — כאַפּט זיך יענער טייקעף אָן, — האָב איך פאַר אײַך אן אינטערעסאנטע געשיכטע, טאקע וועגן זיך אליין. מע קאָן זי רויק באשרײַבן.

און ער האָט אָן שום פארלעגנהײַט דערציילט, אז פריער, אין דער גיסערײַ, האָט ער צוגלײַך מיטן גיסן טשוהון אין די פאָרמעס געגאָסן זיך אין האַלדז דעם ביטערן טראָפּן. א טאָג געקומען צו דער ארבעט, צוויי טעג דורכגעלאָזן. אין צעך האָט ער זיך געשאפן א קאָמפּאַניטשקע טרינק־ברידער. האָבן זײַנע גוס־דעטאַלן אויך געוויזן סימאָנים פון שיק־רעס... עס האָבן ניט געהאָלפן אויסריידן, דראָונגען. האָט מען אים מע־שאַלייעך געווען פונדאנען. כאדאָשימלאנג האָט ער זיך אומגעדרייט אף פארשיידענע ארבעט־פּלעצער און אף קיינעם זיך ניט געקאָנט אײַנ־

האלטן. מיט בראנפן געמוזט שטילן דעם פארדראָס, האלעמיי מע האָט אים, איינעם פון די ערשטע ארבעטער אפן זאוואָד, אזוי מעוויַיעש גע־וועזן... ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צום נייַעם דירעקטאָר. אויסגעטייַנעט זיך, צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום. אף זייַנע אכרייַעס זאָל מען אים צו־לאָזן צו דער אלטער ארבעט. „גוט, — האָט דאן געזאָגט דער דירעק־טאָר, — כ'וועל בעטן, מע זאָל דיך אָנעמען, אָבער ניט אין פריערדיקן צעך און ניט אף דייַנע, נאָר אף מייַנע אכרייַעס. וועסט מיך אונטער־פירן?“

— קאָן מען דען אונטערפירן אזא מענטש, א? און אָט, ביטע, שוין א האלב יאָר, ווי איך ארבעט און האָב קיין איין מאָל ניט אונטערגעפירט!

— ווי איז אייַער פאמיליע? מעג איך אייַך דערמאָנען עפנטלעך?

— געוויס, געוויס. שרייַבט, אז איך הייס יאָלקין, סעמיאָן יאָלקין.

און אַן ענלעכע געשיכטע האָט פאסירט מיטן שלייַפער פון דריטן צעך סאָקאָלאָוו...

אין מייַן נאָטיץ־ביכל זייַנען צוגעקומען א סאך געדיכט פארשרייַ־בענע זייַטלעך נאָך דער באַגעגעניש מיטן סעקרעטאר פון דער זאוואָ־דישער פארטיי־אָרגאניזאציע אנאטאָלי וואלטשיק. אליין א מענטש מיט טעכנישער בילדונג און א סטאזש פון פראקטישער ארבעט אין דער אינ־דוסטריע, איז ער טיף באהאוונט אין אלע פראָדוצירישע פראָצעסן אפן זאוואָד. ער רעדט אָבער ניט בלויז וועגן די עקאָנאָמיש־טעכנישע מאָ־מענטן, וועלכע האָבן געהאָלפן דעם איבערברוך אין דער טעטיקייַט פון „זשאלגיריס“. עטלעכע זייַנע ארויסזאָגונגען וועל איך זיך דערלויבן ציטירן ווי זיי שטייען און גייען.

— איך טראכט אָפט, אז אַן אָנפירער פון אַן אונטערנעמונג איז גע־גליכן צו א דיריזשאָר. דאכט זיך, דער זעלבער אָרקעסטער, און ווי אנ־דערש ער קלינגט בא פארשיידענע דיריזשאָרן!

— מע האָט געדארפט צוריקערן אונדזער קאָלעקטיוו דעם גלויבן אין זייַנע קויכעס. און דאָס איז אונדז, דאכט זיך, געלונגען. וועמענס פארדינסט? איך בין אהער געקומען א ביסל פריִער פאר ביכאָווסקין, קאָן איך זאָגן, אז טאקע ער האָט פארשטאנען צו געווינען דעם צוטרוי פון

אלעמען, באהעפטן, מאביליזירן דעם קאלעקטיוו. די יונגע אינזשעניערן, די יונגע ספעציאליסטן האט ער אנגעשטעקט מיט אינטערעס און איבער־געגעבנקייט צו זייער ארבעט. מיר דאכט, אז זינט ער איז געקומען צו אונדז, איז עפעס יעדנס אכרייעס־געפיל פאר זיינע פליכטן גרעסער, טיפער. אט איז בא אונדז איינגעפירט געווארן, אז טאקערס צי אנדערע פאכלייט שטעלן אף זייער פראדוקציע אן אינדיווידועלן מארקיר־צייכן. פארשפארט שוין זיי צו קאנטראלירן דער אפטייל פאר טעכנישן קאנ־טראל. מיר האבן צוטרוי צום מענטשן. ס׳מאכט זיך אבער, אז עמע־צער פארלירט דאס געוויסן, ליפערט אפ בראק. וואס זאל איך זאגן? אז מע שטעלט עס פעסט, איז יענעם גאר ניט אזוי אנגענעם. ער וועט פארשפארן א צווייט מאל דאס צו טאן.

— און אט א פאל. עפעס האט זיך בא א טאקער די זאך ניט באקו־מען ווי ס׳באדארף צו זיין. טייַנעט ער, אז אנדערש איז ניט מעגלעך. פארקאשערט ביכאווסקי די ארבל, לאזט אוועק דעם ווערקשטעל און באווייַזט, אז עס קאן זיך יא באקומען... דערצו אן אויסגעצייכנטער אר־גאניזאטאר, וואס לעבט מיטן זאוואד. באהערשט און באניצט זיך מיט ליטוויש, רוסיש, פויליש, שוין אפגערעדט פון זיין מוטער־שפראך יידיש, וואס זי וועט איר אויך הערן אין אונדזער פילנאציאנאלן קאלעקטיוו.

דעם אנפירער מיטן פראדוציר־אפטייל וולאדימיר סודילאווסקי, א יונגן, פייִקן אינזשעניער, איז אט וואס געבליבן איינגעקריצט אין זיקארן פון יענע טעג, ווען זייער זאוואד האט גענומען גיין בארג־ארוף.

מע האט דאן געקאנט זען דעם נייעם דירעקטאר אין קליידונג און אין דער ראל פון א מייסטער. געוואלט זיך איבערצייגן, ווי און מיט וואס מע דארף העלפן די דירעקטע אנפירער מיט דער ארבעט אין די צעכן. אמאל פלעגט ער פארברענגען טעג גאנצע בא אזוינע מעכאניזמען, וועלכע מע האט פריער געהאט אפגעזאגט דאס לעבן... עס האט אויסגעזען, אז ער קעמפט מיט זיי: ווער — וועמען. דאן צוזאמען מיט די מעכאני־קער פאריכט, געמאכט אויספירן... פון אויג האט ער ניט ארויסגעלאזן דעם אינסטרומענטאלן צעך, פארשטענדלעך, גוטע ארבעטס־מאכשי־רים — אי זיי פארלייכטערן, אי זיי גאראנטירן א גוטע ארבעט.

— פֿאַסירט אַמאָל, — דערציילט סודילאָווסקי, — איך האָב דער־קלערט עפּעס אַ שלײַפֿער. ניט ריכטיק דערקלערט. צופֿעליק איז צוגע־קומען ביכאָווסקי. קוקט ער זיך צו אַ רגע און זאָגט, אַז ער דאַרף מיך האָבן. וואָס מיינט איר, צוליב וואָס? אָפּגערופֿן אין אַ זײַט, זאָגט ער מיר, ווי מע דאַרף מאַכן. איך האָב דאַן שוין ריכטיק געוויזן דעם אַרבעטער, וואָס ער האָט צו טאָן...

ענדלעך איז אויך דער הויפּט־אינזשעניער שולוס אין זײַן קאַבינעט און נעמט מיך אויף. כ׳האָב עפּעס מיט אַ ביסל אומצוטרוי געקוקט אָפֿן דאָזיקן יאַט מיטן שטענדיקן אָפּטימיסטישן „גאַגאַרין־שמייכל“ אָפֿן פּאָ־נעם, מיטן שטיפֿערישן בלאָנדן לאָק אָפֿן שטערן. „איז ער דערוואַקסן פֿאַר זײַן שווערער אויפֿגאַבע?“ און אָט קומט מיר אויס צו הערן זײַנע קלאָרע ענטפֿערס טעלעפֿאָניש, די זייער זאַכלעכע באַמערקונגען יעדן איינעם, וואָס האַלט אין איין „אויסניצן דעם מאָמענט“ פֿון כאַפּן דעם „גלאַווו־נעם“ באַם שרײַבטיש...

„וואָס וויל איך בײַ אים דערגיין? פֿון וואָס אָנהייבן?“

— נו, — זאָג איך, — איידער וואָס־ווען, האָב איך שוין פֿאַרשריבן אַ האַלב נאָטיץ־ביכל.

— די צווייטע העלפֿט רײַסט אַרויס, און אײַער פֿאַרצייכענונג איז פֿאַרטיק.

און דער „גאַגאַרין־שמייכל“ ווערט נאָך בוילעטער... מיסטאַמע האָט ער אַזוי געשמייכלט, בײַס ער האָט מיר טעלעפֿאָניש אָפּגעבראָקט, אַז מע ווייסט ניט, ווו דער דירעקטאָר רוט. נאָר איצט איז ער באַלד גע־רעכט: מאַטעריאַל קען מיר שוין קלעקן. עס שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז ניט אינגאַנצן גערעכט.

האַסטיק קומט אַרײַן אין קאַבינעט אַ זייער פֿאַרזאָרגטער שטאַלטנער יונג אין אַ ווײַס ספּאָרט־העמדל; אַ פּעקל דאָקומענטן אין די הענט. אויך ער ניצט אויס דעם מאָמענט... דאָס איז דער אָנפֿירער מיטן פּלאַן־אָפּ־טייל אַנטאַנאַס יורשענאַס.

און ווידער טשיקאַווע זאַכן. צום ערשטן מאָל אויף אַן אונטערנעמונג אין ליטע ווערט דאָ אײַנגעפֿירט אַ נײַער, פֿאַרגעשריטענער מעטאָד פֿון

קעסיידערדיקער אָפּעראַטיװער פּלאַנירונג. לויט אים װעט אַ קאַרטאָטעק אָפּשפּיגלען צו יעדער רעגע די לאַגע פֿון איטלעכן װערקשטעל, אָפּטייל, צעך. טאָמער װערט ניט אויסגעפֿילט די פֿאַרגעבונג, װעט מען טייקעף זען פֿאַרװאָס. קיבערנעטישע רעכן־מאַשינעס װעלן אײַנגעשפּאַנט װערן אין דער פּלאַניר־אַרבעט, און יעדער אַרבעטער, אויב ער װעט װעלן, װעט פֿאַרן גיין אַהיים קענען װיסן, װיפֿל ער האָט פֿאַרדינט פֿאַרן טאָג, אויך װאָס עס שטייט אים פֿאַר מאָרגן צו טאָן...

האַקלאַל, יורשענאַס איז באַגײַסטערט פֿון דער זאַך, כאָטש מי און דײַגעס פֿאַרשאַפֿט עס אים איבערגענוג. און װוּ איז די אומופּהערלעכע אַלטאָג־זאָרג? און דאָך איז ער צופֿרידן, װאָס ער, אַ יונגער, אומדער־פֿאַרענער ספּעציִאַליסט, קאָן דאָ אַרויסװײַזן איניציִאַטיװ. דער דירעק־טאָר, װעמען זײַן אָפּטייל איז אונטערגעװאָרפֿן, האַלט אים אונטער, שאַצט הויך דעם עקאָנאָמישן אַנאַליז. ניט אַזוי, װי פֿריִער...

יורשענאַס לאַדט מיך אײַן קומען אין אַ כוידעש אַרום, װען די פּלאַ־נירונג לויטן נײַעם מעטאָד װעט דאָ שוין זײַן אײַנגעפֿירט. איך זאָג אים צו. אָבער דערװײַל — צו מײַן אַרבעט.

בלעטערנדיק די געמאַכטע נאָטיצן, האָב איך באַמערקט, אַז אַ גאַנצע ריי אײנצלהײַטן דאַרף מען נאָך אויסקלאָרן, פֿאַרפֿינקטלעכן. עס קאָן ניט שאַטן נאָכאַמאָל זיך אַדורכשפּאַצירן איבער דער זאַװאָדישער טעריטאָריע. װײַט ניט אַף אַלץ האָב איך געכאַפּט אַ קוק. כאָטש נאָך איין באַזוך.

אַפֿן אַספֿאַלט פֿונעם זאַװאָד־הויף גלאַנצט אַ גרינע „װאָלגע" מיט אַ קענטלעכן נומער. ביכאָװסקיס? װאָס עפּעס פּלוצעם? און נאָך אין אַזאַ שיינעם װעטער, װען אַף דער אָזערע... נאָר אָט באַגעגענען מיר זיך פּאָ־נעם־על־פּאָנעם. פֿרעג איך:

— און װוּ איז דער אורלויב? רו? אויסשליסן זיך פֿון אַלץ? װאָס האָב איך זיך געדאַרפֿט שלעפּן צו אײַך הינטער די האָריי־כוישעך...

ביכאָװסקי שמייכלט און פֿאַרענטפֿערט זיך:

— טײַערינקער, ס'איז סאָף כוידעש, מוז מען העלפֿן דעם יונגװאַרג. אַ ראַט, אַמאָל — אַ קלונג װוּ מע דאַרף. רו װעט זײַן, װען כ'װעל װיסן, אַז דאָ איז אַלץ קעשורע, אַז דער כוידעשלעכער פּלאַן איז װי אין קעשענע.

דערצו דארף מען ביז מאָרגן אָנגעבן אין די הויכע אינסטאנצן, וואָס מיר מוזן בויען קומענדיקן יאָר. נייַע צעכן איז איינס, צווייטנס, פארברייטערן דעם עס־זאָל, אויסבויען א נייַעם קלוב. און נאָך און נאָך. אויך דאָס דורכגאנג־שטיבל באם טויער דארף מען באנייַען. פריידיק און צוגלייַך מיט דערעך־ערעץ זאָל עס באגעגענען די מענטשן, וואָס קומען אהער זיך מיִען. ווייסט איר, פאָרשונגען האָבן דערוויזן, אז שיין געפארבטע ווערקשטעלן, אָנגענעמע קאָלירן פון די צעך־ווענט הייבן די פּראָדוקטיווקייַט. אָט האָט איר א טעמע פאר א טראקטאט — די ראָל פון א גוטער שטימונג אף דער ארבעט פון א ווערקשטעל...

און אז ס'איז ארויף די רייד וועגן בויונגען, באווייַזט ער מיר דעם נייַעם צעך פאר עקספּאָרט־פּראָדוקציע. אָט איז דער אָפּטייל פאר „טראָפּישע" ווערקשטעלן. די פּראָדוקציע געווינט זיך צו באצייַטנס צום הייסן און מיט פייַכטקייַט געזעטיקטן קלימאט.

איך באמערק דאָ אייניקע שאבלאָנען מיט אויסשניטן: אינדיע, יאָפּאָניע, גאנא... ווייַטע, זייער ווייַטע נעסיִעס אזש אין צוואנציק לענדער מאכן די ווערקשטעלן מיט דער מארקע „זשאלגיריס". און דערבייַ אָן רעקלאמאציעס.

ביכאָווסקי האלט, אז איך מוז כאָטש ארייַנקוקן אינעם קאָדשע־קאָדאָשים פון זאוואָד — אין דער ווערקשטעל־לאבאָראטאָריע, מיט וועלכער עס פירט אָן דער קאָמוניסט לעאָניד מארקאָוויטש. ניט נאָר, וואָס מע שטייט דאָ אף דער וואך פונעם „געזונט־צושטאנד" פון די ארויסגעלאָזענע ווערקשטעלן, ניט נאָר, וואָס מע באטראכט זייער גאנצן אָרגאניזם און זייַנע באשטאנד־טיילן. דאָ אנטשטייט א מאָדעל פון מאָרגן — אָן אווטאָמאטישער פרעזער מיט פּראָגראמירטער אָנפירונג. אליין, אָן יעטווידער הילף, וועט דער דאָזיקער אווטאָמאט אויסטאָקן דעטאלן מיט אזא קאָמפּליצירטער קאָנפיגוראציע, וועלכע א מענטש איז קוים אימשטאנד פינקטלעך אויסצופילן. פארשטייט זיך, אז דאָ איז די מאלכעס פון עלעקטראָניק, הויכער מאטעמאטיק, קיבערנעטיק...

— איר זעט, אף וואָס מיר פארמעסטן זיך, — טוט ביכאָווסקי א הייב דעם קאָפּ ניט אָן א געוויסן שטאָלץ. — און אנדערע האָבן שוין געהאט

געפאסקנט, אז מיר זײַנען בּיכלאל ניט פײַיק ארויסצולאָזן ווערקשטעלן פון הויכער פּינקטלעכקײַט...

לאנג פארהאלט זיך דער דירעקטאָר מיטן הויפּט־אינזשעניער. באַהאנדלט אלע איניאָנים, געגעבן געוויסע אָנווײַזונגען, נאָכגעפרעגט זיך, צי קיינער שפּירט זיך ניט באאוולט נאָך דער פארטיילונג פון די פּרעמיעס, פארענדיקט ביכאָווסקי:

— און אומבאדינגט דורכלייענען אין דער הײַנטיקער „פּראוודא“ דעם ארטיקל וועגן הויכפּעסטן טשוהון. טראכט זיך ארײַן. א גרויסע זאך, אויב מע זאָל קענען אָפּגיסן צײינרעדער...

אופמערקזאם, אזש אָנגעשטרענגט הערט שולוס זיך צו. דאן כאפּט ער אונטער:

— אוואדע, אוואדע. עפּשער אויך שנעק־רעדער. עפּשער איז קעדײַ צו שיקן א מענטשן עס דערלערנען, איבערנעמען דערפארונג.

— נאָך מײַן אורלויב וועלן מיר זיך א נעם טאָן... אגעוו, כ'האָב ניט געטראָפן יורשענאסן. מע זאָגט, אז ער עקט זיך צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אויסגעגעבן מער, ווי מיר האָבן לוינפאָנד. זאָגט אין מײַן נאָמען, ער זאָל ניט פאלן בא זיך. מירן ארײַנגיין אין די ראמען, נישקאָשע...

פּלוצעם כאפּט זיך ביכאָווסקי, אז ער מוז נאָך איבערגעבן דעם טאָקער קראפּאָוויצקי, אז מיט יענעמס דירע־איניען וועט ער זיך פּערזענלעך פארנעמען. ס'איז א באשיידענער מענטש, אן איבערגעגעבענער ארבעטער. ער וועט ניט מאָנען, ניט טומלען. ער איז געווען, ביכאָווסקי, בא אים אין שטוב. מע מוז אים העלפן, און טאקע באלד.

מיר האלטן שויך באם פאָרן מיט ביכאָווסקין אהיים. איז ניין! ער כאפּט זיך נאָך ארײַן אין דעם פארב־ און פאק־צעך, פונוואנען די פארפאקטע ווערקשטעלן הייבן אָן דעם וועג צו די באשטעלער. ארײַן א קוק טאָן די לעצטע פּראָדוקציע, וואָס שליסט אָפּ דעם כוידעשלעכן פּלאן. ארויס איז ער פון דאָרט אן אופגעהײַטערטער. דאן אזש גענומען לאכן:

— ווידער, ווידער... מע טרויט אונדז ניט. א הינטערשטעליקע אונטערנעמונג איז עפּעס גיך אופגעריכט געוואָרן, פּילט אויס די פּלענער

לויט אַלע צײַגערס. איז מען כוישעד... מיינט מען, אַז מיר מאַכן עפּשער קונצן, דערשרײַבן אין די מעלדונגען, פֿעלשן... איבעראַשט מען אונדז מיט קאָנטראָלן סאָף כוידעש...

— נו, יאָ, מע דאַרף אופֿדעקן דעם קישעף...

— גלייבט מיר, מיר זײַנען ניט קיין קישעפֿמאַכער. מיר זײַנען האָ־רעפּאַשניקעס. איך האָב אײַך שוין געזאָגט — מיר שפּירן זיך ווי פּראָסטע סאָלדאַטן פֿונעם אַרבעטס־פֿראָנט. דאָס יאָר 1964 האָבן מיר דערקלערט אַלס יאָר פֿון קאַמף, פֿון שלאָגלערישער קאָמוניסטישער מי...

זיצנדיק אין מאַשין, נאָר נאָך ניט האָבנדיק אײַנגעשלאָסן דעם מאָ־טאָר, ווי עפּעס אָפּוואַרטנדיק, ווענדט ער זיך צו מיר:

— אײַך וועל איך נאָכאַמאָל בעטן: אויב איר וועט האַלטן פֿאַר נייטיק עפּעס־וואָס אָנצושרײַבן וועגן זאַוואָד, רימט אונדז ניט צופֿיל און לייגט מער אַכט אויף מײַנע מיטאַרבעטער, וואָס, אַזוי ווי סאָלדאַטן אויפֿן פֿראָנט, ווייסן זיי ניט קיין רו, אַרבעטן מיט היסלײַוועס...

אויך אין מײַן פֿאַל באַשטעטיקט זיך דאָס ווערטל, אַז וואָס טיפֿער אין וואַלד, אַלץ מער ביימער. דער מאַטעריאַל פֿאַר דער פֿאַרצייכענונג האַלט אין איין וואַקסן, דאַרף מען זיך זעצן צום שרײַבטיש און פֿון דער מאָ־זאַיִק נעמען אויפֿשטעלן דעם פּאָרטרעט פֿונעם זאַוואָד־דירעקטאָר. עמעצן וועט עפּשער אויסזען, אַז דער אויפֿגעקליבענער שטאָף איז איינזײַטיק, באַלײַכט בלויז זײַן „פּראָדוקציריש״ פּאָנעם. איז אָבער ביכאָווסקי דורך און דורך אַ מענטש פֿון פּראָדוקצירישער טעטיקײַט. אין איר אַנטפּלעקן זיך זײַנע בעסטע אייגנשאַפֿטן, זײַנע פֿייִקײַטן, זײַן עמעסער טאַלאַנט, אין איר האָט ער געפֿונען זײַן באַרוף, זײַן פֿרייד און גליק אין לעבן.

דאַכט זיך, ניט ווייניק בוילעטע שטריכן, באַלערנדיקע עפּיזאָדן, כאַ־ראַקטעריסטישע סיטואַציעס שטייען אין מײַן רעשוס. מע קאָן דרייסט זיך אָוועקזעצן אַרבעטן איבער דער פֿאַרצייכענונג, וועלכע כ׳האָב זיך פֿאַרמאָסטן אָנצושרײַבן.

1964

מאָטל גרוביאַן

אין וועג

שוין די דריטע נאכט, אז איך שלאָף שלעכט אָדער שלאָף אינגאנצן ניט. איך דארף כאָלילע קיין דאָקטער ניט, דארף ניט קיין נארקאָטישע מיטלען, קעדיי איַינשלאָפן, נייך. דעם דיִאגנאָז פון מיַין צושטאנד האָב איך אליין פעסטגעשטעלט.

קוידעמקאָל מיַין טשעמאָדאן מיט די וועג־בלאָקנאָטן, וואָס קאָנען זייער א סאך דערציילן וועגן מיַינע זומער־ריַיזעס פונעם שווארצן ביזן וויַיסן יאם. זיי לאָזן מיך ניט רוען: פארוואָס, פארוואָס זעץ איך זיך ניט צום טיש, קליַיב ניט אויס איינעם פון זיי, דעם סאמע כאָשעוון, און פארברענג ניט מיט אים א שאָ דריַי־פיר. זיי זיַינען דאָך ניט אומזיסט געפלויגן מיט מיר איבער אזויפיל שטעט און דערפער, פון די מיט סעדער

און זוניקע ווײַנגערטנער באַזוימטע ברעגן פֿון שוואַרצן יאַם ביז די קאַל־
טע סאָפּקעס פֿונעם ווײַטן און עקסטן צאָפֿן, געשוווּמען מיט מיר אויף שיפֿן,
זיך אופֿגעהויבן אויף וועדטאָליאָטן, געפֿאָרן מיט שנעלצוגן דורך די וועל־
דער און יישוווים פֿון צאָפֿן־קאַרעליע, אַרכאַנגעלסקער און פּעטראָזאַ־
וואָדסקער געגנט.

בלאָקנאָטן, וואָס פֿאַרשטייען זיי?

ווען מײַן טשעמאָדאַן וואָלט געווען אָנגעפּילט מיט פֿייגל, וואָלטן
זיי פֿון מיר ניט געריסן אַזוי קיין שטיקער: „בינד אונדז פֿאַנאַנדער, עפֿן
עפּעס א פֿענצטערל, לאָז אונדז זען די ליכטיקע וועלט".

גיי דערציילט זיי, די בלאָקנאָטן, אַז שרײַבערײַ איז ביז גאָר א ביטערע
מעלאָכע. מיר ווילט זיך גראָד ניט שרײַבן, נאָר טראַכטן, טראַכטן וועגן
אונדזער אומענדלעך גרויס און רײַך היימלאַנד.

מע זעצט זיך ניט גלאַט צום טיש מיט דער שיינער גאָלדענער פּיל־
פּעדער אין האַנט און מיט די הונדערט ווײַסע בייגעלעך פּאַפּיר אויף
איבערשרײַבן מיט טינט אַלץ, וואָס פֿריִער איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט
א בלײַער. ניין, ברידערלעך בלאָקנאָטן.

מע קאָן אויך ניט באַפֿעלן די צענדליקער און הונדערטער טײַערע
סאָוועטישע מענטשן, וואָס דער אויטאָר האָט אין וועג באַגעגנט, זיך
אוועקלייגן אויפֿן פּאַפּיר.

עפּשער ווילן זיי ניט, עפּשער דאַרפֿן זיי א טשעכאָוו, א יִצחאָק־
לייבוש פּערעץ? איך בין גאָר נאָך ניט אַזוי היימיש מיט זיי אַלעמען, איך
זאָל אַזוינס פּאָדערן. דערבײַ וויטעקט בא מיר שטענדיק דאָס האַרץ פֿאַר
מײַן „פּאַפּירענעם" מאַזל, פֿאַרוואָס האָב איך ניט געקאָנט זײַן אויב
ניט קיין קאַפּיטאַן, איז א פּאָשעטער מאַטראָס אויף א פֿיש־זאַוואָד, וואָס
גייט אוועק אויף א האַלב יאָר אין אָקעאַנעם אָקעאַן אַרײַן און לעבט אויך
מיט א הויך פּאָעטיש לעבן.

איך וואָלט אויך געקאָנט זײַן אַן אַרבעטער אָדער אינזשעניער אין
די כיבינער אַפּאַטיט־קאַריערן, דאָרטן וואָלט איך דאָך אויך געקאָנט
שרײַבן לידער עפּשער מערער און בעסער, ווי אין מאָסקווע.

איך זאָג „שרײַבן", פּונקט ווי לידער שרײַבט מען. דער טערמין איז, לויט מײַן מיינונג, אַ פאַלשער.

לידער לעבט מען איבער, און נאָכדעם פאַרשרײַבט מען זיי. אין די טיפע זאַמדיקע אָקאָפּעס בײַ די ברעגן פון שטילן דאָן, ווו מיר האָט אָפּגעשפּילט דאָס מאַזל צו בלײַבן לעבן נאָך די שווערע אַטאַקעס אויף די דײַטשישע פּאָזיציעס, ווען איך האָב געזען דעם טויט פאַר די אויגן און מײַן בלוט אַפן זאַמד, — האָב איך דען געשריבן מײַנע לידער? די הייסע פערזן האָבן אין מויעך געבליצט, ווי אויפגעריסענע ראַקעטעס פאַר די אויגן זיך געצונדן.

און ערשט העט־העט שפּעטער, אין אוריופּינסקער און אין קאַזאַנער שפּיטאָלן, זײַנען זיי פאַרשריבן געוואָרן.

איך האָב ניט געשריבן, נאָר פאַרקריצט אין זיקאָרן מײַנע לידער בײַס די שווערע יאָרן פון סטאַלין־קולט, אין די טורמעס, לאַגערן און אויף די עטאַפּן. ווײַל קיין בלאָקנאָטן, העפטן, טאָגביכלעך האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, אַפילו אין קאָפּ איז אויך צומאָל שווער געווען עפּעס האַלטן.

דאָך האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אייניקע פון מײַנע לידער פאַרשרײַבן אויף די ביכעלעך ציגאַר־פּאַפּיר פון דעם אָרטעל „פּאַר טויב־שטומע". פאַר זיי, פאַר די לידער מײַנע, האָב איך אויף די בויונגען פון קאַראַגאַנדאַ, אַמסק, מעזשדורעטשיע געהאַט אַ שטעקן מיט אַ כאַלעל, צוויי מעדיצינישע לערן־ביכער, ווו די טעוועלעך זײַנען געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט לידער.

די לידער זײַנען געווען געפּרעסטע, פול מיט ווייטעק און צאָרן.

איצט זײַנען מײַנע וועגן אַנדערע. ס'איז ניט נאָר אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט פון שוואַרצן ביזן ווײַסן ים, נאָר אויך אין פיגורעלן. עס האָט זיך באַרעכטיקט מײַן גלייבן אין דעם קויעך פון סאָוועטישן פאָלק און פון זײַן פּאַרטיי, דאָס גלייבן, אַז

...קומען אַ טאָג ווערט אַ גרויסער,
מײַן פאַרוווּנדעטע האַרץ
ווערט אין דרויסן

צעבלאָזן א סריפּע, א פלאַם,
מיר ווײַלן עס דערלעבן מיסטאַם.
(מעזשדורעטשיע, 1953)

דער אינדרויסן איז טאַקע איצט אַזאַ זוניקער, דער פלאַם פון די אויגוסט־טעג אַזאַ קישעפדיקער, אַלע מאָסקווער מערק און מאַגאַזינען זײַנען פול מיט אַלע שענסטע און בעסטע פּרוכטן פון דער וועלט. און דער הימל — אַי נענטער, אַי טיפער און בלאָער!..

טשעפּע ניט דעם הימל, זאָג איך צו זיך. הייב אָן פון דער ערד, טו א קוק, וואָס ארום דיר טוט זיך. געווען דאָ, ווו דו לעבסט, א פעלד, א פּוסטקע, גריבער און בלאָטעס.

און איצט רופט מען דײַן ראיאָן „קובא", זשעמטשוזשינא"[1]. און וועגן דער לופט אין דעם ראיאָן זאָגט מען בילדעריש־טרעפלעך „וואָזדוך ראַז" — א לופט פון רויזן־צוויט.

ארום און ארום — הונדערטער הויכע נײַע מויערן, קווארטאַלן דערבויטע און נאָך ניט דערבויטע, קליניקעס, מאַגאַזינען, קינדערגערטנער.

...מיט מײַנעם א כאַווער, א באַוווּסטן יידישן דיכטער, בין איך געגאַנגען קויפן א פלעשל ווײַן מיט צובײַסן אין איינעם פון די ערשט געכטן געעפנטע גאַסטראָנאָמען, ניט קיין מאַגאַזין, נאָר בוכשטעבלעך א פּאַלאַץ, מיט גאַלערייעס, מיט א סאַך לופט און זויבערקייט.

זאָג איך צו מײַן טשעמאָדאַן מיט בלאָקנאָטן — איך קאָן ניט, ס'איז אומעגלעך איצט אײַנזיצן אין שטוב און מיט אים זיך פאַרנעמען.

קורץ גערעדט, צו מײַנע בלאָקנאָטן נעם איך זיך ניט. איך האָב פאַרנאָטירט אײַנדרוקן, געדאַנקען אויף פּאַפּיראָס־שאַכטלען, רעסטאָראַנסערוועטלעך, אויף די ריינע זײַטלעך פון די „אָגאָניאָק"־ביכעלעך. און אויף וואָס ניט... דאָס אַלץ לייג איך נאָך דערווײַל אָפּ אויף א פרײַערער צײַט.

און עפּשער איז נאָך ניטאָ די שטימונג, וואָס איך מוז האָבן, קעדיי אויסשליסן זיך פון מײַן איצטיקן אַרומיקן לעבן און זיך פאַרנעמען מיט פאַרשן מײַן אייגענעם ארכיוו?..

---

[1] א פּערל.

בעסער זיך פֿאַרנעמען מיט שטיקער לעבן, וואָס זײַנען אין ערגעץ בא מיר ניט פֿאַרשריבן, נאָר קאָכן אין בלוט, טוען אָן דיר א נײַע הויט, צווינגען דיך אַף א סאַך זאַכן קוקן טיפֿער, ערנסטער און מיט נײַע אויגן.

אַפֿן ווײַטן און עקסטן צאָפֿן — זאַפּאָליאַריע — בין איך געווען באַגײַסטערט און דערשיטערט פֿון א סאַך נאַטור־דערשײַנונגען, וואָס זײַנען געווען פֿאַר מיר, א געבוירענעם און אויסגעוואַקסענעם אַף דאָרעם־אוקראַינע, אַן אַנטפּלעקונג.

לעמאָשל, צוועלף, איינס אָדער צוויי בײַנאַכט שײַנט די זון, ווי אינמיטן העלן טאָג, לייען ביכער, מאַך, אויב דו ווילסט, זון־וואַנעס, רייכער צו א פּאַפּיראָס דורך א גלעזל. אינמיטן־דרינען קאָן אָבער אויך אין יול אויספֿאַלן א שניי. וועלט־באַרימטע ליזשניקעס פֿאָרן אָפֿט אַהער זומער־צײַט דורכפֿירן זייערע ספּאָרט־פֿאַרמעסטונגען.

דאָ האָב איך צוזאַמען מיט א מורמאַנסקער יונגער דיכטערן געקליבן אין די פֿאַרנאַכטיקע מיט זון פֿאַרגאָסענע סאָפּקעס מאָראָשקע־יאַגעדעס, די זעלבע יאַגעדעס, וואָס פּושקין האָט דרײַ מינוט פֿאַר זײַן אַוועקגיין פֿון דער וועלט געבעטן דערלאַנגען:

— א לעפֿעלע מאָראָשקע־וואַרעניע.

די שיינקײַט פֿונעם קאָלסקער האַלב־אינדזל האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט. כאָטש אומעטום, ווו דו שטעלסט ניט קיין טראָט, איז שטיין, נידעריקע געוויקסן און א מישמאַש פֿון קאָלירן — סײַ אין הימל, סײַ אַף דער ערד.

דאָ, ווו עס שטייט איצט די שטאָט מורמאַנסק, איז, ווײַזט אויס, אַמאָל געווען יאַם. איצט איז מורמאַנסק די איינציקע אין דער וועלט שטאָט אַפֿן עקסטן צאָפֿן מיט אַזא באַפֿעלקערונג און קולטורעל־ווירטשאַפֿטלעך לעבן.

זי, די יונגע, שיינע סאָוועטישע פּאָרט־שטאָט, איז אַלט ערשט אַכט און פֿערציק יאָר. ווי ס׳ע דערציילן די סאַאַמען (לאָפּאַרן), די עלטסטע טוישווים, געבוירענע אין די טונדרעס פֿונעם קאָלסקער האַלב־אינדזל, איז דער ערשטער שטיין פֿון דער קינפֿטיקער שטאָט פֿאַרלייגט געוואָרן אין 1916 יאָר.

דער ארכאנגעלסקער גענעראל־גובערנאטאָר האָט אמאָל שריפטלעך געענטפערט די געלערנטע, וואָס האָבן געוואָלט באַווײַנען דעם קאָלסקער האלב־אינדזל, אז אף אָט דער דאָזיקער הארבער ערד קאָנען לעבן בלויז צוויי הענער און דרײַ הינער.

איצט לעבן אין מורמאנסק העכער דרײַ הונדערט טויזנט מענטשן. אין מורמאנסק זײַנען טעטיק פערציק שולן, עטלעכע הויכשולן, א פעדאגאָגישער אינסטיטוט און א סאך יאמ־שולן.

געלערנטע פונעם וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט אפן נאָמען פון דעם אקאדעמיקער נ. מ. קניפאָוויטש פארנעמען זיך מיט נײַע פראָבלעמען פון דער פישפאנג־ווירטשאפט אין בארענצער און אין ווײַסן יאם, ווי אויך מיט אָקעאנאָגראפיע.

אין איינער פון די פאָרשטעט געפינט זיך דער אינסטיטוט פון ערדישן מאגנעטיזם.

מורמאנסק רופט מען אָן „די טויערן פון דער ארקטיק". דאָ אין פאָרט באזירט זיך דער אטאָם־אײַז־שפאלטער „לענין", אהער קומען אָפט צו־גאסט די אײַז־שפאלטער „מאָסקווא", „יערמאק" און אנדערע.

איך בין געווען אף דעם גרויסן מורמאנסקער פיש־קאָמבינאט און באקומען א מאטאָנע — א קעסטעלע קאָנצענטרירטע „אוכא", וואָס איך האָב געבראכט קיין מאָסקווע.

אף דער פישפאנג־שיף אף גאָגאָלס נאָמען בין איך ארויסגעטראָטן פאר מאטראָסן מיט מײַנע לידער אין רוסישער איבערזעצונג.

צו די אויצרעס פון קאָלסקער האלב־אינדזל האָבן זיך געצויגן די הענט פון די אמעריקאנער, ענגלישע, פראנצויזישע און אנדערע מאג־נאטן.

אָקופירט די יונגע סאָוועטישע פאָרט־שטאָט, האָט די אנטאנטע פאר־מוטשעט און פארפײַניקט אין די טפיסעס און לאגערן טויזנטער סאָוועטישע בירגער, פאטריאָטן פון שנייִקן און זוניקן צאָפן.

איך מוז נאָך דערציילן וועגן די הײַזער־טשעמאָדאנעס פון גאָפרירט בלעך, וואָס די אמעריקאנער און ענגלענדער האָבן געבראכט קיין מור־מאנסק אף צו ווינען, ווײַל אין אָט די טשעמאָדאנעס האָט מען געזאָלט

אַרײַנשפּאַרן אַ שטאָט. דאָס ערשטע שטײנערנע הױז אין מורמאַנסק איז אױפֿגעקומען אין 1934 יאָר.

ביז איצט, ס׳איז שױן אַ קײַמעלאָן פֿון איבער פֿערציק יאָר, קאָכט נאָך און זידט באַ די אַלטע אָרטיקע אײַנװױנער די סינע צו די אױסלענדישע אָקופּאַנטן.

צװײ מאָל האָט די שטאָט געברענט און איז װידער אױפֿגעבױט געװאָרן. אין די יאָרן פֿון דער גרױסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָבן דאָ, װי אומעטום, סאָװעטישע מענטשן באַװיזן אומשטערבלעכן העראָיזם באַם פֿאַרטײדיקן די ערד און די װאַסערן פֿון װײַטן און עקסטן צאָפֿן.

אָט שטײ איך אין צענטער שטאָט מיט צװײ ייִדישע ייִנגלעך מאַטראָסן, אײנער אַ מאָסקװער, באָריס ראַם, און אײנער אַ ראָסטאָװער, װיקטאָר קאַראַסיק. מיר שטײען באַם דענקמאָל פֿונעם העלד פֿון סאָװעטנפֿאַרבאַנד אַלעקסאַנדער ברעדאָװ.

קײן מער אײַנדרוקספֿולע סקולפּטור פֿון אונדזער צײַט האָב איך ניט געזען. טיפֿע אױגן, אַ פּאָנעם, פֿול מיט צאַר און אַנטשלאָסנקײַט. ער האַלט פֿאַרהױבן אין דער האַנט אַ גראַנאַט. נײן, קײנמאָל װעט ער דעם פֿאַשיסט ניט אָפּטרעטן זײַן בערגעלע ערד.

צו אַלעקסאַנדער ברעדאָװס דענקמאָל, װאָס איז נאָענט צו דער יוגנט־קאַפֿע „מינוטקאַ“, צום רעסטאָראַן „אַרקטיקאַ“, צום פּאַרק אַף גאָרקיס נאָמען, קומען מענטשן טאָג־טעגלעך מיט פֿרישע קװײטן: עס קומען יוגנטלעכע פּאָרן גײן אין זאַגס זיך פֿאַרשרײַבן, עס קומען אױסגעבענקטע פֿרױען פֿון מאַטראָסן און פֿישער בעטן, אַז אין זכות פֿון אַלעקסאַנדער ברעדאָװ זאָלן זײערע מענער זיך גיך און געזונט צוריקקערן פֿון יאַם.

דײַטשישע, שװעדישע, נאָרװעגישע און אַנדערע אױסלענדישע דעלעגאַציעס הערן ניט אױף צו זשמורען מיט די אױגן אין די פֿאָטאָ־אַפּאַראַטלעך און צו אָנשטעלן זײערע קינאָ־קאַמערעס.

איך בין לאַנג געשטאַנען אין געגנטלעכן מוזײ און געקוקט אַף דעם ליכטיקן פּאָנעם פֿון העלד פֿון סאָװעטנפֿאַרבאַנד ייִסראָעל פּיסאַנאָװיטש.

ייִסראָעל פּיסאַנאָװיטש האָט אין די װאַסערן פֿון באַרענצער יאַם געטאָן דאָס, װאָס אַלעקסאַנדער ברעדאָװ אַף דער יאַבאָשע.

מײַן פעדער איז שוין קימאט אויסגעטריקנט, כאָטש מיר געפינען זיך מיט אײַך די גאנצע צײַט אין א שטאָט, וואָס פון איר איז מיט דער האנט צו דערלאנגען צו צוויי יאמען — דעם בארענץ־יאם און דעם ווײַסן, און ליגן ליגט זי באם קאָלסקער אײַנגוס, ווו דער וועג איז א קײַלעכיק יאָר אָפן פאר שיפגאנג אף אלע ברייטן און ווײַטן.

ווען מיר זיך געזעגענען צײַטווײַליק מיטן קאָלסקער האלב־אינדזל, איך זאָג צײַטווײַליק, ווײַל איך טרוים נאָך זײַן אויך ווינטער אין מורמאנסק און זען די קישעפדיקע פּאָליאר־נעכט מיט זייער וווּנדערבארער שיינקײַט, ווען איבערן קאָפּ פלאקערן טויזנטקאָליריקע הימלשע זײַלן, ענלעכע צו הענגלײַכטערס פון הויל דימענטן.

זײַ געזונט, קאָלסקער באלעבטע ערד! זײַ געזונט, קאנדאלאקשע! זײַט געזונט, „לאוואָזערע“, „טרי רוטשיא“ און „ריבאטשי“!

מיט א באזונדער ליבע דערמאָן איך איצט די נעמען, ווײַל אין קאנדאלאקשע פארקאָוועט מען מער קיינעם ניט אין קאנדאלן, אין „לאוואָזערע“ שטייען ניט די שטיבלעך אף הינערשע פיסלעך און „ריבאטשי“ איז מער ניט קיין טויט־טאָל, ווו די אינטערווענטן פלעגן מיט דער גרעסטער אכזאָריעס שיסן די אָרטיקע באפעלקערונג.

אָפּגעזעגנט זיך מיט דער שיינער שטאָט, מיט מײַנע נײַע פרײַנט, האָב איך זיך אופגעזעצט אף דער שיף „איליא רעפין“ און בין אָפּגעשווימען קיין ארכאנגעלסק.

דער קאָלסקער אײַנגוס האָט א ביסל געבושעוועט, נאָר דער בארענצער יאם איז גראָד געווען שטיל און מענטשלעך, וואָס טרעפט בא אים זייער זעלטן. ער האָט אויסגעזען ווי מיט שטיקער הימל פארלאטעט, אין אויג איז אים געווען שווער ארײַנעמען, גערעדט האָט ער מיט זיך אליין עפּעס שטילס, פארבאָרגנס.

ער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר איך האָב פארשטאנען, אז ער קאָן זײַן זייער גרויזאם, הייב זיך נאָר אָן מיט אים, וועסטו שוין מער ניט וועלן.

איך בין געשטאנען אף דעם אויבערדעק מיט א גלוכאָווער יידן, אן אינזשעניער, וואָס לעבט איצט אין לענינגראד, און מיר האָבן געוואָרפן שטיקלעך ברויט די פייגל.

— קונצנמאכער! — האָט א זאָג געטאָן דער גלוכאָווער ייִד אַף די באקלאנען. — אָט זעט, זעט, ווי זיי פּאַקן די ברעקלעך. א קרײַז, א טוק — און פארטיק, דאָס ברויט איז שוין באם באקלאן אין פּיסק. אינטערעסאנט, ווו שלאָפן זיי, די פייגל, אז ארום־און־ארום איז יאם?..

— ווי איז אײַער פאמיליע? — האָב איך פּלוצעם, ווי פון שלאָף, א פרעג געטאָן באם גלוכאָווער.

— מײַן פאמיליע איז יודקעוויטש, און וווינען ווױן איך אין לעניב־גראד. כ'האָב אײַך שוין געזאָגט.

— איז אָט, כאווער יודקעוויטש, די פייגל שלאָפן אין די בערג. איר זעט אָט יענע מיט יאגעל באדעקטע סאָפּקעס פון איין זײַט ברעג און פון דער צווייטער? דאָרטן, דאָרטן שלאָפן די פייגל.

— און וואָס איז פון יענער זײַט סאָפּקעס?

— טונדרע.

— און וואָס איז דאָרט אין דער טונדרע?

— הירשן־סאָוכאָזן, דאָרט וווינען סאאמען, לאָפּארן.

— זיי האָבן ניט ליב, אז מע רופט זיי אזוי. בעסער רופן זיי פאָמאָרן. זעט איר, דאָס ווייסט ער גראָד, דאוויד איסאקאָוויטש.

— מיר, די לענינגראדער, — האָט געזאָגט דער גלוכאָווער, — טוען זייער א סאך פארן קאָלסקער האלב־אינדזל. איר האָט געזען די שיינע רעסטאָראנען, קאפעען, געזעלשאפטלעכע געבײַדעס אין נײַסטן סטיל סײַ אין מורמאנסק, סײַ אין קיראָוו, סײַ אין מאָנטשעגאָרסק? איז צו דעם האָבן אויך מיר, לענינגראדער, צוגעלייגט א האנט.

— און וואָס זײַנען דאָס פאר אן איינזאמע שטיבעלעך העט־העט הויך, אַף די ברעגיקע בארג־שפּיצן? — האָב איך שוין א פרעג געטאָן באַם גלוכאָווער.

— איר ווייסט ניט? דאָרט וווינען מעטעאָראָלאָגן, אָקעאנאָלאָגן, איכ־טיאָלאָגן און אנדערע געלערנטע.

— איז מוז דאָך זיי אוואדע זײַן דאָרט א ביסעלע שווערלעך צו לעבן?

— געוויס. קיין מעטראָ, קיין טאקסי, קיין אָפּערע איז דאָרט ניטאָ... — דער גלוכאָווער האָט זיך שוין גענומען בייזערן. — גיט מיר בעסער אײַער

בלאָקנאָט, וועל איך אײַך אַרײַנשרײַבן מײַן לעבנינגראַדער אַדרעס און עטלעכע ווערטער אין ייִדיש.

דער ייִד האָט אָפּגעטאָן זײַן שטיקל אַרבעט. פֿון זײַן ייִדישן קסאַוו און פֿון דער אָרטאָגראַפֿיע בין איך ניט אַפֿן זיבעטן הימל.

— לאָמיר בעסער אַראָפּ אין רעסטאָראַן, כאַפּן אַ גלעזל ביר.

— לאָמיר.

אַפֿן צווייטן טאָג בין איך געשטאַנען אויף דער אויבערדעק אין אַ רעגן־מאַנטל, געוואָלט ניט דורכלאָזן דעם וווּנדער־געמיש פֿון אַלע זעלטענע פֿאַרבן, וואָס אײַן יאַם שענקט דעם צווייטן, ווען זיי פֿאַרייניקן זיך.

אָט־אָט האָט זיך שוין, לויט מײַן כעזשבן, געדאַרפֿט אָנהייבן שפּרייטן דער ווײַסער יאַם. נאָר איך בין, ווײַזט אויס, צו פֿרי אַרויס פֿון מײַן קאַיוטע.

איך האָב אַ פֿרעג געטאָן בײַ אַ נידעריטשקן פּאַסאַזשיר מיט צע־קנייטשטע, אײַנגעפֿאַלענע באַקן:

— כאַווער, ווו און ווען וועלן מיר אַרײַנשווימען אין ווײַסן יאַם?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— צו פֿרי. הײַנט באַנאַכט אָדער מאָרגן אינדערפֿרי.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער מענטש אַן עמעסער סאַאַם, אַ געבוירענער אָט אין די טונדרעס, וואָס שפּרייטן זיך פֿון יענער זײַט ברעג, הינטער די סאָפּקעס.

איך האָב געפֿרעגט בײַ אים וועגן דעם לעבן אין דער טונדרע. ער דערציילט, אַז אַליין איז ער אַ פּאַסטעך אין אַ הירשן־סאָווירט, ער איז דער הערשער איבער פֿינף סטאַדעס הירשן.

אונדזער שיף „איליאַ רעפּין" איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן אינמיטן יאַם. צו דער שיף האָט זיך צוגעשאַרט אַ קלייניקער קאַטיער, צוגענומען מײַן סאַאַם און נאָך אייניקע פּאַסאַזשירן און איז פֿאַרשוווּנדן.

מײַן דריטע באַקאַנטשאַפֿט אויף דער שיף „רעפּין" איז אַ צוועלפֿיאָריק באָכערל פֿון אַרכאַנגעלסק, וואָס פֿאָרט פֿון „ריבאַטשי". ער האָט דאָרט, זאָגט ער, אַ מומע. פֿאָרט אַליין, ווײַל ער פֿאָרט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל.

ניקאָלײַ הייסט ער, קאָליע. אָנגעטאָן איז ער אין א בלוי בערעטל, א היימיש געשטריקט סוויטערל און לײַכטע סאנדאלעטלעך אף די פיס.

אלץ ווייסט ער, קאָליע, דאָס, וואָס איך וועל זיך ערשט שפּעטער דערוויסן.

לעמאָשל, אז אין ארכאנגעלסק פארענדיקט מען איצט א גרויסע הענג־בריק, וואָס וועט פארייניקן דעם רעכטן און לינקן ברעג פון דער צאָפן־דווינע; אז פיאָטער דער ערשטער איז געווען אויך א גוטער קאָוועל: איז ארײַן אמאָל אין א קוזניע, אָפּגעארבעט א האלבן טאָג און פארדינט זיך געלט אף א פּאָר שיך; אז אין סאָלאָמבאלע איז דאָ א גרויסער, גרויסער צעליולאָז־ און פּאפּיר־קאָמבינאט, וואָס שיקט גרויסע שיפן, געלאָדענע מיט פּאפּיר, אין אלע עקן וועלט; אז אין סאָלאָוועצקער מאָנאסטיר זײַנען פאראן אין די ווענט אזוינע לעכער, וווהין מע פלעגט ארײַנלייגן לעבע־דיקע מענטשן און זיי אראָפּשטויסן אין אונטערערד; אז אין מעזיען (ניאשע) לויפט דער טײַך דרײַ מאָל אין טאָג אוועק צום יאם און די סיאָמגע בלײַבט ליגן אפן זאמד, קום צו גיין און נעם. נאָך א סאך, א סאך זאכן ווייסט קאָליע. מיטאמאָל ווערט ער ניט פון אונטער די הענט. אָבער דערפאר, ווו מע זייט אים ניט, וואקסט ער אויס. קיין קאָק, זאָגט ער, וועט ער אף קיין שיף ניט זײַן, ס'איז אים אזוי אויך שטענדיק הייס; קיין קאָטשעגאר אויך ניט. באם רודער שטיין — דאָס יאָ.

צו פארנאכט־צו האָט זיך דער בארענצער א ביסעלע צעהוידעט, די פּאסאזשירן זײַנען אראָפּ אין די קאיוטעס שלאָפן. מע זאָגט, אז אזוי איז גרינגער צו איבערטראָגן א שטאָרם.

בין איך אויך ארײַן אין מײַן קאיוטע.

— און איך ווארט שוין אף אײַך, — האָט זיך אופגעהויבן פון מײַן קושעטקע דער גלוכאָווער ייִד.

— איר ווילט עפּשער כאפּן א הונדערט־איינס, א פּאָקער?

— נייך, רעב ייִד! אין קאָרטן שפּיל איך ניט, איך קען פּאָשעט ניט. א שאָד, ביטע זייער. נאָר טוט א קוק, ווי סע קאטשעט.

— אייסעך, מע האָט שוין געזען גרעסערע שטאָרעמס, צו זעכצן — אכצן באלן, די כוואליעס ווארפן די שיף, ווי א שפּענדל, קריכן ארוף אף

דער אויבערדעק, ווי צערייצטע טיגערס, רײַסן איבער קייטן און שטאָלע־נע קאנאטן.

— מע האָט געזען, זאָגט איר. ווער איז דער „מע"? איר?

— כאָלילע, מער פעלט מיר ניט, נאָר א שטאָרם פון אכצן באַלן. בא אונדז אין גלוכאָוו איז קיין יאם קיינמאָל ניט געווען. א פיצל טײַכל. נאָר געקאטשעט האָט קעסיידער, אָדער פון הונגער, אָדער פון אנדערע צאָ־רעס. א יאם איז געווען ניט קיין יאם, נאָר אן אָקעאן מיט צאָרעס.

— און איצט?..

— איצט, ווי איר זעט, איז דאנקען גאָט. קומט בעסער ארויף, — זאָגט ער, דער גלוכאָווער, — און לאָמיר נעמען א פלעשל ביר.

— לאָמיר.

וואָס מיטן בארענצער יאם איז פאָרגעקומען, ווען ער האָט זיך בא־געגנט מיטן ווײַסן, איז שווער איבערצוגעבן מיט אונדזער אָרעמער מענטשלעכער שפראך. מע האָט זיך געהאלדזט, געקושט, געוויינט און געלאכט, געקוקט אייגער דעם אנדערן אין די אויגן.

יאמען זאָלן זײַן אזוי צוגעלאָזט איינער צום אַנדערן!

— אָט דאָס איז ער! — האָט אויסגעשריגן דער גלוכאָווער אף א קאָל.

— ווער?

— דער ווײַסער! פאנאיע זיינען מיר דורכגעשווומען צי ניט?

— איך ווייס ניט.

א ווײַסער? איך זע גאָר ניט, ער זאָל זײַן אזא ווײַסער. קיין שום כי־לעק פון יענעם יאם ביז דעם יאם. כוואליעס ווי כוואליעס. דאָס וואסער, עמעס, א ביסל ליכטיקער, ווײַל סע טאָגט שוין און דער הימל פליושקעט זיך אין יאם.

— ווײַסער, שווארצער, וואָס גייט עס מיר אָן?.. קיין ראסיסט בין איך ניט. ס'איז דאָרט בא זיי, — האָט דער גלוכאָווער געטײַנעט, ווײַזנדיק מיט א פינגער אף א הויכגאָרנדיקער אויסלענדישער שיף אין יאם.

מיר האָבן שוין געזען די באגעגעניש פון בארענצער מיטן ווײַסן יאם, איצט שטרענגען מיר זיך אָן ניט דורכלאָזן די פײַערלעכע רעגעס, ווען א יאם מיט א טײַך באגעגענען זיך.

קיין יאם־לאָשן פארשטיי איך ניט, נאָר עפּעס גוטס האָב איך געהערט אין די אויערן קלינגען.

די צאָפּן־דווינע האָט זיך פארכלינעט באם עפּעס צוזאָגן דעם ווייסן יאם און מיטאמאָל שטיל, שטיל געבליבן. די שטילקייט איז ארײַן אין הארצן מיט אזא קילער לויטערקייט. ווען איך קען, ברעך איך אָפּ א שטיק פרימאָרגן־שיינקייט בא דער צאָפּן־דווינע און באהאלט בא זיך אף א גאנצן לעבן.

איך מאך צו די אויגן, און אז איך עפן זיי, ווער איך פארשיקערט פון אזא ראכוועס און בלויקייט. עפּעס איז דאָ א סאך מער ווי טײַך, ווי הימל!

פון ביידע זײַטן דווינע — צענדליקער בירזשעס מיט בוי־מאטעריאלן, דאָקן און מעכטיקע הייב־קראנען, פּילאָראמעס, וואָס שפּילן ווי פידלען קעגן דער גינגאָלדענער זון, און אן אילויזאָרישע וועלט מיט שטיבער, וואָס זײַנען ניט מער ווי צונויפגעלייגטע שטאבעלן פון מיליאָנען קובאָמע־טער פרישע ברעטער.

די רײַכע ארכאנגעלסקער וועלדער שפּײַזן מיט בוי־מאטעריאלן גאָר די וועלט. די שענסטע און די גרעסטע אָקעאן־שיפן פאשען זיך אין די וואסערן פון דער דווינע, געלאָדענע מיט ארכאנגעלסקער וואלד, מיט אנדערע בוי־מאטעריאלן און פארשיידענע עקספּאָרט־סכוירעס.

א גערויש פון די האָרבאטע ווערטאָליאָטן, מאָטאָר־שיפלעך, אעראָ־פּלאנען, וואָס זעצן זיך אפן וואסער, ווי קאטשקעס, זאָגט אָן, אז מיר דער־נעענטערן זיך צו ארכאנגעלסק.

איך בין שוין זייער מיד פון אזויפיל אײַנדרוקן. נאָר ווען איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט אין האָטעל „דווינא" אף נאכטלעגער, בין איך גלײַך אוועק ווידעראמאָל צו דער דווינע.

פארוואָס צו דער דווינע?

ווײַל דאָס גאנצע לעבן פון אָט דער פּרעכטיקער צאָפּן־שטאָט איז דער טײַך. א ברעג, וואָס ציט זיך אף פערציק קילאָמעטער. א ברעג־גאס מיט ווונדערלעכע באליוסטראדעס, אלייען און דענקמעלער. וואסער־וועגן, וואָס פארבינדן רוסלאנד מיט דער גאנצער וועלט.

אָט שטייט ער, פּיאָטער דער ערשטער, בײַ די ברעגן פֿון דער דווינע, זײַנע אויגן זײַנען טיף און דאָרשטיק.

באַלד־באַלד, דאַכט זיך, צעקנעפּלט ער און טוט אויס זײַן מונדיר, וואַרפֿט אַראָפּ די הויכע באָטפֿאָרטן זײַנע, שפּרינגט אַרײַן אין דער דווינע און שווימט אַוועק ווײַט־ווײַט צו נײַע וועלטן און ברעגן, וווּהין ער האָט אַמאָל זײַן פֿאַרגליווערט, פֿינצטער רוסלאַנד געצויגן.

אַרכאַנגעלסק איז אַלט 380 יאָר. ווו־ניט־ווו פֿילט זיך נאָך אין שטאָט דאָס נײַטיקע און גוטע אַרכאַישע: אײניקע אַלטע הײַזער מיט געשניצטע באַפּוצונגען, פֿלעצער, פֿון וועלכע מע פֿלעגט קײַקלען פֿעסער צו די ברעגן פֿון דער דווינע.

אָבער דאָס נײַע דרינגט אַרײַן אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער שטאָט.

אַרכאַנגעלסק איז ניט נאָר די אַלפֿאַרבאַנדישע „ליעסאָפּילקע", אַרכאַנגעלסק איז אַ וויכטיקער קולטור־צענטער, וואָס איז מיט אַלע נערוון געוועבן פֿאַרבונדן מיט נאַריאַן־מאַר, וואָרקוטאַ, קאָטלאַס, סאָלאָוועצקער אינדזלען, פּאַנאיע, נענצער נאַציאָנאַלן קרײַז, קאַריאַזשער כימקאָמבינאַט, אָניעגע, מעזיען און אַ סאַך, אַ סאַך אַנדערע גרעסערע און קלענערע באַלעבטע ערדן און וואַסערן.

באַם אָבעליסק לעקאָוועד דעם ווײַטן צאָפֿן איז אין מיר געבוירן געוואָרן אַ ליד.

1964

הירש פלאַסקאָוו

אונדזער אַלעמענס טרוים

די יאָרן לויפֿן. אָט בין איך שוין אַלט 64. איך דערמאָן זיך די פֿאָרשטאָט פֿון מינסק — די אַלטע הילצערנע קאָמאַראָווקע, ענגע, שטויביקע געסלעך און ליקן, פֿאַרוואַקסענע בא די ראַנדן מיט הויכן בוריאַן. אונדזער הײַזקע איז געשטאַנען אַף אַ בערגל, דערפֿאַר אַפֿאָנעם האָט מען דעם טאַטן גערופֿן „דאָוויד בוגאָר“.

אין כיידער בין איך געגאַנגען אַף דער צניאַנער גאַס. אַז דער רעבע מוישע פֿלעגט מיך שמײַסן, פֿלעג איך זעלטן וויינען, בלויז פֿאַרבײַסן די ליפּן. געשלאָגן האָט דער רעבע אָן רוגזע, אָן קאַס, ער איז ביכלאַל געווען אַ ווייכהאַרציקער מענטש. צײַטנווײַז האָבן מיר, כיידער־יינגלעך, אים אַפֿילע ליב געהאַט. נאָך די שמיץ פֿלעגט ער מיך אָוועקזעצן צו זיך

אַף די קני, מיר געבן אַ גלעט די באַק מיט די ווייכע געלע טאַבעק־פינ־גער. „הערשעלע, — פלעגט ער זאָגן, — פאַרשטייסט דען ניט, אַז קוגעל איז אונדזער גאַבע, היינט ווי זשע קריכסטו צו אַזאַ מענטשן אין גאָרטן? אָן זיין הילף וועל איך דען קאָנען אייך, קאַפּצאָנישע מאַמזיירים, לערנען? מיט די גראָשנס, וואָס דיין טאַטע און אַנדערע גיבן, קאָן מען דען אויס־האַלטן אַ כיידער?"

„רעבע, איך וועל עס מער ניט טאָן", — האָב איך פון גאַנצן האַרצן צוגעזאָגט. אָבער אַף מאָרגן בין איך ווידער מיט אַ גאַנצער כאָפּטע כיי־דער־ייִנגלעך געקראָכן צו קוגעלן אין סאָד. מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס דער רעבע מוישע און מיר אַלע האָבן מוירע פאַרן בייזן און קאַרגן קוגעלן.

נאָכן כיידער האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין יעשיווע. דער ראָש־יעשיווע איז געווען דער ראָוו בערנשטיין. אין קאָמאַראָווקע האָט מען אים גערופן „דער מילכיקער ראָוו". אַ הויכוווקסיקער, אַ דיקער, אין אַ לאַנגן שוואַרצן סורדעט און אין אַ יאַרמלקע, נידעריק אַראָפּגערוקט אַפן ברייטן שטערן, האָט ער אַף מיר, דערהויפּט די ערשטע צייט, אָנגעוואָרפן אַ מוירע. אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ לאַמעדוואָווניק. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן צום ליבאַוויטשער רעבן, בא וועמען ער האָט שטאַרק נויסע־כיין געווען. „דער מילכיקער ראָוו" האָט געשעמט מיט זיינע דראָשעס. אַ שטים האָט ער געהאַט אַ דונערנדיקע. מיט אונדז האָט ער געלערנט די געמאָרעס באָבע־קאַמע, באָבע־מעציע, צוזאַמען מיטן טויספעס. איך האָב געלייענט גוט, אָבער פאַרטייטשן איז מיר געווען שווער, ס'איז בעשום־אויפן ניט דערגאַנגען צו מיין קינדישן סייכל.

מיטן דאַרן פויסטל האָב איך טריי און פרום זיך געקלאַפּט אין דער אייַנגעפאַלענער ברוסט: אָשאַמנו, באָגאַדנו, גאָזאַלנו, דיבאַרנו דויפי...[1] איך קוק זיך אַרום אַפן היפּשן פעקל דורכגעלעבטע יאָרן און קאָן אַפילע איצט זיך ניט באַשולדיקן אין די אַלע געפערלעכע כאַטאָים.

צו צוועלף יאָר האָב איך נאָך, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט געקענט און

[1] מיר האָבן געזינדיקט, געפעלשט, געגאַזלט, גערעדט מיִעסע רייד. — אַ טפילע אין דאַוונען.

ניט געוווּסט, עטוואָס נאָר אַ שמעק געטאָן גראַמאַטיק און אַריפמעטיק. אונטער דער גרויסער גראָבער געמאַרע איז בײַ מיר אָפט געלעגן אַ רוסיש ביכל, וואָס איך האָב בישטיקע געלייענט.

אַ ביטער מײַכל איז געווען פאַר מיר „עסן טעג". אַ פּאָר באַלעבאָס־טעס פלעגן דאַפקע גוט אופנעמען, פּײַן גרייטן צום טיש, אַמאָל אפילע אָפּגעגעבן דעם בעסערן ביסן, נאָר מיר איז דאָס ניט אײַנגעגאַנגען. אין דער מינוט, ווען כ'האָב געדאַרפט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ פרעמד־דער שטוב, האָב איך זיך געוואָלט באַגראָבן לעבעדיקערהייט. ס'פלעגט מיך אַרומכאַפּן אַ געפיל פון בושע. איך האָב יעדעס מאָל געמוזט זיך דער־מוטיקן: „נו, קלויזניק, הײַדאַ!"

מײַן עלטערער ברודער, מאָטקע, האָט געאַרבעט אַפּן טשוהונגיסער־רישן זאַוואָד, ער האָט ניט שלעכט פאַרדינט. ער איז קיינמאָל ניט געשטאַ־נען צווישן די אַרבעטסלאָזע אַף דער בריק אַף נעמיגע, ווײַל ער פלעגט רוען ניט אום שאַבעס, ווי די מערהײַט ייִדישע אַרבעטער, נאָר זונטיק. אָפּן האָט עס אים קיינער קיינמאָל ניט אויסגעוואָרפן. מאָטקען האָב איך זייער ליב געהאַט, כ'האָב געטרוימט צו זײַן אַזאַ, ווי ער. ער פלעגט מיך באַקליידן און באַשוכן, אָפטמאָל אַרײַנרוקן אין האַנט אַ פּאָר קאָפּעקעס אַף נאַשערײַען.

כ'דערמאָן זיך: עס עפנט זיך די טיר פון קלויז און ס'קומט אַרײַן מײַן ברודער. ער רופט מיך אָפּ פונעם שטענדער און שעפטשעט: „הער־שעלע, וואַרף אַוועק די דאָזיקע באַגאַדעלניע, זי וועט דיר גאָרניט געבן. איך וועל דיך אײַנאָרדענען אין שיידלסאָנס „אוטשילישטשע" און צאָלן פאַר דיר לערנגעלט"...

בײַ מאָטקען איז — גערעדט און געטאָן. גלײַך אַף מאָרגן האָט ער מיך אַהין אָפּגעפירט. אָן אַ טראָפּן פאַרדראָס האָב איך זיך צעזעגנט מיט דער קלויז, מיטן ראָוו, מיט דער יעשיווע.

אין דער „אוטשילישטשע" האָבן באַלעבאַטעוועט די גווירישע זינד־לעך — די פערלמאַנס, סאַדאָווסקיס, קאָנטאָראָוויטשעס. וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי געטאָן. זיי האָבן געערוידעפּט די קינדער פון דער אָרעמשאַפט. דער לערן־אַנשטאַלט האָט זיך געפונען ווײַט, הינטערן

פערד־מארק, פיר קילאָמעטער פון אונדזער שטוב, נאָר אַף די לימודים האָב איך קיינמאָל ניט פאַרשפעטיקט. איך האָב זיך געלערנט זייער פלייסיק.

...די צייַט גייט, און אָט בין איך שוין א באָכערל פון 15 יאָר. דער ברודער איז אוועקגעפאָרן. די געזעגעניש איז געווען זייער א רירנדיקע, פונקט ווי מיר וואָלטן טאַקע געפילט, אז דאָס זעען מיר זיך צום לעצטן מאָל. איך האָב ביטער געוויינט. מאַטקע האָט מיך א צייַט געהאַלטן ארומ־גענומען און געדריקט צו זיך. ביז איצט שטייט ער מיר פאַר די אויגן — א הויכער, א שטאַלטנער, א קרעפטיקער. אין יאָרן ארום האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז געווען א מיטגליד פון דער רוסלענדישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פאַרטיי.

די עלטערן, באַזונדערס די מאַמע, האָבן זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס מיך אָנצוטאָן „מיט מענטשן גלייַך”. דאָס געזינד איז אָבער גע־ווען גרויס. ווו נעמט מען אַף סכאַר־לימעד? אייניקע יינגלעך פון מייַן עלטער ארבעטן שוין, ברענגען אריַין אין שטוב. און איך?..

קעגן ווילן פון טאַטע־מאַמע פאַרלאָז איך די שול און קום אָן אין זעלבן זאַוואָד, ווו עס האָט געארבעט מייַן ברודער. גלייַך פון אָנהייב האָט מיר דאָ אָפּגעגליקט — מע האָט מיך גענומען ניט פאַר קיין לערן־יינגל, נאָר פאַר א באַהעלפער. אין דעם האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם שלאָסער־מעכאַניקער מילעווסקי, וואָס האָט געוווינט בישכיינעס מיט אונדז אַף קאָמאַראָווקע. אונדזערע מישפּאָכעס זייַנען געווען שטאַרק באַפרייַנדעט. דער שטרענגער און רויִקער מילעווסקי האָט מיך גענומען צו זיך, געלערנט די מעלאָכע. איך האָב זיך באַמיט צו באַהערשן דעם פאַך, פאַרדינען פונעם טרייַען לערער א גוט וואָרט. מיט אכטונג און ליבע דערמאָן איך ביז איצט דעם דאָזיקן פּאָשעטן, באַשיידענעם מענטשן. בלויז איין מאָל האָט ער זיך ניט אייַנגעהאַלטן און דורכגעשפּאַצירט זיך איבער מייַן רוקן, עמעס, ניט מיטן קאַנטשיק, ווי דער רעבע מוישע, נאָר מיט דער פייַל. איך האָב דאַן געפּאַטערט א גוטע פאַרטיקע דעטאַל און קאָשער פאַרדינט די שטראָף.

צום סאָף פונעם צווייטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע בין

איך שוין געווען א פארדינער. ארבעטער־הענט זײַנען געוואָרן ווייניק, האָט מען מיך אוועקגעשטעלט בא א ווערקשטעל, געגעבן א קעסטל מיט אינסטרומענטן. ארויסבאגלייטנדיק מיך אף זעלבשטענדיקער ארבעט, האָט מילעווסקי געזאָגט: „הירש, זײַ אזא, ווי דײַן ברודער מאָטל". צום ערשטן מאָל האָט דער אלטער ארבעטער אָנגערופן מיך ניט הירשקע אָדער הירשקעלע, נאָר הירש, א סימען, אז איך בין שוין טאקע געוואָרן א דערוואקסענער מענטש.

אָקטיאבער 1917. אין די זאוואָדישע צעכן — פוסט, קאלט. כ'גיי דורך די זאוואָדישע בודקע, הענג מעכאניש אוף דעם נומער. קיינער פאר־שרײַבט אים ניט, קיינעם גייט ניט אָן, צי מע איז געקומען אָדער ניט. טומלדיק איז אף דער טעריטאָריע פון זאוואָד. גאנצע טעג קומען פאָר מיטינגען. ווער טרעט דאָ ניט ארויס! א מעפונעקדיקער קוויטשענדיקער פאָרשטייער פון דער עסערישער פארטיי, א פאָגראָמשטשיק, א פיל־סודטשיק, א פאָרשטייער פון „ארבעטער־קאמף", אנארכיסטן, סאוויב־קאָווצעס. אָבער צוגעהערט האָבן מיר זיך נאָר צו די באָלשעוויקעס. דאָס הארץ האָט געפילט, אז דער עמעס איז אף זייער זײַט. „פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!", „די גאנצע מאכט — די סאָוועטן!", „בידער מיט דער צײַטווײַליקער רעגירונג!" — די דאָזיקע לאָזונגען זײַנען אונדז געוואָרן נאָענט און אייגן.

דעמלט טאקע האָב איך פארלאָזט די ענגע געסלעך פון קאָמאראָווקע און ארײַנגעטראָטן אין דער רויטער גווארדיע, אין דער ארמיי, מיט וועלכער איך האָב זיך שוין קיינמאָל ניט צעשיידט.

אין 1945, קימאט אין דרײַסיק יאָר ארום, בין איך, אף צוריקוועגס פון באזיגטן דײַטשלאנד, פארפאָרן קיין מינסק און באזוכט קאָמאראָווקע. צו מײַן וווּנדער, האָב איך אפן בערגל געטראָפן גאנץ אונדזער הײַזקע. עס איז געווען נאָך מער אײַנגעהויקערט און אײַנגעבויגן. מיט ניסים האָט זיך עס פארהיט, און א פאָר פאמיליעס זײַנען געווען גליקלעך, וואָס זיי האָבן א דאך איבערן קאָפּ. גרויס איז געווען מײַן פרייד, ווען איך האָב צופעליק באגעגנט מײַן זאוואָדישן לערער — מילעווסקין. ער האָט מיך אויך דערקענט. מיר האָבן זיך צעקושט. פון די פילצאָליקע בא־

קענטע ייִדישע מישפּאָכעס האָב איך קיינעם ניט געפונען. איך בין גע־זעסן בא מילעווסקין אין שטוב און זיך אײַנגעהערט אין דעם, וואָס ער האָט מיט זײַן שוואך קאָל דערציילט, און בייסמײַסע געטראַכט וועגן אים און וועגן זיך, וועגן מײַנע פרײַנט און כאוויירים.

אין דער סאָוועטישער ארמיי האָב איך געדינט 42 יאָר. די יונגע און רײַפע יאָרן זײַנען אדורך אינעם בירגערקריג, אין דער פינישער קאמ־פּאַניע און אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. טרײַ און ליב איז מיר די גאנצע צײַט געווען מײַן מיליטערישער באַרוף.

אָן אָפּגעשוואַכטער און אויסגעצערטער פון הונגער און קרענק, בין איך בייסן בירגערקריג, צוזאמען מיט טויזנטער אנדערע שלאַכטלײַט, געגאַנגען אין אָנגריף אף פערעקאָפּ, געשלעפּט די הארמאטן איבער דעם געזאַלצענעם סיוואש. ווען ס'איז אָנגעקומען די פרידנס־צײַט, האָב איך זיך געלערנט אין דער מיליטערישער אקאדעמיע, דערנאָך, אלס קאָמאנ־דיר, געלערנט די סאָלדאטן — מיר האָבן אָן אופהער זיך געגרייט צו באשיצן די סאָוועטישע ערד.

ניט קיין קליינעם וועג איז מיר אויסגעקומען דורכצומאכן אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. וויפל טײַכן, אָדער, ווי מע רופט זיי בא אונדז אפן מיליטערישן לאָשן, „וואסער־באריערן”, איז אויסגעקומען בײַקומען: בערעזינע, סוויסלאָטש, דאָרעם־בוג, אָדער און א סאך, א סאך אנדערע — ביז דער סאמע עלבע.

צוויי צופאלן אף מײַן מילכאָמע־וועג האָבן זיך באזונדערס פארקריצט אין זיקאָרן.

דעם 8 סענטיאבער 1941, אין צוויי טעג ארום נאָך דעם, ווי אונדזער מיליטער האָט באפרײַט די שטאָט יעלניע, האָבן די דײַטשן אטאקירט אונדזער פאָדערשטע פּאָזיציע. איך האָב בייסמײַסע זיך געפונען אינעם ארטילעריע־פּאָלק פונעם קאָמאנדיר סעמעניכין און דערזען, ווי א האר־מאט האָט אָן שום רעזולטאטן געשאָסן אף א מעהאלעך פון 500—600 מעטער איבער די דײַטשישע טאנקען. איינער א דײַטשישער טאנק האָט זיך ארויסגעריסן פאָרויס און דערנעענטערט זיך צו אונדזער פײַער־ליניע. אף דער הייסער מינוט בין איך צוגעלאָפן צום ארטילעריסט, אליין

אָנגעשטעלט דעם הארמאַט, געגעבן א צי פארן שנור, — און דער טאנק האָט זיך א וואקל געטאָן, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט און פארהילט געוואָרן אין א געדיכטן רויך. אין דער זעלבער רעגע האָט א שטארקער קלאַפּ פון אן אופרײַס־כוואַליע א שלײַדער געטאָן מיך אף דער ערד און פארטויבט. די אטאקע פון די דײַטשן האָבן מיר אָפּגעשלאָגן.

א צווייטער צופאַל.

דעם 20 אפּרעל 1945 האָבן די ארטילעריסטן פון דער צווייטער גווארדייִשער טאנקען־ארמיי זיך קאָנצענטרירט לעבן בערנאו, גרייטנדיק זיך צו אטאקירן די שטאָט. אין דער אָנגעמערקטער צײַט — פּונקט פינף אזייגער אין אָוונט — בין איך צוגעגאנגען צו א הארמאט און געבעטן דעם ארטילעריסט, ער זאָל מיך לאָזן זיך שטעלן אף זײַן אָרט. איך האָב אָנגעצילט דעם הארמאט, דורך ראַדיאָ אָפּגעגעבן א קאָמאנדע: «Залпом, огонь!» און אליין דער ערשטער אויסגעשאָסן. טויזנטער הארמאטן פון דער גווארדייִשער טאנקען־ארמיי האָבן צום ערשטן מאָל פאר דער צײַט פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע גענומען שיקן פײַער דירעקט אין היטלערס פאשיסטישער נעסט. ניין, דאָס דאָזיקע בילד איז אומעגלעך צו פארגעסן! מיר זײַנען געווען די ערשטע פון די ערשטע...

צוזאמען מיט אלעמען האָב איך איבערגעלעבט דעם ווייטעק פון פארלוסטן און די פרייד פון ניצחוינעס. זײַענדיק זיבן יאָר קאָמאנדיר פון דער ארטילעריע פון דער צווייטער גווארדייִשער טאנקען־ארמיי, האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען די העלדנטאטן פון סאָוועטישע סאָלדאטן, אָפיצערן, גענעראלן, צווישן זיי זײַנען געווען אויך ניט ווייניק ייִדן.

מיר ווילט זיך דאָ דערציילן א ביסל גענויער בלויז וועגן איינעם פון זיי, וועגן דעם באשיידענעם און העלדנמוטיקן פּאָלקאָווניק איסאַק אבראַמאָוויטש לעווין, שעף פונעם אינזשעניערישן מיליטער פון דער צווייטער גווארדייִשער טאנקען־ארמיי.

לעווינס קינדהײַט איז אין א סאך פּראָטים ענלעך אף מײַנער. איצט איז אים שוין אריבער זעכציק. ער איז ניט קיין הויכער, א מאָגערלעכער, א באוועגלעכער, א שווײַגער, אן אײַנגעשלאָסענער אין זיך. אלע, וואָס קענען אים, האָבן גרויס אָפּשײַ פאר זײַן ענערגיע, ערודיציע, אויסגע־

האַלטנקייט. הונדערטער מאָל זײַנען מיר ביידע צוזאַמען געווען אונטער א האָגל פון קוילן אין טויט־געפאַר.

מיר האָבן זיך ניט נאָר באַפרײַנדעט, — די קעסיידערדיקע אָנשטרענ־גונג, די לויערנדיקע געפאַר און געמיינזאַמע שטרעבונג צום ניצאָכן האָבן אונדז געמאַכט פאַר נאָענטע מענטשן.

אין 1919 האָט א ווײַסער אָפיצער געשטעלט לעווינען צו דער וואַנט און באַפוילן די סאָלדאַטן: „שיסט דעם דאָזיקן זשיד, אָבער אַזוי, ער זאָל זיך גוט פּײַניקן, ביז ער וועט פּייגערן". איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט טאַקע לאַנג זיך געפּײַניקט, נאָר געבליבן לעבן.

גלײַך אין אָנהייב פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער גע־וואָרן פאַרוווּנדעט אין רוקן. לעווין לײַדט די גאַנצע צײַט שווערע ווייטעקן. מע לייגט אים פאַר אריבערגיין אַרבעטן ווײַטער פונעם פראָנט, נאָר זײַן אָרט איז דאָ — אין די פאָדערשטע רייען.

אין איינעם א ווינטערדיקן פרימאָרגן איז דער פּאָלקאָווניק לעווין אָנגעקומען אין דער צווייטער טאַנקען־אַרמיי און אינגיכן געוואָרן פּאָפּו־לער און באַליבט בא אַלעמען.

עס דערהערט זיך א סיגנאַל. עס הייבט זיך אָן אַן אַטאַקע. טויזנטער טאַנקען און מאָטאָ־האַרמאַטן פאַרטויבן אַלץ אַרום. די גאַנצע טעכניק, וואָס איז געשטאַנען אויסבאַהאַלטן, פאַרגראָבן, פאַרמאַסקירט, פאַרלאָזט די באַהעלטעניש און טוט א פלייץ אינעם דורכגעהאַקטן „קאָרידאָר". לעווין מיט זײַנע סאַפּיאָרן, באַוואָפנטע מיט מינען־זוכערס, לאָזן זיך פאָרויס אָפרייניקן פון מינעס די ערטער, דורך וועלכע עס דאַרף דורכ־גיין אונדזער גרויזאַמע טעכניק. שווער צו באַשרײַבן די דרייסטקײַט, געוואַגטקײַט, די אײַנפּאַלערישקײַט פון די דאָזיקע העלדן. ווי א גוטער דיריזשאָר, זוכט אויף איסאַק אַבראַמאָוויטש מיט זײַן מינען־אָנטאַפּער די געפערלעכע ערטער. מע גראָבט אויס די מינעס, און מע טראָגט זיי אָפּ אין א זײַט. אַלץ ווערט געטאָן גיך און פּאָרזיכטיק. א סאַפּיאָר קאָן א טאָעס האָבן נאָר איין־איינציק מאָל אין לעבן. שנעל וואַקסט אויס א גאַנצער באַרג מינעס, מיט וועלכע די פאַשיסטן האָבן אָנגעשפּיקעוועט די ערד. די ווירטואָזישקײַט פון אונדזערע האַרעפּאַשניקעס סאַפּיאָרן,

זייער ארבעט, אָפּטער פון אַלץ אונטערן פײַער פונעם סוינע, איז געווען צו באוווּנדערן. די גאַנצע ארמיי האָט געוווּסט, אז ווײַבאַלד לעווין האָט געזאָגט „מע קאָן זיך באוועגן ווײַטער״, הייסט עס, אז אַלץ איז אין אָרדענונג, דער פּלאַצדאַרם איז פרײַ.

אין 1944, נאָכן באַפרײַען אומאַן, האָט די צווייטע טאַנקען־ארמיי מיט שווערע שלאַכטן אָנגעגריפן אַף מײַרעוו. מיר האָבן פאָרסירט דעם דאָ־רעם־בוג, דעם דניעסטער, באַפרײַט מאָלדאַוויע. די דײַטשן האָבן גע־וואָרפן אין קאָנטער־אַטאַקע אַלץ נײַע קריגס־רעזערוון. אין בלוטיקע שלאַכטן זײַנען מיט א העלדנטויט געפאַלן א סאַך טרײַע זין פון אונדזער פאָטערלאַנד. דעם 2 מײַ 1944 בין איך געוואָרן שווער פאַרווונדעט. מיט א האַלב־פּאַראַליזירטער האַנט האָב איך אין פיר כאָדאָשים אַרום זיך אומגעקערט אהיים — אין מײַן באַליבטער צווייטער ארמיי. געפאָרן אהין בין איך צוזאַמען מיטן מאַרשאַל באָגדאַנאָוו, וואָס האָט אויך נאָך א פאַרווונדונג צוריקגעקערט זיך אַפן פראָנט. ווידעראַמאָל בין איך געווען מיט מײַנע שלאַכט־פרײַנט. צווישן די, וואָס האָבן אונדז באַגעגנט, איז געווען אויך לעווין.

אָפּטרעטנדיק אַלץ ווײַטער, האָט די דײַטשישע ארמיי אופגעריסן די בריקן, קאַליע געמאַכט די וועגן, מינירט יעדעס פּיצל ערד. לעווין מיט די סאַפּיאָר־טיילן האָבן געהאָרעוועט קײַלעכדיקע מעסלעסן, באַוואָרע־נענדיק אונדזערע אָנגריף־אָפּעראַציעס. באַנאַכט האָבן די דײַטשן באַ־לויכטן מיט ראַקעטעס דעם גאַנצן פּלאַץ, ווו ס׳האָט געאַרבעט לעווין, באַשאָסן די סאַפּיאָרן. א סאַך פון לעווינס אָדלערס האָבן שוין מער זיך ניט אופגעהויבן. בלויז מיט דער גרענעצלאָזער ליבע און טרײַשאַפט צום היימלאַנד, מיטן הויכן באַוווּסטזײַן איז צו דערקלערן דעם העראָיִזם פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זײַנען געווען שטענדיק גרייט אויסצופילן דעם שווערסטן באַפעל.

איין קליינינקער עפּיזאָד.

פון דער בריק איבערן דאָרעם־בוג לעבן טערנאָווקע איז ניט גע־בליבן קיין זייכער. אפילע די שטיינערנע „ביקעס״ זײַנען געלעגן צע־שמעטערטע טיף אונטערן וואַסער. איבערן ראַיאָן, ווו עס האָבן זיך גע־

פונען די פאָלקן און דיוויזיעס פון דער טאנקען־אַרמיי, זײַנען אָן אופהער ארומגעפלויגן דײַטשישע אעראָפּלאנען. זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט גאנץ נידעריק און באָמבארדירט אלץ ארום.

אונדזערע זעניט־באטארייעס און פארניכטלער האָט זיך לאנג ניט אײַנגעגעבן צו פאראליזירן די אוויאציע פון סוינע. אלע פּרוּוון צו פארכאפן דעם אנטקעגנדיקן ברעג זײַנען ניט געלונגען. אף א פּאָר בעכיפאָזנדיק צונויפגעקרעמפּעוועטע קלעצער אָדער גאָר אף איין בערווענע, צי אף א קליינטשינק גומי־שיפל האָבן די אויסשפירער און די סאפּיאָרן זיך באמיט אריבערקלײַבן זיך אפן מײַרעוודיקן ברעג. דער סוינע האָט אָבער אף קיין רעגע ניט ארויסגעלאָזט פון אויג דעם טײַך.

ארויסגעשלאָגן זיך פון די קויכעס, האָבן די שלאכטלײַט, ניט דערגרייכנדיק דעם ציל, געמוזט זיך אומקערן צוריק אפן רעכטן ברעג. אין טײַך זײַנען אין פיל ערטער געווען רויטע בלוטיקע פאסן.

די גענעראלן און אָפיצערן פון ארמיי־שטאב זײַנען דרינגענדיק זיך צונויפגעקומען, קעדיי געפינען אן אויסוועג פון דער שווערער לאגע. עס איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס: ביז נאכט אופהערן אטאקירן דעם מײַרעוו־ברעג, אָפּפירן די מענטשן אין די נאָענטסטע באשיצטע פונקטן, זיי זאָלן זיך אָפּרוען און קומען צו־זיך, עוואקוירן אלע פארוונדעטע.

אָונט־צו איז די גאנצע זעניט־ארטילעריע קאָנצענטרירט געוואָרן אין איין אָרט, אפן רעכטן ברעג טײַך. וויפל מוט, ענערגיע, דערפינדערישקײַט און אײַזערנעם ווילן האָט ארויסבאוויזן איסאק אבראמאָוויטש לעווין אין די דאָזיקע שאָען! צוזאמען מיט די סאפּיאָרן איז ער, אין איינע טרוסיקעס, געשטאנען אין וואסער און אָנגעפירט מיט דער אָפּעראציע. אלע טיילן פון גרויסן פּאָנטאָן זײַנען געוואָרן צונויפגעקייטלט מיט א מוירעדיקער שנעלקײַט און אין דער זעלבער צײַט — אויסערגעוויינלעך אָרגאניזירט, אלץ איז געווען אויסגערעכנט ביז דער קלענסטער דעטאל. אין מעשעך פון עטלעכע שאָ איז געוואָרן פארטיק א שמאָל, אָבער א פעסט „סטעזשקעלע", וואָס האָט פארבונדן ביידע ברעגן טײַך. איבער דעם דאָזיקן „סטעזשקעלע" האָבן א פלייץ געטאָן אונדזערע שטורעם־

באטאליאָנען. זיי זײַנען אריבער אפן אנדערן ברעג און ארײַנגעריסן זיך אין די טראנשייען פונעם דײַטשיש־רומענישן מיליטער.

דערווײַל איז די בריק געוואָרן אלץ מער פארברייטערט, עס זאָלן קאָנען דורכגיין איבער איר די טאנקען. לעווין איז געשטאנען באם פאָנטאָן. די גאנצע צײַט האָבן זיך געהערט זײַנע דײַטלעכע, קורצע קאָמאנדעס. די סאָלדאטן האָבן געטראָגן ברעטער, קלעצער, פרענטן, שטריק, געקלאפט מיט די האמערס; איך בין אזוי פארכאפט געוואָרן פון זייער ארבעט, אז כ׳האָב גאָר פארגעסן, אז דאָס אלץ ווערט געטאָן אונטער א האָגל פײַער. א פארקישעפטער בין איך געשטאנען און צוגעקוקט, ווי לעווין פירט אָן געניט און קלוג, ווי עס קאָכט בא אים די ארבעט. א העלער בליץ פון א באָמבע האָט אף א ווײַלע אלעמען פארבלענדט. דער טײַך האָט גענומען זידן. איך האָב זיך א לאָז געטאָן צום ברעג, מיט מאטערניש אופגעזוכט לעווינס בגאָדים און זיי אים דערלאנגט.

— איסאק, טו זיך אָן און באפויל אלעמען זיך אָנטאָן.

ער האָט מיט כידעש, אפילע א ביסל פארלוירן, א שמייכל געטאָן און גענומען רײַבן די פארפרוירענע הענט.

— יאָ, טאקע קאלטלעך. א דאנק, כאווער גענעראל.

עס האָט שאריִעט אף טאָג, הינטער אונדז איז אפן ליכטיק־אָראנזשעוון האָריזאָנט אופגעגאנגען די זון. אף דער שטילער וואסער־אויבערפלאך האָבן זיך געהוידעט איבערגעקערטע שיפלעך, היטלען, וואטניקעס. אפן דעק פון טײַך שלאָפן מיט אן אייביקן שלאָף די העלדן פונעם פאָטערלאנד. איבער דער נײַער בריק פלייצט אן אײַזערנער שטראָם. עס באוועגט זיך אף מײַרעוו די צווייטע טאנקען־ארמיי. לעווין זיצט אין זײַן טראולער־טאנק, ער רייניקט אָפּ דעם וועג אף יאסי.

דעם 20 אפרעל 1945 האָט דער מעכאניזירטער קאָרפוס פונעם גענעראל־לייטענאנט קריוואָשעיִן ארײַנגעריסן זיך אין בערנאו. דעם 22 אפרעל האָט דער טאנקען־קאָרפוס פונעם גענעראל־לייטענאנט וועדענייעוו אָנגעהויבן די שלאכט אין דער פאָרשטאָט פון בערלין. די דײַטשן האָבן צונויפגענומען אלע קרעפטן און ארויסבאוויזן א גרויסן ווידערשטאנד. זיי האָבן פארמינירט די וועגן, געשאפן א פעסטע קעגנטאנקען־

שוק, אויסגעניצט יעדעס הויז אַף צו שיסן אין אונדז. אונדזערע טאַנקען און מאָטאָריזירטע פּעכאָטע האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם ניט נאָר צוליב דעם שטאַרקן אַרטילערישן פײַער, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל די גאַסן זײַנען געווען פאַרוואַלגערט מיט שטיינער און ציגל פון די רויִנעס.

לעווין מיט זײַנע סאַפּיאָרן האָבן אונטער דעם פײַער פון „פּאָסט־פּאַטראָנען“ אויך דאָ באַוויזן עמעסן וווּנדער — באַם אַנטשעדיקן די פאַרמינירטע ערטער און באַם אָפּרייניקן דעם וועג פון די רויִנעס. זיי האָבן געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, אַנטשעדיקנדיק שטוב נאָך שטוב, קוואַרטאַל נאָך קוואַרטאַל — ביז סאַמע רײַכסטאַג.

דעם 2 מײַ 1945 בין איך געשטאַנען מיט לעווינען און געקוקט אַפן רײַכסטאַג. ביידע האָבן מיר בײַסמײַסע געטרוימט וועגן איין זאַך — וועגן דעם, וואָס עס טרוימען יונג און אַלט, אַלע ערלעכע מענטשן פון דער וועלט, אַז אָט די בלוטיקע מילכאָמע זאָל שוין זײַן די לעצטע, אַז אַף דער וועלט זאָל הערשן אייביקער פרידן.

1963



ז. וועגדראָף

יוגנט—אונדזער אויצער

פריינט און באַקאַנטע האָבן צו מיר טײַנעס:

— איר דערנעענטערט זיך שוין, קיין אײַנהאָרע, צו די נײַנציקער, ביז הונדערט און צוואַנציק, איר האָט געזען א וועלט, געלעבט אין פאַרשיידענע לענדער, געקומען אין באַריר מיט אַלערליי מענטשן — פון די סאַמע אויסדערוויילטע אין מיזרעך־וואַנט פון לעבן ביז די שטיפ־קינדער באַם גורל. איר האָט וואָס צו זאָגן אונדזער יונגן דאָר. פאַרוואָס זשע זאָלט איר ניט שרײַבן קיין זיכרוינעס?

אָט די טײַנעס ווערן געוויינלעך באַגלייט מיט דעם אַלטן לידל פונעם אַלטן דאָר וועגן „הײַנטיקער יוגנט״: „א יוגנט אָן פרינציפּן, א יוגנט, וואָס קלערט נאָר וועגן פאַרווײַלונגען, טענץ, קינאָ, ספּאָרט, מאָדעס, דער שוואַרציאָר ווייסט וועגן וואָס...״

אין דער עמעסן, ווער נאָך קאָן געבן יונגע מענטשן גוטע אייצעס, אויב ניט די, וועלכע זיינען אליין שוין ניט פייִק צו באווייזן זיי א שלעכטן ביישפיל?..

דאָס טאקע באוועגט עפשער אלטע לייט צו שרייבן זיכרוינעס...

אָבער ניטאָ קיין מער נוצלאָזע זאך, ווי געבן אייצעס, באזונדערס — אומגעבעטענע אייצעס. אין מיין גאנץ לעבן האָב איך ניט באגעגנט קיין מענטשן, וואָס זאָל מיר זאָגן א דאנק פאר אן אומגעבעטענער אייצע, דערהויפּט, ווען איך ווייז אים דערביי אָן אָף די נארישקייטן, וועלכע ער איז באגאנגען, אָף זיינע כעסרוינעס, און לערן אים, וואָס ער דארף טאָן, דערצייל אים, וויאזוי א י ך וואָלט אין אזא פאל געהאנדלט, ברענג אים ביישפּילן פון מיין אייגענער „גרויסער לעבנס־פּראקטיק".

לעבנס־פּראקטיק איז נוצלעך און ווערטפול, אָבער אייגענע, אליין דעראָבערטע לעבנס־פּראקטיק, ניט פרעמדע. ווארעם וואָס אזוינס איז לעבנס־פּראקטיק? דאָס איז א סכום טאָעסן און פעלערן, וואָס מיר האָבן געמאכט אין לעבן, נארישקייטן, וועלכע מיר זיינען באגאנגען, פאר וועלכע מיר האָבן שפּעטער אין לעבן טייער באצאָלט און וועלכע וואָרענען, אז מיר זאָלן קיינמאָל מער זיי ניט איבערכאזערן. אָדער, פארקערט, לעבנס־פּראקטיק — דאָס זיינען קלוגע שריט, וואָס מיר האָבן געמאכט, גוטע טאטן, וואָס האָבן ארויסגערופן ליב און אָנערקענונג פון אונדזערע מיטצייטלער, און וועקן דעריבער אין אונדז דעם באגער ווייטער צו טאָן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיין נוצלעך פאר אונדז זעלבסט און פאר דער געזעלשאפט, אין וועלכער מיר לעבן. דעריבער, ווען די וויסנשאפט — ביאָלאָגיע, ביאָפיזיק, ביאָכימיע, מעדיצין — וואָלט אזוי ווייט דערגרייכט, זי זאָל קאָנען אלטע לייט צוריק יונג מאכן און דערביי זאָלן זיי פארהיטן זייער גאנצע לעבנס־דערפארונג, — וואָלטן די יונג געוואָרענע מענטשן בעשום־אויפן ניט איבערגעכאזערט זייערע אלטע פעלערן און טאָעסן — זיי וואָלטן געמאכט נייע טאָעסן און באגאנגען נייע נארישקייטן. אין דעם טאקע ליגט עפּשער דער גאנצער כיין און רייץ פון דער יוגנט — וואָג און טו, אפילע ווען דו ריזיקירסט צו מאכן דערביי א

פעלער. געמאכט א פעלער, פאריכט אים, נאָר גיי פאָרויס, שטיי ניט אף איין אָרט, דעראָבער אייגענע לעבנס־פּראַקטיק.

ביכלאַל געהער איך ניט צו די יעניקע, וועלכע זעען אין דער יוגנט בלויז כעסרוינעס. פאַרקערט, איך געפין, אז די איצטיקע יוגנט איז אַנטוויקלטער, ענערגישער, טעטיקער, דרייסטער, מוטיקער און אונטער־נעמערישער, ווי מיר זיינען געווען אין אונדזער יוגנט. פאַר דער איצטי־קער יוגנט ווערן קעסיידער געשטעלט גרויסע, פאַראַנטוואָרטלעכע אופ־גאַבן, און זי פילט זיי אויס מיט ערע און ענטוזיאַזם. די יוגנט איז שטענ־דיק און אומעטום אפן ערשטן אָרט. די יוגנט איז אין די ערשטע רייען, ווען עס קומט צו באַשיצן דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד. די יוגנט בויט שטעט און דערפער, פאבריקן און זאוואָדן, דאַמבעס און עלעקטראָסטאַנ־ציעס. די יוגנט האָט אופגעהויבן הונדערטער טויזנטער העקטאַרן ניי־ערד און גיט דעם לאַנד מיליאַנען טאָן שטאָל. די יוגנט בויט שאָסייען און לייגט דורך הונדערטמייליקע קאַנאַלן, באַוואַסערט מידבאָריעס, פאַר־וואַנדלט זיי אין בליִענדיקער ערד.

אף די ניי־ערד־סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן, אין די טונדרעס פון עקסטן צאָפן, אין די פאַבריקן און זאַוואָדן פון אוראַל און סיביר, — אומעטום, ווו עס פאָדערן זיך געזונטע אַרבעטס־הענט, אויסדויער, ענטוזיאַזם, גע־פינט איר די יוגנט אונדזערע.

יורי גאַגאַרין און גערמאַן טיטאָוו, די ערשטע קאָסמאָנאַווטן אין דער וועלט, וועמענס נעמען עס וועלן לעבן אין דורותעס, ווי א סימבאָל פון געוואַגטקייט און העלדנמוט, — געהערן צו דער סאָוועטישער הײַנטצײַ־טיקער יוגנט.

ניין, איך האָב צו דער יוגנט קיין טיינעס ניט. מיך פאַרדריסט בלויז, וואָס איך בין ניט איינער פון איר.

עמעס, א נייער דאָר גייט געוויינלעך ניט אין די דראָכים פון זיינע פאָרגענגער. איז אזוי אויך צו דער יוגנט פון אלע פריִערדיקע צײַטן, וואָס האָט זיך ניט געטאָפּטשעט אף די שפּורן פון די עלטערן. א שיין פּאָ־נעם וואָלט די וועלט געהאַט, ווען קינדער זאָלן גיין בלויז אין די טריט פון זייערע טאַטעס און מאַמעס. דאַן וואָלטן אין דער געשיכטע גע־

פֿעלט די בלעטער פֿון די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציעס און פֿון דער פּאַריזשער קאָמונע; קינדער פֿון רוסישע אדעליקע וואָלטן ניט אַרויס אויפֿן סענאַט־פּלאַץ אין פּעטערבורג פֿאָדערן פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטן אַ קאָנסטיטוציע; פּויערים וואָלטן נאָך אַלץ געווען לײַבאייגענע פֿון רײַכע פּריצים; די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע וואָלט נאָך אַדהײַנט געזעסן אויפֿן טראָן און געהערשט איבער דעם „פֿינצטערן" פֿאָלק. ווען די יוגנט וואָלט געגאַנגען בלויז אין די טריט פֿון אירע עלטערן, ווען זי וואָלט ניט אויסגעטראָטן קיין נײַע וועגן, וואָלט ניט פֿאָרגעקומען די גרעסטע געשעעניש אין דער וועלט־געשיכטע — די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, מיר וואָלטן ניט געלעבט אין לאַנד פֿון סאָציאַליזם. דורעס־לאַנג פֿאַרשקלאַפּטע פֿעלקער וואָלטן פֿון זיך ניט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון קאַפּיטאַל און קאָלאָניאַליזם, די וועלט וואָלט אויסגעזען, ווי זי האָט אויסגעזען מיט פֿיל צענדליקער און הונדערטער יאָרן צוריק, אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען אין די צײַטן פֿון אונדזערע טאַטעס, זיידעס און עלטערזיידעס. אונדזערע ייִדישע באָכערים וואָלטן נאָך אַלץ „שטודירט" אויף טאַנדעטנע שנײַדערס אָדער דאַרדעקע־מעלאַמדים, און אונדזערע ווילדע כּיינעוודיקע מיידלעך וואָלט מען נאָך צו זעכצן יאָר געגאָלט די קעפּ און פֿאַרביטן זיי די שיינע האָר מיט טשיפּיקעס. אַלץ וואָלט געווען ווי אין די „גוטע אַלטע צײַטן"...

איך וויל, אָסער, ניט באַפּוצן די יוגנט מיט קאָלירטע פֿעדערן, באַפֿאַרבן מיט העלע פֿאַרבן, לאַקירן זי. אַז איר מאָלט אַ פּרעכטיקן דעמב אויף אַ זוניקער לאָנקע, מוזט איר מאָלן אויך זײַן שאָטן. אָן דעם וועט דאָס בילד זײַן ניט רעאַליסטיש, ניט פֿולקום. ס'איז קיין סאָד ניט, אַז צווישן דער יוגנט זײַנען פֿאַראַן „סטיליאַגעס", „פֿיזשאָנעס", „פּאַצעטן", „ביטניקעס", צי ווי זיי הייסן דאָרטן, — יוגנטלעכע, וואָס מיינען, אַז שמאָלע הויזן ביז די קנעכל, שפּיצאַסטע שיך און העמדער מיט אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן — דאָס איז ציוויליזאַציע, אַז דזשאַז — דאָס איז מוזיק, ראָק־ען־ראָל —קולטור, אַמעריקאַנער „קאָמיקס" און „בעסטסעלערס" — ליטעראַטור. פֿאַראַן יוגנטלעכע מיט אַ לײַכטער באַציִונג צו פֿרויען. מיר באַגעגענען נאָך מיידלעך, וואָס גלייבן, אַז פֿלירט — דאָס איז ליבע, ליבע — דאָס איז „סעקס", מיידלעך, וואָס שטייען נישט אויף פֿון זייערע ייִנגלעך

ניט אין רייכערן, ניט אין טרינקען, ניט אין קיין שום אנדערע „פארגע־ניגנס" און פארווײַלונגען.

פון איינעם און דעם זעלבן מאטעריאל קאָן מען דאָך בויען אי א קולטור־פּאלאץ, אי א טורמע — עס ווענדט זיך אין די בויער, ניט אין מאטעריאל.

עס איז א באוווסטער פאקט, אז דאָסראָוו „סטיליזירטע" יינגלעך און מיידלעך, ליידיקגייערס און פּוסטעפּאסניקעס זײַנען קינדער פון גוט באַ־צאָלטע ספּעציאליסטן, „פאראנטוואָרטלעכע טוער", וואָס „האָבן קיין צײַט ניט" צו פארנעמען זיך מיט דער דערציִונג, נאָר וועלכע זאָרגן דערפאר, אז בא די זינדלעך און טעכטערלעך זאָל שטענדיק זײַן גענוג טאשן־געלט אַף צו באפרידיקן אלע פארלאנגען — דערלויבטע און ניט דער־לויבטע. „איבערגעגעבענע, הייס ליבנדיקע" מאמעס ציטערן איבער די קינדער, גיבן נאָך אלע זייערע קאפּריזן, היטן, דער פאָטער זאָל כאָלילע זיך ניט דערוויסן, אז דער זון אָדער די טאָכטער האָט באקומען אין שול א שלעכטן באל. אזעלכע מאמעס און טאטעס דערציִען ניט אין זייערע קינדער קיין ליבע צו ארבעט, קיין אכטונג צו מענטשלעכער מי, קיין רעספּעקט צו זיך און צו לײַטן.

קינדער ווערן ניט געבוירן שלעכט און צעלאָזן. מע מאכט זיי שלעכט און צעלאָזן. טאָ לאָמיר ניט ווארפן די גאנצע שולד אַף דער יוגנט.

און נאָך דארפן מיר געדענקען, אז א מענטש איז ניט קיין שמעטערלינג. א שמעטערלינג, וואָס ווערט געבאָרן אין א זוניקן זומער־פרימאָרגן און שטארבט א פּאָר שאָ פאר זון־אונטערגאנג פונעם זעלביקן טאָג, גייט אוועק פון דער וועלט מיט דעם גלויבן, אז דער טאָג איז אייביק, אז אייביק שײַנט די זון. א מענטש אָבער לעבט גענוג לאנג, באגעגנט אומפארמײַדלעך אין זײַן לעבן שטורעמס און פינצטערע כמארעס, דונערס און בליצן, שנייען און בייזע ווינטן, ליכטיקע טעג און פינצטערע נעכט. פריִער אָדער שפּע־טער וועט דאָס לעבן זיך ארײַנמישן אין דער דערציִונג פונעם יוגנט־לעכן. ער וועט אופהערן שוועבן פון איין פארגעניגן־בלימל צום צווייטן, ער וועט, ווי עס רעדט זיך, קומען צום סייכל. דאָס הייסט ניט, אז מע

דארף זיך פארלאָזן אפֿן נאַטירלעכן גאַנג פֿון דער צײַט. אָבער גלייבן אין דער דערציִונגס־קראַפֿט פֿונעם לעבן — דאָס איז אונדזער כוּיוו.

לעשעם עמעס דארף איך זאָגן, אז מײַן אייגענע יוגנט קאָן, צווישן אונדז גערעדט, ניט דינען אלס מוסטער פֿאַר דער הײַנטצײַטיקער יוגנט. איך וועל דעריבער ניט שרײַבן קיין זיכרוינעס, וואָס דארפֿן דינען ווי א מין ווענוויַיזער. זאָל די יוגנט אויסטרעטן איר אייגענעם וועג פֿאָרויס. נאָר ווי א מענטש פֿון „פֿארפֿולקומטער עלטער", וואָס האָט א זיבן צענד־ליק פֿון זײַנע עטלעכע און אכציק יאָר, ווי עס רעדט זיך, „געריבן זיך צווישן מענטשן", — ווילט זיך מיר זאָגן מײַנע יונגע פֿרײַנט:

אויב עמעצן פֿון אײַך געפֿעלן הויזן 18 סאַנטימעטער שמאָל, בעסער איידער הויזן 28 סאַנטימעטער די ברייט, זאָל ער טראָגן געזונטערהייט שמאָלע הויזן, קאָלירטע העמדער און בונטע קראַוואַטן. מיר, „אלטמאָ־דישע" אלטע לײַט, זײַנען ניט קעגן דער מאָדע. מיר זײַנען בלויז קעגן בלינד נאָכמאַכן פֿ ר ע מ ד ע מאָדעס. מיר זײַנען פֿאַר אנטוויקלען אונד־זער אייגענעם עסטעטישן געשמאַק. פּונקט ווי מיר האָבן אונדזער איי־גענע סאָוועטישע מאָראַל און עטיק, ווילן מיר אויך האָבן אונדזער איי־גענע סאָוועטישע עסטעטיק, אונדזער אייגענעם אויסוואַל פֿון מאָדעס.

פֿארקעמען די האָר הײַנט ווי זשעראַר פֿיליפּ, מאָרגן ווי איוו מאָנ־טאַן, איבערמאָרגן — טראָגן צעשויבערטע האָר, ווי וואַן קליבערן, אָדער פֿארלאָזן זיך בערדלעך, ווי די קובינער יוגנטלעכע, ווײַל „אזוי פֿאָדערט די מאָדע", איז ניט קיין פֿארלעצונג פֿון די נאָרמעס פֿון געזעלשאַפֿטלע־כער אויפֿירונג, — עס איז בלויז נוצלאָז. א סאַך וויכטיקער איז ניט אויי־סערלעך, נאָר אינערלעך זײַן ענלעך אף אײַערע אויסגעקליבענע באַ־ליבטע מוסטערן. וויכטיק איז, אז יעדערער אף זײַן אָרט, אין זײַן געביט זאָל שטרעבן צו דערגרייכן די שליימעס, די פֿולקומענהײַט פֿון א וואַן קליבערן, זאָל דינען זײַן פֿאָלק און זײַן לאַנד, אזוי ווי פֿידעל קאַסטראָ דינט זײַן לאַנד און זײַן פֿאָלק.

און נאָך ווילט זיך מיר זאָגן מײַנע יונגע פֿרײַנט: אין נאָמען פֿון אלץ, וואָס אײַך איז ליב, פֿארשווענדט ניט אײַער יוגנט אומזיסט, ניצט זי אויס, ווי ווײַט נאָר איר קאָנט, לעטויווס אונדזער לאַנד, ווײַל דאָס,

וואָס איר וועט אופטאָן אין אײַער יוגנט, וועט איר שפּעטער אין לעבן שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען איבערכאַזערן: פֿאַראַן זאַכן, וואָס גיבן זיך אײַן נאָר דאַן, ווען מע איז יונג. די נוצלעכע מײַסים פֿון אײַער יוגנט וועט איר שפּעטער שטענדיק דערמאָנען מיט פֿרייד און שטאָלץ, ווי אײַער ערשטע ליבע.

אין דער גראַנדיעזער בויונג פֿון אונדזער לאַנד, אין דער טיטאַנישער אַרבעט פֿון אופֿהייבן נײַערד, אין דער וויסנשאַפֿט און אויך אין דעם קאַמף פֿאַר באַהערשן דעם קאָסמאָס באַטייליקט זיך די יוגנט פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעלקער, דערונטער אויך די ייִדישע יוגנט. מײַן ווונטש איז, אַז דער אָנטייל פֿון אונדזער יוגנט אין די דאָזיקע היסטאָרישע אַרבעטן זאָל זײַן גרעסער, ווי ער איז געווען ביז איצט. דער עלטערער דאָר סאָוועטישע מענטשן האָט אָנגעהויבן די סאָציאַליסטישע איבערגעשטאַלטונג פֿון אונדזער לאַנד. איר דאַרפֿט אָט די אַרבעט פֿאַרענדיקן.

ניטאָ קיין גרעסערע באַפֿרידיקונג, ווי די באַפֿרידיקונג פֿון ערלעכער און נוצלעכער מי, און ניטאָ קיין מער ביטער געפֿיל, ווי דאָס געפֿיל פֿון אַן אומזיסט פֿאַרטאַכלעוועטער יוגנט, ווי דאָס באַוווסטזײַן, אַז איר לאָזט ניט איבער קיין שפּורן נאָך זיך אין לעבן.

צום שלוס ווילט זיך מיר זאָגן אונדזער יוגנט: היט זיך פֿון פּריצײַטיק אַלט ווערן. עלטער איז אַ רעלאַטיווער, אַ באַדינגלעכער באַגריף, — עס זײַנען פֿאַראַן אַלטע יוגנטלעכע און יונגע זקיינים. דער, וואָס לעבט מיט די אינטערעסן פֿון זײַן לאַנד, פֿון זײַן פֿאָלק, דער, וואָס שאַפֿט און בויט, דער, וואָס האָט אַ האַנט צו העלפֿן זײַן כאַווער אין אַ נויט, אַ טרער פֿאַר פֿרעמדעליידן און אַ גוטן שמייכל פֿאַר פֿרעמדע פֿריידן, — דער איז קיינמאָל ניט אַלט.

בלײַבט זשע יונג ביזן סאָף פֿון אײַערע טעג, מײַנע טײַערע יונגע פֿרײַנט!

1961

ארן ווערגעליס

צוואַנציק טעג אין אַמעריקע

13 נאָיאַבער 1963.

די שטענדיק פֿאַרן אַוועקלאָזן זיך אין אַ ווײַטן וועג, האָב איך הײַנט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם באַנאַכטיקן שלאָף אויף אַ שאָ אַנדערהאַלבן־צוויי פֿריִער, איידער עס איז געווען פֿאַרויסבאַשטימט. וועל איך טאַקע אויסנוצן די פֿרײַע צײַט און אָנהייבן מײַנע וועג־נאָטיצן דאָ אין דער היים, — מיט אַ פּאָר שורעס וועגן נעכטיקן אויפֿנעם באַם אַמע־ריקאַנער אַמבאַסאַדאָר פֿ. קאָלער.

אויף אָט דעם דיפּלאָמאַטישן אויפֿנעם, ווי יעדערער אויף זײַן אויפֿן האָט, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן, באַוויזן די קונסט פֿון רײדן און גאָר־נישט ניט זאָגן, האָט דאָך איין מענטש געזאָגט אַזוינס, וואָס מיט דעם לוינט

פֿונעם טאָגבוך.

אָנהייבן דעם טאָגבוך פון דער רײַזע קיין אמעריקע. עס גייט א רייד וועגן דעם באַוווּסטן ניו־יאָרקער אדוואָקאט געבריעל רײנער, דעם אייגנ־טימער פון דער ניו־יאָרקער קאָמפּאניע „קאָסמאָס‟. רײנער איז מיט א כאדאָשים צוויי צוריק געוועזן צוגאסט אין „סאָוועטיש היימלאנד‟, און דעריבער האָבן מיר זיך דאָ באגעגנט ווי אלטע באקאנטע. אויסדריקנ־דיק די צופרידנקײַט מיט דעם, וואָס זעכצן טוער פון דער סאָוועטישער קולטור — שרײַבער, זשורנאליסטן, אקאדעמיקער, פּראָפעסאָרן, מאָ־לער — וועלן זײַן אין אמעריקע בײַס דעם דרײַסיקיאָריקן יובילײ פון אײַנשטעלן נאָרמאלע צווישן־באציִונגען צווישן פשא און דעם סאָוועטנ־פארבאנד, האָט געבריעל רײנער דערציילט, מיט וואָס פאר א גאסט־פרײַנטלעכקײַט עס איז אין אונדזער לאנד אופגענומען געוואָרן די גרופּע אמעריקאנער ביזנעסמענער, וועלכע האָט אָקאָרשט פארענדיקט איר רײַזע און זיך אומגעקערט צוריק אהיים. זײַענדיק, ווײַזט אויס, פארכאַפּט פון א שטארק פּאטריִאָטיש געפיל, האָט ער פּאטעטיש אויסגעשריִען:

— מיינט אָבער ניט, אז אין פארמעסט אף גאסטפרײַנטלעכקײַט האָט דער קאָמוניזם איבערגעיאָגט דעם קאפּיטאליזם, פּונקט אזוי ווי, לעמאָשל, אין דעם פארמעסט אף באהערשן דעם קאָסמאָס... מיינט עס ניט! אין א פּאָר טעג ארום וועט איר דערפילן, ווי גאסטפרײַנטלעך עס איז אמעריקע...

— פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן... — האָב איך געענטפערט...

14 נאָיאבער.

...די פּרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרקער אעראָפּאָרט אײַדלווײַלד איז געווען פאר אונדז אומגעריכט און נאָך מער אומגעריכט איז געווען דאָס, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. נאָך די טאמאָזשניע־פאָרמאליטעטן האָט מען אונדז ארײַנגעפירט אין א זײַטיקן צימער און —

וואָס טוט זיך דאָ? מיר האָבן גלײַך ניט פארשטאנען. עס האָט א שלאָג געטאָן אנטקעגן אונדז א כוואליע פון זשומעניש, שטופּעניש, שרײַעניש, באגלייט פון אופבליצנדיקע יופּיטערס און פון א גוטברודעריש קלאַפּע־

ניש איבער די פלייצעס. פון אָט דער גאנצער כאפעניש האָט זיך פאר מיר פערזענלעך, ווי א רעטונג, אויסגעטיילט א שמייכלענדיק באברילט פּאָנעם, אזא באקאנטס און ליבס, אן אייגנס, ווי די פענעמער אין דער היים, און איך האָב פריידיק אויסגעשריִען:

— פייסעך נאָוויק!

דער שעף־רעדאקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ האָט נאָכן צעקושן זיך א זאָג געטאָן:

— דו זעסט אויס גוט... מירן א קוק טאָן אף דיר אין צען מינוט ארום...

זינט איך לעב, האָב איך ליב, אז מע וואָרנט מיך וועגן ערגערן, איידער מע זאָל מיר פארבלענדן אויגן מיט צוזאָגן א גרינג לעבן...

אָט וואָס עס האָט זיך פארגעדענקט פון דער פרעסע־קאָנפערענץ אפן אײַדלווײַלדער פלי־פעלד.

צוויי סענסאציאָנעלע פראגעס האָבן פאר אונדז פארגרייט די אמעריקאנער אנטיסאָוועטישע פרעסע־לײַט. ערשטנס, אין מאָסקווע איז נאָך אונדזער אָפּפלי פארעפנטלעכט געוועזן א מיטיילונג וועגן דעם, אז אן אמעריקאנער פּראָפעסאָר (פרעדעריק בארגהאָרן איז זײַן נאָמען) איז אף איינער פון די מאָסקווער גאסן ארעסטירט געוואָרן לויט דער באשולדיקונג, אז ער איז א שפּיאָן. צי האָבן מיר עפּעס־וואָס צו זאָגן וועגן דעם? צי וועט אונדז געפעלן, אויב דאָס זעלבע וועט די אמעריקאנער געהיים־פּאָליצײַ באלד טאָן מיט עמעצן פון אונדז?

מיר ענטפערן, אז מיר ווייסן גאָרנישט און האָבן גאָרנישט ניט וואָס צו זאָגן וועגן דעם איניען. דאָס כאפּן א שפּיאָן, ווער ער זאָל ניט זײַן, האָט קיין מינדסטן שײַכעס ניט מיט א דעלעגאציע קולטור־טוער. און, צולעצט, מיר זאָגן דעם זשורנאליסט, וואָס פרוווט אונדז דראָען, אז ער זאָל שרעקן עמעצן אנדערש, ניט אונדז, סאָוועטישע מענטשן.

דאן שטופּט מען אונדז אונטער די צווייטע „פראגע“, טאקע זי, די „ייִדישע“: צי ווילן מיר ניט עפּעס איבערגעבן און צי האָבן מיר ניט עפּעס וואָס געבראכט מיט זיך פאר די אמעריקאנער אפּעטראָפּסים פון די „פארפאָלגטע און פארשטויסענע“ ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד? מיר ענט־

פערן, אז פאר די אומגעבעטענע אפּעטראָפּסים האָבן מיר געבראכט דעם גרימצאָרן פון די סאָוועטישע ייִדן, וואָס האָבן קיינעם ניט באופטראָגט צו אויסנוצן זייער גוטן נאָמען אין פּאָליטיקאניש־ספּעקוליאטיווע צילן.

די ענטפערס געפעלן ניט די אנטיסאָוועטיש־געשטימטע זשורנאליסטן. פון אָנהייב אָן שטעלט זיך איַין א געוויסע אטמאָספער. עס פילט זיך, אז די בורזשואזע פּרעסע־לײַט באגעגענען אונדז אין העסקעם מיט גרייטע אינסטרוקציעס.

וועגן אָט די אינסטרוקציעס מעלדעט אָן צערעמאָניעס איינער א זשורנאליסט. דער מעלוכע־דעפּארטאמענט, זאָגט ער, האָט זיך אָפיציעל געווענדט צו די אמעריקאנער אינסטיטוציעס מיט א וואָרענונג צו זײַן „פּאָרזיכטיק" מיט דער דעלעגאציע סאָוועטישע קולטור־טוער, וועלכע „שלייערט זיך אין א מאנטל פון טוריסטן", נאָר טראָגט פאקטיש „אָן אויסגעשפּראָכענעם פּראָפּאגאנדיסטישן כאראקטער".

ווייסן מיר שוין, אין וואָס דאָ גייט. פאר די אויגן בא מיר בליצט דורך דאָס גוטמוטיקע געשטאלט פונעם אמעריקאנער פּאטריאָטישן יוריסט אין דער אמבאסאדע אף ספּאסאָפּעסקאָווסקער פּלאַץ, לעבן ארבאט. צוטראָגנדיק מיט צוויי פינגער צום מויל א קליין־פּיצינק וווּרשטעלע, וואָס איז ארופגעשטעקט אף א שטעקעלע, די גרייס פון א שוועבעלע, זאָגט געבריעל ריינער: „...אין א פּאָר טעג ארום וועט איר דערפילן, ווי גאסטפרײַנטלעך עס איז אמעריקע". צוליב פינקטלעכקײַט וואָלט איך אין דעם יוריסטס רייד אָנשטאָט אמעריקע געזאָגט „אָפיציעלע אמעריקע"...

איך טראכט וועגן דעם אין א מאָמענט, ווען צו מיר ווענדט זיך איינער פון די ייִדישע רעכטע צײַטונגס־לײַט ש. ל. שנײַדערמאן. פּאָרזעצנדיק שוין אף א קאָל דעם געדאנק, וואָס האָט ערשט געהאט א שײַכעס צום אמעריקאנער יוריסט, זאָג איך צו שנײַדערמאנען: „די געשיכטעס וועגן קלוימערשטע פארפאָלגונגען פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד ווערן דאָ בא אײַך פארשפּרייט פון געוויסע גרופּעס, וועלכע זײַנען פּאָליטישע סאָנים פונעם סאָוועטנפארבאנד. איך בין זיכער, אז די ברייטע ייִדישע מאסן אין אמעריקע באטייליקן זיך ניט אין די דאָזיקע העצעס".

...ווען דער אָפיציעלער טייל פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז געפירט געוואָרן אַף רוסיש און ענגליש, איז פאַרענדיקט, דערפיל איך, ווי מיטאמאָל גיט זיך קימאט דער גאנצער אוילעם קאָרעספּאָנדענטן א מין דריי־איבער אַף אן אנדער זײַט און הייבט אָן ריידן מיט מיר יִדיש.
אָ, — זאָג איך, — ראבוויסיי, איר בראָקט דאָך גאנץ פײַן מאמע־לאָשן... עמעצער צעלאכט זיך, נאָר מע נעמט ווידער, שוין אַפן היימישן אויפן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן די רייד, שטעלן פראגעס:
— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם באשלוס צו באַיקאָטירן אײַך?
— וועמען — אײַך?
— אײַך פּערזענלעך.
— ווער האָט אָנגענומען אזא באשלוס?
— דער ראט פון די ראבאָנים.
— אזוי גאָר?.. אָבער איך בין ניט געקומען צוגאסט צו ראבאָנים...
— איך האָב זיך צוגעקוקט צו אײַער גרופּע. צווישן אלע רוסן זײַט איר דער איינציקער בלאָנדער... וואָס באטײַט עס?
— קוקט זיך צו א ביסל בעסער, איך בין ניט קיין בלאָנדער — א רויטער!
— איר האָט אין זינען אײַער פּאָליטישע רויטקײַט?
איצט לאַך איך.
— וואָס איז דער ציל פון אײַער קומען קיין אמעריקע?
— אלס טוריסט און יִדישער דיכטער, וויל איך זיך באקאנען מיט אײַער לאנד און מיט דעם, וויאזוי עס לעבן דאָ די יִדן.
— איר ווילט מיט עפּעס פאַרגלײַכן?
— יאָ, מיט דעם, ווי עס לעבן די יִדן אין סאָוועטנפאַרבאנד...

ווײַזט זיך ארויס, אז מע קאָן איבערשלאָפן א נאכט אין אמעריקע, זײַן פאר דער צײַט אין די צוויי הויפּטשטעט אירע, און דאָך ניט קומען אין קיין מינדסטן באריר מיט איר.
ווײַל אין ניו־יאָרק, נאָכן אראָפּוואלגערן זיך פונעם הימל, האָבן מיר

געזען בלויז די טאַמאַזשניע און דאָס צימער, ווו ס'איז פאָרגעקומען די פּרעסע־קאָנפערענץ. אַזוינס קאָן זײַן ווו איר ווילט. אין טאַמאַזשניע־זאַל שטייען ניט קיין הימלקראַצערס. אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט און בלויז אַרויסגעשטעקט די נאָז אויפן פלי־פעלד, זײַנען מיר אַרײַן אין אַעראָפּלאַן און — אָט האָסטו דיר וואַשינגטאָן! דער וועג פונעם וואַשינגטאָנער אַעראָ־פּאָרט צום האָטעל — אַ וועג ווי אַלע וועגן, דערצו נאָך באַנאַכט, מע פאָרט די שטאָט אַדורך זײַטלדיק, די הײַזער — ניט קיין הויכע, ניט שטאַרק באַלויכטענע, קורץ געזאָגט: „ניט אַמעריקאַניש"...

צום פרישטיק האָט די גאַנצע גרופּע זיך צונויפגענומען אין רעסטאָ־ראַן־זאַל. לעבן אונדז שמײַען אַרום קאָרעספּאָנדענטן. די ניו־יאָרקער ייִדישע בירגערלעכע פּרעסע האָט צוגעשיקט אַהער אַ גרופּע רעפּאָר־טיאָרן. באַזונדערס טיילט זיך אויס דער נײַס־קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" גערשן דזשייקאָבסאָן. די געדיכטע שוואַרצע באָרד און אויסערגעוויינלעך ערלעכע אויגן מאַכן אים ענלעך אויף אַן איידעם, וואָס איז אָקאָרשט אַראָפּ פון קעסט.

איך לייען אָפּט דזשייקאָבסאָנס קאָרעספּאָנדענצן אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל". וואָס שײַעך דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז בײַ אים דעם פאַר־העלטנסמעסיק יונגן צײַטונגס־מאַן דער עמעס, ווי מע זאָגט, ניט אײַנ־געשטאַנען. ווען מיר הייבן איצט אָן אונדזער ערשטן שמועס, באַהאַלט איך פון אים ניט, וואָס איך טראַכט וועגן זײַן שרײַבעכץ. ער טוט זיך אַ כאַפּ פאַרן האַרצן:

— אַנטשולדיקט, איר האָט אַ טאָעס...

— מענטש איינער, — זאָג איך פאַר מײַן געדאַנק, — קומט צו אונדז צו פאָרן... וועט איר מיט די אייגענע אויגן... יאָ, יאָ, איר וועט אופהערן זײַן אַ מיוון פון דער ווײַט...

און איך וואָרן אים פרײַנטלעך:

— אויב איר און אײַערע קאָלעגן וואַרטן צו באַקומען פון מיר אַ סענסאַציע, מעגט איר זיך אומקערן אַהיים קיין ניו־יאָרק...

דזשייקאָבסאָן שווערט זיך, אז ער „וויל בלויז דעם עמעס" און אז שרייבן וועט ער „בלויז דעם עמעס" און אז „דער עמעס איז בעסער פונעם ליגן"...

די ערשטע באקאנטשאפט אונדזערע מיט וואשינגטאָן. מיר גייען זיך דורך צופוס פון דעם האָטעל ביז דער סאָוועטישער אמבאסאדע. עס ווארפט זיך גלייך אין די אויגן: די שטאָט איז ווי צונויפגעשטעלט פון צוויי פארשיידענע קאָמפּאָנענטן: רעגירונגס־געביידעס און געביידעס אף צו באדינען די באאמטע. ניטאָ קימאט דער געוויינלעכער שטייגערישער קאָמפּלעקס. מע זעט ניט אף די סקווערן קיין קינדער־וועגעלעך. ניטאָ קיין טעאטערן. אין צענטער פון דער שטאָט — מיניסטעריומס און אָב־שטאלטן. באם ארייַנגאנג אין יעדן רעגירונגס־הויז — א פאָן אָדער צוויי פענער מיט שטערן און שטרייפן. אין וואשינגטאָן האָט מען ליב פענער...

ווען מיר קערן זיך אום אין האָטעל,ווארט אף מיר דער קאָרעספּאָנ־דענט פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאל". ער זאָגט, אז זינט איך האָב אינדערפרי אים צוגעזאָגט זיך באגעגענען מיט אים אין מיטיק־איבערייַס, האָט ער זיך פון אָרט ניט אופגעהויבן. מיר ריידן א שאָ צי מער, איך אייל זיך ניט, — זאָלן די לייענער פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" באקומען אן ענטפער אף פראגן, וואָס אינטערעסירן זיי. דזשייקאָבסאָן זאָגט צו, אז ער וועט דעם שמועס אונדזערן איבערגעבן „אָן עמאָציעס", דה. עמעסדיק.

איך קוק דערוויַל בא זיך אין צימער דורך די ניו־יאָרקער יידישע פרעסע פאר די ערשטע צען טעג נאָיאבער.

שווער צו פארשטיין די פארדאָרבענע קעגנערשאפט פון געוויסע יידישע קרייַזן אין אמעריקע צו אלץ, וואָס עס טוט דער סאָוועטנפאר־באנד, קעדיי צו לינדערן די שטיקנדיקע אטמאָספער פון קאלטן קריג אף דער אזויגערופענער יידישער גאס. אָט איז, לעמאָשל, א פראָסטער און פּאָשעטער איניען. מע האָט זיך דערוווסט, אז פון מאָסקווע קומט אף דריי וואָכן קיין אמעריקע א סאָוועטישער יידישער שרייבער. ער קומט אָן פרעטענזיעס, אָן דעקלאראציעס, אָן א ספּעציעלער פּאָליטישער רעק־לאמע, ער קומט, קעדיי זיך באקאנען מיט אייער לעבן, און איר קאָנט,

אויב איר ווילט, זיך באַנוצן מיטן מאָמענט, קעדיי מיט אים זיך דורכשמועסן, באַ אים עפּעס אויסקלאָרן. אויב אָבער איר ווילט עס ניט, בעט מען זיך באַ אײַך ניט און מע האָט ביכלאַל צו אײַך גאָרניט. ווען מען דער גאַסט וועט אינטערעסירן, דער וועט זיך מאַטריִעך זײַן און אים געפינען, — אַזוי, ווי עס טוט זיך געוויינלעך באַ מענטשן...

אָבער אין יענע קרײַזן האָט מיטאָמאָל זיך אופגעריסן אַ באָמבע! דער „פאָרווערטס" איז דעם 1 נאָיאַבער אַרויס מיט אַ קאָפּ איבער דער גאַנצער ערשטער זײַט: „ווערגעליס, סאָוועט־יִדישער רעדאַקטאָר, קומט אַהער אופקלערן לאַגע פון יִידן!" איז דאָך גוט! נאָר דער „פאָרווערטס" מאַכט אַן אַליאַרעם. ער רופט צונויף זײַנע אַקטיווע קויכעס. ער פאַרוואַרפט מיט שמוץ דעם „אופקלערער". ער וויל ניט, ער וועט ניט דערלאָזן קיין אופקלערונג.

און אָט לויפט זיך שוין צונויף דאָס שוואַרצע כאַיִל. דעם 11 נאָיאַבער, נאָך אַ טומל אין מעשעך פון צוויי וואָכן, טיילט דער „פאָרווערטס" מיט, אַז „סינאַגאָג־קאָונסיל" — די אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנער ראַבאָנים, סײַ פון די אָרטאָדאָקסן און קאָנסערוואַטיווע, סײַ פון די רעפאָרם־ראַבײַים, האָט אַרויסגעלאָזט אַ „סטייטמענט" (אַ מין קאָמוניקאַט), אין וועלכן זי „רופט צו באָיקאָט". אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פאַרן 11 נאָיאַבער לייען איך: „דער פּרעזידענט פון „סינאַגאָג־קאָונסיל" האָט געזאָגט, אַז ער איז געצוווּנגען צו וואָרענען די אַמעריקאַנער יִדן זיך צו היטן פון ווערגעליסעס פאַרפירערישע רייד". עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז געוואָלט האָבן די אַמעריקאַנער ראַבאָנים זען אײַנגעשלאָסן אין דער קולטור־דעלעגאַציע פון סאָוועטנפאַרבאַנד דעם מאָסקווער ראָוו, נאָר יענער „האָט זיך פאַרופן אַף זײַן קראַנקײַט און עס קומט גאָר דער מאָסקווער רעדאַקטאָר". איז אַף אָט דעם איניען פאַראַן דער געהעריקער פיירעש פונעם „פאָרווערטס": „ס'איז צום באַדויערן, וואָס דער געזונט־צושטאַנד פון האָראָוו לעווין איז ערגער פון ווערגעליסעס"...

עס פעלט מיר אײַן אַ געדאַנק אויסצופרוּוון, וויִאַזוי עס וועט אַף דעם „סטייטמענט" פון די ניו־יאָרקער ראַבאָנים רעאַגירן אַ הײַנטצײַטיקער רוסישער יונגערמאַן פון מאָסקווע. ווען איך זעץ איבער ראָבערט ראָזש־

דעסטוועװנסקין דעם טעקסט, לאָזט ער איַנגאַנצן דורך די פּאַטעטישע דראמאטישקייַט פון דעם ראַבאָנישן אופרוף און באַווייַזט מיט זייַן פראגע, וואָסער „פּראָבלעם“ עס האָט אים יאָ פאַרטשעפּעט:

— זאָג מיר, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן א קאָנסערוואַטיוון ראָוו און א רעפאָרמיסטישן ראַבייַ?..

אָ, אַזא סאָרט פראגע אָרדנט מיך איַין. זי אָרדנט מיך איַין שוין דערפאר, ווייַל איך פאַרמאָג צו איר א גרייטן ענטפער, וואָס האָט דערצו נאָך די פאָרם פון אַן אַנעקדאָט.

— שטעל זיך פאָר, — זאָג איך צו ראָזשדעסטווענסקין, — אַזא מין צופאַל. אין ניו־יאָרק, לאָמיר זאָגן, האָט א ייִד געקויפט א נייַעם קאַדילאַק און ער קומט צום קאָנסערוואַטיוון ראָוו באַקומען א בראָכע. „וואָס איז דאָס „קאַדילאַק“?“ — פרעגט אים דער ראָוו. דער אָלרייַטניק ווערט אין כּעס: „אויך מיר א ראָוו! ווייסט אַפילע ניט, וואָס א „קאַדילאַק“ איז“... אַוועקגעגאַנגען צו א רעפאָרמיסטישן ראַבייַ, מאַכט צו אים דער ייִד: „איך האָב געקויפט א נייַעם „קאַדילאַק“, ווייַל איך פון איַיך באַקומען א בראָכע“. „וואָס איז דאָס א בראָכע?“ — פרעגט דער ראַבייַ...

אָף ראָזשדעסטווענסקיס פּנים איז צו זען, אַז עפּעס איז צו אים ניט דערגאַנגען.

— פאַרשטאַנען... פאַרשטאַנען... — זאָגט ער פלעגמאַטיש. — די צאָרע איז אָבער אין דעם, וואָס איך ווייס אויך ניט, וואָס אַזוינס איז א בראָכע...

— הייסט עס, ראָבערט איוואַנאָוויטש, אַז דו ביסט ניט קיין ראָוו, נאָר א ראַבייַ...

עס עפנט זיך די טיר און צו אונדז קומט אַרייַן דער שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודא“ נ. נ. איַנאָזעמצעוו. ראָזשדעסטווענסקי זאָגט צו אים מיט אופריכטיקער באַוווּנדערונג:

— ניקאָלייַ ניקאָלייַעוויטש, איר ווייסט, איך בין א ראַבייַ, ניט קיין ראָוו...

איַנאָזעמצעוו טאַפּט בא אים דעם שטערן:

— איך באַגריס איַיך... איך גראַטולירן איַיך...

און איך בין שוין אין אָט דער מינוט פֿאַרנומען מיט מײַנע געדאַנקען. איך טראַכט וועגן ראַבאַנישן באַיקאָט אין די זעכציקער יאָרן פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די ייִדישע רעאַקציע לאָזט אין גאַנג אירע עקסטרעמע מיטלען. זי איז שוין אַף אַזויפֿיל באַדנלאָז און געפֿאַלן, אַז זי מוז זיך פּרוּוון איבערבלעטערן עטלעכע יאָרהונדערטער אַף צוריק און אַרויסלאָזן קעגן דעם פּראָגרעס די ראַבאַנישע קראָען, די שטרײַמלעך, די אינקוויזיציע.

16 נאָיאַבער.

די דרײַ טעג אין וואַשינגטאָן זײַנען שוין דורכגעלאָפֿן, מאָרגן פֿאָרן מיר אָפּ קיין ניו־יאָרק. אין דער הויפּטשטאָט פֿון אַמעריקע איז ניטאָ קיין ייִדישער יישעוו, דה. ייִדן זײַנען דאָ, נאָר ניט מיט דער נאַציאָנאַליטעט ווערן אין אָט דער אויסטערלישער שטאָט באַצייכנט מענטשן. אין וואַשינגטאָן טיילט זיך די באַפֿעלקערונג אַף באַאַמטע און באַדינער פֿון די באַאַמטע. צווישן די באַאַמטע איז אַ צעטיילונג אַף ראַנגען. פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן ווײַסע און שוואַרצע...

קיין ייִדן־פּראַגע איז אין וואַשינגטאָן „ניטאָ". אָבער וואָס איז שײַעך דער אַזויגערופֿענער ייִדן־פּראַגע... אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד — מיט איר פֿאַרנעמט מען זיך דאָ שטאַרק אַקטיוו. אַזוי, לעמאָשל, איז אַף דער נעכ־טיקער פּרעסע־קאָנפֿערענץ פֿון אונדזער גרופּע, וואָס עס האָט אײַנ־געאָרדנט די אַמבאַסאַדע פֿון פּססר, געווען צווישן די זשורנאַליסטן אַ שאַליעך פֿונעם אַמעריקאַנער קאָנגרעסמען סימאָר האַלפּערן, וועלכער האָט באַשלאָסן, אַז ער איז עס באַרופֿן צו אויסקלאָרן, וויִאַזוי עס „שמאַכטן" די סאָוועטישע ייִדן.

גענוי וועגן אָט דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ וועל איך איצט ניט שרײַבן, ווײַל זי כאַזערט אין גרונט איבער דאָס, וואָס איז גערעדט געוואָרן אין ניו־יאָרקער אַעראָפּאָרט.

דאָ, בײַס דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ, האָב איך זיך באַגעגנט און באַקאַנט מיט אַ סאַך ייִדישע און ניט־ייִדישע אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן. אַהער זײַנען געקומען פֿון ניו־יאָרק כאַיִם סולער, פּייסעך נאָוויק און גערדאַליע

סאנדלער[1]. צוריק אין האָטעל זײַנען מיר געגאַנגען צופוס — זאַלבעפערט. װעגן װאָס מיר האָבן געשמועסט? װעגן װאָס דען ניט!

פאַרן אָפּפאָרן פון װאַשינגטאָן האָב איך, באַגעגענענדיק דעם „טאָג"־קאָרעספּאָנדענט גערשן דזשייקאָבסאָנען, באַװיזן אים זײַן באַריכט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" װעגן זײַן באַגעגעניש מיט מיר. דער קאָפּ צום באַריכט זאָגט אָן ניט מער און ניט װייניקער, אַז איך בין „קעגן אײַנלאַדן אַמעריקאַנער ייִדן קיין רוסלאַנד".

— װי קומט עס, דזשייקאָבסאָן? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר װעט שרײַבן דעם עמעס...

דער זשורנאַליסט מיט די ערלעכע אויגן איז אַ ביסל צעטומלט. ער רעדט אַרויס פאַרכידעשט:

— איר האָט שוין באַקומען פון ניו־יאָרק די צײַטונג?.. פריִער, אײדער איך!..

און ער פאַרענטפערט זיך:

— אין רעדאַקציע איז פאַראַן אַ ספּעציעלער „קעפּלמאַכער"... קוקט אַרײַן, איך בעט אײַך, אין טעקסט... דאָרט איז מער פרײַנטלעך... אין דער מאָס, פאַרשטייט זיך... אָבער דער „קאָפּ" — דאָס איז ניט מײַן אַרבעט.

— דזשייקאָבסאָן, איך װאָלט געװען אַ קוק געטאָן, װיאַזוי איר אָדער אײַער רעדאַקטאָר װאָלטן געדרייט מיטן קאָפּ, װען אַזאַ „קאָפּ" אין אַ סאָװעטישער צײַטונג דרייט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ אײַערע רייד...

...דאָס לעצטע, װאָס איך װיל פאַרנאָטירן:

נעכטן איז געװען אָן אָפּשייד־אָװנט מיט דער סאָװעטישער קאָלאָניע אין װאַשינגטאָן. דער געזאַנדטער דאָברינין האָט מיך געבעטן דורכלייענען עטלעכע לידער. איך האָב אָנגעװיזן אָפן אוילעם — אַלע ניט קיין ייִדן — און געזאָגט, אַז, צום באַדויערן, האָב איך די ביכלעך מײַנע, װאָס שליסן אײַן איבערזעצונגען אױף רוסיש, איבערגעלאָזט אין האָטעל־נומער. דאָברינין האָט זיך פאַרכידעשט:

---

[1] כאַיִם סולער — נאַציאָנאַלער פאַרװאַלטער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", געדאַליע סאַנדלער — פאָרזיצער פון די פּראָגרעסיװע ייִדישע קולטור־קלובן אין ניו־יאָרק.

— צוליב וואָס איבערזעצונגען? לייענט אין אָריגינאַל. איך, לעמאָשל, פארשטיי ניט קיין יידיש; איך גלייב אָבער אין דער קראַפט פון פּאָעזיע...

17 נאָיאבער.

ניו־יאָרק באַגעגנט אונדז מיט א וואַרעמען וועטער. ס'איז, דוכט זיך, אויך דער פּאָליטישער קלימאַט עטוואָס לינדער געוואָרן. נעכטן האָבן די צייטונגען מיטגעטיילט, אַז פּראָפעסאָר פרעדעריק באַרג־האָרן, דער „ספּעץ" אף רוסישע איניאַנים, וועגן וועמען מע האָט דאָ אין אמעריקע, דורך אַלע ראַדיאָס און אף אַלע אָפיציעלע פּרעסע־קאָנפערענצן, געהאַלטן אין איין שרייען, אַז ער איז ניט קיין שפּיאָן, — ער איז איצט שוין אין מאָסקווע באַפרייט געוואָרן. באַרגהאָרן. נו, א דאנק דעם איי־בערשטן, זאָגט מען וועגן דעם בא אונדז אין גרופּע. די אנטיסאָוועטישע רעאַקציע, וואָס שלאָפט שוין נעבעך ניט די פערטע נאַכט איבערן וויזיט פון אָנדערהאַלבן צענדליק טוער פון דער סאָוועטישער קולטור, האָט פאַר־לאָרן איינע פון די צוויי „דעליקאַטע פּראַגעס" אירע. ווייטער וועלן מיר זען, וויאַזוי זי וועט זיך נאָך אָן אייצע געבן מיט דער צווייטער, דער יידישער...

איך באַווייז ניט ארויסשטייגן פונעם אעראָפּלאַן, ווי די ניו־יאָרקער כאַווירים שטעלן מיר אָן „אולטימאַטום": אף וויפל די פינף טעג, וואָס איך וועל זיין באַם הודזאָן, זיינען שוין מיצאַד די פּראָגרעסיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס אויסגעכעזשבנט מאַמעש אף מינוטן, דאַרף איך זיך ווי ווייט מעגלעך באַפרייען פון דער פּראָגראַם, וואָס איז פאַרגרייט פאַר דער גרופּע, און שטעלן זיך אין רעשוס טאַקע פון אָט די אָרגאַניזאַציעס.

איך גיב די האַסקאָמע — און די אַרבעט הייבט זיך אָן דירעקט פון־דאַנען, פונעם לופט־פעלד. צוזאַמען מיט דער גרופּע פאָרט אַוועק אין האָטעל מיין טשעמאָדאַן, און איך, אין דער באַגלייטונג פון פ. נאָוויקן, מאַך דורך א קורצע נעסיע אף צו באַערן דעם אָנדענק פון דעם גרינדער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" מוישע אָלגין און פון איינעם פון די באַדייטנדיקסטע (און איינציי טיק אַמערסטן ווידערשפּרעכלעכע) טוער פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע ד"ר כאַים זשיטלאָווסקי. אף דעם

ניו־מאָנטעפיאָרע־בעסוילעם, וווהין מע וואָלט פון דער שטאָט אַלציינס באדאַרפט פאָרן פאַרבײַ דעם אעראָפּאָרט, לייג איך קרענץ אַף אַלגינס און זשיטלאָווסקיס קוואָרים. אין א פּאָר טעג ארום וועל איך פאָרן אַף די קוואָרים פון די אָוועס פון דער יִידישער ליטעראַטור — אַף שאָלעם־אַליינעמס, מאָריס ווינטשעווסקיס, אווראָם רייזענס, י. אָפּאַטאָשוס, ה. לייוויקס קוואָרים.

צוריקוועגס פון ניו־מאָנטעפיאָרע קוק איך דורך די הײַנטיקע צײַטונגען. אין דעם „פאָרווערטס" טו איך זיך א גליטש איבער עטלעכע פולאָנגעשפּיקעוועטע זײַטן און דערפיל, ווי די פריש־צאַפּלדיקע וועלט־פּראָבלעמען און די אקטועלסטע פּראָבלעמען פון דעם יִידישן קלאַל האָבן זיך מיט דער ברייטער האַנט א שאָט געטאָן גלײַך פון די נאָטיץ־קעפּלעך אין דער „סאָציאַליסטישער" בלאט[1]: „פארשפעטיגט די באן און געפינט זײַן געליבטע" (אין אונטערקעפּל: „ער איז געפאָרען מיטן פעטער זעהן א כלה אין ווארשע. — ער פארשפעטיגט די באן אָבער דער פאָטער שפּרינגט נאָך ארײַן. — אויך א מיידעלע פון שטעטעל האָט פארשפעטיגט דעם צוג און בײדע צערעדען זיך און ווערן נאָהענט. — דאָס האָט געפירט צו א ליבע"); „צוויי אלמנות וואָס פרעגען די זעלבע פראגע"; „ער האָט געהייראט א צווייטען מאָל און די קינדער זײַנען אויף אים ברוגז. — זײַן ג׳גט׳ע טאָכטער וויל צונעמען זײַן וואוינונג פאר זיך"; „זי קריגט די טשעקס אויף דעם פריהערדיגען מאנ׳ס נאָמען"; „זיי געהען אין שוויץ־באָד פארלירען וואָג"; „דער תהילים און די באבסקע רפואות". ווײַטער — אנאָנסן. אָט איז איינער פון א סאך: „די חתונה וועלכע זיי וועלן אלעמאָל געדענקען... איר פראוועט זי אין האָטעל אסטאָר. אָט דאָ, אין די עלעגאנטע, פולקאָם עיר־קאָנדישאָנד רומס, קריגען די אומפארגעסבארע מאָמענטען א שטענדיק אָרט אין אײַערע הערצער און אין זייערע".

און אַף אָט דער שונד־פּלאפּלערײַ וועגן „טשעקס" און שוויצבאָד־אינגיאָנים, ווי א גרויסער שמייכל איבער דער אנטיסאָוועטישער, אנטיפּראָלעטארישער און אנטי־יִידישער בלאט „פאָרווערטס" — שפּרייטן זיך אויס

[1] ווײַטער איז פארהיט דער אויסלייג און די פונקטואציע פון דעם „פאָרווערטס".

לעבן סאמע קאָפּ אירן צוויי דעוויז־לאָזונגען: „די באפרייונג פון די ארבעטער ווענדט זיך אָן די ארבעטער אליין!“ און — „ארבעטער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!“

— וואָס מאכסטו אזוי שטארק מיט די ליפּן? — פרעגט מיט א באהאלטענעם פארגעניגן נאָוויק, — דו לייענסט, צי דו שפּייַסט קערלעך?

— איך לייען און שפּיַי...

— איז, אויב אזוי, קעדיי אוועקלייגן אין א זייַט דעם „פאָרווערטס“ און ארויסקריכן פון דער מאשין...

— ס'איז שוין באלד ניו־יאָרק?

— ניין, ס'איז שוין לאנג ניו־יאָרק... מיר שטייען בא „מייַן“ הויז, און דאָרטן איז דאָ וואָס איבערצובייַסן, און ס'איז שוין מיסטאמע אף אונדז אין קאס מייַן ווייַב שוירלי, און ס'איז פול די שטוב מיט מענטשן...

מיר גייען אריַין אין איינער פון די פילשטאָקיקע רויטציגלנע „פּראָיעקט־געבייַדעס“, ענלעכע אף ווױנונגס־בלאָקן אין די מאָסקווער פאָרשטעט. אין עטלעכע מינוט ארום בין איך שוין ווי בא זיך אין דער היים, צוזאמען מיט אופגעלייגטע, יאָמטעוודיק־טומלדיקע פרייַנט...

...אין ניו־יאָרק לעבן צוויי מיט א האלבן מיליאָן ייִדן. זיי האָבן ניט קיין סטאציאָנארן טעאטער. וועגן דעם באומרויִקן זיך ניט די „בירגערלעכע קרייַזן“. דער אופגעבלאָזענער אומרו, וואָס זיי ווייַזן יאָ ארויס, איז וועגן א טעאטער אין מאָסקווע, וועלכן זיי וואָלטן, ווען ער באווייַזט זיך, גלייַך אריַינגעוואָרפן אין כיירעם אלס א „ניט־ייִדישן“ — א סאָוועטישן.

אין ניו־יאָרק זייַנען דאָ עטלעכע ייִדישע טרופּעס. דאָס זייַנען פרייַוויליקע ענטוזיִאסטן, וועלכע האָבן ניט גאָרנישט: ניט קיין לאָקאלן, ניט קיין געלט, ניט קיין מעלוכישע אָדער געזעלשאפטלעכע סובסידיעס, אפילע קיין מעצענאטן ניט... אין פארגאנגענעם זומער האָט איינער אזא אידעאליסט, דער רעזשיסער און שוישפּילער יאנקעוו רעכטצייַט געשאפן אף קאָאָפּעראטיווע יעסוידעס א „רעפּערטואר־טרופּע“. מיט געוויסן דערפאָלג האָט ער אין א ניט צוגעפּאסטן זאל, ווו סלופּעס פארשטעלן פונעם צושויער די קליינינקע בינע, באוויזן קאָבריגס „דער דאָרפס־יונג“. איצט האלט

דער „רעפ״־טעאטער באַם צוגעמאַכט ווערן. עס שפּילט אַ מער „גליק־לעכע״ טרופּע — די „פּאָלקסבינע״. אהין פאָרן מיר איצט.

— איז וווהין פאָרן מיר?

— אויף איסט־בראָדוויי, 175.

— דאָרט איז דאָך אָבער די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע...

— יאָ, טאַקע דאָרט. און דאָרט טאַקע, אין דער „פאָרווערטס״־געביידע, שפּילט דאָס טעאַטער...

הער אַ מייסע. אַזוינס ספּעציעל צוטראַכטן איז אוממעגלעך. דעם ערשטן וויזיט, הייסט עס, שטעק איך אָפּ דעם „פאָרווערטס״. ווען זיי ווייסן עס... אָך, ווען זיי ווייסן עס...

...דער גאַנצער קאָמפּלעקס קוקן טעאַטער איז, ווייזט זיך אַרויס, דאָ גאָר אַן אַנדערער, ווי באַ אונדז אין מאָסקווע. עס פעלט די פייערלעכקייט פון אָפּנעמען דעם צושויער. ס׳קאָן אוואַדע זיין, אַז אַזוינס איז אין ניו־יאָרק צו מערקן בלויז באַם יידישן טעאַטער, נאָר דאָס איז אַ קליינע טרייסט, און מיר האָט אין דער שטאָט פון רעקלאַמע געפעלט גראָד אויף דעם אָרט און אין דעם מאָמענט אַ ביסעלע מערער שיין, מערער יאָמטעווידיקייט. ס׳איז ניט געווען דער העל־באַלויכטענער אַריינגאַנג, די גערוימע פאָיע מיט שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, די פינקלענדיקע ליוסטרעס, אויסגעפּוצטע דילן, בופעטן און רייכער־צימערן. מיר זיינען אויף אַן אייבערשטן עטאַזש דורכגעגאַנגען אין דער ברייט אַ קאָרידאָרל און, דערלאַנגענדיק די בילעטן, גלייך אַריין מיט האַק־און־פּאַק, מיט די מאַנטלען און מיט דער שטימונג פון דער גאַס, אין אַ טונקעלן, ענגן, גאָר קליינעם זאַל — אַזוינעם, וואָס באַ אונדז, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אַזאַ פאַראַן אין יעדן אַנשטאַלט. דער אוילעם האָט, אונטערקרעכצנדיק, אַראָפּגענומען, טאַקע דאָ אין זאַל, די מאַנטלען און געלאָזט זיי ליגן אויף די קני אָדער אויף די ווענט־לעך פון די שטולן. איך בין גרייט, ווי געזאָגט, איינשטימען, אַז וואָכעדיקע גרויקייט איז צו מערקן בלויז באַם יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, נאָר פון דעם ווערט דאָך ניט גרינגער, — עפּשער נאָך אַפילע אַ ביסעלע אומעטיקער ווערט פון דעם אויף דער נעשאָמע. אין מאָסקווע קומען יידן אין שענסטן קאָנצערט־זאַל פון שטאָט — אין טשייקאָווסקי־זאַל — הערן

נעכאמע ליפשיצײַטען. בינ־אָמין שווארצער איז אנומלטן אריַינגעגאנגען אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד“ גלײַך נאָך א טורנע פון זײַן דראַמאטישן קאָלעקטיוו איבער די מיטל־אזיאטישע רעפובליקן. אף מײַן פראגע, אין וועלכע לאָקאלן איז ער ארויסגעטראָטן, האָט שווארצער, טראכטנדיק, ווײַזט אויס, צעשטרייט וועגן עפּעס אנדערס, אָדער, ריכטיקער גערעדט, ניט טראכטנדיק וועגן דעם, וואָס פאר א באַדײַטונגספולע ווערטער ער רעדט איצט ארויס, געענטפערט:

— אין טאשקענט... אין דער געבײַדע פונעם רעפובליקאנישן אקאַדעמישן טעאטער... טויזנט זעקס הונדערט ערטער...

דער קאָמיטראגישער פּאראדאָקס באשטייט דערין, וואָס, ארויסגייענדיק פון דעם שטיקנדיקן זאלכל פונעם „פאָרווערטס“, כאַפּט זיך ארײַן דער פארשמײַעטער און פארשוויצטער אנטיסאָוועטישער זשורנאליסט אין א צווייטן „רום“ פון דעם זעלבן הויז און דראקעט דאָרט אָן א מאַרקפּאַמפלעט אף די סאָוועטישע יידישע אנסאמבלען, וואָס טרעטן אין דער זעלבער מינוט אוף אין גרויסע פילהארמאָנישע זאלן, אין מאָדערנע טעאַטער־לאָקאלן.

און דאָס איז בלויז די פּאָרמעלע זײַט. איצט, נאָך דעם ספּעקטאקל אין „פאָלקסבינע“, אויג־אף־אויג מיט זיך אליין, טראכט איך וועגן דעם, ווי מיר אין סאָוועטנפארבאנד פארמינערן אָפטמאָל דעם באַדײַט פון אונדזער אייגן האָב־און־גוטס. פארשטייט זיך, אז עס דארפן געלויבט ווערן די סימפּאטישע שוישפּילער פון דאָוויד ליכטס טרופּע, וועלכע האָט מיט דערפינדערישקײַט באוויזן אײַנע פון לייוויקס שוואכערע דראמעס „מהר׳ם (מאהאראם) פון ראָטענבורג“. אָבער ס׳איז דאָך א פאקט, אז אין מאָסקווע וואָלטן די שטרענגע קאָמיסיעס ניט באווילִיקט צו קוואליפיצירן אזא טעאטער ווי א פּראָפעסיאָנעלן. מע וואָלט געפאָדערט, אז אין קאָלעקטיוו זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אן אייַנהײַטלעך ליטעראריש לאָשן, אז די שפּיל זאָל זיך באפרײַען פון ליבהאָבערישער מעליצעדיקײַט און מעלאָדראמע און — דאָס וויכטיקסטע — אז די טרופּע זאָל האָבן איר סטיל, איר אייגענעם פּאָנעם, זי זאָל געהערן צו א געוויסער שול פון סצענישער מײַסטערשאפט. מע זאָגט, אז אין דאָוויד ליכטס אנסאמבל האָט געשפּילט בלויז

איין פּראָפעסיאָנעלער אקטיאָר, די איבעריקע זײַנען ליבהאָבער. פרעגט זיך אָבער א קאַשע: אויב דאָס איז בא די ניו־יאָרקער יידן טעאַטער, פאַר־וואָס זשע זײַנען מיר אזוי שעמעוודיק און געהיט אָנצורופן מיטן נאָמען טעאַטער דעם מאָסקווער אנסאַמבל פון הויכקוואַליפיצירטע „גאָסעט"־אקטיאָרן אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן ארטיסט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע בניאמין שווארצער? און ווײַטער: צי איז, לעמאשל, דער ווילנער ליבהאָבער־קרײַז, וואָס האָט העכער הונדערט אַנטיילנעמער, ווערט אָנגעפירט פון א קוואַליפיצירטן פּראָפעסיאָנעלן רעזשי־מײַסטער און באקומט מאַטעריעלע שטיצע פון די רעפּובליקאַ־נישע פּראָפאַריינען, — צי איז אָט דער זעלבסטעטיקער קאָלעקטיוו ווײַ־ניקער טעאַטער, איידער די „פּאָלקסבינע"? עמעס, בא אונדז גיט מען ניט צו קיין באדײַטונג, וויאַזוי זיך אָנרופן, און אין אמעריקע ווייסט מען אָט די קונץ. דאָס וואָלט געווען עפּשער ניט אזוי שטאַרק וויכטיק, ווען פּאָלי־טישע ספּעקולאַנטן וואָלטן מיט דעם זיך ניט גענוצט אין אנטיסאָוועט־טישע צילן.

18 נאָיאבער.

אף מײַן נאָמען זײַנען אָנגעקומען אײַנלאַדונגען צו באזוכן, באם אומ־קערן זיך אהיים, אייניקע אנדערע לענדער. דער פּרעזידענט פון קאַנאַ־דער יידישן קאָנגרעס מ. גאַרבער פאַרבעט אף עטלעכע טעג קיין קאַ־נאַדע. עס טומלט זיך ארום אן אײַנלאַדונג, וואָס איז געקומען פונעם די־רעקטאָר פון דער ירושלאַיִמער רעליגיעזער הייכל־שלוימע־ביבליאָטעק ד״ר הארקאווי. פאַר וועלן מיך „אראָפּברענגען קיין ישׂראָעל" ווערט האַראָוו הארקאווי געטאַדלט מיצאַד דער אנטיסאָוועטישער פּרעסע אלס א „פּאַרקויפטער צום קאָמוניזם".

19 נאָיאבער.

האַגאַם צו שלאָפן איז מיר פאַרבליבן פון דער נאַכט בלויז עטוואָס מער פון פיר שאָ, וועל איך דאָך דעם פאַרגאַנגענעם טאָג פאַרצייכענען — און טאַקע גענוי, מיט וואָס מער פּראָטים, ווײַל דאָס געזעענע און דורכ־געלעבטע פאַרדינט עס.

אינדערפֿרי בין איך געווען א גאַסט באַם אייגנטימער פֿון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אַרטור דזשייקאָבס. בא אים אין קאַבינעט האָבן אַף מיר געוואַרט דער רעדאַקטאָר ל. מעקלער און די מיטאַרבעטער ב.־צ. גאָלדבערג, ד״ר כאַים שאָשקעס, מ. שטיקער, פֿיליפּ סאַנדלער און מייַן „אַלטער באַקאַנטער" גערשן דזשייקאָבסאָן. אַלטע באַקאַנטע האָב איך דאָ געהאַט נאָך צוויי. אויסער בענציען גאָלדבערגן, איז עס כאַים שאָשקעס, וועגן וועלכן עס לוינט בא אָט דער געלעגנהייַט צו זאָגן א פּאָר ווערטער.

מיט שאָשקעסן האָב איך זיך פֿיל מאָל באַגעגנט אין מאָסקווע. מיר זייַנען שוין, אַזוי צו זאָגן, צוגעוווינט איינער צום אַנדערן. קענענדיק גוט רוסיש, דריקט זיך שאָשקעס אויס עלעגאַנט אין זייַנע אָפֿנהערציקע שמועסן מיט מיר, ווען ער קומט אין „סאָוועטיש היימלאַנד": „איר ווייסט, — זאָגט ער גוטמוטיק, — איר זייַט מייַן דוואָיוראָדני וראַג"[1].

שאָשקעס איז באַוווּסט און באַרימט אין דער זשורנאַליסטישער וועלט, ווי א באַגייַסטערטער ניט־עמעס־שרייַבער. פּונקט ווי א גלוכאַר, בייַס ער זינגט, הערט ניט און זעט ניט גאָרנישט ניט אַרום זיך, אַזוי זעט ניט און הערט ניט כאַים שאָשקעס די רעאַלע פֿאַקטן, ווען ער שרייַבט וועגן זיי. זאָג איך אַמאָל אין מאָסקווע דעם ד״ר שאָשקעס: „רעב כאַים, אָט וועט איר זיך אומקערן אַהיים, און אין אייַערע באַריכטן וועל איך נאָכאַמאָל לייענען דאָס ניט געשטויגענע"... ד״ר שאָשקעס גיט ניט קיין פּינטל מיט קיין אויג. „אינגיכן, — זאָגט ער, — וועט אָפּפֿאַלן די נויטווענדיקייַט אין דעם". — „וואָסי, איר וועט אַריבערגיין אין דער „מאָרגן־פֿרייַהייַט"? — „ניין, איך וועל אַוועקגיין אַף פּענסיע"... און ער גיט צו: „כאָטש מייַן אַרבעט אַלס זשורנאַליסט וועל איך פֿאָרזעצן, נאָר כ׳וועל ניט זייַן אָפּהענגיק פֿונעם באַלעבאָס"...

איצט, זיצנדיק באַם באַלעבאָס, בא דזשייקאָבסן אין קאַבינעט (אַרטור דזשייקאָבס זעט אויס צו זייַן א סימפּאַטישער מענטש, אַן ערנסטער און

[1] א ווערטערשפּיל. דער רוסישער אויסדרוק «двоюродный брат» באַטייַט „שוועסטערקינד". דאָ איז דאָס וואָרט «брат» (ברודער) פֿאַרביטן מיטן וואָרט «враг» (סוינע).

אײַנגעהאַלטענער) און טרעפנדיק באַ אים שאַשקעסן, פאַרווילט זיך מיר קונדייסיש־פּרײלעך אַ זאָג טאָן אים, דעם באַלעבאָס:

— זײַט אַ ביסעלע געהיט... ווײַל אויב אין איין שיינעם טאָג וועט באַים שאַשקעס אוועקגיין אַף פּענסיע און גערשן דזשייקאָבסאָן וועט זיך אויך אוועקנעמען ריידן עמעס, „בלויז עמעס", — איז וואָס וועט איר דעמלט טאָן מיטן „טאָג־מאָרגן"?

איך בין אָבער אַ גאַסט, און ווי אַ גאַסט באַ קאָרעקטע מענטשן, בין איך קאָרעקט. מײַן „דוואָיוראַדני וורַאג" שענקט מיר אַ פּאָר סוווענירן. אַרטור דזשייקאָבס, פון זײַן זײַט, מאַכט אַ מאַטאָנע דער רעדאַקציע „סאָ־וועטיש היימלאַנד" — אַ מאַרמאָרן אַש־טעצעלע מיט אַן אָפּגעדרוקטער זײַט פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אַף דער דעק. ניין, איך וועל איצט ניט לעשן מײַן פּאַלעמיש פּײַער אַף דער צײַטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" און אַף אירע סאָלידע מיטאַרבעטער. ניין.

מיר הייבן אָן דעם שמועס, און אַלץ גייט גלאַטיק. פון דעם, וואָס דאָ איז גערעדט געוואָרן, ווילט זיך פאַרצייכענען אָט וואָס. דזשייקאָבס האָט מיך געפרעגט, צי געפין איך ניט פאַר נייטיק עפּעס זאָגן ספּעציעל די אַמעריקאַנער יידישע זשורנאַליסטן. איך האָב געענטפערט, אַז הײַנט־צו־טאָג איז עפּשער דאָס וויכטיקסטע, פון וואָס מע דאַרף אָנהייבן, — דער־שלאָגן זיך, אַז דער טאָן און דער אויפן, וויאַזוי די יידישע „בירגערלעכע" פּרעסע באַהאַנדלט פּראָגן, זאָלן זײַן אָנשטענדיקע, אָן בייזוויליקע אָנפאַלן.

און איצט — אַ באַזוך אין דער רעדאַקציע „מאָרגן־פרײַהײַט". 12 אַזייגער באַטאָג. איך קום אַהער צוזאַמען מיט רוון יוקלסאָנען[1] גלײַך נאָכן שמועס אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל". אַ מין שפּרונג פון איין וועלט אין אַן אַנדערער. אַף 35 איסט 12־ער גאַס, אין אַ באַשיידן הויז, אַפן זיבעטן שטאָק, קלאַפּט און הערט ניט אויף צו קלאַפּן דאָס מוטיקע האַרץ פון וויִנ־טשעוווסקיס און אָלגינס צײַטונג.

באַ פּייסעך נאָוויקן אין קאַבינעט. מיט אַ יאָר 13—14 צוריק האָב איך אין מאָסקווע רעדאַגירט אַן אַרבעטער־צײַטונג אין אַ גרויסן זאַוואָד.

[1] ר. יוקלסאָן — פּראָגרעסיווער יידישער זשורנאַליסט.

דאָרט פלעגט מיר אָפט אויסקומען זיצן באַם שעף פון דעם אָדער יענעם צעך, און, שפּירנדיק, ווי פון דעם מאַשינען־געראָדער טרייסלען זיך די דורכזיכטיקע ווענט פונעם קאַבינעט, — פלעג איך טראַכטן, אַז ער, דער שעף פונעם צעך, האָט, זעט אויס, בעקיוון אוועקגעשטעלט זײַן שרײַב־טיש אַזוי נאָענט צו די געשווינדע רעדער און שטאַרקע מאָטאָרן, קעדיי דער בלוטדרוק בײַ אים זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם זעלבן ריטם, וואָס די אַרבעט אין צעך. איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַן אַנאַלאָגיע עס האָט מיך איצט אומגעקערט צו דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, נאָר זיצנדיק אין נאָוויקס אַרבעטס־צימער און אַרויסקוקנדיק אַהין, וווּ עס שטייען קאַסעס מיט שריפט און עס אַרבעטן זעצערס, האָב איך זיך דערמאָנט אין יענער זאַוואָדישער צײַטונג, אין דעם קאַבינעט פונעם שעף פון צעך, וואָס אַר־בעט, אָטעמט און לעבט אין גרויסן ראַש און געראָדער פון די מאַשינען.

די מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָבן זיך צונויפגעג־נומען אין אַ געראַומען צימער אַרום אַ געדעקטן טיש. שווער איבערגעבן די געפילן בײַס אָט דעם האַרציקן שמועס. איך האָב מיט אָלגינס ווערטער דערקלערט זיך אין ליבע דער „מאָרגן־פרײַהײַט": „איך האָב דיך ליב... האָסט קיינמאָל ניט געוואָלט וויסן פון געפאַר. ברייטהאַרציק האָסטו גע־שטעלט דײַן לעבן אין קאָן... אָט דער ליבע־בריוו איז ניט נאָר אין מײַן נאָמען, נאָר אין נאָמען פון טויזנטער. זאָל ער זײַן פאַר דיר אַ פרילינג־גרוס, טײַערע „מאָרגן־פרײַהײַט". זײַ געזונט, זײַ מונטער, טײַערע, און ווער ניט אָן קיין איינציקן טראָפּן פון דײַן פּראַכטפולער און אַזוי ליב געוואָרענער קרעפטיקער האַרציקײַט"[1].

...פון נאָך מיטיק אָן און ביז שפּעט אין דער נאַכט כאַפּ איך אַרײַן אַ היפּשע פּאָרציע פאַרגעניגן באַם אַרומשפּאַצירן איבער ניו־יאָרק. געדאַליע סאַנדלער, איטשע גאָלדבערג[2], סעם פּעווזנער און איך פאָרן אַרום איבער דער שטאָט אין סעם פּעווזנערס מאַשין.

---

[1] פון מ. אָלגינס אַן אַרטיקל (27 מאַרט 1938), געווידמעט דעם 16־טן געבורטס־טאָג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט".

[2] איטשע גאָלדבערג — פּראָגרעסיווער יידישער זשורנאַליסט.

סעם פעוזנער — א ליבלינג פון די פראָגרעסיווע קרײַזן, א הויכער, א געזונטער, ברייטפּלייציקער, זייער א גוטמוטיקער מענטש, דאכט זיך א געבוירענער אין אמעריקע. מיט אים באגייט מען זיך, געווייגלעך, ווי מיט א גרויס קינד. „סעם, ווען דו געמסט ריידן אף יידיש, זאָלסטו טרײַבן די מאשין מיט אלע קויכעס". — „וואָס איזנס?" — פרעגט שמייכלענדיק אף זײַן אויפן פעוזנער. „ווײַל פון דײַן יידיש נעמען זיך די רעדער אליין אָפּשטעלן".

קורץ, סעם פעוזנער ברענגט אונדז אף זײַן „וואָגן" אין גרינוויטש ווילעדזש, דעם ראיאָן פון דער ניו־יאָרקער קונסט־באָהעמע.

אף דער מעקדוגאל־גאַס שליאָנדרען ארום טוריסטן. איך ווייס ניט, וויאזוי זיי, נאָר איך האָב דאָ גלײַך דערזען מײַן גרויס געווינס. דאָס איז א באָהעמישע קאפע, אויב מע קאָן מיט אָט דעם נאָמען אָנרופן אָן אויס־געבליאקעוועטן, אָפּגעלאָזענעם צימער מיט אן ארײַנגאנג גלײַך פון דער גאס — עטלעכע טישלעך, א פּיצינקע הילצערנע בינע, נידעריקע טאָפּ־טשאנדלעך צום זיצן. אף דער שילד איז אָנגעשריבן: «Why not?» — „פארוואָס ניט?" באם ארײַנגאנג — א פלאקאט: „ס'קאָסט ניט קיין ארײַנטריט־געלט. ניטאָ דאָ קיין אינטימע אטמאָספער, קיין גאסטפרײַנטלעכ־קײַט. מע זינגט ניט מיט טאלאנט. ביטער — די קאווע, די שפּײַז און די באדינונג. דער פארוואלטער איז א בראָדיאגע. און דאָך — פארוואָס ניט?"

טאקע פארוואָס ניט ארײַנגיין? אינווייניק אין «Why not?» איז כמעט די באלעבאטים — דרײַ יידישע באָכערים — קיינער ניטאָ. זיי זײַנען עס טאקע מײַן גרויס געווינס. איינער פון זיי הייסט פישל, דער צווייטער מענאכעם־מענדל, דער דריטער העשל.

פישל טאנצמאן איז צוואנציק יאָר אלט. זײַן פאך — פאריכטן טעלע־וויזאָרס. אויב אזוי, איז צוליב וואָס נאָך „האלטן א קאפע"? פישל שמייכלט: „איר זײַט פון הימל אראָפּגעפאלן, צי וואָס? קעדיי איך זאָל קאָנען לעבן פון מײַן פאך, דארף איך, אז א טעלעוויזאָר זאָל, ערשטנס, צו דער צײַט קאליע ווערן, און, צווייטנס, מע זאָל רופן צו אים מיך און ניט קיין אנדערן פון די הונדערטער ארבעטסלאָזע כעוורעלײַט, וועלכע קאָנען פאריכטן די צאצקע"...

און אַט איז פּישלס קאָמפּאַניאָן, מענאַכעם־מענדל בען מוישע ליפשיץ, איין און צוואַנציק יאָר אַלט.

— מענאַכעם־מענדל, דו ווייסט כאָטש, פאַרוואָס דיין נאָמען נעמט בא אונדז אַזוי אויס?

— ווייל עס איז מיין נאָמען...

— און דאָס איז גאָר?

— גאָר. מע האָט איך מינאַסטאַמע געזאָגט, אַז איך טרוים צו ווערן א ראַדיסט אַרום ספּוטניקעס... און איר זייט דאָך פון רוסלאַנד...

באַטאָג איז מענאַכעם־מענדל א סטודענט אין א ראַדיאָ־אינסטיטוט. פאַרנאַכט דערלאַנגט ער טיי מיט בייגל אין דער „שוטפעסדיקער" קאַפע. אף רוסיש זאָגט מען — בעז אַטריוואַ אַט פּראָיזוואָדסטוואַ, ער שטודירט, הייסט עס, ניט אָפּוועגנדיק זיך פון זיין „פּראָדוציר־אַרבעט"...

— מענאַכעם־מענדל, — מישט זיך אַריין דער דריטער קאָמפּאַניאָן, העשל ווייַנבערג, אין איין עלטער מיט די צוויי פּריערדיקע, א געוועזע־נער יעשיווע־באָכער, — מיר דוכט, מענאַכעם־מענדל, אַז דיין נאָמען נעמט אויס דערפאַר, ווייל ס'איז געווען אַזא יידישער מעכאַבער מענאַ־כעם־מענדל...

— פונוואַנען ווייסטו, דער סאַטמאַרער האָט עס דיר געזאָגט?

— ניין, מיין מאַמע... זי האָט געהאַט מענאַכעם־מענדלס א ביכל...

— ווייסט איר וואָס, יינגלעך, — נעם איך ווייטער ציען דעם שמועס, — ווער איר זייט, ווייס איך שוין. אָבער זאָגט מיר, וואָס טוט איר, אויב קיינער קומט ניט טרינקען קיין קאַווע? איר זייט דריי מיילער. מע דאַרף דאָך אופהאַלטן דאָס געשעפט...

ווייַזט זיך אַרויס, אַז אופהאַלטן די קאַפע — דאָס איז ניט די זאָרג פון די יינגלעך. אף זיי איז דאָ א באַלעבאָס, אַן אַרענדאַטאָר, אַזוי צו זאָגן. ער דינגט דעם „קאַפע־לאָקאַל" און האַלט דאָרט אוף די דריי „קאָמ־פּאַניאָנען". די האַכנאָסע באַקומט ער. זיי באַקומען א „פּראָצענט". דער באַלעבאָס איז אַן אַראַבער. נאַטירלעך, אויך ניט קיין ראָקפעלער. די יינג־לעך פירן דאָס געשעפט, פאַרופנדיק נייגעריקע און דורשטיקע מיט דער הילף פון צוויי זינגער.

ווען די זינגער פארציען א העברעישע ליד, שטעלט זיך אריין א נעגער־יינגל און נעמט אונטערהעלפן. „אף וועלכער שפראך זינגסטו?" — „שפראך? א ליד גייט פון הארצן, און שפראך איז אף די ליפן"... אך, ס'ארא טאלאנט זיי האבן צום ריידן, די ווילעדזשער...

ווען מיר פארלאזן די קאפע, באגלייט אונדז אף דער גאס מענאכעם־מענדל. ער גייט עטלעכע טריט פאזע דער מאשין און שרייט אריין אין אופגעעפנטן פענצטערל:

— מענאכעם־מענדל — ספוטניק!.. איר פארשטייט?!

יידישע יינגלעך פון אמעריקע... וואס זאלן מיר מיט אייך צוזאמען ענטפערן די „פאליטישע" ראבאנים און די „ראבאנים" פון דער פאלי־טיק, וועלכע פריידיקן, אז די יידישע יינגלעך אין די וויסנשאפטלעכע לאבאראטאריעס פון דובנא — דעם סאוועטישן וועלט־צענטער פון אטאם־פיזיק, — די יידישע יינגלעך אף די אוראלער מעטאלורגישע און מאס־קווער אווטאמאביל־זאוואדן; זיי, וואס האבן צוזאמען מיט מיליאנען אנ־דערע יינגלעך און מיידלעך אופגעהויבן די אלטאיער צעלינא, זיי — די אינגאנצן שוין ניט ענלעכע אף זייערע שטעטלדיקע זיידעס סאוועטישע יידישע יוגנטלייט, פון וועלכע עס קומען ארויס מאסטאוואיס, יעהודינס, פיינשטיינס, עליע שעכטמאנס, לאנדאוס, קרייזערס, דימשיצעס[1], — אט

---

[1] וויקטאר מאסטאוואי — א באוווסטער פליער, ניט לאנג צוריק האט ער בייס דער געפאר פון א קאטאסטראפע אוועקגעזעצט דעם לופט־ליינער אפן וואסער פון דער ניעווא, ראטעווענדיק דערמיט די פאסאזשירן; עליע יעהודין — פארזיצער פון א פאר־געשריטענעם קאלווירט אין קראסנאגווארדייסקער ראיאן, קרימער געגנט; גריגארי פיינשטיין — געאלאג, לאורעאט פון דער לענין־פרעמיע פאר אנטדעקן דאס געפינ־ארט פון דימענטן אין יאקוטיע; עליע שעכטמאן — באוווסטער יידישער סאוועטישער שרייבער; ליעוו לאנדאו — אקאדעמיקער, לאורעאט פון דער נאבל־פרעמיע; יאקאוו קרייזער — ארמיי־גענעראל, הויפט־קאמאנדיר פון די סאוועטישע מיליטער־קרעפטן אפן ווייטן מיזרעך; וועניאמין דימשיץ — פארטרעטער פונעם פארזיצער פון מי־ניסטארן־ראט פון פססר.

די יידישע יינגלעך „דארפֿן געראַטעוועט ווערן“, קעדיי אַף דעם ברע־קעלע קעלער־טעריטאָריע פֿון «Why not?» , איבערטרעטנדיק די אָפּ־געקלאַפּטע עטלעכע טרעפּלעך, ווערן מיט דיר, ליבער מענאַכעם־מענדל בען מוישע, שותּפֿים צו דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער לופֿט־פּאַרנאָסע...

ס'איז שוין טאַקע קימאַט ניט פֿאַרבליבן קיין צייַט זיך צולייגן, באַלד וועט א קלונג טאָן דער טעלעפֿאָן, און דער האָטעל־אופֿזעער וועט אין טרייַבל זאָגן א „גוט־מאָרגן“, — נאָר וויאַזוי האַלט מען זיך איין ניט צו באַשרייַבן אַן עפּיזאָד באַם אָונטבערויט אין קאָשערן רעסטאָראַן „גליק־שטערן“ אַף דעלאַנסי־גאַס? אַלץ איז דאָ געווען ווי געוויינלעך, א רעסטאָ־ראַן ווי א רעסטאָראַן, קאָשער איז קאָשער, די געהאַקטע לעבערלעך, די גריוון, געפֿילטע פֿיש — אַלץ איז אַל־רייַט. אָבער מיטאַמאָל...
— הערט מיך אויס, ווער איז אָט דער יונגערמאַן, וואָס איר קעכלט אים אַזוי? דער פֿראַנצעוואַטער קעלנער, דער בונדאָוועץ, אָט דער, וואָס איז ערשט אָוועקגעלאָפֿן אופֿזוכן דעם באַלעבאָסעניו, — ער זאָגט: עס איז א סוואָרע, אַז דער יונגערמאַן דאַרף זייַן ארן ווערגעליס פֿון מאָסקווע...
גערדאַליע סאַנדלער, צו וועמען עס האָט זיך מיט אַזעלכע רייד גע־ווענדט דער באַיאָרטער באָס־באָי (אופֿראַמער), טוט א שאָקל מיטן קאָפּ אין מייַן זייַט:
— פֿרעגט בא אים אַליין...
איך נעם אַרויס פֿון קעשענע דעם רויט־טאָוולדיקן פּאַס מיט די דייַט־לעכע רוסישע אויסיעס CCCP. דער באָס־באָי ווערט שטאַרק ערנסט. ער פֿאַרגעסט אין וועגעלע, וואָס שטייט לעבן אים, א געלאָדנס מיט טע־לער. ער רירט זיך צו צום פּאַספּאָרט — די הענט ציטערן בא אים.
— איך בין א פּוילישער... בעשאַס היטלערס גזיירע זיך געראַטעוועט בא אייַך... געבענטשט זאָל זייַן די ערד... אין אופֿאַ בין איך געווען א פּאַרוואַלטער פֿון א גאַרקיך... איך וואָלט דערגאַנגען ביז... (ער טוט א דריי מיט די פֿינגער הויך איבערן קאָפּ), ווען איך בלייַב... און איצט דאָ, זעט איר דאָך, כאַוועր...

איך גיב אים אָן א קעלישעקל. ער זאָגט אף רוסיש:

— ניעלזיא, דאָראָגאָי, ניעלזיא... זא עטאָ יא מאָגו לישיטסא מעסטא... (מע טאָר ניט, טײַערער, מע טאָר ניט... פאר דעם קאָן איך פארלירן דאָס אָרט...).

נאָר מיטאמאָל צינדט זיך אָן א פײַערל אין זײַנע אויגן. ער זאָגט מיט הארץ:

— טשאָרט ס נים!.. (כאפט זיי דער רוּעך!..).

ער נעמט דאָס קעלישעקל, רירט זיך צו מיט דעם צו מײַנעם, טרינקט אויס דעם ווײַן און רעדט ארויס פאמעלעך און באדאכט:

— זא ראָדינו (פארן היימלאנד).

דער באָס־באָי פירט אָפּ דאָס וועגעלע מיט געפעס. ארום אונדזער טישל נעמען זיך דרייען גײַגעריקע. דער באָס־באָי גייט ווידער צו און שמייכלט:

— דער בונדאָוועץ האָט דעם באלעבאָס ניט געפונען. אָבער צעפּויקט האָט ער אלעמען... לויפן זיי, די קעכער און די קעלנערס, אף אײַך א קוק טאָן...

20 נאָיאבער.

דער הײַנטיקער ארבעטס־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן פון א פרעסע־קאָנפערענץ אין דער סאָוועטישער פּאָרשטייערשאפט בא דער אָרגאני־זאציע פון די פאראייניקטע נאציעס. ס׳איז געמאָלדן געוואָרן, אז איך וועל ענטפערן אף פראגעס וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנ־פארבאנד.

באָריס פּאָלעוואָי עפנט די פרעסע־קאָנפערענץ. די ארײַנפיר־דער־קלערונג, וואָס איך מאך אף ייִדיש, זעץ איך אליין איבער אין רוסיש. ווײַטער, קעדיי פארלײַכטערן די פּראָצעדור, רייד איך בלויז רוסיש. די

איבערזעצונג אף ענגליש מאכן טאמארא מאמעדאָוואַ[1] און דער סאָוועטי־שער קולטור־אטאשע דמיטרי מוראוויאָוו.

די פּרעסע־קאָנפערענץ ווערט טראנסלירט דורך ראדיאָ און טעלע־וויזיע. בא דער גאנצער אָנשטרענגונג באוויַיז איך, קוקנדיק אין זאַל, ארומקלערן, ווי גרויס עס איז דער פּאראדאָקס פון אזעלכע פּרעסע־קאָנ־פערענצן. עס באקומט זיך, אז דער היַינט אָנשטאָט אויספרעגן שטרענג דעם נעכטן, פארוואָס יענער וויל ניט אוועקגיין, דארף זיך גאָר פונקט ווי פארענטפערן פארן נעכטן...

און דער נעכטן איז בייז, און דער נעכטן איז טומלדיק, און דער נעכטן קריכט אף די גליַיכע ווענט. ווען איך דערמאָן עטלעכע אלגעמיין באוווּסטע פאקטן פון אונדזער סאָוועטיש לעבן, קוויטשעט ארויס אף מאמעלאָשן איינער א נעכטן־זשורנאליסט:

— פארעדט ניט די ציין!

איך זעץ איבער פאר מיַינע כאווירים דעם דעליקאטן אויסדרוק אף רוסיש. ניקאָליַי פּאָליאנאָוו, דער אויסערן־פּאָליטישער קאָמענטאטאָר פון דער „איזוועסטיאָ", א מענטש מיט א פרייַלעכן כאראקטער, בייגט זיך אָן צו מיר און זאָגט, אָנוויַיזנדיק אפן שריַיער: „גאָוואָריט פּראָ זובי, א או סאמאָוואָ אָט סטראכא פּערעד פּראוודאָי זוב נא זוב ניע פּאָפּאָ־דאיעט"... (ער רעדט וועגן ציין, און בא אים אליין, פון שרעק פארן עמעס, טרעפט ניט א צאָן אף א צאָן...)

אונדזער אָנגריף אף די קאלטע מילכאָמע־לײַט ווערט נאָך שטאר־קער, ווען פּראָפעסאָר ניקאָליַי מאָסטאָוועץ הייבט זיך אוף פון אָרט און זאָגט, צעפּירנדיק מיט די הענט:

— ס'איז פּאָשעט אומגלייבלעך, וויאזוי אין אייניקע קריַיזן וויל מען זיך ניט צוהערן צום בעסטן איידעס — צו די פאקטן וועגן דער ראָל פון די סאָוועטישע יידן אין דער עקאָנאָמיק, אין דער ארמיי, אפן געביט פון ליטעראטור, קונסט, מעדיצין, וויסנשאפט. טוט א טראכט: צי וואָלט

---

[1] טאמארא יוריעוונא מאמעדאָווא — גענעראל־סעקרעטאר פונעם אינסטיטוט פון סאָוועטיש־אמעריקאנישע באציִונגען.

אזא כאָשעווע ראָל פון דעם ייִדישן פאָלק מעגלעך געווען אין א מעלוכע, ווו די אָפיציעלע פּאָליטיק איז אנטיסעמיטיזם?

— צי וואָלט אין אזא מעלוכע מעגלעך געווען, — זעצט פאָר מאָס־טאָוועץ, — אז ייִדן, וועלכע זײַנען אפּן עלפּטן אָרט לויט דער צאָל צווישן די סאָוועטישע פעלקער, זאָלן זײַן אפּן דריטן אָרט צווישן די סטודענטן אין די הויכשולן, אפּן דריטן אָרט צווישן די וויסנשאפט־לײַט, זיי זאָלן געבן אזא גרויסע צאָל גענעראַלן אין דער ארמיי, א וויצע־פּרעמיער אין דער רעגירונג? צי וואָלט מעגלעך געווען, אז ייִדן, וואָס ציילן עטוואָס מער פון איין פּראָצענט פון דער באפעלקערונג, זאָלן אויסמאכן פערצן פּראָצענט צווישן די דאָקטוירים און שרײַבער, דרײַ און צוואנציק פּראָ־צענט צווישן די מוזיקער אדג.

די ווערטער פון ניקאָלײַ מאָסטאָוועץ מאכן א רוישעם, כאָטש קיין נײַס האָט ער ניט געזאָגט. אפילע דאָ אין אמעריקע רעדט וועגן דעם די פּראָגרעסיווע פרעסע יעדן טאָג. פּאָשעט, מע פארשטעקט די אויערן, מע וויל ניט הערן.

איינע א קאָרעספּאָנדענטקע כאפּט זיך ארויס מיט א פראגע, געווענדט צו מיר:

— אויב באַ אײַך פארפאָלגט מען ניט די ייִדן, טאָ פארוואָס פּראָ־טעסטירט מען דאָ באַ אונדז קעגן פארפאָלגונגען?

איך זאָג איר:

— דאָס פרעג איך טאקע באַ אײַך...

ווען די פּרעסע־קאָנפערענץ ענדיקט זיך, גייט צו מיר צו אָט די פרוי. מע זעצט איבער אירע ווערטער:

— איך קלײַב זיך איבערראַיאָר זײַן אין סאָוועטנפארבאנד, וועל איך א קוק טאָן... אויב איך אליין, מיט די אייגענע אויגן, וועל ניט זען קיין אונטערדריקטע ייִדן, דאַן וועל איך אײַך גלייבן...

— סײַנג איז בעליווינג[1], — זאָג איך, און די פרוי לאכט און שאָקלט מיטן קאָפּ.

[1] אן ענגליש ווערטל: „אז מע זעט, גלייבט מען“.

...7.30 פאַרנאַכט. אַ גראַנדיעזער מאַסן־מיטינג אין „קאַרנעגי האָל", איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין ניו־יאָרק. העכער אָנדערהאַלבן טויזנט מענטשן מערקן פֿייערלעך אָפּ דעם 30־טן יאָרטאָג, זינט עס זײַנען אײַנ־געשטעלט געוואָרן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איינציײַטיק איז עס אַ באַגעגעניש מיט אונדזער גרופּע.

אין זאַל — ענטוזיאַסטישע פרײַנטשאַפט. באַם אַרײַנגאַנג, אויף דער גאַס — אַ פֿײַנטלעכער פּיקעט פון פאַשיסטן. צוויי אַמעריקעס, צווישן וועלכע עס שטייען נאָך פאַר אַנטשיידענע שלאַכטן.

די עטלעכע בוירטשיסטן (אַמעריקאַנער נאַציסטן) האָבן געטראָגן פלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „קאָמוניזם איז יידיש" און „85 פּראָצענט פאַרורטיילטע קאָמוניסטישע שפּיאָנען אין אַמעריקע זײַנען יידן". עס איז אויך דאָ געווען אַ שיטער גרופּקעלע אונגאַרישע „קאָנטרעס". אין איינעם אַ מאָמענט האָט געהאַלטן בײַ אַ געשלעג: די געקומענע אויף דער פֿײַערונג האָבן געוואָלט אַרײַנלייגן אין קאָלנער די נאַציסטן. אָבער די פּאָליציי... אָ, די אַמעריקאַנער פּאָליציי ווייסט, ווען אָפּצוהיטן די אָר־דענונג...

דער אָוונט איז דורך אין אַ געהויבענער שטימונג. אונדזער גאַנצע גרופּע, צוזאַמען מיטן סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אַנאַטאָלי דאָברינין און מיט די אָנפירער פונעם נאַציאָנאַלן ראַט פון סאָוועטיש־אַמעריקאַנער פרײַנטשאַפט מאַרגאַרעט ראַסעל, ד״ר זשעראָם דייוויס, ד״ר ק. לאַמאָנט א. אַנד., איז געווען אויף דער בינע. אַ נעגרישער זינגער האָט אויסדריק־לעך און פּראָסט געזונגען די מעלאָכע־הימנען פוןביידע לענדער. ווען די פאָרשטייער פונעם האַרעפּאַשנעם, פרײַנטלעכן ניו־יאָרק האָבן זיך אַ שטעל אויף געטאָן פאַרן הימן פון דעם סאָוועטנלאַנד, האָט אַ ביסעלע פֿײַכטקייט געמאַכט גלאַנציקער די עטלעכע טויזנט אויגן אין דעם עט־וואָס צוגעטונקלטן זאַל.

21 נאָיאַבער.

ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. מיר פליִען קיין טשיקאַגאָ. געוויינ־לעך פאַרנאָטיר איך אין מעשעך פונעם טאָג עטלעכע מאָל מײַנע אײַנ־

דרוקן. הײַנט אָבער האָב איך ניט געהאַט קיין צײַט כאָטש איין־איינציק מאָל זיך נעמען פאַרן טאָגבוך. איך וועל איצט, ווי ווײַט מעגלעך קורץ, פאַרצייכענען דאָס וויכטיקסטע.

דערשיטערנדיק איז געווען דער אײַנדרוק פון וויליאַמסבורג — אָט דעם אוניקאַלן ווינקעלע, וואָס כאָטש מע טאָר עס, באַטירלעך, ניט אידענטיפיצירן מיט דער ייִדישער אַמעריקע, איז עס דאָך, אין אַ גרויסער מאָס, אַ מין אידייִשער סימבאָל פון די רעאַקציאָנערע, קלעריקאַלע, אַרכאַיִסטישע און קאָנסערוואַטיווע שטרעמונגען אינעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן.

דאָ איז קאָנסערווירט אַ פאַרגאַנגענע עפּאָכע. צוליב וואָס דאַרף עס דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, פרעגט זיך? איך ווייס ניט, עס קאָן זײַן, אַז דאָס איז איינע פון יענע טראַנשייען, ווו קאַפּיטאַליזם און מיטלאַלטער ליגן אַקסל־צו־אַקסל, באַשיצנדיק זיך פון אַ טויט־געפאַר פאַר זיי ביידן, וואָס קומט פון אַ דריטן, אַ קעגנזעצלעכן צו זיי קויעך.

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר ווען איך בין דורכגעפאָרן דעם וויליאַמסבורגער בריק, האָב איך זיך דערפילט אַזוי, פּונקט ווי די פאַנטאַסטישע „מאַשין פון דער צײַט" וואָלט מיך איבערגעטראָגן אין אַ ניט רעאַלער טקופע. מיטאַמאָל ווערן צערונען די וואָלקנקראַצערס, מע הערט ניט דעם ראַש און גערודער פון די בראָדווייען, מע זעט ניט קיין מענטשן אין הײַנטצײַטיקע אָנצוגן, קיין פאַרליבטע פּאָרלעך, אַרומגענומענע און גליקלעכע. מע הערט ניט שפּילן מוזיק, זינגען לידער. איבער דעם פאַרשטילטן געסל, צווישן הײַזער קרעמלעך, הײַזער באָטעמעדראָשים, גלאַט אַלטע, אויסגעקרימטע הײַזער דרייען זיך אַרום קאַפּאָטעס און שטרײַמלעך, בערד־און־פּייעס־מענטשן, ניט קיין יונגע, ניט קיין אַלטע, ניט קיין פרייִלעכע, ניט קיין טרויעריקע, אויף אַלעמען — דער שווערער אָל און די נאַיִוולעכע וואַזשנעקײַט פונעם נאָך־באַרמיצווע־עלטער.

גייט זיך אַזאַ מענטש, אַרויסשטעלנדיק קונציק אויף דער הייך פון די קני דעם צווויפגעלייגטן אין אַ שטעקעלע שירעם, און קוקט אויף מיר, דעם פרעמדן, מיט נײַגער. זאָג איך אים: „שאָלעם־אַלייכעם"... ענטפערט ער: „אַלייכעם שאָלעם, רעב ייִד. איר קלײַבט זיך מיך אָפּאָרטעטלען?"

כ׳בין זיך מוידע: „איר געפעלט מיר״... ענטפערט ער איידל: „אָבער דאָס וועט ניט געפעלן מײַן רעבן״... — און גייט אוועק.

איך שטעל אָפּ א צווייטן — אויך אין א קאפּאָטע און אין ווײַסע זאָקן, אויך מיט באָרד־און־פּייעס, אויך מיט א צונויפגעלייגטן שירעם.

— וויפל יאָר זײַט איר אלט?

— דאָס זיבעצעטע.

— א יעשיווע־באָכער?

— וואָדען?

— ווו איז אײַער יעשיווע?

— אָט יענע. ניט די, לעם וועלכער מיר שטייען, און ניט יענע, וואָס אנטקעגן, און ניט די ווײַטערע, וואָס איבער צוויי הײַזער, נאָר אָט די, איר זעט? צווישן רעב יאָנטלס יאטקע און דער ווײַבערשער שול...

— איר קומט אמאָל אויך אין מאנהעטן?

— וואָס האָב איך דאָרט צו טאָן? מײַן רעבע איז דאָ...

גיי איך צו צו א דריטן. ער זינגט שטיל א בימבאָם־ניגנדל.

— איר האָט א ווײַב?

— פארוואָס ניט? אן אישע טויג דערוף.

כאָטש ער טראָגט אויך א קאפּאָטע און ווײַסע זאָקן און ער איז אויך מיט באָרד־און־פּייעס און שטעלט אויך קונציק ארויס אָף דער הייך פון די קני דעם צונויפגעלייגטן שירעם, — דאָך דערשפּיר איך לויטן פײַערל אין זײַנע אויגן: ס׳איז א באָכער א גאנעפעץ, וועלכער איז צופרידן מיטן שפּיצל, וואָס ער טוט אָפּ דער וועלט.

— איז האָט איר, הייסט עס, ליב דעם איניען?

— וועלכן איניען, זײַט אזוי גוט?

— דעם, וועגן וועלכן איך האָב אײַך אָקאָרשט געפרעגט...

ער טוט א פיר מיטן גראָבן פינגער איבער די וואָנצעס, ווי ער וואָלט זיי צוגעגלעט, און מאכט „קכע־קכע״ אָנשטאָט צו ענטפערן.

איך זע שוין, ס׳ארא מין פויגל דאָס איז, נאָר איך מאך זיך ניט ווּיסנדיק.

— נו, און מיקויעך פּארנאָסע?

— מע זיצט אף קעסט. די פֿלוינעסטע האָרעוועט, דער שווער האָדע־וועט. א טיפּעש א ייִד, א קאָשערער קאָלבאסניק...

צוויי ייִנגעלעך, א יאָר אכט־ניַין אלט, שפּילן זיך מיט א פּילקע, ווארפנדיק זי פון איין טראָטואר צום אנדערן דורך דער גאנצער ברייט פון דער גאס. די פּייעס בא זיי דערגרייכן ביזן האלדז, דרייען זיך אף ארוף און זעען אויס ווי אונטערגעבונדענע סטארטשענדיקע צעפּלעך בא קליינע מיידעלעך. ביידע לעקן זיי מיט אפּעטיט צוקערקעס, ארופגעשטעקטע אף לאנגע שטעקעלעך...

כאפּט אריַין איַער קינדהיַיט, ייִנגעלעך, זאָל איַך ווויל באקומען סיַי די שפּיל, סיַי דאָס נאשן.

די גאס איז שמאָל. אף די שילדן, אף די טירן, אף די פענצטער — אומעטום, ווו ס׳איז נאָר מעגלעך, האָט מען אָנגעשריבן דאָס וואָרט „כשר״. זאָרגט איַך ניט, די טרייפע ציוויליזאציע איז ניט אריבערגע־טראָטן די שוועל. דאָס לעבן איז דאָ קאָשער.

אין די קראָמען — כאנעקע־לעמפּלעך, דריידלעך, מעזוזעס, טפילן, מענוירעס. וועגן דער סכוירע, וואָס מע פארקויפט, איז אף די שילדן אָנגעשריבן אזוי: „כאסענע־ און בארמיצווע־אינוויטעישנס״, „ד׳סאטמאר. פליישר און טשיקען־מארקעט״, „סויבל־שטריַימלעך צו באקומען״...

אף אייניקע וועגט זיַינען צעהאנגען ניט קיין גרויסע פלוגבלעטלעך, שפראכלעך — א ייִדיש־לאָשנקוידעש־געמיש. איך נעם אף אָנדענק א פּאָר אזעלכע מוידאָעס. אָט איז איינע. „איבערגעזעצט״ אף א דורכוויסיקן ייִדיש, מאכט עס אָט וואָס: „א גוטע בסורע. אן אויצער פון אויסגעקליי־בענע עסרויגים. איך האָב דאָס יאָר אויך די בארימטע יאנאָווער עסרוי־גים, באשטימט ניט קיין צוגעפּוצטע און גריכישע. ס׳איז ניטאָ זייער גליַיכן אין דער גאנצער וועלט. מיליאָנען פון א סאך דוירעס האָבן גע־בענטשט בלויז אף די עסרויגים. צו באקומען בא דעם ראָוו אווראָם־יויסעף ציק״.

אין וויליאמסבורג קאָכט איצט. די היגע „אופּהאלטער פון דער עמונע״, די פרומאקעס, וואָס זייערע קאוואָנעס, ווי זיי זאָגן, זיַינען בלויז לעשעם שאָמאַיִם (פּאָר גאָטס וועגן) — זיי זיַינען ניט צופרידן מיט דער אפּי־

קאָרסישער און גאָטלעסטערישער מעדינע יִיסראָעל, ווו מע ברענגט אום דאָס גלייבן אין גאָט, ווײַל וועלטלעך לעבן איז דאָ אויך דערלויבט. דער „רעבע זאָל לעבן“ אַליין, דער סאטמארער, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק א ווונק געטאָן, און א גרופּע עקסטרעמיסטן־פאנאטיקער האָבן אָנגעשמירט סוואסטיקעס אַף דער געבײַדע פונעם יִיסראָעל־קאָנסולאט אין ניו־יאָרק. איצט זײַנען אין וויליאמסבורג צעקלעפּט מוידאָעס, אז די שטרײַמלעך ווערן גערופן אַף א דעמאָנסטראציע קעגן יִיסראָעל...

מײַן אײַנדרוק וועגן דעם אַלעמען, וועגן וויליאמסבורג? ווי זאָגט שאָלעם־אַליכעם: „ווען איך זאָל ניט וויסן, אז מיר זײַנען אין אמעריקע, וואָלט איך זיכער געמיינט, אז איך בין אין בראָד“... אָבער ניט אין הײַנטיקן בראָד, וויל איך צוגעבן, אין בראָד מיט הונדערט יאָר צוריק...

...ערגעץ דאָרט, ווײַט אפן האָריזאָנט, זעען זיך שוין קוים־קוים די פײַערן פון טשיקאגאָ. אמווייניקסטנס וועגן נאָך דרײַ געשעענישן פונעם פארגאנגענעם טאָג איז געבליבן איבערלאָזן כאָטש א סימען אין טאָגבוך. איך וועל דאָס טאָן, נאָר מיטן טנײַ, אז דו, פויגל איינער, וואָס דו טראָגסט מיך, זאָלסט אזוי שטארק ניט אײַלן.

צוזאמען מיט א גרופּע ניו־יאָרקער כאווירים זײַנען מיר — ליעוו בעזימענסקי[1] און איך — געפאָרן גאנצפרי אפן בעסוילעם „קארמל־סעמעטערי“ צו לייגן קרענץ אַף די קוואָרים פון שאָלעם־אַליכעם, מאָריס ווינטשעווסקי, אווראָם רייזען, ארן ליבערמאן, יויסעף אָפּאטאָשו, ה. לייוויק, מאני לייב. ווען מיר האָבן אין האָטעל זיך צונויפגענומען, גרייט צו לאָזן זיך אין וועג ארײַן, איז צוגעלאָפן צו מיר אין גרויס אײַלעניש דער פּראָפעסאָר טשעגאָדײַעוו מיט א גרויסן בוקעט פרישע בלומען אין האנט:

— איר זײַט נאָך דאָ?.. זייער גוט... נאטאליע מיכײַלאָוונע (טשעגאָדײַעוועס פרוי, דאָקטאָר פון פלאסטישער קונסט. — א.וו.) האָט מיך געשיקט קריגן בלומען...

---

[1] ליעוו בעזימענסקי — איינער פון די רעדאקטאָרן פונעם זשורנאל „נאָוואָיע ווּרעמיא“ („נײַע צײַט“).

— וועגן וואָס גייט דאָ, אַנדריי וואַסיליעוויטש? — האָב איך גע־פרעגט פאַרכידעשט.

— וואָס הייסט וועגן וואָס? איר פאָרט דאָך אַף שאָלעם־אַלייכעמס קייווער!

— פירן מיר א קראַנץ...

— א קראַנץ איז א קראַנץ, און בלומען פון מיר און פון נאַטאַליע מיכײַלאָוונען איז עפּעס אַנדערש. איך בעט אײַך זייער, זאָגט ניט אָפּ...

איך האָב ניט אָפּגעזאָגט. טשעגאָדײַעוו איז א באַוואָרטער רוסישער מענטש. ער איז אַפּן געביט פון קונסט־קענטעניש איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. איך האָב ניט אָפּגעזאָגט, פאַרשטייט זיך, אָט דעם פאַרערער פון שאָלעם־אַלייכעמס געני.

ווען מיר זײַנען געפאָרן צוריק פון בעסוילעם, האָט איטשע גאָלדבערג, זײַענדיק, ווי שטענדיק, א ביסל פאַרטיפט אין זיך, אַרויסגערעדט, קוקנדיק פון דער ווײַט, פון א הויך בערגל, אַף דער געדיכטער מאַסע מאַצייוועס:

— ייִדן שטופּן זיך...

— פאַרוואָס איז אַף דער מערהײַט שטיינער ניטאָ דאָס בילד פונעם פאַרשטאָרבענעם? — האָב איך געפרעגט.

— בא אײַך איז עס א טראַדיציע, בא אונדז — ניט...

— פונדעסטוועגן, ווי טראַכט איר, וואָס וואָלט געווען אין א פאַר־קערטן פאַל: ווען בא אײַך איז עס אײַנגעפירט און בא אונדז ניט?

— דער „פאָרווערטס" און דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", די ראַבאָ־נים און דער „אַרבעטער־קאָמיטעט" וואָלטן געשריגן ביז הייזעריק צו ווערן: „וואַנדאַלישער קרעמלין־פאַרבאָט! מע דערלויבט ניט צופּעסטיקן אַף ייִדישע מאַצייוועס דאָס בילד פון פאַרשטאָרבענעם!.."

אין „איקוף" — א ספּעציעלע זיצונג פונעם פּרעזידיום. דער נאַציאָ־נאַלער סעקרעטאַר אווראָם דזשענאָווסקי עפנט די זיצונג. עס ריידן נאָכ־מען מײַזיל, פייסעך נאָוויק, בער גרין און מאָריס שאַפּעס[1]. איך באַגריס

[1] בער גרין — דיכטער און עסייִסט, פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד באַם „איקוף"; מאָריס שאַפּעס — שעף־רעדאַקטאָר פון פּראָגרעסיוון זשורנאַל אין דער ענגלישער שפּראַך „דזשויִש קאָרענטס".

הארציק די פארדינסטפולע אָרגאניזאציע פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור — דאָס קאָלעקטיווע ווערק פון די בעסטע שעפער פון דער ייִדישער ליטעראטור און קונסט אין אויסלאנד.

געווען אמאָל ניט ווייניק מיספארשטייענישן ארום א „לײדיקן שטול“ אף דעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון „איקוף“. אין יענעם ווײַטן פארמיל־כאָמע־יאָר, ווען פאר דער געפאר פון דעם אָנגעזאמלטן אין די קעלערס פון אייראָפּע דינאמיט האָבן זיך פארהאקט גרענעצן און דער מעהאלעך צווישן לענדער און מענטשן איז געוואָרן לענגער, — אין יענעם ווײַטן, ביז גאָר אָנגעשטרענגטן יאָר האָבן אייניקע מאָמענטן געשטערט, אז פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער־מישפּאָכע זאָלן קומען קיין פּאריזש, קעדיי אָנטיילצונעמען אין דער ארבעט פונעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון „איקוף“. פונדאנען איז אוועק אף גאנצע יאָרצענדליקער א רייד וועגן א „לײדיקן שטול“ באם טיש פונעם קאָנגרעס.

איצט זיץ איך זיך גאנץ באקוועם אף א שטול באם טיש פונעם „איקוף“ און באווײַז נאָך, הערנדיק די וויכטיקע רייד פון אזויפיל פרײַנט אונדזערע, א זאָג טאָן אין גוטן מוט צו נאכמען מײַזיל, וועלכער זיצט לעבן מיר, א וווּנדערלעך שלאנקער פאר זײַן עלטער, א באהויכטער מיט שייַנער גרויקײַט, — אז זײַן שטול, דוכט זיך, גיט פון מאָל צו מאָל זיך א נייג אָן אף רעכטס, עפּשער דערפאר, ווײַל א פיסל באם שטול איז קירצער פון די איבעריקע, אָדער, ס'קאָן זײַן, איבער אן אנדער סיבע. מײַזיל ענטפערט, אז קעדיי דער שטול זאָל זיך ניט וויגן, איז נייטיק — ניט קירצער מאכן די דרײַ איבעריקע פיסלעך, נאָר צוגעבן דאָס, וואָס עס פעלט, צו יענעם, צום קירצערן. אזוי רעדן מיר זיך דורך, ביזוואנען, נאָך די אָפיציעלע ארויסטרעטונגען, דערמאָנט עמעץ פון די בײַזייענדיקע (דאכט זיך, אווראָם ביק אָדער מ. א. סול), אז ס'איז פאראן קיבעד און מע קאָן איבערגיין צום געדעקטן טיש.

...און ענדלעך — דער פינאל פונעם טאָג. אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאפט בא דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס קומט פאָר אן אופנאם, געווידמעט אונדזער גרופּע. איך פארהאלט זיך דאָ בלויז א פערטל שאָ, ווײַל אין שעראטאָן־אטלאנטיק־האָטעל קלײַבן זיך

שוין צונויף יִדישע שרײַבער, קינסטלער, שוישפּילער, פֿאָרשטייער פון געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

דער גרויסער זאַל פון האָטעל איז פול געפּאַקט. כאַיִם סולער, דער פֿאָרזיצער, מעלדעט אין זײַן ארײַנפיר־וואָרט, אַז דאָ געפינען זיך העכער פינף הונדערט קולטור־טוער. ער אנטשולדיקט זיך פאר יענע, וואָס זײַנען ניט צווישן די אײַנגעלאַדענע, ווײַל „דער טאָג פון דער באַגעגעניש איז קאָנטאַקטירט געוואָרן מיטן גאַסט בלויז אייערנעכטן, און די אײַנלאַדונגען זײַנען געמאַכט דורכן טעלעפאָן".

נאָך מײַן ארויסטרעטונג איז דער טיש פאַרוואָרפן מיט צעטעלעך. אין מעשעך פון העכער א שאָ ענטפער איך אף זיי.

גלײַך פונדאַנען דארף איך פאָרן צום פלי־פעלד. נאָוויק שלעפּט מיך באַם ארבל: „גאָזלען, ווילסט בלײַבן שטעקן אין ניו־יאָרק?.." מיט גרויס מאַטערניש שטופּן מיר זיך דורך צווישן דעם אויסערגעוויינלעך ענטוזיאַסטישן עולם. „גיט איבער אונדזערע קושן אַלע סאָוועטישע מענטשן!" — שרײַט מיר עמעצער נאָך.

...איינס אזייגער באַנאַכט. אונדזער „באָיִנג" מאַכט שוין קרײַזן איבער טשיקאַגאָ. איך נעם צונויף די ערשטע פארשריבענע בלעטעלעך פונעם טאָגבוך און לייג זיי זאָרגזאַם ארײַן אין הײַנטיקן נומער „מאָרגן־פרײַהײַט", אין וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט א רעדאַקציאָנעל ארטיקל „די „איזאָלירער" זײַנען איזאָלירט". „די, וואָס האָבן געוואָלט ארן ווערגעליסן „איזאָלירן", — זאָגט זיך אין ארטיקל, — זײַנען אַליין געוואָרן איזאָלירט. זיי שטעלן זיך ארויס פאַר א שפּאַלטעריש הײַפעלע אין יִדישן לעבן אין אמעריקע... זייער שטימע איז ניט די שטימע פונעם אמעריקאַנער יִדנטום!.."

22 נאָיאַבער.

אבי מע רעדט בלויז וועגן ניו־יאָרק ווי וועגן „א שטאָט, וואָס שלאָפט פון דרײַ באַנאַכט ביז פינף גאַנצפרי". נו, און טשיקאַגאָ — מיט וואָס איז זי בעסער?

געקומען שפּעט באַנאַכט אפן אָ׳הייר פלי־פעלד, האָבן מיר אַלע, אָן

סאָפּעק, געטראַכט וועגן איינס און דאָס זעלבע: וועגן אָפּרוען זיך נאָך די ניו־יאָרקער פינף קיילעכדיקע מעסלעסן. די פריינט, וואָס האָבן אונדז אין אעראָפּאָרט באַגעגנט, — מענדל טערמאַן און הערמאַן בוש (די אָנפירער פונעם טשיקאַגער ראַט פון אַמעריקאַניש־סאָוועטישער פריינטשאַפט) און דזשעק קלינג (פאַרוואַלטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אין טשיקאַגאָ) האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע בערג (אין דעם פאַל געמיינט ווייכע געלעגערס) פאַר פּופּצן פון די זעכצן געסט. פאַרוואָס עפּעס פאַר פּופּצן? נו, און דער זעכצנטער — איך, הייסט עס, דער זעכצנטער וויל דען ניט שלאָפן?!

אָבער מענדל טערמאַן, דער שטאַרק פּאָפּולערער אין טשיקאַגאָ פּרעזידענט פון דער פריינטשאַפט־באַוועגונג, א רייכער געשעפטסמאַן (מיט אים און אויך מיט בושן און מיט קלינגן האָב איך זיך באַקאַנט מיט א פּאָר יאָר צוריק אין מאָסקווע), טערמאַן האָט געהיימניספול געשוויגן דעם גאַנצן וועג, און ערשט באַם אַריינקומען אין דער „לאָבי" פון האָטעל האָט ער פריילעך א זאָג געטאָן אף זיין טשיקאַוון אַמעריקאַניש־יידישן „דיאַלעקט":

— שלאָפן נאָו. לוק פאָרוואַרד — קוק, ברודערקע...

איך האָב דערזען פאַר זיך עטלעכע מענטשן אין ציווילע אָנצוגן און אין מיליטערישע „פּילאָטקעס". זיי האָבן פייערלעך געמאָלדן, אָפּהיטנדיק סאָלדאַטישן עטיקעט, אַז זיי שטעלן פאָר די צוויטוויזנטקעפּיקע אָרגאַניזאַציע פון יידישע מילכאָמע־וועטעראַנען פון טשיקאַגאָ — „דעניעל טוניק פּאָסט". מיט זיי זיינען אויך געקומען צוויי קאָרעספּאָנדענטן פונעם אָרטיקן ענגלישן זשורנאַל פאַר יידן „סענטינעל", און זיי פאַרלאַנגען צו „האָבן א קאָנפערענץ" מיטן רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אויך א וועטעראַן פון דער אַנטיפאַשיסטישער מילכאָמע. זייענדיק צו אים פריינטלעך געשטימט, זאָגן זיי צו פאַרהאַלטן אים ניט מער ווי ביז איינדערפרי.

נו, איצט איז שויך, באָרעך־האַשעם, איינדערפרי. דער קאָמאַנדיר פון די וועטעראַנען פיליפּ ווייזשאָן, דער עלטערער וויצע־קאָמאַנדיר דזשאָרדזש פרענקעל און דער פּאָרזיצער פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע

דזשאָזעף עלביין האָבן מיר געגעבן די לעצטע עטלעכע פּעטש איבער די אקסלען, וואָס דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז ס'איז אָ'קעי, און באַדויערנדיק, וואָס מיר פּערזענלעך האָבן זיך ניט באַגעגנט אַף דער עלבע. האָבן זיי מיר געשענקט אַ נומער „סענטינעל" פאַרן 14־טן נאָיאַבער מיט אַן אַר־טיקל פונעם אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל דזשעק פישביין וועגן מײַן באַזוך אין אַמעריקע (דאָס אַרטיקל הייסט «What are we afraid of?» „פאַרוואָס האָבן מיר מוירע?") און „אָפּגעלאָזט" מיך אַ קאַפּעלע זיך אָפּ־רוען. איצט זיץ איך שוין בא זיך אין צימער און פאַרנאָטיר אָט דעם ערשטן עפּיזאָד פון אונדזער זײַן אין טשיקאַגאָ.

12 אַזייגער 40 מינוט. זינט איך האָב פאַרשריבן די לעצטע נאָטיץ אין טאָגבוך, זײַנען דורכגעגאַנגען אַ שאָ זיבן. איך פאַרצייכן פּינקטלעך די צײַט — ס'איז וויכטיק! עפּעס איז געשען, ווײַזט אויס, ניט געוויינלעכס. די ראַדיאָ גיט איבער, אַז אין טעכאַס, אין דער שטאָט דאַלאַס, האָט מען מיט 10 מינוט צוריק געשאָסן אין פּרעזידענט קענעדי. וויאַזוי עס זײַנען פאַרלאָפן די געשעענישן און וואָס איך האָב געטאָן אין אָט דעם טאָג — דאָס וועל איך פאַרשרײַבן שפּעטער. איצט געפין איך זיך אינמיטן „ייִ־דישן טשיקאַגאָ" — דעם קוואַרטאַל, וואָס רופט זיך אַלבאַני־פּאַרק, — איך זיץ אין אַן אויטאָ, וועלכער האָט זיך ווי צוגעשפּאַרט צו אַ ביכער־קראָם אַף לאָרענס עוועניו, און הער די ראַדיאָ. איבער דעם דעכל פון אויטאָ גיסט אַ רעגן. דזשעק קלינג זעצט איבער די לאַקאָנישע מיטיילונגען.

1 אַזייגער 50 מינוט. אַ מיטיילונג: קענעדי — געשטאָרבן. מיר פאָרן צו קלינגן אַהיים, קעדיי פון דאָרט טעלעפאָניש פאַרבינדן זיך מיטן האַ־מילטאָן־האָטעל, מיט אונדזער גרופּע.

דזשעק קלינג און איך — מיר וואַרפן זיך דורך מיט קורצע פראַזעס:

— וואָס טראַכסטו וועגן דעם? — פרעגט דזשעק, ניט אויפהערנדיק באַכשפּירן נאָך דער ראַדיאָ.

— פרעגסט, וועמעס אַרבעט דאָס איז?

— נו, יאָ...

— קי פראָדעסט? — וועמען לוינט עס? זוך דעם שולדיקן צווישן די, וועמען עס לוינט דער פארברעכן...

בא דזשעקן אין שטוב איז געדעקט דער טיש. די פרוי פארוואַרפט אונדז מיט פראגעס. זי בעט זיך בא אונדז, מיר זאָלן נעמען עפּעס אין מויל אריין. איך טרינק אויס א גלאָז סקאטש[1]. דזשעק וויל ניט. מיר קלינגען אין האָטעל. ניין, קיינער פון די רוסן איז ניטאָ אפן אָרט. איך דערמאָן זיך: אינדערפרי האָבן אינאָזעמצעוו, מאָסטאָוועץ און בעזימענסקי מיך פארבעטן צו פאָרן מיט זיי קיין ספרינגפילד (בא 200 מייל פון טשי־קאגאָ), קעדיי ליגן בלומען אפן קייווער פונעם אמעריקאנער פרעזידענט אווראאם לינקאָלן, וועמען עס האָט דעם 14 אפּרעל 1865 דערשאָסן דער מעטורעף דזשאָן ווילקס בוט, א געדונגענער און אונטערגעהעצטער פון די שקלאפן־אייגנטימער.

איך האָב ניט געקאָנט אָנעמען די איינלאדונג פון מיינע דריי פריינט, ווייל ס'איז שוין געווען אָפּגערעדט וועגן אן אנדער פראָגראַם פאר מיר. גלייך נאָכן פרישטיק בין איך מיט דזשעק קלינגען ארויס־געפאָרן זען די ארבעטער־פאַרשטעט פון טשיקאגאָ. שפּעטער זיינען מיר אוועק אין אָלבאני־פּארק, צו די יידישע קווארטאלן. דאָ, ארום קעדזי און לאָרענס עוועניוס, איז דער באסטיאָן פון דער פּראָגרעסיווער באוועגונג אף דער טשיקאגער „יידישער גאַס". מיר זיינען אריינגעגאנגען אין דער אָרטיקער פאָרשטייערשאפט פון דער „מאָרגן־פרייהייט". שפּעטער האָבן מיר פארבראכט א מינוט פופצן אין „קיפערס יידיש בוך־געשעפט".

בא קיפערן האָט מען צוליב אונדזער קומען אָפּגעשטעלט די ארבעט. די באלעבאטים, די קונדן, די פארקויפער — אלע האָבן זיך פארזאמלט און גענומען שטעלן פראגעס. מע האָט מיר באוויזן די סכוירע — מערסטנטייל געבראכט פון יִשׂראל. דאָס זיינען זייגערס מיט „יידישן" קאָלאָריט, שפּילצייג, ריטואל־ארטיקלען און אויך ביכער, ענגלישע בי־כער פאר יידן. דערמאָנענדיק זיך, אז אף דער שילד איז אָנגעשריבן

[1] סקאטש — א שטארקער וויין.

„קיפּערס ייִדיש בוך־געשעפֿט“, האָב איך געבעטן א ייִדיש בוך. איינער א פארקויפער האָט זיך „פארענטפערט“:

— מיר האָבן א ייִדישע אָפּטיילונג אין קעלער פון דער קראָם... די מערהײַט אמעריקאנער ייִדן זײַנען קאַלט צו ייִדיש. דרוקט מען ביכער אויף ענגליש...

— פארוואָס זשע איז מען דאָ אזוי הייס צו ייִדיש אין סאָוועטנפארבאנד?

— מע איז „הייס“ צום סאָוועטנפארבאנד, ווײַל ס'איז קאַלט דער קריג...

אין דער רעגע האָט מען געקאָנט מיינען, אז אין אמעריקע בין איך אויך געוואָרן א שטיקל אמעריקאנער, ווײַל ווי זיי טוען עס דאָ, האָב איך א היימישן טראַסק געטאָן דעם פארקויפער איבערן אַקסל און געזאָגט פרײַנטלעך:

— ביסט א קלוגער יאַט, אָלרײַט.

מיט א גוטער שטימונג האָבן מיר אַן עפּן געטאָן די ארויסגאַנג־טיר פון דער קראָם, אריבערגעשפּאַנט די שוועל אין דרויסן ארויס און — דערהערט די גרויליקע ייִדיע וועגן קענעדיס מאָרד...

2 אזייגער 10 מינוט. א נײַע ראַדיאָ־מיטיילונג: מיט א האַלבער שאָ צוריק איז אין א דאַלאַסער קינאָ־טעאַטער ארעסטירט געוואָרן איינער א לי האַרווי אָסוואַלד, פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, א געוועזענער אמעריקאנער מאַטראָס, וואָס איז אוועק אין סאָוועטנפארבאנד, דאָרט (אין מינסק) כאַסענע געהאַט, שפּעטער זיך אומגעקערט קיין פּשא. אָסוואַלד ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס „מאַרקסיסט“, די לעצטע צײַט איז ער געוועזן טעטיק אין א „קאָמיטעט פאַר גערעכטער האַנדלונג בענעגייע קובע“.

וואָס איז דאָס — א הײַנטצײַטיקער וואַן־דער־ליובע?

דזשעק טעלעפאָנירט אין דער אָרטיקער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו־בי־בי־עס“, ווו ס'איז פארפּלאַנירט אויף הײַנט האַלב פיר באַטאָג מײַנער אַן אינטערוויו מיטן פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פּרײַס. דזשעק בעט, אַז מע זאָל אריבערטראָגן די טראַנסליאַציע אויף אַן אַנדער טאָג. פון דער סטאַנציע ענטפערט מען, אַז דאָס איז אויסגעשלאָסן, ווײַל „פּונקט דאָס,

וואָס מיסטער קלינג האָלט פאַר אַן אַרגומענט אַף אָפּלייגן דעם אינטערוויו, איז אַן אַרגומענט אַף ניט אָפּלייגן דעם אינטערוויו...״

איצט דאַרף איך באַשליסן. איך פיל מאַמעש, ווי די געדאַנקען שטויסן זיך אומרויִק אין מײַן מויעך. בעשאַס א ניט קלאָרער און ביז גאָר ערנסטער סיטואַציע, וואָס פאָרויסזען איר אַנטוויקלונג איז אומעגלעך, געפין איך זיך ווײַט פון מײַן היימלאַנד, אָפּגעריסן אַפילע פון די עטלעכע לאַנדסלײַט, מיט וועלכע איך בין נעכטן געקומען אין דער פרעמדער שטאָט. דאָס וואָרט פון דער סאָוועטישער רעגירונג וועגן דעם מאָרד איבער קענעדין איז צו מיר נאָך ניט דערגאַנגען, און איך וועל זײַן דער ערשטער סאָוועטישער בירגער אין לאַנד פונעם געהאַרגעטן פּרעזידענט, וואָס וועט דאַרפן פאַר די אײַנוווינער פון אָט דער צעטומלטער שטאָט עפנטלעך אָפּשאַצן אין א ראַדיאָ־אינטערוויו דאָס געשעענע.

אַלץ רעדט לעטויוועס אָפּזאָגן זיך פון דעם הײַנטיקן שמועס מיט פרײַסן. און דאָך — אָפּזאָגן זיך טאָר איך ניט. דער סייכל־האַיאָשער בלײַבט מיטאַמאָל שטיין פאַר א טרויעריקן „טאָמער״: טאָמער וועט מען פאַלש אויסטײַטשן אַזאַ אָפּזאָג...

10 אַזייגער פאַרנאַכט. איך ענדיק פאַרנאָטירן די געשעענישן פון דעם הײַנטיקן טאָג.

ווען מיר זײַנען געפאָרן צו דער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו־בי־בי־עס״, האָט געדעגנט. אַף די גאַסן זײַנען קימאַט ניט געווען קיין מענטשן. טשיקאַגאָ האָט אויסגעזען ווי א פאַרבײַגייער, וואָס האָט זיך אונטערן רעגן אָפּגעשטעלט בא דער מיטשיגאַן־אָזערע פעסטער צו פאַרקוטען זיך אין דעם נאַסן רעגנמאַנטל.

בא א ראָג האָט געוואַרט אַף אונדזער מאַשין איינער פון די נעכטיקע מילכאָמע־וועטעראַנען דזשאָזעף (יויסעף־לייב) עלביין. ער וועט זײַן מײַן איבערזעצער. עלביין איז א געוועזענער פּראָגרעסיווער טוער. ער איז אָפּגעגאַנגען פון דער באַוועגונג, אָבער ניט צעקריגט זיך מיט איר. נעכטן האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם קסאָוויאַד פון זײַנער א ליד „געדאַנקען וועגן הײַנטיקן לעבן פון יידן אין אַמעריקע״. פאַרשטייט זיך, דאָס איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע דיכטונג, אָבער מיר זאָגט די ליד זייער פיל.

מען זיצט דאָך גאַנצע נעכט און מע קלערט,
ווי דרייט מען אויס די וועלט פאַרקערט,
ווי רוקט מען דאָרט צוריק דעם זייגער! —

שרײַט אויס אין גרויסער פאַרזאָרגטקײַט דער פּאַשעטער ייִדישער פאָלקסמענטש אין אַמעריקע.

„מען" — דאָס זײַנען די זעלבע ראַבאָנים־ראַטן, דער זעלבער „אָר־בעטער"־קאָמיטעט, די זעלבע געלע פּרעסע; „מען" — דאָס איז דער מיסטקאַסטן אין דעם ייִדישן לעבן פון אַ לאַנד, ווו די „פרײַהײַט" דער־לאָזט, אַז אויך אַ מיסטקאַסטן און דאַפקע אַ מיסטקאַסטן זאָל סערווירט ווערן צום טיש פון דער געזעלשאַפט. דעם פאָלק אַרט עס. דאָס פאָלק וועט אַלץ מער און מער פאַרשטעקן די נאָז, זיך אָפּקערן פון דעם מיסט־קאַסטן און סאָפּקאָלסאָף אים אַרויסשטעלן פון יענער זײַט טיר.

הײַנט האָב איך געזען, ווי אַ טיפער קנייטש האָט זיך באַוויזן אויפן פּאָנעם פונעם אַמעריקאַנער פאָלק. די פינצטערע קויכעס זײַנען דאָ פרײַ, זיי ווילדעווען. זיי האָבן אָפּגעראַמט פון וועג דעם פּרעזידענט, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם מאָסקווער אָפּמאַך וועגן אָפּשטעלן די אַטאָם־אויפ־רײַסן און וואָס איז געווען געצייגט צו מאַכן אויספירן פון דער „נעגער־רעוואָלוציע", ווי מע רופט דאָ די לעצטע מעכטיקע מאַניפעסטאַציעס קעגן די ראַסיסטישע לעבנס־קלאָלים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

וועגן דעם, וויאַזוי מיר, סאָוועטישע מענטשן, שאַצן אָפּ קענעדיס לעבן און קענעדיס טויט, האָב איך טאַקע גערעדט הײַנט אויף דער טשי־קאַגער ראַדיאָ, ענטפערנדיק אויף דער פראַגע פונעם פּאָליטישן קאָמענ־טאַטאָר פרײַס. ווען מיר זײַנען געזעסן אין דער סטודיע באַם מיקראָפאָן, האָבן זיך אויף יענער זײַט גלעזערנער וואַנט, דאָרט, ווו עס זיצט געוויינ־לעך דער דיספּעטשער, פאַרזאַמלט אַ מענטשן צוואַנציק אָנגעשטעלטע און אָנטיילנעמער פון אַ ווײַטערדיקער פּראָגראַם. זיי האָבן אָנגעשטרענגט געהערט אונדזער שמועס. דוכט זיך, אַ באַוויליקונג איז געווען אין זייער דורכריידן זיך, ווען, ענטפערנדיק אויף דער צווייטער פראַגע, האָב איך צום אָנהייב באַמערקט, אַז עס וואָלט עפּשער געווען טאַקטיש בענעגייע

דעם אָנדענק פונעם פּרעזידענט, ווען פּרײַס מישט איצט ניט ארײַן קיין פּראגן, וואָס שטאמען פונעם פּראָפּאגאנדיסטישן טאָג־סיידער.

פּרײַס האָט גלײַך נאָכן שמועס וועגן קענעדיס טויט, ניט אראָפּגע־מענדיק נאָך דעם טרויעריק־פרומען אויסדרוק אפן פּאָנעם, אין אײַלע־ניש א שטעל געטאָן די צווייטע פראגע:

— איצט וועל איך זײַן דאנקבאר, אויב איר וועט געבן צו פארשטיין, פארוואָס פירט מען דורך אין סאָוועטנרוסלאנד אנטי־יידישע אקציעס אונטערן אויסרייד פון קאמף קעגן עקאָנאָמישע פארברעכנס?

איך האָב געזאָגט:

— מיסטער פּרײַס, איר ווייסט עפּשער, אז יידן ענטפערן אמאָל אף א פראגע מיט א פראגע. איר וועט ניט דערוווידערן, אויב איך וועל אזוי טאָן?

— אָ, נייק, ביטע...

— זאָגט מיר, מיסטער פּרײַס, איר וואָלט זיך אונטערגענומען צו באהויפּטן, אז די אמעריקאנער יוסטיץ פירט דורך אן אנטי־איטאליענישע אקציע, ווען זי מישפּעט גאנגסטערס, וועלכע זײַנען צופעליק איטאליענער לויט דער נאציאָנאליטעט?

פּרײַס האָט אויסגעשריגן אופריכטיק:

— מע מישפּעט באנדיטן, ניט קיין איטאליענער!

איך האָב אײַנגעשטימט און בלויז באמערקט:

— מע מישפּעט גאנאָווים, ניט קיין יידן. פון ווען אָן האָט גנייווע א נאציאָנאליטעט, מיסטער פּרײַס?

נאָכדעם האָב איך שוין געענוי ארומגערעדט דעם איניען, באווײַזנדיק, ווי אופגעבלאָזן עס איז אין דער העצערישער פּרעסע דער פּראָצענט פונעם „יידישן אָנטייל" אין די אזויגערופענע עקאָנאָמישע פּראָצעסן. פון דער צווייטער זײַט, דארף אויך זײַן קלאָר פאר אלעמען, אז די סאָוועטישע יידן, די הונדערטער טויזנטער ערלעכע האָרעפּאשניקעס, בויער פון א נײַ קאָמוניסטיש לעבן, שעמען זיך מיט דעם, וואָס צווישן זיי זײַנען פאַראַן אזעלכע, וואָס באגאנווענען דאָס פאָלק. מיר בעטן קיינעם ניט

פארטיידיקן „אונדזערע" גאנאָווים. זאָל אמעריקע זיך פארנעמען מיט „אירע" אייגענע.

ווען דער אינטערוויו האָט זיך פארענדיקט, זײַנען די פּאָר צענדליק מענטשן פון הינטער דער גלעזערנער וואנט ארײַן אין סטודיע. זיי האָבן עפּעס גערעדט אלע מיטאמאָל, געמאכט מיט די הענט, געשטופּט זיך. איך האָב געפרעגט עלביינען, וואָס זיי זאָגן. יויסעף-לייב עלביין, דער געוועזענער פּראָגרעסיווער טוער, אין וועמעס הארץ און מויעך עס יוירט איצט דער כעזשבן-האנעפעש, — האָט א באדײַטונגספולן שמייכל געטאָן:

— זיי זײַנען ארונטערגעפאלן אונטער אײַער באָלשעוויסטישער פּראָ-פּאגאנדע...

נו, און דער פּאָליטישער קאָמענטאטאָר פרײַס?

באם געזעגענען זיך קוקט פרײַס מיר ארײַן גלײַך אין די אויגן. ער האָט אן אָפן, ערנסט פּאָנעם. די גרויסע שטופּלען מאכן זײַן אויסזען היימיש, פּראָסט. ער צערעדט זיך אַף רוסיש:

— און דאָך טוט מיר ניט באנק, וואָס כ'האָב אײַך געשטעלט די צווייטע פראגע. ס'איז אן אלט, אויסגעפּרווט מיטל צו איבערצײַגן די יעניקע, וואָס גלייבן ניט... ווען איך אליין וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, וואָלט מען געטײַנעט, אז איך וויל פון שווארץ מאכן ווײַס; אויך ווען איר וואָלט געזאָגט פּונקט דאָס זעלבע, נאָר לויט אײַער אייגענעם ווילן, — וואָלט מען ווידער ניט געגלייבט. אן אנדער זאך איז, ווען איך, דער אמעריקאנער קאָמענטאטאָר, פרעג, ניט רעכענענדיק זיך אפילע מיטן טרויעריקן מאָמענט, — און איר, דער סאָוועטישער טוער, ענטפערט, — טאקע אזוי, ניט ווילנדיק, מיט באוואָרענישן לעגאבבע דעם טרויעריקן מאָמענט... אָ, דאָס איז גאָר-גאָר אן אנדער זאך!

דער אייגנטימער פונעם האמילטאָן-האָטעל, ווו מיר שטייען אײַן, האָט געגעבן די האסקאָמע, אז זונטיק זאָל דאָ פּאָרקומען א מין קאָנפע-רענץ פון 250 פּאשיסטן, אָנגעפּאָרענע פון פארשיידענע שטעט. באטיר-לעך, אז אין אזא קאָמפּאניע קאָנען מיר ניט פארבלײַבן. מאָרגן פאָרן מיר אַריבער אין מאָריסאָן-האָטעל.

24 נאָיאבער.

אין דאַלאַס האָט מען ווידער געשאָסן. ס׳איז געשען אין טורמע־קעַ־לער, בייס מע האָט געהאַלטן אין אריבערפירן די אָסוואַלדן פון איין טורמע אין א צווייטער. איינער אן אייגנטימער פון א קאבארע, א גאנג־סטער און פרויען־הענדלער דזשעק לעאָ רובי (די עמעסע פאמיליע — רובינשטיין) האָט זיך אריינגעריסן אין קעלער און דערשאָסן אָסוואַלדן.

האָט איר אייך שוין א פּאָרל: א „מארקסיסט" און א ייִד. ווי טאַלאנט־לאָז די רעאקציע פארפאסט איצט אירע „לעבנס־סוזשעטן", ווי באנאַל עס איז איר בולוואר־פאנטאזיע. פארפלאָנטערן די שפורן, אָפּראמען די יעניקע, וואָס קאָנען זיין איידעס פון דעם גרויליקן מאָרד, — אָט וואָס עס וויל די רעאקציע.

בא טערמאנען אין דער היים — א סאך מענטשן. אונדזער גאנצע גרופּע איז אהער געקומען. ארום מיר שאפט זיך א קרייז, וואָס שטעלט צענדלי־קער פראגן און באקומט, פארשטייט זיך, אן ענטפער. דער שמועס איז זייער א הארציקער. מיר פארהאלטן זיך ביז שפּעט אין דער נאכט. מאָרגן פליען מיר ארויס קיין קליוולענד.

25 נאָיאבער.

עס ווייזט זיך ארויס, אז די פּראָגרעסיווע קויכעס האָבן נעכטן ניט נאָר געצווונגען דעם אייגנטימער פונעם האמילטאָן־האָטעל ניט צו דער־לויבן דורכפירן דעם פאשיסטישן מיטינג, נאָר זיי האָבן אין זעלבן האָטעל איינגעאָרדנט א קאָנפערענץ קעגן נאציזם און היטלעריסטישע מילכאָמע־פארברעכער! אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זיינען געקומען הונדערט דעלעגאַטן פון פארשיידענע שטעט, צווישן זיי סעם פּעווזנער פון ניו־יאָרק.

סעם זיצט איצט לעבן מיר און דעמאָנסטרירט זיין יידיש:

— איך ספּיק און ספּיק און ספּיק, באָט דו ענטערסטענד ניט...

—איך פארשטיי, סעם...

איך פארשטיי, אז דאָס ארבעטער־פאָלק אין טשיקאגאָ און אין גאנץ אמעריקע ווערט אַלץ אנטשיידענער אין קאמף קעגן די שווארצע קויכעס.

מיר געפעלט, וואָס אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באטייליקט ליטווינער און ייִדן, אוקראַינער און פּאַליאַקן. סעם פעוזנער איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פּאָרזיצער פון דער פרימאָרגן־זיצונג. צווישן די רעדנער איז געווען דער ראַביי שמועל־בער יאמפּאָל, א קעמפער קעגן די נאַציסטן.

סעם דערציילט, אז ווען 500 מענטשן האָבן נאָך דער פרימאָרגן־זיצונג זיך פארזאמלט אין גרויסן זאל פון האָטעל אף א מאסן־מיטינג, האָבן די בוירטשיסטן געוואָרפן א שטינק־באָמבע.

ווען מיר זיצן אזוי אין האָטעל־האָל און ריידן, גייט צו אונדז צו א ייִד, די גרייס ווי א דינאָזאוור, און טוט צו מיר א זאָג מיט א קעלכל, שוואך און דין, ווי בא א קאָמאר:

— כאווער... איר הערט? איך זאָג איַיך „כאווער״...

איך האָב זיך א ווײַלע אײַנגעהערט אין דעם שוואך־דינעם קעלכל און געענטפערט:

— איך הער...

— איך האָב, כאווער, געלייענט אין די בלעטער אײַערס א וואָרט אף דער פרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אז עס געפעלט אײַך, וויאזוי דער אפּיקוירעס מענדעלע מויכער־ספאָרים מאכט א קריטיקע אף די כעסרוינעס פונעם פאָלק ייִסראָעל. ווייל איך אײַך, כאווער, אײַנלאַדן, איר זאָלט האלטן א לעקציאָן פאר אונדזערן א מיניען ייִדן וועגן אָט דעם רעכילעסניק מענדעלען...

— וואָס איז עס פאר א מיניען ייִדן?

— א מיניען שיינע ייִדן...

דזשעק קלינג שלעפט מיך באם ארבל:

— זאָג אים, אז דו פאָרסט באלד אוועק פון טשיקאגאָ, און אויס, אן עק...

איך לייג צו א פינגער צו די ליפּן, אז דזשעק זאָל שווײַגן. דעם ייִדן זאָג איך:

— איר ווייסט דאָך, צײַט איז געלט...

— נו, דאָס וועלן מיר באוואָרענען, — טוט דער ייִד א קלאָפּ זיך איבער דער בוזעם־קעשענע.

— ניין, ניין. בעסער וועל איך אײַך דאָ אפּן אָרט זאָגן דעם לעקציאָן וועגן מענדעלען, און איר — זײַט זיך מאטריִען און גיט עס איבער דעם גאנצן מיניען.

— נו, פּליז... פּליז.

— איר זאָגט, אז איר זײַט שיינע ייִדן. איז הערט זשע, וויִאזוי אָט דער מענדעלע האָט אָנגעמאָלט די שיינע ייִדן. איינער, האָט ער געשריבן וועגן אײַך, איז א באל־טאקסע, איינער איז אן ארענדאר, איינער איז א גאבע, איינער — א באל־אייצע, איינער א טאקיף, איינער דעם רעבנס א קאָרעוו, איינער מאכט באָם, איינער איז א מעיוכעס, איינער איז אן אייניקל, איינער האָט א באָבע אין ערעץ־ייִסראָעל, איינער טאנצט אף אלע כאסענעס, איינער איז א שטאָט־פּעטער, איינער — קאָהאָלס יוירעש, און איינער — גלאט א שיינער ייִד...

געענדיקט די לאנגע פראזע, האָב איך זיך ארומגעקוקט: ניטאָ דער ייִד. אזא מאסיווער ייִד, א גאנצער דינאָזאוור, און ווי אויסגערונען. סעם פעוזנער זאָגט, אז אנטרונען איז ער בא די ווערטער „איינער מאכט באָם“. סעם מיינט, אז מאכן באָם הייסט — עפּעס פּראָדוצירן, און טאקע בעפּיירעש פּראָדוצירן א פארבאָטענע זאך, נו, לעמאָשל, סאמאָהאָן... מיסטאמע איז דער ייִד אליין אין דעם פארמישט, ווײַל אויב ניט, איז פארוואָס האָט ער בא דעם וואָרט געמאכט א וואַיִוורא??..

בעשאסן געזעגענען זיך רעדן די פרײַנט אונדזערע וועגן א טשיקאַוון איניען. עס גייען ארום אף דער „ייִדישער גאס“ קלאנגען, אז אין ניו־יאָרק האָט מיט א טעג צען פאר מײַן קומען קיין אמעריקע זיך באוויזן א ספּע־ציִעלער שאָליִעך פון ייִסראָעל, וועמעס אופגאבע עס איז — מאָביליזירן די קלייקוידעש און די רעאקציע אף ניט צו דערלאָזן מײַן קאָנטאקט מיט די פּאָשעטע אמעריקאנער ייִדן[1]. מענדל טערמאַן הערט אויס דאָס, וואָס מע דערציילט, און פרעגט מיך:

[1] באמערקונג פון רעדאקציע. אין קנאפּע צוויי כאדאָשים ארום, דעם 16 יאנוואר 1964, איז אין דער וואָכנבלאט „פרײַ ייִסראָעל“ דערשינען וועגן אָט דעם איניען דער פאָלגנדיקער באריכט: „דער קנעסעט־דעפּוטאט ע. ווילענסקאיא האָט אינטערפּעלירט

— עס טוט דיר וויי, אָ? ס'איז דיר ביטער אזוינס צו זען דאָ?
איך ענטפער:
— כ'בין אויסגעוואקסן אין דער טײַגע... עס געפעלט מיר, איך זאָל גיין און צווײַגלעך זאָלן מיך שלאָגן אין פּאָנעם...

אין קליוולענד האָבן מיר ניט קיין פּראָגראַם. דער ציל איז — זיך אָפּרוען צוויי טעג בײַ סײַרוס איטאָנען, איינעם פון די רײַכסטע און אייג־צײַטיק געבילדעטסטע און קליגסטע מענטשן אין אמעריקע, אַן איבער־צײַגטער אָנהענגער פון אמעריקאַניש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט. אין ערעאָפּאָרט באַגעגענען אונדז איטאָן און זײַן פרוי ען (אַנע). האַגאַם פאַר אונדז איז אָנגעגרייט אָן גוזמע א גאַנצע קאָלאָנע אוטאָמאָבילן, שטופּן מיר, די שרײַבער און זשורנאַליסטן פון דער גרופּע, זיך ארײַן אין די מאַשינעס, אין וועלכע עס פאָרן ער און זי. מיר מאַכן זיי, נאַטירלעך, ענג (באַזונדערס דער באַלעבאָסטע, בײַ איר זײַנען פּאַראַליזירט די פיס, און זי „פאָרט" ארײַן אין דעם ספּעציעל אויסגעשטאַטן גרויסן אוטאָמאָ־ביל אַף איר זיץ־בענקעלע). מיר נעמען זיך פרייִלעך אַנטשולדיקן, פאַ־רופנדיק זיך אַף דעם, אַז נײַגעריקײַט איז א טעווע בײַ מענטשן פון אונדזערע פּראָפעסיעס. ווײַזט זיך אָבער ארויס, אַז די איטאָנס זײַנען נאָך נײַגעריקער, איידער שרײַבער און זשורנאַליסטן, און אַז זיי זײַנען

דעם אויסערן־מיניסטער אין צוזאַמענהאַנג מיט די יעדיִעס, וואָס זײַנען דערשינען אין דער יִיסראָעלדיקער פּרעסע, אַז א הויכער באַאַמטער פון אויסערן־מיניסטעריום, ביניאָ־מין אליאַב, איז געשיקט געוואָרן קיין אמעריקע, ביכדיי צו אָרגאַניזירן די באַיקאָט־אַקציע קעגן סאָוועטיש־יִידישן שרײַבער אַרן ווערגעליס, הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד", וועלכער איז סאָף 1963 געקומען אַף א באַזוך אין אמעריקע. דער אויסערן־מיניסטער גאָלדע מעיִר איז געבעטן געוואָרן צו ענטפערן: 1) צי איז ריכטיק די יעדיִע וועגן דער דאָזיקער שליכעס פון ביניאָמין אליאַב? 2) צי מיינט נישט דער אויסערן־מיניסטער, אַז אַזאַ שליכעס איז אין סטירע צו די נאָרמאַלע באַציִונגען צווישן מעדינעס און אַז אין די נאַציִאָנאַלע אינטערעסן פון יִיסראָעל איז צו האַנדלען פאַר אויסבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד?"

פראָסטער פון פראָסט, און אז זיי ווילן אונדז טאָן אַלץ צוליב, און אז זיי קוקן ביכלאַל אַף אַלץ מיט א קינדערש־גוטן הומאָר.

צוזאַמען מיט דעם פאָרפאָלק פּאָלעוואָי, מיט פּאָליאַנאָוון און ראָזש־דעסטווענסקין זיך איך גאַנץ ברייטלעך בא דער באַלעבאָסטע אין גע־ראַמען אוטאָ. דאָס האָט זי אַליין, ען איטאָן, מיך „אויסגעקליבן“. ווען ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר טראַכטן ניט פאָרן אין „פּערסאָנעלע מאַשי־נעס“. פון די ערשטע רעגעס פאַרבינדט זיך א שמועס.

— וואָס שײַעך אײַך פּערזענלעך, — זאָגט די באַלעבאָסטע, ווענדנ־דיק זיך צו מיר, — וועלן מיר, קאַפּיטאַליסטן, ארויסווײַזן אונדזער עגאָיִסטישן כאַראַקטער. איך וויל מיט דעם זאָגן, אַז בײַס אײַער אָפּרו וועלן מיר ניט ווייניק אויך פון אײַך נאַשן... נו, עקספּלואַטירן אײַך...

זי נעמט גלײַך אויספרעגן, וואָס אַזוינס באַטײַט יידישע פּראָבלעמען, און באַמערקט פון איר זײַט, אַז אין אַמעריקע, זאָגט מען, זײַנען אויך פאַראַן א סאַך יידישע פּראָבלעמען. איך ענטפער: דאָרט, ווו עס זײַנען פאַראַן יידן, זײַנען פאַראַן יידישע פּראָבלעמען. אין דעם פּראַט קאָן מען זאָגן, אַז היטלער האָט געוואָלט, עס זאָלן ניט זײַן אַף דער וועלט קיין יידישע פּראָבלעמען. פרוי איטאָן שרײַט אויס מיט דער אַמעריקאַנער, עטוואָס סענטימענטאַלער אומיטלבאַרקײַט: „אָ, עראָן (אַרן)! ווען איר וואָלט געגעבן אַזאַ ענטפער אין דער טעלעוויזיע־וויקטאָרינע, וואָלט איך, א שטענדיקער מיטגליד פון זשורי אין קליוולענד, צוגעפּאַסקנט אײַך א פּרײַז!..“

...ען איטאָן האָט צו מיר אַן איניען. אירע א פרײַנדן, א יידישקע, א פּראָגרעסיווע פרוי, וויל מיך אײַנלאַדן מאָרגן אַף מיטיק אין א קליוולענ־דער האָטעל. זי בעט מיך זייער, ען איטאָן, זי וועט מיך באַלד פאַרבינדן מיט יענער פרוי דורכן טעלעפאָן. איך ענטפער: פּאָזשאַלוסטע. עסן מיטיק מיט א יידישער פּראָגרעסיווער פרוי, מיט ען איטאָנס א פרײַנדן — פאַרוואָס ניט? ען איטאָן איז באַגײַסטערט: זי האָט געמיינט, אַז עס וועט זײַן שווער מיך אײַנריידן. סײַרוס איטאָן גייט צו צו אונדז. ער ווייסט, וועגן וואָס מיר שמועסן. מיט גרויס אָפּשײַ רעדט ער וועגן די יידן אין

אמעריקע, ספּעציעל וועגן די קליוולענדער ייִדן, וועגן זייער איבערגע־געבנקייט צום לאַנד, וועגן דער ארבעטזאמקייט, ענערגיע זייערער. ער האַלט, אז מ׳ײַן קומען קיין אמעריקע און די אָנגעשטרענגטע אטמאָספער, אין וועלכער עס גייען דורך די באַגעגענישן מיט דער פּרעסע און מיט די אָרטיקע ייִדן, וועט „אַרײַנטראָגן אינפאָרמירטקייט אין דער פאַר־וואָרלאָזטער פראַגע״ — אין דער פראַגע וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. ער האַלט, ווײַטער, אז „אזא פּראָבלעם איז פאַראַן, און מע דאַרף זי ניט לאָזן אף הפקר״, ווײַל „אויב ס׳איז עמעס, אז אַמאָל האָבן אין טכום א סאך ייִדן זיך פאַרנומען מיט האַנדל־וואַנדל, דאָס הייסט, ווי באַ אײַך דריקט מען זיך אויס, מיט ספּעקולירן, איז דאָך אוודע עמעס, אז הײַנטיקע צײַטן פאַרנעמט מען זיך אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער מיט ספּעקולירן ארום ייִדן, ארום דער ייִדישער פראַגע״...

26 נאָיאַבער.

נו, געננוג זיך אָפּצורוען! צוויי טעג איז צופיל; דער נעכטיקער טאָג, א גאַנצער טאָג אָן ארבעט, איז שוין אויך איבערגעננוג אף צו אופשטעלן די קויכעס.

9 אזייגער אינדערפרי זײַנען מיר שוין אין שטאָט, אין קליוולענד. מיר טרעטן ארויס אין א טעלעוויזיע־פּראָגראַם. די גאַנצע גרופּע אונדזערע זיצט באַ א טיש, דער אָרטיקער קאָמענטאַטאָר שטעלט יעדן א פראַגע. אף מ׳ײַן גורל פאַלט אויס די סאַמע „שווערע און סענסאַציאָנעלע״:

— פאַרוואָס זײַנען אין מאָסקווע דאָ ווייניקער סינאַגאָגעס, איידער אין קליוולענד?

ווען די אופנאַם־קאַמערס זײַנען שוין געווען אויסגעשלאָסן, האָט מיר געזאָגט דער קאָמענטאַטאָר, אז פאַר אים איז געווען אומדערוואַרט דאָס, וואָס מ׳ײַן ענטפער איז לויט דער צאָל ווערטער געווען קירצער פון דער אזוי אויך קורצער פראַגע, און דער סצענאַרי פון דער פּראָגראַם האָט דאָך פאָרויסגעזען, אז איך וועל וועגן אזא „קאָמפּליצירטן איניען״ מי־סטאַמע ריידן אַמווייניקסטן פינף מינוט.

בקיצור — „פֿאַרוואָס זײַנען אין מאָסקווע דאָ ווייניקער סינאַגאָגעס, איידער אין קליוולענד?“. מײַן ענטפֿער:

— ווײַזט אויס דערפֿאַר, ווײַל סע זײַנען דאָ ווייניקער גלייביקע...

בענעמאָנעס, איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דער קאָמענטאַטאָר האָט פּלאַנירט, איך זאָל וועגן דעם ריידן מערער...

פֿון טעלעוויזיע־צענטער פֿאָרן מיר אין קלוב פֿאַר געשעפֿטסלײַט („סיטי־קלאַב“) אויף אַ פּרעסע־אינטערוויו. דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער רײַזע אונדזערער איבער אַמעריקע האָט מען דאָ ניט געשטעלט קיין „יִדישע פּראַגעס“. לויט דער באַקאַשע פֿון די זשורנאַליסטן האָב איך דערציילט וועגן אונדזער סאָוועטישן יאָמטעוו, וואָס הייסט „טאָג פֿון פּאָעזיע“, און זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער שאַפֿונג פֿון אייניקע הײַנטצײַטיקע אַמעריקאַנישע שרײַבער (ווילִיאַם סאַראָיאַן, דזשאָן סטיינבעק, מיטשעל ווילסאָן). דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „קליוולענד פּרעס“ האָט זיך מודיע געווען:

— מע רעדט וועגן אײַך בלויז מיט איין מאָס: אַ יִדישער פּאָעט, אַ יִדישער רעדאַקטאָר, אַ סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדיסט... ווילן מיר זען, וואָס איר „קאָסט“ פֿון אַן אַנדער זײַט...

אַ רײַזע איבער קליוולענד. פֿון אַרכיטעקטור־שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ שטאָט פֿון מיטעלן גראַד. גלײַך נאָך דער הויפּט־גאַס הייבן זיך אָן די אַרבעטער־פֿאַרשטעט. קליוולענד איז איינער פֿון די גרעסטע אינדוסטריִעלע צענטרען פֿון אַמעריקע.

אין האַפֿן בײַ דער אָזערע ערי — אַן אַלט אונטערוואַסער־שיפֿל, עטלעכע באַרזשעס. ס'איז אַ גאַנץ רויִק אָרט, מע זעט ניט קיין מעכטיקע קראַנען, קיין גרויסע שיפֿן. ניט ווײַט פֿונעם האַפֿן — אַן אוקראַיִנישער קוואַרטאַל. אויף אייניקע שילדן זײַנען די אויפֿשריפֿטן געמאַכט אין רוסיש.

מיר קערן זיך אום אין „סיטי־קלאַב“, וווּהין עטלעכע אָרטיקע טוער האָבן אונדז פֿאַרבעטן אויף אַ לאָנטש. די קליוולענדער וואַרטן שוין אויף אונדז. זיי זײַנען אַלע געשטימט פֿרײַנטלעך. דאַכט זיך, אַז אַ העלפֿט פֿון זיי זײַנען יִדן. ווען דער שמועס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, קומט אַרײַן

א באַאַרטער מענטש, וואָס פירט זיך דאָ מיט אַלעמען היימיש. עס זעט אויס, ער זאָל צווישן זיי זײַן דער „אָרעמער און פרײַלעכער" — דער ליבלינג.

— איך הייס מעקס האַרוויץ, — זאָגט ער צו מיר מיט א טאָן פון איינעם, וואָס קאָן אויך כויזעק מאַכן פון זיך אַליין, — בא אײַך וועט עס מאַכן מאָרדכע־זעליק הורוויץ, אזוי ווי עס האָבן געהאַט די האָזע צו רופן זיך אונדזערע טאַטעס און זיידעס...

מאָרדכע־זעליק הורוויץ שטאַמט פון א שטעטל לעבן דווינסק. בייסן ערשטן וועלט־קריג האָט ער עמיגרירט, דערנאָך אַרומגעוואָגלט איבער אייראָפּע, ביז איין יאָר זיך אָפּגעוואַלגערט אין יאַפּאַניע און ענדלעך „געבליבן שטעקן" אין אַמעריקע, אין דער שטאָט קליוולענד. מעקס האַרוויץ איז א קאָמיוואָיאַזשאָר. ניט לאַנג צוריק איז ער געווען אין לענינגראַד בא זײַנע קרויווים.

— מאָרדכע־זעליק, — פרעג איך אים, — וואָס וואָלט איר מיר געעצעט זאָגן יענע יידישע טוער אין אַמעריקע, וועלכע שרײַבן אין די בלעטער, אז מע פאַרפאָלגט אײַערע לענינגראַדער קרויווים?

דער באַאַרטער קליוולענדער קאָמיוואָיאַזשאָר האָט אַף א פאַלקס־טימלעכן רוסיש געגעבן אזא אָדרעס, וווהין אָפּשיקן די אויבנדערמאָנטע טוער, אז פּאר זיך מעג איך דאָס, פאַרשטייט זיך, פאַרגעדענקען, נאָר ציטירן די דאָזיקע אַרויסזאָגונג פון פעטער מעקס איז ניט קעדײַ. אַלס קאָמפּענסאַציע וועל איך אַף טשיקאַוועס ברענגען צוויי אַנדערע „פּסוקים" זײַנע, פאַרצייכנטע דאָ גלײַך אַפן אָרט.

וועגן די אַמעריקאַנער קלאַל־טוער פונעם טיפּ „שיינע יידן" זאָגט מאָרדכע־זעליק:

— זיי ווילן יידישקײַט בא יענעם...

און אָט איז זײַן באַציִונג און זײַן שײַכעס צום איגיעץ קאָסמאָס:

— איך בין גרייט אוועקפּלײַען אַף דער לעוואָנע, אַבי מײַנע קינדער דאָ אין אַמעריקע זאָלן האָבן אזא גוירל, ווי די קינדער פון מײַנע קרוי־ווים אין לענינגראַד...

צו פיר אזייגער באטאָג זאמלען מיר זיך אלע צונויף אין אריסטאָ־קראטישן „יוניאָן־קלאב“, אין סײַרוס איטאָנס ארבעטס־קאבינעט אפן צוויי־און־דרײַסיקסטן שטאָק פון א וואָלקנקראצער.

מיר לאָזן זיך אראָפּ אין א גרויסן זאל, ווו איטאָן גיט א באנקעט לעקאָוועד דער גרופּע טוער פון דער סאָוועטישער קולטור. עס זײַנען בײַוועזנד די באלעבאטים פון זיבעציק וויכטיקסטע פירמעס און בענק, וועלכע בילדן די מעכטיקע „קליוולענדער אינדוסטריעל־פינאנציעלע גרופּע“. בא יעדן פון אונדז אף דער ברוסט שפּיליעט מען צו א קוויטל: אָט דער מענטש — איז אזא און אזא, ער הייסט אזוי און אזוי און טוט דאָס און דאָס... ווילט איר, קלײַבט אים אויס פאר אײַער קאָמפּאניע; ווילט איר, קלײַבט אויס אן אנדערן.

ווען איך בין שוין קימאט אָן קויכעס פון רעדן און רעדן און רעדן מיט די נײַגעריקע, גייט צו מיר ערשט צו א פּאָרפּאָלק — פון די סאמע געהויבענע געסט, ווי עס זאָגט די איבערזעצערן. סײַ ער, דער אייגנ־טימער פון א באנק, סײַ זײַן פרוי זײַנען ניט קיין יידן. דער באנקיר דערציילט מיר: א שאָ צוויי פארן באנקעט האָבן די אָנפירער פון אן אָרטיקן יידישן דראמאטישן קאָלעקטיוו, זײַנע קליענטן, געבעטן אים, ער זאָל מיט מיר זיך צונויפריידן וועגן אָרגאניזירן א טרעפונג מיטן קאָלעקטיוו. ער האָט צוגעזאָגט. האָט אָבער א מינוט צען פאר זײַן אָפּפאָרן אהער אָנגעקלונגען א פּאָרשטייער פונעם ראבאָנים־ראט און געוואָרנט, אז אויב ער וועט אזא טרעפונג אײַנאָרדענען, וועלן די ראבאָנים רופן די גלייביקע יידן צו באָיקאָטירן זײַן באנק.

— וואָס טוט מען, מיסטער עדיטאָר (רעדאקטאָר)?

— בארויקט זיך, איך פאָר אלציינס מאָרגן אינדערפרי אוועק קיין סאן־פראנציסקאָ... גיט איבער א גרוס דעם דראמאטישן קאָלעקטיוו...

ווען דער באנקעט איז שוין געענדיקט און די כאוויירים מײַנע פאָרן אָפּ אין „איטאָן־לענד“ (אזוי רופט מען דעם גוט מיט די פערמעס), פירט מיך דער „פּאָליטישער פארוואלטער“ נאום קאמינסקי אָפּ אין „ארקאנזאס“ און לאָזט מיך איבער אין רעסטאָראן פון האָטעל מיט ען איטאָנס כא־

ווערטע, א זייער ווילדע ייִדישע פרוי, וועמעס פאַמיליע איך האָב, צום באַדויערן, ניט פאַרצייכנט.

מיר עסן מיטיק און שמועסן. א שאָ צי מער גדויערט עס. ווען דער מיטיק איז געענדיקט, דאַנק איך אָפּ און שטיי אויף אַף אַוועקצוגיין. די פרוי איז פאַרכידעשט:

— איר מיינט, אז דער שמועס מיט מיר — דאָס איז אַלץ? איך זאָל פון האָטעל וואַרטן אַף אײַך הונדערט פּופציק טוער פון די אָרטיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. קומט!

און אנדער ברייִרע האָב איך? ביז 12 אזייגער באַנאַכט דויערט דער שמועס מיט די הונדערט פּופציק. צווישן זיי איז פאַראַן אפילע א ראָוו, א שטאַרק פּאָפּולערער דאָ אין שטאָט. ער האָט, קומענדיק אַף דער באַגעגעניש, געמאָלדן: איך וויל ניט לעבן מיט די זייטן פון דער אינקוויזיציע...

אינדערפרי, ווען איך קום אַרײַן אין עס־צימער, האַלט ען איטאָן אין האַנט א צײַטונג און באַווײַזט זי מיט אופגעבראַכטקײַט נ. נ. בלאָכינען און זײַן פרוי נאַדיעזשדאַ געגריכאָוונען. די צײַטונג הייסט «The plain dealer» („דער געשעפטסמאַן פונעם פּליין“). אַף איין זײַט איז דאָ אָפּגעדרוקט א גאַנץ פײַנער רעפּאָרטאַזש וועגן אונדזער נעכטיקן פּרעסע־אינטערוויו, אפילע צוויי פאָטאָס, אָבער אַף דער צווייטער זײַט... זע נאָר, זע: די גאַנצע רעקלאַמע־זײַט איז אַרײַנגענומען אין א רעמל, און אונטער א ריזיקן קאָפּ אַף רוסיש «Остановитесь!» איז אָנגעפּאַטשקעט אן אומגעהערטער לויט זײַן אַנטיסאָוועטישן מעשוגאַס ראַבאָנישער אופרוף, ווו עס ווערט געזאָגט, אז מע זאָל „זיך אָפּשטעלן“, מע זאָל אופהערן, אזוי צו זאָגן, שיר ניט „שנײַדן ייִדן אין די גאַסן“ בא אונדז אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד... די ראַבאָנים האָבן פראָסט־פּאָשעט אָפּגעקויפט די גאַנצע רעקלאַמע־זײַט פון דער אַפּאָליטישער געשעפטלעכער צײַטונג און אַרײַנגעגאָסן אהין זייער פּאָליטישן סאַם. ס'אַרא רײַכע ראַבאָנים, דער רועך זאָל זיי נעמען!

עס קומט אַרײַן נאום קאַמינסקי און ברענגט דעם „קליוולענד פּרעס“. דאָ איז וועגן נעכטיקן אינטערוויו דערציילט אין א פרײַנטלעכן טאָן.

מיר נעמען זיך געזעגענען מיט אונדזערע הארציקע באַלעבאַטים. די פרויען קוויטשען באַם געזעגענען זיך, די מאַנצבלען ברומקען אונטער. מע וויל זיך ניט צעשיידן. מע מוז זיך צעשיידן. די איטאַנס זאָגן צו קומען קיין מאָסקווע אין א פּאָר כאַדאָשים ארום.

28 נאָיאבער.

אַף שיפּוּים פון די קאָרדיליערן־בערג, אין געדיכטע שאָטנס פון דעם גרויסן קאַליפאָרניער פלאַכלאַנד ליגן צעוואָרפן שטעט און פערמעס. אין איינער אַזא שטאָט לעב איך שוין א מעסלעס. איך האָב זי ליב באַקומען, די שיינע פרעמדע שטאָט, פאַר איר ניט וועלן זײַן ענלעך אַף א ווײַסלײַביקער באַסיעכידע, וואָס פאַרווײַלט זיך און פעסטעט זיך באַם זון־באַלויכטענעם זוים פון אָקעאַן. הײַנט פרײַ־פארטאָג האָב איך זי געזען אין א פראָסטער בלוזע, ווען זי איז געפאָרן אַף ארבעט אין אַן אָפענעם בארג־טראַמוואַיטשיק, — אראָפּגעלאָזט די פיס צו דער ערד, א ביסעלע פאַרשלאָפן, ווײַל מע איז דאָך פאָרט א דאָרעם־שטאָט און עס טרעפט אַמאָל, אַז ביז שפּעט אין דער נאַכט מאַכט מען זיך פריילעך.

פאַרנאַכט האָט דער אָרטיקער מיליאָנער סיריל מאַגנין אײַנגעאָרדנט אין האָטעל „פיירמאָנט“ אַן אופנאַמע לעקאָוועד די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער קולטור.

דער גאַסטפרײַנטלעכער באַלעבאָס האָט געבעטן דעם ראַטגעבער פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט קאָלאָסאָווסקין, וואָס איז געקומען צו פאָרן קיין סאַן־פראַנציסקאָ לייענען א לעקציע און איז אויך געווען אין „פיירמאָנט“, — ער זאָל צוזאַמען מיט מיר זיך צוזעצן צו זײַן טיש.

שפּעטער האָב איך אין א פּאַסיקן מאָמענט, טאַקע דאָ אַפן אָוונט, פאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכל אונדזער שמועס. קאָלאָסאָווסקי האָט איבערגעזעצט סיריל מאַגנינס ערשטע ווערטער:

— איך בין אַן אַמעריקאַנער ייִד. איר האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזוינס?..

געענטפערט האָב איך אַף מאַמע־לאָשן:

— ווען איך האָב אײַך היַינט דערזען, האָב איך זיך טאקע געכאפט, אז איר זײַט א ייִד...

ווײַטער האָט מען געמוזט דאָך אָנקומען צום איבערזעצער, ווײַל מאגנין האָט דערקלערט, אז ניט נאָר ער, נאָר קימאט אלע סאן־פראנציסקער ייִדן זײַנען „פולקום אסימילירט“.

איך האָב געבעטן דעם ראטגעבער, ער זאָל איבערזעצן אף ענגליש, אז בא אן אסימילירטן אין די אויגן זעט אפילע דער ריבוינע־שעל־אוילעם אליין אויס אסימילירט. קאָלאָסאָווסקי האָט א קוק געטאָן אף מיר פארוואונדערט, נאָר דאָך איבערגעזעצט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט. דער קאליפאָרניער מיליאָנער האָט זיך צעשמייכלט. באם דיפּלאָמאט איז, ווי איך האָב פארשטאנען, א שטיין אראָפּ פון הארצן.

— א סאך ייִדן בא אונדז אין אמעריקע זײַנען מיליאָנערן. עטלעכע הונדערט מאן, מיין איך...

— כ׳בין זיכער, אז די איבעריקע זעקס מיט א האלבן מיליאָן אמעריקאנער ייִדן האָבן דערפון שטארק הנאָה...

אלע פיר מאנצבלען באם טישל (צו אונדז האָט זיך נאָך צוגעזעצט פּראָפעסאָר בלאָכין) האָבן היימיש געלאכט.

סיריל מאגנין האָט אוועקגעלייגט די הענט אף מײַן אקסל.

— איר זײַט רײַך?

— איך האָב עטלעכע לידער־זאמלונגען.

— איר זעט אויס צו זײַן גליקלעכער פון מיר.

— איך ווינטש אײַך...

— וואָס ווינטשט איר מיר?

— מע מעג מיט פּראָפּאגאנדע?

— וויאזוי איר ווילט...

— סײַרוס איטאָן איז רײַכער פון אײַך... און דאָך איז ער גליקלעך.

פארן גיין שלאָפן, ווען איך האָב שוין פארענדיקט די נאָטיצן וועגן היַינטיקן טאָג, האָט ניקאָלײַ וולאדימיראָוויטש מאָסטאָוועץ מיר אָנגעקלונגען, איך זאָל אף א רעגע ארײַנגיין אין זײַן נומער. ער האָט מיר

דערלאַנגט אַ געדרוקטע אין גרינער פאַרב פּראָקלאַמאַציע, וואָס עמעצער (ווייַזט אויס, אַן ערשט געקומענער פון טשיקאַגאָ) האָט בייסן אָוונט־ברויט איבערגעלאָזט אויפן טישל, בײַ וועלכן ער איז שפּעטער געזעסן.

אָט איז דער טעקסט פונעם בלעטל: „אַ ייִדישער מאַרקסיסט האָט דער־הרגעט אײַער פּרעזידענט! שטיצט אונדזער פּאַרטיי, די אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי. אַ לאַנגע צייַט האָבן מיר געפּרוווט אויפוועקן אונדזערע ברידער אַמעריקאַנער קעגן אָט די ייִדישע פּאַרעטער. דער מערדער האָט געקויפט די ביקס בײַ אַ ייִדן טאַקע דאָ אין טשיקאַגאָ. אונטערשריפט: לינקאָלן ראָקוועל, קאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי, 1928 נאָרט רענדאָלף סטריט, אַרלינגטאָן, ווירזשיניע“.

29 נאָיאַבער.

טאַמאַראַ מאַמעדאָוואַ, דער סעקרעטאַר פון אונדזער גרופּע, האָט מיר געזאָגט באַם פרישטיק, אַז דער אָרטיקער ראָוו פּיין, אַ מענטש, וואָס זעט אַ ביסל ווייַטער פונעם בעלעמער, וויל זיך דורכשמועסן מיט מיר. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קאָמפּליצירטע „דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען“. 9.00 אינדערפרי. מאַמעדאָוואַ קלינגט מיר אין נומער, איך זאָל אַזוי גוט זייַן און אין ערגעץ ניט אַוועקגיין, ווייַל אין אַ מינוט 15—20 אַרום וועט מיר טעלעפאָנירן פּיין. 9.10. עס קלינגט האָראַוו פּיין. ער זאָגט, אַז צווישן די אַמעריקאַנער ראַבאָנים זייַנען פאַראַן ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זייַנען ניט פאַרסאַמט מיט אַנטיסאָוועטיזם. איך שאָקל מיטן קאָפּ צום טעלעפאָן־טרייַבל און האַלט אַ קורצע רעדע וועגן מייַנע גוטע געפילן צו גוטע ראַבאָנים. האָראַוו פּיין וויל זיך מיט מיר זען, און ער האַלט, אַז בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, ווען איך נעם אָן זייַן אייַנלאַדונג און קום צוגאַסט צו אים אין סינאַגאָגע. איך ענטפער, אַז אַ שול איז צוליב דאַוונען. די איבעריקע זאַכן, מיין איך, דאַרף מען טאָן אויסער דער שול. אויסהערנדיק מייַנע אַרגומענטן, בעט דער ראָוו, איך זאָל ניט אַרויסגיין פון צימער אַ מינוט פינף, — ער דאַרף זיך באַראַטן. 9.30. האָראַוו פּיין טעלעפאָנירט, אַז 2 אַזייגער באַטאָג קומט ער צו מיר אין האָטעל אין דער באַגלייטונג פון דעם „אַקטיוו“ פון זייַנע מיספּאַלעלים. 14.00. נאָך אַן

אופנאם באם מער פון סאן־פראנציסקאָ קריסטאָפער בין איך געקומען צוריק אין האָטעל, קעדיי שמועסן מיטן דרייסטן קאַליפאָרניער ראָוו. געטראָפן האָב איך אָבער א טעלעפאָנאָגראמע פון אים. ער קאָן ניט קו־מען. ער בעט אָנקלינגען לויט אזא און אזא טעלעפאָן־נומער. איך קלינג. האָראוו פײַן אנטשולדיקט זיך און באדויערט, וואָס דרינגענדיקע הײליקע איניאָנים פארהאַלטן אים. ער כאזערט נאָכאמאָל איבער די באקאָשע, איך זאָל קומען צוגאסט אין שול ארײַן...

3.30 באַטאָג. א פרעסע־קאָנפערענץ אין האָטעל „פאלאס". נאָך דעם אָפיציעלן שמועס, וואָס האָט מיט גאָרניט זיך ניט אונטערשיידט פון א סאך אנדערע אזעלכע שמועסן, איז צוגעגאנגען צו מיר א זשורנאליסט און זיך פאָרגעשטעלט:

— אלבערט לײמאן פון אָקלענד. איך בין דער רעדאקטאָר פון „קאלי־פאָרני דזשויש רעקאָרד".

— זייער אָנגענעם.

— בײס ס'איז געווען דער אינטערוויו מיט אלעמען, האָב איך ניט געוואָלט ארויסטראָגן אונדזערע אָנגעווייטעקטע פראגן. שמייכלט ניט, בא אונדז איז נאָך ניטאָ קיין דרוזשבא נאראָדאָוו[1]... און איצט זאָגט מיר, איר ווייסט, אז אין אָקלענד, וואָס ליגט פון יענער זײַט בריק[2], זײַנען דאָ צוואנציק טויזנט ייִדן?

— ניין, איך ווייס ניט.

— קאָן זײַן, אז איך ווייס אויך ניט פינקטלעך... אָבער די סינאגאָ־געס אין אָקלענד האָב איך אליין געציילט. צוועלף סינאגאָגעס... ווי איר זעט, לעבן די ייִדן באם קאפיטאליזם ניט שלעכט. אף צוואנציק טויזנט ייִדן — צוועלף סינאגאָגעס...

— נו?

— וואָס נו? וואָס נו!?

1 פעלקער־פרײַנטשאפט.

2 די שטעט אָקלענד און סאן־פראנציסקאָ גיסן זיך קימאט צונויף. צווישן זיי ציט זיך אף 7 מײַל דער צווײשטאָקיקער אָקלענדער בריק.

— נו, טאקע וואָס נו?

— טאקע דאָס נו, וואָס אין דער סאָציאַליסטישער מאָסקווע האָט איר אף עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדן בלויז דריי סינאגאָגעס...

— זאָגט איר דאָך אליין, אז מאָסקווע איז א סאָציאַליסטישע... פאר־וואָס מיינט איר, אז מיר דארפן גיין צוריק... צום קאפיטאליזם... צו סינא־גאָגעס... און זייט אף מיר ניט אין קאס, אויב איך וועל אייך נאָך מער פאטערן די שטימונג...

— וואָס זשע?

— אין מאָסקווע זיינען פאראן ניט דריי, נאָר צוויי סינאגאָגעס...

— און אין דער זעלבער צייט זאָגט איר, אז די ייִדן אין מאָסקווע לעבן בעסער, איידער די ייִדן אין אָקלענד אָדער אין ניו־יאָרק?..

— מיסטער ליימאן, איר טראכט טאקע אף אן עמעסן, אז דעם וויל־שטאנד פון א פאָלק קאָן מען מעסטן מיט דער צאָל קלויסטערס, סינא־גאָגעס, מעטשעטן? איר אליין זייט א גלייביקער, מיסטער ליימאן?

— ניין, פאר זיך דארף איך קיין סינאגאָגע ניט האָבן.

— דארפט איר זי, הייסט עס, האָבן פאר מיר, פאר אונדז — פאר די סאָוועטישע ייִדן? מיסטער ליימאן, בא אזא זעלטענער געלעגנהייט, ווען איר טרעפט זיך מיט א מענטשן פון אן אנדער וועלט, — שיקט זיך, אז איר האָט ניט קיין מער ערנסטע פראגעס צו באהאנדלען?

— עס מאכט אן איינדרוק, אז אליין די טעמע איז אייך דערעסן...

— טאקע יאָ. אין מאָסקווע פאלט אונדז ניט איין צו ריידן וועגן סינא־גאָגעס. און דאָ... אף יעדער פרעסע־קאָנפערענץ... אין קליוולענד האָט מען מיר צוריק מיט א פאָר טעג געשטעלט די זעלבע פראגע. קוקט זיך איין אין אייער אייגענער אמעריקע, מיסטער ליימאן. זי איז שוין אויך געווען אין קאָסמאָס... עפשער וואָלט געהאט א זין, אז איידער פרעגן אזעלכע קאשעס, זאָלט איר בעסער צופאָרן צו אונדז אין סאָוועטנפאר־באנד?

— איך האָב מוירע, בא אייך וועט מען מיך ארעסטירן ווי א שפּיאָן.

כ'האָב א מאך געטאָן מיט דער האנט און זיך געזעגנט מיטן אָקלענ־דער פארטיידיקער פון ייִדישקייט...

...פארנאכט איז געקומען צו אונדז אין האָטעל דער באוווסטער אמעריקאנער שרײַבער אלבערט קאן.

בא א טיש אין רעסטאָראן שמועסן מיר וועגן די לעצטע געשעענישן אין די פאראייניקטע שטאטן. קאן איז שטארק באומרויִקט. „דער מאָרד פונעם פּרעזידענט איז ניט קיין צופעליקײַט...“

שפּעטער פירט ער אונדז אָפּ אין זײַן מאשין אף דער פּערמע פונעם רײַכן אדוואָקאט און געשעפטסמאן האלען, וועמען די אָרטיקע רעאקציאָנערע קרײַזן האָבן ניט לאנג צוריק שיר ניט דערפירט צו באנקראָט פאר זײַנע פּראָגרעסיווע אָנשויוונגען.

האלענס שטוב שטייט באם סאן־פראנציסקער אײַנגוס, באם סאמע וואסער. ווען מיר קומען ארײַן, איז שוין פול מיט געסט. מיר טרעפן דאָ דעם פּרעזידענט פון דער קאליפאָרניער אָרגאניזאציע פון אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט פּראָפעסאָר ראָבערטס, דעם באקאנטן מארקסיסטישן פּובליציסט ראָבינסאָן, דעם פּאָרזיצער פונעם פּראָפּאריין פון פּאָרט־ און סקלאַד־ארבעטער פון דעם שטילאָקעאנישן ברעגלאנד ברידזשעס. א סאך ייִדן זײַנען דאָ צווישן די געסט. זיי שאפן א גרויסע טומלדיקע גרופּע. באזונדערס ציט צו די אויפמערקזאמקײַט אײַנס א גאנץ טשיקאווע געזינדל. זי, די מאמע, א כיינעוודיקע שווארצע פרוי פון מיטעלן עלטער, — זי זאָגט וועגן זיך (אין א געבראָכענעם רוסיש), אז זי שטאמט פון קערטש און אירע עלטערן זײַנען גריכן, נאָר, „אויב אירווילט, זײַנען זיי אויך עטוואָס ייִדן“. ארום איר דרייט זיך ארום איר פינקטלעכע קאָפּיע, ייִנגער פון איר אף א יאָר צוואנציק. און דעריקער... דעריקער ער, דער מאן! אָט זיצט ער א לעבעדיקער, א געזונטער אפּן טרעפל... אָבער ווען ער, דער ייִדישער דאָקטער, וואָלט באצײַטנס ניט אנטלאָפן פון דײַטשלאנד, — וואָס וואָלט מיט אים געווען?

מע טרעט מיר אָפּ אן אָרט לעבן דעם דאָקטער, און דאָ, אפן דיל, וואָס איז געמאכט פון סינטעטישן וואָילאָק, קומט פאָר עפּעס אזוינס, וואָס מע וואָלט געקאָנט אין א שפּאס אָנרופן „סימפּאָזיום פון ייִדן פון דער זײַט יאם מיט א ייִדן פון יענער זײַט יאם וועגן דעם, וואָס עס דארפן טאָן ייִדן פון ביידע זײַטן יאם“.

איינער פון די געסט, דער קאָמענטאַטאָר פון דער אַרטיקער ראַדיאָ וויליאַם מאַנדעל, זאָגט מיט אַ פּאָלעמיש פּײַערל אין די אויגן:

— מיר, אַמעריקאַנער ייִדן, זײַנען פּאַטריאָטן פון אַמעריקע, פון אונדזער אַמעריקע, מיסטער שעף־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד". וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

איך ענטפֿער, אַז עס וואָלט אויסגעזען גאַנץ טשיקאַווע, ווען דער קאָמענטאַטאָר פון דער סאַן־פֿראַנציסקער ראַדיאָ זאָל זײַן אַ פּאַטריאָט פון סאַן־דאָמינגאָ אָדער פון סאַוד־אַראַוויע.

— אָבער זאָגט זשע דעם עמעס. איר וואָלט גערן אײַנגעזאַנגען, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן זײַן פּאַטריאָטן פונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד!

— ניין, מיר וואָלטן ניט „אײַנגעזאַנגען". מיר נייטיקן זיך ניט אין אימפּאָרטירטן פּאַטריאָטיזם. פּונקט אַזוי פֿאַררעכענען מיר ניט פֿאַר קיין ווירדיקע בירגער פון אונדזער לאַנד יענע מאָראַלישע קריפּלען, וועלכע גיבן אָפּ אַף עקספּאָרט, לעטוויוועס אָן אַנדער מעדינע, זייער „פּאַטריאָטיזם".

דער דאָקטער, אַ מענטש אַ באַדאַכטער, רופֿט צו דאָס ווײַב און רעדט מיט איר אַף דײַטש. ער וויל, זי זאָל באַשטעטיקן, אַז ווען ער איז אַנטלאָפֿן פונעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד, האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו האַלטן „דאָס פֿאָטערלאַנד פון העגעלן און היינען" אויך פֿאַר זײַן פֿאָטערלאַנד.

— ייִדן לעבן הײַנט אַף ביידע זײַטן באַריקאַדע, — זאָגט ער מיט־אַמאָל הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, — זיי לעבן סײַ דאָ, סײַ דאָרט... דאַרפֿן זיי העלפֿן צענעמען די באַריקאַדע און ניט שטויסן זיך צווישן די לײַט פונעם קאַלטן קריג...

איינער פון די אַנוועזנדע, וואָס האָט דעם אָנבליק פון אַ „גוד־לוקינג־מען"[1], קערט אונדז אום צו דער פּאָלעמיק וועגן פּאַטריאָטיזם. ער פֿרעגט, טײַטנדיק אַף מיר מיטן פֿינגער:

— זאָגט, איר זײַט אַ פּאַטריאָט פון ייִסראָעל?

— איך בין אַ פּאַטריאָט פונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

---

[1] אַ מאַנצבל, וואָס זעט גוט אויס.

דער „גוד־לוקינג־מען" לאָזט ארויס א געשריי, ווי, לעהאווּדל, א גלאַ־דיאַטאָר, וואָס האָט אוועקגעלייגט זײַן קעגנער:

— איר הערט? איר הערט? א ייִד, און איז ניט קיין פאטריאָט פון ייִסראָעל!..

— אויב איר זײַט א פאטריאָט פון דאָרט, איז פארוואָס דרייט איר זיך ארום דאָ? — האָט געלאָסן און שטיל א פרעג געטאָן א באיאָרטער מענטש, וואָס איז געזעסן עטוואָס אין א זײַט.

דער „גוד־לוקינג־מען" האָט אף אים זיך א לאָז געטאָן:

— איר זײַט א קאָמוניסט, דאָס ווייס איך...

— איר האָט ניט געטראָפן, איך בין פּאָשעט ניט קיין ציִעניסט... די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל זײַנען זיכער פאטריאָטן פון ייִסראָעל.

אין דער זעלבער מינוט זײַנען אין צימער ארײַנגעקומען האלענס זון (אויספילנדיק די פליכטן פון דעם סאר־האמאשקים, האָט ער ארײַנגע־בראכט און צעגאָסן אין די קויסעס עטלעכע פלעשער ווײַן) און א יונגע נעגערן, וועלכע האָט צעטיילט קליינע בוטערבראָדלעך, ווי אף א דיפּלאָ־מאטישער אופנאמע. איך האָב געפרעגט דעם באלעבאָס, האלענען, צי איך קאָן זיך דורכשמועסן מיט דער נעגערן.

— אָ, יאָ, פארשטייט זיך! — האָט האלען געענטפערט. — אונדזער פרײַנדן האָט ניט לאנג צוריק געענדיקט א פריוואטן קאָלעדזש. זי וועט ענטפערן אף אלע אײַערע פראגעס.

איך האָב געפרעגט, צי זי ווייסט וועגן דער נעגער־רעפּובליק גאִיטי. יעס, יעס, זי ווייסט. איז זי עפשער א פאטריאָטקע פון גאִיטי? די נעגערן האָט זיך אָנגעכמורעט. זי פארשטייט ניט דעם מיסטער, וואָס פארגיט אזא פראגע. זײַענדיק אן אמעריקאנערן, קאָן זי דען זײַן א פאטריאָטקע פון אן אנדער לאנד? זי אנטשולדיקט זיך, זי האָט ניט געוואָלט דעם גאסט באליידיקן...

נאָך א שווערן שווײַגן שליסט דעם „סימפּאָזיום" דער דאָקטער:

— יאָ, יאָ. ייִדן האָבן ניט וואָס צו טאָן אף די באריקאדעס פונעם קאלטן קריג...

30 נאָיאבער.

דער דערהויבנסטער מאָמענט פון הײַנטיקן טאָג — די מאסן־באגע־געניש אין גרויסן זאל פונעם האָטעל „פּאלאס". אהער זײַנען געקומען עטלעכע הונדערט פּראָגרעסיווע מענטשן פון סאן־פראנציסקאָ.

נאָך די אָפיציעלע באגריסונגען הייבט זיך אויף אף דער בינע א די־ריגענט. ער טוט א מאך מיט דער האנט, און אומגעריכט, אזוי ווי די מענטשן אין זאל זיצן, הייבן זיי אָן זינגען, און הערט נאָר, הערט: זיי זינגען אף יידיש! אין האָטעל „פּאלאס" קלינגען די קאבאלעס־פּאָנעם־לידער „שאָלעם־אליכעם" און „זײַט באגריסט, טײַערע געסט".

ווײַטער קומט די באגעגעניש פּאָר אף אזא אויפן. ארום לאנגע טישן זעצן זיך אויס די סאן־פראנציסקער, און צוזאמען מיט זיי בא יעדן טיש — א סאָוועטישער גאסט. דאָרט, ווו איך שמועס מיט די יידן, זײַנען פינף־זעקס טישן צונויפגערוקט אזוי, אז זיי ציִען זיך לענגאויס דער וואנט ביז צום סאמע ארויסגאנג. מע זיצט, מע שטייט, מע שטופּט זיך, מע ראשט. דער שמועס איז א געמיטלעכער, די שטימונג — א פרײַנטלעכע. ווען איינער פונעם אוילעם טוט א פרעג וועגן „סאָוועטישן אנטיסעמיטיזם", דערהערן זיך צענדליקער קוילעס: „ס'איז אונדז נימעס געוואָרן!", „מיר פארנעמען זיך ניט מיט העצעס!", „ענטפערט ניט!". מע בעט מיך דער־ציילן „אזוי ווי סע איז" וועגן לעבן פון די סאָוועטישע יידן. אנטקעגן מיר, אף דער צווייטער זײַט טיש, שטעלט זיך אוף א מאן פון א יאָר פער־ציק און שטרעקט צו מיר אויס א פארברוינטע הארטע האנט.

— וועגן אײַער לאנד דערציילן אונדז דאָ באָבעמײַסעס שלעכטע, זייער שלעכטע מענטשן... איצט, ווען איר זײַט צו אונדז געקומען, הענגען זיי זיך מאמעש אָן אף אונדז, מיר זאָלן ניט הערן, וואָס איר רעדט... טרעפּט זשע, איך בעט אײַך, וואָס איך וויל זיי איצט זאָגן...

איך האָב צעפּירט מיט די הענט: „שווער צו טרעפן".

— איך וויל זיי זאָגן: רוקט זיך אָפּ, ראבויסײַ, רוקט זיך אָפּ א ביסעלע אָן א זײַט. לאָזט אונדז זיך דורכשמועסן מיט א גאסט פון רוסלאנד...

דער סאן־פראנציסקער אוילעם אפּלאָדירט. עס געפינען זיך נאָך

עטלעכע באַלאַנים אריינצוזאָגן די „ראַבויסיי", נאָר מיטאמאָל נעמען ווידער הילכן אפּלאָדיסמענטן. עס דערהערן זיך אויסגעשרייען: „מייקל איז געקומען!", „העלאָ, מייקל!", „מייקל גאָלד!".

מייקל גאָלד[1] קוקט אַף מיר א פּאָר רעגעס. איך קוק אַף אים. מיר נעמען זיך ארום, גליַיך ווי ניט דאָס ערשטע מאָל זעען מיר זיך. און דער שמועס איז אויך „פון א מיטן":

— די מאָסקווער „ליטעראטורנאיא גאזעטא" האָט ניט לאנג צוריק מיטגעטיילט...

— אז איך שרייב די צווייטע טייל „יידן אָן געלט"...

— איז דארף איך אייַך ניט איבעריקס זאָגן, אז „סאָוועטיש היימלאנד"...

— וועט באקומען פונעם ראָמאן דאָס, וואָס פאר אים טויג...

אזוי ריידן מיר זיך דורך עטלעכע מינוט. א האלבע פראזע זאָג איך, און א האלבע ער. אין דער ערשטער העלפט איז די פראגע, אין דער צווייטער — דער ענטפער. די ווערטער אונדזערע ווערן אָבער ביסלעכווייז פארשוואונקט מיט דעם האסטיקן שטראָם פון אויסגעשרייען, וואָס ארום אונדז, און דאָ האָט מען נאָך פון די אנדערע טישן גענומען רופן מייקל גאָלדן צו זיך, און אויך בא „מיין" טיש איז אוועק ווייטער דער שמועס מיטן אוילעם, — און מיר האָבן זיך צעשיידט... איצט, ווען איך שרייב אָט די ווערטער, נאָגט מיר אזש באם הארצן, וואָס בלויז עטלעכע מינוט האָב איך זיך געזען מיט מייקל גאָלדן.

1 דעקאבער.

זיבן אזייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך אופגעהויבן אין אייביק בלויען קאליפאָרניער הימל — און אָט איז שוין לאָס־אנזשעלאָס, די גוואלדיק צעוואָרפענע, אויסערגעווינלעך לאנגע, אַף נייַנציק פראָצענט איינשטאָקיקע „שטאָט פון דער קיניגן פון די מאלאָכים", ווי עס האָבן צוריק מיט הונדערט צוויי און אכציק יאָר אָנגערופן זייערע כאלופּעס פיר און פער־

[1] מייקל גאָלד — פּראָגרעסיווער אמעריקאנער שרייבער און פובליציסט.

ציק שפאניער — 11 מאנצבלען, 11 פרויען און 22 קינדער, — וועלכע זײַנען געקומען אהער די ערשטע.

איצט האָט לאָס־אנזשעלאָס 2,5 מיליאָן אײַנוווינער, צוזאמען מיט די פאָרשטעט (לאָנג־ביטש, בערבאנק אא.) — העכער 6 מיליאָן.

אין עראָפּאָרט באגעגנט אונדז דאָס פּאָרפּאָלק לי קאר און בען קאר — ביידע סעקרעטארן פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאפט פון אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט. בען קאר זאָגט מיר, אז זײַן פולער נאָמען איז בינימין און אז איך קאָן מיט אים ריידן יידיש.

— איר שלעפט נאָך די פּיס? — פרעגט ער מיך מיט א טאָן פון אן אלטן באקאנטן...

איך דערוויס זיך בא אים, אז דער יידישער יישעוו איז דאָ זייער א גרויסער — בא א האלבן מיליאָן מענטשן. אף די צוויי טעג, וואָס אונדזער גרופּע וועט דאָ זײַן, איז פאר מיר פארגרייט א פּראָגראם, צוליב וועלכער מע דארף „גוט שלעפן די פּיס".

נאָך א קורצער באראטונג פאָרט די גרופּע גלײַך פון עראָפּאָרט אוועק אין „דיסניי־לענד", דעם בארימטן פּארק פאר קינדער, וואָס עס האָט געשאפן דער קינסטלער און רעזשיסער־מולטיפּליקאטאָר וואָלט דיסניי. דאָ זאָגט מען מיר אָן, אז איך דארף פאָרן אין שטאָט אף א מיטינג, אף וועלכן עס האָבן זיך שוין פארזאמלט בא 1200 מענטשן.

אין דער מאשין באקאן איך זיך מיט אווראָם מײַמודעסן, איינעם פון די אָנפירער פון די אָרטיקע פּראָגרעסיווע קרײַזן. מיר פאָרן א מינוט דרײַסיק—פערציק. צוויי אזייגער באטאָג שטעלן מיר זיך אָפּ אף דער פיגאראָ־גאס לעבן א טעאטער. מײַמודעס קוקט אָנגעשטרענגט צום ארײַנגאנג און אָטעמט פרײַ אָפּ:

— ניטאָ קיין פּיקעטן...

איך דערוויס זיך, אז די אולטראַרעאקציאָנערן, וועלכע זײַנען דאָ זייער אקטיוו סײַ אף דער אלגעמיינער, סײַ אף דער יידישער גאס, האָבן געוואָרנט, אז זיי וועלן ארײַנפּרײַסן די באגעגעניש מיטן „מאָסקווער פּראָפּאגאנדיסט". די אָרטיקע ענגלישע צײַטונג פאר יידן איז הײַנט אינדער־

פֿרי ארויס מיט אַן אונטערהעצעריש לייטאַרטיקל. קעדיי אויסמײַדן סקאַנדאַלן באַם אַרײַנגאַנג אין טעאַטער־לאָקאַל, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם מיטינג געדונגען צוויי פּריוואַטע פּאָליציאַנטן. איך טו אויש אַ פֿליעסקע מיט די הענט פֿון האַנאָע: די היטער פֿון דער אָרדענונג אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט לייגן צו די פֿינגער צו די דאַשעקעס, ווען עס גייט פֿארבײַ אַ ייִדישער פּאָעט פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וואָס וועט זיך באַלד דורכשמועסן מיט זייערע לאַנדסלײַט.

דער זאַל איז פֿול געפּאַקט. אַף דער בינע, וואָס איז דערווײַל נאָך פֿאַרשטעלט פֿונעם זאַל מיטן פֿאָרהאַנג, דערזע איך אַלטע באַקאַנטע: גינאַ מעדעם („אָ, איך דערמאָן זיך בירָאָבידזשאַן... איר זײַט געווען דעמאָלט אַ קליין ייִנגעלע"), סאָרע פֿעל־יעלין, נייטן סאַמאַראָף און זײַן פֿרוי סילוויאַ — מיט זיי האָב איך זיך געטראָפֿן אין מאָסקווע[1]. מע באַקענט מיך מיטן דיריגענט פֿונעם ייִדישן פֿאָלקס־כאָר גאַווריעל סאָנשיין — זײַן „כאָיל" שטייט שוין אויסגעשטעלט, גרייט צו טאָן עפּעס.

און דאָ טאַקע הייבט זיך אָן אַ לײַדנשאַפֿטלעכע פּרעליודיע צום מיטינג. אַ נעגער שטעלט זיך אַוועק אַ שפּאַן פֿאָרויס פֿאַר דעם ייִדישן כאָר און זינגט דעם אַמעריקאַנער הימן, ווענדנדיק דאָס פּאָנעם צום פּאָרטרעט פֿונעם דערהאַרגעטן אַמעריקאַנער פּרעזידענט.

וועגן דער טראַגעדיע, וואָס עס לעבט איצט איבער דאָס פֿאָלק פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, און וועגן דער נויטווענדיקײַט צו שטאַרקן דעם שאָלעם אַף דער וועלט רעדט באַם עפֿענען דעם מיטינג אַווראָם מײַמודעס. שפּעטער זינגט דער כאָר אויס דרײַ לידער: „קירכן־גלאָקן" פֿון אַווראָם רייזען, כאַים זשיטלאָווסקיס „און דו אַקערסט און דו זייסט" און מוישע בראָדערזאָנס „בראַנד און פֿײַער".

דער פּאָרזיצער פּירט דורך די צערעמאָניע פֿון „אַרופֿרופֿן אַף דער בינע פּערזענלעכקײַטן" (באַ אונדז הייסט עס „אײַנלאַדן צום טיש די

[1] גינאַ מעדעם — ייִדישע פּראָגרעסיווע שרײַבערן, פּובליציסטקע און געזעלשאַפֿטלעכע טוערן; סאָרע פֿעל־יעלין — פּראָגרעסיווע ייִדישע דיכטערן; נייטן סאַמאַראָף — מוזיקער און דיריגענט פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־כאָרן.

מיטגלידער פון פרעזידיום"). די דאָזיקע פּראָצעדור העלפט מיר פעסטצושטעלן, ווי גרויס עס איז אין לאָס־אנזשעלאָס די צאָל געזעלשאפטלעכע און קולטור־אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן, צוזאמען מיט די פּראָגרעסיווע קערפּערשאפטן פון ניו־יאָרק, טשיקאגאָ, קליוולענד, סאן־פראנציסקאָ און אנדערע אמעריקאנער שטעט, אָפּגעוואָרפן מיט ביטל די „באָי־קאָט"־היסטעריע פון די דאָרטיקע אָרגאניזירטע קלעריקאלן און פּראָפעסיאָנעלע יידישע פעדלער פון אנטיסאָוועטישער סכוירע. אף דער בינע קומען ארויף ארן קוירטמאן — פּרעזידענט פונעם איקוף, נייטן גארפילד — פאָרזיצער פון די קולטור־קלובן, לינא קאָרנפעלד און פערל פייגלסאָן — אָנפירערנס פון דער „עמא לאזארוס"־פרויען־אָרגאניזאציע, יויסעף ווייס און רעפאָעל פאָזנער — פאָרשטייער פונעם אָרטיקן שרייבער־פאריין, גאווריעל סאָנשיין, יאנקל ביאליק, ראָכל קליינערט, עזרא סטיין — אָנפירער פונעם פאָלקס־כאָר און „פאָלקס־בינע", הערי ווילענסקי — פאָרשטייער פון דער „מאָרגן־פרייהייט"־פארוואלטונג, סיידי ראָסקין און בעלא מארקוס — אָרגאניזאטאָרן פון לייען־קרייזן. עס קומען ארויף אף דער בינע גינא מעדעם, סאָרע פעל־יעלין, נייטן סאמאראָף, די טרעד־יוניאָן־טוערן סאָרע דאָרנער, די באקאנטע געזעלשאפטלעכע טוער מאקס שטיינבערג, ליאָ מאטלין און נאָך אנדערע, — ווייזט אויס, אז אויב איך וועל דעם טאָגבוך פארעפנטלעכן, וועל איך מוזן פאר איינציקע לאָס־אנזשעלאָסער פריינט זיך אנטשולדיקן, ווייל ניט יעדערנס נאָמען האָב איך דאָ אפן אָרט באוויזן צו פארשרייבן, און עס קאָן אוואדע זיין, אז בא אנדערע האָב איך אין איילעניש דערלאָזט ניט־פּינקטלעכקייטן, איך פארהיט אָבער אין טאָגבוך זייערע נעמען, ווייל פאר מיר פערזענלעך האָבן אלע אנטיסאָוועטישע ראבאָנים פונעם „סינאגאָג־קאונסיל" מיט די „פאָרווערטס"־לייט און אנדערע ענלעכע לייט צוזאמען גענומען ווייניקער דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פונעם יידישן פאָלק פון אמעריקע, איידער יעדער איינער באזונדער פון אָט די מענטשן פון גוטן ווילן.

דער פריינטשאפט־מיטינג פארציט זיך ביז זעקס אזייגער פארנאכט. אף וויפל אין איינלאדונגס־בילעט איז געווען א צוזאָג, אז ס'וועלן זיין „פראגעס און ענטפערס", האָט יעדערער אין זאל געהאלטן, ווייזט אויס,

פאר זיין כויוו אָנצושרייבן אמווייניקסטנס איין צעטעלע אין פרעזידיום. וואָס איז דאָרט נאָר ניט געווען געשריבן, אין אָט די צעטעלעך! די לאָס־אנזשעלאָסער ייִדן האָבן זיך פּאָשעט דורכגעשמועסט מיטן גאסט, און אף א גאנץ היימישן אויפן... „צעשפּיליעט דעם קאָלנער, אניט וועט איר זיך אָפּגיסן מיט שווייס. די כאָליערע וואָלט זיי ניט גענומען, ווען זיי נעמען א גרעסערן לאָקאל", „וואָס זאָגט איר עפּעס אף אמעריטשקע? בא אונדז אין דער היים, אין ניקאָלקעס ראסייע, אז מע פלעג הארגענען א פּריסטאוו, איז געווען סיביר און וויסעליצעס. און דאָ פירט מען איבער א פּרעזידענט, און שאַ־שטיל", „דו זאָגסט, אז מאָרגן וועט „סאָוועטיש היימלאנד" ווערן א כוידעש־זשורנאל און מאָרגן וועלן אין מאָסקווע אָנהייבן ארויסגיין ייִדישע ביכער. וויל איך דיך וואָרענען: אל תתהלל ביום מחר"[1], „איך בין אן אגענט אין א סטראכיר־געזעלשאפט. איך וואָלט געווען א גוטער כאווער פון סאָוועטן־יוניאָן, ווען איר גיט מיר צו פארדינען. כוץ דעם דארפט איר וויסן, אז נאָך קענעדיס טויט מעגט איר זיך יאָ פארסטראַכירן".

פארשטייט זיך, אז די מערהייט צעטעלעך זיינען געווען זאכלעכע און האָבן געפאָדערט א גענויען ענטפער. אָנדערהאלבן שאָ האָט געדויערט דער שמועס ארום די פראגעס פון דעם לאָס־אנזשעלאָסער פריינטלעך־געשטימטן עולעם. צום סאָף, ווען אלע זיינען שוין שטארק מיד געוואָרן, האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אז די ניט פארענטפערטע צעטעלעך וועל איך אוועקפירן מיט זיך קיין מאָסקווע און בא א געלעגנהייט ענטפערן אף זיי.

7 אזייגער פארנאכט. אין דער גאסטפריינטלעכער שטוב בא מיני און מעקס פאלער — פּאָשעטע און זייער הארציקע האָרעפּאשנע מענטשן — האָבן זיך פארזאמלט עטלעכע צענדליק פּראָגרעסיווע ייִדישע טוער. אין א גערוימען צימער זיצט מען — ווער אף א שטול, ווער אפן דיל, ווער לעבן דעם געדעקטן טיש — מע זינגט לידער, מע טרינקט א גלעזל וויין.

---

[1] אל טיסהאלייל בעיוים מאָכאָר — בארים זיך ניט מיטן מאָרגעדיקן טאָג. געמיינט: ניי זיך ניט קיין בייטל, איידער דו האָסט ניט קיין געלט.

ביז איינס באנאכט זיצן מיר דאָ, און קיינער וויל ניט גיין אהיים. דער דיכטער כאַים שווארץ שענקט מיר זײַן בוך, און, בלעטערנדיק עס, שטויס איך זיך צופעליק אָן אף א ליד וועגן די קאלטע־מילכאָמע־לײַט. „איר האָט צעעפנט אלע העצע־קראַנען״, — ווארפט זיי דער דיכטער אין פּאָנעם ארײַן. אך, ווען ניט דאָס געפיל, אז די יעניקע, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער מוטיקער ליד פונעם אמעריקאַנער יידישן פּאָעט, שטייען אונטער די פענצטער און קוקן אף אונדז מיט סינע, — וואָלט איך עפשער געקאָנט מיינען, אז איך זיץ בא זיך אין דער היים צווישן גוטעפרײַנט...

2 דעקאַבער.

אָט וויִאזוי עס איז דורכגעגאנגען דער הײַנטיקער טאָג. 10 אזייגער אינדערפרי איז אין האָטעל, ווו מיר שטייען אײַן, פּאָרגעקומען א פּרעסע־קאָנפערענץ. איך האָב געטראכט זיך באגעגענען דאָרט און אָן צערעמאָ־ניעס א שמועס טאָן מיטן רעדאקטאָר פון דער ענגלישער צײַטונג פאר יידן, וואָס האָט נאָך דעם נעכטיקן כוליגאַנישן ארטיקל הײַנט אָפּגעדרוקט א צווייטס, פול מיט שמוץ און געמיינע אָנפאלן. גענוג צו זאָגן, אז די העכער טויזנט לאָס־אנזשעלאָסער יידן, וואָס זײַנען נעכטן געקומען אָפּ־נעמען א לעבעדיקן גרוס פון די סאָוועטישע יידן, האָט דער צעיושעטער רעדאקטאָר געקרוינט אלס „לאוד מאוטס״ און „סידער באָמס״ — אלס שרײַער און טויגעניכצן.

דער רעדאקטאָר אָט דער איז אָבער אף דער פּרעסע־קאָנפערענץ ניט געקומען. ס'איז טאקע עמעס, אז א מענטש, וואָס האָט פארקויפט זײַן געוויסן, האלט זיך פאכדאָניש אָן א זײַט, ווען ס'איז דאָ א מעגלעכקײַט זיך שטעלן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן עמעס.

נאָך דער באגעגעניש מיט די זשורנאליסטן שפּאציר איך א שאָ אָנ־דערהאלבן צוזאמען מיט עטלעכע לאָס־אנזשעלאָסער פרײַנט.

אין דעם טייל שטאָט, ווו עס זײַנען קאָנצענטרירט אדמיניסטראטיווע אנשטאלטן, גייען מיר ארײַן אין א גרויסן עס־לאָקאל, א טיפּישן פאר קאליפאָרניע, א מין „פאבריקא־קוכניא״ לויט אונדזערע באגריפן.

בעשאסן עסן זאָגן מיר די פּריַינט מיַינע, אַז אַ שאָכן באַם צווייטן טישל, וואָס האָט צופעליק געהערט אונדזער שמועס און זיך דערוווּסט, ווער איך בין, וויל מיט מיר זיך באַקאַנען. אין משך פון אַ מינוט צען הער איך אויס דעם שאָכנס רייד, און עס ווערט מיר אומעטיק. לעבן מיר, אַ געקומענעם פון אויסלאַנד, האָט זיך צוגעזעצט אַ מענטש, וואָס רעדט לאָשן־האָרע אף זיַין אייגן לאַנד!

— אַלע לעבן באַ אונדז פון גאַזלאָוואַיע... אַ גאַנעוו אף אַ גאַנעוו. מע נאַרט אָפּ, מע מאַכט אָן אָנשטעל... גלייבט ניט, אויב מע וועט איַיך וויַיזן אַ ניַיע מאַרקע אווטאָמאָבילן. מע פאַרבט איבער דאָס אַלטע און מע זאָגט, אַז דאָס איז ניַי... אַמעריקע איז שוין לאַנג הינטערשטעליק... יאָ, יאָ!

— נישטאָ קיין אַמעריקאַנער קולטור, אַלץ איז אָנגעשלעפּט פון איירָאָפּע...

— די היגע יידן, די געבוירענע אין אַמעריקע, האָבן דען עפּעס גע־שאַפן? לייוויק איז פון רוסלאַנד, אַש און אָפּאַטאָשו — פון פּוילן... קיין אייגנס ניטאָ... און מע גוידערט זיך נאָך...

ווען דער שאָכן האָט געענדיקט ריידן, האָב איך, ווענדנדיק זיך ניט צו אים, נאָר צו מיַינע פריַינט, געזאָגט:

— איך מוז זיך מודע זיַין, אַז אויך באַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד טרעפן זיך, עמעס זייער זעלטן, אַזעלכע ברוים... זיי באַריידן דאָס אייגענע לאַנד... ווען עס קומט אַ פרעמדער טוריסט, שליאָנדרען זיי אַרום אים און טראָגן אים אונטער אַ פּאָרציע רעכילעס. עס געפעלט זיי ניט די ערד, וואָס טראָגט זיי אף זיך, דאָס פאָלק, וואָס כאָוועט זיי... באַ אונדז זיַינען קיין סאך אַזעלכע באַשעפענישן ניטאָ. עס עקלט פון זיי...

דער שאָכן איז אוועק אָן אומצופרידענער.

...נייטן גאַרפילד, דער פּאָרזיצער פון די לאָס־אַנזשעלאָסער קולטור־קלובן, איז אַ פאַרמעגלעכער מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ קאָמפּלי־צירטן און זיגזאַגאַרטיקן וועג און, ניט געקוקט אף געוויסע שטרויכלונ־גען, דאָך געפונען זיַין אָרט אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. באַ אים אין שטוב באַגעגן איך זיך צוויי אַזייגער באַטאָג מיט אַ פּאָר צענדליק

יִידישע שרײַבער און זשורנאַליסטן, וועלכע וווינען אין לאָס־אַנזשעלאָס. בעשאסן שמועס דערפיל איך, אז עפעס טוט זיך אין צווייטן צימער ארום טעלעפאָן. די שטימונג, וואָס איז ערשט געווען א גליקלעך־דערהויבענע, ווערט מיטאמאָל בא אייניקע פון די בײַוועזנדע באשווערט מיט אומרו. אַלע פינף—צען מינוט קלינגט דער טעלעפאָן, גארפילד גייט אוועק אראָפּ־נעמען דאָס טרײַבל און קערט זיך אום אן ערנסטער, בארויִקנדיק מיט א שטיל וואָרט די געסט. איך פרעג זיך אָן, וואָס עס איז געשען, און נייטן גארפילד ענטפערט א ביסעלע פארשעמט, אָבער רויִק:

— אַנאָני׳מע מענטשן וואָרענען, אז זיי וועלן אופרײַסן די שטוב, אויב מיר וועלן זיך ניט צעגיין... לאָמיר פאַרזעצן, טײַערע פרײַנט.

אין א שאָ אַנדערהאַלבן ארום, ווען דער שמועס איז געענדיקט און די געסט נעמען זיך געזעגענען, זאָגט צו מיר גארפילד:

— איר בלײַבט אָפּעסן מיטיק מיט מײַן געזינדל...

— וואָס זשע? — פרעג איך אים אין א שפּאַס. — ס׳איז אײַך גאָר ניט טײַער אזא שיין הויז?

— ע! — טוט נייטן גארפילד א מאך מיט דער האנט. — אויב זיי וועלן עס אופרײַסן, זאָל כאָטש זײַן פארוואָס...

נאָך איין גרופּע לאָס־אַנזשעלאָסער יִידן האָט „באשטעלט” א זעונג מיט מיר. דאָס זײַנען די ענגליש־ריידנדיקע, די שפּראַכלעך־אַסימילירטע. צו זיי פאָרן מיר אוועק נאָך דעם מיטיק בא די גארפילדס.

ס׳האָט זיך צונויפגענומען א גרויסער עולם. מיר ריידן זיך דורך מיט דער הילף פון אן איבערזעצערן.

די אסימילירטע ווילן וויסן, צי מע האָט דאָס רעכט צו אסימילירן זיך אין סאָוועטן־יוניאָן. איך שיס אויס מיט א געלעכטער. זיי שיסן אויס מיט א צווייטער פראַגע: צי האָבן די אסימילירטע אין סאָוועטן־יוניאָן זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע? ניין, אן אייגענע אָרגאַניזאַציע האָבן בא אונדז טויב־שטומע און בלינדע. די איבעריקע מענטשן זײַנען אָרגאַניזירט לויטן פּראָפעסיאָנעלן און געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ...

איינער אַן אסימילירטער ייִד שטעלט זיך אויף פון אָרט און זאָגט צו מיר אַף א וואָלינער ייִדיש:

— איך בין א געקאָנטשעטער אדוואָקאט. ווען איר זאָלט מיר, פּריי־מערנע, צוזוגן, אז איכן עסן בילקע מיט פּיפּעקעס, גיי איך ווסיאָ ראוונאָ ניט ציריק צי זשארגאָן...

איך באַרויִק אים מיט א ניט ווייניקער וואָלינער ייִדיש:

— איך זוג אַך צי פּיפּיקעס מיט בילקע, אָבער מיטשעט ניט דעם זשארגאָן.

דער געקאָנטשעטער אדוואָקאט מאכט זיך ניט פארשטייענדיק, און ער זאָגט צו דער איבערזעצערן: „וואָס באַטײַט עס?"

די איבערזעצערן סאבעלאַ, א שיינע, יונגע פרוי, א לערערן, איז אליין אויך ניט שטאַרק באַקי אין ייִדיש־לאָשן. ווען זי זעצט איבער מײַנע רייד, זאָגט מען איר אונטער פון די ערטער, און זי ענדיקט אלעמאָל ערגעץ אין סאמע מיטן, אויסדריקנדיק פולן צוטרוי צו די אסימילירטע: „נו, און דאָס איבעריקע האָט איר אליין פארשטאנען..."

צווישן די צעטעלעך, וואָס מע האָט מיר צוגעשיקט, איז פאַראַן איינס אזא: „איך גיב אײַך איבער די אדרעסן פון פינף לאָס־אנזשעלאָסער סינאַ־גאָגעס, וועלכע מע האָט ערשט ניט לאנג פארשמירט מיט סוואסטיקעס: 1) קאָנגרעגיישאָן בית אל, 8056 בעווערלי בולוואַרד; 2) קאָנגרעגיישאָן אוהב שלום, 8301 וועסט דריטע גאס; 3) אינסטיטוט אָוו דזשויִש עדיו־קעישאָן, 8399 וועסט דריטע גאס; 4) פעירפעקס טעמפּל, 525 סאוט פעירפעקס עווענױ; 5) קאָנגרעגיישאָן אנשי ספרד, 8631 וועסט פּיקאָ בול־וואַרד. איך אייַצע אײַך אַרײַנפאָרן אין די דאָזיקע סינאַגאָגעס און זען מיט די אייגענע אויגן, אז אויב עס איז ערגעץ־ווו פאַראַן א פּראָבלעם פון טעראָר קעגן די רעליגיִעזע טעמפּלען, איז עס בא אונדז, אין די פאַריי־ניקטע שטאטן פון אמעריקע".

...ווען איך בין אזייגער צען פארנאכט אַרײַנגעקומען אין דער וווינונג פון לי און בען קאַר, איז דאָ געווען אַף טיש און אַף בענק. א סאַך מענטשן האָבן פארפולט דאָס הויז. ס'איז געגאנגען דער אָפּשייד־אָוונט מיט אונד־זער גרופּע.

דאָ האָבן מיר זיך פונקט ווי געזעגנט ניט נאָר מיט לאָס־אנזשעלאָס, נאָר מיט גאנץ אמעריקע. יעדן איינעם פון די סאָוועטישע געסט האָט מען געבעטן, ער זאָל מיט עטלעכע ווערטער זיך ווענדן צום לאנד, וואָס מיר פארלאָזן מאָרגן. ווען די ריי איז דערגאנגען צו מיר, האָב איך געפרווט אָפקומען מיט לייענען א ליד. נאָר אין צווייטן צימער, וווהין איך בין אריַין גלײַך נאָך מײַן ארויסטרעטונג, האָט די באלעבאָסטע לי קאר מיך דאָך געצווונגען האלטן א „פּאָליטישע רעדע“:

— טײַערע פרײַנט! ווען איך בין אין ניו־יאָרק געקומען א קוק טאָן אף „עמפּײַר סטייט בילדינג“, האָט מען מיר דערציילט, אז דאָס דאָזיקע ריזיקע געבײַ האָט זעקס מיט א האלבן טויזנט פענצטער און אז יעדן פענצטער וואשט מען צוויי מאָל א כוידעש. איך וויל איבערגעבן א ווונטש דעם אמעריקאנער פאָלק, אז עס זאָל האלטן טאָמיד ריין נאָך איין פענצטער, דאָס פענצטער, וואָס קוקט ארויס צו דער נײַער סאָציאַליסטישער וועלט, צום סאָוועטנפארבאנד...

3 דעקאבער.

איך שרײַב דאָס לעצטע זײַטל אין מײַן אמעריקאנער טאָגבוך. ס'קאָן אוואדע זײַן, אז ווען איך וועל זיך אומקערן אהיים, וועט מיר עפּעס געפעלן און עפּעס ניט געפעלן, און ניט אלץ האָב איך באוויזן זען, און ניט אומעטום בין איך געווען גערעכט. איין זאך קאָן איך זיך אָבער דערלויבן זאָגן: אין טאָגבוך איז אלץ באשריבן אזוי, ווי ס'איז געווען, — גאָרנישט איז ניט צוגעטראכט און ניט צוגעפּוצט...

1964

קורצע ביִאָגראפישע יעדיִעס וועגן די אווטאָרן

אלעקסאנדער גובניצקי. געבוירן אין 1912 אין שטעטל מאָנאסטירישטשע (ווינצער געגנט). אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ארבעט אלס שאָפער. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1932. ווינט אין מאָסקווע.

טעוויע גען. געבוירן אין 1912 אין שאדאָוו (ליטע), פארענדיקט דעם כארקאָווער מאשינבוי־טעכניקום און דעם ליטעראַרישן פאקולטעט פון מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1932. ווינט אין מאָסקווע.

אווראָם גאָנטאר. געבוירן אין 1908 אין בערדיטשעוו. פארענדיקט דעם ליטעראַרישן פאקולטעט פונעם אָדעסער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. ווינט אין מאָסקווע.

שמועל גאָרדאָן. געבוירן אין 1909 אין קאָוונע. פארענדיקט דעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1928. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ווינט אין מאָסקווע.

שירע גאָרשמאן. געבוירן אין 1906 אין שטעטל קראָק (ליטע). געלערנט אין קאָוונער פאָלקס־אוניווערסיטעט. אין 1923 אוועקגעפאָרן קיין פאלעסטינע. געארבעט דאָרט אף שווארצארבעט. אין 1929 געקומען אין סאָוועטנפארבאנד און אריַינגעטראָטן אין איינער פון די קרימער לאנדווירטשאפטלעכע קאָמונעס. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930. ווינט אין מאָסקווע.

יעכיִעל שריַיבמאן. געבוירן אין 1913 אין שטעטל וואדראשקעוו (בעסאראביע). געארבעט אלס דאָרפס־לערער, אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935. ווינט אין קעשענעוו.

מאָטל סאקציִער. געבוירן אין 1907 אין לעאָווע (מאָלדאוויע). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1928. ווינט אין קעשענעוו.

יויסעף קערלער. געבוירן אין 1918 אין היַיסין (אוקראיִנע). פארענדיקט א טעאטראלע שול. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935. ווינט אין מאָסקווע.

הערשל פּאָליאנקער. געבוירן אין 1911 אין אומאן. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1932. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ווינט אין קיִעוו.

כאַיִם מעלאַמוד. געבוירן אין 1907 אין שטעטל כאשטשעוואטע (אוקראַינע). גע־אַרבעט אין א קאָלווירט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930. וווינט אין טשערנאָוויץ.

אירינע ראַדונסקע. געבוירן אין 1926. פארענדיקט דעם מאָסקווער אוויאַציע־אינ־סטיטוט. דרוקט זיך פון 1955. וווינט אין מאָסקווע.

אויזער האָלדעס. געבוירן אין 1900 אין קעשענעוו. געלערנט אין מאָסקווער אוני־ווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. וווינט אין כאַרקאָוו.

שלוימע ראַבינאָוויטש. געבוירן אין 1904 אין אושאָמיר (אוקראַינע). פארענדיקט די זשורנאַליסטישע אָפטיילונג פונעם אוניווערסיטעט אף מארכלעווסקיס נאָמען. ארבעט אין פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי". זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1924. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

מייער יעלין. געבוירן אין 1910 אין שטעטל סערעדזשיי (ליטע). בייס דער פאָטער־לענדישער מילכאָמע אָנטיילגענומען אין דער אונטערערדישער פארטיזאנישער אָרגא־ניזאציע פון דער קאַונאסער געטאָ. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1932. וווינט אין ווילנע.

יעכיִעל פאַליקמאַן. געבוירן אין 1911 אין ליובאַר (אוקראַינע). פארענדיקט א פע־דאגאָגישן אינסטיטוט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. וווינט אין קיִעוו.

מאָטל גרוביאַן. געבוירן אין 1909 אין סאָקאָליווקע (אוקראַינע). פארענדיקט דעם ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

הירש פּלאַסקאָוו. גוואַרדיע־גענעראַל־לייטענאַנט פון ארטילעריע. וווינט אין מאָסקווע.

ז. וועַנדראָף. געבוירן אין 1877 אין סלוצק (ווײַסרוסלאַנד). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1900. וווינט אין מאָסקווע.

ארן ווערגעליס. געבוירן אין 1918 אין ליובאַר (אוקראַינע). פארענדיקט דעם לי־טעראַריש־לינגוויסטישן פאַקולטעט פון מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנטייל־נעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934. וווינט אין מאָסקווע

אינהאלט

אלעקסאנדער גוביניצקי. אייגענע מענטשן 5
טעוויע גען. אין ביראָבידזשאן (רייזע־נאָטיצן) 61
אוראָם גאָנטאר. א געוויינלעכע מישפּאָכע 121
שמועל גאָרדאָן. צעלינא 134
שירע גאָרשמאן. קומט, ווען די טולפּאנען בליִען 164
יעכיִעל שרייבמאן. מיין יונגער פּראָספּעקט 180
יויסעף קערלער. אוראלער מאָזאִיק 197
מאָטל סאקציִער. דער ייִכעס־בוים 215
הערשל פּאָליאנקער. א גאסט פון אויסרייסעניש . . 236
כאיִם מעלאמוד. לייב ווילשאנסקי, זיינע זין און טעכטער 257
באם בריגאדיר 273
אירינע ראדונסקע. א נעסיִע צום „עק וועלט“ 288
אויזער האָלדעס. ארבעט איז א טאלאנט 305
יעכיִעל פאליקמאן. זיי זיינען פון וויטעבסק 318
שלוימע ראבינאָוויטש. נייע שטריכן 341
מייער יעלין. א פארצייכענונג וועגן א דירעקטאָר 356
מאָטל גרוביאן. אין וועג 380
הירש פּלאסקאָוו. אונדזער אלעמענס טרוים 394
ז. ווענדראָף. יוגנט — אונדזער אויצער 406
ארן ווערגעליס. צוואנציק טעג אין אמעריקע 413

«ТАК МЫ ЖИВЕМ»

Документальные новеллы.
Очерки. Репортаж.
(на еврейском языке)

Под общей редакцией **А. Вергелиса**
Редакторы: **А. Гонтарь и Б. Котик**
Художественный редактор **И. Шустер**
Технический редактор **А. Токер**
Корректоры: **А. Стрельник и Д. Грозовская**

Сдано в набор 30/IX 1964 г. Подписано в печать 19/X 1964 г.
Формат 70×108 1/32. Печ. л. 15,25 (21,35 усл. п. л.). 20,44 уч.-изд. л.
Тираж 15 000. Цена в переплете № 7 71 коп.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Государственного комитета Совета Министров СССР по печати.
Пер. Аксакова, 13.